STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00481

FUN HEYDER UN "SHKOLES" BIZ TSISHO

Hayyim Solomon Kazdan

Permanent preservation of this book was made possible by
Robert & Carrie Zeidman
in memory of
Jenny Zeidman

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ח. ש. קאזדאן

פון חדר און „שקאָלעס" ביז ציִשאָ

דאָס רוסלענדישע יידנטום
אין געראַנגל פאַר שול, שפּראַך, קולטור

ביי דער געזעלשאפט פאר קולטור און הילף
מעקסיקע

מעקסיקע, 1956

די אויסגאַבע איז טיילווייז פינאַנסירט גע־
וואָרן דורך ביישטייערונגען פון די חברים פון
דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין מעקסיקע
ווי אַ מתנה פאַרן ח. יוסף־יהודה זאַכאַריאַש
צו זיין 70־טן יובל, וואָס איז גע־
פייערט געוואָרן אין דעצעמבער 1954.

שער־בלאַט — געצייכנט פון י. שלאָס

מיין פרוי שפרה (סאַפירע)
אַ מתנה.

אינהאַלט.

זייט

הקדמה פון ד"ר י. שאַצקי — — — — — — — — — — — — — — — 7
פון מחבר — — — — — — — — — — — — — — — — 11
זוכצעטל פון נעמען — — — — — — — — — — — — — — 13
1. בילדונג און שקאָלעס בגעוואַלד:
א. אין דער תקופה פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטן — — — 19
ב. אין דער תקופה פון ניקאָלאַי דעם ערשטן — — — 28
ג. שקאָלעס ניע זשעלאַיעם! — — — — — — — — — — 40
2. די קאַזיאָנע שול, דאָס פאָלק און די אינטעליגענץ — — 53
3. די תקופה „פרײדיקע אַסימילאַציע" און אירע נאָכװײעניש 65
4. די אַמאָליקע „שרײבערס" ביי יידן:
א. דער ענין שרײבן ביי יידן און דער בריוונשטעלער — 76
ב. די ראָל פונעם „שרײבער" און דער קאַמף פון דער רעגירונג קעגן אים — — — — — — — — — — — — — 85
ג. ווי אַזוי דער „שרײבער" ווערט געשילדערט אין דער ייד. ליטעראַטור — — — — — — — — — — — — — — 99
5. די ערשטע וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר יידיש און אַ פאָלקשול אין יידיש — — — — — — — — — — — 109
6. דער חדר און זיין ראָל אין יידישן לעבן און דערציונג:
א. דער חדר אין צאַרישן רוסלאַנד — — — — — — 131
ב. דער חדר אין שפיגל פון דער ליטעראַטור — — — 139
ג. אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק פונעם אַמאָליקן חדר — 154
ד. דער גורל פונעם חדר אין סאָוועט־רוסלאַנד — — — 161
7. דער וועג צו אַ שול אויף יידיש:
א. די שבת־שולן און די אָוונטשולן — — — — — — 169
ב. פרוון פון אַ שול אין דער יידישער שפּראַך — — — 178

זייט

ג. די ערשטע צוויי נאָרמאַלע פאָלקשולן אויף יידיש — 186
8. פון איינצעלנע פרוון צו א מאַסן־שול אויף יידיש:
א. די געזעלשאַפטלעכע שולן און רעפאָרמירטע תלמוד־תורהס — — — — — — — — — — — — 194
ב. די שולן פאַר מיידלעך — — — — — — — — — 202
ג. די נייע שול אין געווירבל פון דער ערשטער וועלט־מלחמה — — — — — — — — — — — — — 208
9. יידיש אונטער צוויי פייערן:
א. אין לאַגער פון אַסימילאַציע — — — — — — — 217
ב. העברעיסטן קעגן יידיש — — — — — — — — 228
ג. א יידישיסט צווישן ציוניסטן — — — — — — — 242
ד. אברהם רייזען דער יידישיסט — — — — — — — 250
10. די ראַדיקאַלע און סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ — איר באַציונג צו יידיש — — — — — — — — — — — — — 256
11. דער „בונד" און דער געדאַנק וועגן א יידיש־וועלטלעכער שול 268
12. שמעון דובנאָוו און די יידישע שול־פּראָבלעם — — — — 289
13. דער חדר מתוקן — זיין ראָל, געשיכטע און פּראָגראַם — 306
14. די לערערשאַפט — א נייער געזעלשאַפטלעכער כוח:
א. די ערשטע קאָנפערענץ פון די יידישיסטישע לערער 324
ב. דער גרויסער לערער־צוזאַמענפאָר אין פּעטראָגראַד — 331
ג. דער נייער דור לערער — — — — — — — — — 339
15. די יידיש־רוסישע פּעדאַגאָגישע זשורנאַלן אין רוסלאַנד:
א. „יעווריייסקאיא שקאָלא" — — — — — — — — 342
ב. דער „וויעסטניק" פון דער חברה מפיצי השכלה — 354
16. די חברה מפיצי השכלה, די פאָלקשול און די יידישע שפּראַך 367
17. די דריי וואָס זענען געשטאַנען ביים וויגעלע פון דער יידיש־וועלטלעכער שול אין פּוילן:
א. י. ל. פּרץ — — — — — — — — — — — — — 407
ב. יעקב דינעזאָן — — — — — — — — — — — — 413
ג. וולאַדימיר מעדעם — — — — — — — — — — — 418
18. די קולטור־נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע אין אוקראַינע — — 432
19. ציש"אָ — צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע אין פּוילן 441
20. סך הכלען פון א גרויסער תקופה — — — — — — — — 447

הקדמה

אין דעם דאָזיקן בוך היסטאָרישע עסייען פון ה. ש. קאַזדאַן ווערט דערציילט, אין דער פאָרם פון אַ ריי פאַרענדיקטע קאַפּיטלעך, די געשיכטע פון יידישן קולטור־קאַמף אין אַמאָליקן רוסלאַנד, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיטן אויפקום, גרונטגאַנג און אַנט־וויקלונג פון דער שול אין דער יידישער שפּראַך.

דער מחבר — אַ חשובער פּיאָנער און אין זכות פון יאָרן אַרבעט אַ וועטעראַן ווי אַ טוער, מיטבויער און מיטקעמפער פון דעם דאָ־זיקן יידישן פּעדאַגאָגישן סעקטאָר, — דערציילט די דאָזיקע שפּאַ־נענדיקע געשיכטע אַזוי אָביעקטיוו, ווי אַ בויער פון אַ באַוועגונג איז מסוגל צו דערציילן.

אויפן יסוד פון אַ וואָגיקער, על פּי רוב גוט באַקאַנטער ליטע־ראַטור, דערציילט ה. ש. קאַזדאַן די דאָזיקע געשיכטע פון די ערש־טע התחלות פון די צייטן פון אלכסנדר דעם ערשטן ביז די צישאַ־שולן אין אומאָפּהענגיקן פּוילן.

ער אַנאַליזירט די באַרימטע תקנות פון 1844 פון דער אָפיציע־לער מלוכה־„השכלה"־פּאָליטיק לגבי יידן, וועגן דעם סאָציאַלן פּרצוף פון דער דעמאָלסטיקער אויפקלערערישקייט, וועגן דער מלוכה־„פּע־דאַגאָגיק" און פּריוואַטער דערציאונג און וועגן אַלע באַמיונגען און מניעות, שטרויכלונגען און דערפאָלגן אויף די דאָרנדיקע וועגן פון בויען פאַרן יידישן קינד אַ יידיש־שול.

גאָר אינטערעסאַנט און צום ערשטן מאָל סומירט קלאָר און ריכטיק איז די ראָלע פון די יידיש־שרייבער, פון יידישן ברייוונשטע־לער און פון דעם אידעאַליסטישן פּאַטאָס פון דעם יידישן פּריוואַט־לערער. מען וואָלט אפשר באַדאַרפט דערוואַרטן, אַז גראָד די גע־שטאַלט פון יידישן פּריוואַט־לערער זאָל אַנאַליזירט ווערן, צוליב

אַנאַלאָגיע, מיט אַן ענלעכער געשטאַלט פון אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן פון יענער צייט, למשל, פּאָליאַקן און ליטווינער.

אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען ווערט דערציילט מיט אַ שלל נייע און אינטערעסאַנטע פּרטים די געשיכטע פון די שבת - און אָוונט-שולן. דער לייענער וועט זיך פון דעם בוך באַקענען מיט די ערשטע פּרווון פון אַ יידישער שול אין דער יידישער שפּראַך אין 1898, מיט דער קיעווער שול פון 1911 און דער וואַרשעווער פון 1912.

העראָאישע בלעטלעך יידישע קולטור-געשיכטע זענען די אום-לעגאַלע שולן, לעגאַליזירטע ווי קאָלעקטיווע חדרים און דער קאַמף פאַרן לימוד פון יידיש אין די תלמוד-תורהס.

די נייע שול וואָס קומט אויף אין דער ערשטער וועלט-מלחמה איז דאָ באַזונדערס געראָטן. דאָ איז צום ערשטן מאָל אויסגענוצט גע-וואָרן די גרויסע, צעוואָרפענע און בדרך כלל ווינציק באַקאַנטע פּו-בליציסטישע ליטעראַטור אַרום דער שפּראַכן-פראַגע אין שייכות מיטן יידישן שולוועזן. אין די יאָרן 1910—1916 זענען אויף די באַ-ראַטונגען פון דער „חברה מפיצי השכלה" פאָרגעקומען הייסע ווי-כוחים וועגן דעם ענין. מיט זיי איז פול די דעמאָלטיקע פּרעסע בכלל און די רוסיש-יידישע זשורנאַליסטיק בפרט. די אָריגינעלע פּראָטאָ-קאָלן פון יענע באַראַטונגען זענען פאַר דער געשיכטע משמעות פאַרלאָרן געגאַנגען. ממילא זענען די לאַנגע געדרוקטע אויסצוגן דער איינציקער וואָגיקער מאַטעריאַל וועגן דעם ענין.

שמעון דובנאָוו האָט געשפּילט אַ גאָר חשובע ראָלע אין פאָר-מולירן די טעאָרעטישע פּרינציפּן וואָס זענען ביי אים געוועזן תמיד דינאַמיש און קיין מאָל נישט סטאַטיש. וועגן אים און זיין שטעלונג צום יידישן שול-פּראָבלעם האָט ח. ש. קאַזדאַן אַ גאָר געלונגען קאַפּיטל.

אַנדערע ענינים, ווי דער אויפקום פון צישאַ, די ראָלע פון „בונד" אין בויען דאָס יידישע שולוועזן — זענען ענינים נאָך צו פריש כדי מען זאָל קענען האָבן די נויטיקע היסטאָרישע פּערספּעקטיוו און שרייבן געלאַסענער ווי פריינד קאַזדאַן שרייבט וועגן דעם. דאָ איז דער מעמואַריסט אין אַ קאָנפליקט מיטן היסטאָריקער. דער נוגע בדבר קען זעלטן זיין אָביעקטיוו. ממילא וועט עס אַמאָל מוזן טאָן אַן אַנדערער. על כל פנים איז אָבער דער מאַטעריאַל צונויפגעזאַ-מעלט אין די דאָזיקע קאַפּיטלען, און הגם זיי זענען צום טייל נישט פריי פון אַ פּאָלעמישן טעמפּעראַמענט, זענען זיי וואָגיק און קאָנס-טרוקטיוו.

די געשיכטע פון יידישע קולטור-באַוועגונגען האָט אַדאַנק דעם דאָזיקן בוך באַקומען אַ נייעם מקור. על פי רוב ווערט דאָ אַלץ דערציילט מיט אַ זאַמלערישער צוגרייטונג, מיט אַ געזעלשאַפטלעכן טעמפעראַמענט און מיט אַן אידעאָלאָגישער אויסגעהאַלטנקייט.

די טראַגישע שאָטנס וואָס הענגען איבער אַזאַ בוך, בפרט געשריבן אין אונדזער נאָך-מבול-תקופה, האָבן אָבער דעם שרייבער נישט געשטערט צו זיין זאַכלעך און ער האָט אויסגעמיטן יענע פאַרשטענדלעכע גוזמאות, וואָס, געוויינטלעך, טרעפט מען זיי לײדער אַזוי אָפט אין דער היינטיקער ליטעראַטור וועגן דעם נאָענטן עבר.

דאָס בוך דאַרף פאַראינטערעסירן יעדן יידישן לייענער. הגם געוויסע פרטים זענען היסטאָריש גענומען לאָקאַל, איז אָבער דער גאַנצער ענין אַן אוניווערסאַלער. מען קען פון דעם דאָזיקן בוך אַ סך אָפּלערנען, אויב געשיכטע לערנט עפּעס.

ד״ר יעקב שאַצקי.

פונעם מחבר

דאָס ווערק וואָס ליגט איצט פאַרן לייענער, גיט אין אַ גרעסע־רער צאָל עסייען דעם פאַרלויף און די כאַראַקטעריסטיק פון כמעט 150 יאָר קולטור־געשיכטע פון רוסלענדישן יידנטום. עס איז נישט קיין סיסטעמאַטישע געשיכטע, מיט דעטאַלן און שטרענגער כראָ־נאָלאָגיע, — עס איז אַ זאַמלונג **עסייען**. אָבער אין סך הכל, האָף איך, וועט דער לייענער באַקומען אַ פולשטענדיק בילד פון דער עפּאָכע און אירע קולטור־פּראָבלעמען. אין סך הכל וועט דער לייע־נער באַקומען אַ קלאָרע פאַרשטעלונג וועגן די **וואָרצלען** פונעם יידי־שיזם און פון דער יידיש־וועלטלעכער שול; ער וועט דאָ דערקע־נען די „היסטאָרישע" פריינד און פיינד פון דער יידישער שפּראַך; ער וועט זיך דערוויסן, ווער זיינען געווען די טרעגערס פון דער אידעע וועגן אַ וועלטלעכער שול ביי יידן בכלל און פון אַ שול אין דער יידישער שפּראַך בפרט.

* * *

אין דעם בוך איז נישט באַהאַנדלט דער פאַרלויף פון די יידי־שע שול־ און קולטור־באַוועגונגען אין פּוילן, אין צאַרישן פּעריאָד. איך האָב לכתחילה יאָ געפּלאַנט אַריינצוגעבן אַזאַ קאַפּיטל. אָבער ווען עס זענען דערשינען די דריי ווערק פון **ד"ר יעקב שאַצקי** *)

*) 1) „יידישע בילדונגס־פּאָליטיק אין פּוילן פון 1806 ביז 1866", נ"י 1943.

2) „געשיכטע פון יידן אין וואַרשע", 3 בענד: 1947, 1948, 1953. אויסג. ייוואָ.

3) קולטור־געשיכטע פון דער השכלה אין ליטע", בוענאָס איי־רעס 1950.

וועלכע באַהאַנדלען בפּרטיותדיק אַט די תּקופה, האָב איך פון דעם פּלאַן רעזיגנירט. אָבער ד״ר שאַצקיס הקדמה צו מיין בוך איז אַן אומדירעקטער עדות, אַז דער פאַרלויף און דער גורל פון דער השׂ־כלה־באַוועגונג און פון די שול - און שפּראַך־געראַנגלען זענען אין אַל־געמיינע שטריכן אידענטיש אין ביידע לענדער, ביים פּוילישן און ביים רוסישן יידנטום.

ביי דער געלעגנהייט דריק איך אויס מיין האַרציקן דאַנק דעם ח׳ י. שאַצקי פאַר זיין פריינדלעכער און גייסטרייכער הקדמה וואָס ער האָט אָנגעשריבן צו מיין בוך.

* * *

איך האָב אָנגעהויבן זאַמלען דעם מאַטעריאַל פאַרן דאָזיקן בוך אין ווילנע אין 1939 — 1940, נאָכדעם ווי מיר האָבן פאַרלאָזט וואַר־שע און דאָ אין ווילנע געפירט אַ לעבן פון פּליטים. אַ געוויסע צייט האָבן מיר דאָ אַפילו אויפגעשטעלט די געצעלטן פון **צישאָ** — „די צישאָ אונטערוועגנס״. איך פאַרענדיק איצט דאָס בוך — אויף די ברעגן פון האַדסאָן. עס האָט מיר געדינט ביי דער אַרבעט דער ייוואָ אין ווילנע, דאָ אין ניו־יאָרק — ווידער דער **ייוואָ**, מיט זיינע ביכער, בילדער און אַרכיוו. אין מיין ניו־יאָרקער אַרבעט האָב איך אויך שטאַרק אויסגענוצט די עפנטלעכע שטאָט־ביבליאָטעק מיט איר יידישער אָפּטיילונג, אויך די ביבליאָטעק פון טעאָלאָגישן סע־מינאַר.

מיט 15 יאָר צוריק אין ווילנע האָב איך נישט געוואַגט אַפילו צו טראַכטן אַז פונעם געזאַמלטן מאַטעריאַל וועט אַרויסקומען אַ בוך, וואָס וועט אַמאָל פאַרעפנטלעכט ווערן... איצט ווערט דער פּלאַן פאַר־ווירקלעכט...

נוץ איך אויס אַט די שורות אויף צו באַדאַנקען מיינע גוטע חברים און פריינד פון „ש. מענדעלסאָן פאָנד״ אין מעקסיקע, זיינע אָנפירערס און טוערס, פאַר זייער הילף און גרייטוויליקייט אַרויסצו־געבן דאָס בוך. גאָר באַזונדערס בין איך צופרידן, וואָס די אויסגאַבע פון מיין בוך איז דורכן פאַרלאַג פאַרבונדן געוואָרן מיטן 70־טן יובל פון מיין טייערן חבר און פריינד **יוסף יהודה זאַכאַריאַש.**

די חברים מ. פערדמאַן און י. ראָטנבערג פאַרדינען געוויס, איך זאָל זיי אויסדריקן אַ באַזונדערן דאַנק פאַר זייער אויפמערקזאַמער הילף ביים זעצן און דרוקן דאָס בוך.

ניו־יאָרק, דעם 6־טן יוני 1956.

ח. ש. קאַזדאַן.

זוכצעטל פון נעמען

— א —

אבראמאָוויטש ר. — 390
אבראמסאָן ד"ר — 25
אדלער יש"י — 312
אוואָראָוו — 54,51,41,40,34
„אונדזערע קינדער" — 427
אוסישקין מ. — 311,240,239,238
אוריסאָן י. — 209
אחד העם — 292,291
איזראַיל משה — 179
אייגער י. ד"ר — 402,334
אידעלסאָן א. 350
אייזענבערג י. — 323
אייזענבוים אנטאָני — 114
אייזענשטאַט ד"ר — 388
איליאָן, לערערין — 314
אלגין מ. — 174, 186
אלכסנדר 1 — 33,19
אלכסנדר 2 — 219,66
אלעקסאַנדראָוו ה. — 62
אנכי — 249
אַלרוסלענדער ייד. פּראָפ. פאַריין פון לערער און שולטוער — 329
אנסקי ש. — 185, 413
אסף ש. — 76—79, 144
אסתר (פרומקין) — 227, 230, 274, 278 א"וו, 284 א"וו, 384
אפרתי, באַנקיר — 66
אָפּשטיין י. — 319
אָקון י. — 385, 405
אקסענפעלד י. — 100, 101, 114,
אַראָנסאָן גר. — 166
אריעוו, לערער — 334
אַרשאַנסקי י. — 136, 371, 373
אָרשער צוזאַמענפאָר — 314 א"וו,
אש ש. — 414, 415

— ב —

באַבקאָוו — 234, 236
באַסטאָמקי ש. — 84, 340
באַראַץ ג. — 223
באַריט י. — 223
ביאַליק ח. נ. — 387 א"וו, 392, 400
ביק יעקב שמואל — 112
ביקערמאַן — 388
בירנבוים מ. 116, 120, 174, 178,
בירנבוים נתן ד"ר — 229
„בונד" — 268 א"וו, 379, 383, 422, 425, 443, 448
בלודאָוו — 66
ב — סקי ב. (ב. לעווינסאָן) — 276
בעל־מחשבות — 228, 242, 244
בענדעטסאָן — 60
בעקער ר. — 209, 214, 271
בערגנער הינדע — 100
בערטענסאָן י. וו. — 368
בערמאַן ל. (לייבאָטשקע) — 102
בערקאָוויטש — 60
בראָדסקי, צוקער פאַבריקאַנט — 66
בראָווארניק לייב — 188
בראַמסאָן ל. — 71, 72, 199
בראַפּמאַן — 72
ברוזעל, שוועסטער — 182 א"וו
ברוצקוס י. — 236
בריוונשטעטלער — 77 א"וו
בריסקין נחמה — 188
ברעזשנאָ — 62
ברענער — 249

— ג —

גאָזשאַנסקי ש. (לנו) — 174, 333
גאָטלאָבער א. ב. — 34, 39, 58,
גאָלאָווגין — 223
גאָלאָמב א. — 199. 359
גאָלדבערג ג. א. 195, 215, 386
גאָלדענבלום ד"ר — 124, 128, 169
גאָרדאָן י. ל. — 50, 60, 142
גוטמאַן בן ציון — 249
גוטמאַן מ. — 191
גוראָוויטש מ. ס. — 22 א"וו
גילינסקי ש. — 181, 187, 191 א"וו, 409 א"וו, 424
גינזבורג ש. — 20, 23, 33, 54, א"וו
גינצבורג יעוזעל — 67
גינצבורג מאַרקום — 58

גלאַזער מ. י. — 172
גלאַס י. י. — 316, 321
גנעסין — 249
געפּשטיין א. 212
גערשטיין יעקב — 329, 340
גערשטיין י. (אוטש. יעווריי) 197, 220
גראָדנער קורסן — 365
גראָסמאַן (לערער) — 311
גרינבוים יצחק — 235, 237

— ד —

דאָבין שמעון — 188, 190, 335, 436
דאָר אברהם־לעווין־ליאָן — 80
דאָר הירש־ליאָן — 82
דובנאָוו ש. — 19, 186, 289 א"וו,
376, 377, 388, 401 א"וו
דינאָוו ג. — 257
דינאַבורג ב. — 335, 440
דינעזאָן יעקב — 407, 411, 412,
413 א"וו, 422
„דינעזאָן־קאָמיטעט" — 416, 425,
דיערזשאַווין — 19
„די צייט" — 228
„די נייע צייט" — 230
דיק א. מ. — 57, 147
דיקשטיין ש. — 266
דעמיעווקער שול — 187 א"וו

— ה —

האָכבערג דוד — 186, 209, 329
האַלפּערין פאַלק — 209, 210, 336
401
„האָפענונג, די" — 269
הורוויץ הירש בער — 25
הורוויץ הייקל — 25
הורוויץ ש. (זאַלקעס) — 191, 408
„הזמן" — 228, 229, 230
הײלפּערין יחיאל — 312
„היינט" — 230
הירש יעקב — 20
„הכרמל" — 222
„העולם" — 230
„הלשון וההנוך" — 379, 382
„המליץ" — 225, 450
„הצפירה" — 228
העסען (געססען), יולי — 20, 21,
הערש ל. — 176
„הסתדרות לשפה ולתרבות העברית"
— 232

— ו —

„וואָסכאָד" — 376, 390, 395
„וואָך, די" — 270
וואָלאָזשינער גאון ר' יצחק — 48,
וואָלויעוו — 224
וואָראָנצאָוו, גענ. גוב. — 25
וואַרשאַווסקי מ. — 180
וואַרשאַווסקי שמואל — 260
ווײנלעז י. — 96
ווײנרײך מ. — 80, 88, 257
ווײנשטיין (עמנואל) — 403
ווײס א. ה. — 143, 144
ווײסנבערג י. מ. — 424
ווײצמאַן חיים — 310
ווײצמאַן שמואל — 190
„ווילענסקי וויעסטניק" — 222
ווינטשעווסקי מ. — 266
ווינער מ. — 100
וויעלאָפּאָלסקי — 226
„וויעסטניק אָפּ"ע" (אָרגאַן פון חמ־
פ"ה) — 354, א"וו
„וויעסטניק רוסקיך יעווריעוו" —
222
וויקטאָראָוו ש. — 329
ווערמעל ס. — 350

— ז —

זאַלקינד ס. — 40
זאַלקינד־איינהאָרן מ. ר. — 359
זוטא ח. ל. — 242, 309 א"וו
זיטענפעלד — 26
זייבערלינג — 58
זיידמאַן מ. פ. — 234
זילבערפאַרב משה — 333, 432, א"וו
זלאַטאָפּאָלסקי הלל — 333, 379,
זעלווערעוויטש מאַקסימיליאַן — 91
זרובבל — 240
זשאַבאָטינסקי וו. — 235, 315
זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן — 268
זשיטאָמירסקי קאָנסטאַנטין — 347
זשיטלאָווסקי ח. — 232, 235, 450

— ח —

חברה מפיצי השכלה — 128 א"וו, 135, 181, 201, 203, 204, 213 א"וו, 289 א"וו, 316, 343, 367
חדר מתוקן — 295, 276, 306 א"וו

— ט —

„טאָג־מאָרגןזשורנאַל" — 244
טאָוויאָוו י. ה. — 228
טאַמבאָווער צוזאַמענפאָר — 210 א"וו, 332, 264
טאַרנאָפּאָל יאָאַכים — 217 א"וו
טהאָן ד"ר — 237
טיאָמקין (לערער) — 186
טיקטין א. ל. — 47
טרובניק יונה זיידל — 88, 89
טשאַרנאָ ס. — 356
טשאַרטאָריסקי א. — 113
טשעמערינסקי א. — 165
טשעמערינסקי ח. (ר' מרדכילע) — 191
טשעריקאָווער א. — 33, 36, 66, 85, 137, 257, 263, 355 א"וו, 363 א"וו, 367, 373
טשערנאָוויצער קאָנפערענץ — 229 א"וו

— י —

יאָכינסאָן י. — 360
יאָכעלסאָן וו. — 263
יאָסעלעווסקי אַניוטע — 179
יאָפע ז. — 174
„יודישע פאָלק, דאָס" — 244, 245, 248
„יוד, דער" — 243, 245, 250
„יודישע וואָרט, דאָס" — 253
„יוטשענקאָ" — 224, 225
יידישע ליטעראַרישע געזעלשאַפט — 231, 232
ייק"אָ — 135, 181
יעווסעקציע — 439
„יעווריסקאַיאַ זשיזן" — 212
„יעווריסקאַיאַ ניעדעליאַ" — 404
„יעווריסקאַיאַ שקאָלאַ — 204, 342 א"וו, 375
„יעווריסקי סטודענט" — 239
יפה דינה — 92, 93, 94

— כ —

כאַזאַנאָוויטש — 227
כאַיוטין — 318
כאַראַנזשיצקי ג. — 380
כהנשטאַם א. מ. (זע קאָנשטאַם — 334)
כוואָלסאָן פּראָפ. — 370
כ"ץ בן ציון — 228, 284

— ל —

לאַנדאַ (ראש ישיבה) — 223
לאַנדער מ. פּ. — 351, 374, 378
לאַצקי וו. — 240, 434
לובענעץ מ. ל. — 378
לוריא יוסף — 242, 243 א"וו, 342
לוריא ל. ל. — 209
ליבער מ. (גאָלדמאַן) — 329, 390,
ליבערמאַן א. — 263, 264
ליטוואַק א. — 39, 234, 235, 236, 275, 438
ליטוואַקאָוו מ. — 165, 190, 393
לייבל ד. — 424
לייוויק ה. — 106, 107, 108
ליכטנשטיין ישראל — 329
ליליענטאַל מאַקס — 40, 41, 42, 45, 47, 49, 52
ליליענבלום מ. ל. — 450
ליסיצקי רבקה — 179
ליפשיץ מ. — 115, 116, 117, 123,
ליפשיץ א. מ. — 157
ליפשיץ יעקב הלוי — 30, 56, 57,
ליפשיץ צבי הירש — 146
ליפשיץ חוה — 179
„לעבנספראַגן" — 421, 422
לעבענזאָן א. — 60
לעוואַנדאַ ל. אָ. — 31, 220
לעוויטאַן מיכל — 161, 188, 189
לעוויטין ס. — 359
לעווין ג. ד"ר — 176
לעווין אהרן — 179
לעווין יעקב — 191
לעווין י. ל. (יהל"ל) — 258
לעווין ש. — 242, 380 א"וו

לעווינזאָן יצחק בער — 31, 32, 33,
38, 40, 47, 56, 58, 60, 450
לעווינזאָן א. 237
לעוונער — 308
לענטשיצער אפרים — 140, 159
לעפין מענדל — 111
לערנער י. י. 260 א"וו
לעשצינסקי יוסף — 312, 348
לעשטשינסקי יעקב — 312, 390

— מ —

מאָגיל א. (מאָגילעווסקי) — 179
מאַגנעס י. ל. — 240
מאַדיעווסקי א. — 223
מאַטיקעוו ל. — 209
מאיר דור — 177
מאירסאָן — 351
מאַנדעלשטאַם בנימין — 41, 42, 44
מאַנדעלשטאַם ל. — 59, 222
מאַצקין א. ל. — 232, 242
מאַרגאָלים אָ. — 35, 36
מארעק פּ. — 54, 56, 60, 64, 86,
87, 91, 122, 346, 347, 374, 377
מארקוזע ד"ר — 110 א"וו
מארקוסאָן פּ. ר. — 173
מה"רל פון פּראַג — 140, 158, 159
מייזיל לייב — 186
מייזעל נ. — 438
מיימון שלמה — 139
מיכאלעוויטש ביינוש — 396, 397
מינקאָוו נ. ב. — 119, 261 א"וו
מישקאָווסקי נ. 178 א"וו
מלמד זעליק — 436, 438
מעדעם וו. — 416, 418 א"וו
מענדעלסאָן ש. — 424, 426
מענדעלע מו"ס — 49, 147, 232,
מערעזשין א. 404
מרגולית מ. נ. — 43, 60, 136, 292,

— נ —

נאָוואָגרודסקי ליפּע — 182
„נאָוואָיע ווערעמיא" — 72
נאָוואַקאָווסקי י. — 190
„נאָווי פּוט" — 239
נאָטאַנזאָן ד. ב. — 47, 60
נאָטקין נ. נ. — 20
נאָמבערג ה. ד. — 278, 415, 422
נאַצ. ארב. פאַרבאַנד — 412
„נאַראָדנאיא וואָליא" — 265
ניידיטש — 235
ניגער ש. — 214, 215, 227, 244,
333, 334, 338, 339, 390, 394,
405, 440
„ניי־וועלט" — 241
ניימאַן ד"ר — 223
„נייע צייט", זמ"ב — 74, 177
נייפעלד דניאל — 224, 225, 226
ניקאָלאַי 1 — 26, 28, 29, 33, 39,
54, 64, 86
ניקיטין וו. נ. — 22
נירנבערג י. (ט.) — 393, 405
נירנבערג פאַני — 334
נעוואַכאָוויטש לייב — 20, 21, 23

— ס —

סאָלאָווייטשיק מ. — 356, 359
סאָלץ בנימין — 363
סאָסים י. — 22, 37, 38
סאָסים מ. א. — 361
„סאָציאַל־דעמאָקראַט" — 231
סאָקאָלאָוו נחום — 229, 234
סאָקאָלאָווסקי א. — 209
סאָקער י. — 292
סוויעטיצקי — 191
סטראַשון א. — זע שטראַשון
סילמאַן ק. ל. — 312, 321
סירקין נ. — 235, 388
סלאָנימסקי ח. ז. — 60
סלאָנימסקי לייבל — 179
סלוצקי א. — 190, 360, 385, 386
388, 393
סלוצקי ד. ב. — 191
סמאָלענסקין פּרץ — 141, 142
ספּעקטאָר מ. 89
„ספּראַוואָטשנאיא קניגא" אא"וו —
97, 171, 196

— ע —

עטינגער ש. — 33, 34, 114
עלזעט יהודה — 30
עפּשטיין זלמן — 144 א"וו
עפּשטיין יצחק — 329

עקערט דראָטעא — 90
עריק מאַקס — 111
ערקין ד. — 352, 361
ערשטע לערער־קאָנפערענץ (1907) — 329 א"וו

— פּ —

פּאָזנער — 63, 73
פּאָליאַק דוד — 329
פּאַלען גראַף — 25
פּאָמעראַנץ — 179
פּאַפּו ר' אליעזר — 76
פּאַפּערנאָ א. י. — 43, 86, 99, 221
פּאַרטנאָי נח — 340
פּוגאַטשאָוו ש. ד. — 315
פּינסקער שמחה — 26
פּיראָגאָוו נ. — 218, 219
פּלודערמאַכער ג. — 174, 331, 340, 388, 389, 428
פּעווזנער ד"ר — 215
פּעטראָגראַדער לערער־צוזאַמענפאָר (1917) — 331 א"וו
פּעטשעניק אהרן — 167
פּעסים, ראַבינער — 171
„פּערעזשיטאָיע" — 86
פּערל יוסף — 96
פּערעץ אברהם — 20, 23
פּרילוצקי נ. — 225, 424
פּרץ י. ל. — 170, 176, 185, 191, 215, 229, 254, 407 א"וו

— פֿ —

„פֿאָלקסצייטונג" (ווילנע) — 272, 325, 329, 331
„פֿאַר אונדזערע קינדער" — 186
פֿאַרבשטיין ה. — 415
„פֿאָרווערטס" — 244
פֿיאַלקאָוו חיים — 138, 308, 311, 345, 361, 363, 374, 401
פֿראַנק ד"ר — 20
פֿרידמאַן פֿיליפּ — 97
פֿרייד מ. י. — 99
„פֿריינד, דער" — 244 א"וו

— צ —

„צוואַנציקסטע יאָרהונדערט, דאָס" — 250 א"וו
צביון — 273, 274
צוקערמאַן לייזער — 264
„צייט, די" — 186, 206, 234, 286, 287, 392, 397
„צייטווייליקע פּאַראָרדנונגען" (1882) — 73
ציטראָן ש. ל. — 120
צייטלין הלל — 230
צייטלין יהושע — 20
„צייטפּראַגן" — 278, 281, 283
צינבערג י. (ס) — 33, 38, 114, 159, 183, 239, 380, 399
ציפּקין י. — 174
צישאָ — 303, 331, 341, 397, 421, 422, 429, 441 א"וו
צעדערבוים אלכסנדר — 26, 115, 117, 118, 119, 124, 128, 171, 196, 225, 226, 260, 370, 371

— ק —

קאָוונער א. א. — 256, 257
קאָזאַקעוויטש ה. — 209, 210
קאַזיאָנע שול — 53, 54, 55, 61, 63, 64, 69, 70, 87
„קאַזיאָניע יעווריי. אוטשילישטשאַ" (זמ"ב) — 48, 59
קאַמיעניעצקי ס. ל. — 206, 362
קאָטיק א. — 191
קאָן פּנחס — 24, 26, 80, 95
קאַנטאָניסטן — 28 א"וו
קאַנטאָר י. — 163, 164
קאַנטאָר י. ד. — 361, 363, 374
קאַנטאָר ל. ד"ר — 65
קאַנשטאַם א. מ. — 334
קאָפּעלאָוו י. — 153, 154
קאָפּעלאָוויטש תרצה — 441, 421
קאָפּעלזאָן צ. — 266
קאַץ משה — 191
קאַצענעלבאָגן ה. 40
קאַצענעלסאָן ב. — 240
קאַצענעלענסאָן ל. (בוקי בן יגלי) — 274, 380, 381, 399

קאַצענעלסאָן יעקב — 345
קאַצענעלסאָן מ. ד"ר — 351
קוויטקאָ ל. — 89
קולטור־ליגע — 396, 425 א"וו
„קול מבשר" — 112, 116, 120, 121, 124, 127, 202, 225, 226, 370
קורסקי פראַנץ — 264
קושניר י. מ. — 181
קושניר פּ. — 359
קירזשניץ א. ד. — 359, 362
קלויזנער י. 178, 179, 234, 236
קליאַטשקאָ אַלטער — 179
קליינמאַן משה — 232, 233, 254
קלמנאָוויטש ז. — 440
קלעפּפּיש יעקב — 408, 429, 430
קרינסקי — 178
קריינין מ. נ. — 97, 137, 200, 203, 286, 308, 314, 342, 381, 385

— ר —

ראַבינאָוויטש אָסיף — 31, 61, 217 א"וו, 368
ראַבינאָוויטש א. ז. — 356
ראַבינאָוויטש שרה — 352, 361
ראָזין א. — 215
„ראָזסוויעט" — 61, 63, 219, 220
ראָזענטאַל ל. מ. 367
ראָזענטאַל ניסן — 40, 58
ראָזענטאַל פּאַוועל — 173
ראָזענפעלד מ. 185
ראַטנער מ. ב. — 380, 385
ראָטענבערג ט. 320, 324
ראָם מ. און טיפּאָגראַף ז. (דרוקעריי) — 61, 86
ראַסקין מ. 213
ראַפּאַלקעס ד"ר — 240
ראַפּעס מ. — 356, 383, 384, 386,
רובין י. — 360, 361
רובינשטיין מ. (מיכעלסאָן) — 251
ריוועסמאַן א. — 359
רייזען אברהם — 101, 178, 180, 182 א"וו, 231, 250 א"וו
רייזען זלמן — 178, 303
רייכמאַן י. — 416, 422
רעססער שמואל — 130, 371

— ש —

שאַבאַד צ. ד"ר — 390
שאָכאַר־טראָצקי — 369
שאַליט מ. — 174, 388, 414
שאַפּיראָ א. ד. — 385
שאַפּיראָ למד — 252 א"וו
שאַפּיראָ ל. י. — 225
שאַפּיראָ פּ. — 307
שאַצקי י. ד"ר — 79, 130, 221, 226, 266
שאַרגאָראָדסקי פּ. — 87
שאַרפשטיין צבי — 24, 43
„שולבוך" — 423
„שולוועגן" — 421
שולמאַן נפתלי הערץ — 24
שולמאַן נ. — 360
שולפּנקס, ווילנע — 174
שולקאָווסקי י. — 352
שוכמאַן ראובן — 311
שוואַרץ י. י. — 103, 104, 148 א"וו
שוואַרצמאַן ברוך — 178
שטיינבערג, ראַבינער — 220
שטיף נ. — 258, 400, 401
שטערן בצלאל — 25, 26
שטערן יחיאל — 104 א"וו, 150 א"וו
שטראַשון אברהם — 329, 333, 335, 336, 363, 364, 374, 433, 440
שיינעס פּ. — 58
שיינקין — 380
שיינקער ל. — 161
שלום עליכם — 99, 174, 185, 186, 232
שניאורסאָן מנחם מענדל — 48, 69
שניאורסאָן י. — 166
שניידער (לערער) — 186
שרעשעווסקי י. — 60
שקלאָווער נתן נאָטע — 20
„שרייבערס" — 77 א"וו

— ת —

תרבות — 236 א"וו
תעודה בישראל — 258

בילדונג און „שקאָלעס" בגעוואַלד

א. אין דער תקופה פון אלכסנדר דעם ערשטן

אין רעזולטאַט פון די דריי צעטיילונגען פון פוילן (1772, 1793 און 1795) האָט דאָס צאַרישע רוסלאַנד באַקומען אַ גרויסע יידישע באַפעלקערונג. גלייכצייטיק האָט רוסלאַנד געירשנט פון אַמאָליקן פוילן די א"ג „יידן־פראַגע" און באַזונדערס די יידישע בילדונגס־פראַגע. די טענדענצן און פּראָיעקטן פונעם אונטערגעגאַנגענעם פוילן האָבן, אין אַ געוויסער מאָס, משפּיע געווען דעם וועג, מיט וועלכן עס האָט זיך געלאָזט אין דעם פּרט די רוסישע ביוראָקראַטיע. און באַלד האָט זי זיך אָנגעהויבן מתעסק זיין מיט דער „יידן־פראַגע". עס האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן פּראָיעקטן פון אַלע זייטן, ווי אַזוי צו פאַרענטפערן אָט די „אומגליקלעכע" פראַגע. איינער פון די דאָזיקע ערשטע פּראָיעקטן איז געווען די „מיינונג" פון רוסישן דיכטער און רייכן פּריץ דיערזשאַווין, אַ פּראָיעקט וועלכער איז, לויט ש. דובנאָווס כאַראַקטעריסטיק געווען „אַ געמיש פון בויך־סברות פון אַ פרום־פּאַרצייטיקן רוס וועגן אַ קולטור, וואָס ער קען זי נישט, מיט רעפאָרמאַטישע פּלענער אויפן דעמאָלטיקן אייראָפּעאישן שטייגער". צווישן אַלע דיערזשאַווינס פאָרשלאָגן זענען געווען אַזעלכע: נייטן יידן אָראָפּוואַרפן פון זיך די יידישע קליידונג און שרייבן אַלע געשעפטס־פּאַפּירן אויף רוסיש, פּויליש אָדער דייטש; יידישע קינדער זאָלן לערנען ביי מלמדים נישט מער ווי ביז 12 יאָר, נאָך דעם זאָל מען זיי אָפּגעבן אין קריסטלעכע שולן, וואו מען זאָל „די יידישע קינדער לערנען אין נאָרמאַלע שולן רוסיש, דייטש און פּויליש, לייענען און שרייבן, אויך אַריטמעטיק און אַנדערע נייטיקע ידיעות". די פראַגע וועגן „אויסבילדן" די יידן איז געוואָרן אַ צענטראַלע פּראָבלעם.

דאָס איז געווען אויפן שוועל פון פאַריקן יאָרהונדערט. צו יענער צייט האָט שוין פּעטערבורג פאַרמאָגט אַ קרייז יידישע פינאַנסיסטן און געשעפטסלייט וועלכע האָבן גענומען אַ טיכטיקן אָנטייל אינעם עקאָנאָמיש־

פינאַנציעלן לעבן פון די ניי־צוגעקומענע געביטן. פון אָט די קרייזן זענען צו ביסלעך אויפגעקומען יידישע אינטעליגענטן און משכילים, וועלכע האָבן פון זייער זייט געזוכט צו באַאיינפלוסן די רוסישע הערשערס און געזעלשאַפטלעכע טוערס, בעיקר אין דער פראַגע וועגן יידישער בילדונג. צו דעם קרייז האָבן געהערט: דער איידעם פון באַקאַנטן יהושע צייטלין, אברהם פּערעץ, וועלכער איז געווען באַפריינדעט מיטן רוסישן ליבעראַל ספּעראַנסקי; לייב נעוואַכאָוויטש, וועלכער האָט פאַרעפנטלעכט אויף רוסיש א ווערק אונטערן נאָמען: „וואָפּל דשטשערי יודייסקאַי" (דער וויי־געשריי פון דער טאָכטער יהודהס; שפּעטער האָט ער עס אַליין איבערגעזעצט אויף העברעאיש אונטערן נאָמען „קול שועת בת יהודה", אָפּגעדרוקט אין 1803); דער מאָהילעווער סוחר און פּאַדריאַדטשיק נתן נאָטע שקלאָווער, נאָטקין. אָט דער טריאומוויראַט האָט נישט גערוט און כסדר צוגעטראָגן וואו מען האָט געדאַרפט פּראָיעקטן וועגן דער יידן־לאַגע בכלל און וועגן יידישער בילדונג בפרט *). געווען זענען אויך אַנדערע שתדלנים: דער וויס־רוסישער ייד יעקב הירש, דער קרעסלאַוועקער דאָקטער פראַנק.

פון די אַלע פּראָיעקטן האָט אַרויסגערעדט איין קלאָרע טענדענץ: רעדנדיק אין נאָמען און אין די אינטערעסן פון גאַנצן יידישן פאָלק, האָבן די שתדלנים באמת אין זינען געהאַט נאָר די אינטערעסן פון זייער אייגענעם קרייז. זיי איז געגאַנגען נאָר אין איין זאַך: זיי און זייערע קינדער זאָלן קענען געניסן פונעם אַלגעמיינעם רייכן טיש פון פּעטערבורג. זיי האָבן עס באַטראַכט פאַר זייער ביטערן גורל און אומרעכט, וואָס זיי, די אויסדערוויילטע, האָבן נישט קיין גלייכע רעכט מיט די אַנדערע פּריווילעגירטע שיכטן פון דער רוסישער מלוכה (דאָס רוסישע פאָלק, בעיקר דאָס פּויערטום, האָט דאָך דעמאָלט געשמאַכט אונטער דער לייב־אייגנשאַפט און זעלבסטהערשערישער ביוראָקראַטיע). זיי האָבן געשטרעבט צו בילדונג פאַר זייערע קינדער, ווייל אין דעם דיפּלאָם פון דער גימנאַזיע און אוניווערסיטעט האָבן זיי געזען דאָס זיכערע מיטל צו רעכט.

אפילו אזא מעסיקער שרייבער ווי יולי העסען האָט אזוי אָפּגעשאַצט די האַלטונג פון אָט דער גרופּע טוערס. רעדנדיק וועגן נעוואַכאָוויטשן און זיין „וויי־געשריי", שרייבט העסען: „אריינלייענענדיק זיך אין די דאָזיקע זייטלעך קען מען לייכט באַמערקן, אַז גלייכצייטיק מיט די שווערעליידן פון די יידן, האָט מיט נעוואַכאָוויטשעס פעדער געפירט דער פייערדיקער וואונטש, אַז די רוסישע געזעלשאַפט זאָל אריינעמען אין איר סביבה די יידן, אויב נישט ווי פולבאַרעכטיקטע בירגער, איז לכל הפחות ווי מיט־

---

*) זע ש. גינזבורג, היסטאָרישע שריפטן, ב. 2, ז״ז 34־54.

לאַנדסלייט... זאָל דאָס רוסישע יידנטום, וואָס יאָכט אונטער דער משא פון רעכטלעכע באַגרענעצונגען, ווייטער פירן זיין געבעכדיקע עקזיסטענץ, — אָבער זאָל די רוסישע געזעלשאַפט אָנערקענען לפּחות פּאָר איינצלנע פאָרשטייערס פון יידנטום אין רוסלאַנד — דאָס באַגערטע רעכט צו האַלטן זיך פאַר און צו רופן זיך רוסן; די געזעלשאַפטלעכע דערנענטערונג און אויס־גלייכונג אין די געבילדעטע שיכטן — אָט וואָס עס האָט געלאָקט נע־וואַכאָוויטשן"...*)

נאָך אַ לענגערן ישוב הדעת האָט די רוסישע רעגירונג אין יאָר 1804 אַרויסגעגעבן איר יידן־סטאַטוט. דער ערשטער פּונקט פון אָט דעם געזעץ איז געווען אַזאַ: „אַלע קינדער פון יידן מעג מען אָננעמען און לערנען אָן שום אונטערשייד פון אַנדערע קינדער, אין אַלע רוסלענדער שולן, גימ־נאַזיעס און אוניווערסיטעטן". דערביי האָט דאָס געזעץ אויפמערקזאַם גע־מאַכט: אויב יידן וועלן נישט אויסנוצן דאָס דאָזיקע געשאָנקענע רעכט, וועלן אויף זייער אייגענעם חשבון געעפנט ווערן ספּעציעלע יידישע שולן.

וואָלט מען געקענט זיך פאָרשטעלן, אַז נאָך אָט דעם געזעץ פון 1804 האָבן יידישע קינדער זיך געשטעלט אין די לאַנגע רייען, כדי אַנצוקומען אין די פאַרשידענע טיפּן מלוכהשע שולן: אַ קלייניקייט, אַלע טירן שטייען אָפן פאַר זיי, יעדער יידיש קינד קען ווערן אַ דאָקטער!... אין דער אמתן האָט דאָס בילד אויסגעזען אין גאַנצן אַנדערש.

די מעשה איז גאָר פּשוט: דער זעלבער געזעץ פון 1804 האָט איינגע־פירט פאַר יידן נייע שווערע באַגרענעצונגען בנוגע זייערע וואוינרעכט און באַשעפטיקונגען. זעכציק טויזנט יידישע משפּחות זענען לויט דער נייער פאַראָרדענונג פאַרמשפּט געוואָרן אַרויסגעטריבן צו ווערן פון דאָרף (כמעט אַ האַלבער מיליאָן נפשות). אָט דער גירוש האָט געדאַרפט פאַרווירקלעכט ווערן במשך דריי יאָר. עס האָט זיך אויף יידן אַ שאָט געטאָן אַ גאַנצער פּאַק מיט גזירות, וועלכע האָבן דערפירט די יידישע באַפעלקערונג צו הונ־גער און מגפות.

„ווער עס האָט זיך אַליין פרייוויליק נישט אַרויסגעקליבן פון דאָרף, דעם האָט מען געיאָגט מיט געוואַלד; די מטלטלין פון די וואָס האָבן נישט געפאָלגט, האָט מען חרוב געמאַכט אָן רחמנות... די יידן האָבן געבעטן וועגן פאַרלענגערן דעם טערמין (פונעם גירוש), זיי האָבן געקרעכצט און געיאָמערט, אָבער אַלץ איז געווען אומזיסט: אונטער אַ קאָנוואָי פון פּויערים און אפילו זעלנערס, אָן שום רחמנות, האָט מען זיי געטריבן. מען האָט זיי

*) י. העסען — מיט הונדערט יאָר צוריק (רוסיש), ציטירט אין ציג־בערגס „צוויי שטרעמונגען אין יידישן לעבן" (אויך רוסיש), ספּ״ב 1906. ז. 59.

געיאָגט אַזוי ווי פּי, אין די שטעטלעך און קליינע ישובים אַריין, — און דאָרט האָט מען זיי אויף די פרייע פלעצער, אונטערן אָפענעם הימל, גע־לאָזט טראַכטן וועגן דעם גורל פון דער וועלט", — אָט אַזוי שרייבט וועגן יענער צייט דער שריפטשטעלער וו. נ. ניקיטין, אַליין אַ געוועזענער קאַנ־טאָניסט, אין זיין ווערק „יידן ערדאַרבעטער".

א פּאַניק האָט באַהערשט דעם דעמאָלטיקן יידישן תחום. צו די גירושים און עקאָנאָמישע רעפּרעסיעס זענען איצט צוגעקומען די נייע לאָזונגען וועגן שול־רעפאָרמען. יידן האָבן געגומען רעאַגירן אויף די נייע ליידן מיט תעניתים און תפילות, מיט אָפיציעלע בקשות און שתדלנים קיין פּעטער־בורג. דאָס געזעץ פון 1804 האָט פּאַקטיש געשטעלט די ייד. באַפעל־קערונג פאַרן אויסוואַל: אָדער לערנען אין די אַלגעמיינע לערנשטאַלטן, אָדער — אין חדר און ת"ת. אין דער פּראַקטיק פונעם חדר גופא האָט ער זיך נישט געמישט. האָט טאַקע די יידישע פאָלקס־מאַסע זיך מיט אַלע כוחות געקלאַמערט אינעם אַלטן לעבנשטייגער מיט דער טראַדיציאָ־נעלער יידישער דערציאונג. אויך די פּעטערבורגער יידישע געזעלשאַפט־לעכע טוערס זענען געווען אַנטוישט: צופרידן מיט דער פּראָגרעסיווער אי־ניציאַטיוו פון דער רעגירונג, האָבן זיי זיך אָבער אויך דערשראָקן פאַרן טראַגישן פינאַל. אָנשטאָט דעם פרידן און שלום, וואָס זיי האָבן דערוואַרט, האָט אין תחום גענומען הערשן פּחד און שרעק, ווען עס האָבן זיך געוויזן די ערשטע רייען פאַרטריבענע יידן פון דאָרף *).

געווען אַ מאָמענט, ווען ס'האָט זיך געקענט דוכטן, אַז אין דער לאַגע פון יידן וועט קומען אַן ענדערונג צום גוטן. דאָס איז געווען בעת דער מלחמה מיט נאַפּאָלעאָנען. יידן האָבן אַרויסגעוויזן אַ סך פּאַטריאָטיזם, גאָר באַזונדערס האָבן זיך אויסגעצייכנט די יידישע „דעפּוטאַטן" וועלכע האָבן זיך געפונען ביי דער קייזערלעכער הויפּט־קוואַרטיר און אויסגעפירט דאָ וויכטיקע ווירטשאַפטלעכע שליחותן. אָבער צום סוף 1814 איז אַלכ־סנדר דער ערשטער געוואָרן מיסטיש־רעליגיעז געשטימט, און די באַציאונג צו יידן האָט זיך ווייטער געענדערט צום ערגערן. אין 1817 איז געגרינדעט געוואָרן די „געזעלשאַפט פון איזראַעליטישע קריסטן", די רעגירונג האָט אַלץ געטאָן כדי אַרויסצורופן צווישן יידן אַ שמד־באַוועגונג, גלייכצייטיק האָט מען ווייטער פאַרשמעלערט דעם תחום און פאַבריצירט אַלץ נייע רע־פּרעסיעס קעגן יידן. אין מאָהילעווער גובערניע האָט מען אַרויסגעטריבן פון די דערפער 12,804 יידן (1824); אין וויטעבסקער — 7,651. מ'האָט

*) פּראָפ. י. סאָסיס — די געשיכטע פון די יידישע שטרעמונגען אין רוסלאַנד אין 19־טן יאָרהונדערט. מינסק, 1929.

געוואָלט „אָניאָגן" דאָס, וואָס מען האָט „פּאַרנאַכלעסיקט" אין די יאָרן פון דער מלחמה.

צו דעם אַלעמען איז נאָך צוגעקומען דער שמד, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אַ געוויסן טייל פון די פּעטערבורגער יידן־רעפאָרמאַטאָרן, בראש מיט נעוואַכאָוויטש און פּערעץ. „ס'איז נישט שווער פאָרצושטעלן זיך, וואָס פאַר אַן איינדרוק עס האָט נישט בלויז אין שקלאָוו, נאָר אויך אין גאַנץ ליטע און רייסן געמאַכט די ידיעה, אַז ר' יהושע ציִטלינס איידעם און זיין חבר האָבן זיך אין פּעטערבורג געשמדט. עס האָט מיט דעם אַרומטום געקאָכט. פּערעטצעס און נעוואַכאָוויטשעס טויפונג האָט געהאַט אַ טרויעריקע ווירקונג אויף דעם גאַנג פון דער יידישער אויפקלערונג אין רוסלאַנד. צו דעם פרידן צווישן רעליגיע און השכלה אויף וועלכע די מעסיקער געשטימטע פרומע קרייזן האָבן געהאָפט, איז געקומען אַ סוף. די אָרטאָדאָקסן האָבן געטייטלט מיט די פינגער און געוואָרנט: אָט צו וואָס עס פירן די וועלטלעכע קענטענישן... . אויף בילדונג האָט מען ווידער אָנגעהויבן צו קוקן מיט שרעק, מיט פאַרדאַכט, און די פיינדלעכע באַציאונג קעגן איר האָט זיך אויף צענטליקער יאָרן פאַרשטאַרקט"*).

אויף וויפל עס איז נוגע דער ברייטער יידישער מאַסע, האָט זי גאָר נישט אָנגעהויבן אפילו צו קוקן אויף דער נישט־יידישער בילדונג אַנדערש ווי „מיט שרעק, מיט פאַרדאַכט". איצט איז אוודאי געווען אַזוי. די משכילים זענען געווען פולשטענדיק איזאָלירט. די חסידים און מתנגדים האָבן זיך פאַראייניקט אין שנאה און קאַמף קעגן דער פרעמדער בילדונג און אייגענער „השכלה". וועגן שיקן קינדער אין די אַלגעמיינע רוסישע מלוכהשע שולן האָט גאָר קיין רייד נישט געקענט זיין ביי דער לאַגע. דער חדר איז ווייטער געבליבן דער איינציקער לערן־אַנשטאַלט פאַר יידישע קינדער. אין די אַלגעמיינע מלוכהשע שולן זענען געגאַנגען בוכשטעבלעך איינצלנע יידישע קינדער. אַזוי, למשל, איז אין דער בערדישטעווער פּאָוויאַט־שול אין 1821 געווען אויף 120 תלמידים נאָר 3 יידן. אפילו מיט אַ סך יאָרן שפּעטער, אין 1833, האָבן אין די 7 מערב־גובערניעס געלערנט אין די גימנאַזיעס נאָר צוועלף יידישע קינדער. אין 1840 איז אין אַלע אַלגעמיינע לערן־אַנשטאַלטן פון ווילנער גובערניע געווען נאָר 14 יידן; אין גראָדנער — 7; אין מינסקער — 7; אין ביאַליסטאָקער — 8. אין מינסקער און וויטעבסקער גובערניעס האָבן די „יידישע דעפּוטאַטן" עקשנותדיק פאַרלאַנגט, מ'זאָל יידן ווייטער נישט שטערן צו לערנען די קינדער אין

---

*) ש. גינזבורג, דאָרט, זייטן 46־47.

די חדרים און ביי מלמדים. דאָס איז געווען דער אַלגעמיינער וואונטש פון דער גרויסער מאַסע יידן.

האָבן די יידישע משכילים געפּרואווט מזל אויף אַן אַנדער וועג: זיי האָבן זיך אַליין גענומען גרינדן וועלטלעכע שולן פאַר יידישע קינדער, פון פּריוואַטן אָדער געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער.

„נאָענט צום יאָר 1822 איז געגרינדעט געוואָרן אַ שול אין ווילנע דורך נפתלי הערץ שולמאַן... ווען ביים קייסער אַלכּסנדר דעם ערשטן איז געבאָרן געוואָרן אַ טאָכטער, האָט שולמאַן געשיקט אַ הימן צום קייסער אויף העברעאיש און מיט אַן איבערזעצונג אויף דייטש און רוסיש. דער דאָזיקער הימן האָט אים געהאָלפן צו באַקומען אַ דערלויבעניש פון דער מאַכט אויף צו עפענען די שול. אָבער די קנאים האָבן זיך גענומען צו אים און געמסרט, אַז ער איז מורד במלכות און די מאַכט האָט מבטל געמאַכט די דערלויבעניש, און שולמאַן איז אַנטלאָפן פון רוסלאַנד" *).

נאָך פריער האָט דער ווילנער אוניווערסיטעט געעפנט ביי זיך אַ וועלטלעכע שול פאַר יידן (1808). די דאָזיקע „אָנפאַנג שול פאַר יידן" האָט אָבער עקזיסטירט אַ קאַרג יאָר צייט, נישט מער: „דער דוחק אין געלט־מיטלען און אויך דער ווידערשטאַנד מצד דער יידישער באַפעלקערונג... האָבן אונטערגעגראָבן איר עקזיסטענץ". נאָך אין יוני 1808 פּרואווט זיך דער רעקטאָר פון אוניווערסיטעט צו ראַטעווען די שול און ער ווענדעט זיך צו דער יידישער קהילה מיט אַ פאָרשלאָג צו דעלעגירן צוויי פאָרשטייערס אין אַ קאָמיסיע, כדי „פעסטצושטעלן דעם אופן ווי אַזוי איינצופירן שטענדיקע אָנפאַנג־שולן פאַר יידן". פאַרשטייט זיך, אַז די יידישע קהילה האָט זיך אויף דעם פאָרשלאָג נישט אָפּגערופן, און פון דער זאַך איז גאָרנישט געוואָרן. אין 1818 מאַכט דער אוניווערסיטעט אַ נייעם פּרוּוו אין דער זעלבער ריכטונג. עס ווערט ענדגילטיק אויסגעאַרבעט אַ „פּראָיעקט צו גרינדן אַן אָנפאַנגשול פאַר דער יוגנט פון אַלט־יידישן גלויבן" (1820). ווען אָבער דער פּראָיעקט איז איבערגעשיקט געוואָרן צום ווילנער גובערנאַטאָר צום באַשטעטיקן, האָט זיך שוין די יידישע קהילה־פירערס „איינגעגעבן" צו געפינען אַ וועג, אַז דער פּראָיעקט זאָל מער נישט דערזען די ליכטיקע וועלט **).

---

*) צבי שאַרפשטיין — תולדות החינוך בישראל בדורות האחרונים, כרך א', נ"י, תש"ה, ז. 252.

**) פנחס קאָן אין זיין אַרטיקל אין פּויליש „אַטענעאום ווילענסקיע", דריטער יאַרגאַנג, העפט 11־10, ווילנע, 1926.

פּרוּאוון צו עפענען ספּעציעלע שולן פאַר יידישע קינדער זענען געמאַכט געוואָרן נאָך אין אַ פּאָר ערטער: אין אומאַן האָט אין 1822 דער אָרטיקער אינטעליגענטער באַנקיר הירש בער הורוויץ, דער זון פון חייקל הורוויץ, דעם מחבר פון „צפנת פענח", געגרינדעט אַ יידישע וועלטלעכע שול; זי האָט זיך אָבער געהאַלטן אַ גאָר קורצע צייט, צוליב דער אַנטקעגנשטעלונג פון דער אָרטיקער יידישער באַפעלקערונג. דער זעלבער הורוויץ האָט ביי אַ געלעגנהייט געזאָגט: „פריער אָדער שפּעטער וועט מען מוזן די יידן מיט געוואַלד באַגליקן". אָט די „בילדונג בגעוואַלד" איז טאַקע געוואָרן דער לאָזונג פון די שפּעטערדיקע משכילים. מיט 10 יאָר שפּעטער האָט ד"ר אַבראַמסאָן ווייטער געפּרוּווט באַנייען די שול אין אומאַן, אָבער ווידער האָבן די אָרטיקע יידן נישט דערלאָזט דערצו.

אין 1826 האָבן 66 חשובע יידן פון אָדעס דערלאַנגט דער אָרטיקער מאַכט אַ מעמאָראַנדום וועגן דער נויטיקייט צו שאַפן פאַר יידן אַ שול פאַר אַלגעמיינער בילדונג, — דערביי זענען זיי געווען אַזוי פאַרזיכטיק, אַז זיי האָבן פּראָיעקטירט צו לערנען אין דער דאָזיקער שול נישט נאָר „דיקדוק" נאָר אפילו תלמוד. אָט דער פּראָיעקט האָט נושא חן געווען ביים גענעראַל-גובערנאַטאָר פּאַלען, און ער האָט געהייסן דעם אָדעסער קהל, ער זאָל דערלויבן די אונטערגעשריבענע פּערזאָנען אויסצוקלייבן פון זיך אַ דירעקטאָר און אינספּעקטאָר פון דער שול און ער זאָל אַסיגנירן אויף דער אויסהאַלטונג פון דער שול אַ יערלעכע שטיצע פון 5 טויזנט רובל. די יידישע קהילה, אָדער ווי גראַף פּאַלען האָט זי טיטולירט „די געזעל־שאַפט פון די יידן וואָס לעבן אין אָדעס", איז געלעגן אין די הענט פון די פרומע קלאַסן, און זיי האָבן געפּרוּווט זיך ווערן קעגן דעם פּלאַן, אין וועלכן זיי האָבן דערקענט דעם אָנגריף פון די משכילים. זיי האָבן אָנגע־געבן פאַרשידענע רעליגיעזע און פּראַקטישע תירוצים, כדי נישט צו דער־לאָזן צו דער עפענונג פון דער שול. עס האָט אָבער נישט געהאָלפן: גראַף פּאַלען איז געווען שטאַרקער, און די „בראָדער משכילים" האָבן אויס־געפירט, די שול איז געעפנט געוואָרן. בראש פון דער שול איז אַוועקגע־שטעלט געוואָרן דער גאַליצישער משכיל באַזיליוס (בצלאל) שטערן. רו־סיש האָט געלערנט אַ קריסט, די איבעריקע לימודים — עסטרייכישע יידן לויט דייטשע לערנביכער. תנ"ך האָט מען געלערנט אויף דייטש, שפּעטער האָט מען דעם לימוד פון תלמוד מבטל געמאַכט און מע האָט אַנשטאָט דעם איינגעפירט דאָס לערנען די ווערק פון ריב"ל א"א. אויף אויסצוהאַל־טן די שול האָט גראַף פּאַלען איינגעפירט אין אָדעס דעם קאָראָבקאַטשני סבאָר (1827). דער שפּעטערדיקער גענעראַל-גובערנאַטאָר וואָראָנצאָוו פלעגט אָפט בייזיין ביי די עקזאַמענס אין דער שול. אין 1830 האָט שטערן

אויסגעברייטערט די פּראָגראַם פון דער שול און זי האָט זיך דערנענטערט צום טיפּ פון אַ גימנאַזיע. אין 1837 האָט די שול אַפילו זוכה געווען צו אויסדרוקן פון צופרידנקייט מצד ניקאָלאַי דעם 1־טן אַליין. די אָדעסער שול האָט געטראָפן אַ גוטן באָדן, און שוין אין צווייטן יאָר נאָך איר גרינדונג האָט זי געהאַט 250 שילער, און אין 1834 — שוין 400 תלמי־דים. פון 1853 איז ביי דער שול געעפנט געוואָרן אַ מיידל־אָפּטיילונג — זי האָט אויך געהאַט ביי 300 שילערינס. די אָדעסער שול איז בכלל געווען איינער פון די ערשטע און ערנסטע פּרואוון אויפן געביט פון וועלטלעכער בילדונג פאַר יידישע קינדער.

וועגן דעם זעלבן פּעריאָד פון די 20־טער יאָרן אין אָדעס דערציילט אַלכסנדר צעדערבוים: פאַר דעם אויפטו און אָרדענונג אין דער יידישער דערציאונג דאָ האָט מען געהאַט צו פאַרדאַנקען דעם הער זיטענפעלד — „וועלכער איז געקומען פון אויסלאַנד און האָט געווירקט אויף די נכבדי העיר די ילידי בראָד, וועלכע האָבן געבראַכט מיט זיך ליבע צו בילדונג, און צו אים זענען צוגעשטאַנען די געבילדעטע לערערס ה"ה שמחה פּינס־קער, ר' אליהו פרענקעל און ר' יצחק הורוויץ, אויך דער מאַן פון וויסנ־שאַפט און גוטסקייט הירש ראָזענבלאַט האָט וואָלונטירט צו לערנען אין שול אומזיסט... נאָכן טויט פון ה' זיטענפעלד איז איינגעלאַדן געוואָרן בצלאל שטערן פון טאַרנאָפּאָל, ער זאָל זיין דער דירעקטאָר פון דער שול, און אין זיין צייט האָט זיך די שול אויסגעבריייט און דערגרייכט ביז זעקס קלאַסן, און געהאַט ביז 400 קינדער. אין יענער צייט איז אויך געגרינ־דעט געוואָרן אַ שול פאַר מיידלעך. און לויט דער עצה פון ה' שטערן איז צוגעגרייט געוואָרן אַ שול אין קעשעניעוו."*)

אָבער אָדעס איז געווען אַן אויסנאַם אין יענער צייט. דער גרויסער יידישער תחום האָט געהאַנדלט גאָר אַנדערש אין דעם פּרט. אָט האָבן מיר אינטערעסאַנטע מאַטעריאַלן „וועגן עפנען יידישע שולן אין מאָהילע־ווער און וויטעבסקער גובערניעס אין יאָר 1808" (פאַרעפנטלעכט אונטער דעם נאָמען אין „צייטשריפט", ב. 2—3, מינסק, 1928 דורך דעם זעלבן פּ. קאָן, וואָס מיר האָבן אויבן ציטירט). דער וויזיטאַטאָר פונעם ווילנער אוניווערסיטעט, וועלכער איז געווען דער העכסטער קאָנטראָל־אָרגאַן אי־בער דעם עלעמענטאַרן און מיטעלן שול־וועזן אין אַכט גובערניעס, האָט צוגעשטעלט ידיעות וועגן 16 יידישע קהילות וואָס האָבן געענטפערט אויף זיין אָנפראַגע. ראַפּאָרטירט ער אַזוי:

---

*) „קהלת מאמרים מסופרים נודעים", ספּ"ב, 1881, אינעם אַרטיקל „צער גידול בנים", ז' 6.

„קיין שולן פאַר יידישע קינדער זענען ביז צו דער צייט פון אַרויסשיקן די תשובות אין קיינער פון די 16 קהילות נישט געשאַפן געוואָרן... וועגן דעם, צי יידישע קינדער באַזוכן די אַלגעמיינע („נאַראָדנע") אָנ־פאַנגשולן, געפינען מיר נישט קיין ידיעות אין אַלע תשובות. דריי קהילות... שרייבן, אַז אין זייער אויעזד איז בכלל קיין נאַראָדנע שולן נישט פאַראַן. פאָלאָצקער קהילה ענטפערט, אַז די דאָרטיקע יידן שיקן נישט זייערע קינ־דער אין די דאָזיקע שולן. נעוועלער קהילה דערקלערט אפילו דרייסט, אַז די יידן ווילן נישט שיקן אַהין זייערע קינדער".

„די איינציקע תשובה, אין וועלכער עס רעדט זיך וועגן אַ קאָנקרעטן געשעענעם אויפטו, איז פון וועליזשער קהילה. דאָ איז דורכן קהל גע־וואָרן אויסגעטיילט איינע פון די עקסיסטירנדיקע שולן (ד"ה חדרים), וואו עס ווערט געלערנט רוסיש דורך „לערערס יידן וואָס קענען גענוג די רוסישע שפּראַך".

„וואָס איז נוגע דער צוקונפט, ווייזן די קהילות נישט אַרויס קיין חשק צו גרינדן שולן פאַר יידישע קינדער. די קהילות זאָגן אָבער דאָס נישט אַרויס אָפן. די תשובות שאַפן דעם פאַלשן איינדרוק, אַז אייגנטלעך האָבן די קהילות גאָרנישט קעגן די נייע שולן. אדרבא, נאָר וואָס דען? אָרעמ־קייט... מ'ספעקולירט, קענטיק, איינפאַך אויפן פאַרשלעפן דעם גאַנצן ענין. מיט מער אָפענע דיבורים טרעטן אַרויס די קהילות פון מאָהילעוו און נעוועל. מאָהילעווער קהל ווייזט אָן וואָס פאַר אַ פלאַץ די רעליגיעזע דערציאונג פאַרנעמט אין לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג, און נע־וועלער קהל זאָגט אָפן, אַז „דער יידישער ציבור וויל נישט אָפּגעבן די קינדער אין דער (רוסישער) פאָלקשול". די ווענדונג „וויל נישט" באַגעגנט זיך צום ערשטן מאָל אין אַ תשובה פון אַ קהילה..."

„מסטיסלאַוו פאָדערט נישט דווקא אַ יידישן לערער (ווי, למשל, וווי־טעבסק), וואָס דאָס איז פאַר יענער צייט געווען אַ שווערער באַדינג, נאָר בעט מ'זאָל באַשטימען אַ רוסישן לערער וועלכער זאָל קענען די דייט־שישע שפּראַך".

אָט דאָס איז געווען די לאַגע צו יענער צייט: די רעגירונג האָט געעפנט פריי פאַר די יידישע קינדער די מלוכהשע שולן, אָבער די יידן האָבן די קינדער נישט געשיקט. די עלטערן האָבן נישט געהאַט קיין צוטרוי צו די „גוטע כוונות" פון דער רעגירונג וואָס האָט זיי באַהאַנדלט אין אַלעם אוי־בעריקן ווי בירגער פון אַ נידעריקער מדרגה. די יידן האָבן אויך נישט געהאַט קיין צוטרוי צו די משכילים און שתדלנים פון פעטערבורג. זיי האָבן געפילט אַ גרויסע נאַציאָנאַלע סכנה אין די נייע פאַראָרדענונגען, און די שפּעטערדיקע צייט האָט טאַקע באַרעכטיקט זייער אינסטינקטיווע מורא...

ח. ש. קאַזדאַן

ב. אין דער תקופה פון ניקאָלאַי דעם ערשטן

די פּראָגראַם פון דער רוסישער רעגירונג און פון די ערשטע משכילים איז אַ פּראָגראַם פון „אויסמענטשלען", „אויסבילדן" די יידן בגעוואַלד. אין תוך איז די שול־פראַגע גלייך פון אָנהייב אָן געווען אַ פּאָליטישע פראַגע, אַ נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעם, אַ טייל פון דער אַל־געמיינער יידישער לאַגע. וואָס ווייטער, איז דער דאָזיקער כאַראַקטער פון דער שול־פראַגע געוואָרן אַלץ בולטער און קלאָרער. אָבער די יידישע אָנ־הענגערס פון די בילדונגס־פּראָיעקטן פאַרשטייען דאָס נישט. זיי בויען זייערע פּראָיעקטן אין דער לופטן, אָן אַ לעבעדיקן קאָנטאַקט מיט דער ברייטער פאָלקס־מאַסע. זיי טראַכטן זיך נישט אריין, פאַר וואָס זייערע פּלענער געפעלן נישט דעם פאָלק. זיי זענען קנעכט פון דער אַבסטראַקטער השׂ־כּ״ה־סכעמע, נוסח־אייראָפּע.

די תקופה פון אַלכּסנדר דעם 1־טן צייכנט זיך אוים מער מיטן נאַאיוון כאַראַקטער פון „האַרציקער השגחה" איבער די יידן. די נייע תקופה, די ערשטע העלפט פון ניקאָלאַי דעם ערשטנס רעגירן, צייכנט זיך שוין אוים מיט אָפענער אַנגרייפערישקייט אין דער פּאָליטיק לגבי יידן, זי שטרעבט אָפן צו רעליגיעזער און נאַציאָנאַלער אַסימילאַציע פון די יידן מיט גע־וואַלד.

עס שיטן זיך אויף דער יידישער באַפעלקערונג רעפּרעסיעס אָן אַ שיעור: זי ווערט באַגרענעצט אין אירע באַוועגונגס־רעכט, זי ווערט אין גאַנצן באַזייטיקט פון אַ צאָל שטעט און געביטן, און עס שטעלט זיך גאָר קאָנקרעט פאַר דער יידישער באַפעלקערונג דאָס געשפּענסט פון מיסיאָנע־רישער שמד־טעטיקייט; עס קומט דער גירוש קיעוו, דער פאַרבאָט צו טראָגן לאַנגע קליידער און פּיאות, צו האַלטן קריסטלעכע הויז־דינערס, און נאָך שפּעטער אַ שאַרפע צענזור־מלחמה קעגן יידישע ספרים און דאָס שליכן אַלע יידישע דרוקערייען חוץ צוויי — אין ווילנע און אין קיעוו. און ועל כולם קומט דער שרעקלעכער געזעץ פון 2־טן דעצעמבער 1827 וועגן נעמען רעקרוטן ביי יידן (אויף 25־יאָריקער דינסט!) און טאַקע אין אַ דריי־פאַכער מאָס ווי ביי דער נישט־יידישער באַפעלקערונג. דאָס איז געווען דער אינסטיטוט פון קאַנטאָניסטן, וועלכער האָט געבראַכט יידן אומגעהויערע צרות און ליידן. די דאָזיקע „מיליטער־קאָנסטיטוציע" האָט אין אירע צוויי באַרימטע פּונקטן געזאָגט: „די קהלס דאַרפן צושטעלן יידן פאַר רעקרוטן אין עלטער פון 12 ביז 25 יאָר"; „מינדעריעריקע קינ־דער־יידן, ד"ה ביז 18 יאָר, ווערן איבערגעגעבן אין ספּעציעלע אַנשטאַלטן אויף צוגרייטן זיי צו מיליטער־דינסט". און דער אוקאַז פון 1829 צום

ניי־געשאַפענעם „יידישן קאָמיטעט" האָט בפירוש אים געשטעלט פאַר אַ פליכט „ער זאָל האָבן אין אויג מיטלען אויף צו פאַרקלענערן די צאָל יידן אין דער מלוכה בכלל און באַזונדערס אין יענע ערטער, וואו זיי האָבן זיך נאָך נישט צו פיל פאַרשפּרייט".

אַ פּחד און טויט־מהומה האָט זיך אויסגעשפּרייט איבערן יידישן תחום. די יידישע „כאַפּערס", הינטער וועלכע עס זענען געשטאַנען די פּני, די גבירים און די רבנים, האָבן אַריינגעבראַכט דעמאָראַליזאַציע און באַרביטערטקייט אין יידישן לעבן; די היפּוכים צווישן אָרעם און רייך זענען דערגאַנגען צו שאַרפער פאַרשפּיצטקייט. דאָס פאָלק האָט ממש גע־קרעכצט אונטערן יאָך פון גזירות און רדיפות. און אינעם דאָזיקן אַקאָרד פון די ניקאָלאַאישע דעקרעטן האָט געקלונגען מיט אַ באַזונדערן גרילץ דער פאַלצעט פון די... שול־פּראָיעקטן און בילדונגס־פּראָגראַמען פאַר יידן, געשטיצט און מיט התפּעלות באַגליט פון דער יידישער אינטעליגענץ און יידישע געזעלשאַפטלעכע טוערס. איז אַ וואונדער, וואָס די יידישע מאַסע האָט איר גאַנצן צאָרן און אומצוטרוי אַריבערגעטראָגן אויך אויף די שולן און בילדונגס־באַוועגונג?

אַ גרויסע און שאַרפע שער צווישן דער יידישער אינטעליגענץ און דעם פּשוטן פאָלק האָט זיך געשאַפן. גאָר זעלטן האָט זיך אויף דער סצענע פון יידישן לעבן באַוויזן עמעצער פון אָן אַנדער טיפּ פאָלקסטימלעכע אינטעליגענץ מיט אָן אָפן אויער פאַר די נויטן און שטימונגען פון דער מאַסע.

וועגן די טראַגישע איבערלעבונגען פונעם פאָלק גיבן אונדז אַ בולט בילד די פאַרבליבענע רעשטלעך פון דער פאָלקס־שאַפונג, וואָס האָבן אי־בערגעלעבט די שווערע באַדינגונגען פון דער צאַרישער צענזור. דאָס זענען פלאַמיקע עדות וועגן די יידישע געפילן לגבי דעם גרויזאַמען ניקאָ־לאַישן רעזשים. די פאָלקסלידער פון יענער צייט רעדן מיט צאָרן און ווייטיק וועגן די ליידן פון די אָרעמע מאַסן, און מיט פאַרביטערטקייט — וועגן די גבירים און אינטעליגענטן; עס הערט זיך אין זיי אַ בלוטיקער פּראָטעסט קעגן דער סאָציאַלער אומגערעכטיקייט און אומגלייכקייט אינעם יידישן לעבן גופא.

אָט זענען מוסטערן פון יענע פאָלקסלידער:

אַז ניקאָלאַי פּאַוולאָוויטש איז קיסר געוואָרן,
זענען יידישע הערצער אומעטיק געוואָרן.
אוי־וויי, אוי־וויי...

אָן אַנדער ליד:

בעסער וואָלט איך געלעגן צען איילן אין דער ערד,
איידער צו טראָגן דעם קיסרס שווערד...

ח. ש. קאַזדאַן

אַ דריט ליד, וועגן די קאַנטאָניסטן:
טרערן גיסן זיך אין די גאַסן,
אין קינדערשער בלוט קען מען זיך וואַשן —
געוואַלד, וואָס איז דאָס פאַר אַ קלאָג,
צי וועט דען קיין מאָל נישט ווערן טאָג?

אָדער:
...קליינע עופהלעך רייסט מען פון חדר,
און מען טוט זיי אָן יוונישע קליידער.
ביי זוסיע דעם חוכר איז זיבן בנים,
און פון זיי נישט איינער אין די יוונים,
נאָר לאה די אלמנהס איינציקעס קינד
איז אַ כפרה פאַר קהלשע זינד.

אָדער:
עס איז אַ מצוה אָפּגעבן פראָסטאַקעס,
שוסטער, שניידער זענען דאָך ליידאַקעס,
קרעציקע הייציקלעך פון אַ משפחה אַ שיינער
טאָר ביי אונדז נישט אַוועקגיין קיין איינער...

אָדער אַזאַ ווערסיע, אַ שטיינער, פונעם פאָריקן פאָלקסליד;
...אָט די רבנים
האָבן געגעבן די יידישע קינדער אין יוונים,
קליינע עופהלעך רייסט מען פון חדר,
מען טוט זיי אָן יוונישע קליידער.
אונדזערע פרנסים, אונדזערע רבנים
העלפן נאָך אָפּצוגעבן זיי פאַר יוונים*).

רעדנדיק וועגן אַן אַנדער גזירה, די „ראַזריאַדן" (דאָס פאַרטיילן יידן אין „נוצלעכע" און „אומנוצלעכע" קלאַסן), שרייבט יעקב הלוי ליפשיץ אין זיין ביאָגראַפיע פון ר' יצחק אלחנן: „דעם באַפעל, וואָס די רעגירונג האָט גערעכנט אַלס טובה פאַר אונדזער פאָלק, האָבן יידן אָבער נאָך זייער אינערן און אויסערן שטאַנד גערעכנט פאַר זייער שווער און פאַר אומ־מעגלעך מקיים צו זיין, און האָבן זיך דערום פאַרזאַמלט אין די בתי מדרשים מיט פאַסטן און מיט געוויין צו בעטן, עס זאָל דורך דער גוטהער־ציקייט פון דער הויכער רעגירונג פאַרענדערט ווערן דער באַפעל צו גוטן" **).

---

*) יעקב ליפשיץ, זכרון יעקב, חלק ראשון, זייט 124. זע אויך י. צינ־בערג, באַנד 8, זייט 76.

**) גאון יצחק, ווילנע, תרי"ט, זייט 97.

לאָמיר נאָך דערמאָנען אַ פּאָר מוסטערן פון דער יידישער און יידיש־רוסישער בעלעטריסטיק.

נישט קיין אַנדערער ווי יצחק בער לעווינזאָן, אין זיין יידישער „הפקר־וועלט", וועלכע איז בשעתה צי צוליב צענזור־טעמים צי צוליב יידיש־געזעלשאַפטלעכע סיבות נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דרוק־פאָרעם, האָט זייער שאַרף כאַראַקטעריזירט אָט יענע עפּאָכע פון „אַדאַוואָטשיקעס" און „לאַוואָטשיקעס". „אין דער אמתן, לייענען מיר דאָרט, זינט מען נעמט רעקרוטן, האָט מען נאָך נישט אַוועקגעגעבן קיין עושרס קינד, קיין שום תקיפס קינד... נאָר אָרעמעלייטס קינדער נעבעך, ערלעכע בעלי־מלאכות קינדער. — איר זאָלט זען, מיין פריינד, ווי מען שלעפּט פּיצלעך קינדער־לעך ווי די חזירים, פון דער מוטערס שויס! דאָס רחמנות צעברעכט דאָס האַרץ! — ווי קאָן מען עס גאָר אויסהאַלטן, אַז מען זעט קליינע קינדער־לעך בעטן דער פאָטער און מוטער זאָלן זיי בלינד מאַכן, אָדער עפּעס אַן אַנדער מום מאַכן, כדי זיי זאָלן פּטור ווערן פון שרעקן"...

דער רוסיש־יידישער שרייבער אָ. ראַבינאָוויטש האָט אין זיין דערציי־לונג „שטראַפּנאָי" (רוסיש, 1859) געגעבן (רעטראָספּעקטיוו) אַ מאַוּימדיק בילד פון דער פינצטערער קאַנטאָניסטן־תקופה. זיין דערציילונג איז געווען דער ערשטער פּרוּוו צו פּראָטעסטירן קעגן דעם אינסטיטוט פון „כאַפּערס" און זי האָט באַגעגנט אין דער גאַנצער יידישער סביבה גרויס אויפמערק־זאַמקייט.

אַ צווייטער בעלעטריסט, ל. אָ. לעוואַנדאַ, האָט אין זיין „שקיץ פון אַמאָל" אונטערן נאָמען „שקאָלאָבאָיאַזן" (דער פּחד פאַר דער שול) אונדז געגעבן אַ פאָרשטעלונג וועגן דעם, ווי אַזוי דאָס פאָלק האָט אַסאָציאירט די שקאָלעס־גזירה מיט דער רעקרוטן־גזירה:

„פאַר יידן וועלן זיין שולן! — מיט טיפן אומרו האָבן דאָס אַרויס־געערעדט די מענטשן פון דער מאַסע, — יידישע קינדער וועט מען נעמען אין די שקאָלעס! נאָך דאָס האָט אונדז געפעלט! און דאָס, וואָס מיר שטעלן צו רעקרוטן ביי יעדן נאָבאָר — דאָס נעמט מען אפילו נישט אין חשבון?"... „שוין זשע וועט מען אויך מיינע זין אָפּגעבן אין די שקאָ־לעס (אויפן שטייגער ווי „אָפּגעבן פאַר אַ סאָלדאַט" — ח. ש. ק.) — האָט מיט שרעק געפרעגט איינער פון זיי — איך האָב דאָך מיט דריי יאָר צוריק צוגעשטעלט אַ „נאַיאָמשטשיק" פאַר אונדזער משפּחה, און כ'האָב אַ קוויט אויף דעם. קען דאָך נישט זיין, אַז אונדזער גומער זאָל זיין אויף דער רייז!"...

אָבער דאָס, וואָס דער געזונטער אינסטינקט פון דער ברייטער פאָלקס־מאַסע האָט אין יענעם מאָמענט געפילט; דאָס וואָס דער יידישער בעלע־

טריסט האָט געקענט זען קלאָר, — דאָס האָבן די אינטעליגענטן און די פּרעטענדענטן אויף פאָלקס־פירערס פון יענער צייט אין גאַנצן נישט גע־פילט, און זיי האָבן מיט ברען מיטגעמאַכט דער רעגירונגס שפּיל, זיי האָבן געזונגען דיפיראַמבן ניקאָלאַיען און זיינע משרתים פון „קולטור", — און די בילדונג בגעוואַלד איז צו ביסלעך געוואָרן אַ פאַקט אין יידישן לעבן. דערביי איז „זעלבסטפאַרשטענדלעך" אַז אָט די גאַנצע פּראָפּאַגאַנדע איז באַגלייט געוואָרן דורך פאַראַכטונג צו יידיש און צו די אָנפאַנגען פון אַ וועלטלעכער יידישער קולטור אין דער דאָזיקער שפּראַך.

* *
*

אויב לעווינזאָן דער בעלעטריסט האָט אין „הפקר וועלט", ווי מיר האָבן אויבן געזען, אַרויסגעבראַכט אַ סך פאַרשטענדעניש פאַר דיליידן פון פאָלק, איז אָבער לעווינזאָן דער השכלה־פירער און עסקן געווען אין גאַנצן פאַרבלענדט און פאַלש איינגעשטעלט. ווען ער האָט אָנגעשריבן זיין „תעודה בישראל", האָט ער זיך געווענדט צום שוואַרץ־רעאַקציאָנערן בילדונגס־מיניסטער שישקאָוו (1827), יענער זאָל אים העלפן אַרויסגעבן דאָס בוך. און מאָטיווירט האָט ער זיין בקשה מיט דעם, וואָס זיין בוך „פלאַנצט ליבשאַפט צום קיסר און צום רוסישן פאָלק וואָס מיט אים זענען מיר באַהעפט, און ווייזט וויפל טובות מיר האָבן פון זיי". און אינעם בוך גופא שרייבט ער: „אין אַ סך מלוכות פון אייראָפּע איז יידן שוין געגעבן געוואָרן פאַרשידענע פרייהייטן, און באַזונדערס אין רוסלאַנד, וועלכע האָט זיך קיין מאָל נישט באַצויגן צו אונדז אומגינסטיק. מיר ווייסן נישט קיינע היסטאָרישע ביישפילן, אַז די דאָזיקע מלוכה (ד"ה רוסלאַנד — ח. ש. ק.) זאָל אונדז ווען עס איז אונטערדריקן. אונדזערע אור־עלטערן האָבן געגאָסן רו אונטער דער הערשאַפט פון רוסלאַנד סיי בעת אירע פילמאָליקע אַריינדרינגונגען אין די פּוילישע געביטן, און אויך שפּעטער, ווען די דאָזיקע געביטן זענען פאַראייניקט געוואָרן מיט רוסלאַנד. די רעגירונג באַמיט זיך אויף אַלע אופנים אויפהייבן אונדזער גייסטיקן און עקאָנאָמישן ניוואָ: זי האָט פאַרברייטערט אונדזערע בירגערלעכע רעכט, זי האָט אונדז געגעבן פרייהייט פון גלויבן, זי האָט געלאָזן יעדערן וואָס וויל זיך פאַרנעמען מיט דער אָדער אַנדערער באַשעפטיקונג, באַזוכן די אַלגעמיינע לערן־אַנשטאַלטן צו גלייך מיט אַלע פּריווילעגירטע קלאַסן, איינצוואָרדענען פאַר זיך ספּעציעלע שולן, גרינדן פאַבריקן, איינשאַפן זיך אומבאַוועגלעכע גיטער און פאַרנעמען זיך מיט ערדאַרבעט". דעם ריב"לס דאָזיקע ווערטער, ווי אויך זיין בעטלען און באַקומען ביי דער ניקאָלאַיִשער רעגירונג אַ סובסידיע פון טויזנט רובל, איז געשטאַנען אין אַן אויסגע־

שפּראָכענער סתירה מיט דער גאַנצער שטימונג און באַציאונג פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן. די כלומרשט־היסטאָרישע פאַקטן פון דער געבראַכטער ציטאַטע שטייען אין ווידערשפּרוך מיט דער ווירקלעכקייט.

אין זיין שפּעטערדיקן בוך „בית יהודה" (ערשטע אויסגאַבע אַרויס אין 1839) האָט דער רי"בל געשריבן אַזוי: „אין יאָר תק"סד האָט גאָט דערוועקט דאָס הארץ פון זיין משיח אלכסנדר דער ערשטער, און ער האָט דערלויבט צו לערנען יידישע יינגלעך אין פילע גוטע שולן, וואָס געפינען זיך אין זיין לאַנד... און ער האָט חוץ דעם מתקן געווען נאָך גוטע און נוצלעכע תיקונים פאַר יידן כדי אויפצוהייבן זייער רום און הצלחה... און ער האָט זיי געגעבן אַ סך בירגער־רעכט... און זינט גאָט האָט דערהייבן זיין געקרוינטן ברודער... ניקאָלאַי דעם ערשטן יר"ה, האָט אויך ער נישט אויפגעהערט צו בילדן און צו טאָן גוטס מיט אונדזער פאָלק, ער איז צו אונדז געווען אַ גנעדיקער פאָטער און געהאָלפן אַ סך, ער האָט דערוועקט אונדזער ווילן צו אַלעם נוצלעכן און גוטן, מיט זיינע גערעכטע און גוטע תיקונים. ער האָט געלערנט די בלאָנדזשענדיקע וויסן און פאַרשטאַנד אא"וו" (צווייטער טייל, פּרק קנ"א). ווען מען זאָל אפילו נעמען אין באַטראַכט אַלע אומשטאַנדן און רגילותן פון יענער תקופה, זענען זיי אַלץ נישט קיין באַרעכטיקונג פאַר די ציטירטע רייד פון י. ב. לעווינזאָן — די פאַרענטפערונגען פון י. צינבערג (באַנד אַכט, צווייטער בוך) און פון ש. גינזבורג אין זיין פאָלעמיק מיט א. טשעריקאָווערן („צוקונפט", דעצ. 1939). דער ווידעראַנאַנד מיט די אינטערעסן און שטימונגען פון די יידישע מאַסן אין יענער צייט שטעכט ממש די אויגן.

יצחק בער לעווינזאָן איז נישט געווען קיין אויסנאַם. אָט זענען נאָך אַ פּאָר ביישפּילן פון דער איינשטעלונג פון דער אינטעליגענץ אין יענער צייט.

אין זיין באַקאַנטן משל „שמאַטעס", געשריבן אויף דער טעמע פון דער רעקרוטשטשינע וואָס איז איינגעפירט געוואָרן פאַר יידן, שרייבט ש. עטינגער — אָט דער אין תוך זייער פאָלקסטימלעכער און יידיש־ליבהאָבנדיקער אינטעליגענט:

מען וויל אייך, אָסור, נישט טאָן קיין שלעכטס,
מען גייט נאָר אויס אויף ענקער גוטן,
מען וויל אויס אייך מאַכן עפּעס רעכטס...

...פאָלג דו נאָר די אָפּיצערן
און לערן פלייסיק דאָס מושטירן...
נאָר אָן ליאַרעס, אָן געשריי,

מיט דעם גאַנצן האַרצן געטריי.
נאָר מיט שמחה און פרייד
זיי נאָר תמיד אָנגעגרייט
צו לויפן אפילו אין פייער אַראָן,
אויסצופירן דעם מלכס פּלאַן;
וואָרין די גוטע, וואָס גייען אין קרוינען,
ווייסן שוין איטלעכן ווי צו באַלוינען...

ש. עטינגער שטעלט דאָ פאַר אַ מוסטער יענע, וועלכע — „לוסטיק און פריילעך דינען זיי דעם מלך!". מיר האָבן געזען די „לוסטיקייט און פריי־לעכקייט" פון די יידישע מאַסן ביים אויספירן זייער בירגער־פליכט. מיר האָבן געזען זייער ליבשאַפט צו די, וואָס „גייען אין קרוינען"...

אפילו ווען א. ב. גאָטלאָבער האָט מיט יאָרן שפּעטער געשריבן וועגן אָט דער עפּאָכע, האָט ער נישט געפונען אין זיך קיין קריטישע פעאיקייט און פאַרשטענדעניש צו שילדערן די עפּאָכע אַנדערש, ווי עס איז געווען דער שאַבלאָן ביי די משכילים. אין זיין לידער־זאַמלונג „הנצנים" (ווילנע 1850, ז"ז 2־6) האָט ער מיט דער טיפּישער העברעאישער מליצה גע־שריבן אַזוי:

...דער שטאַרקסטער פון די מלכים אינעם הויז ראָמאַנאָוו,
ניקאָלאַי דער ערשטער, הויך זאָל ער זיין!
געזונט און מונטער אין עלטער בליען זאָל ער!
פון דער ערד אויפגעבראַכט אַ פאָלק האָט ער, אַ נישטיק און אָרעמס.
...ווען די זון פון ניקאָלאַיען נאָר באַוויזן האָט זיך,
אויפגעבליט האָט גערעכטיקייט, אָן אַ פעלער,
איין טאָג צום אַנדערן „גענאָד" זאָגט אַרויס,
און אַ נאַכט צו דער צווייטער רעדט „קענטעניש".
דורך דעם ראַט דעם וואונדערלעכן, דורך אואוואַראָוון*)
ליכט פאַרשפּרייט ער פאַר אַלע איינוואוינער,
נישט מיד, נישט פאַרמאַטערט גוטס צו טאָן ווערט ער,
אויך פאַרן ווערעמל יעקב נעמט ער זיך אָן.
...אַרויסגעגעבן אַ געזעץ האָט ער דורך ליבשאַפט און רחמנות,
אַז עפענען זאָלן געעפנט ווערן שולן פאַר יידן,
פון יעקב אַראָפּצונעמען די שאַנד־קליידער זיינע,
און פראַכט־מלבוש אָנטאָן אַנשטאָט אַש אים.

*) ניקאָלאַיס בילדונגס־מיניסטער, מיר וועלן וועגן אים שפּעטער דער־ציילן.

פון חדר און „שקאָלעס" ביז ציישאָ

...דאַנקט אונדזער מלך, זינגט צו דעם נאָמען זיינעם,
אַליין לערנט גוט און לערנט די קינדער אויך,
וואַשט זיך, לייטערט און ריניקט זיך,
טיער די שפע פון גאָד זיינעם נאָך אויסגיסן אויף אייך*)

* *

*

פון וואַנען זשע האָט זיך גענומען אָט דער ווידעראַנאַנד צווישן דער יידישער פאָלקס־מאַסע און דער אינטעליגענץ, דער אָפיציעלער געזעלשאַפטלעכקייט? דאָ האָבן געשטעקט טיפע סאָציאַלע סיבות. ניקאָלאַי דעם ערשטנס עפּאָכע איז געווען אַ צייט פון פאַרשטאַרקטער פאַבריקאַציע, מיליטער־אינדוסטריע, ערשטע אייזנבאַנען. מלוכה־באַשטעלונגען, פּאָד־ריאַדן און מלוכה־אַרענדע־געשעפטן האָבן זיך געשאָטן פון אַלע זייטן. עס איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ קאָנצעסיע־סיסטעם פון די אַקציז־זאַמלונגען (בראָנפן וכד'). דאָס אַלץ האָט געגעבן נייע מעגלעכקייטן און פאַרשטאַרקט די עקאָנאָמישע פּאָזיציעס פונעם אייבערשטן שיכט פון דער יידישער באַ־פעלקערונג. און דער דאָזיקער שיכט האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט און נהנה געווען פון די אַלע נייע עקאָנאָמישע געביטן און אונטערנעמונגען. דערביי האָט דער פאַרמעגלעכער עלעמענט אין גאַנצן נישט געליטן פון די אַלע צרות, פון וועלכע די יידישע פּאָלקס־מאַסע האָט אַזוי שווער געליטן: רע־קרוטן־נאַבאָר, דער אינסטיטוט פון כאַפּערס, די הפקרות פון קהל, די וואוין־רעכטלאָזיקייט אאַ"וו. דערפאַר האָט זיך דער תהום צווישן דער מאַסע און די יידישע רעדל־פירערס נאָר מער פאַרגרעסערט.

ארום די יידישע „אָטקופּשטשיקעס", פּאָדריאַדטשיקעס און אַקציזני־קעס האָט זיך אויסגעבילדעט אַ היפּשער שיכט פון יידישע אינטעליגענטן, בוכהאַלטערן, פאַרוואַלטערס, לערערס און אָנגעשטעלטע. צוזאַמען מיט דער ניי־אויפגעקומענער יידישער בורזשואַזיע האָט אויך די נייע אינטע־ליגענץ געפּרעדיקט געטריישאַפט צום צאַרישן רעזשים, געשטרעבט צו רו־סיפיקאַציע. זיי האָבן זיך אָנגעכאַפּט אינעם לאָזונג „בילדונג און שקאָ־לעס", זיי האָבן נעגירט די אָרעמע יידישע מאַסן און זייערע נויטן, זייער שפּראַך און זייער לעבנשטייגער.

שוין אין 1808 טרעפן מיר אין גראָדנער גובערניע צוויי יידישע גע־וואַנט־פאַבריקן מיט 5 און 6 שטולן אין יעדערער; אין 1805 אין פּאָדאָ־ליער גובערניע — אַ יידישע פאַבריק וואָס אַרבעט אויס דריי סאָרטן גע־

---

*) ציטירט לויט א. מאַרגאָליס, „געשיכטע פון יידן אין רוסלאַנד", מאָסקווע 1930, ערשטער באַנד, ז"ז 59־60.

וואנט; דער זעלבער פאבריקאנט האט א פאבריק אין א צווייטן פונקט; נאך צוויי יידן אין פאדאליער גובערניע האלטן אין ארענדע יעדערער צו צוויי פאבריקן; אין 1828 האבן מיר שוין אפילו צוויי ראיאנען מיט יידישע געוואנט־פאבריקן, אויף אייניקע פון זיי ארבעטן צו עטלעכע הונדערט ארבעטער; איין פאבריקאנט אין ווילנער גובערניע האט 12 פאבריקלעך מיט 740 ארבעטער; אין 1851 מאכן אויס די יידישע קופצעס (סוחרים) פון ערשטער גילדיע 476 מאן, ד"ה 20% פון דער דאזיקער גילדיע איבערן גאנצן לאנד; אין 1828 ארבעטן אין געוואנט־און טליתים־פאבריקן אין גראדנער און מאהילעווער גובערניע — 602 יידישע ארבעטער*).

אט אזוי האט זיך אין דער צייט פון ניקאלאיס רעגירונג אויסגעביל־דעט א שיכט יידישע אינדוסטריאליסטן און גבירים. יידן באטייליקן זיך אויך אין די ערשטע בענק־און בערזע־אפעראציעס, „יידישע גבירים ווערן רייך פון מלוכה־פאדריאדן, פראוויאנט־ליווערונגען און באזונדערס פון „אטקופ" און פראפינאציע פון בראנפן... ביים „אקציז" איז געווען באשעפטיקט נישט קיין קליינע צאל יידן — ביז 8 טויזנט פערזאן, רעכענענדיק אויך די אנגעשטעלטע, פארוואלטערס, בוכהאלטערס, קאנטראליארן וכדומה... די יידישע מאסע האט די „אקציזניקעס" די אפיקורסים פיינט געהאט און אפגעלאכט פון זיי אין אירע לידער" **).

די אויפגעקומענע יידישע בורזשואזיע און די אינטעליגענץ וואס האט איר באדינט — האבן געשטרעבט צו געבן זייערע קינדער אייראפעאישע בילדונג, דאס איז זיי נייטיק געווען כדי ווייטער צו שטייגן עקאנאמיש און סאציאל. זיי האבן גוט געדענקט וועגן דעם אז די רעגירונג דערלויבט יידן „באזוכן די אלגעמיינע לערן־אנשטאלטן צוגלייך מיט אלע פריווילעגירטע קלאסן"; בילדונג איז דאך אונטער יענעם צארישן רעזשים געווען בכלל אן ענין פאר קליינע פריווילעגירטע שיכטן און נישט געהאט קיין שייכות צו די ברייטע מאסן פון דער רוסישער באפעלקערונג, און אוודאי נישט צום פארשקלאפטן פויערטום. אזוי אויך האבן יידישע גבירים און משכילים געזארגט וועגן זייערע פריווילעגיעס, פארזעענדיק אלץ וואס האט זיך גע־טאן אין דער מלוכה לגבי יידן, פארזעענדיק די גרויסע לײדן און שרעק פון דער יידישער באפעלקערונג. ערשט אין די 30־קער און 40־קער יארן טרעפן זיך איינצעלנע משכילים וואס אונטערשיידן זיך פון די כוונות פון דער רעגירונג: יענע איז אויסן נאר איינס — צונויפגיסן די יידישע בא־

*) א. מארגאליס — „געשיכטע פון יידן אין רוסלאנד", מאסקווע 1930, ב. 1, ז"ז 59־60.

**) א. טשעריקאווער — „יידן רעוואלוציאנערן אין רוסלאנד".

פעלקערונג מיט דער רוסישער, פאַרניכטן דעם יידישן „פּרעמד־קערפּער";
די מער פאָלקסטימלעכע משכילים שטרייכן אונטער אַ געוויסן נאַציאָנאַלן
מאָמענט, אַ געבונדנקייט מיטן יידישן עבר און פּראָפּאַגאַנדירן אין דעם
גייסט זייערע רעפאָרם־פּלענער פאַרן יידישן לעבן.

* *
*

צום סוף פון די 30־טן יאָרן קומט אויף אין די רעגירונגס־קרייזן אַ נייער
געדאַנק: מיט צוואַנג־מיטלען וועט מען נישט איבערמאַכן דאָס יידישע
לעבן, נישט אַסימילירן די יידן מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג. אין
איינעם אַ געהיימען אָפיציעלן מעמאָראַנדום פון יענער צייט ווערט גע־
זאָגט: „אונדזער געזעצגעבונג וואָס ווירקט מיט מיטלען פון פּאָליציייאישע
באַגרענעצונגען אָדער באַלויִנונגען, דערגרייכט נישט איר ציל... זיי זיינען ניט
געננג אויף צו צוציען דעם דאָזיקן גרויסן קלאַס (יידן) צו נוצלעכע באַ־
שעפטיקונגען. אויב דאָס דאָזיקע פאָלק האָט מיט געדולד איבערגעטראָגן
כלערליי מינים אכזריותדיקע רדיפות און האָט נישט געביטן זיינע פאַנאַ־
טישע געזעצן, קען מען, פאַרשטייט זיך, נישט האָפן אַז די דאָזיקע מיט־
לען פון פּאָליציייאישער באַגרענעצונג זאָלן אים צווינגען אָפּצוזאָגן זיך פון
זיינע רעליגיעזע איבערצייגונגען"*).

אין צענטער און אין די גרעסערע פּונקטן פון תחום האָט די רע־
גירונג געשאַפן „קאָמיטעטן אויף איינצואָרדענען דאָס יידישע לעבן". די
פּרינציפּן פון די קאָמיטעטן האָבן געדאַרפט זיין: אויסבעסערן, אויס־
מענטשלען די יידן; די מיטלען: צוציען זיי צו ערד־אַרבעט, צעטיילן די
יידן אויף „נוצלעכע" און „אומנוצלעכע", קאַמף מיטן קהל א"א. עס איז
אויך אויפגעקומען אַ נייער שול־געדאַנק: אַנטוויקלען אַ קאַזיאָנע בילדונג־
סיסטעם דורך עפענען ספּעציעלע שולן פאַר יידישע קינדער.

צווישן דער יידישער אינטעליגענץ איז געקומען אַ גרויסע אויפלעבונג.
זי האָט דערזען פאַר זיך נייע מעגלעכקייטן און פּערספּעקטיוון. שוין אָנפאַנג
די 30־ער יאָרן האָט די ווילנער משכילישע אינטעליגענץ געפּלאַנעוועט
אַרויסצוגעבן אויף העברעאיש אַ זשורנאַל און אַרויסגעלאָזט וועגן
דעם אַן אויפרוף: „עס איז געקומען די צייט, אַז די אינטעלי־
גענטן זאָלן אַרויס פון זייערע נאָרעס, זאָלן אַראָפּנעמען די מאַס־
קעס און אַנטפּלעקן זייער פּנים פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפט". צווישן
די צילן פונעם זשורנאַל („פּרחי צפון") האָט דער רעדאַקטאָר אויך אָנ־

---

*) י. מאַסיס — די געשיכטע פון די יידישע געזעלשאַפטלעכע שטרע־
מונגען, ז' 53.

געוויזן די קאנקרעטע ארגאניזאציאנעלע אויפגאבע „צו פאראייניקן אין נאמען פון איין אידעע אלע פארגעשריטענע עלעמענטן, וואס זענען צע־שפרייט דא און דארט". אין יענער צייט אן ערך האט ד"ר ראטענבערג פון באַרדיטשעוו געשאפן א חברה „שוחרי אור והשכלה". אויך אין ווילנע און בריסק זענען געגרינדעט געווארן אזעלכע קרייזן*).

א שפעטערדיקער אויפרוף פונעם ווילנער קרייז משכילים האט בפירוש גערעדט וועגן דער „נייטיקייט צו באשאפן א סאציאלן באזיס פאר דער יידישער אינטעליגענץ, וואס איז דעמאלט געווען הילפלאז אין מאטעריע־לער הינזיכט". ווייטער האט זיך דא געזאגט: „דער גייסט פון זארגזאמ־קייט, וואס אונדזער רעגירונג ווייזט ארויס מיט גרינדן קאמיטעטן צו פארבעסערן אונדזער (יידנס, הייסט עס — ח. ש. ק.) מאטעריעלן און גייס־טיקן מצב, האט אויפגעוועקט אין אונדז און אין די הערצער פון אלע אויפגעקלערטע מענטשן דעם ווילן צו ווערן טעטיק פארן וואוילשטאנד פון אונדזערע ברידער... מאכט נישט קיין שהיות! זאמלט אויף די גע־בילדעטע לייט פון אייער שטאט... זאלן זיי אוועקווארפן די פוסטע מורא און זאלן זיי דרייסט דערקלערן זייער וואונטש וועגן דער גייסטיקער עמאנ־ציפאציע פון די יידן"**).

אין א בריף פון דעצעמבער 1832 צום משכיל יעקב טונגענדהאלד, צענזאר פון יידישע ספרים אין ווארשע, שרייבט י. ב. לעווינזאן וועגן א נייעם פראיעקטירטן זאמלבוך „ציון". „איך מעלד אייך — שרייבט ער — אז עס האנדלט זיך דא וועגן עפעס מער, ווי גרינדן א וויסנשאפטלעכע צייטשריפט, עס האנדלט זיך וועגן גרינדן א משכילים־פארבאנד וואס שטעלט זיך די אויפגאבע צו שטיצן די „אנשי החכמה ודורשיה" און פארשפרייטן וואס מער וויסן... מיטגלידער פון דעם דאזיקן ווערטפולן פארבאנד דארפן העלפן איינער דעם אנדערן און זארגן לטובת הכלל, בכדי צו געפינען חן און לייטזעליקייט ביי אנדערע אין די אויגן, בפרט אין די אויגן פון אונדזער קיסר מיט זיינע שרים און אין די אויגן פון דעם פאלק צווישן וועלכן מיר וווינען. ווארעם זיי אלע ווילן דאך גערן גוטס טאן אונדזער פאלק און ווינטשן אים גליק". „דעם דאזיקן משכי־לים־פארבאנד, שרייבט י. צינבערג, האט לעווינזאן פראיעקטירט אלס גע־היימען ארדען, וואס זיינע צילן האבן באדארפט בלייבן פארבארגן נישט

---

*) זכרון יעקב, ז. 74. זע אויך מארעקס „אטשערקי", ז. 17.

**) י. סאַסיס — ד"צוו, ז.ז. 54־55.

בלויז פאַר די וואָס האָבן זיך אונטערגעצייכנט אויף דער יאָרזאַמלונג „ציון", נאָר אפילו פאַר אַ טייל פון זיינע מיטאַרבעטער". *)

געוויס האָט די עקאָנאָמישע אויפלעבונג אויך באַרירט אין אַ געוויסער מאָס דעם יידישן מיטלשטאַנד און בעל־מלאכה. אָבער אין אַלגעמיין האָט די דאָזיקע מזל ברכה אַריינגעבראַכט אַ קנאַפּע אויפלעבונג אין די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן. הונגער און נויט האָט דאָרט וויטער געהערשט. קהל איז געלעגן אין די הענט פון די גבירים, דאָס אויפמאַנען די פאַרלינגענע נישט־געצאָלטע שטייערן איז אין זייערע הענט געוואָרן אַ מעכטיק געווער צו דריקן און שטיקן די יידישע מאַסן. נישט זעלטן פלעגט קומען צו פאַרשאַרפטע קאַמפן צווישן דעם המון עם און די רעדל־פירערס. אַזוי ווי אין פּרט פון רעקרוטשינע און קאַנטאָניסטן, איז אויך אין פּרט פון די „ניעדאָאימקעס" די אינטעליגענץ געווען אויף דער זייט פון די יידישע מאַכטהאָבערס.

„...דאָס אַליין וואָס ניקאָלאַי דער שמייסער האָט געשטיצט די השכלה, איז שוין ביי די יידישע מאַסן געווען דער שטאַרקסטער אַרגומענט קעגן איר: די השכלה איז ביי זיי געווען אַ גזירה. ווי די קאַנטאָניסטן, ווי די באַפּערס... און דאָס וואָס די השכלה האָט צוגעצויגן די יונגע זינדעלעך פון די גבירים, מיט וועמען דער סאָציאַלער קאַמף איז אין יענער צייט פאַרשאַרפט געוואָרן, דאָס וואָס יידישע גרויסע סוחרים זענען אַוועק אין ניקאָלאַיס אפּיקורסישע וועגן, האָט אויך דער השכלה נישט צוגעגעבן קיין חן אין די אויגן פון די יידישע מאַסן... און ווי אַזוי האָבן די יידישע מאַסן זיך געקאָנט באַציען גוט צו דער השכלה, ווען אויסער דעם, וואָס די נייע באַגריפן זענען זיי געווען ווילד פרעמד, האָבן זיי געזען אַז די רייכע סוחרים נעמען משכילים פאַר לערער צו זייערע קינדער. די זעלביקע יידישע גבירים, וואָס דער קאַמף צווישן זיי מיט די מאַסן איז גראָד דעמאָלט שאַרפער געוואָרן. ווי אַזוי האָבן די מאַסן זיך געקאָנט באַציען גוט צו די משכילים, ווען יענע האָבן געזוכט צו פאַרענטפערן אַלע גזירות, וואָס האָבן זיך דעמאָלט געשאָטן אויף יידישע קעפּ, ווען ביי די משכילים איז די רעגירונג אַלע מאָל און אין אַלץ געווען גערעכט, און יידן אַלע מאָל און אין אַלץ אומגערעכט?". **)

ערשט אין יאָרן און יאָרן אַרום, ווען די משכילים האָבן דורכגעמאַכט אַ סך אַנטוישונגען מצד דער צאַרישער רעגירונג און ווען זיי האָבן באַקומען אַ סך באַלערנדיקע לעקציעס מצד דער יידישער מאַסע, האָבן זיי

*) זע י. צינבערג, באַנד 8, ז"ז 86־87.

**) א. ליטוואַק, „ליטעראַטור און קאַמף". ז"ז 32־36, עסיי וועגן י. י. לינעצקי.

אָנגעהויבן פאַרשטיין דאָס, וואָס א. ב. גאָטלאָבער האָט אַזוי קלאָר אויס־
געדריקט אין אַ פּריוואַטן בריוו: „לאָמיר זיך נישט נאַרן און מיינען אַז
מיר זענען דאָס פאָלק. מיר זענען די אָפּגעזונדערטע, די אויסנאַמען".

ג. „שקאָלעס ניע זשעלאַיעם!"

די רעגירונג און די משכילים האָבן זיך איבערצייגט, אַז יידן וועלן אין די אַלגעמיינע מלוכה־שולן נישט שיקן זייערע קינדער. גענוג צו זאָגן, אַז אין 1840 איז אין אַלע עלעמענטאַרע און מיטלשולן פון גאַנצן לאַנד געווען סך־הכל 48 יידישע שילער. אויך די פּרוּוון מיט פּריוואַטע שולן האָבן זיך, אַ חוץ ריגע און אָדעס, ווו עס זענען געווען באַזונדערס גינס־טיקע באַדינגונגען, נישט איינגעגעבן. און דעריבער איז איצט ביי די רעגירונגס־באַאַמטע און ביי די משכילים־טוערס אויפגעקומען אַ נייער פּלאַן — שאַפן פאַר יידישע קינדער ספּעציעלע שולן. אין ריגע איז דער דירעקטאָר פון דער שול געווען דער דייטשישער ייד ד"ר מאַקס ליליענטאַל. דער בילדונגס־מיניסטער איז אין יענער צייט געווען גראַף אוואַראָוו. ער איז נישט געווען אַנדערש פון די געוויינלעכע רוסישע ביוראָקראַטן און רעאַקציאָנערן פון יענער ניקאָלאַיִשער עפּאָכע. אין 1845 האָט ער זיך באַ־רימט געמאַכט מיט זיין פאָרשלאָג צו העכערן דעם שכר לימוד אין אַלע מלוכהשע לערן־אַנשטאַלטן פון דער מדינה און זיין מאָטיוו איז געווען: „ווייל אין די העכערע און מיטעלע לערן־אַנשטאַלטן באַמערקט זיך אַ פאַרגרעסערטער צושטראָם פון יונגע לייט, טיילווייז אַזעלכע וואָס זענען געבאָרן אין די נידעריקע שיכטן פון דער געזעלשאַפט, פאַר וועלכע הויכ־בילדונג איז אַן איבעריקער לוקסוס". מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, נאָך די רעוואָלוציעס אין 1848, האָט אוואַראָוו געוואָרפן אַזאַ חנעוודיק ווערטל: „אויב מיר וועט זיך איינגעבן איבערדרוקן רוסלאַנד אויף 50 יאָר צוריק, וועל איך האָבן דערפילט מיין חוב".

איז אָט דער גראַף אוואַראָוו געוואָרן דער הויפּט־פּראָזאָרגער פון יידישן גייסט און ער האָט נישט געקענט רוען, ביז ער האָט נישט באַ־זאָרגט יידן מיט אַ „געהעריקער" שול־סיסטעם. ווען משה מאָנטעפיאָרע איז אין 1846 געווען אין פעטערבורג און אָנגעוויזן אויף די פאַרשידענע באַגרענעצונגען פון יידישע רעכט, האָט אוואַראָוו קורץ געענטפערט: „די יידן דאַרף מען פריער איבערדערציען, און ערשט דערנאָך וועט מען זיי קענען געבן רעכט אויף די אָדער אַנדערע פּראָפעסיעס און באַשעפטי־קונגען".

אוואַראָוו איז געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט די יידישע משכילים פון יענער צייט (רי"בל, נ. ראָזענטאַל, ס. זאַלקינד, ה. קאַצענעלבאָגן א"א).

י. ב. לעווינזאָן
(1860־1788)

א. ב. גאָטלאָבער
(1899־1811)

מאַקס ליליענטאַל

אל. צעדערבוים
(1893־1816)

זיי האָבן אים אַ סך „אויפגעקלערט" דורך מעמאָראַנדומס און געשפּרעכן: ער איז אויך געווען אין דייטשלאַנד און אין וואַרשע, און דאָרט זיך באַקאַנט מיט די בילדונגס־אויפטוען פון דער דאָרטיקער מאַכט. אָבער דאָס אַלץ האָט דער גראַף איבערגעקאַכט אויף זיין אייגענעם אופן, ווי אַ געטרייער צאַריש־פּראַוואָסלאַווישער ביוראָקראַט.

אין זיין מעמאָראַנדום צום מלוכהשן „יידישן קאָמיטעט" אין 1841, שרייבט אוואַראָוו: „די פּראַגע וועגן בילדונג פאַר דער יידישער יוגנט שטייט אין אַ נאָענטער שייכות מיט דער גרויסער פּראַגע וועגן יידן בכלל... די בעסערע עלעמענטן ביי יידן פילן, אַז דער תלמוד האָט דעמאָראַליזירט און טוט דעמאָראַליזירן זייערע ברידער... און דער רעגירונג בלייבט נאָר איבער צו ווירקן דאָ אינעם גייסט פונעם דאָזיקן הייפל בעסערע מענטשן צווישן די יידן, און געבן זיי דורך אירע שוץ־מיטלען — דעם געהעריקן איבערוויכט". און ווייטער: „דאָס לערנען אין די ניי־געגרינדעטע שולן דאַרף צו ביסלעך פאַרניכטן אין די יידן זייער פאַנאַטיזם און סעפּאַראַטיזם און באַהעפטן זיי צום אַלגעמיינעם יסוד פון בירגערשאַפט... ווייל צי איז דען נישט די רעליגיע פון קרייץ דער ריינסטער סימבאָל פון אַל־וועלטלעכער בירגערשאַפטלעכקייט?"

אַלס אינסטרומענט אויף דורכצופירן אין דער יידישער געזעלשאַפט זיינע בילדונגס־פּראָיעקטן האָט אוואַראָוו אויסגעקליבן דעם אויבן־דער־מאָנטן ד״ר ליליענטאַל, וועלכער איז מיט אַ פּאָר יאָר פריער געקומען קיין רוסלאַנד, מיט רעקאָמענדאַציעס פון זייער הויכגעשטעלטע דייטשישע אָפּי־ציעלע פּערזענלעכקייט. אַליין אַ פרעמדער אין לאַנד, דערצויגן אויף איי־ראָפּעישע טראַדיציעס, איז ליליענטאַל געשטאַנען פאַר זייער אַ שווערער פּראָבלעם. די רוסישע יידן האָט ער נישט געקענט. קיין יידישע פּרעסע אָדער עפנטלעכקייט איז דעמאָלט נישט געווען. געוווסט האָט ער, אַז די משכילים האָבן אַ פּאָזיטיווע שטעלונג און צוטרוי צו דער רעגירונג, גע־גלויבט אַז זי איז טאַקע אויפריכטיק אויסן די טובה פון דער יידישער באַפעלקערונג מיט אירע בילדונגס־פּלענער, — נו, איז דאָך פון דעם גע־ווען איין טריט צום אויספיר, אַז מען דאַרף אויסניצן די מאַכט פון דער רעגירונג און מיט כוח דורכפירן די שול־רעפאָרם אויף דער יידישער גאַס. האָט ליליענטאַל, נאָך געוויסע פּרוון פון באַוואָרעניש, אָנגענומען דעם אָנבאָט פון אוואַראָוון און צוגעשטעלט זיינע פּראָיעקטן. נאָך פאַרשידענע באַטראַכטונגען איז דער פּראָיעקט פאַרטיק געוואָרן, און ליליענטאַל האָט באַקומען דעם אויפטראָג צו מאַכן אַ רייזע איבער די יידישע גרעסערע קהילות כדי דאָרט צוגרייטן דעם יידישע עולם און געווינען זיינע סימ־פּאַטיעס פאַר די געפּלאַנטע שול־רעפאָרמעס.

זיין ערשטע רייזע האָט ליליענטאַל געמאַכט אין 1841. פריער האָט ער באַזוכט ווילנע, שפּעטער — מינסק. דער אָנגעזעענער משכיל פון יענער צייט, בנימין מאַנדעלשטאַם, האָט אינעם צווייטן טייל פון זיין בוך „חזון למועד" פאַרייביקט עטלעכע בילדער פון אָט די באַגעגענישן ליליענטאַלס מיט די יידישע פאָרשטייערס. אין די דאָזיקע בילדער איז אָפּגעשפּיגלט דער אַראָמאַט פון יענער תקופה...

ראשית, דערציילט מאַנדעלשטאַם וועגן זיין ערשטער פּערזענלעכער באַגעגעניש מיט ליליענטאַלן אין ווילנע. מיט דעם כאַראַקטעריסטישן העברעיש־מליצהדיקן סטיל שרייבט ער אַזוי: „פאַרגאַנגענעם מיטוואָך איז אַהער געקומען ד"ר ליליענטאַל אויפן באַפעל פונעם מיניסטער, וועלכער האָט אים באַפולמעכטיקט צו באַזוכן אַלע גרעסערע שטעט מיט אַ יידישן ישוב, כדי צו באַקענען זיך דאָרט מיטן צושטאַנד פונעם חינוך פון יינגלעך און מיט די חדרים און מלמדים, און צו זען מיט וואָס מען קען פאַרבעסערן די פעלערן זייערע. האָבן אים די חשובים פון אונדזער שטאָט אויפגענומען מיט גרויס כבוד — צי פון ליבע צי פון מורא. — בין איך אויך צוגעגאַנגען צו אים און געזאָגט: נעם צו אויך מיין באַגריסונג פון דיין פאַרערער מאַנדעלשטאַם! — האָט ער מיר דערלאַנגט די האַנט און מאַכט צו מיר: — זיי באַגריסט, מיין ליבער! וואָס זאָגן עפּעס די היגע אייזלען?

— „צי פאַרמאָגסטו אַזאַ צוים און אַזאַ שפּאָן, אַז דו זאָלסט זיי קענען פירן איבער באַרג און טאָל? — האָב איך אים געענטפערט, — אויב דו האָסט נאָר אַ בייטש פאַר אָט די שוטים, וועלן זיי זיך דעמאָלט לאָזן פירן און גיין מיטן רעכטן וועג.

— „איך האָב, כ'האָב, — האָט ער מיר שטיל אַריינגעשעפּטשעט אויפן אויער, — אָבער מאַך אַ שווייג! קיינער אויסער אונדז טאָר פון דעם שמועס נישט וויסן"...*).

דער דאָזיקער קורצער דיאַלאָג כאַראַקטעריזירט די גאַנצע דעמאָלטיקע סיטואַציע. ליליענטאַלס פּראָפּאַגאַנדע איז לכתחילה געווען איינגעשטעלט אויף דער הילף פון דער אויסערלעכער „בייטש". די פּשוטע פאָרשטייערס פונעם פאָלק און אוודאי דאָס פאָלק גופא — דאָס זענען געווען אין זיינע אויגן און אין די אויגן פון די משכילים — „אייזלען", „שוטים" און נישט מער. קיין פאַרשטענדעניש פאַרן אינעווייניקסטן יידיש לעבן האָט ער נישט געהאַט. אין זיין איינשטעלונג צו דער רעגירונג איז ער געווען נאַאיוו ביז גאָר. און דערפאַר האָבן אים טאַקע דערוואַרט זייער גרויסע אַנטוישונגען.

*) חזון למועד, חלק ב', ווין תרל"ז, ז"ז 19—20.

אויף דער פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער ער האָט ברייט פונאַנדערגע־וויקלט די בילדונגס־פּלענער פון דער רעגירונג, האָט ליליענטאַל זיך גלייך אָנגעשטויסן אויף אַ זייער סקעפּטישער באַציונג מצד די פאָרשטייערס פון דער יידישער באַפעלקערונג. דער אָנערקענטער אָרטאָדאָקסישער עסקן ח. נ. פרנס האָט אים געשטעלט עטלעכע זייער הארבע שאלות, הינטער וועלכע עס איז געלעגן אַ טיפער אמת: „צי ווייסט איר וויל, דאָקטאָר, דער רעגירונגס מיין דערביי? דאָס וואָס די רעגירונג טוט לגבי אַלע נישט־פּראַוואָסלאַוונע פעלקער, באַווייזט דאָך קלאָר, אַז זי וויל האָבן אין דער מלוכה נישט מער ווי איין אמונה, זי זאָרגט פאַר איר שטאַרקייט און גרויסקייט, נישט פאַר אונדזער וויל... מיט וואָס זענען יידן זיכער, אַז אין דעם רעגירונגס־פּלאַן שטעקט נישט עפּעס אַ נייער אויפטו קעגן דער יידישער אמונה?... צו אונדזער באַדויערן מוזן מיר אָנערקענען, אַז מיר האָבן נישט קיין צוטרוי צו דעם גראַפס נייע מיטלען און מיט אַ פינצטער געפיל קוקן מיר אויס אויף דער צוקונפט"...*)

ווי עס דערציילט א. י. פּאַפּירנאַ, האָט מען דאָ ליליענטאַלן נאָך גע־פרעגט: „היתכן, ווי קומט עס וואָס די רעגירונג זאָרגט פאַר דער ביל־דונג פון די יידן מער, ווי זי זאָרגט פאַר דער בילדונג פון די קריסטן; יידן קענען דאָך אַלע לייענען און שרייבן, אָבער דער גרעסטער רוב פון די קריסטלעכע בירגער פון רוסלאַנד קענען אפילו נישט זייער אלף־בית, איז דאָך דאָס אַ סימן אַז עפּעס שטעקט דאָ. נאָך איינער פון די עלטסטע פון דער עדה האָט געזאָגט: די יידן ווייסן, אַז דער חינוך פאָדערט אויס־בעסערונגען, אָבער דאָס וועלן יידן טאָן אַליין אָן דער אַריינמישונג פון דער רעגירונג, נאָך דעם ווי זייער לאַגע וועט פאַרבעסערט ווערן, און אויב די רעגירונג וויל באמת טאָן גוטס די יידן, באַדאַרף זי מבטל מאַכן די באַגרענעצונגען און די גזירות" **)

נאָך אַ שאַרפערן אָפּשניט האָט ליליענטאַל געהאַט אין מינסק. דאָ האָט מען אים אַזוי געזאָגט: „בין ווי לאַנג די מלוכה וועט נישט געבן יידן קיין בירגער־רעכט, וועט בילדונג זיין פאַר זיי נישט מער ווי אַן אומ־גליק. אַ פּשוטער אומגעבילדעטער ייד שעמט זיך נישט מיט אַזאַ געמיינער באַשעפטיקונג ווי מעקלעריי אָדער קליין־קרעמעריי, ער געפינט אַ טרייסט אין זיין אמונה און ער האָט בטחון. אָבער אַ יידן אַ געבילדעטן, אַן אויפגעקלערטן, וואָס טאָר זיך נישט קערן און ווענדן אין דער מלוכה, וועט די אומצופרידנקייט מיט זיין נידעריקן מצב מוזן ברענגען דערצו,

*) מ. מרגולית — וואָפּראָסי יעוור. זשיזני, ספּ"ב 1889, ז' 21.

**) ציטירט לויט צ. שאַרפשטיינס בוך, זייט 268.

ער זאָל זיך שמדן. פאַר אַזאַ מין תכלית וועט קיין שום ערלעכער פאָטער נישט אָפּגעבן זיין קינד אין קיין נייער שול״.

אין מינסק האָט די אָפּאָזיציע אָנגענומען אַ ברייטן מאַסן־כאַראַקטער. הגם ליליענטאַל האָט פּאָרזיכטיק צוגעגרייט די פאַרזאַמלונג און אָפּריער באַזוכט אַ סך חשובע שטאָט־בעלי־בתים אין זייערע פּריוואַטע הייזער, האָט דאָס אַלץ נישט געהאָלפן. דער אויבנדערמאָנטער בנימין מאַנדעלשטאַם שילדערט אַזוי די מינסקער פאַרזאַמלונג:

„איז אָט ווי נאָר ער (ליליענטאַל) האָט אָנגעהויבן צו רעדן צו זיי און זאָגן זיי אַזוי און אַזוי, האָבן אַ סך פון דער עדה געהאַט די העזה אים צו זאָגן אין פּנים: „ביסט אַ ליגנער, קיין שום מיניסטער האָט דיך נישט געשיקט״. אַ טייל פון זיי האָט אַפילו גערעדט צו אים גאָר הארבע ווערטער: „וואָס ווילסטו, עוכר ישראל, פון אונדז? וואָס ביסטו געקומען אומברענגען אונדזער הייליקייט און פאַרדאַרבן אונדזערע קינדער און יונגנטלעכע? מיינסטו אונדז אויסצושמדן, אַזוי ווי דו האָסט אָפּגעשמדט אונדזערע ברידער אין ווילנע?״. און די איינגעהאַלטענערע צווישן זיי זענען צו אים צוגעגאַנגען און אים אַזוי געעצהט: „זאָג זיך אָפּ פון דעם, און אויב ס'איז אַ גזירה פונעם קיסר צו געבן אונדזערע קינדער אַ נייע תורה, האָבן מיר דאָך געענוג לאָבוזעס און גאַסניונגען, וואָס מיר וועלן זיי קענען באַקומען פאַר היפּש געלט און אַוועקגעבן זיי אָנשטאָט אונדזערע קינדער אין די שולן, פּונקט אַזוי ווי מיר נעמען פון צווישן זיי אויך זעלנערס: מיר זאָלן אָבער פאָלגן יענע וואָס שטויסן אונדז אָפּ פון אונדזער אמונה, און מיר זאָלן מיט אונדזערע אייגענע הענט אַוועקגעבן אונדזערע קינדער פאַרן מולך פון דער השכלה — אַזאַ אומווירדיקייט ביי יידן וועלן מיר נישט טאָן!״

„אָט אַזוי — שרייבט ווייטער מאַנדעלשטאַם — האָבן אים באַלייִדיקט און חוזק געמאַכט פון אים די מינסקער שקצים פאַרן גאַנצן עולם, און עס האָט זיך נישט געפונען אַפילו איינער, וואָס זאָל זיך אָננעמען פאַר אים און פאַר דער גוטער זאַך! און אַז ער האָט דערזען אַז קיינער העלפט אים נישט, האָט ער זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט זיין מאַנטל און אַוועק צו זיך אין אַכסניה אַ צעקלעמטער און פאַרצוקטער. און איבער דער גאַנצער שטאָט האָט זיך געטראָגן אַ נצחון־געשריי: :„מיר האָבן באַזיגט דעם גלוח! מיר האָבן געראַטעוועט אונדזערע זין״! — זיי האָבן אַפילו גערעכנט אים צו טאָן (פיזיש) שלעכסט, אָבער דער גוטער גובערנאַטאָר האָט אים באַשיצט און אים געגעבן שומרים אויף צו היטן אים, — און אַזוי גייט ער אַרום איצט ווי אַ געפאַנגענער, און דער גאַסן־המון

באַגלייט אים פון פאָרנט און פון הינטן, און טייטלט אויף אים מיט די פינגער און שרייט אים נאָך: „אוועק דו, גלוח! אוועק דו, גלוח!" *)

אויף צוריקוועגס איז לילייענטאַל ווידער געקומען קיין ווילנע, דאָס מאָל — מיט אַ „בייטש". מען האָט צונויפגענומען דעם קהל אויף אַן אסיפה און אין נאָמען פון גובערנאַטאָר האָט מען דערלאַנגט די פאַר־זאַמלטע צוויי פּאַפּירן — איינעם פאַרן שול־פּראָיעקט און דעם צווייטן קעגן. און מען האָט געהייסן יעדן איינעם חתמענען איינעם פון די פּאַ־פּירן. „און דאָס איז טאַקע געווען — דערציילט מאַנדעלשטאַם מיט דער גאַנצער נאַאיווקייט — אַ באַהאַלטן שפּיצל פונעם דאָקטאָר און זיינע חברים: כדי די דאָזיקע לאָבוזעס זאָלן מורא האָבן אַרויסצוזאָגן זייער מיי־נונג שריפטלעך, ווייל דאָ קענען זיי געשטראָפט ווערן, ווען דער גובער־נאַטאָר וועט זיך דערוויסן די נעמען פון די קעגנערס...

„...האָט דער שניידער געשריען: מען דאַרף אים די אויגן אויס־שטעכן מיט אַ נאָדל! און דער שוסטער: מען דאַרף אים דאָס אויער דורכ־לעכערן מיט אַן אָל! דער קצב: צעברעכן אים די ביינער און די קישקעס אים אַרויסלאָזן! דער שלאָסער: מען דאַרף אים פאַרשליסן דעם פּיסק מיט אַ שלאָס וואָס זאָל זיך קיין מאָל נישט עפענען!

„אַזוי האָבן זיי אַלע צוזאַמען חוצפּהדיק גערעדט, און די מלמדים אין מיטן האָבן געשריען: שטאַרקט זיך, ברידער! נעמט זיך אָן פאַר אונדזער פאָלק און יוגנט! און זאָל אונדזער תורה נישט אונטערגיין! און זאָל אונדזער אמונה נישט אומקומען! שטאַרקט זיך און האַלט זיך פאַר די מנהגים פון אונדזערע אבות! מען דאַרף נישט קיין ליילענטאַלן! מיר ווילן נישט וויסן פון זיין חברה! מיר ווילן נישט גיין מיט זייער דרך! און דאָס גאַנצע פאָלק שרייט זיי נאָך: ניע זשעלאַיעם! ניע זשעלאַיעם!"

„איז די זאַך אָנגעקומען צום גובערנאַטאָר, האָט ער געשיקט דעם פּאָ־ליצמייסטער אָנזאָגן זיי, אַז ער וועט זיי אַלם בונטאָווטשיקעס אַריינזעצן אין אויסבעסערונג־הויז און אין אָסטראָג, אויב זיי וועלן זיך נישט באַ־רואיקן און זיך נישט פונאַנדערגיין אין זייערע הייזער; אָבער ווער קען דאָס איינהאַלטן אַזאַ המון? און אומזיסט האָט דער נאַטשאַלניק זיך גע־בייזערט און געשאָלטן דעם עולם, אומזיסט האָט ער אַרויסגעלאָזט אויף זיי זיינע פּאָליציאַנטן צו שלאָגן זיי אָן רחמנות, זיי האָבן ווייטער נישט אויפגעהערט צו שרייען: ניע זשעלאַיעם! ניע זשעלאַיעם!... אַזוי האָט אויך דער פּאָליצמייסטער גאָר נישט דערגרייכט און ער איז געקו־מען צום גובערנאַטאָר צוריק אַזוי ווי פריער. האָט אים יענער געהייסן: לויף אַהין אַ צווייטן מאָל און כאַפּ די ערשטע וואָס וועלן זיך דיר טרעפן,

*) דאָרט, זייט 26.

און ווארף זיי אריין אין תפיסה. האט ער אזוי געטאן, און יעמאלט האט דער עולם נאכגעלאזט און יעדערער איז אוועק צו זיך אהיים...

„אויך ר. איז געוועז צווישן די בונטאוושטיקעס, און ער איז דאך א מענטש וואס מען האט אים שוין ארויסגעטריבן פון מיליטער־דינסט צו־ליב שטארק שיכורן, ער איז דאך א מענטש וואס האט שוין אפגעטאן מער פון אלע לא־תעשהס וואס שטייען אין דער תורה... איז אט ווען איך בין געשטאנען פאר מיין וווינונג אויסצוהערן אלץ וואס איז פאר־געקומען אויף דער פארזאמלונג, קומט ער צו לויפן פון קהילה; פון זיין שטערן קייקלען זיך טראפן שוויס, פון זיינע וואנסעס און ברעמען שפריצט מיט שרעק... ער גייט פארביי מיר און קוקט מיר נישט אין פנים, כאטש תמיד גריסט ער זיך צו מיר...

„וואס איז עס פאר א געשרייען וואס איך הער?

— „דאס האב איך אויפגעהויבן מיין שטים פארן עולם ווען איך האב דערזען, אז קיין איין מענטש נעמט זיך נישט אן פאר אונדזער היי־ליקער תורה, און איך האב זיך דעריבער אוועקגעשטעלט אין הייליקן קאמף און איך האב אויסגערופן מיט א שטארקער שטים: מיר ווילן נישט גיין אין די וועגן פון ליליענטאלן און זיין קאמפאניע! האט זיך דאס גאנצע פאלק געלאזט נאך מיר, און די גאנצע מחנה האט זיך צעשטורעמט! און וואלטן זיך אט די רשעים נישט אפגעטראגן פון דער פארזאמלונג, וואלטן מיר צו זיי אויסגעלאזט אונדזער גאנצן צארן.

— „און ווי האט איר זיך אזוינס דערוועגט און גאר נישט מורא גע־האט נישט פארן פאליצמייסטער, נישט פארן גובערנאטאר?

— „וואס איז אונדז דער פאליצמייסטער? און וואס וועט אונדז טאן דער גובערנאטאר? מען האט דאך אונדז גערופן, מיר זאלן ארויסזאגן אונדזער מיינונג, טא האבן מיר געזאגט אלץ וואס ביי אונדז אויפן הארצן.

„אזוי ווי ער האלט נאך אין מיטן רעדן, אין אנוועזנהייט פון זיינע אייגענע און פון גאנצן עולם וואס איז געקומען זיך פרייען צוזאמען מיט אים צוליבן נצחון, זענען אים פלוצלונג באפאלן פיר זשאנדארמען; ער האט זיך באלד געלאזט לויפן און האט זיך אויסבאהאלטן אין בית מדרש, — האבן זיי אים אנגעכאפט פארן אקסל, פאר דער בארד און פאות, א שליידער געטאן אים אויף דער ערד, און ער רייסט זיך און שרייט: „דאס בין נישט איך דער מענטש וועלכן איר זוכט!". און זיי לאכן פון אים: נו, פרוווט זיך נאך אמאל שרייען: ניע זשעלאיעם!".

„אט אזוי האבן די זשאנדארמען פון אים געחוזקט און אים אוועק־געשלעפט אין טורמע".

דארף מען נאך עפעס צוגעבן צו אט דעם זאפטיקן בילד? מיר האבן דא פאר אונדז קלאר די שטימונג פון פשוטן פאלק, פון דער אינטעלי־

גענץ און פון די משכילים; מיר זעען דאָ די מעטאָדן מיט וועלכע לי־ליענטאַל האָט געוואָלט פאַרשפּרייטן ליכט אין תחום.

אין 1842 האָט ליליענטאַל געמאַכט אַ צווייטע רייזע איבערן יידישן תחום — דאָס מאָל בעיקר אין די דרומדיקע שטעט, און דאָ האָבן זיינע שול־פּלענער אָנגעטראָפן אַ מער גינסטיקע באַציונג. אָבער אַפילו אין אָדעס האָט מען ליליענטאַלן געגעבן אָנצוהערן אַז זיין וועג איז נישט דער ריכ־טיקער — אַז ער פאַרגעסט וועגן דעם עיקר, וועגן בירגער־רעכט. ווען ליליענטאַל האָט אין אָדעס אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג מיט די אָרטיקע פאָרשטייער, האָט די באַראַטונג אָפּן פאָרמולירט די פאָדערונג וועגן אויס־ברייטערן די רעכט פון די יידן. שפּעטער איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אַ מעמאָראַנדום מיט אַ גרויסער צאָל אונטערשריפטן, און דאָ איז געווען געזאָגט אַזוי: „אָן רעאַלע רעכט און פּריווילעגיעס, פון וועלכע עס געניסן אַלע זין פון רוסלאַנד, וועט סיי די וויסנשאַפט, סיי די קונסט, סיי די אויפקלערונג פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אומגליק פאַר די אייניקלעך פון אוראַלטן יעקב... וואָרעם איצט ווען אונדזערע גלויבנס־לייט אָנערקע־נען נאָך אפשר נישט זייער באַרוף צו אַ העכערער מדרגה אין דער געזעל־שאַפט, טראָגן זיי איבער מיט געדולד די פאַרדינטע צי נישט־ פאַרדינטע צרות און דערנידערונגען, — ווען אָבער זיי וועלן אָנערקענען זייער זעלבסט־ווערט, וועלן זיי שטאַרקער דערפילן די שווערקייט פון זייער לאַגע".*)

אין זיין באַריכט וועגן זיין רייזע איבערן תחום האָט ליליענטאַל טאַקע געשריבן דעם בילדונגס־מיניסטער, אַז בכדי די געפּלאַנטע שולן זאָלן באמת האָבן דערפאָלג, מוז מען קודם כל באַפרייען די יידן פון זייער רעכטלאָזער לאַגע; מען דאַרף געבן די יידן גלייכבאַרעכטיקונג, אויסטיילן

---

*) אין ספר הזכרונות פון ד. ב. נאַטאַנזאָן (וואַרשע 1875, ז. 70) ווערט געבראַכט אַ בריוו צו ריב"ל פון אריה־לייב טיקטין, (אָדעס, תר"ב). ווו ער שרייבט: „נעכטן האָבן זיך פאַרזאַמלט אַלע בכבודע יידן פון אָדעס און זיך מישב געווען וועגן דינגען פאַר ליליענטאַלן אַ שיינע וווינונג מיט אַ גרויס צימער אויף אָפּצוהאַלטן דאָרט פאַרזאַמלונגען פון איינגעלאַדענע פאָרשטייער, מיהאָט אויך צוגעגרייט פאַר דיינעטוועגן אַ קאַרעטע מיט פערד אויף דער גאַנצער צייט, וואָס ער וועט דאָ זיין. מע וועט אויך מאַכן נאָר זיין כבוד וועגן אַ מאָלצייט, און דאָס אַלץ וועט אָפּקאָסטן 15 הונ־דערט רובל... ווי גוט וואָלט געווען ווען דאָס אַלץ איז געבויט אויף אמת און פרידן, אָבער אינעם דאָזיקן שטאָרקן ווין איז אַריינגעמישט ביטערקייט און סם, חניפה און קנאה, און נאָך־כבוד־יאָגעניש אויף טריט און שריט".

זיי ערד צו קאָלאָניזאַציע, גרינגדן פאַר יידישע ארבעטער פאַבריקן אאז"וו. ער האָט ארויסגעלאָזט א מין מאַניפעסט צום יידישן פאָלק אונטערן נאָמען „מגיד ישועה" און דאָרט גערעדט וועגן דעם, אז מען דאַרף האָפן, אז די „ממשלה הרוממה" וועט פאַר אונדז עפענען „די טירן פון נייע פּרנסות". עס האָבן זיך אויך געפונען א פּאָר משכילים, וועלכע האָבן אין דעם זינען געווירקט אויף ליליענטאַלן (ראָזענטאַל). שפּעטער מיט יאָרן, ווען ליליענטאַל איז שוין געווען אין אמעריקע, ווּהין ער איז אנטלאָפן פון רוסלאַנד א טיף־אַנטוישטער, האָט ער דערציילט וועגן זיינע דעמאָלטיקע שמועסן מיט אוואַראָוון. אויף דעם לעצטנס טענה וועגן דער „עם־האַרצישקייט, פאַרדאַרבנקייט און אָפּגעשטאַנענקייט" פון די רוסישע יידן, האָט אים ליליענטאַל אזוי געענטפערט: „יעדן שטער וואָלט מען גרינג געקענט בייקומען, ווען דער קיסר זאָל ארויסווייזן זיין חסד און שענקען די יידן מיט א מאָל פולע עמאַנסיפּאַציע. דאָס איז דער איינציקער וועג צו פאַרענטפערן די רעטעניש, וואָס אזוי פיל אָנגעזעענע מלוכה־טוערס באַמיען זיך זי צו לייזן. ווי ווייניק איך בין נישט באַקענט מיטן כאַראַקטער פון די רוסישע יידן, האָב איך דאָך דעם מוט צו גאַראַנטירן, אז במשך פון צען יאָר וועלן זיי איבערשטייגן גאָר דרייסטע דערוואַרטונגען פון דער קייסערלעכער רעגירונג". אוואַראָווס ענטפער איז געווען: „זאָלן יידן מאַכן די התחלה, זאָלן זיי פאַרדינען דעם חסד פונעם קיסר". ליליענטאַל האָט זיך געבעטן, מען זאָל „כאָטש אין דער פּערספּעקטיוו" צוזאָגן יידן די אויסלייזונג פון תחום, אָבער אוואַראָוו האָט ווייטער געענטפערט: „אוממעגלעך" *).

כדי דאָך צו דערשלאָגן זיך צו זיינס, האָט ליליענטאַל זיך געלאָזט אויפן וועג צו געווינען די אָרטאָדאָקסיע. ער האָט געפירט שמועסן מיט דעם וואָלאָזשינער גאון ר' יצחק און מיטן ליובאַוויטשער רבין מנחם מענדל שניאורסן און ביי א געלעגנהייט האָט ער אָפּגעגעבן א פייערלעכע שבועה אין שול ערב יום כיפּור: „איך שווער ביי דעם, וואָס זיין נאָמען רוט דאָ אין הויז און ביי דער ספר תורה, אז מיין כוונה איז נאָר לשם שמים און פאַר דער טובה פון יידישן פאָלק, און איך האַלט אז די כוונה פון דער רעגירונג מיט אירע געפּלאַנטע שול־רעפאָרמעס איז אויך לטובת אונדזערע ברידער, און נאָך שווער איך אז אויב איך וועל זיך איבערצייגן אז איך האָב זיך טועה געווען און איך וועל אין די האַנדלונגען פון דער רעגירונג דערזען אז זי רירט אָן אונדזער הייליקן דת, וועל איך זיך ארויסציען פונעם גאַנצן דאָזיקן עסק".

*) זמ"ב „קאַזיאָנניע יעוורעסקיע אוטשילישטשאַ", 1920, ז"ז 16 און ווייטער.

מיט דעם האָט ער אַ ביסל באַרואיקט דעם פרומען עולם. דער עיקר אָבער, זיי האָבן זיך איבערצייגט אַז די רעגירונג מיינט עס ערנסט און קיין רעטונג איז נישטאָ. און אַזוי ווי עס איז צו דעם צוועק פון ענדגילטיקער אויסאַרבעטונג פון דער שול־רעפאָרם אויסגעבילדעט געוואָרן אַ רבנים־קאָמיסיע, אין וועלכער די צוויי דערמאָנטע רבנים זענען אויך אַריין, האָט די אָרטאָדאָקסיע געהאָפט, אַז זי וועט עפּעס אָפּשרייען.

ווי געזאָגט, איז שפּעטער ליליענטאַל אַוועק פון רוסלאַנד, גאַנץ פּלוצלונג, און אַ טיף אַנטוישטער. ער האָט טאַקע געהאַלטן זיין שבועה: ער האָט זיך איבערצייגט, אַז די רעגירונג טראָגט זיך אַרום מיט גרויסע מיסיאָנערישע פּלענער, און אַז קיין בירגעררעכט קלייבט זי זיך נישט צו געבן יידן.

די שול־רעפאָרם איז אָבער דורכגעזעצט געוואָרן און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון יידישער בילדונג און דערציאונג אין צאַרישן רוסלאַנד.

* *
*

מענדעלע מוכר ספרים האָט פאַראייביקט דאָס בילד פון יענער תקופה אין זיין באַרימטן בוך „שלמה ר' חיימס". „יידן אין שטעטל — דערציילט ער אין קאַפּיטל 8 — זענען אַרומגעגאַנגען אָן קעפּ, מען האָט געזיפצט, געקרעכצט און גערעדט פון די שקאָלעס. דערביי געמורמלט אויף עפּעס אַ דייטשל, אַ ליליענטאַל, וואָס פון אים און נאָך אַזעלכע ווי ער „בערלינער", קומט דאָס גאַנצע שפּיל אַרויס. נוען האָט געמאַכט אסיפות און געטראַכט, וואָס טוט מען עפּעס דערצו. ס'איז געבליבן: מען זאָל גוזר־תענית זיין, זאָגן תהילים, רייסן קברים און איינלייגן די וועלט. מלמדים נעבעך זענען געווען געפּלעפט, שטאַרק דערשלאָגן, האָבן געציטערט פאַר זייערע קנעלונגען. די שקאָלעס וועלן זיי דאָך דערגיין דאָס לעבן, מאַכן דעם טויט. אַז גאָט אַליין וועט זיך דאָ נישט אַריינמישן, נישט טאָן עפּעס אַ נס, וועלן זיי דאָך בלייבן אויסגעשטעלט. עס פאַרשטייט זיך דעריבער, ווי שטאַרק נעבעך זיי האָבן געפּילדערט, אונטערגעהידעט דער עולם. אַלע טאָג פרי און פאַרנאַכט זענען די שולן פול געווען פון יידן. מלמדים האָבן געפירט אַהין קינדער פון די חדרים. מען האָט געזאָגט געוויסע קאַפּיטלעך תהלים, געוויינט, געפאַסט. דער ערשטער תענית שלמהלעס איז געווען יענער, וואָס וועגן די שקאָלעס. ווייבער זענען געגאַנגען אויף קבר אבות, געמאָסטן פעלד און פאַרגאָסן טייכן טרערן. ס'איז געווען אַ פאַרווייַנטער זומער!"

פאַרשטייט זיך, אויך דאָס יידישע פאָלקסליד האָט פאַראייביקט די באַשריבענע עפּאָכע. אין איין פאָלקסליד ווערט געזאָגט:

זאָלן מיר אַזוי פטור ווערן פון יענעם גלות,
ווי גיך מע וועט צעטרייבן פון די שקאָלעס!*)

און אָט איז אַן אַנדער פאָלקסליד פון יענער צייט, געשריבן לויטן אלף־בית און מיטן רעפרען:

שרייט מען, שרייט מען ליליענטאַל,
ליליענטאַל איז דער בעסטער פאַל!
א. אַפּיקורסים ביי היינטיקע יאָרן
זענען יידישע מנהיגים געוואָרן.
ב. בערדלעך געגאָלטע,
צורקעס געמאָלטע.
ג. געקליידעט ווי גוים,
מאַכן יידישע קינדער פאַר רשעים.
ד. דאַווענען נישט אַ וואָרט,
אין אַלע קלובן איז זייער אָרט.
ה. הולטאַיעס, יונגאַצעס —
פּסח אָן מצות.
ז. זינגען טריפע לידער —
עס צעגייט זיי אין אַלע גלידער.
ח. חזיר און טריפות טוען זיי עסן,
אין גאָט האָבן זיי פאַרגעסן.
ט. טריפניאַקעס, אוכלי נבלות
מאַכן ביי יידן שקאָלעס.
י. יודיל אָפּאַטאָוו —
איז זיך מיט זיי נישט משתּף.
שרייט מען, שרייט מען ליליענטאַל,
ליליענטאַל איז דער בעסטער פאַל!*)

צום סוף לאָמיר נאָך ברענגען אַ ציטאַטע פון אַ פּאָעמע, וואָס עס האָט אָנגעשריבן אונטערן נאָמען „די יונגע יאָרן" דער העברעאישער דיכטער י. ל. גאָרדאָן, איינע פון זיינע געציילטע זאַכן אויף יידיש אין דער קליינער יידישער זאַמלונג „שיחת חולין" (ז"ז 18—19). גאָרדאָן האָט דאָ געגעבן

---

*) לידער־זאַמלונג פון גינזבורג און מאַרעק (רוסיש), נומ' 54.

*) זכרון יעקב, ערשטער טייל, ז' 80.

אַ פּרעכטיק בילד פון דער אַטמאָספער פון דער אַנטי־שקאָלעס־באַוועגונג. גאָרדאָן איז געבאָרן געוואָרן אין 1830, אַזוי אַז ער האָט גוט געדענקט יענע צייט. אַליין דער „ליבּ" פון דער השכלה־תקופה, האָט — ער פאַר־שטייט זיך — געשריבן וועגן דעם „שקאָלעס ניע זשעליאָעם" מיט משכּי־לישער ביטול־איראָניע:

„איך געדענק אַמאָל, גאָר נישט גערידט, אַזוי גלאַט
האָבן מיר אַ גאַנצע וואָך אַ יומא דפגרא געהאַט.
צו אונדז איז געקומען פון אַ ווייטן אָרט
עפּעס אַ — אַ טייטשל מיט אַ געגאָלטער באָרד,
מיט לאַנגע פּלודערן, מיט אַ סורדוט אָן פאָלעס,
מיט אַ סאַמעטענעם קאָלנער, מיט קנעפּ און שפּאַקולן,
און האָט געוואָלט מאַכן פאַר יידן שקאָלעס,
אָדער, ווי ער האָט עס גערופן, שולן.
ער האָט צונויפגערופן אויפן שולהויף אַלע יידן,
און האָט זיי געוויזן פון אויבערוועדטס איין אוקאַז,
און האָט זיי געפרעגט, אויב זיי זענען צופרידן,
אַז זייערע קינדער זאָלן גיין אין קלאַס.
פאַרשטייט זיך, אַז עס איז געבליבן ריין,
מען זאָל אויף אַלצדינג ענטפערן ניין און ניין,
און אום צו מאַכן דעם ליאַרעם גרעסער,
האָבן אַלע מלמדים צוגעמאַכט די חדרים,
זיי זענען אַלע געגאַנגען עם כל הנערים,
די קלויזן האָבן אַרויסגעלאָזט די טעג־עסער,
די אָרעמע בחורים, די פּאַטראָנעס,
און אַלע האָבן געמוזט שרייען אויף יוונית:
זנאַט ניע זנאַיעם,
שקאָלעס ניע זשעלאַיעם!"

* *
*

די מלוכה־פירער בראש מיט אוואראָוון האָבן בכיוון פאַרוואַנדלט די יידן־פראַגע אין אַ ענין פון אויפגעצוואונגענער בילדונג. פון קאַמף מיטן תלמוד און מיט פרומקייט, זיי האָבן זיך כלומרשט איינגעשטעלט פאַר דער העברעאישער שפּראַך און תנ"ך. הגם אין לאַנד, בנוגע דער היימישער רוסישער באַפעלקערונג, האָט מען זיך געהאַלטן ביים כלל, אַז וואָס ווייניקער בילדונג — אַלץ געזינטער, איז מען אָבער לגבי יידן געווען גרויס־

מוטיק און געהאַלטן אין איין טראַכטן, ווי אַזוי זיי מזכה צו זיין מיט בילדונג.

ליליענטאַל, ווידער, און די משכילים האָבן אחוץ דער אַבסטראַקטער בילדונגס־פראַגע גאָרנישט געזען, גאָרנישט באַמערקט. נישט די שווידער־לעבע רעכטלעכע לאַגע פון יידישן פאָלק, נישט דעם ווידערשטאַנד פון דער מאַסע קעגן דער אָנגעוואָרפענער שול, נישט דעם פאָלקס לעבנסשטייגער און זיין יידיש לשון, — קיין זאַך איז זיי נישט אָנגעגאַנגען...

די קאַזיאָנע שול, דאָס פאָלק און די אינטעליגענץ

נאָך לאַנגע באַראַטונגען, קאָמיסיעס און מעמאָראַנדומס איז געקומען דער געזעץ פון 13־טן נאָוועמבער 1844. לויט דעם געזעץ דאַרפן זיך עפענען פאַר יידישע קינדער ספּעציעלע שולן וועלכן האָבן געטראָגן דעם נאָמען „קאַזיאָנע" (קרוינישע). די צאָל שעהן אויף יידישע לימודים צוזאַמען מיט תלמוד — פאַרנעמט אַ העלפט פון לערנפּלאַן; דערביי דאַרפן די רעליגיעזע לימודים געלערנט ווערן נישט אין טראַדיציאָנעלן גייסט נאָר לויט לערנביכער וואָס זענען אַרויסגעגעבן פון בילדונגס־מיניסטעריום מיט דייטשער איבערזעצונג. עס האָט אויך געזאָלט צוביסלעך געענדערט ווערן די פּראָגראַם פון חדר. פאַר די מלמדים האָבן געזאָלט איינגעשטעלט ווערן עקזאַמענעם פון העברעאישער גראַמאַטיק א"אַ, שפּעטער אויך פון רוסיש און פון דייטש. דער געזעץ פון 1844 איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ געהיימער אינסטרוקציע, אין וועלכער עס איז צווישן אַנדערע געווען געזאָגט: „דער צוועק פון בילדן יידן איז דערנעענטערן זיי צו דער קריסטלעכער באַפעלקערונג און אויסוואָרצלען די פאָראורטיילן, וואָס דער תלמוד פלאַנצט איין ביי יידן". אין דער אינסטרוקציע איז אויך געווען אָנגעוויזן, אַז פאַרוואַלטערס פוןביידע טיפּן קאַזיאָנע שולן (1־טע און 2־טע קאַטעגאָריע) זאָל מען נעמען נאָר קריסטן; אויך דירעקטאָרן אין די ראַבינער־שולן, וואָס דער זעלבער געזעץ האָט איינגעפירט, זאָלן זיין נאָר קריסטן. אינעם זעלבן יאָר 1844 איז „לויטן אייגענעם ווילן פון די יידן" איינגעשטעלט געוואָרן אַ ספּעציעלער אָפּצאָל פון די שבת־ליכט, און אויפן חשבון פון אָט דעם נייעם שטייער האָט מען באַדאַרפט אויסהאַלטן די ניי־איינגעשטעלטע שולן.

די שול־רעפאָרם איז אַקאָמפּאַנירט געוואָרן מיט אַ באַפעל פון 1846 וועגן „ראַזבאָר": די יידישע „מעשטשאַנעס" וואָס האָבן נישט געהאַט קיין אומבאַוועגלעכן פאַרמעגן, האָבן זיך געמוזט „פאַרוואַנדלען" אין האַנטווערקער אָדער ערד־אַרבעטער. דאָס איז געווען די קאָנסעקווענץ פון דער

לאנג־פארטראכטער פארטיילונג פון יידן אויף „נוצלעכע" און „אומנוצלעכע". די דאזיקע פאראָרדענונג און אויך די באניימע גירושים האבן פארשאפט א היפש ביסל צרות דער יידישער באפעלקערונג*).

ווי א צוגאב איז נאך געקומען אזא משונהדיקער פראיעקט פון ניקאלאי 1, וועלכער איז געווען באהערשט פון א מיסיאנערישער מאניע: דעם 5 יוני 1945 האט דער אבער־פראקוראר איבערגעגעבן דעם סינאד אזא פאראָרדענונג: „זיין מאיעסטעט דער קיסר האט אלערהעכסט באפוילן איינצופירן א פראוואסלאווע גאטעס־דינסט אין דער יידישער שפראך אין בערדיטשעוו, אין איינער פון די דארטיקע צערקוועס, און עפענען ביי איר א שול"... שפעטער איז דער דאזיקער פראיעקט רעדוצירט געווארן צום באפעל פון יאנואר 1846: „באניגענען זיך דערוויל נאר מיט איבערזעצן די תפילה־ביכער אויף יידיש און אפליינן די איבעריקע פאראָרדענונגען ביז א באזונדער באפעל" **)

אט אזוי האט זיך אנגעהויבן די נייע קולטור־סיסטעם פון אויסלייטישן יידן מיט קאזיאנע שולן; די „קולטור" איז געווען באגלייט מיט אן אקאמפאנימענט פון מיטל־אלטערלעכע רדיפות, עלילת דם און ליקווידאציע פון דער אויטאנאמיע פון דער יידישער קהילה. „עס האט זיך אנגעהויבן — שרייבט דער היסטאריקער פון דער יידישער שול - און קולטור־באוועגונג פ. מארעק — א תקופה בילדונג בגעוואלד, וואס צייכנט זיך אויס מיט קעגנזייטיקן אומצוטרוי פון די בילדונגס־פארשפרייטער און פון די וועמען מען האט געזאלט בילדן". ***)

מיט אומצוטרוי צו די נייע שול־רעפארמען איז געווען דורכגעדרונגען די פאלקסמאסע. דאס איז געווען איר פאסיווער קאמף קעגן דעם רעזשים פון אומרעכט און שינאה לגבי יידן. אנדערש איז געווען די אינטעליגענץ: זי איז ווייטער געווען אין די פענטעס פונעם כישוף פון השכלה און בילדונג...

לכתחילה האט אוווראוו זיך אריענטירט, אז די אויספירער פון די נייע בילדונגס־פלענער וועלן זיין דייטשע יידישע אינטעליגענטן, און עס זענען שוין אפילו אנגעגאנגען פארהאנדלונגען וועגן ארויסברענגען פון דייטשלאנד און עסטרייך א פאר הונדערט לערער פאר די קאזיאנע שולן.

*) ש. גינזבורג „היסטארישע שריפטן", ב. 2, ז' 174.

**) ש. גינזבורג דצ"ו, ב. 2, ז' 235—238.

***) פ. מארעק: אטשערקי פא איסטאריאי פראסוועשטשעניא יעווריעוו וו ראסיאי (רוסיש), מאסקווע 1909, ז. 46.

שפּעטער אָבער האָט אוואראָוו זיך אָפּגעזאָגט פון דעם פּלאַן. פאַר די אַרטיקע משכילים האָבן זיך געעפנט נייע פּערספּעקטיוון. מען האָט געזוכט זכות אבות צו ליליענטאַלן און געבעטלט ביי אים וועגן פּראָטעקציע. וואָרעם אחוץ דעם וואָס זיין אַ לערער אין אַ קאַזיאָנער שול איז געווען אַ גאַנץ גוט באַצאָלטער פּאָסטן פון 225 רובל יאָר געהאַלט, זענען דערמיט געווען פאַרבונדן נאָך אַנדערע פּריווילעגיעס: דער לערער און זיינע קינדער זענען געווען באַווארנט פון די 25 יאָר מיליטער־דינסט; דאָס איז אויך געווען אַ סגולה באַפרייט צו ווערן פון צאָלן שטייערן און אוודאי פון די ספּעציעל־יידישע שטייערן (ליכט, קאָראָבקע א״א).

די פאָלקסמענטשן און די פרומע עלעמענטן האָבן דאָס אַלץ גוט געזען און אָפּגעשאַצט. און די מחיצה צווישן די משכילים־לערער און דער מאַסע איז געוואָרן אַלץ גרעסער. דער לערער איז געווען פרעמד לויט זיינע טענדענצן און פירונג און פּריווילעגירטן מצב; הינטער זיינע פּלייצעס האָט די מאַסע געפילט דעם כוח פון פאַרהאַסטן פּריסטאַוו. דער לערער איז געווען דאָס געהאַרכזאַמע געווער פונעם פיינטלעכן און אומקולטורעלן קריסטלעכן „סמאָטריטיעל“ פון דער שול. די שער צווישן דער יידישער מאַסע און איר אינטעליגענץ — האָט ווייטער געאַרבעט...

„דאָס פאָלק האָט געזען אין ניקאָלאַי 1־ם מלוכהשאַפט איין כסדרדיקע קייט פון רדיפות און נגישות, וואָס זייער משא האָט דאָס פאָלק געפילט אויף יעדן שריט. אין יעדער אונטערנעמונג פון דער רעגירונג האָט עס אינסטינקטיוו דערפילט אַן אָנגריף אויף זיין אמונה, אויף אַלץ וואָס אים איז הייליק און טייער; יעדער מלוכה־פאַראָרדענונג האָט אין אים געוועקט טיפן אומצוטרוי און געפיל פון מורא. אָבער די אינטעליגענץ האָט געהאַלטן אין איין רימען די זאָרגעוודיקייט פון דער ניקאָלאַישער רעגירונג פאַר דער גייסטיקער טובה פון די יידן, פאַרן הייבן זייער קולטור־ניוואָ... פאַר דער פאָלקסמאַסע איז אָבער, פאַרקערט, דער שווערפּונקט פון דער רעגירונג־סיסטעם געלעגן אין אירע באַגרענעצנדיקע, אונטערדריקערישע טענדענצן, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעוויזן גלייכצייטיק מיט די בילדונגס־כוונות, אָבער אין אַ סך פילבאַרער מאָס“.*)

שפּעטער מיט יאָרן, כדי צו געווינען דעם צוטרוי פון דער מאַסע, האָט די רעגירונג איינגעפירט דעם אינסטיטוט פון ערן־משגיחים, אַרויסצווינגענדיק דעם דאָזיקן אַמט אויף די חשובע בעלי־בתים אין די שטעט און שטעטלעך; האָט די מאַסע געוווּסט: דאָס זענען קרבנות פונעם רעזשים, פאַרגוואַלטיקטע מיטשותפים פון דער רעגירונג. און די ערן־משגיחים

---

*) גינזבורג, דצ״וו, ז. 61.

(פּאָטשאָטניע בליוסטיטיעלי) אַליין האָבן טאַקע געטאָן כל התחבולות אַנט־קעגנצוקומען די שטימונגען און שטרעבונגען פון דער מאַסע און צו פאַר־וואַנדלען די שול־פליכט אין אַ פּשוטער פיקציע. אַנדערש האָט געהאַנדלט די אינטעליגענץ. ווען אין די ווייטערדיקע יאָרן האָט מען די קריסטלעכע שול־פאַרוואַלטערס פאַרביטן מיט יידישע, האָבן די לעצטע זיך אַרויסגע־וויזן נישט בעסער פון די ערשטע. „אין זייער אידעאַישער היציקייט מאַכן די יידישע פאַרוואַלטערס נאָך אין אַ קלענערער מאָס שלום מיט הנחות פאַר דער אַרומיקער סביבה, איידער זייערע קריסטלעכע קאָלעגן. אַלע מיט־לען, אפילו פּאָליציייאישע, ווענדן זיי אָן אַבי צו באַשטיין אויף זייער אי־דעאַל, אַז יידישע יינגלעך זאָלן שטודירן די מלוכה־שפּראַך, כדי דורך דער שפּראַך זאָלן זיי זיך דערנענטערן מיט די רוסישע עלעמענטן, וועלכע וועלן אויף זיי ווירקן אַזוי מזל־ברכהדיק". *)

אָט אַזוי האָבן אָפּגעשאַצט די האַלטונג און די שטימונג פון דער אינ־טעליגענץ אין יענעם דור — די וועלטלעכע שרייבערס פון אונדזער צייט, און אוודאי האָבן אַזוי עס אָפּגעשאַצט די אָרטאָדאָקסישע קרייזן פון אַמאָל און היינט. לאָמיר ברענגען איין ביישפּיל פון לעצטן מין:

דער אָרטאָדאָקסישער פירער ר' יעקב הלוי ליפשיץ מקאָוונע האָט אי־בערגעלאָזט מעמוארן וועלכע זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די 20־ער יאָרן פון אונדזער יר"ה אונטערן נאָמען „זכרון יעקב" (חלק א' אַרויס אין פראַנקפורט, 1924; חלק ב' אין קאָוונע, 1927). לייענען מיר דאָ וועגן דעם ענין וואָס מיר באַהאַנדלען דאָ: „אויף יעדן פאַל אויב מיר זאָלן אפילו צוגעבן, אַז עס האָט זיך געפאָדערט לויט יענער צייט צו פאַרשפּרייטן „מאָראַלישע חשכלה" צווישן יידן, — האָט די דאָזיקע זאַך געדאַרפט געטאָן ווערן רואיק און שטיל, לויטן גייסט פון יהדות און לויטן גאַנג פונעם אַלגעמיינעם לעבן אין לאַנד, אָבער בכל אופן נישט מיט די מיטלען פון כוח און תקיפות פון דער גרויזאַמער און אכזריותדיקער רעגירונג מיט אירע מאַסן באַאַמטע וואָס זענען געווען ווי פאַרציקנדיקע חיות. נישט אין שותפות מיט דער ממשלת זדון, ווי זי איז געווען אין יענער צייט, זי מיט אירע באַאַמטע און געזעצן ערגער פון סדום ועמורה, צו מושטירן דעם רוחניות און די נשמה פון דער אומה" **).

דערציילנדיק וועגן דעם בריוו, וואָס י. ב. לעווינזאָן האָט געשיקט 1836 צו ניקאָלאַיען און וועגן זיינע אָנקלאַגעס קעגן יידישן פאָלק, שרייבט יעקב ליפשיץ: „...און דאָס איז אין יענער צייט ווען די מענטשן פון אונד־

---

*) פּ. מאַרעק, דצ"וו, ז. 192.

**) זכרון יעקב, ח"א, ז. 37.

זער פאָלק זענען געשטאַנען מיט טויזנט קעפּ העכער פון די איבריקע שב־טים און פעלקער אין רוסלאַנד — לויט זייער גייסטיקן ניוואָ, מאָראַל און מידות; און ווער רעדט נאָך פון די טאַטערן, קאַלמיקן און אַנדערע, וואָס זיי אַלע האָבן יאָ געגאָסן פון גלייכע רעכט; קומט דער יידישער מליץ יושר אין זיין בריף צום קיסר, און רעדט אין זיין נאָמען מיט הכנעהדיקן „מה־יפית" און מיט באַהויפּטונגען וואָס דערנידעריקן דעם אָנזען פון אונדזער פאָלק ביזן שאול תחתיה, אַז מיר, הייסט עס, זענען די שולדיקע צוליבן פאַנאַטיזם וואָס האָט זיך איינגעוואָרצלט ביי אונדז, און צוליב דער חסי־דים־פּאַרטיי וואָס האָט זיך געשאַפן ביי אונדז און זי פאַרדאַרבט די מאָ־ראַל און די גוטע מידות ביי אונדז, און דעריבער זענען מיר נישט ווערט זוכה צו זיין פון די מענטשלעכע רעכט, וואָס די באַשקירן און קאַלמיקן א"א געניסן פון זיי... און מיט אַזאַ נוסח זענען עס געקומען אונדזערע מליצי־יושר די משכילים אַזש ביזן קיסרס טרוין, אין נאָמען פון דער השכלה. — און אַז די חסידים דאַווענען מיטן נוסח פון אר"י הקדוש, פאַרשווערכן זיי דעם צלם פון מענטשלעכקייט, אַז מע דאַרף באַרויבן אונד־זער פאָלק פון די מענטשלעכע רעכט?" *)

ברענגענדיק עטלעכע ציטאַטעס פון א. מ. דיקם בראָשור „האורה" — ווען באַזוך פון מאָנטעפיאָרע אין ווילנע — און זיינע שילדערונגען פו־נעם שווידערלעכן מצב אין וועלכן די יידישע פאָלקסמאַסן האָבן זיך גע־פונען אין דער ניקאָלאַי־תקופה, — פאַרענדיקט י. ליפשיץ: „אָט דאָס איז געווען דער גורל פון אונדזער פאָלק אין רוסלאַנד, אין יענער תקופה ווען די ווילנער משכילים האָבן אַרויסגעשיקט זייער באַקאַנטן קול קורא וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „דער גייסט פון חן און חסד האָט זיך אויף אונדז אויסגעגאָסן פון אויבן א"אוו"... דאַרף מען זיך דען וווּנ־דערן, אויב דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך דערווייטערט און געשראָקן פאַר זיי, אַזוי ווי פאַר מוסרים און פאַרפאָלגערס וואָס זענען אויפגעשטאַנען אויסצעוואָרצלען דעם דת און דאָס יידישקייט אין סאַמע יסוד און עיקר?".**)

האָט טאַקע דער גאַנצער טומל מיט די נייע שקאָלעס נישט געבראַכט קיינע שום ממשותדיקע רעזולטאַטן. די פאָלקספרעמדע אינטעליגענץ איז נישט געווען ביכולת צו פאַרווירקלעכן די פאַרוועלטלעכונג פונעם יידישן לעבן און צו ברענגען די רעפאָרם פון דער שול וואָס איז אַזוי נויטיק גע־ווען אין די אינטערעסן פון פאָלק. דער דור משכילים איז נישט געווען

*) דאָרט, ז' 78.

**) דאָרט, ז' 144.

דערוואַקסן צו דער גרויסער שול - און קולטור־רעוואָלוציע, וואָס דאָס יידישע לעבן האָט געפאָדערט.

* *
*

ווי שוין געזאָגט אויבן, האָט די יידישע אינטעליגענץ דערזען אין דער בילדונגס־באַוועגונג מעגלעכקייטן פאַר פערזענלעכע נוצן, מעגלעכקייטן צו געניסן פונעם רייכן מלוכה־טיש און צו געווינען בכבודיקע פּאָזיציעס אי־נעם עפנטלעך־געזעלשאַפטלעכן לעבן.

עס האָט זיך פאַר זיי געהאַנדלט וועגן שטעלעס אין די נייע שולן אַלס לערערס און פאַרוואַלטערס; עס איז געגאַנגען אין פאַרשיידנאַרטיקע סוב־סידיעס פון דער רעגירונג פאַר יחידים און פאַר זייערע ליטעראַרישע אונ־טערנעמונגען. די רעגירונג האָט געשטרעבט איינצופירן אין די קאַזיאָנע שולן נייע לערנביכער פאַר די לימודי קודש — אין אויפגעקלערטן גייסט און אין איבערזעצונג פריער אויף דייטש, שפּעטער אויף רוסיש. פאַר די אַלע לערנביכער האָבן זיך געפאָדערט מחברים, און יידישע אינטעליגענטן האָבן זיך שטאַרק געיאָגט נאָך באַשטעלונגען פון בילדונגס־מיניסטעריום. דאָס מיניסטעריום איז געווען באַלאַגערט מיט ביטעס וועגן דערלויבן עפנ־נען שולן, וועגן פאַרשידענע פּאָסטנס, באַשטעלונגען, חיבורים וכד׳. דער ברודער פונעם יידישן צענזאָר אין קיעוו זייבערלינג האָט געבעטן, מען זאָל אים אָננעמען אויפן פּאָסטן וועלכן ליליענטאַל האָט פאַרנומען (1845). דער בעלאָרוסישער שול־קוראַטאָר האָט זיך משתדל געווען אַז ניסן ראָ־זענטאַל וועלכער האָט שטאַרק צוגעהאָלפן ליליענטאַלן בעת זיינע באַזוכן אין ווילנע, זאָל באַקומען דעם אַמט פון אַן אַגענט איבער דעם ליכט־שטייער, מיט אַ געהאַלט פ״ן 800 רובל אַ יאָר (1845). דער ווילנער שול־אינהאַבער מאַרקוס גינצבורג בעט, מען זאָל איינפירן זיינע לערנביכער פון רוסישער געשיכטע און העברעישער גראַמאַטיק — אין די נייע יידישע שולן (1846). פ. שיינעס שיקט צו דעם כתב יד פון זיין העברעאישער גראַ־מאַטיק און בעט מע זאָל זי איינפירן אין די שולן (1847). א. ב. גאָטלאָ־בער בעט אין 1847 אַ שטעלע פון אַ לערער אין ראַבינער־שול און טראָגט אונטער דערביי דעם מיניסטער זיין זאַמלונג פון שירים „פרחי אביב״; ער חזרט איבער די בקשה עטלעכע מאָל, באַקומט אַ פּאָסטן אין די קאַזיאָנע שולן, און אין 1866 ווערט ער לערער אין דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול. אין 1846-1847 איז זיך י. ב. לעווינזאָן משתדל וועגן אַ סובסידיע פון בילדונגס־מיניסטעריום און דערציילט דערביי וועגן זיינע פאַרדינסטן פאַרן לאַנד: „איך האָב פאַרטריבן ביי מיינע ברידער דעם חושך פון עם־הארצות, דעם פאַנאַטיזם און אָפּגעשטאַנענקייט, און שטרעב זיי צו עפענען

די אויגן און צו מאַכן זיי פול מיט צוטרוי צו דעם וואַרעמען ליכט און באַלעבנדיקן גייסט פון בילדונג און צו דעם חסד און גוטן ווילן פון דער רעגירונג... איך דערוועג זיך נאָך אַמאָל הכנעהדיק צו וויינען אויפן האַלדז פון אייער הויכהייט, איר זאָלט באַוויליקן מיר אַ גרעסערע געלט־באַלוינונג אויף צו פאַרבעסערן מיין זייער גרויסן נויט־צושטאַנד".*)

דער גרעסטער צושטעלער און מאַסן־פּראָדוצירער פון לערנביכער איז געווען ל. מאַנדעלשטאַם וועלכער האָט אין 1846 פאַרטראַטן ליליענטאַלן. אין 1846 האָט ער פאַרטיק געמאַכט אַ פּראַקטישן לערנבוך פ'ן רוסישער שפּראַך פאַר מלמדים און חדרים, מיט דער הילף פון בילדונגס־מיניסטעריום האָט ער עס אָפּגעדרוקט אין 15 טויזנט עקז. ער האָט אויך אָפּגעדרוקט אַן „עלעמענטאַר בוך פון דער העברעישער שפּראַך", אין טויזנטער עקזעמפּלאַרן איז עס צעשיקט געוואָרן צו די שול־קוראַטאָרס אויף צו פאַרשפּרייטן אין די שולן און חדרים. אין 1848 דרוקט ער אָפּ אַ „רוסישע אַזבוקע" און אויך זי ווערט פאַרשפּרייט דורך די שול־קוראַטאָריומס. אין 1847 באַקומט ער הסכמות פון ר' יצחק וואָלאָזשינער און ר' מענדל שנייאורסאָן א"א — אויף זיינע לערנביכער פאַר דער קאַזיאָנע שול: אויסצוגן פון רמ"בם, משנה, סידור אין דער רוסישער שפּראַך, און ער באַקומט די באַשטעלונג אויף די אַלע ביכער פון בילדונגס־מיניסטעריום: פאַר די אָריגינעלע זאַכן צו הונדערט רובל אַ בויגן, פאַר די אַנדערע — צו 25 רובל, אַלע זיינע באַשטעלונגען פון בילדונגס־מיניסטעריום האָבן באַטראָפן 1846 דרוקבויגן און זיין האָנאָראַר האָט דערגרייכט די קאָלאָסאַלע סומע פון 111 טויזנט רובל.

דאָס באַלעבאַטעווען פון מאַנדעלשטאַמען האָט אַרויסגערופן אַ געוואַלדיקע אויפרעגונג און פּראָטעסטן מצד דער יידישער געזעלשאַפט. מע האָט אים באַשולדיקט אַז ער האָט דעם ליכט־אַפּצאָל אָפּגעגעבן אָן ליציטאַציע קאָמיסיאָנערן וועלכע ער אַליין האָט אונטערגעשטעלט (זיינע קרובים); דעם גרעסטן טייל פון די ליכט־הכנסות פרעסן אויף די שול־ביכער פון מאַנדעלשטאַמען; די קאָמיסיאָנערן האָבן אָנגעזאַמלט גרויסע פאַרמעגנס. די יידישע געמיינדעס האָבן פּראָטעסטירט קעגן עצם כאַראַקטער פון די פאַרשידענע „קאַטעכיזיסן", וועלכע מאַנדעלשטאַם האָט צונויפגעשטעלט אויף דייטש. מאַנדעלשטאַם האָט אויפגעצוווּנגען די מלמדים צו קויפן די צוויי טיילן פון זיין רמ"בם־אויסגאַבע פאַר דריי רובל מיט 30 קאָפּ. — שוין צוזאַמען מיט אַ ציינגעניש וועגן רעכט צו לערנען קינדער. מען האָט אָנגעוויזן אויף די הויכע פּרייזן וואָס ער שטעלט אויף זיינע ביכער, די

*) זע די אַלע פאַקטן אינעם זמ"ב „קאַזיאָניע אוטשילישטשי", ז. 250

כלומרשטע איבערזעצונגען האט ער פאקטיש גענומען פון אנדערע פאר־מיקע קוואלן און פארדינט פון דעם 75 טויזנט רובל. יעדן בוך האט ער געדרוקט אין 10 טויזנט עקז. מען האט געצוווּנגען זיי צו קויפן, און יידן האבן מיט שרעק געפרעגט: „נישט שוין זשע דארף די ארעמע מאסע אויסגעבן איר לעצטן פארהארעוועטן גראשן אויף די אבסאלוט אומנוצ־לעכע אויסגאבעס, ווי א מין שווערער שטייער וואס איז נאך מער פיינט־לעך ביי יידן, ווייל ער פאלט אניף א רעליגיעזן געביט, אויף די ארעמס־טע פאטערס פון אסך קינדער, און מע זעט גאר נישט קיין סוף צו דעם אין דער צוקונפט". *)

אין פרט פון אויסניצן די נייע סיטואציע צוליב געניסן פון דער רע־גירונגס־אונטערשטיצונג און שדכנען זיך צו איר, איז מאנדעלשטאם נישט געווען דער איינציקער. י. ב. לעווינזאן, י. שערעשעווסקי, וונדערבאר, בער־קאוויטש, ח. ז. סלאנימסקי, א. לעבענזאן, בענדעטסאן און נאך אנדע־רע — אלע זענען געווען אזוי. י. ל. גארדאן, אין 1858, דאן נאך גאר א יונגערמאן, עצהט זיין פריינד דעם דיכטער ז. קאפלאן, ער זאל איבערזעצן אין העברעיש דאס בוך „אכט יאהרע אין אזיען אונד אפריקא"; נאכן ענדיקן — שרייבט ער — וועסטו קענען, אזוי ווי איך האב עס געטאן, פאר־לייגן דיין ארבעט דעם מיניסטעריום, און ער וועט דיר ארויסגעבן מיטלען צום דרוקן. **)

גיט אומזיסט האט די ווילנער פארזאמלונג פון די „גדולי המשכילים" אין זייער קול קורא (אין יאר ת"ר) גערעדט וועגן דעם, אז די משכילים פעלט פרנסה, זיי לעבן אן ארעם און געמוטשעט לעבן און כדי צו פאר־בעסערן את דעם מצב זייערן, „באדארף מען אויסקלייבן פון זיי פריוואטע לערער און ראבינערס פאר די געגנט־שטעט און קלענערע פונקטן". ***)

די לערערס פון די קאזיאנע שולן האבן אליין געקוקט אויף זיך און די רעגירונג האט זיי נישט אנדערש באהאנדלט ווי אגענטן פון רוסיפיקאַ־ציע אין יידישן לעבן. ווען אין 1860 האט אנגעהויבן ארויסצוגיין דער „ראזסוויעט", איז איינער פון די גרעסטע אפנעמערס פונעם דאזיקן זשור־נאל געווען דאס בילדונגס־מיניסטעריום. דאס איז געווען דער שכר פאר דעם וואס דער „ראזסוויעט" האט געפרעדיקט א באציונג צו דער יידישער שפראך ווי צו „א כאאטישן דיאלעקט וואס האט נישט די ווערט מע זאל

*) מ. ג. מרגולית — וואפראסי יעווריסקאי זשיזני (רוסיש), ס. פע־טערבורג, 1889, ז. 122.

**) פ. מארעק, דצ"וו, ז. 99.

***) ד. ב. נאטאנזאן — ספר הזכרונות, ז. 54.

יהושע מרדכי ליפשיץ

אָסיפּ ראַבינאָוויטש

אים רופן מיטן נאָמען שפּראך" (אַרטיקל פונעם רעדאַקטאָר א. ראַבינאָ־וויטש, 19 אויגוסט 1860). דאָס בילדונגס־מיניסטעריום האָט געפּרעסט אויף די פּאַרוואַלטערס פון די קאַזיאָנע שולן, זיי זאָלן ווערן די פאַרשפּריי־טערס פונעם "ראַזסוויעט". איין שול־קוראַטאָר שרייבט אין זיין צירקולאַר: „אָנערקענענדיק פּאַר נוצלעך צו האָבן דעם דאָזיקן זשורנאַל אין אַלע יידי־שע קאַזיאָנע שולן, בעט איך די הערן פּאַרוואַלטערס פון די דאָזיקע אַנ־שטאַלטן, אַז זיי זאָלן אויסשרייבן דעם זשורנאַל פונעם קומענדיקן יאָר 1861 אויפן חשבון פון די סומעס וואָס זענען באַשטימט אויף לערנמכ־שירים". די יידישע „פּינצטערע מאַסע" האָט, הייסט עס, אַליין געדאַרפט אויסהאַלטן מיט אירע שטייערן (ליכט, קאָראָבקע) דעם רוסיפיקאַציע־אָרגאַן...

* *
*

די גאַנצע אַטמאָספערע ארום דער קאַזיאָנע שול איז געווען אַזאַ, אַז די יידישע מאַסע האָט נישט געהאַט צו איר קיין צוטרוי, און נישט אָפּגעגעבן איר אויף דערציונג די קינדער. עס האָט נישט געהאָלפן אפילו דאָס, וואָס דער געזעץ פון 1844 האָט איינגעפירט, אַז די גובערנסקע און אויעזדנע קאָמיסיע פון יידישע שולן זאָל האָבן אין איר באַשטאַנד — ווי עס דריקט זיך אוים דער יידישער טעקסט פונעם געזעץ, אַרויסגעגעבן אין ווילנע אין דער דרוקעריי פון די ראָמס — „צוויי צלענעט יהודים פון רבנים און קופּצעס". נישט די רבנים און נישט די יידישע „קופּצעס" האָבן נישט געבשרט די נייע שולן אין די אויגן פון דער מאַסע. די הסכמות פון די רבנים און אַנדערע גרויסע לייט אויף מאַנדעלשטאַמס לערנביכער האָבן נישט געהאָלפן: דער עולם האָט געוווסט, אַז דאָס זענען אַרויסגעצוווּנגענע זאַכן. די צייט פאַר דער צונויפגיסונג פון וועלטלעכער און יידישער דער־ציונג איז נאָך נישט געווען רייף.

10 יאָר נאָך דער אַדורכגעפירטער שול־רעפאָרם, אין 1854־1855 האָט דאָס בילד אויסגעזען אַזוי: אין גאַנצן לאַנד איז געווען קאַזיאָנע שולן פון דער ערשטער מדרגה 70, פון דער צווייטער מדרגה 13. איןביידע טיפּן שולן איז אין 1851 געווען 1840 תלמידים, אין 1854 — 3208 תלמידים, אין 1856 — 3118, אין 1857 — 3293, אין 1863 — 4022 תלמידים. גאָר שלעכט האָט אויסגעזען די זאַך אין די שטעט און שטעטלעך פון לי־טע און ווייסרוסלאַנד: אין דער שקלאָווער קאַזיאָנע שול איז געווען 27 שילער (1852); אין וויטעבסק — 13 שילער אין 1849 און אין 1851 — 19 שילער; אין סטאַראָדוב — 18 שילער (1856); אין לובאַוויטש — 14 שילער (1854) און צום סוף לערניאָר שוין גאַנצע 25 שילער; אויך סטאַ־

ראָדוב האָט צום סוף יאָר שוין 26 שילער, אָבער עס ווערט פעסטגעשטעלט אַז 12 פון זיי באַזוכן אין גאַנצן נישט די שול. אויך אינעם באַריכט פון לובאַוויטש ווערט געזאָגט אַז 15 שילער זענען שוין אַרויסגעטראָטן פון דער שול. אין סלוצק אין 1856 רעכנט זיך 30 שילער, אָבער 19 פון זיי זענען שוין אַרויסגעטראָטן פון שול. עס איז אַ באַקאַנטע זאַך: די רשימות פון די שילער אין די קאַזיאָנע שולן זענען ס׳רוב געווען פיקטיוו... די יידישע באַפעלקערונג האָט בפירוש באַטראַכט די קאַזיאָנע שול ווי אַ גזירה, און מען האָט אַלץ געטאָן כדי זיך פון איר אַרויסצודרייען.

עס זענען געווען אין די קאַזיאָנע שולן אויך יידישע לימודים, אָבער מיט דעם האָט מען נאָך מער אָפּגעשטויסן די יידישע באַפעלקערונג. אָט איז אַ בילד פון דער לובאַוויטשער שול אין 1855: אין ערשטן קלאַס האָט מען געלערנט חיי אדם, דיקדוק, תנך, תפילות, רוסיש און רעכענען. אין צווייטן קלאַס: אייניקע קאַפּיטלעך רמ״בם, קאַליגראַפיע, דיקדוק, תנך, דייטש, רוסיש און אַריטמעטיק. דאָס שיין־שרייבן האָט מען געלערנט לויט דריי מעטאָדן: פריער לויטן אלף־בית, שפּעטער פון „אפירן״ און דערנאָך — פון דיקטאָטן. ס״ה זענען געווען אין 1־טן קלאַס — 12 תלמידים, אין 2־טן קלאַס — דריי. און פון די 15 האָבן אייניקע פאַרפעלט במשך פון שוליאָר, ״דורכגעלאָזט״, 288, 258, 244 שעהן! *).

אין גאַנץ וויטעבסקער גוב. זענען אין די יאָרן 1849—1863 געווען 8 שולן פאַר יידישע יינגלעך, — איז אין זיי אין 1863 געווען ס״ה 180 קינדער. **)

געווען אפילו אַזעלכע פאַלן, ווען אין דער קאַזיאָנער שול איז נישט געווען קיין איין - איינציקער תלמיד. וועגן דער שול אין פרוזשענע שרייבט דער גראָדנער דירעקטאָר: „נישט געקוקט אויף אַלע השפּעות, זאָגט זיך די פרוזשענער ייד. געזעלשאַפט אָפּ, אונטערן אויסרייד פון אָרעמקייט, יקרות און אַנדערע סיבות, — אַנטשיידן צו שיקן זייערע קינדער אין דער ייד. קאַזיאָנער שול און האָט דערלאַנגט אַ שריפטלעכע דערקלערונג, אַז די שול איז פאַר איר אין גאַנצן איבעריק״. — דער גראָדנער פאַר־וואַלטער פון דער ייד. קרוינישער שול (אין 1853 איז דאָ געווען 62 קינ־דער) קלאָגט זיך אַז די עלטערן פון די קינדער שטייען אויס „דראָונגען און מע שרעקט זיי אָפּצוגעבן זייערע קינדער פאַר רעקרוטן״; אפילו מיט

*) ה. אַלעקסאַנדראָוו — „די רעקרוטשינע און די קאַזיאָנע יידישע שולן״, „צייטשריפט״, ב. 4.

**) ברעזשגאָ — שריפטן פאַר עקאָנאָמיק און סטאַטיסטיק (ייוואָ), ב. 1, 1928.

א חרם האָט מען באַקעמפט די קאַזיאָנע שול. „די יידן — זאָגט ער — האָבן פון סאַמע אָנהייב ווען די שול איז געעפנט געוואָרן, געקוקט אויף איר און זיי קוקן אויך איצט אויף איר מיט פּאַראַכטונג, ווייל לויט זייער מיינונג איז דער דאָזיקער לערנאַנשטאַלט א התחלה צו צעשטערן זייער רעליגיעזקייט און זייער נאַציאָנאַלקייט".

אין 1858 האָט דער שעף פון דער מאָהילעווער גובערניע לוסטרירט די ייד. קאַזיאָנע שולן און זיי אַזוי כאַראַקטעריזירט: „די דאָזיקע שולן ווערן באַזוכט ס'רוב דורך קינדער פון גאָר אָרעמע יידן, בעסער געזאָגט פון די בעטלערס, און אויך די גייען אהער נאָר דערפאַר ווייל זיי זענען געדונגען דורך די רייכע יידן, כדי מ'זאָל די לעצטע נישט קענען באַשולדיקן אין עקשנותדיקן אַנטקעגנשטעלן זיך לגבי די מאָסמיטלען פון דער רעגירונג... אָן גוזמא קען מען זאָגן, אַז די דאָזיקע בלומרשטע פאַרשפּרייטער פון בילדונג עקסיסטירן נאָר אויף צו באַווייזן זיך (נא פּאָקאַז), זיי ברענגען נישט קיין שום נוצן און פאָדערן נאָך גרויסע סומעס אויף זייער אויסהאַלטונג" *).

דער בילדונגס-מיניסטער שרייבט אין 1858: „די קאַזיאָנע ייד. שולן געפינען זיך מערסטנטייל אין א קלאָגעדיקן צושטאַנד, זיי האָבן א גאָר קליינע צאָל שילער — 2476 אין 105 שולן, און דאָס בעיקר פון אָרעמע יידן; אַנדערע ווידער שולן שטייען אין גאַנצן ליידיק" (טשעריקאָווער, דצ"וו, ז. 171).

אין 1860 האָט דער רעדאַקטאָר פון „ראַזסוויעט" געשריבן: „אונדזערע שולן, צוליב פאַרשידענע אומגינסטיקע אומשטענדן, האָבן נישט דעם מיטגעפיל און צוטרוי פון דער יידישער געזעלשאַפט". דער ווילנער שולקוראַטאָר שרייבט אין זיין באַריכט צום בילדונגס-מיניסטעריום אין 1861: „אַלע יידישע שולן, אחוץ דער ווילנער ראַבינער-שול וועלכע געפינט זיך אין א באַפרידיקנדיקן צושטאַנד, פאַרמאָגן נישט דעם צוטרוי פון דער ייד. געזעלשאַפט".

דער באַנקראָט פון דער קאַזיאָנער שול ווערט נאָך בולטער, ווען מע באַקענט זיך מיטן מצב פון חדר. נישט געקוקט אויף אַלע שווערע פאַרפאָלגונגען, איז דער חדר געשטאַנען פעסט אויף זיינע פּאָזיציעס. אין 1844 איז געווען פאַררעגיסטרירט אין גאַנצן לאַנד 5282 חדרים מיט 69454 תלמידים. אין 1847 האָט די צאָל חדרים אין גאַנצן תחום דערגרייכט 6161 מיט 75584 תלמידים אין זיי. אין דער אמתן איז די צאָל חדרים געווען נאָך אסך גרעסער.

*) ס. וו. פאָזנער — „יעווריעי וו אָבשטשעי שקאָליע", ספ"ב 1914, ז. 18.

לויטן געזעץ פון 1844 האָט דאָס עפענען ספּעציעלע יידישע שולן נישט געזאָלט פירן צום פאַרקלענערן די צאָל יידן אין די אַלגעמיין־מלוכהשע לערן־אַנשטאַלטן. יידן זענען געווען אַ שטאַטישער עלעמענט, און די צאָל פּאַרמעגלעכע האַנדלס ־ און אינדוסטריע־באַשעפטיקטע איז אַלץ געוואַקסן; דאָס געזעץ פון 1844 האָט צוגעזאָגט גרויסע הנחות ביי מיליטער־דינסט פאַר די וואָס האָבן געענדיקט אַ גימנאַזיע אָדער אפילו אַ אויעזדנע שול. צוליב דעם אַלעמען קאָן מען דערוואַרטן אַז די צאָל יידן אין די אַלגעמיינע מלוכהשע שולן איז שטאַרק געוואַקסן. אין דער אמתן איז דאָס נישט אַזוי. אין 1853 איז אין אַלע גימנאַזיעס פון גאַנץ רוסלאַנד געווען 159 יידן, און אין 1863 איז געווען 552 יידן. אין 1840 איז אין אַלע רוסישע אוניווערסיטעטן געווען 15 יידישע סטודענטן. אין 1865 איז אין אַלע שטאַטישע און אויעזדנע מלוכהשע שולן פון גאַנצן לאַנד געווען 323 יידן; און אין אַלע טיפּן עלעמענטאַרע פאָלקשולן פון גאַנצן לאַנד איז געווען 338 יידישע קינדער *).

נאָר אין באַזונדערע שטעט איז דער אַנטייל פון יידן אין די גימנאַזיעס געווען העכער. אַזוי, למשל, איז אין אָדעס געווען אין 1853 — 52 יידן אין דער 2־טער גימנאַזיע, און אין 1863 איז שוין דאָ געווען אין אַלע גימנאַזיעס 128 יידן. אין אָדעסער לערן־קרייז איז אין 1862 געווען אין אַלע גימנאַזיעס 252 יידן, אין אַלע אויעזדנע שולן 31 יידן, און אין אַלע מלוכהשע פאָלקשולן 36 קינדער: אין די דאָרטיקע גימנאַזיעס וואָס זענען געווען אויסגערעכנט אויף דער אינטעליגענץ און די פאַרמעגלעכערע עלעמענטן, האָבן די יידישע שילער אויסגעמאַכט 10,6 פּראָצענט; אין די אויעזדנע שולן וואָס זענען געווען אויסגערעכנט אויפן מיטל־קלאַס, האָבן יידישע שילער באַטראָפן 1,25 פּראָצענט; אָבער אין די עלעמענטאַרע פאָלקשולן וואָס זענען געווען אויסגערעכנט אויף קינדער פון די אָרעמערע קלאַסן, האָבן שוין יידישע תלמידים אויסגעמאַכט דעם נישטיקן פּראָצענט פון 0,7 פּראָצענט.

אַזוי האָט געפּלאַצט די גאַנצע שול־פּאָליטיק פון ניקאָלאַי דעם 1־טנס תקופה צוזאַמען מיט דער בילדונגס־טאַקטיק פון די יידישע משכילים. יידן האָבן נישט געשטראָמט אין די מיטלשולן און אוניווערסיטעטן; יידן האָבן איגנאָרירט די שטאַטישע מלוכהשע שולן און אויך די ספּעציעל־יידישע קאַזיאָנע שולן. פון דער אַנדערער זייט, האָט זיך דער חדר געהאַלטן אויף זיין ביזאהעריקן ניווא. דער באַנקראָט פון דער שול־פּאָליטיק איז אַזוי אָרום געווען אויף אַלע פראָנטן.

---

*) פּ. מאַרעק, דצ״וו, ז. ז. 166—168.

די תקופה „פריידיקע אסימילאַציע" און אירע נאָכווייעניש

די ערשטע יאָרצענדליקער פון פאַריקן יאָרהונדערט — דאָס איז אַ פעריאָד פון סענטימענטאַלער התפעלות פאַר בילדונג און פון אידעאַליסטי־שער אסימילאַציע. געקרוינט געוואָרן איז די תקופה מיט דער ניקאָלאַיִשער בילדונג בגעוואַלד.

אין די יאָרצענדליקער שפעטער וואַקסט אויס אַ רייבערער קלאַס ביי יידן מיט אַן אינטעליגענץ, אַ נאַיווע און האַרעפּאַשנע אינטעליגענץ; זיי באַטראַכטן די בילדונג פאַר אַ וועג צו פּערזענלעכער איינאָרדענונג, צו עקאָנאָמישער און געזעלשאַפטלעכער קאַריערע.

אין די ווייטערדיקע יאָרצענדליקער קומט אַ פעריאָד פון באַ־וואוסטזיניקער און פריידיקער אסימילאַציע מצד דער ניי־אַנשטאַנענער יידישער בורזשואַזיע און דער אינטעליגענץ וואָס באַדינט זי. עס איז אַ פעריאָד פון פּראַקטישער אסימילאַציע־רוסיפיקאַציע. אָבער צוזאַמען מיט דעם פּאַרפּעסטיקט זיך צוביסלעך אַ יידישער מיטלשטאַנד, אַ שיכט בעלי־מלאכות און קליינע סוחרים, און דאָס רופט אַרויס צום לעבן אויך אַ נייעם טיפּ נאַציאָנאַלע פאָלקסטימלעכע אינטעליגענץ, מיט אַ פּאָזיטיווער באַ־ציאונג צו יידיש און צו פאָלקס־דערציאונג.

כאַראַקטעריזירנדיק די תקופה 50־קער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט, שרייבט ד"ר ל. קאַנטאָר: „אין דער דאָזיקער עפּאָכע האָט זיך פאַר אונ־טערנעמערישע און פּראַקטישע מענטשן געעפנט אַ ניי טעטיקייט־פעלד — דער פאַכט פונעם ליכט־שטייער אויף וועלכן מען האָט אויסגעהאַלטן די יידישע קאַזיאָנע שולן, און באַזונדערס דער משקאות־פאַכט מיט וועלכן יידן האָבן זיך גענומען באַשעפטיקן... דאָס איז געווען אַ צייט ווען די מאַטעריעלע לאַגע פון דער יידישער מאַסע האָט זיך שטאַרק פאַרערגערט, אָבער דאָס איז אויך געווען אַ צייט וואָס איז געווען גינסטיק פאַר יידישע

סוחרים און פאבטערס... א חוץ דעם, פאר ענערגישע און פעאיקע מענ־טשן האבן זיך דאן געעפנט אין גאנצן נייע, ביז אהער אומבאקאנטע גע־ביטן פון אינדוסטריע־טעטיקייטן״ *). די יידישע בורזשואזיע איז כסדר געוואקסן: אין 1854 האט בראדסקי געקויפט א צוקער־פאבריק, עס זענען געווען אויך אנדערע יידישע צוקער־פאבריקאנטן; אין 1859 האבן די גינצ־בורגס געגרינדעט אין פעטערבורג זייער באנק; אין 1861 עפנט זיך די באנק מייער און קא.; אין אדעס איז טעטיק די באנק אפרתי וואס שפילט א גרויסע ראלע אין דער אנטוויקלונג פון יידישן תבואה־עקספארט. אין 1872 האט דער גענעראל־גובערנאטאר פון מערב־קאנט פעסטגעשטעלט, אז א פערט־חלק פון אלע צוקער־פאבריקן געהערט דארט צו יידן, און 90% פון אלע בראנפן־זאוואדן געפינען זיך אין ארענדע ביי יידן. אין אט די אלע בענק, פאבריקן, עקספארט־ביוראס, האנדלס־פירמעס איז געווען פול מיט יידישע אנגעשטעלטע און אינטעליגענטן.

אין 1855 איז געווארן קיסר אלכסנדער דער 2־טער. עס האט אנגעהויבן שמעקן מיט „פרילינג״, עס האט זיך דערנעענטערט די „תקופה פון גרויסע רעפארמען״. די נייע ליבעראלע שטימונגען האבן אנגעמערקט פרייליכע פערספעקטיוון אויך פאר דער יידישער בורזשואזיע און איר אינטעליגענץ, אבער די דאזיקע פערספעקטיוון זענען געווען געבויט אויף דער אויסזיכט פון רוסיפיצירן־זיך און באהעפטן זיך מיטן אלגעמיינעם רוסישן שטראם. אין די רעגירונגס־קרייזן האט מען אלץ געטראכט וועגן פארטיילונג פון דער יידישער באפעלקערונג אויף נוצלעכע און אומנוצלעכע בירגער, און פראפארציאנעל צו דער נוצלעכקייט זאלן אויך פארטיילט ווערן די רעכט און די פריווילעגיעס. אין 1860 האט דער פארזיצער פונעם געשאפענעם „יידישן קאמיטעט״, בלודאוו, זיך ארויסגעזאגט, אז ביים דורכפירן די טייל־ווייזע רעפארמען פון די יידן־רעכט „דארף מען אויסטיילן פון דער אלגע־מיינער מאסע יידישער באפעלקערונג — יענע צווישן זיי וואס האבן דא א ווירקונג לויט זייער רייכטום און בילדונג״. אן אנדער פאראדענונג פון 1861 האט בפירוש גערעדט וועגן „צונויפגיסן יידן מיט דער קערנדיקער באפעלקערונג״. די יידישע בורזשואזיע און איר אינטעליגענץ האבן אק־צעפטירט די דאזיקע אפיציעלע שטעלונג.

אין יולי 1856 האט א גרופע ערשטע גילדיע־סוחרים בראש מיט יעוזעל גינצבורג דערלאנגט דעם קיסר א מעמאראנדום. זיי האבן געבעטן: „אלס א דערמוטיקונג צו גוטער און לויבווערטיקער טעטיקייט, זאל מען שענקען אייניקע, מעסיקע אגב, הנחות פאר די מער אויסגעצייכנטע, מער

*) א. טשעריקאווער — דצ״ו, ז׳ 26.

געבילדעטע פון די יידן". זיי האָבן זיך געקלאָגט, אַז די רעכטלאָזיקייט טרעפט אַלע יידן גלייך — „פונעם בעל מלאכה ביזן פאָרנעמסטן סוחר און פונעם לעצטן ביזן מאַגיסטער". זיי האָבן געשריבן: „אויב דער יונגער דור, דערצויגן אונטער דער רעגירונגס השגחה און איר גייסט; אויב גרויסע סוחרים וואָס האָבן אויפגעלעבט און רייך געמאַכט די געגנט; אויב ער־לעכע בעל־מלאכות וואָס אַרבעטן מיטן שווייס אויפן שטיקל ברויט; — אויב די אַלע וועלן אויסגעטיילט ווערן צום גוטן מיט מער רעכט איידער יענע וואָס האָבן נאָך דערווייל נישט באַוויזן זייער גוטן ווילן, זייער נוצ־לעכקייט, אַרבעט־לוסט — דעמאָלט וועט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק איינזען פון די דאָזיקע געציילטע באַגליקטע, צו ווען די רעגירונג איז גערעכטיק און גנעדיק, אַ מוסטער וואָס פאַר אַ יידן די רעגירונג וויל האָבן, און דאָס גאַנצע פאָלק וועט זיך מיט פרייד אַ לאָז טאָן צו דערלאַנגען דער רעגירונגס צוועק"*).

אָנהייב 1856 האָט אַ גרופּע 34 יידישע צוהערער פון דער מעדיצין־כירור־גישער אַקאַדעמיע דערלאַנגט אַ ביטע וועגן אָפּשאַפן דעם פאַרבאָט אָנצו־נעמען יידן אויף מלוכה־פּאָסטנס, שרייבן זיי אַזוי: „מיר נעמען זיך די העזה צו בעטן אונדזער פּאַטערלעכע רעגירונג, זי זאָל נישט צונויפמישן אונדז... מיט דער מאַסע פון אונדזער אומגליקלעכן שבט (פלעמעני)".

אין סעפּטעמבער 1858 האָבן 12 אָנגעזעענע סוחרים, בראש מיטן פריער אָנגערופענעם יעוזעל גינצבורג, געשריבן: „אויב דאָס פאַרניכטן פאַנאַטיזם און דאָס באַקערן יידן צו נוצלעכער און פּראָדוקטיווער אַרבעט איז דער גאַנצער צוועק ביים בילדן יידן, דעמאָלט פאָדערט די גערעכטי־קייט און דער נוצן פון דער רעגירונג גופא, אַז מען זאָל באַפרייען פון די באַגרענעצונגען יענע ווייניקע וועלכע האָבן באַרעכטיקט דער רעגירונגס ציל און זיי זענען גייסטיק ווידערגעבוירן געוואָרן אין דער אַלגעמיינער ריכטונג פון פּאַטערלענדישער בילדונג". י. גינזבורג האָט אין 1862 אין אַ מעמאָראַנדום צום בילדונגס־מיניסטער געשריבן: „די יידן פאַרשטייען זייער גוט, אַז צוויי מיליאָן אומגעבילדעטע בירגער, צונויפגעפּרעסטע אויף אַן ענגן שטח און געדריקט דורך אַזוי פיל באַגרענעצונגען, האָבן נישט געקענט נישט ווערן אַ באַלאַסט פאַר דער מלוכה, וועלכע זעט אין זייער בילדונג אַ מיטל צו דערווערבן נוצלעכע בירגער... דאַרף מען אונטער־האַלטן אין זיי דעם גלויבן אין דער אויפריכטיקייט פון דער רעגירונגס

*) י. געססען — פערעזשיטאָיע, ב. ו. ז' 155. זע אויך א. טשערי־קאָווער — דצ"ין, ז"ז 15־16.

כוונות, אנדערש וועט דער יאוש זיי אַריינשלעפּן נאָך אין אַ גרעסערער פינצ־טערניש און זיי מאַכן נאָך ווייניקער פעאיק צו איבערגעבורט".

דער אָדעסער געבילדעטער סוחר יאָאַכים טאַרנאָפּאָל האָט אין 1858 געשריבן: „איז דען ערלעך, איז דען לאָגיש אָפּצוזאָגן אין די געזעצלעכע רעכט געבילדערטע לייט און געשעפטס־מענטשן אויף דעם יסוד, וואָס זייער מאַסע איז עס נישט ווערט? איז דען דערלאָזבאַר, אַז איין קלאַס זאָל זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן צווייטן?"

15 יידישע סוחרים פון ערשטער און צווייטער גילדיע אין יעקאַטע־רינאָסלאַוו האָבן אין 1864 זיך משתדל געווען ,אַז יידן זאָלן מעגן האַלטן קריסטלעכע דינערשאַפט, — האָבן זיי דאָס אַזוי מאָטיווירט מיט „מאָראַ־לישע טעמים": „ווען די קינדער וועלן פון וויג אָן האָבן אַ רוסישע גוב־ווערנאַנטקע אָדער ניאַניע, וועלן זיי פון קליינוויין אויף זיך צופּאַסן צום ריכטיקן אַקצענט אין דער רוסישער שפּראַך, זיי וועלן איבערנעמען אַלע רוסישע מנהגים און איינזאַפּן אין זיך די פאָלקסלידער און דאָס פאָלקס־טימלעכע, אַזוי אַז די יוגנט אונדזערע וועט שוין שפּעטער זיך אין גאַנצן באַהעפטן אין אַלץ און מיט אַלץ וואָס איז רוסיש".

אַזוי האָט געטראַכט און געטרוימט די יידישע בורזשואַזיע און די אינ־טעליגענץ.

אָנהייב די 60־ער יאָרן האָבן זיך טאַקע אָנגעהויבן פאַר יידן רעכט־לעכע פאַרבעסערונגען, אָבער זיי האָבן אָנגערירט נאָר די העכערע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג: עס האָבן פון זיי גענאָסן די סוחרים, אינדוסטריעלער און אינטעליגענץ. די ברייטע מאַסן האָבן ווייטער געש־מאַכט אינעם תחום און געבליבן ביי די טראַדיציאָנעלע פרנסות און אָרעמ־קייט. וואָס שייך בילדונג פאַר יידן, שאַפט זיך סיי ביי די יידישע סוחרים־קרייזן און סיי ביי דער רעגירונג אַ נייע איינשטעלונג: בילדונג איז נאָר פאַר די „נוצלעכע" יידן, און דעריבער איז די קאַזיאָנע שול גאָר אָן אי־בעריקע זאַך, די „אומניצלעכע" יידן שיקן סיי ווי נישט אַהער זייערע קינדער, און די „נוצלעכע" שיקן און דאַרפן שיקן אין די אַלגעמיינע מלו־כהשע גימנאַזיעס און אַנדערע העכערע טיפּן שולן. קומען טאַקע נייע פאַראָרדענונגען אין דער ריכטונג. אין 1859 ווערט „ציטווייליק" אומגע־קערט די חדרים זייער פריערדיקער אויסשליסלעך־קאָנפעסיאָנעלער כאַ־ראַקטער; די מלמדים האָט מען באַפרייט פון די עקזאַמענס, פונעם פליכט זיך צו האַלטן ביי באַשטימטע פּראָגראַמען און צושטעלן זייערע תלמידים צו פאַרהערן און עקזאַמענס. פון דער אַנדערער זייט האָט מען געפּרוווט פאַרבעסערן די מערכה פון דער קאַזיאָנער שול: מען האָט געהאַלטן אין איין קירצן די פּראָגראַם פון די יידישע לימודים אין דער קאַזיאָנע שול,

מע האָט די שפּראַך פון די יידישע לימודים אַריבערגעפירט פון דייטש אויף רוסיש; מען האָט אָנגעהויבן צוביסלעך פּאַרטוישן די קריסטלעכע פּאַרוואַלטערס פון די קאַזיאָנע שולן מיט יידישע. אָבער די אַלע באַמיאונ־גען און אויפטוען האָבן נישט געהאָלפן. אין אַלע ייד. קאַזיאָנע שולן פון גאַנצן לאַנד איז אין 1863 געווען קוים 4000 שילער, די דורכשניט־צאָל שילער אויף אַ שול האָט אויסגעמאַכט — 36!

נאָכן אויפשטאַנד פון 1863 קומט אַן איבערברוך אין דער ליניע פון די „גרויסע רעפאָרמען" און אויך אין דער פּאָליטיק לגבי דער יידישער באַ־פעלקערונג. באַזונדערס האָט זיך געסטאַרעט מוראַוויאָוו אינעם צפון־מערב־דיקן קאַנט. אין יאַנואַר 1864 עפנט ער אַ נייעם טיפּ שולן פאַר יידישע קינדער: „גראַמאַטע־שולן" (שקאָלי גראַמאָטנאָסטי). קיין יידישע לימודים איז שוין דאָ אין גאַנצן נישט געווען. די השגחה אויף דער פּינקטלעכער אויספירונג פונעם נייעם סדר אין שול איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף דער פּאָליציי און אויף די יידישע ערן־קוראַטאָרס.

אָבער דאָס פאָלק האָט אויף אַן עקשנותדיקן אופן סאַבאָטירט אויך די נייע שול. די גראַמאַטע־שולן האָבן אין פאַרגלייך מיט די קאַזיאָנע שולן געהאַט די מעלה, וואָס זיי זענען געווען אָפּהענגיק פון דער אָרטיקער יידי־שער באַפעלקערונג: זייער אויסהאַלטונג איז געגאַנגען פונעם אָרטיקן „קאָ־ראָבאָטשני סבאָר": חוץ די ערן־קוראַטאָרס (בלוסטיטיעלעס), זענען געווען איינגעשטעלט אָרטיקע „דעפּוטאַטן" וועלכע האָבן געדאַרפט אַכטונג געבן, אַז דער נייער געזעץ זאָל פּינקטלעך אויסגעפירט ווערן. האָבן די אָרטיקע מענטשן שוין גוט געוואוסט, ווי אַזוי זיך אַן עצה צו געבן מיט־„נאַט־שאַלסטווע" און פאַרוואַנדלען די גראַמאַטע־שולן אין אַ בפירושער פיקציע. אויך די ראַבינערס אויף וועלכע עס איז געלעגן די זעלבע פליכט אַכטונג צו געבן אויפן רוסיש־לערנען, זענען דאָך געווען אָפּהענגיק פון די אָרטיקע קהלה־טוערס; האָבן די ראַבינערס נעבעך געמוזט מיטמאַכן די שפּיל פון אויסערלעכער געטריישאַפט צום נייעם קורס און אין דער אמתן פאַרקוקן דאָס פוסטעווען פון די גראַמאַטע־שולן.

דאָס זעלבע האָט זיך איבערגעחזרט מיט די נאָכמיטאָגדיקע שיכטן (סמיעני) וועלכע מען האָט אָנגעהויבן זינט 1865 צו עפענען ביי די קרוין־שולן, און וועלכע האָבן געהאַט דעם ציל צו פאַרווירקלעכן דאָס אָבלי־גאַטאָרישע לערנען רוסיש דורך אַלע ייִנגלעך פון 8 ביז 17 יאָר. מיט אַלע מיטלען און אופנים האָט די יידישע באַפעלקערונג באַקעמפט אָט די קורסן פאַר רוסיפיקאַציע בגוואַלד.

דער גורל פון דער קאַזיאָנע שול איז געווען געחתמעט. אין 1873 דער־שיינט אַ נייער געזעץ: די קאַזיאָנע שולן פון 2־טער מדרגה ווערן אין

גאַנצן געשלאָסן. די שולן ווידער פון דער 1־טער מדרגה פאַרבליבן נאָר דאָרט, וואו עס איז נישט פאַראַן געגנוג אַלגעמיינע שולן. און שוין אין עטלעכע יאָר אַרום איז פון די קאַזיאָנע שולן געבליבן נישט מער ווי אַ 30, אַנשטאָט זייער פריערדיקער צאָל — 100. אין דער דערקלערונג צום געזעץ שרייבט דאָס מיניסטעריום: „די יידישע קאַזיאָנע שולן... האָבן אָפּגע־לעבט זייער צייט און איבערגעלעבט זייער אויפגאַבע, זיי זענען קיינעם מער נישט נייטיק, ווייל אין די אַלגעמיינע לערן־אַנשטאַלטן — „שטאָטישע אוטשילישצעס" און גימנאַזיעס — קענען יידישע קינדער אָנקומען אָן דער הילף פון די דערמאָנטע שולן". אַנשטאָט די קאַזיאָנע שולן האָט דאָס נייע געזעץ איינגעפירט יידישע אָנפאַנג־שולן (נאַטשאַלנייע). די דאָזיקע שולן האָבן געהאַט אַ ברייטערע פּראָגראַם פון אַלגעמיינע לימודים, און עס זע־נען אָפּגערוקט געוואָרן אויפן הינטערשטן פּלאַן די יידישע לימודים; מען האָט די לעצטע געלערנט בלויז אין די נאָכמיטאָג־שעהן און זיי זענען נישט געווען אָבליגאַטאָריש פאַר די שילער. דאָס זעלבע געזעץ האָט, אגב, אויך געמאַכט אַ סוף צו דער עקזיסטענץ פוןביידע ראַבינער־שולן.

אַזוי האָט געענדיקט איר רומלאָזן לעבן די יידישע קאַזיאָנע שול. „דער נייער געזעץ פון 1873, שרייבט איינער אַ שולטוער צו דער חברה מפיצי השכלה, האָט געמאַכט אַ שווערן איינדרוק... דער טריאומף פון די פאַ־נאַטיקער איז אַ פולער און אומבאַשרייבלעכער. אין אַלע בתי מדרשים האַלט מען כסדר אין איין רעדן: די אוטשילישטשעס וועלן נישט זיין, קיין קאַזיאָנע ראַבינערס אויך נישט, און די מלמדים וועלן ווי אַמאָל זיך פאַר־נעמען מיט לערנען די קינדער".

אין 1863 איז איינגעפירט געוואָרן, אַז פון די הכנסות פונעם ליכט־אַפּצאָל זאָל אַרויסגעגעבן ווערן 24 טויזנט רובל אַ יאָר אויף סטיפּענדיעס פאַר יידישע שילער אין די אַלגעמיינע לערנאַנשטאַלטן; פריער נאָך, אין 1859, זענען געגרינדעט געוואָרן סטיפּענדיעס פאַר סטודענטן פון אייניקע הויכשולן. אויך די חמ"פה האָט איינגעשטעלט היפּשע סטיפּענדיעס פאַר די וואָס ווילן לערנען אין די מלוכהשע שולן. דער וואוקס פון דער צאָל פאַרמעגלעכע יידישע שילער און אָט די סטיפּענדיעס פאַר אָרעמע האָבן געפירט צו דעם, אַז די צאָל יידישע שילער אין די אַלגעמיינע שולן איז אומגעהויער געוואַקסן. אין אַלע גימנאַזיעס פון גאַנץ רוסלאַנד האָבן יידי־שע שילער אויסגעמאַכט: אין 1865 — 3,3% פון אַלע שילער; אין 1870 — 5,6%; אין 1877 — שוין גאַנצע 10%; אין 1880 — 12% און אין 1881 — 12,3%; אין באַזונדערע לערנקרייזן האָבן די יידישע שילער באַטראָפן נאָך אַ גרעסערן פּראָצענט. אין אָדעסער לערנקרייז איז די צאָל יידן אין אַלע מיטלשולן פאַר יינגלעך געווען אין 1885 — 29,3%;

אין ווילנער קרייז אין 1884 — 24%. אויך אין די אוניווערסיטעטן האָבן יידישע צוהערער אויסגעמאַכט אַ קאָלאָסאַלן פּראָצענט: אין כאַרקאָווער אוניווערסיטעט איז אין 1886 געווען אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט 41,5% יידן; אין אָדעסער אוניווערסיטעט איז געווען יידן 30,7%, אויפן יורי־דישן פאַקולטעט אפילו 41,2% יידן. דער % יידן אין אַלע אוניווערסיטעטן פון לאַנד איז אין 1881 געווען 8,8%, — אין 1887 — 13,5%.

אין ליכט פון אָט דעם קאָפּשווינדלעריש וואוקס איז גאָר באַלערנדיק און אינטערעסאַנט, וואָס אין די שולן פון נידעריקערע מדרגות איז דער אָנטייל פון יידן כמעט ווי נישט געוואַקסן און זיך געהאַלטן אויף זייער אַ קליינעם ניוואָ. אין 1865 איז אין אַלע שטאַטישע און אויעזדנע שולן פון גאַנצן לאַנד געווען 323 יידן (1,3%). אין 1886, ד. ה. כמעט אין 20 יאָר אַרום, איז די דאָזיקע צאָל קוים דערגאַנגען ביז 2546, ד"ה 4,4%. דאָס זעלבע — אין די פאַרשידענע טיפּן מלוכהשע פאָלקס־און אָנפאַנג־שולן: אין 1865 — אין גאַנצן לאַנד 338 יידן; אין 1880 — 6025 אָדער 0,49%. דאָס בילד איז קלאָר: די רייכערע קלאַסן און די אינטעליגענץ לויפן מיט חשק אַנטקעגן דער רוסיפיקאַציע, די ברייטע יידישע פאָלקסמאַסן איז די דאָזיקע רוסיפיקאַציע־טענדענץ פרעמד. דער שטראָם רוסיפיקאַציע גייט האַנט ביי האַנט מיט שינאה און העצע קעגן דער יידישער שפּראַך, — וועגן אָט דער כוואַליע אַנטי־יידיש דערציילן מיר באריכות אין אַ צווייטן אָרט. די קאַזיאָנע שולן גייען אונטער. יידישע קינדער בלייבן אין פולן רשות פון חדר און מלמד. אָט די ליניע פון דער רעגירונג שטימט פולשטענדיק מיט די כוונות פון יידישן בירגערטום און זיין אינטעליגענץ.

רעדנדיק וועגן די יידישע סוחרים און זייערע אידייען אויפן געביט פון שול, זאָגט ל. בראַמסאָן: „דאָס פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן ברייטערע קרייזן פון דער יידישער מאַסע, און אוודאי סיסטעמאַטישע בילדונג, דאָס האָט זיי (די סוחרים — ח. ש. ק.) נישט ווייניק געשראָקן... פאַר גאָר שאַרפע קעגנער פון די נייע שולן האָבן זיך אַרויסגעוויזן אין אַ סך ערטער די אָנגעזעענע און רייכע פאַרשטייער פון די יידישע קהילות: צי זיי האָבן מורא געהאַט אַז מיט דער פאַרשפּרייטונג פון בילדונג ביי יידן וועט אומפאַרמיידלעך פאַלן זייער איינפלוס, צי זיי האָבן געפילט אין דער נייאויפקומענדיקער אינטעליגענץ די קינפטיקע אָפּאָזיציע, צי זיי האָבן גע־שטרעבט פאַרשטאַרקן זייער אייגענע פּאָפּולערקייט דורך דעם וואָס זיי וויר־קן אין גייסט פון דער מאַסע און פון אירע גייסטיקע פירער, — ווי עס זאָל נישט זיין, דאָס זענען זיי, די רייכע סוחרים, די גרויסע פּעכטער פון יענער צייט, געווען די הויפּט אויסדריקער פון פּראָטעסט קעגן די נייע (קאַזיאָנע — ח. ש. ק.) שולן. דאָס האָט מען זיי אַפּנים צו פאַרדאַנקען,

וואָס עס איז מיט אַמאָל און אומדערוואַרט אָפּגעשאַפט געוואָרן דאָס אַבלי־גאַטאָרישע לערנען (אין די קאַזיאָנע שולן — ח. ש. ק.) פאַר די קינדער פון סוחרים און ערן־בירגער; אַדאַנק זיי איז עס אין מיניסטעריום נישט אַראָפּ פון סדר היום די פראַגע — יאָ אָדער נישט האָבן יידישע שולן? ענדלעך דאָס האָבן זיי געווירקט אין אַ גרויסער מאָס אַז מע זאָל אין 1873 אָפּשאַפן די דאָזיקע שול (קאַזיאָנע — ח. ש. ק.)"*).

אָט דאָס איז געווען דער באַזיס אויף וועלכן עס איז אויסגעוואַקסן די גאַנצע אידעאָלאָגיע פון רוסיפיקאַציע און פריידיקער אַסימילאַציע אין יענעם דור. אין גיכן וועט זיך באַווייזן אויף דער סצענע אַ נייער טיפּ אויפריכטיקע פאָלקסטימלעכע אינטעליגענץ, וואָס וועט זוכן נייע וועגן אויף צו פאַרשפּרייטן אמתע בילדונג צווישן די קינדער פון דער פאָלקסמאַסע, דערביי אָבער זאָלן די קינדער נישט אָפּגעריסן ווערן פון דער סביבה, פון „יידישקייט" בכלל און פון דער יידישער שפּראַך. צוביסלעכווייז וועט זי זיך נעמען אַקטיווער באַטייליקן אין דער אָנפירונג פון די עקזיסטירנדיקע שולן, אין פּרוּוון צו רעפאָרמירן די חדרים און תלמוד תורהס, און אויך צו עפענען נייע טיפּן געזעלשאַפטלעכע שולן פאַר יידישע קינדער.

* *
*

אין די 70־ער יאָרן הייבן זיך אָן הערן אַלץ אָפטער יידן־פּרעסערישע שטימען פון פאַרשידענע קרייזן אין לאַנד. אין 1871 איז אין אָדעס פאָרגעקומען אַ פּאָגראָם אויף יידן, וועלכער האָט געדויערט 3 טעג. דער באַרימטער מסור בראַפמאַן האָט אַנטוויקלט זיין גיפטיקע טעטיקייט אין ליטע. איוואַן אַקסאַקאָוו האָט געטענהט: „נישט וועגן עמאַנסיפּירן יידן דאַרף זיך עס האַנדלען, נאָר וועגן עמאַנסיפּירן די רוסן פון די יידן". דאָסטאָיעווסקי האָט אין זיין „טאָגבוך פון אַ שרייבער" געגאָסן מיט יידן־האָס. דער וווּקס פון סלאַוויאַנאָפילישע סימפּאַטיעס ערב דער רוסיש־טערקישער מלחמה פון 1877־1878 האָט געהאָלפן, אַז די באַציאונג צו יידן זאָל ווייטער פאַרערגערט ווערן. דער וואוקס פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין לאַנד, די פאַרשטאַרקונג פון די טעראָריסטישע אַקטן קעגן פאָרשטייער פון דער מלוכה, דער אָנטייל פון יידישער יוגנט אין דער אַנטי־מלוכהשער אַרבעט, — דאָס אַלץ האָט ווייטער געשטאַרקט דעם אַנטיסעמיטיזם אין לאַנד. „נאָוואָיע ווּרעמיאַ" איז אין 1880 אַרויס מיט אַ העצערישן אַרטיקל

---

*) ל. בראַמסאָן — „צו דער געשיכטע פון אָנפאַנג־בילדונג ביי יידן אין רוסלאַנד" (רוסיש), אינעם זאַמלבוך „זבאָרניק וו פּאָלזו נאַטשאַלניך יעווריייסקיך שקאָל" ז״ז 326־327.

אונטערן נאָמען: „זשיד אידיאָט" (דער זשיד גייט). פאַרענדיקט האָט זיך דאָס אַלץ מיט דער שרעקלעכער פּאָגראָם־באַוועגונג אין 1881, וועלכע האָט אַרומגעכאַפּט במשך פון אַ חודש צייט איבער 150 יידישע ישובים. אין 1883 האָט זיך די פּאָגראָם־כוואַליע ווידער איבערגעחזרט.

דער 3־טן מאַי 1882 זענען אַרויס די באַרימטע „ציישווייליקע פאַראָר־דענונגען" קעגן יידן. מען הייבט אָן פּאַקטיש אַרויסצושטויסן די יידישע קינדער פון מיטל־שולן, און 1887 ווערט איינגעשטעלט אַ פּראָצענט־נאָרמע פאַר יידן אין מיטל־שולן און אין אוניווערסיטעטן. עס שיטן זיך אויף די יידישע קינדער עפנטלעכע און קאָנפידענציעלע פאַראָרדענונגען פון בילדונגס־מיניסטער און פון באַזונדערע שול־קוראַטאָרס. דאָס אַלץ פירט צו דער בהדרגהדיקער פאַרקלענערונג פון דער צאָל יידישע שילער אין די אַלגעמיינע מלוכהשע לערן־אַנשטאַלטן. פאַר די יידישע קינדער האָט זיך אין די אַלגעמיינע שולן געשאַפן אַ שוידערלעכע אַטמאָספער. מען האָט זיי געדריקט אויף פאַרשידענע אופנים, מען האָט ברייט אויסגענוצט די סיסטעם עקזאַמענעס אויף אַ דורכצוואַרפן און נישט אָננעמען יידישע שילער. אין אַלע גימנאַזיעס און פּראָ־גימנאַזיעס פון יידישן תחום איז דער פּראָצענט יידן כסדר געפאַלן. אין די פינף יאָר 1887־1891 איז דאָ די צאָל יידישע שילער פאַרקלענערט געוואָרן: אין וואַרשעווער קרייז אויף 42%, אין ווילנער קרייז אויף 51%, אין קיעווער אויף 18%, אין אָדעסער אויף 43%. אין די ווייטערדיקע פינף יאָר (1892־1896) האָט זיך די צאָל יידישע שילער אין גימנאַזיעס און פּראָ־גימנאַזיעס, אין די זעלבע לערן־קרייזן, ווייטער פאַרקלענערט אויף 14%, אויף 21%, אויף 7%, אויף 30%*).

די אויפנאַם־עקזאַמענעס צו די מיטלשולן האָבן זיך פאַרוואַנדלט פאַר דער יידישער יוגנט אין אַ אמתער פּיין פון קאָנקורס־עקזאַמענעס. פון 1888 ביז 1900 איז די צאָל יידן וואָס האָבן „נישט אויסגעהאַלטן" די עקזאַמע־נעס אין די גימנאַזיעס פון ווילנער לערנקרייז אויסגעוואַקסן מער ווי אויף צוויי מאָל — פון 13,7 אויף 28,3%; אין די רעאַל־שולן פון דעם זעלבן קרייז איז דער דאָזיקער פּראָצענט פאַר די יאָרן 1895־1899 אַרויפגעשפּרונ־גען פון 25,6% אויף 37,6%. דאָס זעלבע בילד איז געווען אויך אין אַנדערע לערנקרייזן.

נישט בעסער האָט אויסגעזען די לאַגע אין די הויכשולן. פון 1886 ביז 1899 איז די צאָל יידישע סטודענטן אין לאַנד אַראָפּ פון 14,8% אויף

---

*) פּאָזנער, דצ"וו, ביילאַגע 15, ז' 64.

10,9%; אין פּעטערבורגער און מאָסקווער אוניווערסיטעטן איז דער פּראָצענט יידישע סטודענטן געפאַלן נאָך שטאַרקער — פון 12,7 ביז 4.4%.

די אומברחמנותדיקע באַזייטיקונג פון די יידישע תלמידים אין די מלוכהשע גימנאַזיעס און רעאַל־שולן — האָט געפירט צו דעם, אַז יידישע קינדער האָבן זיך געוואָרפן צו די „שטאָטישע" און „אויעזדנע" שולן, און די צאָל יידישע שילער איז דאָ שטאַרק געוואַקסן. ווי מיר האָבן אויבן דערציילט, איז אין 1886 דער פּראָצענט יידישע שילער אין אַלע שטאָטישע און אויעזדנע שולן געווען 4,4%. אָבער אין 1911 האָט שוין אָט דער פּראָצענט אויסגעמאַכט 8,8% (אין גאַנצן לאַנד געווען דאָ 14.356 ייד. קינדער). די דאָזיקע צאָל האָט זיך, הייסט עס, פאַר די יאָרן פאַרטאָפּלט. וואָס איז שייך אָבער די מלוכהשע פאָלקשולן (אָנפאַנג־שולן), איז דאָ וויטער די צאָל יידישע קינדער געווען זייער נידעריק: אין 1911 האָט דאָ דער פּראָצענט ייד. קינדער אויסגעמאַכט 1,2%. דער לעצטער פּראָצענט איז געווען אַ סך נידעריקער ווי דער פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנד (4%).

וואָס מער עס איז געוואַקסן די צאָל געזעלשאַפטלעכע שולן און תלמוד תורהס, אַלץ קלענער איז געווען דער אַנטייל פון יידישע קינדער אין די אַלגעמיין־מלוכהשע אָנפאַנג־שולן. אַזוי למשל איז אין ווילנער בילדונגס קרייז, וועלכער האָט אַרומגענומען זעקס גובערניעס (ווילנער, קאָוונער, גראָדנער, מינסקער, וויטעבסקער, מאָהילעווער), געווען אין 1896 אין אַלע יידישע שולן אָן די חדרים — 16 טויזנט יידישע קינדער, און אין דער אַלגעמיינער שול איז געווען זעקס טויזנט, ד"ה די צאָל יידישע שילער פון דער אַלגעמיינער שול האָט באַטראָפן קאַרגע 28% פון אַלע יידישע שילער אין ווילנער קרייז. מיט צען יאָר שפּעטער, אין 1906 איז דאָ געווען אין דער יידישער שול 27.115 שילער, אין דער אַלגעמיינער 6,637, ד"ה אַז די יידישע שילער פון דער אַלגעמיינער שול האָבן אויסגעמאַכט קאַרגע 20% פון דער גאַנצער צאָל יידישע שילער*).

* *
*

די געשילדערטע לאַגע האָט געפירט צו דעם, אַז די נאַציאָנאַלע שטימונגען אין דער יידישער באַפעלקערונג בכלל און ביי דער יוגנט בפרט האָבן זיך פאַרשטאַרקט. די פּראָבלעמען פון יידישער דערציאונג פאַרנעמען

---

*) זמ"ב „די נייע צייט", ב. 3, ז' 69, ווילנע, 1908.

אַלץ אַ גרעסערן פּלאַץ, עס וואַקסט אויס אַ נעץ פון יידישע געזעלשאַפט־לעכע שולן פאַר ייִנגלעך און פאַר מיידלעך. די רייען פון פאָלקסטימלעכער נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיניקער אינטעליגענץ פאַרגרעסערן זיך. עס שטעלט זיך איין אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צו דער יידישער שפּראַך אין לעבן און אין שול; און ענדלעך, עס אַנטוויקלט זיך אַ יידישע אַרבעטער־באַוועגונג און עס ווערט אַלץ רייפער די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אידעאָלאָגיע. דער לאָזונג פון אַ שול אין דער מוטער־שפּראַך פון יידישן קינד ווערט אַקטועלער מיט יעדן יאָר.

די אַמאָליקע „שרייבערס" ביי יידן

1. דער ענין שרייבן ביי יידן און דער „בריוונשטעלער".

לערנען די קינדער שרייבן — איז ביי יידן געווען פון דורות א שיינע טראַדיציע. און מערקווירדיק, ווי דאָס שרייבן האָט זיך אַסאָציאירט מיט דער לעבעדיקער שפּראַך פון טאָג־טעגלעכן געברויך, מיט יידיש. ש. אסף, אין זיין 4־בענדיקן העברעאישן בוך „מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דערציאונג ביי יידן", האָט געבראַכט זייער א סך דאָקומענטן און ציטאַטן, וואָס באַווייזן דאָס אויף א בולטן אופן. עס איז געווען א באַדערפעניש אין פאָלק צו זיין שריפט־„גראַמאַטנע", צו קענען זיך צונויפשרייבן מיט א צווייטן. דאָס שרייבן — דאָס איז געווען דער ערשטער אָנזאָג פון א נויטבאַדערפעניש אין וועלטלעכער בילדונג, דאָס איז געווען דער ערשטער שטראַל פון באַוואוסטזיין, אז יידיש איז די שפּראַך, דורך וועלכער די ווייטע און צעוואָרפענע יידן קענען זיך קאָמוניקירן איינער מיטן צווייטן.

דאָס יידישע לעבן האָט שוין אין 16־טן יאָרהונדערט געשאַפן דעם אינסטיטוט „שרייבערס". דער שרייבער האָט אויסגעפירט א געזעלשאַפט־לעכע פונקציע אין יידישן לעבן, און מען האָט זיך אין אים גענייטיקט פּונקט ווי אין אַנדערע פונקציאָנערן פון דער יידישער קהילה. דער „שריי־בער" האָט זיך איינגעהאַלטן אין יידישן לעבן פון אַמאָליקן רוסלאַנד ביזן סאַמע שוועל פון אונדזער היינטיקן יאָרהונדערט. אויפגעקומען איז ער נאָך מיט דריי־פיר הונדערט יאָר צוריק אין מערב־אייראָפּע.

אינעם ספר „פּלא יועץ" פון ר' אליעזר פּאַפּו, געשריבן אין יאָר תקע"א (1811) געפינען מיר אַזעלכע אָנווייזונגען וועגן ענין שרייבן: „אינעם שרייבן שטעקט א סך גוטס, און עס איז א מצוה פאַרן פאָטער צו לערנען זיין זון די מלאכה פון שרייבן, ווייל אָן דעם קען א מענטש זיך נישט באַגיין, נישט אין וועלטלעכע זאַכן, נישט אין געטלעכע. און ווער עס איז נישט געווען אויפמערקזאַם און קען נישט די מלאכה פון שרייבן אין א

געהעריקער מאָס אין לשון הקודש און אין פרעמדע שפּראַכן — דעם זאָל א שאַנדע באַדעקן... גוט איז פאַר א מאַן, ער זאָל אויך זיין טאָכטער לער־נען די קונסט פון שרייבן, כדי זי זאָל זיך אויסלערנען דאַווענען און זאָגן ברכות און לייענען וועלטלעכע ביכער אין פרעמדע שפּראַכן. מיט דער הילף פון שרייבן וועט ער אויך קענען פאַרשרייבן זיינע חשבונות — ווען ער איז שולדיק און ווער איז אים שולדיק... אויך וועט ער דורכן שרייבן קענען שיקן בריוו אין ווייטע מקומות און אויספירן זיינע פאַרלאַנגען... וואָס זאָל איך רעדן — מען דאַרף נישט קיין ראיות פאַר באַקאַנטע זאַכן, די מלאכה פון שרייבן איז א גרויסע נויטווענדיקייט און עס אין א ענין וואָס האָט פאַר אַלעמען דעם זעלבן ווערט" *).

אסף ברענגט צענדליקער תקנות פון קהילות און פון תלמוד־תורה־חברות, און אין אַלע תקנות, וואָס אייניקע פון זיי זענען אַלט עטלעכע הונדערט יאָר, ווערט אַרויסגעלייגט אויפן מלמד און אויף זיין העלפער דער חוב צו לערנען די קינדער שרייבן, און גאַנץ אָפט ווערט בפירוש גערעדט וועגן שרייבן אויף יידיש.

דאָס זעלבע חזרט זיך איבער סיי אין ליטע־פּוילן, סיי אין די דייטשע און איטאַליענישע יידישע קהילות. עס איז א טראַדיציע, וואָס ציט זיך דורות לאַנג.

אינעם פּנקס פון „ועד המדינה" בליטא געפינען מיר צווישן די תקנות וועגן ענינים פון חנוך (1623־1764) אַן אָנווייזונג, אַז עס זאָל בעצאָלט ווערן „ארבעים שאָק ליטא צו א שרייבער, וואָס זאָל זיין מחויב צו לער־נען שרייבן די יינגלעך, קינדער פון אָרעמע עלטערן" (אסף, 1, ז, ק"ז). די תקנות פון דער קראָקעווער קהילה (1595) פאָדערן, אַז „דער מלמד און די ראשי דוכנא... זאָלן אויך לערנען מיט די קינדער די מלאכה פון שרייבן אין אותיות און לשון לעז, וואָס מיר רעדן אין אים... זיי זאָלן אויך לערנען מיט זיי די מלאכה פון חשבון" (דאָרט, ז. ק"א). אסף טייטשט אויס, אַז דאָ מיינט מען „די אותיות, מיט וועלכע עס זענען געווען געדרוקט די ספרים וואָס זענען געשריבן אין יידיש־טייטש, וואָס זענען ענלעך צו די אותיות פון „כתב רשי", און אויף צו לייענען זיי האָבן די מלמדים געמוזט האָבן א באַזונדער געניטקייט". דער פּנקס פון פראַנקפורט אַם־מיין פאַרלאַנגט פון די מלמדים, זיי זאָלן איינגעוואוינען די קינדער „צו שרייבן שיין און קינסטלעריש" (דאָרט, ז. קי"ח).

*) ש. אסף — מקורות לתולדות החנוך בישראל, כרך שלישי, ז. ע"ה.

אין די תקנות פון אלטונא־האמבורג (1808) לייענען מיר: „אזוי ווי דאס קענען שרייבן און רעכענען האט א גרויסע וויכטיקייט פארן מענטשן ביי זיין פרנסה און באשעפטיקונג, דעריבער האבן מיר איינגעשטעלט, אז משגיחים זאלן גוט אכטונג געבן אויף דעם, און אויסגעפינען א שרייבער וואס איז איינגעוואוינט שנעל און גוט צו שרייבן מיט א שיינעם כתב, יידיש און דייטש און מיט א שיינעם סטיל. און דער דאזיקער מאן זאל קומען אין בית המדרש יעדן אין דער וואכן אויף דריי שעה א טאג" (דארט, ז. רס"ג).

די תקנות פון „מעהרין" פארלאנגען, מע זאל לערנען די יינגלעך „שרייבן און לייאנין"; די אמסטערדאמער חברה „מגדלי יתומים" פאר־לאנגט, מע זאל די יתומים לערנען שרייבן, „כתיבה יהודית וגלחות להבדיל" (דארט, ז, קפ"ט). דאס זעלבע חזרט זיך איבער אין א סך אנ־דערע תקנות. דער נאמען פון דעם לימוד הייסט דארט „כתיבה": "אגרות" (בריוו), „כתיבה וחשבונות", „כתיבה עברית ונוצרית וחשבונות", „שרייבן אויף לשון הקודש און אין דער גערעדטער שפראך", „לערנען לייענען און שרייבן בלשון הקודש ובלשון המדינה און מאכן רעכענונגען", — אט דאס זענען די פארמולעס און טערמינען, וואס מיר באגעגענען אין די תקנות אויף טריט און שריט.

די לעבעדיקע יידישע שפראך האט געפירט דורך פארשידענע וועגן צו דער פארוועלטלעכונג פון יידישן לעבן. און ווי איינע אזא פראבלעם פון פארוועלטלעכונג האט זיך נאר פרי געשטעלט פאר דער יידישער געזעל־שאפט דער ענין אויסלערנען דעם אונטערוואקסנדיקן דור שרייבן אויף יידיש. פריער קומט דער דאזיקער באוואוסטזיין אין די מערב־אייראפעאי־שע יידישע קהילות, שפעטער דרינגט ער אריין אויך אין די מזרח־אייראָ־פעאישע קהילות. אין א היפשער צאל תקנות פון קהילות און באזונדערע חברות געפינען מיר גאנצע פאראגראפן, וואס זארגן וועגן דער זאך.

די חברה „מגדלי היתומים", פיורדא תקכ"ג (1763) האט איינגע־שטעלט אזא תקנה: „די גבאים דארפן נעמען א שרייבער, וואס זאל לער־נען די יתומים שרייבן, און ווענדלוק זייער איינזען דארפן זיי איינשטעלן די שעה, ווען ער זאל מיט זיי שרייבן, כדי נישט מבטל זיין זיי אין לערנען. און די יתומים דארפן יעדן ערב שבת ווייזן די גבאים און די אויסדער־ווײלטע פון דער חברה — וואס זיי האבן געשריבן אין דער וואך, כדי די גבאים זאלן קענען אכטונג געבן אויפן שרייבער, צי ער דערפילט די פליכט וואס מען האט אויף אים ארויפגעלייגט" *).

*) ש. אסף — מקורות לתולדות החנוך בישראל, ב, ז. ר"ד.

דאָס קענען שרייבן איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ וויכטיקער ענין אין לעבן, און דערפאַר איז מען אַזוי אָפּגעהיט געווען מיט דעם, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער דערציאונג פון יתומים. און מען קען לייכט זיך אָנשטויסן, אַז אויב מע האָט אַזוי מקפיד געווען אינעם ענין שרייבן ביי דער דערציאונג פון יתומים און אָרעמע קינדער, האָט דער ענין נאָך אַ גרעסערן אָרט פאַרנומען אין דער דערציאונג פונעם קינד פון פאַר־מעגלעכע עלטערן.

דער שרייבער איז געוואָרן אַ באַשטאַנדטייל פון דער יידישער דער־ציאונג־סיסטעם. מיר קענען זאָגן: דער מלמד איז געווען דער טרעגער פון די רעליגיעזע לימודים, דער שרייבער — פון די וועלטלעכע לימודים. עס האָט זיך געהאַנדלט נישט וועגן סתם שרייבן: דאָס איז געווען דער טויער, דורך וועלכן מען איז געקומען צום זעלבשטענדיקן לייענען אַ מוסר־ביכל און אַ חומש־איבערזעצונג און אַמאָל אויך אַ שטיקל ראָמאַן און שפּאַסעריי אויף יידיש, ווייל יידיש־טייטש האָט געהאַט איר אייגענעם שריפט, ענלעך צום רשי־כתב; און דער עיקר — דאָס איז געווען די קאָ־מוניקאַציע־מעגלעכקייט מיט אַלע ווייטע און נאָענטע.

און צוגלייך מיטן „שרייבער", אים צו הילף ווי אַ לערנבוך און אַמאָל ווי אַ מיטל פון זעלבסט־בילדונג איז אויפגעקומען דער „בריוונשטעלער", וואָס האָט געשפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָליע אין אַמאָליקן יידישן לעבן. אינעם 4־טן באַנד פון ש. אַספּס ווערק, אין דער רשימה לערנביכער, וואָס ער גיט דאָרט, האָבן מיר אָנגעציילט אַ גאַנצן צענדליק אַזעלכע בריוונ־שטעלער אָדער עלעמענטאַר־ביכער — דער גרעסטער טייל פון זיי איז דער־שינען אינעם ערשטן פערטל פון 19־טן יר"ה. אָבער עס איז קיין שום ספק נישט, אַז אויך די פריערדיקע יאָרצענדליקער האָבן געהאַט אַזעלכע אויס־גאַבעס. דער גרעסטער טייל פון אַספּס דערמאָנטע בריוונשטעלער זענען, מן הסתם, סטערעאָטיפּ־איבערדרוקונגען פון פריערדיקע און עלטערע אויפ־לאַגעס. *)

דער בריוונשטעלער „מסדר אגרת אודער איין נאייער שרייב לעהריר און בריפשטעלער פיר יידישע קינדער ביידע גישלעכטיר" (ווילנע, תקפ"ה) ווענדט זיך מיט אַזעלכע ווערטער צו זיינע באַנוצערס: „דרום מיינע ליבע קינדער איר זאָלט דאָס שרייבן גוט פר אכטן דען זונדר דאָש לערנען איז

*) וועגן פאַרשידענע אויסגאַבעס פונעם יידישן בריוונשטעלער "חנוך לנער" — זע דר. שאַצקיס אַרבעט אין „ייוואָ־בלעטער", ב. 12, ז. 384.

דש שרייבן די ערשטע (מעלה) אויף דער וועלט, מיר זעהן דאָך ווער ניט שרייבן קאָן, דער איז אויף דער וועלט ווייניג וואָש גיאכט"*).

מיט צוויי בריוונשטעלער וועלן מיר זיך דאָ פאַרנעמען אַ ביסל לענ־גער: זיי וועלן פאַר אונדז באמת אויפדעקן די גאַנצע אַטמאָספערע ארום אַט דעם געביט פון שרייבן ביי יידן. מיר וועלן פון זיי באַקומען אַ קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן דער ראָליע וואָס דער בריוונשטעלער און דער ענין שרייבן בכלל האָט געשפּילט אין אַמאָליקן יידישן לעבן. איינער פון די דאָזיקע בריוונשטעלער, וועלכער איז פאַרפאַסט דורך איינעם פון די ערשטע משכילים אין ווילנע, טראָגט דעם נאָמען „מכתבים אדער איין נייער ברי־פען שטעללער" פאָן אברהם ליאָן דאָר (געבוירן 1793). מיר האָבן פאַר זיך די אויסגאַבע פון 1882, ווילנע. אַ פריערדיקע אויסגאַבע אונטער דעם זעלבן טיטל איז געווען אין 1868, אויך ווילנע, ראָם. אין דער אמתן אָבער זענען זיי ביידע געווען ווייטערדיקע אויפלאַגעס פון דעם זעלבן מחברס בריוונשטעלער, וואָס איז אַרויס אין 1826 (ווילנע, תק"פז) אונטערן נאָמען: „נייער קינסטליכע בריעפשטעללער", און איז געווען אויסערגע־ווייגלעך פּאָפּולער און האָט אויסגעהאַלטן ווייטערדיקע אויפלאַגעס אין 1843, 1844 און 1846. אַמאָל איז דער נאָמען פון מחבר אָנגעגעבן: יהודה ליב ליאָן דאָר; אַמאָל לעווין אבראם ליאָן דאָר; אַמאָל אברהם ליאָן דאָר**).

דער עקזעמפּלאַר פונעם בריוונשטעלער, וועלכן מיר האָבן פאַר זיך, איז געדרוקט מיט אַ שיינער שריפט פון געשריבענע אותיות. אַ חוץ די געברויכלעכע מענער־און פרויען־נעמען, איז דאָ געגעבן אַ קליין ווער־טער־ביכל פון די העברעאישע ווערטער, וואָס ווערן גענוצט אין יידיש. ווי אַ געטרייער לערער, וואָס וויל אַז זיינע שילער זאָלן זיין אמת גראַמאַטנע, דערקלערט דער מחבר אַזוי די נייטיקייט פונעם ווערטערבוך: ***)

---

*) ציטירט לויט יהודה עלזעט — „מיט הונדערט יאָר צוריק", מאָנטרעאַל, 1927.

**) פּנחס קאָן — „דאָס ערשטע פּויליש־יידישע ווערטער־בוך און זיין מחבר לעוין. ליאָן־דאָר". לאַנדוי־בוך, שריפטן פון ייוואָ ב. 1 ז. 236.

מ. וו. אין אַ נאָטיץ אונטערן נאָמען „לעווין־ליאָן־דאָרס בריוונשטע־לערס" (ייוואָ־בלעטער ב. 18) שטעלט פעסט אַזאַ צאָל אויפלאַגעס פון דיאָרס בריוונשטעלערס: 1826, 1843, 1861, 1868, 1870, 1873, 1876, 1882.

***) מיר גיבן דאָ און ווייטער די ציטאַטעס מיט דער היינטיקער אָר־טאָגראַפיע, כדי צו פאַרלייכטערן דעם לייענער.

„(אזוי) ווי אין אונדזער אידעש־דייטש שפּראַכע פאַלן פּיל הערייִן ווערטער און רייד פון לשון הקודש, און ווייבספּערזאָנען, מאמזעלן, מיידלעך זיינען דאָך געווים ניט געוואוינט צום אויסלייגן אַזעלכע לשון קודש ווערטער, — האָב איך מיט פליים נאָך דעם אלפא בית געמאַכט, דאָס מערערע ווערטער, יעדער וואָרט וועלכער זייער נייטיק איז אין ריידן און נייטיק וועט זיין אין אויסלייגן", — זאָל מען אים דאָ קענען געפינען".

ווייטער קומען דאָ די נעמען פון די טעג און חדשים, און אויך אַלע ראשי תיבות וואָס ווערן אין יידיש באַנוצט. נאָכדעם קומען די כללים פון דעם יידישן אויסלייג: „דער גאַנג פון אויסלייגן איז ווי ווייטער צו זען". די אָרטאָגראַפיע איז דאָ אגב אַ גאַנץ „מאָדערנע" און דערטרעגלעכע.

דער בריוונשטעלער גופא עפנט זיך מיט צוויי בריוו: איינער איז פון דעם מחבר צו דעם אַלטן בריוונשטעלער פון זיינע פריערדיקע אויפלאַגעס, און דער צווייטער בריוו איז אַן ענטפער פונעם אַלטן בריוונשטעלער צו דעם מחבר. לייענען מיר דאָרט אַזוי:

„ליבער גוטער בריוונשטעלער! פון דער צייט ווי דו ביסט אַרוים פון מיין האַנט, שוין ביז זיבעצן אָדער אַכצן יאָר, האָב איך מיר די צייט נישט געגומען זיך מיט דיר פאַנאַנדערצורייידן. איך האָב דיר געשטאַלטעט, געבילדעט, אין שרייב־אותיות געקליידעט, דורך דיר די וועג געוויזן ווי קינדער און ווייבער, אָדער אַזוי ווי אַנדערע וואָס קענען נישט שרייבן, זאָלן לערנען אויסלייגן, פאַרשיידענע געשעפטן וויסן ווי צו שרייבן. איך בעט דיך, דו זאָלסט מיר באַלד אַן ענטפער געבן, ווי מיט דיר פון דער צייט אָן ווי איך האָב דיר אין דרוק פאַרקויפט, ווי מיט דיר האָט זיך אָפּגעפירט" אא"וו.

אויף דעם גיט דער בריוונשטעלער אַזאַ אינטערעסאַנטן ענטפער:

„...עס איז אַ גרויסער נוצן געווען, וואָס האָט מיר געפאָרמירט מיט געשריבענע בוכשטאַבן איין שיינע וועג צום אידעש־שרייבן, פאַר קינדער געוועזן. עס איז וואָר ווי איר זאָגט, דאָס עס האָבן טויזנטער קינדער און גרויסע דערפון שרייבן געלערנט; דערנאָך האָבן ווירקלעך מוכרי ספרים און פאַקענטרעגערלעך ביינאַהע (כמעט) גאַנץ אייראָפּע אַרומגעשלעפּט, מען האָט מיר געשעצט און געהאַלטן ווי עטוואָס רעכטס, זיי האָבן פאַר מיר שיינע פּרייזן (מקחים) געגומען. אין קליינע שטעטלעך האָבן יידישע קינדערלערער (מלמדימלעך) צונויפגעקליבן מיידלעך, ווייבער, יינגלעך, טישן צונויפגעשטעלט, און האָבן געלערנט בריוונשטעלער, איטלעכער האָט מיך געהאַלטן פאַר זיך און האָט זיך מיינע בוכשטאַבן (אותיות) מיט דער פעדער געפאָרמירט. די לערערלעך האָבן זיך פון מיר געלערנט דעם אויסלייג, נאָך אייערע רעגעלן נאָך, זיי פּלעגן איטלעכער

שטיין אויף פינף אָדער זעקס רובל אַ וואָך, איך פלעג מיר ליגן אויפן טיש מיט פאַרגעניגן...

...„וואָס העלפט דאָס ליבער טרייער הער פאַרפאַסער (מחבר)! ווען איך זאָל אייך וועלן דערציילן, וואָס מיט מיר האָט זיך געטאָן, ווי דער דרוקער האָט מיר פון אייך פאַר אַ קלייניקייט באַקומען, האָט מען מיר דריי מאָל צו דריי טויזנט איבערגעדרוקט, אויסער וואָס עס פלעגן אונטערלייגן פאַפּיר די פּרעסנציער, די אויפגעבער... געזונט זאָל זיין די פעדער אויף דער וועלט, זי איז אונדז פול צו הילף, לעבט וואויל ליבער הער לערער! און איך אייער בריוונשטעלער גרים אייך גערן".

און אָט ליגט פאַר אונדז אַ צווייטער בריוונשטעלער, צונויפגעשטעלט פון הירש ליאָן דאָר, אַ זון פון אברהם ליאָן דאָר. אין „אוצר הספרים" (ז. 84, נומ. 583) ווערט אָנגעגעבן זיין בריוונשטעלער אונטער אַזאַ טיטל: „בריף-לעהרע אדער נייער בריעפענשטעללער אינהאַלט אללער האַנד פער־שיעדענע בריעפע, זיטטענלעהרע, געשעפטסבריעף אונד רעכנונגען פון הירש ליאָן-דאָר, ד' שני (צווייטע אויפלאַגע), ווילנע תר"טז, 1856". מיר האָבן פאַר זיך אַן אַנדער אויסגאַבע מיט אַן אַנדער טיטל, אָבער וואַרשיינ־לעך איז עס פשוט אַן איבערדרוק און אפשר אַן איבעראַרבעטונג פונעם ציטירטן ביכל. דער בריוונשטעלער וואָס ליגט פאַר אונדז איז אַן אויסגאַבע פון ווילנע תר"לו, 1875; אָבער אויף רוסיש איז אָנגעשריבן, אַז דאָס איז „אַ נייע אויפלאַגע פון דער אויפלאַגע פון 1874". ווי מיר וועלן זען, איז דער זון ליאָן דאָר געגאַנגען אין אַלע פּרטים אין פּאָטערס דרכים, און אויך זיין בריוונשטעלער האָט געהאַט גרויס דערפאָלג און אויסגעהאַלטן עטלעכע אויפלאַגעס. דער פולער טיטל פון דעם בריוונשטעלער, וועגן וועלכן עס איז ווייטער די רייד, איז אַזאַ: „איין נייער בריפן שטעללער וואָס איז כולל זייער פיל בריף פון פערשיידענע נייטיגע ענינים, געשריבין מיט גרויס חריצות, מיט גרויס געפיל, אין בעסטין סטיל, אויך זייער שיינע אנעקדאָטין און פאַבעלין אין דיזע בריף געשריבין, מיט דיא שענסטע זיטטען, וואונדערבאַרע צום שרייבען און צום לעזין, נעמען פוןביידער־לייא געשלעכטר (זכר ונקבה). אויך (לשון קודש) ווערטער וועלכע מען ברויכט צום ריידין, אַלס נאָך דעם (אלפא בית). אויך (ראשי תיבות) וועלכע אין שרייבען געברויכט איז אין שענסטען אָרדענונג: הערויס גע־געבען פאָן הירש ליאָן דאָר".

אויך דאָ קומט אַ קאָרעספּאָנדענץ צווישן נייעם און אַלטן בריוונ־שטעלער, און דער נייער דערמאָנט טאַקע דעם לעצטן, אַז ער איז „שוין פון איינינע צענדליגע יאָר איין געניטער וואנדערמאַן" און אַז ער איז שוין „צוויי מאָל פון דרוק אַרויס, מיט אַן אויסזיכט דאָס יידישע קינדער זאָלן

לוסט באַקומען צו קענטניסע און בילדונג פאַר אָנפאַנגער, ריין **יידיש** קענען שרייבן, אויסלייגן וואָס פון קאָפּ אויפזעצן". פון די אָנווייזונגען און באַמערקונגען וואָס מיר געפינען דאָ, איז כדאי צו ברענגען אַ פּאָר: „צום בעסטן איז דייטליך צו שרייבן אָן פרעמדע ווערטער, ווייל אידעש דייטש איז איין שפּראַכע אָן גראַמאַטיק, דערום ווי גערעדט אַזוי געשריבן, גיט פאַרפינטעלט, גיט פאַרדרייט און ניט פאַרשטריכלט". וועגן זיין ראַליע אין יידיש לעבן דערציילט דער אַלטער בריוונשטעלער: ...„נאָך ערגער ביי די מלמדים אויף די דערפער עס זאָל זיי צו קיין שאַנדע נישט זיין, אַז מיט פריערדיקע יאָרן האָבן זיי גאָר נישט געקאָנט און נישט געוואוסט, און צום אומגליק ווייניק געלערנט, אַז איך וואָלט אין מיינע בריוו נישט אַריינשטעלן אייניקע לשון קודש ווערטער, וואָלטן די מלמדים פון דעם זין געקומען"... אין אַ בריוו פון „לערער גוטמאַן" לייענען מיר: „מיר געפעלט זייער די אידעש דייטשעשע בריוונשטעלער, וועלכע נוצליך איזט פאַר די וואָס קענען נאָך נישט רעכט שרייבן... פון דער צייט אָן אַז דער בריוונ־שטעלער איז פון דרוק אַרויס, האָבן דאָך יונגע קינדער און אַנדערע ווייבס-פּערשוין, פיל געלערנט, ווייל ער איז זייער נוצליך, עס איז אויף שרייב-בוכשטאַבן געדרוקט, שיינע געדאַנקען און צום צייט־פאַרטרייבונג, אַנדערע צום שפּאַס, וועלכע לוסט מאַכן צום לעזן"... אין אַן אַנדער בריוו באַרימט זיך דער אַלטער בריוונשטעלער, אַז ער איז געווען „ביי די פאַקנטרעגער און ביי די מוכר ספרים — צוזאַמענגעלייגט מיט גרויסע חבורים און ספרים, איך האָב אויף זיך געטראָגן וויפיל מאָל גראָבע דיקע טאָוולען, שיין געבונדן, אַ מתנה פאַר אַ כלה, געגילטע בלעטער און אין סאַפיאַן געבונדן, מען האָט מיר אין ספרים-אַלמער אַריינגעשטעלט אונטער אַנדערע ספרים, אָבער מיט דער צייט האָט מען מיר אָנגעהויבן צו נוצן, יונגע קינדער און ווייבער האָבן אָנגעהויבן פון מיר צו לערנען בריוו צו שרייבן, אויסלייגן נעמען און רעכענען"...

אין איינעם פון זיינע וויטערדיקע בריוו פאַרטיידיקט דער מחבר אויף פאָלגנדן אופן דעם כבוד פון דער יידישער שפּראַך: ...„אָבער ביי די יידיש דייטשע שפּראַך, וועלכע איז געמישט מיט פיל פרעמדע ווערטער אָן אַ גראַמער, וואָס מען מוז זיך באַהעלפן ביי יעדער זין און געדאַנקען מיט ווערטער פון אַנדערע שפּראַך — פון דעסטוועגן זעט נאָר ברידער, וואָס פאַר שיינע חבורים ביי איצטיגע וועלט האָבן פּאַרפאַסער אַרויסגעגעבן. עס איז ווירקליך אַ פאַרגעניגן צו לעזן פון די שיינע דיכטער, דער מוסר השכל פון החכם הערן צווייפיל, אָדער דער צייטונג־שרייבער אין אידיש דייטש קול מבשר פון החכם המפורסם הערן צעדערבוים, און אויך אַנ־דערע גרויסע געלערנטע, גיבן צו ערקלערן און צו פאַרשטיין דייטליך פאַר

דעם פּראָסטן עולם, אפילו די קענער זאָגן אויך אַז זייערע ריינע ווערטער און טייערע ביישפּילן איז אַ פאַרגעניגן צום לעזן, אויפגעוויזן ריינע מוסר... ווייסט איר אָבער מיינע פריינד, ווער עס שרייבט די אידעש־דייטשע פאַרפאַסונגען, חכמים מופלגים, מושלמים, איר זאָלט ניט מיינען, אַז די וואָס שרייבן אידעש דייטשע ביכלעך קענען מער ניט ווי אידעש־דייטש ?״

אַט אַזוי זעען מיר, אַז דער בריוונשטעלער האָט מיט זיין מאַטע־ריאַל, וועלכער איז אָנגעפילט מיט „בעלעטריסטישן״ אינהאַלט, מיט זיין דערציערישֿ־פאָלקסטימלעכן טאָן, מיט זיין „צוזאַץ״, וועלכער לערנט גאַנץ גענוי די התחלות פון אַריטמעטיק, מיט זיינע עלעמענטאַרע געאָגראַפישע ידיעות — אויף אַן אמת געלערנט דאָס פאָלק, געווען אַ גוטער מורה דרך פאַר די ברייטסטע שיכטן, און נישט אומזיסט איז די צאָל בריוונשטע־לערס געווען גרויס און יעדער פון זיי האָט אויסגעהאַלטן עטלעכע אויפ־לאַגעס אין טויזנטער עקזעמפּלאַרן.

עס האָט געפעלט אַן אָרגאַניזירטע פאָלקשול, וואו מע זאָל לערנען יידיש ווי אַ שפּראַך און ליטעראַטור, — האָט דאָס פאָלק אַליין זיך אויס־געטראָטן דעם אָריגינעלן וועג פון „אַליינלערנער״, פון „מלמדימלעך״, „לערערלעך״ און „שרייבער״, און דורך זיי איז די קענטעניש פון יידיש אויף אַ פּרימיטיוון וועג פאַרשפּרייט געוואָרן אין פאָלק. אָט די „מלמדימ־לעך״ און „שרייבער״ פאַרדינען באמת דעם נאָמען „פּיאָנערן פון יידיש־לימוד״. זיי האָבן עס צוגעגרייט דעם לייענער פאַר דער קינפטיקער יידישער ליטעראַטור.

* *
*

זאָל דאָ, אגב, דערמאָנט ווערן דער וויכטיקער ביישטייגער פונעם פאַר־שטאָרבענעם ש. באַסטאָמסקי צו דער געשיכטע פונעם בריוונשטעלער. זיין אַרטיקל „צו דער געשיכטע פון יידיש־לימוד״ („די נייע שול״, נ׳ ו׳ 1923, וואַרשע) אַנטהאַלט אַ רשימה פון 23 בריוונשטעלערס. צווישן די אַלע ציטירט ער אויך דעם דורך מיר דערמאָנטן בריוונשטעלער פון הירש ליאָן דאַר און ער גיט לענגערע ציטאַטעס פון אים. ש. באַסטאָמסקיס עקזעמפּליאַר איז געווען פון תר״נד, און אויף רוסיש איז דאָ אָנגעוויזן: „פון דער ווילנער אויסגאַבע פון 1887״. אין ש. באַסטאָמסקיס אַרטיקל איז אויך דאָ אַ פאַקסימילע פון צוויי בלעטלעך פון בריוונשטעלערס. חוץ דעם, ציטירט ער די הקדמה פון „דער נייער שמרס בריעפענשטעלער״ (...„אַלערהאַנד בריעף פיר קליין און גרויס״...), ווילנע תר״סח: „דיזער נייער פולשטענדיקער בריוונשטעלער ערשיינט יעצט ניט ווילע עס

פעלן בריוונשטעלער; נאָר טאַקע דעריבער, וואָס עס איז יאָ דאָ. עס איז ביי אונדז דאָ בריוונשטעלערס, נאָר לײדער איז אין זיי ניטאָ דאָס וואָס אין אַ גוטן בריוונשטעלער דאַרף זיין... אייניקע זיינען געשריבן גאָר אָן אַ טעם, אַנדערע האָבן זיך דערלויבט אַריינצושטעלן אין די בריף אַזעלכע אויסדריקע, וועלכע זיינען ניט פאַר יונגע קינדער" (אָרטאָגראַפיע מאָדער־ניזירט). אָט די ציטאַטע ווי אויך די רשימה פון 23 בריוונשטעלערס — דאָס איז אָן איבעריקער באַווייז, אַז דער בריוונשטעלער איז געווען דער ערשטער לערנבוך פון יידיש פאַר „קליין און גרויס".

2. די ראָל פונעם „שרייבער" און דער קאַמף פון דער רוסישער מאַכט קעגן אים

ווי מיר ווייסן האָט ניקאָלאַי דער ערשטער מזכה געווען די יידישע באַפעלקערונג אין 1844 מיטן געזעץ וועגן די קאַזיאָנע שולן. אין דער יידישער איבערזעצונג פונעם געזעץ, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין פאָרעם פון אַ בראָשור אין ווילנע, אין דער דרוקעריי פון מ. ראָם און ז. טיפּאָגראַף*), לייענען מיר אינעם צווייטן טייל אונטערן טיטל „תקנות שעה וויא מען זאָל ברייגגען די אידישע ישיבות, לעהר אַנשטאַלטן, חדרים אונד מלמדים אונטער דער השגחה פון מיניסטערסטוואָ נאַראָדנאַהאָ פּראָסוויע־צענייאָ" (בילדונגס־מיניסטעריום) — אַ ספּעציעלע ביילאַגע מיט אַזאַ קאָפּ: „אַ טאַבליצע פון די אידישע פּרעדמיעטין דיא מען זאָל לערנען אין די תלמוד תורה". ווי די גאַנצע פאַראָרדענונג, אַזוי שטאַמט אויך דער דאָ־זיקער לערן־פּלאַן — פון דער איניציאַטיוו פון בילדונגס־מיניסטעריום. די „טאַבליצע" האָט צוויי טײלן: פאַר תלמוד־תורהס פון ערשטער קאַטעגאָריע און פאַר צווייטער קאַטעגאָריע. איז די פּראָגראַם פון ערשטן מין תלמוד־תורהס אַזאַ:

א) אידעש לעזען מיט תנועות אונד אָהן תנועות, אונד אידעש שרייבען.

ב) סידור התפילות.

ג) בראשית און שמות, מיט רשי און דייטש.

ד) אוים משניות. מסכת שבת מיט רש"י.

הייסט עס, דאָס מיניסטעריום האָט בפירוש געהאַלטן, אַז אין תלמוד תורהס, וואָס „זייער כוונה איז צו פלעגן (להחזיק) יתומים אונד אָרעמי

*) זע א. טשעריקאָווערס אַרטיקל „דער אַרכיוו פון ש. דובנאָוו", „היסטאָרישע שריפטן" פון ייוואָ, ב. 2, ווילנע 1937.

קינדער" — ווי עס דריקט זיך אוים דער פאראגראף דריי פונעם געזעץ — דארף מען לערנען לייענען שרייבן „אידעש". דאס מיניסטעריום פון אוווראָוו וועלכער האָט זיך געקליבן אריינצונעמען דאָס גאַנצע יידישע שול־וועזן אין זיינע פעסטע לאַפּעס, האָט געהאַלטן, אַז די טראַדיציע פון לערנען „אידעש לעזען" און „אידעש שרייבן" איז אַזוי פעסט און יידישן לעבן, אַז מען מוז עס איינשליסן אין נאָרמאַלן פּראָגראַם. שפּעטער מיט יאָרן אָבער האָט זיך די באַציאונג פון דער מאַכט צום יידיש־לימוד ראַדיקאַל געענדערט.

א. י. פּאַפּערנאַ דערציילט אין זיינע זכרונות פון אָט דער „ניקאָלייעשער עפּאָכע":

„ווען קיין קאָפּיל איז אַמאָל געקומען צו פאָרן אַ וואַנדערנדיקער קאַליגראַף, מיטן פאָרשלאַג צו עפענען פאַר אַ געוויסן חודשלעכן אָפּצאָל אַ שול פון קאַליגראַפיע אין שטאָט, כדי צו לערנען די קינדער פון ביידע געשלעכטער שרייבן יידיש, און ווער עס וויל אויך רוסיש און פּויליש, האָבן יידן אויף דעם גערן מסכים געווען, און די שול האָט זיך איינגיכן געעפנט. אין דער שול איז געווען אַכט שעהדיקע שיכטן, אַזוי אַז אַלע קינדער האָבן זיך געקענט באַנוצן מיט איר. אין אַ יאָר אַרום, ווען כמעט די גאַנצע יוגנט האָט זיך אויסגעלערנט שרייבן, איז דער קאַליגראַף אַריבערגעפאָרן אין אַ צווייטער שטאָט"*).

נאָך מער. אין די קאַזיאָנע (קרוין־) שולן גופא האָט מען אויך געלערנט אין' יענער תקופה יידישע קאַליגראַפיע. „אין איניקע ערטער פלעגט מען צוליב דעם דינגען באַזונדערע לערער מיט אַ האָנאָראַר פון 50 רובל אַ יאָר. אין יענע שולן, וואו אַזאַ סומע האָט נישט פיגורירט אין דעם באַשטימטן הוצאה־בודזשעט, איז געווען דערלויבט צו צאָלן דעם לערער פון קאַליגראַפיע — פון די געלטער, וואָס פלעגן אַריינקומען פון די מלמדישע צייגענישן"**). דער אָפּצאָל פאַרן לערער פון קאַליגראַפיע האָט פיגורירט אין די בודזשעטן פון די שולן אין ווילנער, קאָוונער, גראָדנער, מינסקער, קיעווער, וואָלינער, פּאָדאָליער און כערסאָנער גובערניעס.

גלייכצייטיק האָט זיך פאַרשפּרייט און פאַרפעסטיקט דער טיפּ „שרייבערס". די פאַרוואַלטערס פון די קרוין־שולן פּרוּוון זיי באַקעמפן, אָבער עס העלפט נישט. די שרייבערס לערנען געהיים, אָן שום אַרוים־

---

*) „פּערעזשיטאָיע", ב. 2, ז. 32. פּאַפּערנאַ איז געבוירן געוואָרן אין 1840.

**) מאַרעק „אָטשערקי פּאָ איסטאָריאי פּראָסוועשטשעניאַ יעווּרעיעוו וו' ראָסיאי", מאָסקווע, 1909, ז. 105.

געגומענע צייגעניש. דאָס פאָלק דעקט די דאָזיקע אינסטיטוציע, פונקט ווי עס דעקט דעם „אומלעגאַלן" חדר. וואָרעם דער „שרייבער" איז נאָענט צו דער באַפעלקערונג, ער איז פון איר גופא ארויסגעוואַקסן. זיין באַלוינונג איז קליין; מיט זיין שפּראַך, קולטור איז ער צוגעפּאַסט צום גאַנצן ניוואָ פון פאָלקסלעבן.

„אין נאָמען פון גראַמאַטע, — שטעלט פעסט דער געשיכט־שרייבער פון דער יידישער שול־באַוועגונג אין צאַרישן רוסלאַנד, פּ. מאַרעק, — האָבן די יידן פון די זעכציקער יאָרן אָנגעהויבן ברייט צו באַנוצן — אָנשטאָט די עלעמענטאַרע שולן, סיי די ספּעציעל־יידישע (קאַזיאָנע—ח. ש. ק.) און סיי די אַלגעמיינע — זייער סוראָגאַט: דאָס לערנען אויסער דער שול, צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען פון חדר. אָט דעמאָלט האָט זיך עס באַוויזן דער קליין־לערער (דער „לערערל"—ח. ש. ק.) דער „שרייבער", וועלכן עס האָט זיך איינגעגעבן אָוועקצושטעלן זיך אין איין ריי מיט דער קאָנפעסיאָנעלער שול, אפילו אַריינצודרינגען אין איר, און פאַרשפּרייטן דאָרט, הגם אין קלענסטן פאָרמאַט, דאָס וויסן, וואָס אַנדערע פעלקער באַקומען אין דער עלעמענטאַר־שול. דאָס ביליקייט פונעם לערנען ביים דאָזיקן שרייבער, וועלכער פלעגט דאָס רוב באַנוצן די סיסטעם פון גרופּן־לימודים, האָט צוגעצויגן אין אָט די גרופּעס סיי יינגלעך סיי מיידלעך. צוזאַמען מיטן „שרייבער" האָט זיך אין די זעכציקער יאָרן באַוויזן נאָך אַ העכערער טיפּ פון פּריוואַטן לערער" *).

ווי מיר האָבן אָבער געזען פון די אויבנגעבראַכטע פּאָר ציטאַטעס, אפילו פון מאַרעקן גופא, האָבן זיך די „שרייבערס" אויפגעהאַלטן אין די יידישע שטעט שוין אַ סך פריער פאַר די זעכציקער יאָרן פון פאָריקן יר"ה. מיר האָבן געזען, אַז דער ענין שרייבן און דער מנהג צו האָבן באַזונדערע לערער אויף דעם לימוד — איז געווען פאַרשפּרייט און אָנגענומען ביי די יידן פון מערב־און צענטראַל־אייראָפּע נאָך מיט יאָרהונדערטער פריער, און איז אויך געווען אין דער טראַדיציע פון די רוסיש־פּויל׳ישע יידן.

דער טיפּ פונעם „שרייבער" האָט זיך איינגעהאַלטן אין יידישן לעבן נאָך ביזן סאַמע סוף פונעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. די לעגינגראַדער באַקאַנטע יידישע פּעדאַגאָגין ד"ר פּ. שאַרגאָראָדסקי שילדערט אויפן וויי־טערדיקן אופן דעם „שרייבער" פון אירע אייגענע קינדער־יאָרן אין דער שטאָט אומאַן: „ער פלעגט אַריינקומען אַן אָפּגעמאַטערטער, שלמה דער שרייבער, זיך גלייך זעצן און צורופן: „פייגעלע, קום שרייבן". באַלד פלעג איך צו אים צוגיין מיט דעם צונויפגענייטן העפט. ער האָט שטילערהייט

*) דאָרט, ז. 169.

ערנסט אָפּגעווירעט צוויי בלעטלעך און אָנגעשריבן אויף דער ערשטער שורה פון יעדער בלעטל: „איך בין געפּאָרן קיין אָדעס קויפן סחורה", מיר דאָס פירגעלייענט און געהייסן דאָס נאָכשרייבן. אַז איך האָב מיין אַרבעט אָפּגעטאָן — די ערשטע צייט מיט גרויס חבלי לידה — האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז אַוועק צו אַנדערע, דריטע, טויזנטע יידישע קינדערלעך צו לערנען זיי שרייבן אָט דעם אייגענעם שורה־גרוס"... און ווען פּ. שאַרגאָראָדסקי האָט זיך צערעדט מיטן דיכטער ל. קוויטקאָ, וועלכער שטאַמט אויך פון אוקראַינע, און אים געפרעגט: „ווי אַזוי האָט מען אייך געלערנט שרייבן?" ענטפערט קוויטקאָ: „מיט אַ שורה־גרוס". „און וואָס פאַר אַ זאַץ פלעגט דער לערער אָנשרייבן?" — „ווי אַמאָל". „נו, אַ שטייגער?" — קלערט קוויטקאָ אַ רגע און זאָגט: „נו, למשל: דער פעטער איז געפּאָרן קיין אָדעס קויפן סחורה")*

דער זעלבער לערן־מעטאָד פון „שורה־גרוס" האָט זיך פּראַקטיקירט אויך אין ליטע, זיין נאָמען איז דאָרט געווען אַן אַנדערער. אין ווילנע — „אָפּאָר", בויגנס מיט „פאָרשריפטן", אין מינסק האָט עס געהייסן „אָפּיר" און אין האָמלער קרייז — „אופיר"; אין לובלינער געגנט — „שירע גריזל"; ביי ישראל אַקסענפעלדן הייסט עס „פירגריזין" („אָף גיווירט פּאַפּיר געשריבן"**).

דער בריוונשטעלער איז געווען די ווייטערדיקע און העכערע שטופע פאַרן שורה־גרוס. און ווי מיר האָבן געזען אין דער אויבנגעבראַכטער ציטאַטע פון ליאָן דאָרם בריוונשטעלער, האָבן די „קינדער־לערער (מלמדימלעך)" בפירוש גענוצט דעם בריוונשטעלער ווי אַ לערנבוך. דאָס איז געווען דער ערשטער יידיש־לערנבוך, דער פאָרגענגער פונעם היינטיקן. ליאָן דאָר דערציילט בפירוש, אַז די דעמאָלטיקע „שרייבער" האָבן „צונויפגעקליבן מיידלעך, ווייבער, יינגלעך, טישן צונויפגעשטעלט, און האָבן געלערנט בריוונשטעלער, איטלעכער האָט מיך געהאַלטן פאַר זיך. און האָט זיך מיינע בוכשטאַבן (אותיות) מיט דער פעדער געפאָרמירט".

אַן אמתער לערנבוך פון יידיש האָט זיך ערשט באַוויזן מיט יאָרן שפּעטער און אויף וויפיל מיר איז באַקאַנט, איז דער ערשטער פון דעם מין געווען דאָס בוך פון דעם משכיל יונה זיידל טרובניק, וועלכער האָט גענומען אַ טעטיקן אָנטייל אין דער יידישער ליטעראַטור פון די אַכציקער יאָרן אין רוסלאַנד. אין 1886 האָט ער אַרויסגעגעבן דעם ערשטן מסתמא

*) שריפטן פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, ב. 1, ווילנע 1926, ז. 68־69.

**) זע דעם „נאָכשריפט פון מ. וו." צום פאָריקן אַרטיקל, דאָרט.

מאָדערנעם לענרבוך פון יידיש, זיין נאָמען איז געווען „זשארגאָן לעהרע־ר — פראַקטישעס לעהרבוך צו לייכט ערלערנען פערמיטטעלסט איינעם לעה־רער דיא זשארגאָנישע שפּראַכע אין איין קורצע צייט. פערפאַסט פאָן יונה (המכונה זיידעל) טרובניק יליד עיר ליטין, פלך פאָדאָליען. פערלאַג פאָן יעקב סמערטענקאָ", ווארשע, 1886, ז"ז 112. דאָס דאָזיקע ביכל האָט אפנים געהאַט גרויִם דערפאָלג אויף דער יידישער גאַס, ווייל אין צוויי יאָר ארום איז שוין ארויס אַ צווייטע אויפלאַגע אין דעם זעלבן פארלאַג. פון דריי אָפּטיילונגען איז באַשטאַנען טרובניקס לערנבוך: 1. אָרטאָגראַפישע כּללים און אַ גרויסע צאָל העברעאישע ווערטער וואָס ווערן גענוצט אין יידיש; פאַר יעדן פאַל איז געגעבן אַ פאַסיקער זאַץ צום געניטן זיך אינעם ריכטיק־שרייבן. 2. אַנעקדאָטן, „גלייכע פאָלקס־ווערטלעך" און „בריעף" — אַ קליינער בריוונשטעלער מיט מוסטערן פון פארשידענע בריוו אויף אלערליי טעמעס; דאָ קומט אויך אַ קאַפּיטל: „אייניקע ווערטער וועלכע לייגן זיך אויס מיט דעם אות ה" און „ווערטער וועלכע מוזן זיך אנדערש אויסלייגען מחמת זיי האָבען איין אנדער דייטונג. אייניגע וואָס לייגען זיך אויס אָלס איינס, מוז מען פונקטירען, בכדי צו ווייזען דעם אונטער־שיעד. למשל: איין איין". 3. „ערצעהלונגען פון דער נאַטור געשיכטע" (דאָס ערד ציטערניש, דער רעגנבויגן, די פייער שפּייענדיקע בערג, דער וואָלף, דער בער, דער העלפאַנט, דער הירש, דער ווערבליוד, דאָס עזעל, יעגער פוקס, דער לייב, דער טיגער, די מאַלפּע, „דער וואלפּיש" (קיט)".

אין זיין רעצענזיע איבער טרובניקס „זשארגאָן־לעהרער" שרייבט מ. פ. (ספּעקטאָר)*):

„דער נאָמען פון דעם בוך זאָגט באַלד אויס וואָס אין אים געפינט זיך, אפילו ווען מען זאָל איין בלעטל ניט איבערמישן. אַ טייל וועלן זיך גאָר וואונדערן: צו וואָס טויג אַ זשארגאָן־לערער?... אויף זשארגאָן, אומשטיינס געזאָגט דאַרף מען אויך האָבן אַ לערער? ווער האָט דען גע־לערנט זשארגאָן? ווער קען דען נישט קיין זשארגאָן? באמת, ווער ווייסט עס ניט ווי אַ יידיש ייִנגל לערנט זיך אויס זשארגאָן שרייבן: די עלטערע שוועסטער צי דער עלטערער ברודער, אָדער ווער עס איז פון די באַקאַנטע שרייבט אים אָן אַן אַב און דאָס ייִנגל שרייבט נאָך; אין צוויי טעג אַרום ווען ער שרייבט אָפּ 4 בויגן, קען ער שוין דעם אַב; אויף דעם דריטן טאָג הייבט ער שוין אָן „שורות גרים", ד"ה טאַקע די אייגענע עלטערע שוועס־טער שרייבט אים אַ שורה איך בין געפּאָהרען קיין אָדעס נאָך סחורה און האָב געקויפט הונדערט טשעטווערט ווייץ און האָב פאָרדיענט אַ סך געלד"

*) „יודישעס פאָלקסבלאַט", 1886, נומ. 35.

די שורה שרייבט ער אין איין טאָג אָפּ צוויי בויגן און קען שוין „שורות גרים". אויף דעם דריטן טאָג גיט מען אים שוין אַ „גרים" נאָכשרייבן, דער גרים איז יעדן באַקאַנט, דערצו זאָגט מען אים נאָך, אַז ע איז אַ סגל, אַ אַ איז אַ פּתח אאז"וו. מיט דעם גרים נאָכשרייבן ענדיקט ער די גאַנצע ליטעראַטור".

אָט די אַלע פאַרשידענע עדות, וואָס מיר האָבן דאָ געבראַכט, ווייזן אונדז באַשיינפּערלעך, אַז דער „שרייבער" מיט זיינע „לערנמעטאָדן" זע־נען געווען טיף איינגעוואָרצלט אין יידישן לעבן און אפילו דערגרייכט צו דער מדרגה פון אַ טראַדיציע. די קאָנקורענץ פון די שרייבערס איז געווען אַזוי גרויס, אַז די מלמדים זענען אַליין געצוואונגען געווען זיך אָפּצוגעבן אין חדר מיט דער שיינשרייבעריי. און אין די מעמוארן פון די לעצטע יאָרצענדליקן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט טרעפן מיר אָפט באַ־שרייבונגען פון אַזעלכע מלמדים, וואָס האָבן אַ סך אויפמערקזאַמקייט אָפּגעגעבן דער יידישער קאַליגראַפיע, וועלכע איז אין דער אמתן געווען פיל מער ווי קאַליגראַפיע.

און נאָך מער ווי פאַר די יינגלעך, איז פאַר די מיידלעך דאָס „אידעש־שרייבן" געווען אַ חשובער לימוד, און ער איז געווען פאַר זיי דער קוואַל פון וועלטלעכער בילדונג. אפילו די פאַרמעגלעכע קלאַסן האָבן געהאַלטן פאַר אַ חוב צו לערנען זייערע טעכטער יידיש לייענען און שרייבן. מיר ווייסן, למשל, פון אַזעלכע פאַקטן: אין יאָר 1848 האָט איינע אַ געוויסע דאַראָטעאַ עקערט, אַ קריסטין, אַ דייטשקע פון קורלאַנד, געעפנט אין ווילנע אַ שול פאַר יידישע טעכטער („פענסיאָן" איז געווען דעמאָלט דער נאָמען פון אַזעלכע אַנשטאַלטן). האָט די דאָזיקע דאַראָטעאַ עקערט מודיע געווען, אַז אין איר „פענסיאָן פיר מערכען יודישען גלויבענסבעקענט־ניסעס" וועלן צווישן אַנדערע לימודים געלערנט ווערן „לעזן, אויך שרייבן יידיש־דייטש". אין יאָר 1861 האָט אין ווילנע געעפנט אַ שול פאַר יידישע מיידלעך דער פּאָליאַק מאַקסימיליאַן זעלווערּאָוויטש, האָט אויך אין זיין שול פיגורירט יידיש ווי אַ באַזונדערער לימוד.

אָט אַזוי האָט אין משך פון גאַנצן יאָרהונדערט געקעמפט פאַר זיין עקזיסטענץ און באַרעכטיקונג אינעם יידישן לעבן דער לימוד פון „אידעש שרייבן". זיינע קאַמפּמיטלען זענען געווען די שורה־גרים און דער בריוונשטעלער. זיין טרעגער איז געווען דאָס „מלמדל" און דער „שרייבער".

* *

*

אָבער דער בעסטער היסטאָרישער שבח פאַרן „אידעש־שרייבן" איז דאָס, וואָס די רוסישע בילדונגס־מאַכט האָט מיט דער צייט אויפגעהויבן

א „בלוטיקן קאמף" קעגן אים, גערודפט דעם דאָזיקן לימוד און געפירט קעגן אים ממש א קרייץ־צוג. די רוסישע באַאמטע האָבן דערשמעקט, אַז די „יעווריעיסקאָיע טשיסטאָפּיסאַניע" (יידישע קאַליגראַפּיע) איז אַ פּסעוו־דאָנים פון יידישער „גראַמאַטע", פון יידישער שפּראַך; צוזעענדיק, ווי די יידישע באַפעלקערונג קלאַמערט זיך אַזוי שטאַרק אינעם דאָזיקן לימוד. האָט די רוסישע בילדונגס־מאַכט געגומען דאָס „אידעש־שרייבן" אונטער אַ שווערן פאַרדאַכט, זי האָט דערזען אין אים אַן ערנסטן שטער אין איר גאַנצער רוסיפיקאַטאָרישער פּאָליטיק לגבי דער יידישער באַפעלקערונג. די באַקאַנטע שטעלונג פון די משכילים און פון דער יידישער געבילדעטער אינטעליגענץ צום פּאַראַכטעטן „זשאַרגאָן", האָט נאָך אונטערגעגאָסן בוימל אין פייער. און ווען עס איז געקומען די תקופה פון נאָך דעם אויפ־שטאַנד פון 1863, האָט זיך דער קאַמף מיט דער „יידישער קאַליגראַפּיע" גאָר צעפלאַקערט.

„אגב — דערציילט פּ. מאַרעק*) וועגן יענער תקופה — האָט די שול־מאַכט געלייגט אַכט אויך אויף דעם, אַז אין די מיידל־שולן ווי אויך אין די נאָכמיטאָג־שיכטן פאַר ייִנגלעך, זאָל מען נישט אונטעררירכטן קיין יידישע קאַליגראַפּיע. אָבער ווייזט אויס, אַז די לעבנסבאַדינגונגען זענען געשטאַנען העכער פאַר די אָפיציעלע פאַרשריפטן, און דעריבער האָט מען די לעצטע נישט שטענדיק אָפּגעהיט. „צו זיין הויכקייט דעם פּאָפּיעטשיטיעל פונעם בילדונגס־קרייז — שרייבט דער סלוצקער דירעקטאָר צו איינעם פון זיינע אונטערגעאָרדנטע — איז דערגאַנגען, אַז אין אייניקע יידישע מיידל־פּענ־סיאָנען און אויף די נאָכמיטאָג־ש'כטן ביי די יידישע קאַזיאָנע שולן, לערנט מען, להיפוך צו דעם באַשטעטיקטן דורכן לערן־קרייז (בילדונגס־קוראַטאָ־ריום—ח. ש. ק.) פּראָגראַם, יידישע קאַליגראַפּיע. צוליב אָט דעם בעט מיך זיין הויכקייט דער הער בילדונגס־קוראַטאָר אין זיין בריוו פון 21־טן אָקטאָבער 1866 אונטערן נומער 8956, אַז איך זאָל אָננעמען אַלע מיטלען אָפּהענגיק פון מיר און תיכף ומיד מבטל מאַכן די אָפּנייגונגען פונעם באַ־שטעטיקטן פּראָגראַם און אַז אין די דערמאָנטע אַנשטאַלטן זאָל דאָס יידישע קאַליגראַפּיע־לערנען תיכף ומיד איבערגעריסן ווערן".

פאַרשטייט זיך, אַז דער סלוצקער דירעקטאָר איז נישט געווען קיין אויסנאַם. און עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלן, אַז די זעלבע „פּראָבלעם" און די זעלבע אינסטרוקציעס זענען געשטאַנען פאַר אַלע מלוכה־אַמטן. מע דאַרף נאָר דאָ צוגעבן, אַז די נאָכמיטאָג־ש'כטן, וועגן וועלכע דאָ רעדט זיך, זענען פון אָנהייב די זעכציקער יאָרן געוואָרן זייער אַ פאַרשפּרייטע זאַך:

*) דאָס אָנגערופענע בוך, ז. 219.

זעענדיק דעם דורכפאַל פון די קאַזיאָנע שולן, האָט די רעגירונג געמיינט צו דערגרייכן דעם ציל פון „אויסמענטשלען" די יידן דורך די ספּעציעלע צוגאָב־קורסן, נאָכמיטאָג־שיכטן פאַר יענע יינגלעך, וואָס זענען אַ גאַנצן טאָג געגאַנגען אין חדר. די דאָזיקע קורסן ביי די קרוין־שולן האָבן עס געזאָלט ווערן דער אינסטרומענט פון מאַסן־רוסיפיקאַציע, וועלכע האָט נישט געקענט דערגרייכט ווערן דורך דער באַנקראָטירטער קאַזיאָנער שול. צום סוף, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אפילו אָט אויף די נאָכמיטאָג־שיכטן פּראָוועון אויך די יידן „נאַציאָנאַליסטישע שטיק" און מע לערנט גאָר... זשאַרגאָן אונטער דער מאַסקע פון שיין־שרייבן, פון יידישער קאַליגראַפיע, לא עלינו.

די יונגע יידישע היסטאָריקערין דינה יפה, וועלכע האָט אין די אַר־כיוון פון דעם אַמאָליקן ווילנער לערן־קרייז זיך אָנגעטראָפן בעת איר אַר־בעט אין די לעצטע יאָרן פאַרן קריג אויף זייער אינטערעסאַנטע מאַטעריאַלן פון דעם מין, דערציילט:

„נאָכן אויפשטאַנד פון 1863 האָט די צאַרישע מאַכט אין איר רוסי־פיצירונגס־פּאָליטיק פאַרווערט אפילו דעם לימוד „יידישע קאַליגראַפיע". ווי מיר האָבן ידיעות, זענען די עלטערן נישט געווען דערמיט צופרידן. אין מינסק האָבן די עלטערן פון אַ יידישער מיידל־שול פון אַ געוויסן חיים פונט געשיקט אַ בקשה צום שול־קוראַטאָר און געבעטן לאָזן דעם לימוד, לכל הפחות פאַר דעם ערשטן לערניאָר, מיטן מאָטיוו אַז די תלמידות פאַר־שטייען קיין איין וואָרט נישט אויף רוסיש און מען מוז זיי דערקלערן אַלץ אויף „זשאַרגאָן". כדי זיי זאָלן האָבן אַ פּעולה אין די לימודים, איז נייטיק, זיי זאָלן קענען פאַרצייכענען דעם טייטש אין יידיש. דערצו דאַרף מען זיי לערנען שרייבן יידיש. מען האָט אָבער די בקשה אָפּגעוואָרפן.

„אין יאָר 1869 בעט אַ יידישער לערער פון שקלאָוו ביי דער מאַכט, מען זאָל אים דערלויבן צו לערנען מיידלעך שרייבן יידיש. דער לימוד וועט לויט זיין מיינונג אים אַריינברענגען אַ סך תלמידות. דערויף האָט מען דעם אינספּעקטאָר, וואָס האָט אונטערגעשטיצט זיין בקשה, געענט־פערט: „עס איז נישט נאָר נישט נוציק, נאָר אפילו שעדלעך. צו וואָס דאַרפן מיר אונטערהאַלטן דעם יידישן סעפּאַראַטיזם? זיי דאַרפן זיך לערנען שרייבן רוסיש"*).

ווייטער דערציילט דינה יפה וועגן אַזאַ אינצידענט, וואָס האָט אַ שייכות צו אָט דעם קאַמף קעגן „יידישער קאַליגראַפיע". דער דירעקטאָר

*) „וואָנדזער טאָג", ווילנע, נומ' 77, 30 מערץ 1939. — ד. יפה איז אומגעקומען אין טרעבלינקע.

פון דער ווילנער ראַבינער־שול, אַ קריסט, האָט אין 1866 אָנגעגעבן אַ מע־מאָריאַל צו דעם ווילנער שול־קוראַטאָר, וואו ער קלאָגט זיך אויף דער „יידישער קאַליגראַפיע", ווייל זי איז אַ לימוד וואָס שטיצט דעם זשאַרגאָן. „יידישע קינדער הייבן אָן צו לערנען שרייבן יידיש און מיט דער צייט ווילן זיי בעסער יידיש, ווי אַן אַנדער שפּראַך. אין דער ראַבינער־שול אַליין האָבן די תלמידים, בשעת דער לערער טוגענדהאָלד פלעגט האַלטן זיינע לעקציעס פון יידישער געשיכטע אויף דייטש, געשריבן זייערע נאָטיצן אויף יידיש. די באַדייטונג פון דעם לימוד „יידישע קאַליגראַפיע" האָבן זייער גוט אָפּגעשאַצט די פּאַרטייאיקער פונעם זשאַרגאָן און פון אַ סעפּאַראַטער יידישער נאַציאָנאַליטעט; אָט די גרופּע האָט זיך באַמיט אַריינצוברענגען דעם לימוד פון יידיש־שרייבן אפילו אין דער ווילנער מלוכה־שול (דאָס מיינט די יידישע „קאַזיאָנע" שול — ה. ש. ק).

„אין די מיידלשולן — קלאָגט זיך ווייטער דער דירעקטאָר פון דער ראַבינער־שול — וואו יידיש־שרייבן איז אַ הויפּט־לימוד, איז עס אַריינגעפירט געוואָרן לויט דעם וואונטש פון די עלטערן, אָן דער דערלויבעניש פון דער מאַכט". דער דירעקטאָר לייגט דעריבער פאָר דעם קוראַטאָר צו פאַרווערן דאָס לערנען יידיש־שרייבן, און כדי צו פאַרשטאַרקן זיין בקשה, גיט ער צו אַ מעלדונג פון אַ געוויסן שאול פערל, אַ בעל־הבית פון אַ מיידל־שול אין ווילנע, וועלכער בעט אַליין ביי דער מאַכט נישט צו דערלאָזן דעם לימוד פון יידיש אין די יידישע שולן. אָט דער יידישער „פּעדאַגאָג" איז זייער ברוגז אויפן זשאַרגאָן און זאָגט, אַז צוליב דער טובה פון די קו־מענדיקע דורות זאָל מען ראַטעווען די קינדער פונעם „פאַרהאַסטן זשאַר־גאָן". דערפאַר זאָל מען זיי נישט לערנען שרייבן די יידישע אותיות, וואָס זענען פאַרמיאוסט אַזוי ווי טערקיש און אַראַביש. פערל דערציילט דערביי, אַז די קינדער זענען שטאַרק צוגעבונדן צו זייער מוטערשפּראַך. הגם ער, דער לערער, שיט מיט שבחים פאַר רעדן רוסיש, שמועסן זיי דאָך אויף יידיש. ער אָרדנט איין פאַר זיי אינטערעסאַנטע שמועסן אויף רוסיש, נאָר די קינדער שמועסן אויף יידיש. „מען דאַרף, — בעט זיך רחמים פערל ביי דער מאַכט, ענערגיש משפּיע צו זיין אויף די קינדער קעגן יידיש, הגם עס איז שווער זיך אָפּצוזאָגן פון אַ לשון, צו וועלכן מען איז שטאַרק צו־געוואוינט; אָבער יידיש איז נישט די נאַציאָנאַלע שפּראַך. די אמתע יידישע נאַציאָנאַלע שפּראַך (העברעאיש) איז אַ טויט לשון. איינער פון טויזנט יידן קען העברעאיש, און אויך אַזאַ ייד רעדט נישט תמיד העברעאיש, נאָר דאָס רוב אויף „זשאַרגאָן". יידן זענען איצט לויט בילדונג אויף דער גייסטיקער מדרגה פון קליינע קינדער. מען קען זיי דעריבער צוגעוויינען צו אַ פרעמדער שפּראַך".

דינה יפהס דערציילונג וועגן דעם קאמף מיט דער „יידישער קאלי־גראפיע" (יעווריעיסקאיע טשיסטאפיסאניע) איז באמת געווען א רעוועלא־ציע. פון די געבראכטע ציטאטעס פון איר ארטיקל איז דא א סך אפצו־לערנען וועגן דער ראלע פון יידיש און וועגן דער באציאונג צו איר מצד די יידישע משכילים־אינטעליגענטן פון איין זייט און מצד דער רעגירונג פון דער צווייטער זייט. דער דערמאנטער שאול (שעוועל) פערל איז נישט געווען קיין אויסנאם ביי יידן אין יענער צייט. מיר האבן אין אן אנדער קאפיטל דערציילט וועגן אזעלכע טיפן פון דער יידישער אינטעליגענץ, וואס האבן באקעמפט יידיש. דער דערמאנטער שאול פערל איז געווען אן אדם חשוב ביי דער שולמאכט: זיין מיידלשול האט כסדר באקומען סובסידיעס פון דער מלוכה־קאסע (אין דער אמתן איז עס געווען פונעם ליכט־אפצאל וואס איז ארויפגעלייגט געווארן אויף דער יידישער באפעלקערונג). פריער האט ער באקומען הונדערט רובל א יאר סובסידיע, שפעטער — 200 און מער. און כדי אפצודאנקען דער יידישער מאסע פאר אירע סובסידיעס, האט ער עס געפירט דעם הייליקן קאמף קעגן יידיש...

און די באמיאונגען פון שאול פערל און ענלעכע צו אים האבן טא־קע געהאט א פעולה: דער ווילנער שול־קוראטאר האט טאקע פארווערט דעם לימוד פון יידיש־שרייבן אין אלע יידישע שולן, מיט דער ווארענונג, אז אויב זיין פאראָרדענונג וועט נישט רעספעקטירט ווערן, וועט ער אינ־גאנצן פארמאכן די שולן.

אט איז נאך איין ביישפיל פון דעם זעלבן מין. אין 1868 האט א געוויסע אלגא ראזען פון גראדנע געוואלט עפענען אן אוונטשול פאר אר־בעטער־מיידלעך און איינפירן יידיש ווי א לימוד. זי האט זיך פאררופן אויף דער יידישער געזעלשאפט, וועלכע וויל טאקע יידיש פאר אזעלכע מיידלעך. צוויי יאר האט זי זיך משתדל געווען וועגן אזא דערלויבעניש, און צום סוף האט זי באקומען א דעפיניטיוון אפזאג (דערציילט אין דעם זעלבן ארטיקל פון דינה יפה).

* *
*

עס איז א טעות צו מיינען, אז דער „שרייבער" איז געווען א ספע־ציעלער מלמד פאר די מיידלעך. די לעצטע האבן בכלל געהאט געהאט באזונדערע מלמדים. „די מיידלעך האבן געלערנט דא עברי, זיי האבן זיך באקאנט מיטן סידור, זיך איינגעאיבט אין די ברכות און אנגעהויבן לערנען חומש. א צוגאב צו דעם האבן זיי געהאט נאך א באזונדערן לימוד — לייענען מיטן כתב משיטא (קורסיוו) און לייענען יידיש־טייטש; עס איז אפילו געווען א באזונדער שריפט פאר דער יידיש־טייטשער שפראך וואס

מע האָט אים גערופן ווייבער־טייטש" (א. מ. ליפשיץ — החדר, „התקופה", באנד 7.)

אָבער דאָס אַלץ האָט נישט צו טאָן מיטן „שרייבער". זיין פונקציע איז געווען, ווי געזאָגט, די וועלטלעכע לימודים: שרייבן (קאַליגראַפיע און אָרטאָגראַפיע, אויף אונדזער הייִנטיקער שפּראַך), יידיש און די לאַנד־שפּראַך, אויך רעכענען. ער איז, הייסט עס, געווען דער פּראַקטאָטיפּ פון דעם לערער פון דער יידיש־וועלטלעכער שול. און ער האָט געלערנט סיי די יינגלעך, סיי די מיידלעך.

און אַזוי ווי דער ענין שרייבן איז געווען זייער חשוב אין די אויגן פון די עלטערן, פלעגט אָפט אפילו דער מלמד אַליין נעמען אויף זיך די פונקציע פונעם שרייבער, און עס איז געווען אַ גוטער קאָנקורענץ־מיטל ביים מלמד אין די הענט.

אַ יאָר צען פאַרן לעצטן קריג האָט מען אין ווילנע געפונען אַ קעסטל מיט בריוו, וואָס זענען געשריבן געוואָרן דורך אַ יינגל פון אַ יאָר 7 צו זיינע עלטערן אויף דער פּראָווינץ. די בריוו זענען דאַטירט מיטן יאָר תקפ"ב (1822). שרייבט דאָס יינגל וועגן זיינע פּעולות אין ווילנע, אין לערנען און אויך אין שרייבן: „הנה בין איך אייך מודיעה פון מיין גוטין לערנען שרייבין אז איך שרייב אידעש אושליגין אויף דייץ און איך שרייב פּולעשה (פּויליש) ליזבעה (ליטשבע, רעכענען) און פּולעש אַליין און איך קען לייענען גי־דרוקטעה אבישיל און איך קען געשריבינע אבישיל און דער רבי (וועט) עפשער אוש לער'(נען) חעשבנען אַלע חעש בונעש". אָט דער דאָזיקער קאַלאַריטפולער בריוו, געשריבן פון אַ קינד און אין זיין אייגענער אָר־טאָגראַפיע, גיט אונדז אַ קלאָרע פאַרשטעלונג וועגן דער זאַך, וואָס אינ־טערעסירט אונדז דאָ. מיר זעען, דאָ האָט די פונקציע פונעם שרייבער אויסגעפירט דער מלמד אַליין. צוזאַמען מיט דעם בלאַט גמרא, ווי עס שרייבט דאָס יינגל, האָט אים דער מלמד אויך געלערנט שרייבן יידיש, לייענען און שרייבן פּויליש און אויך רעכענען. אין אַ צווייטן בריוו שרייבט דאָס זעלבע יינגל זאב־וואָלף: „הנה איך בין אייך מודיע פון מיין גוטן לערנען, אז איך לערין ב"ה איין בלאַט גמרא מיט גרוש לוש(ט) און פאַר שדאַנד (פאַרשטאַנד) און מיין רבי גיוונט מיך צוא שרייבן פּולעשעה זילבעה און חעש בנען און גיוונט מיך צוא שרייבן פּולעש" *).

*) „דער יונגער היסטאָריקער", צווייטער באַנד, וואַרשע, 1929, פ"ג ב. קלעצקין, ז"ז 143־148. די בריוו זענען פאַרעפנטלעכט דורך פ. קאָן, ווילנע (אומגעקומען אין היטלער־געטאָ).

און ווען אין ערשטן פערטל פון פאַריקן יאָרהונדערט הייבן זיך אָן באַווייזן אויף דער ייִדישער גאַס ספּעציעל־ייִדישע וועלטלעכע שולן, גע־פירט ס'רוב אויף דייטש, זענען אויך זיי געצוואונגען איינצופירן ביי זיך דעם לימוד פון שרייבן און לייענען ייִדיש. אין 1809 איז יוסף פּערל צו־געטראָטן צו בויען אַ ייִדישע שול אין טאַרנאָפּאָל, — די דאָזיקע שול האָט שפּעטער געדינט פאַר אַ מוסטער פאַר אַ סך שולן. פאַר מיטאָג האָט מען דאָ געלערנט די ייִדישע לימודים, נאָך מיטאָג די וועלטלעכע לימודים. „צו באַמערקן איז, — שרייבט זיין ביאָגראַף — אַז צווישן די לימודים געפינט זיך אויך ייִדיש־דייטש (אין ערשטן קלאַס). די לימודים־שפּראַך איז געווען דייטש" *).

וועגן דער זעלבער טאַרנאָפּאָלער שול פון יוסף פּערל שרייבט מענדל נייגרעשל („ייִדישע קולטור" דעצ. 1946):

...„וויל איך דערפאַר אָנווייזן אויף אַ וויכטיקן פאַקט, וואָס איז ווייניק באַקאַנט...: אין דער פון אים (יוסף פּערל — ח. ש. ק.) געשאַ־פענער „עפנטליכע איזראַעליטישע האופּטשולע" אין טאַרנאָפּאָל האָט פּערל איינגעפירט ייִדיש ווי אַ לערן־קעגנשטאַנד. איינפירן ייִדיש ווי אַ לערנ־קעגנשטאַנד אונטער דער גערמאַניזאַטאָרישער יאָזעפינישער רעגירונג אין אַן עפנטלעכער שול, מיינט שוין עפּעס! אויף יעדן פאַל באַווייזט עס אַז פּערל האָט געמוזט האָבן וויניצקסטנס אַ פּאָזיטיוון קוק אויף דעם פּע־דאַגאָגישן ווערט פון דער ייִדישער שפּראַך... אחוץ ייִדיש האָט מען אין פּערלס שול געלערנט שרייבן אויך דייטש מיט ייִדישע אותיות".

די צווייטע שטאָט אין גאַליציע וואו עס איז געעפנט געוואָרן אַ מאָ־דערנע שול פאַר ייִדישע קינדער, איז געווען בראָד: די קהילה האָט דאָ געעפנט אין 1815 אַ רעאַלשול. אין 1845 האָט דאָ אברהם בן שלום הכהן געגרינדעט אַ פּריוואַטע שול פאַר ייִנגלעך און מיידלעך. איז אינטערעסאַנט צו דערוויסן זיך, אַז אין פּראָגראַם פון דער שול איז אָנגעגעבן „כתיבה ביידיש" צו איין שעה אַ וואָך סיי פאַר ייִנגלעך סיי פאַר מיידלעך. אפילו אַזאַ משכיל האָט געמוזט זיך רעכענען מיט דער טראַדיציע פון לערנען שרייבן ייִדיש. (צ. שאַרפשטיין, דצ"ו, 157.8.1).

אויך אין רוסלאַנד איז אין אַ סך דערציאונגס־אַנשטאַלטן פאַר ייִדישע מיידלעך אין דער ערשטער העלפט פון פאַריקן יאָרהונדערט געווען אַ לימוד

---

*) ווייגלעז — יוסף פּערל, זיין לעבן און שאַפן, אין באַנד „ייִדישע כתבים" פון י. פּערל, ווילנע, 1937, ז"ז 19־20. — זע אויך די גרויסע אַרבעט פון ד"ר פ. פרידמאַן וועגן יוסף פּערל — „ייוואָבלעטער", ב. 31־32, ז. 155 און 157.

פון „שרייבן", פון „לעזן אויך שרייבן יידיש־דייטש". און נישט נאָר פאַר מיידלעך, און נישט נאָר אין די פּריוואַטע שולן. אויך אין די קאַזיאָנע שולן פאַר יידישע קינדער האָט פיגורירט אַ לימוד פון „יידישער קאַלי־גראַפיע" (טשיסטאָפּיסטאַניע). פאַקטיש האָט זיך אונטער דעם באַהאַלטן דער לימוד פון יידישער שפּראַך — לויט די באַגריפן פון יענער צייט.

און ביזן סאַמע אויפן שוועל פון היינטיקן יאָרהונדערט האָט זיך אַלץ געהאַלטן דער אינסטיטוט פון „שרייבערס" און פון לימוד שרייבן. אינעם זאַמלבוך „יעווריעיסקי יעזשעגאָדניק", צווייטער יאָרגאַנג, 1902, פּעטער־בורג, שילדערט מ. ג. קריינין דעם מצב פון יידישן שולוועזן. רעדנדיק וועגן די שבת־און אָוונט־שולן, דערציילט ער: „ווי גרויס עס איז דער דורשט צו לערנען זיך, באַווייזט דער פאַקט אַז דאָרט וואו עס פעלן די דאָזיקע טיפּן שולן (שבת־און אָוונט־שולן — ח. ש. ק.), באַמערקן מיר, אַז נאָך דער אַרבעט נעמען די בעלי־מלאָכות לעקציעס ביי פּאַרשידענע „שריי־בערס". פאַר אַזעלכע מין לעקציעס צאָלט מען פון 60 קאָפּיקעס ביז אַ רובל אַ חודש פאַר אַ שעה לערנען גרופּעסווייז".

דער געזונטער אינסטינקט פון דער יידישער מאַסע האָט זיך געקלאַ־מערט אין דער קלענסטער מעגלעכקייט צו מאַכן די קינדער נאָענט און באַקאַנט זייער יידיש מאַמע־לשון. און דער אומשולדיקער לימוד פון שרייבן, פון יידישער קאַליגראַפיע ווערט פאַרוואַנדלט פאַר דער רעגירונג און פאַר די שונאים פון יידיש — אין אַ געפערלעכן לימוד, וואָס באַדראָט די גאַנצע רוסיפיקאַטאָרישע פּאָליטיק פון די דערמאָנטע פאַקטאָרן. דער קאַמף פאַר דער יידישער „טשיסטאָפּיסאַניע" איז געווען דער ערשטער מין עפנטלעכער קאַמף פאַר די רעכט פון דער יידישער שפּראַך אין דער שול.

ס'האָבן געמוזט אוועקגיין יאָרן, און צו ביסלעך איז די „יידישע קאַליגראַפיע" צוריק אַריינגעלאָזט געוואָרן דורך דער רוסישער שולמאַכט אין דער עפנטלעכער יידיש־געזעלשאַפטלעכער און פּריוואַטער שול. אין דער אויסגאַבע פון דער חברה מפיצי השכלה פון 1901 „ספּראַוואָטשנאַיאַ קניגאַ פּאָ וואָפּראָסאַם אָבראַזאָוואַניאַ יעווריעיעוו" זענען אָפּגעדרוקט צענד־ליקער סטאַטוטן פון שולן און תלמוד־תורהס, וואָס זענען באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער רעגירונג. און אַ וואונדער, ווידער שווימט דאָ אַרויף די יידישע שפּראַך און דאָס „שרייבן" יידיש...

אינעם „פּלאַן" פון דער דערלויבטער מאָהילעווער תלמוד־תורה, פון 11־טן יאַנואַר 1888, לייענען מיר אין פּאַראַגראַף 15: „די אַלגעמיינע קעגנשטאַנדן ווערן אונטעררעכט אין דער רוסישער שפּראַך... די יידישע לימודים — אויפן יידישן זשאַרגאָן".

אינעם פלאן פון דער יינגלשול אין מעדזשיבאזש פאדאלער גובערניע, איז דא אינעם שעהן־פלאן א פונקט „יעווריעיסקאיע טשיסטאפיסאניע" — 3 שעה א וואך.

אינעם פלאן פון דער מיידלשול אין זאסלאוו, וואלינער גובערניע (באשטעטיקט אין נאוו. 1896) איז דא א בפירושער פונקט: „אין שול וועט מען לערנען די פאלגנדע קעגנשטאנדן: יידיש לייענען און יידיש שיין־שרייבן . . ."

אט אזוי האט זיך יידיש געראנגלט פאר אירע רעכט אין שול. אזוי האבן איבער שטעט און שטעטלעך יידישע „שרייבערס" געטאן זייער אר־בעט און געלערנט יידישע קינדער „שרייבן" יידיש. דער „שרייבער" איז באמת געווען א נאציאנאל־געזונטע און נוצלעכע אינסטיטוציע אויף דער יידישער גאס במשך פון לאנגע דורות.

אין סך־הכל:

יידיש־שרייבן איז פון שטענדיק געווען ביים יידישן עולם א חשו־בער ענין, און האט שטענדיק פארנומען א פלאץ אין דער דערציאונגס־סיסטעם. ווען עס האבן אנגעהויבן רייף ווערן אין דער יידישער מאסע די באדערפענישן אין עלעמענטארער וועלטלעכער בילדונג, האט די מאסע דערפילט, אז דער וועג צו וועלטלעכער קולטור פירט פאר די יידישע קינ־דער דורך די טויערן פון דער יידישער שפראך און פון „גראמאטע" אויף יידיש. עס ווערט דעריבער קולטיווירט דער לימוד פון „אידעש־שרייבן" און לייענען, עס ווערן געמאכט די ערשטע טריט צו לערנען אריפמעטיק אויף יידיש, אמאל אויך געאגראפיע. דער לימוד „אידעש־שרייבן" ווערט דער סימבאל און סינאנים פון וועלטלעכער בילדונג אויף יידיש און פון צוגעבונדנקייט צו דער מוטער־שפראך פון פאלק. די צארישע רעגירונג דערפילט די „געפאר" פון דער נאציאנאלער באוואוסטזיניקייט און זעלב־שטענדיקייט, וואס שטעקט אינעם אומשולדיקן לימוד פון „יידישער שרייב־קונסט" און זי רודפט אים אויף אלע אופנים. דער לימוד פון „יידיש־שרייבן" גייט דעמלט אריבער אויף אומלעגאלע קאנספיראטיווע פאזיציעס. דער יידישער „שרייבער" איז דער פארגייער פונעם לערער אין דער קינפ־טיקער יידיש־וועלטלעכער שול.

3. ווי אַזוי דער שרייבער ווערט געשילדערט אין דער יידישער ליטעראַטור

דער מערקווירדיקער טיפּ פונעם אַמאָליקן „וועלטלעכן" לערער פון יידישע קינדער, דער שרייבער ווערט אָפט געשילדערט אין דער יידישער ליטעראַטור.

איך האָב שוין ציטירט די זכרונות פון א. י. פּאַפּערנאָ וועלכער דער־ציילט, ווי אַזוי ביי זיי אין שטעטל קאָפּיל, אין די צייטן פון ניקאָלאַי דעם ערשטן, איז געשאַפן געוואָרן אַ „שול" פאַר יידישער קאַליגראַפיע. ווי ער שרייבט, האָבן די מלמדים אין זיין דור נישט געלערנט די קינדער שרייבן פּשוט דערפאַר, ווייל „נישט יעדער מלמד האָט אַליין געקענט די דאָזיקע קונסט". מיט דער צייט אָבער כדי צו קענען אויסהאַלטן די שווערע קאָנ־קורענץ מצד דעם „שרייבער", און כדי איינצוהאַלטן זיין אייגענעם אוי־טאָריטעט, האָט דער מלמד אַליין אָנגעהויבן אויספירן די דאָזיקע פונקציע אין יידישן לעבן, און מיר האָבן טאַקע אַ סך אַזעלכע באַשרייבונגען פון מלמדים, וואָס האָבן געלערנט די קינדער אויך שרייבן.

מאָלנדיק אין ערשטן באַנד „פונעם יאַריד" ווי אַזוי מען פאַרהערט זיין „העלד" אין דער מלאכה פון שרייבן, דערציילט שלום־עליכם: „דער כתבא רבא האָט זיך שוין גוט געפּלייסט... ער האָט אויסגעקליבן דאָס סאַמע שענסטע און סאַמע קלענסטע פּערל־כתב, וואָס מען דאַרף אָנטאָן דערצו אַ שפּאַקטיוו, מען זאָל דערזען די אותיותלעך. ער האָט אָנגעווענדט דערצו דעם גאַנצן כוח פון קאַליגראַפיע, וואָס ער האָט אַרויסגעפירט בירושה פון זיין וואָראָנקאָווקער רבין רב זרחל, וועלכער האָט באַשאַפן אין יענעם שטעטעלע קען מען זאָגן אַ גאַנצן דור פון קאַליגראַפן וואָס האָבן זיך צעקראָכן איבער דער וועלט און וואָס ציכענען זיך אויס כמעט אַלע מיט זייער שיין־שרייבן עד היום הזה".

און אַט לייענען מיר ביי ח. י. פרייד (אַ באַקאַנטער וואַרשעווער ציו־ניסט, שרייבער און קולטור־טוער) אין זיינע „ימים ושנים" (חלק א', תרצ"ח, ז. 81) די באַשרייבונג פון זיין רבין: „דער עיקר איז ער באַרימט מיט זיין קלאָרער האַנטשריפט, אותיותלעך פּערעלעך, אַ ליכט פאַר די אויגן, וואָס ער — דער רבי — באַציט זיך צו דעם מיט גרויס חשיבות און אויך אונדז זיינע תלמידים לערנט ער שרייבן קלאָר און ריין אין יידיש און דייטש. ער זאָגט אונדז אָן צו ברענגען העפטן מיט איינ־צל־ליניעס, ער שרייבט אונדז אָן איין שורה פון זיך, און מיר זענען מחויב נאָכצוטאָן לויט זיין מוסטער, איבערחזרן און אויסשרייבן דאָס גאַנצע זייטל אינעם נוסח פון דער אייבערשטער שורה, וואָס איז אָנגעשריבן דורכן

מלמד אונדזערן... און אַ מעטאַלענע ווירע האָט ער דער רבי, און די דאָזיקע ווירע דינט פאַר צוויי זאַכן: אויסצוווירען דאָס גלאַטע פּאַפּיר אונדזערס און אונדז מדריך צו זיין אינעם ענין שרייבן; און ווען עס פאַרווילי־זיך דעם רבין אונדז צו באַשטראָפן פאַר אונדזער נאַכלעסיקן שרייבן, בשעת ער ווערט אין כעס אַלמאַי מיר גייען נישט אין זיינע טריט און מיר שרייבן נישט אַזוי ריין און שיין ווי ער, — שענקט ער אונדז אַ מת־יד מיט דער דאָזיקער ווירע"...

אַ טיפּ פון אַ מלמד, וואָס האָט גלייכצייטיק געלערנט די קינדער „שרייבן", שילדערט די מוטער פון דעם דיכטער מלך ראַוויטש, הינדע בערגנער, אין אירע נישט לאַנג פאַרעפנטלעכטע משפחה־זכרונות „אין די לאַנגע ווינטערנעכט". זי דערציילט וועגן אירע קינדער־יאָרן און אירע מלמדים אין די 70־ער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט. איינער פון זיי איז געווען אַן „אויפגעקלערטער", און אָט ווי אַזוי זי שילדערט אים און וואָס זי דערציילט וועגן דעם ענין וואָס אינטערעסירט אונדז דאָ:

„דער סאַנעקער מלמד איז אָבער באַלד אַוועק פון רעדים. און געקומען איז אויף זיין אָרט שוין אַן אויפגעקלערטער. געלערנט שרייבן יידיש און אונדז אָפּירגעשריבן אַ „שורה פון גריסל", און מיר האָבן דאָס נאָכגעשריבן. דער מלמד האָט שוין געהאַט זיין אייגענעם נאָמען — משה ראובן... אייגנטלעך איז משה ראובן נישט געווען קיין אויסגעשפּראָכענער מלמד. ערשטנס איז ער געווען נאָך נישט קיין באַווייבטער און נאָך זייער אַ יונגער. איז ער טאַקע געווען ביי מענדעלע מלמד אַ בעלפער... ער האָט געלערנט יידיש־שרייבן..."

פרוי הינדע בערגנער דערציילט ווייטער אויך פון אַ לערער אין דער שטאָט סטרי, „אַ גאַנצער דייטש", וואָס פלעגט קומען צו זיי אַהיים און „האָט געלערנט מיך און מיינע נאָך דריי חברטעס אין דעם קליינעם קינדערשטיבל. ער האָט אונדז געלערנט דייטש (דאָס איז געווען אין גאַליציע, אַמאָליק עסטרייך — ח. ש. ק.) און יידיש־דייטש" (ז"ז 63—65).

דער הויפּט־העלד פון י. אַקסענפעלדס „דאָס שטערנטיכל", וואָס איז אָנגעשריבן אין די 20ער יאָרן פון פאַריקן י"ה*) איז אויך געווען אין זיינע יונגע יאָרן דער „אייבער־בעלפער" ביים בעסטן דרדקי־מלמד אין שטעטל, און ער האָט אויך געהאַט די עובדה צו לערנען יידישע קינדער „שרייבן". די העלדין פון „שטערנטיכל" איז שיינצי, די איינציקע טאָכטער פון אהרון שמש און זיין ווייב שרה. און אָט די בת־יחידה גייט דורך דעם קורס פון

*) מ. ווינער — צו דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין 19־טן יה"ה, ערשטער באַנד, נ"י 1945, ז"ז 195־196.

יידיש־שרייבן ביים אָנגערופענעם בעלפער מיכל (מעכל). י. אַקסענפעלד דערציילט וועגן דעם אַזוי (איך גיב עס מיט היינטיקער אָרטאָגראַפיע, חוץ געציילטע כאַראַקטעריסטישע ווערטער):

„שיינצי האָט זיך מתקנא געווען אין די נגידישע מיידלעך, וואָס האָבן דאָ אינעם פּאַליש געוויזן זייערע פּירגריזין אויף געווירעט פּאַפּיר גע־שריבן, און ווי זיי האָבן זיך באַרימט, אַז זיי קענען שוין דאַווענען און לייע־נען. האָט זי געוויינט און געבעטן דעם פּאָטער מיט דער מוטער מען זאָל זי אויך אויסלערנען שרייבן, דאַווענען און לייענען... האָט מען טאַקע דעם אַנדערן אינדערפרי נאָך פאַר דעם דאַווענען גערופן דעם מיכלען און באַדינגען הורטאָס פאַר אַלע דריי זאַכן: דאַוונען, לייענען און שרייבן, אים צו געבן פופצן גילדן... מיכל האָט געקענט שיין שרייבן... מיכל בעל־פער האָט געהאַט אַ זמן נאָך מער פון צוואַנציק גילדן. וואָס ער האָט גע־לערנט מיידלעך שרייבן. נגדישע מיידלעך האָבן לעיניין אין דאַבנין גע־לערנט ביים מלמד שלמה בעשעפּים, נאָר פאַרן שרייבן האָט מען מיכלען באַזונדער געצאָלט... שיינצי האָט איבערן זומער... זיך אויסגעלערנט דאַוונען און לייענען און שרייבן טאַקע בעסער פון אַלע מיידלעך... (זי) האָט געקענט דאַוונען, לייענען ווי אַ וואַסער, דערצו אַלע פּירגריזין האָט זי געקענט אויסוויינק שרייבן, וואויל טאַקע". שפּעטער האָט זיך צע־שפּילט אַ ליבע צווישן דעם לערער און דער תלמידה, און י. אַקסנפעלד, ויעלכער דערציילט אין איין אָרט אַז אונדזער מעשה הייבט זיך אָן שנת תקע"ב — „אַף דעם רוסישן חשבון איז עס פון 1812 און 1813", שיל־דערט אַזוי דעם אָנהייב פון אָט דעם ראָמאַן: „אין אַזאַ שטאָט ווי לאַ־היה־פּאָלי טאָר אַ חתן מיט אַ כלה נישט פיל שמועסן, נאָר דורך דעם אויסרייד אַז ער וויל זי אויסלערנען ציפער חשבונען... פלעגט מיכל אַלע טאָג צו־קומען. אויב ער מיט איר האָבן געציפערט, ווייסט מען נישט, געשמועסט האָבן זיי אוודאי, ווי אַ קלוגער חתן מיט אַזאַ שיינער כלה האָבן גערעדט" (זייטן 6—12).

אין דער דאָזיקער באַשרייבונג פונעם טיפּ „שרייבער" מיט העכער הונדערט יאָר צוריק — האָבן מיר אַלע סימנים, וועגן וועלכע מיר האָבן אויבן דערציילט: לייענען, שרייבן, פּירגרוזן, חשבונען. עס פעלט נאָר די יאַנדשפּראַך. עס איז דער טיפּ פונעם וועלטלעכן לערער פון יענער צייט אין פינצטערן יידישן שטעטל.

אויך אברהם רייזען אין זיינע זכרונות וועגן דער ערשטער יידישער כרעסטאָמאַטיע („אונדזער שול", אַפּריל 1933) דערציילט וועגן דעם טיפּ „שרייבער" און זייער לערנבוך, דער בריוונשטעלער: „דער בריוונשטעלער איז פאַרט געווען אין יענער צייט, אין סוף פון די אַכציקער יאָרן, דער

איינציקער לערנביכל. אפילו שטעטלשע „שרייבערס", וואָס האָבן געגעבן „שעהן" — געלערנט יידישע קינדער שרייבן, צו פיר קינדער אין איין שעה און א שרייבער א בעל־פּועל האָט אזעלכע „שעהן" געהאט ביז צוועלף א טאָג, און מיט דעם „גאנג" וואָס עס האָט געדויערט דאָס גיין פון יעדער „שעה" צו א צווייטער, אין א צווייטן הויז, וואו די פיר קינדער האָבן זיך צוזאמענגעקליבן איז ער געוועזן פארנומען א פערצן שעה אין טאָג, — אפילו זיי האָבן זיך נישט געשעמט צו „אונטערריכטן" די יידישע שפּראַך... מיט דער הילף פון דעם דאָזיקן „בריוונשטעלער". לייענען יידיש — דאָס האָט שוין די מיידלעך געלערנט א רבי, א דרדקי־מלמד, צו וועמען אין חדר עס פלעגן אויך מיידלעך, 6—7 יאָריקע, גיין צוזאמען מיט יינגלעך פון נאָך קלענערן עלטער... און א מאָל פלעגט דער דרדקי־מלמד קומען אין הויז אריין לערנען מיט די קינדער־מיידלעך אלף־בית און שפּע־טער עברי. יידיש האָט נאָך דעמאָלט געהייסן עברי־טייטש... אויסצו־לערנען בלויז עברי־טייטש לייענען — דערצו איז שוין געווען א „רביצין". אבער אויך זי... האָט נישט געלערנט לייענען יידיש פון א וועלטלעכן לייענביכל נאָר פון א טייטש־חומש און א מאָל פון א שטיקל תחינה"..

אן אינטערעסאנטן טיפּ פון א יידיש־לערער האָט אונדז געגעבן ל. בערמאַן (לייבעטשקע) אין זיין באקאנטן בוך „אין לויף פון יאָרן" (צווייטע אויסגאבע, ניו־יאָרק, 1945). ווי ה' לייבעטשקע זאָגט עדות, האָט מען אין דער דווינסקער תלמוד־תורה פון יענער צייט (מיט העכער 50 יאָר צוריק) געלערנט „חוץ רעליגיעזע לימודים, אויך שרייבן רוסיש און יידיש". דער לערער פון יידיש האָט געהייסן ציטראָן, ער האָט געגעבן אין שטאָט פּריוואטע לעקציעס אויף יידיש. „נישט געווען קיין באלעבאטיש מיידל וואָס זאָל זיך נישט האָבן געלערנט יידיש שרייבן ביים לערער ציטראָן. די תלמידים פון דער תלמוד־תורה האָט זייער איםפּאָנירט די שיינע קאלי־גראפישע האנטשריפט פונעם לערער ציטראָן. יעדער פון זיי האָט זיך גע־פליסט נאָכצומאכן אין אלצדינג דעם לערער. מיר פלעגן אויספירן די רונדע, נעציקלטע אותיות מיט אזא ליבשאפט און כוונה, ווי מיר וואָלטן געשריבן הייליקע ספרים. און ביי א סך פון אונדז האָט זיך טאקע — א דאנק דעם — אויסגעארבעט זייער א שיינע האנטשריפט. אבער נאָר א האנטשריפט — ווייל די מעטאָדע פון לערנען איז דעמאָלט באשטאנען בלויז אין נאָכשרייבן דעם „אפּאָר" וואָס דער לערער האָט יעדן געגעבן. פלעגן מיר מעכאניש נאָכשרייבן: "צו מיין האָכגעשעצטער טאנטע" אָדער „פיל גליק אונד פריוד צו מיין זעליגן פאָטער אונד מוטער לעבין זאָלין וואָהל". דערביי פלעגן מיר מיטן ערשטן וואָרט „פיל" מאכן א טיף אריינ־געדרייטן „פ", ווי אן אנגעצווינגענע שפּרענזינע, אין וועלכער מען זעט

ניט קיין סוף, האָט דער צווייטער דעם „יוד" מיטן „לאַמעד" אַריינגע־צאַצקעט גופא אינעם „פ"", וואָס האָט פאַרנומען פון איין שורה ביז דער צווייטער. און אַ דריטער האָט פון די דריי אותיות אויסגעדרייט אַ מאָנאָ־גראַם וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ בלום, — און אַזוי יעדער מיט אַן אַנדער פאַנטאַזיע פון זעלבן מין. גאָר געוואַלטיקע בריהשקייטן פלעגן מיר אַרויס־ווייזן ביים „גימל" פון „געשעצטער אָנקל": מיר פלעגן דעם אונטערשטן ברעג פון „גימל" פאַרדרייען מיט אַזוי פיל „שלשלתן", „צוקן" און שלייפן אַזוי לאַנג, ביז וואַנען עס האָט זיך אויסגעלאָזן די טינט פון דער פעדער" (ז"ז 28, 29).

זייער אַ שיין בילד האָט געגעבן י. י. שוואַרץ — פון זיין מלמד, וואָס פאַרנאַכטצו, ווען די קינדער זענען שוין אויסגעמאַטערט פון לערנען, איז ער זיי מהנה מיט אַ שעה שרייבן.

די קליינע „כתבא־רבאָס" ווערן שטאַרק פאַרנומען
מיט צוגרייטן די שרייב־מכשירים פאַרן לימוד:
די טינט־און־פעדערס, העפטן, „זעמדלעך". (וואָס,
איר ווייסט נישט וואָס אַ זעמדל איז? דאָס איז,
אַ רונד אַ בלעכן שר־וואַקס קעסטעלע,
וואָס אויף זיין דעקל שטייען אויסגעמאָלן
צוויי קליינע שדימלעך, וואָס זיצן אויף די עקן
און פוצן פלינק אַ שטיוול; ס'דעקל ווערט
אַדורכגעשלאָגן מיט אַ דינעם נאָגל
אין קליינע און געדיכטע לעכלעך; ס'קעסטעלע
ווערט אָנגעפילט מיט טרוקן זאַמד און דינט
אויף צו באַשפּרענקלען דאָס פּאַפּיר פון שרייבעכץ
אָנשטאָט אַ לעשפּאַפּיר; דאָס נאַסע זאַמד
ווערט אָפּגעשנאָלן פון דער צווייטער זייט פּאַפּיר —
דאָס הייסט: אַ זעמדל). וואָס האָט מען געשריבן?
צוויי מאָל אַ וואָך געשאַרפט די קעפּ אין חשבון
און שרייבן רוסיש, נאָכגעשריבן אַן „אַפּאָר".
די אַנדערע דריי טעג געשריבן „לשון־קודש".
למשל: אַ דיקטאַנט מיט האַרבע ווערטער;
ס'העברעאיש צייטוואָרט אויסצושרייבן
אין אַלע זיינע זמנ־ים און בנינים.
אַמאָל פאַרגעבן אונדז אַ בריוו צו שרייבן:
אַ שלום לידידי בריוו צו אַ מחותן,
אַז שבת־חנוכה, אם ירצה השם,

וועלן מיר קומען זיך צו פרייען מיט זיין פנים;
און מיר באדאנקען אים גאר שטארק פאר זיין מתנה
דעם זייגער און די קייט פון זהב טהור,
וגם מיר בעטן אים און בעטן אים ביז גאר
צו דורש זיין בשלום פון מחותנת און דער כלה.
א סוחריש בריוול צו א יוסטן סוחר:
ער זאל מטריח זיין זיין כבוד, שיקן אונדז תומ"י,
אזויפיל זעקלעך קארנמעל וגם געבייטלט מעל,
אזויפיל און אזויפיל קמח־סולת,
ולמען השם אן פסולת און אין גלייכן מקח,
ווייל פון דער פריערדיקער סחורה, הייסט עס,
האבן מיר געליטן גאר א גרויסן היזק, פשוט
בדיל־הדל געווארן. נאר קיין גרויסן טעם
האט ער, דער רבי, אינעם שרייבעכץ נישט געפונען —
א סך מלאכה און גאר ווייניק ברכה —
געמעקט, געלעקט, געשפרענקלט מיט די זעמדלעך,
געשנאלט אינעם פאפיר, געביסן מיט די ציין
די קיילעכדיקע האלטערס פון די פעדערס,
זיך אויסגעשמירט מיט טינט די הענט און פנימער,
ארויס פון עסק שווארץ ווי קוימענקערער.
„די פיינע טינטלער" — האט דער רבי אונדז געקרוינט
מיט גאר א נייעם טיטל און זיך אומגעקערט
צוריק צום אלטן אויסגעפרופטן דקדוק,
וואו סיהעלפן נישט קיין שמד־שטיק און קיין קונצן.*)

אויף אן ענלעכן אופן באשרייבט דאס לערנען שרייבן אין חדר — יחיאל שטערן, אין זיין ארבעט „חדר און בית מדרש". אליין א לערער אין דער מאדערנער יידישער שול, אליין געענדיקט דעם לערער־סעמינאר פון „צישא" אין ווילנע, האט ער אן ערך אין 1910 דורכגעמאכט דעם חדר אין זיין שטעטל, און אט דעם חדר באשרייבט ער עס דא. די באשרייבונג וועגן וועלכער מיר רעדן דא, באציט זיך צו דעם „איבערזעי־הדר", און י. שטערן דערציילט אזוי:

„א גרויסער טייל פון די חדר־קינדער, סיי יינגלעך סיי מיידלעך, האט זיך געלערנט שרייבן ביי א ספעציעלן לערער, וואס האט געהאט דעם טיטל: „שרייבער". אבער דער גרעסטער טייל האט זיך געלערנט שרייבן

*) י. י. שווארץ „יונגע יארן", פאעמע, מעקסיקע 1952, ז"ז 121־123.

אין חדר גופא, און אַט ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען די פּראָגראַם און אופן פון לערנען שרייבן סיי אין יינגל־חדר, סיי אין מיידל־חדר און סיי ביים שרייבער:

„אין אָנהייב פלעגט מען זיך נעניטן אין שרייבן מיט בלייפעדער אויף אַ העפט מיט ברייטע ליניעס ס און ו. מען האָט עס גערופן שרייבן רינג־געלעך און פּאַסיקלעך. דערנאָך פלעגט מען איבערגיין צו קריץ. דאָס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דער שרייבער (אָדער דער רבי צי די רביצין) פלעגט אָנשרייבן מיט אַ בלייפעדער אינעם קינדס העפט אויף ברייטע ליניעס דעם אלף בית, און דער תלמיד פלעגט די אותיות איבערגיין מיט טינט. די צווייטע מדרגה פון קריץ איז געווען דאָס לערנען שרייבן תשרק... די דריטע מדרגה פון קריץ איז באַשטאַנען אין לערנען זיך שרייבן די שלום־אותיות מנצפך... די פען מיט וועלכער די קינדער פלעגן שרייבן איז געווען אַ געגנדזענע, וואָס די קינדער פלעגן זיך אַליין מאַכן פון אַ פעדער פון אַ געגנדזענעם פליגל, פאַרשניצט און איינגעשפּאָלטן ביים שפּיץ... ווען אַ תלמיד האָט זיך שוין אויסגעלערנט קאָרעקט איבערגיין אַלע אותיות מיט טינט און נישט מאַכן קיין פלעקן, האָט מען אים אָנגעהויבן צו לערנען אַ שורה־גריזל: דער שרייבער (אָדער דער רבי צי די רביצין) פלעגט פאַרשרייבן מיט טינט אין אַ העפט מיט שמאָלע ליניעס אויף דער ערשטער שורה אַ זאַץ, און דער תלמיד פלעגט דעם דאָזיקן זאַץ נאָכשרייבן וואָרט ביי וואָרט אויפן גאַנצן זייטל. די פאַרגעשריבענע זאַצן פון שורה גריזל זענען געווען על פי רוב פאָלקסווערטלעך אין יידיש אָדער העברעאיש... די דאָזיקע שורה־גריזלעך זענען געווען די פּאָפּולערסטע. עס זענען אויך געווען שורה־גריזלעך אין וועלכע עס זענען געקומען צום אויסדרוק די באַשעפטיקונגען פון די עלטערן, ווי למשל: „דער טאַטע איז געפאָרן קיין לובלין קויפן סחורה"... דערנאָך פלעגט מען אריבערגיין צו לערנען שרייבן באַזונדער די אַליינהילכערס און די קלאַנגען וואָס ווערן געשריבן דורך צוויי אותיות, ווי זש און טש... דערנאָך פלעגט מען איבערגיין צו לערנען אַ גריזל, וואָס איז אייגנטלעך געווען אַ נוסח פון אַ סוחריש בריוול אָדער פון משפּחה־לעבן. דער שרייבער האָט אַזאַ גריזל געגעבן צום תלמיד און דער תלמיד פלעגט עס נאָכקאָפּירן אין אַ העפט אויף איינציקע ליניעס... נאָכן גריזל איז געקומען אַן אַפּאָר (אָדער דיקטאַנדע). דער שרייבער פלעגט דיקטירן די תלמידים אַ גריזל און די תלמידים פלעגן עס דאַרפן אויסלייגן קאָרעקט אין זייערע העפטן... דערנאָך פלעגט מען די תלמידים פאַרגעבן אַליין אָנצושרייבן אַ גריזל פון קאָפּ. עלטערע תלמידים פון גמרא־חדר פלעגן אויך שרייבן ריין לשון־קודשדיקע גריזלעך מיט מליצות. שרייבן אַ גריזל פון קאָפּ האָט זיך גע־

רופן: במחשבה וכותב (שרייבן פון געדאנק). צום לעצט האט מען גע־לערנט יעדן תלמיד אדער תלמידה שרייבן א רוסישן אדרעס"...

* *
*

אבער דעם שענסטן מאנומענט האט דעם אמאליקן „שרייבער" גע־שטעלט ה. לייוויק. דער דיכטער דערציילט אונדז, אז זיין פאטער איז גע־ווען א „שרייבער" אין זיין שטעטל, און מיט גרוים ליבע און יראת הכבוד שילדערט ער דעם פאטער און זיין עבודה פון לערנען יידישע קינדער שרייבן יידיש. עס איז באמת א גרויסער פארדינסט פאר דער געשיכטע פון אונדזער יידישער שול, וואס ה. לייוויק האט אונדז געשאנקען דעם דאזיקן פארטרעט פון אמאליקן „שרייבער". און עס לוינט זיך דא איבער־צודרוקן פון זיין גרויסער פאעמע „סאנעטן־רינג" — דעם טייל ווו ער רעדט וועגן זיין פאטער „דעם שרייבער":

„און גערעדט האט ער — געמורמלט שטאמלעניש פון ווארט.
און זיין ארבעט איז געווען — צו גיין פון איין שטוב אין א צווייטער,
דיקטעווען פון בלאשטיינס בריוונשטעלער „ברויטיגאם און ברויטע"
פאר די מיידלעך אין א רוסיש שטעטל אויפן מערב־ווארד.

ווינטערדיקע לאנגע אוונטן, און אווונטיקע פרעסט.
א לאמטערן מיטן טירל צו דער פאלע צוגעפרעסט.
און א וואלענע פאטשיילע איבער מויל און אויער...

סקריפעט דאס מיידל מיט א האנטשריפט א געבראכענער און רויער,
יעדעס ווארט מיט א ציטער, מיט א פליסטערן באגלייט,
אירע באקן ווערן מיט א מאל פון שעמעוודיקייט רויט:
ווידער שוין פארגעסן אויסצולייגן „זעהר גוטי" און „זייער"...

רעדט דער טאטע — האלב א מורמעל, האלב אן אויסגעשריי:
„זייער" שרייבט מען מיט צוויי יודן, „זעהר גוט" מיט עיען היי...
א פארשולדיקטע דאס מיידל זיצט דעם קאפ אראפגעבויגן...

...יאמערן זיין פלאמענדיקע בארד און אנגעליטע אויגן,
און דעם יאמער פלעגט ער מיטברענגען אהיים אין שפעטער נאכט.
נאכן עסן בלייבט ער זיצן נישט געדרעמלט, נישט געוואכט, —
ביז ער נעמט זיך פארן רויטן טינט און בלאנקן בויגן.

ת.

יאָמערן זיין פלאַמענדיגע באָרד און אָנגעגליטע אויגן,
און דעם יאָמער פלעגט ער מיטברייענגען אהיים אין שפעטער נאכט,
נאָכ'ן עסן בלייבט ער זיצן ניט געדרעמלט, ניט געוואכט, —
ביז ער נעמט זיך פאַר'ן רויטן טינט און בלאנקן בויגן.

פאַר די מיידלאַך בריף — אפירן — ניט געשטויגן, ניט געפלויגן —
נעמט ער צאַצקען, ווי מיט צירקל יעדער אות ארויסגעבראַכט;

בליט דער 'ין דער קאָפּ צעעפנט, און דער 'מד שלאַנק פאַרטראַכט
און די 'ייען און די 'ונען ווי ספּיראַלן אָנגעצויגן.

און דער 'מד א גיפּטיג־שלענגל מיט אַן אויסגעשטרעקטן צינגל,
און דער שלאָסמע' א פאַר'חתמ'עט גילדן אויער רינגל, —
אַלץ צוזאַמען פלעגט עס זינגען מיט א סודות'דיגן קול.
א פאַרגאַפטער פלעג איך, דאַמאָלסט נאָך א זיבן יאָריג אינגל,
טונקען מיינע אויגן אינ'ם כשופ'דיגן רויטן פינקל:



ו.



איך האָב ניט פאַרשטאַנען דאַמאָלסט פון די ווערטער דעם באַטייט,
דאָך פאַרגעס איך ניט ביז היינט דעם צויבערדיגן איבערבייט
ווי דאָס רויטקייט פון די ווערטער פלעגט זיך נעמען פלוצלונג מינען —

אויפ'ן טאַטנס פּנים שמייכל, פרייד. אין שמייכל פרייד באַנייט,
דאַמאָלסט האָט א וואונק געטאָן צו מיר א קומנדיגע צייט:
— זיי דער ריטער פון זשאַרגאָנעדיגע למד'ן און שינ'ען...

פון ה. לייוויקס פּאָעמע „סאָנעטן־רינג" — וועגן זיין פאָטער „דעם שרייבער"

פאַר די מיידלעך בריוו — אַפּירן — נישט געשטויגן, נישט געפלויגן —
נעמט ער צאַצקען, ווי מיט צירקל יעדער אות אַרויסגעבראַכט;
בליז דער שין, דער קאָפּ צעעפנט, און דער למד שלאַנק
פאַרטראַכט,
און די פייען און די נונען ווי ספּיראַלן אָנגעצויגן.
און דער יוד אַ גיפּטיק־שלענגל מיט אַן אויסגעשטרעקטן צינגל,
און דער שלאָס־מעם אַ פאַרחתמעט גילדן אויער־רינגל —
אַלץ צוזאַמען פלעגט עס זינגען מיט אַ סודותדיקן קול.

אַ פאַרגאַפּטער פלעג איך, דעמאָלט נאָך אַ זיבניאָריק יינגל,
טונקען מיינע אויגן אינעם כישופדיקן דויטן פּינקל:
„פיל געשעצטער, הויך געליבטער ברויטיגאַם לעב וואָהל"!

„פיל געשעצטער, הויך געליבטער ברויטיגאַם לעב וואָהל,
ערשטענס קומע איך בענאַכריכטן — איך טו טאָן געפינען
דאַנק דעם עוויגן אין בעסט געזונט, דאָס נעמליכע פון אינען
צו פאַרנעמען מיט גרויס פרייד פון היינט און אַלע מאָל.

צווייטנס קומע איך צו שרייבן צו מיין ברויטיגאַם: אַבוואָהל
מאָנד און שטערן טוען שיינען אויפן הימל ביז באַגינען,
מוז מיר פינצטער זיין און פון די אויגן מיינע טרערן רינען,
ווייל דער שיקזאַל האָט צעשיידט די ליבע אונדז מיט באַרג און טאָל"...

איך האָב ניט פאַרשטאַנען דעמאָלט פון די ווערטער דעם באַטייט,
דאָך פאַרגעס איך ניט ביז היינט דעם צויבערדיקן איבערבייט:
ווי דאָס רויטקייט פון די ווערטער פלעגט זיך נעמען פלוצלונג מינען.

אויפן טאַטנס פּנים שמייכל, פרייד. אין פרייד באַנייט,
דעמאָלט האָט אַ וואונק געטאָן צו מיר אַ קומענדיקע צייט:
— זיי דער ריטער פון זשאַרגאָנעדיקע למדן און שינען...

דער דיכטער ה. לייוויק איז אַזוי געבונדן געווען מיט אַט די געצאַצ־קעטע און כישופדיקע „למדן און שינען", אַז דאָ אין דער פּאָעמע זיינער האָט ער אויף אַ שיינעם אופן רעפּראָדוצירט די אַלע קונציק־אויסגעצירקל־טע אותיות פון זיין פּאָטערס „אַפּירן". די פּאָעמע מיט די „רעפּראָדוק־ציעס" זיינען אָפּגעדרוקט אין ח. זשיטלאָווסקיס זשורנאַל „דאָס נייע לעבן", אין נאָוועמבער־נומער 1922, („סאָנעטן"); די פּאָעמע אין אויך אַריין אין דעם יובילײ־באַנד פון ה. לייוויקס לידער, 1940. לייוויק האָט

מיר געזאָגט: ער איז אויך היינט ביכולת צו רעסטאַווירן אַט די אַלע קונציקע געשלענגלטע און ספּיראַלע יידישע אותיות.

פון די געבראַכטע שטעלן פון ה. לייוויקס פּאָעמע זעען מיר, אַז דער יידישער „שרייבער" איז געווען נישט סתם אַ לערער פון קאַליגראַפיע. ער האָט געלערנט יידישע אָרטאָגראַפיע (זייער" און „זעהר"!), און ער האָט געלערנט יידישן סטיל, לויטן געשמאַק פון יענער צייט. און אויב דער דאָזיקער „שרייבער" איז געווען ביכולת צו באַגייסטערן אַזאַ פּאָעטישע נשמה, ווי ה. לייוויק, און אין אים איינפלאַנצן ליבע צו דער יידישער שפּראַך און אים זאָלבן פאַרן כוהן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור און פאַר דעם „ריטער פון זשאַרגאָנעדיקע למדן און שינען", — איז עס באמת דער גרעסטער שבח פאַר אַט דעם טיפּ פאָלקסלערער.

מען דאַרף אַזוי פאַרשטיין די זאַך: נישט נאָר אין לייוויקס טאַטן מיט זיין „פלאַמענדיקער באָרד און אָנגעגליטע אויגן" פלעגט פאָרקומען דער „צוויבערדיקער איבערבייט" ביים אויספירן די עבודה פון יידיש־שרייבער און פאָלקסלערער. משמעות, אין אַ סך פון אַט דעם טיפּ „שרייבערס" איז געלעגן דער ברען און די ליבשאַפט פאַר זייער ארבעט, און מיט דעם טאַקע האָבן זיי צוגעבונדן די יידישע קינדער צו זיך און צו זייער מלאכה. עס איז געווען אַ לעבעדיקער לימוד. די צאַצקעדיקע אותיות — דאָס איז געווען דער אויסערלעכער אויסדרוק פון דער ליבע צום ענין אויסלערנען יידישע קינדער שרייבן. עס האָט דאָ געשטעקט די געזונטע צוגעבונדנ־קייט צו דעם מאַמע־לשון. און עס איז דאָ געווען דער אינסטינקטיווער פאָרגעפיל, אַז אַט די שפּראַך וועט מיט דער צייט דערהייבן ווערן צו דער מדרגה פון אַ שיינער קאָלירפולער ליטעראַטור. יעטווידער יידישער לערער פון אונדזער מאָדערנער יידיש־וועלטלעכער שול קען זיך דערקענען און דערפילן אין ה. לייוויקס טאַטן און אין יעדן „שרייבער" פון אַמאָל. דער יידישער „שרייבער" האָט דער ערשטער געעפנט אין אַמאָליקן שטעטל דאָס פענצטער „צו יידיש־לאַנד", צו וועלטלעכקייט, צו אייראָפּעאישער קולטור — נישט פאַר יחידים, נאָר פאַר דער ברייטער מאַסע און אין דער ערשטער ריי פאַר דער יידישער פרוי.

די ערשטע וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר יידיש און טאַקע פאַר אַ פאָלקשול מיט יידיש

א

אויפן שוועל פון 19־טן יאָרהונדערט. דאָס יידישע לעבן אין גאַליציע און אין פוילן איז איינגאַרטיק און פילפאַרביק. די האָרעפאַשנע פאָלקס־מאַסן שפילן אַלץ אַ גרעסערע ראָלע. די וועלטלעכקייט רייסט זיך אַלץ שטאַרקער אַריין אינעם לעבנסשטייגער. עס גייט אָן אַן אַקטיווער קאַמף צווישן הסידות און זיינע קעגנערס, עס פיקט זיך אויס אַ יידישע אינטעליגענץ. זי איז באַהערשט פון אַן אויפריכטיקער זאָרג וועגן פאָלק און זיין לעבן. עס איז דער פעריאָד פון סענטימענטאַלער התפעלות פאַר בילדונג, אויפקלערונג, השכלה. עס איז דער פעריאָד פון אידעאַליסטישער קולטור־טרעגעריי, פון אידעאַליסטן־משכילים, וואָס ווילן דורכברעכן אַ „פענצטער" אין דער גרויסער וועלט אַריין, זאָל זיין אפילו פאַרן פרייז פון אַ ביסל אַסימילאַציע. איינברעכן די מויערן פון דער פינצטערער געטאָ, און אויב נייטיק אפילו מיט גוואַלד, מיטן כוח פון דער רעגירנדיקער מאַכט אַריינברענגען אַהין די זון פון בילדונג, קולטור און ... אַסימילאַציע.

נאָר געציילטע אינטעליגענטן האָבן אין יענער עפּאָכע פאַרשטאַנען, אַז כדי ווירקלעך אַריינברענגען ליכט אין געטאָ, כדי באמת צו פאַרוועלטלעכן און ציוויליזירן דאָס יידישע לעבן — איז געווען נאָר איין וועג: אַפּעלירן דירעקט צו דער פאָלקס־מאַסע, באַהעפטן זיך מיט איר, שאַפן אויף איר שפּראַך, דערנעענטערן זיך מיט איר און געווינען איר פולן צוטרוי. און נאָר געציילטע פון אָט די אינטעליגענטן האָבן געהאַט גענוג מוט און ענערגיע צו גיין אויף דעם וועג.

צווישן זיי זענען, אַזוי צו זאָגן, די ערשטע יידישיסטן אין יידישן לעבן פון 150 יאָר צוריק. די ערשטע וואָס האָבן זיך אָנגענומען פאַרן כבוד און

חשיבות פון דער פאָלקס־שפּראַך, פאַר איר ווערט און באַטייט אין יידיש־גייסטיקן לעבן.

ד"ר משה מאַרקוזע איז איינער פון זיי. דורכגעמאַכט זיין בילדונג אין דייטשלאַנד, איז ער געקומען פון קעניגסבערג קיין פוילן אין יאָר 1774, און זיך דאָ דערנעענטערט צום פאָלק און צו זיין שפּראַך. אין יאָר 1790 גיט ער אַרויס אויף יידיש אַ ביכל מיט עלעמענטאַרע ידיעות און אָנווייזונגען אין מעדיצין און היגיענע — „ספר רפואות". שוין דאָס אַליין, דאָס קומען צום פאָלק מיט אַ ניצלעך בוך פון קולטור־דערציערישן כאַראַקטער, און נישט מיט משכיליש־אינטעליגענטישע מוסר־דרשות, איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר אָט דעם פאָלקסטימלעכן אינטעליגענט און דאָקטער. אָבער דערביי האָט ד"ר מאַרקוזע אַרויסגעוויזן אַן אמת־„יידישיסטישן" צוגאַנג צו דער יידישער שפּראַך, זיך נישט רעכענענדיק מיט אַלע פאָראורטיילן וועלכע זענען שוין יעמאָלט געווען פאַרשפּרייט צווישן די משכילים בנוגע יידיש. מאַרקוזע האָט אין דער הקדמה צו זיין ביכל פון פאָראויס געענטפערט אויף דער שאלה, פאַר וואָס האָט ער זיין בוך געשריבן אויף „טייטש" און נישט אויף לשון קודש, ווי דאָס איז געווען אָנגענומען ביי אַלע משכילים, און ער שרייבט: „די לייט מוז איך אַליין ענטפערן און פרעג זיי ווידער פאַרקערט: פאַר וואָס רעדן מיר אַלע יידיש?... מיר האַנדלען, מיר לערנען, דרייען, ליגן זאָגן, חניפה טרייבן. קורץ גערעדט — קאָכן, בראָטן, ברענען, מסרן, הוספות געבן, עין־הרע אָפּשפּרעכן, אַלץ־אַלץ אויף טייטש". און שפּעטער זאָגט ער נאָך אַ מאָל צו די „גאַנצע חברותות" וואָס וועלן אים שטעלן די זעלבע קשיה: „פאַר וואָס האָב איך מיין ספר געשריבן אויף פּויליש־טייטש און נישט אויף לשון־קודש: איך וויים, עס וועלן זיך זיכער וויניק געפינען, וואָס מיך פאַרענטפערן וועלן קענען, בין איך גענייט אַליין מיך צו פאַרענטפערן. איך זאָג: איך האָב געמוזט שרייבן אויף טייטש, וואָרעם איך וויל מיט מיין ספר מציל זיין כמה אלפים מענטשן... און מיין כוונה איז: די אַלע נאַרן (ער מיינט די פאַרשידענע „עין־הרע־אָפּשפּרעכעס", „וואַקס־גיסערס" וכדומה — לויט זיין אייגענער טערמינאָלאָגיע — ח. ש. ק.) זאָלן זיך אין מיין ספר אַריינזען, און זאָלן זען וואָס פאַר אַ פּנים זיי האָבן. ווי קען איך שרייבן אויף לשון קודש, זיי העטן (וואָלטן) דאָך נישט געקענט אַריינזען"...

ד"ר מאַרקוזעס שפּראַך איז אַ ריינע, פאָלקסטימלעכע, און ער איז אין דעם פּרט אויך אַ מוסטער מיט זיין „ספר רפואות" פאַר די אַנדערע פריינד פון יידיש. ער האָט זיך נישט נאָר איינגעשטעלט פאַר יידיש, ער האָט אויך געשאַפן אויף יידיש, געריייניקט די שפּראַך, זי געמאַכט קולטורעל און

גלייכצייטיק געהאַלטן פֿאָלקסטימלעך. ער אַליין דערציילט וועגן דעם געגוי אין דער זעלבער הקדמה.

א צווייטער פֿאָרשטייער פון אָט דער יידישיסטיש־פֿאָלקסטימלעכער אינטעליגענץ פון יענער תקופה — איז מענדל לעפין סאַטאַנאָווער (געבאָרן אין 1741 אָדער אין 1750, געשטאָרבן אין 1823), אַ העכסט אינטערעסאַנטע און שעפֿעריש־אַקטיווע פּערזענלעכקייט אין זיין דור. ער האָט געוואַגט שאַרף אַרויסצוטרעטן קעגן דעם אָפּגאָט פון יעמאָלטדיקע משכילים, דעם פילאָזאָף נחמן קראָכמאַל, „באַשולדיקנדיק אים אין אַריסטאָקראַטישער אָפּגעשלאָסנקייט, אין קאַבינעט־געלערזאַמקייט, וואָס וויל גאָרנישט טאָן פאַר דער מאַסע („ער איזאָלירט זיין חכמה פון זיינע אָרעמע ברידער, וואָס זיצן אין דער פינצטער")... און דער פֿאָלקסטימלעכער, געזעלשאַפטלעך־אַקטיווער מענדל לעפין איז קאָנסעקווענט, ער פֿאָדערט צו שאַפן אַ ברייט־פֿאַרצווייגטע משכילישע ליטעראַטור אין דער יידישער שפראַך. ער פאַרפאַסט אין דייטש אַן „אויפזאַץ פאַן די וויכטיקייט דער פֿאָלקסשריפטן אין יידישער שפּראַכע צום אויפקלערונג יידישער איינוואוינער אין פוילן". ליידער האָט זיך דער דאָזיקער טראַקטאַט לעפינס נישט אויפגעהיט*...

אָבער פּונקט ווי משה מאַרקוזע, באַגרענעצט זיך נישט מענדל לעפין מיט אַגיטירן פאַר יידיש, ער נעמט זיך אַליין שאַפן אויף יידיש. ער איבערזעצט אין אַ מוסטערהאַפטן יידיש „משלי" און „קוהלת", אויך תהילים און שיר השירים. ער שרייבט אַן אָריגינעלע אַרבעט אויף יידיש „דער ערשטער חסיד". זיין משלי־איבערזעצונג איז דערשינען אין טאַרנאָפּאָל אין יאָר 1814, און די איבערזעצונג פּונקט ווי זיין גאַנצע באַציאונג צו יידיש האָט אַרויסגערופן גרויסע מחלוקת און פּאָלעמיק מצד אייניקע משכילים. „לעפינס תנ"ך־איבערזעצונגען אין יידיש האָבן געבראַכט צו דער ערשטער גרויסער דיסקוסיע אין משכילישן לאַגער וועגן דער ראָל פון דער יידישער שפּראַך, אירע פּערספּעקטיוון און באַציאונג צו איר. לעפינס קוק אויף יידיש ווי אויף אַ שפּראַך, אויף וועלכער עס דאַרף געשאַפן ווערן אַ משכילישע פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור, האָט אָנגעטראָפן אויף אַ שאַרפן ווידערשטאַנד מצד אַ טייל משכילים, וואָס האָבן זיך געהאַלטן ביים בוכשטאַב פון דער טראַדיציע פון דער בערלינער השכלה מיט מענדעלסאָנען אין דער שפּיץ" **).

*) מאַקס עריק — „עטיודן צו דער געשיכטע פון דער השכלה", מינסק, 1934, ז. 148.

**) דאָרט, ז"ז 153—154.

איינער פון זיי, טוביה גוטמאַן פעדער, האָט אָנגעשריבן אַ שאַרפֿן פּאַמפּלעט קעגן מענדל לעפינען, און נאָך אַדאַנק דער אַריינמישונג פון אַ צווייטן משכיל און אָנהענגער פון לעפינען, איז דער דאָזיקער פּאַמפּלעט צוריקגעצויגן געוואָרן פון דרוק. דער נאָמען פון אָט דעם משכיל און פריינד פון יידיש איז — יעקב שמואל ביק. אַ מאַן מיט גרויס וויסן און ליטעראַרישע פעאיקייטן, אַ גלענצנדיקער סטיליסט אין העברעאיש, האָט ער געפּרעדיקט וועלטלעכע בילדונג און מלאכה צווישן די יידן אין גאַליציע. דער פולער טעקסט פון זיין בריוו צום דערמאָנטן טוביה פעדער איז פאַרעפנטלעכט אין „כרם חמד", ווין, 1833, ז"ז 96—99, און אַ געקירצטע איבערזעצונג ,מיט 30 יאָר שפּעטער, אין דער יידישער צייטשריפט „קול מבשר", נומער 24, 1863. פון דעם איז צו זען, אַז דער אָנדענק פונעם פּראָטעסט־בריוו צו פעדערן איז געווען שטאַרק נאָך מיט צענדליקער יאָרן שפּעטער. ביק האָט אַזוי געטענהט צו פעדערן און פאַרענטפערט לעפינען: „וועגן דעם וואָס ער האָט איבערזעצט ספר משלי פאַרדריסט דיך, דו גלייכסט עס צום קוויטשן פון פייגל און צום קול פון בהמות און חיות. דערמאָן דיך נאָר, פריינד: ווי אַזוי האָבן גערעדט אונדזערע טאַטעס און זיידעס, זייט 400 יאָר; יידיש האָבן גערעדט, גערענקט און געדרשהט די גאונים, דער ב"ח, דער רמ"א, דער סמ"ע, דער ש"ך ז"ל, אין דעם לשון האָט גערעדט דער ווילנער גאון ז"ל..." (לויטן טעקסט פון „קול מבשר", די אָרטאָגראַפיע מאָדערניזירט). י. ש. ביק דריקט אויס די מיינונג, אַז דער חוב פון יעדן יידישן אינטעליגענט איז צו פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן די פאָלקסמאַסן אויף דער שפּראַך, וועלכע זיי פאַרשטייען און באַנוצן; דאָס וואָס יידיש איז נישט גענוג באַאַרבעט — דאַרף נישט זיין דערביי קיין שטער, ווייל אַלע שפּראַכן זענען אין דער ערשטער סטאַדיע פון זייער אַנטוויקלונג געווען פונקט אַזוי האַמעטנע און רוי, ווי יידיש, — „נאָר מיט דער אַנטוויקלונג פון אַ ליטעראַטור ווערט די שפּראַך אויסגעאיידלט". „נאָר — שרייבט י. ש. ביק — פראַנצויזיש און ענגליש, וואָס זענען אויך אויסגעמישט פון דייטש, גאַליש, לאַטיין און גריכיש, נאָר דורך דעם וואָס די חכמים אין יעדן דור האָבן זיך מי געגעבן, שוין קעגן 300 יאָר, פון זיי לייט צו מאַכן, זענען זיי געוואָרן אויסגעפּיינט, און איצט באַטש זיי האָבן נאָך אין זיך דאָס געמישעכץ, פונדעסטוועגן נוצן זיי צו די דערהאַבנסטע געדיכטע און צו די ניצלעכסטע מליצות. ערשט פאַר הונדערט יאָר איז די דייטשישע שפּראַך זייער נידעריק געשטאַנען. פאַר אַכציק יאָר איז רוסיש געווען אַ פּויערים־שפּראַכע... דאָס פּראָסטע פאָלק מאַכט אַ שפּראַכע אין איטלעכער נאַציע..." (דאָרט).

קול מבשר

КОЛЪ-М'ВАССЕРЪ

Приложение къ „Гамелицу"

на нѣмецко-еврейскомъ языкѣ

№ 11.

תוספת להמליץ שנת התרכ״ט 1869

איגראלט: אדעסא. — משה פונקל... — דיא (פרעסעפאן) ...

אדעסא, 12 אפריל 1869

משה רבינו האט רעכט געהאט...

די פּאָר משכילים, וואָס מיר האָבן דאָ דערמאָנט, זענען נישט געווען די איינציקע צום איינשטעלן זיך פאַר יידיש און צו העלפן שאַפן אַ ליטעראַטור אין יידיש, — עס זענען געווען נאָך אַנדערע. אָן זייער אַלעמענס צוגרייט־אַרבעט וואָלט שפּעטער נישט געקענט אויפקומען די יידישע ליטעראַטור און זשורנאַליסטיק. זיי האָבן אויסגעטראָטן דעם וועג. די גייסטיקע נויטן פון דער יידישער פאָלקסמאַסע האָבן כסדר אַרויסגערוקט זייערע פירשפּרעכער, און זיי האָבן געמאָנט.

אין 1813 האָט דער יוסטיץ־מיניסטער מיטגעטיילט אַלכּסנדר דעם ערשטן, אַז די ווילנער יידן „ווילן אַרויסגעבן אַ צייטונג אויף זייער שפּראַך". דער קיסר האָט זיין דערלויבעניש געגעבן, אָבער בתנאי: „אויב דער יידישער קהל וועט נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אַז אין דער צייטונג וועט נישט אַריינגעגעבן ווערן קיין שום אומאַנשטענדיקס". דער ווילנער קהל האָט זיך דערשראָקן פאַר דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און זיך אָפּגעזאָגט פון דער חשובער ראָל וואָס דער צאַר האָט אויף אים געוואָלט אַרויפלייגן: קהל האָט געהאַלטן, אַז ס'איז דאָ אַ סכנה — „אין די איבערזעצונגען פון די אויסלענדישע צייטונגען זאָלן זיך נישט אַריינכאַפּן קיין פעלערן". האָבן דעמאָלט די איניציאַטאָרן פון דער אויסגאַבע אויף יידיש זיך געפּרואווט אויסמיידן דעם קהל, און אין 1817 האָט דער דרוקער גיימאַן, איינער פון די ווילנער משכילים, דערלאַנגט אַ בקשה, מען זאָל אים דערלויבן אַרויסצוגעבן אַ צייטונג אויף יידיש אונטער דער צענזור פון ווילנער אוניווערזיטעט. אָבער אויך פון דעם איז גאָרנישט אַרויסגעקומען. דער ווילנער בילדונגס־קוראַטאָר א. טשאַרטאָריסקי האָט געענטפערט: אין ווילנע אוניווערזיטעט זענען פאַראַן פּראָפעסאָרן וואָס פאַרשטייען העברעאיש, אָבער ס'איז נישטאָ קיין איינער וואָס זאָל קענען יידיש. דערביי האָט ער געהאַלטן פאַר נייטיק צוצוגעבן: בכלל דאַרף מען די יידן נישט פאַרלייכטערן, נאָר פאַרשווערן דאָס באַניצן זיך מיט יידיש, כּדי זיי זאָלן וואָס שנעלער איבערנעמען די מלוכהשע שפּראַך און זיך באַניצן מיט איר אין ווירטשאַפטלעכן און געזעלשאַפטלעכן לעבן*).

מיר ווייסן נישט, וועלכער קרייז איז געשטאַנען הינטער דעם דרוקער גיימאַן, אָבער עס איז קיין שום ספק נישט, אַז עס איז נישט געווען זיינער אַן אינדיווידועלער פּלאַן. נאָך פון די צייטן פון ווילנער גאון האָט ווילנע געהאַט אַנדערע טראַדיציעס אין פּרט פון וועלטלעכקייט און פאָלקסטימלעכקייט. משה איליער, דעם ווילנער גאונס אַ תלמיד, האָט אין 1823 געמאַכט אַ פּרואוו אַרויסצוגעבן אַ וואָכנטלעך בלעטל אונטערן נאָמען „סמא

*) היסטאָרישע ווערק פון ש. גינזבורג, ב. 1, ז"ז 22—23.

דחיי" אויף העברעאיש און יידיש. דאָס איז געווען פון זיין זייט אַ באַ־וווסטזיניק שטרעבן צו דערנענטערן זיך צום פאָלק און צו דערנענטערן דאָס פאָלק צו בילדונג. „דאָס ביסעלע — האָט ער געשריבן — וואָס דער אויבערשטער האָט מיר דערלויכטן די אויגן איינצוזען אין דער וועלט, שרייב איך דאָס צו לאָזן וויסן אַלע מענטשן, און שרייב דאָס אויף אַ גרינגן לשון, אַז עס זאָלן דאָס אַלע פאַרשטיין, כאָטשע פּשוטע מענטשן" (אָרטאָ־גראַפיע מאָדערניזירט). אָבער מער ווי איין נומער האָט ער נישט אַרויס־געגעבן.

אויך אין וואַרשע איז אין דער זעלבער צייט געמאַכט געוואָרן אַ ענ־לעכער פּרואוו דורך איינעם וואָס האָט אין תוך פיינט געהאַט יידיש, אַנטאָני אייזענבוים: סוף 1823 האָט ער געקראָגן אַ דערלויבעניש אויף דעם „בעאָבאַכטער אַן דער ווייכסעל, בתנאי די אויסגאַבע זאָל זיך דרוקן אויף פּויליש און אויף יידיש. פון דעם „בעאָבאַכטער" איז אַרויס 39 נומערן און אין סעפּטעמבער 1824 האָט ער זיך פאַרמאַכט. „געטריי די טראַדיציעס פון די מאספים, האָט ער געהאַלטן אַז כדי אויפצוהויבן די קולטור פונעם פּוילישן יידנטום, איז ראשית כל נייטיק אַרויסצושטויסן די יידישע שפּראַך דורך דער דייטשישער. מיט דעם ציל האָט אייזענבוים אַרויסגעגעבן די צייטונג אויף אַ פולשטענדיק פאַרדייטשן זשאַרגאָן. מיט דעם גופא האָט ער דער צייטונג געשטערט צו האָבן אַ צוטריט צו די ברייטע קרייזן פון דער באַפעלקערונג, ווייל דעם מאַסן־לייענער איז די שפּראַך פונעם „בעאָבאַכטער" געווען אַבסאָלוט אומפאַרשטענדלעך"*).

נאָר געציילטע יידישע אינטעליגענטן פון יענער עפּאָכע האָבן פאַר־שטאַנען די נאַציאָנאַלע אויפגאַבן און די אינטערעסן פון דער יידישער פאָלקסמאַסע. אַזעלכע ווי ד"ר ש. עטינגער, י. אַקסענפעלד א"אַ האָבן גע־גלויבט אין דער ניצלעכקייט און אין דער שיינקייט פון דער יידישער שפּראַך. זיי האָבן אַליין געשריבן יידיש און זייער וואָרט איז געווען גע־ווענדט כלפּי פּנים: זיי האָבן געשריבן דריסט קעגן קהל און חסידות, קעגן יידישער אומקולטורעלקייט און פינצטערניש, קעגן די יידישע רעדל־פירער און קעגן דער דערציאונג אינעם חדר. י. אַקסענפעלד וועלכער איז במשך פון יאָרן פאַרפאָלגט געוואָרן אויף דער יידישער גאַס, אַזוי אַז יידי־שע דרוקערייען האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו דרוקן זיינע ווערק, האָט ביי פאַר־שידענע געלעגנהייטן אונטערגעשטראָכן: „זיי (די יידישע שרייבער) פלעגן זייערע ווערק שרייבן אויף העברעאיש אָדער דייטש; צי האָבן אָבער זייע־רע ווערק געקענט האָבן אַ וואָסער עס איז ווירקונג, ווי באַלד דער פּשוטער

*) ס. ל. צינבערג, „איסטאָריאַ יעווריסקאַי פּיעטשאַטי וראָסיאי", פּעטראָגראַד, 1915, ז' 144.

עולם פאַר וועלכן זיי זענען געווען באַשטימט, פאַרשטייט נישט קיין איינע פון די ביידע שפּראַכן". און אַ צווייטן מאָל שרייבט ער וועגן זיך: „ער רעדט וועגן דער גרויסער נויטווענדיקייט צו שטרייטן קעגן חסידות און אומוויסנקייט, און דאָס קען דערגרייכט ווערן נאָר דורך ווערק אין דער יידישער שפּראַך, ווייל דער יידישער לעזער פאַרשטייט נישט קיין העברע־איש און נישט קיין אַנדער שפּראַך"*).

עס האָט געמוזט קומען די אַנטווישונג פון דער נאָך־מלחמהדיקער רע־אַקציע פון אַלכּסנדר 1 און שפּעטער פון ניקאָלאַי 1; עס האָט געמוזט קומען די אַנטווישונג אין דער „קאַזיאָנע" שול, אויך דער אַלגעמיינער עקאָנאָמישער פּראָגרעס אין רוסישן לעבן; און עס איז צוביסלעך אויפ־געקומען אַ נייע מער פּאָלקסטימלעכע יידישע אינטעליגענץ, און צוביסלעך זענען אויסגעטראָטן געוואָרן נייע וועגן פאַר דער פאַרוועלטלעכונג און ציוויליזירונג פונעם יידישן לעבן אין אַמאָליקן רוסלאַנד.

* *
*

אָט זענען אַ פּאָר פאַרשטייערס פון דער שפּעטערדיקער עפּאָכע — אין די זעכציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. דאָס איז גראָד געווען אַ צייט אין צאַרישן רוסלאַנד, ווען די גאַנצע יידישע בורזשואַזיע און די אינטעליגענץ וואָס האָט איר באַדינט, האָבן גערופן: „אונדזער פאָטער־לאַנד איז רוסלאַנד; פּונקט ווי איר לופט, אַזוי דאַרף אויך איר שפּראַך זיין אונדזערע". אַזאַ איז געווען דער לאָזונג פונעם רוסיש־יידישן זשור־נאַל "ראַזסוועט", וואָס זיין ערשטער נומער איז אַרויס דעם 27־טן מאַי, 1860. און דאָס איז געוואָרן דאָס לידל פון יעדערן, ווער עס האָט נאָר געקענט נעמען אַ פּען אין האַנט, כּדי צו שרייבן אַן אַרטיקל אָדער אַ הכ־געהדיקע פּעטיציע צו דער מאַכט. אָט אין דער צייט זיך איינצושטעלן פאַר יידיש — איז געווען נאָך אַ גרעסערע „העלדישקייט", איידער אין דער פריערדיקער נאַאיווער תקופה: איצט איז דאָך געווען אַ צייט פון קאַריעריסטישער אַסימילאַציע, פון פּראַקטישער אויסגערעכנטקייט און עגאָאיזם. עס האָבן זיך אָבער געפונען יידישע אינטעליגענטן, וועלכע האָבן יאָ אויפגעהויבן זייער שטים לטובת יידיש, — און זיי זענען געווען די אָנזאָגערס, אַז אַ נייער דעמאָקראַטישער טיפּ אינטעליגענץ ווערט גע־באָרן אויף דער יידישער גאַס, אַן אינטעליגענץ וואָס איז דורכגעדרונגען מיט נאַציאָנאַלע און פאָלקסטימלעכע געפילן.

צוויי אַזעלכע משכילים פון נייעם טיפּ זענען י. מ. ליפשיץ און אַלכּסנדר צעדערבוים.

---

*) זע, גינזבורג, ב. 1, זייט 84.

נאך סוף די פופציקער יארן פון פאריקן יארהונדערט האט י. מ. ליפ־שיץ זיך משתדל געווען וועגן א דערלויבעניש ארויסצוגעבן א צייטונג אויף יידיש. ער האט אנגעשריבן א גרויסע ארבעט „די פיר דורות”, און מיט דער הילף פון אט דער ארבעט האט ער געפרואווט ווירקן אויף די משכילים, זיי זאלן שטיצן זיין פראיעקט, אבער אנשטאט דעם האבן די לעצטע גע־ווירקט אויף דעם ליבעראלן רוסישן פראפעסאר און קוראטאר פון אדעסער בילדונגס־קרייז פיראגאוו אין א פארקערטער ריכטונג, און יענער האט זיך אפגעזאגט צו אונטערשטיצן „דעם דאזיקן לעבערלעכן דיאלעקט”. ליפשיץ האט נישט גערוט. ליפשיץ האט אויך געהאט א גרויסן חלק אין דעם, וואס צעדערבוים האט זיך אזוי ענערגיש גענומען צו דער ארבעט אויף צו באַ־קומען א דערלויבעניש אויף א יידישער צייטשריפט — דאס איז אים טאקע נאך גרויסע מאטערנישן סוף כל סוף געלונגען און ער האט אנגע־הויבן ארויסצולאזן דעם וועכנטלעכן „קול מבשר” אויף יידיש (1862). און שוין אין גיכן האט דער רעדאקטאר אפגעדרוקט אין „קול מבשר” דאס אויבנדערמאנטע ארטיקל פון י. מ. ליפשיץ אונטערן נאמען „די פיר קלאסן”. אינעם דאזיקן ארטיקל האט ליפשיץ מוטיק און אפן אוועקגע־שטעלט די שפראך־פראגע: „אנדערע ווארפן אוים דער יידישער שפראך, אז זי קלינגט זיי נישט גוט; איך האב אין זיך דאס עזות צו זאגן, אז זי קלינגט גאנץ שיין. איך וועל שוין נישט זאגן שענער, אזוי שיין ווי דאס פאנפעוואטע פראנצויזיש אדער ווי דאס מאמעטליוועע ענגליש, ובפרט פאר דעם יידישן אויער, נאר דאס גליק פון איטלעכער זאך איז געווענדט (אנבאלאנגען) אין וואס פאר א וויגל מע פארוויגט זי.

„אז מע וועט מיך אפשר וועלן פרעגן: עס וואלט זיך א סך גלייכער געווען, אז מיר זאלן גאר פארגעסן אן אונדזער זשארגאן און זאלן זיך בעסער געוויינען מיט דער געבילדעטער שפראך פון דעם פאלק וואס מיר לעבן צווישן דעם. קען איך ענטפערן, אז מע דארף נישט קוקן אויף דעם וואס וואלט גלייכער געווען, נאר אויף דעם וואס עס איז מעגלעך; עס וואלט אויך גלייכער געווען, אז די גאנצע וועלט זאל נאר רעדן איין לשון, עס זאל זיין איין מלוכה, איין אמונה... מאלע וואס עס וואלט בעסער געווען; לעת עתה רעדן מיר יידיש, און ווי עס ווייזט אוים וועלן מיר פוילישע יידן נאך אזוי גיך נישט רעדן צווישן זיך נישט קיין רוסיש, נישט קיין דייטש, און אפילו נישט לשון קודש! דעריבער מוז מען קוקן אויף דעם וואס איז, און מע זאל בעסער אויסבילדן די יידישע שפראך, וועט מיט גאטס הילף די מי צום מערסטן, צום זיכערסטן און צום בעסטן אנגעלייגט (עשה פרי) זיין”.

און אין אַן אַנדער אָרט זאָגט ליפשיץ: „דאָס יידישע לשון איז אונדזער מוטערשפּראַכע... ד״ה אונדזער דערציאונגס־שפּראַכע, וואָס דורך איר קענען מיר זיך איינס דאָס אַנדערע צום בעסטן פאַרשטיין. היינט ווי אַזוי קען מען נאָך מסופק זיין, אַז אונדזער בילדונג איז נאָר געווענדעט אַן דער בילדונג פון אונדזער שפּראַכע? און צום סוף הער איך זי נאָר מבזה זיין און פון איר נאָר חוזק מאַכן. מע זאָגט אַלץ: זי איז פאַרדאָרבן! איך מוז מודה זיין, אַז איך פאַרשטיי איבערהויפּט גאָרנישט, מיט וואָס פאַר אַ רעזאָן מע קען אויף אַ שפּראַכע, וואָס עס לעבן, האַנדלען און וואַנדלען אין איר אַזוי פיל טויזנטער מענטשן, אַ גאַנץ פאָלק, זאָגן: זי איז פאַרדאָרבן. פאַרדאָרבן געשיקט זיך נאָר צו זאָגן אויף אַזאַ זאַך, וואָס איז בעסער געווען און איז קאַליע געוואָרן. נאָר פון וואַנען איז עס אַזוי געדרונגען, אַז אַנדערע שפּראַכן זענען פון דעם גרונט אַן בעסער געווען? זענען זיי דען אַזוי מסיני געגעבן געוואָרן? זיי קומען דאָך אויך אַרויס, ווי אונדזער לשון פון אַנדערע פאַרשידענע לשונות, נאָר פאַר וואָס הייסן זיי נישט פאַרדאָרבן!?״*).

י. מ. ליפשיץ האָט אָבער נאָך אַ גרעסערן פאַרדינסט פאַר יידיש: ער האָט אָפּגעדרוקט אין 1869 אַ „רוסיש־יודישן ווערטער־בוך״ (זשיטאָמיר) און אין 1876 דעם „יודעש־רוסישן ווערטער־ביך״.ביידע ווערטערביכער זענען אַן אוצר פון דער יידישער פאָלקסשפּראַך, און האָבן ביז היינטיקן טאָג אַ גרויסן ווערט. אויך דאָ האָט זיך אַנטפּלעקט ליפשיצעס באַוווסט־זיניקע באַציאונג צו יידיש, — שוין אָפּגערעדט פון דער קאָלאָסאַלער אַרבעט וואָס איז אין די ווערטערביכער אַריינגעלייגט. אין דער הקדמה צום צווייטן בוך טענהט ער זיך אויף אַזאַ אופן אויס מיט די העברעאיסטן: „אין שול מעגט איר רעדן מיט גאָט, מיט די מלאכים לשון קודש; אָבער אינעם פּראַקטישן לעבן, צו פּראַקטישע יידן האָט איר קיין שום פּראָווע נישט צו רעדן אָדער צו שרייבן העברעאיש, ווען איר מיינט נאָר מיט זיי ערנסט און ווילט זיי באַהאַנדלען ווי אָרנטלעכע מענטשן״.

אויך אַל. צעדערבוים האָט מיט יידיש געמיינט ערנסט. שוין דאָס אַרויסגעבן במשך פון אַ צען יאָר אויף יידיש דעם „קול מבשר״ — איז געווען אַ געוואַלדיק פאַרדינסט פאַרן יידישן לעבן און לשון. אָבער צעדערבוים האָט ביי אַ סך געלעגנהייטן אַגיטירט פאַר יידיש, זיך איינגעשטעלט פאַרן פאָלקס לשון, פּראָטעסטירט קעגן די וואָס רעדן שלעכטס אויף יידיש. ער איז געווען שטאָלץ מיטן דערפאָלג פון זיין צייטשריפט, און ער האָט אַזוי געשריבן:

---

*) „קול מבשר״, 1863.

„טייל שרייען נאר גוואלד און האבן אפילו געשריען, אז מיר טוען אומרעכט וואס מיר דערהאלטן די פארדארבענע שפראכע (יידיש — ח. ש. ק.), וואס וואלט שוין צייט געווען לאנג זי צו פארגעסן, ווארעם זי מאכט אן אלע צרות, איבער איר קען קיין ייד נישט רעכט רעדן קיין שום לשון און נישט לערנען קיין שום חכמה; איבער איר איז ער מבוזה ביי אנדערע נאציעס און איז אפגעזונדערט פון דער וועלט. אנדערע ווידער האבן זייער געלויבט אונדזער מי... נאר איצט זעען מיר לויט די אבאנענטן (פון „קול מבשר" — ח. ש. ק.), אז דער עולם איז מיט דער צייטונג צופרידן. אויך האבן מיר זיך אליין איבערצייגט און אנדערע האבן אונדז דערציילט, ווי מיטעלע מענטשן און פראסטאקעס, אלטע לייט און ווייבער זיצן אויף דעם מארק, פריוויט־צונאכט אין שטוב, בעלי־עגלות, לאפאטניקעס, בעלי־מלאכות אין טשיינעס; מענטשן וואס קענען קיין אנדער לשון נישט לייענען, נישט פארשטיין, און זיי לייענען „קול מבשר" מיט אזא הונגער, שטעלן אויף מויל און אויערן, האבן א הנאה פון אלץ וואס זיי לייענען... נו, מעג שוין איצט לאבן ווער עס וויל, מיר ווייסן ביי זיך אז מיר גייען אויף א זיכערן וועג צו אונדזער ציל — אונדזערע ברידער אויף פשוט יידיש באקאנט צו מאכן מיט דער וועלט און וואס עס טוט זיך אויף איר... אחוץ דעם איז דאס פוסטע חלומות, וואס טייל מיינען, עס וועט א מעגלעכקייט זיין, יידן זאלן זיך אפגעוואוינען פון יידיש... כיבא מע זאל די צוויי מיליאן יידן אין אונדזער לאנד צעטיילן, עס זאלן קיין צוויי יידן נישט צוזאמען בלייבן, און דאס וועט ער רעדן יידיש מיט א גאליציאנער ייד. זאגט אייך וואס איר ווילט, די שפראך שטייט דעם יידן צום הארצן און אין איר זאגט ער א ווערטל, וואס מע קען עס אין קיין אנדערער נישט איבערזעצן".

דאס האט צעדערבוים געשריבן שוין אינעם ערשטן יאר פון „קול מבשר". שפעטער (נומער 39 פון 1863) קערט ער זיך ווידער אום צו דער זעלבער טעמע און ער שרייבט: „דאס וואס כלומרשט אויפגעקלערטע שרייען — מע מאכט לייט אויס דעם שטום־לשון (יידיש — ח. ש. ק) און דעריבער וועט זיך דער עולם נישט וועלן געוואוינען צו לערנען רוסיש, אדער דייטש, דאס איז גאר פאלש. ערשטנס, איז דאס לשון אן אונדזן נענוג שטארק, אז עס רעדן דערינען אזוי פיל מיליאנען מענטשן; צווייטנס, איז עס גארנישט אזוי מיאוס ווי זיי מאכן. עס זענען דא אזעלכע אויסדרוקן אין דער שפראך וואס האבן דעם זיבעטן חן..."

און וועגן דער ספעציפישער אייגנארטיקייט פון יידיש דריקט ער זיך נאכאמאל אויס, מיט א זיבן יאר שפעטער, ווען ער דערמאנט גאטלאבערס „דער בידנע ישראליק", בעת ער רעצענזירט דעם זעלביקן מחברס „דער סעים פון די חיות": „בעזאנדערס מוזן מיר רימען זיין סאטיריש געדיכט

„דער בידנע ישראליק", וואָס פאַרדינט אין איין אייראָפּעאישער שפּראַכע איבערזעצט צו ווערן, דאָך וועט עס אין קיין שפּראַכע האָבן דעם טעם ווי אין יידישן"*).

„דער אומגעהויער ענערגישער צעדערבוים האָט איינגעפירט אַן איינהייטלעכע אָרטאָגראַפיע, געזוכט צו שאַפן אַ „גערעגלטע" שפּראַך; אויפגעהויבן דער ערשטער די פּראָבלעמען פון אָרטאָגראַפיע, גראַמאַטיק, דיאַלעקטן; געשאַפן דעם פּובליציסטישן און זשורנאַליסטישן פאָלקסטימלעכן נוסח, אָן שום טראַדיציע הינטער זיך; פאַרשריבן אַ וויכטיק קאַפּיטל אין דער יידישער ליטעראַטור דערמיט וואָס ער האָט צוגעצויגן וויכטיקע יידישע שריפטשטעלער צו דער פּרעסע, אַראָפּגענומען פון זיי די קייטן פון חרפּה זיך צו ווייזן מיט זייערע יידישע חבורים, געוועקט נייע טאַלאַנטן; און צווישן די אַלע „נייקייטן", וואָס ער האָט איינגעפירט, איז געווען אויך די אָפּטיילונג „יידישע ביבליאָגראַפיע". נישט געקוקט אויף איר אומבאהאָלפענער פּרימיטיווער פאָרם, איז אָט די אָפּטיילונג, היסטאָריש גענומען, דער יסוד פון דער שפּעטערדיקער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור־קריטיק**).

* *
*

אמת, צעדערבוים איז נישט געווען דער מאַן פון אויסגעהאַלטענע פּרינציפּן, אים האָט געפעלט רוקנביין אויף צו ווערן אַ קעמפער פאַר יידיש. דערצו איז די גאַנצע סביבה געווען אָנגעזאַפּט מיט שנאה צו יידיש און מיט הכנעה צו דער רוסיפיקאַטאָרישער פּאָליטיק פון דער רעגירונג; עס האָבן אויך נישט געפעלט קיין רדיפות לגבי דעם יידישן געדרוקטן וואָרט. איז דעריבער האָט זיך צעדערבוים כסדר געוואַקלט אין זיין שטעלונג צו יידיש, און פון צייט צו צייט האָבן זיך פון אים געלאָזט הערן די אויסגעדראָשענע פּיזמונים קעגן „זשאַרגאָן". ווען ער איז אין 1869—1870 אַריבערגעפאָרן קיין פּעטערבורג, לאָזנדיק דעם „קול מבשר" אויף פרעמדע הענט, און זיך געזעגנט מיט די לייענערס, האָט ער אויסגעגאָסן אַ היפּשע פּאָרציע שלעכטע רייד אויפן „זשאַרגאָן": „עס איז נישט קיין גרויסער כבוד, אַז מע קען שוין יאָ שרייבן אין דעם גלאַמאַגע לשון, וואָס מע דאַרף נישט לערנען און (ער) האָט קיין שפּראַכלערע, אַ לשון וואָס מיר אַליין האַלטן עס פאַר אַן אומגליק, וואָס די היסטאָרישע אומשטאַנדן האָבן עס געמאַכט עס זאָל באַשטיין הונדערטער יאָר... אַ לשון וואָס האָט אונדז

*) נ. ב. מינקאָוו, „זעקס יידישע קריטיקער", ז' 31.

**) דאָרט, ז' 23.

תמיד געשאַדט... געהינדערט מיט דער וועלט זיך צו אַנטוויקלען, און מיר ווינטשן פונעם גאַנצן האַרץ יידן זאָלן בעסער רעדן די לאַנדעס־שפּראַכע און דען עלנדן זשאַרגאָן גאַנץ פאַרלערנען. מיר האָבן שוין נישט איין מאָל געזאָגט בפירוש אַז מיר געברויכן דאָס לשון (כדי) עס זאָל זיך אַליין אונטערגראָבן די עקזיסטענץ".

און דאָך ווען מיר שאַצן אָפּ צעדערבוימס אַלגעמיינע פאָלקסטימלעכע איינשטעלונג, די קאָלאָסאַלע באַדייטונג וואָס דער „קול מבשר" האָט גע־האַט פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור און לייענערס; ווען מיר נעמען אין אַכט די פּאַקטישע טאָג־טעגלעכע באַ־ציאונג פון צעדערבוימען צום פאָלק און זיין לשון — מוזן מיר אָט דעם מאַן אַריינרעכענען אין דער ריי פון די פאַרדינסטפולסטע בויערס פון דער מאָדערנער יידיש־וועלטלעכער קולטור. מיט די ווייטערדיקע יאָרן האָט זיך זיין געשילדערטע איינשטעלונג צו יידיש נאָך מער פאַרפעסטיקט, און ווען ער האָט אין אָקטאָבער, 1881, אַרויסגעלאָזט דעם ערשטן נומער פון זיין נייער צייטונג „יודישעס פאָלקסבלאַט", האָט ער צווישן אַנדערע גע־שריבן אַזעלכע אויפריכטיקע ווערטער צום לייענער: „...דאָס האָבן מיר באַמערקט פאַר צוואַנציק יאָר און האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אין אָדע־סאַ אַ יידישע צייטונג „קול מבשר". תחילת איז אַ טייל געבילדעטע נישט געפעלן געוואָרן דעם זשאַרגאָן אַזוי פיל כבוד אָפּצוגעבן, יעמאָלט ווען מען וויל, אַז אַלע יידן זאָלן רעדן דעם לשון פון דער מדינה. נאָר מיר האָבן איינגעזען, אַז מיר וועלן נישט רעדן מיט דעם פּראָסטן יידן, מיט דער־פּראָסטער יידענע אין זייער לשון און וועלן זיי נישט געבן צו פאַרשטיין וואָס די היינטיקע וועלט פאָדערט, וועט נאָך נישט איין דור אַוועקגיין, און אַלץ וועט בלייבן ביים אַלטן... מער ווי די העלפט יידן אין דער גאַנצער וועלט רעדן יידיש... מיר ווייסן, אַז אויף דעם „קול מבשר" האָבן זיך אַ טייל באַקלאָגט, זיי פאַרשטייען אים נישט אַזוי גוט, וואָרעם ער איז געווען געשריבן אויף יידיש ווי מע רעדט אין אָדעסער געגנט, פאַרמישט מיט דייטשישע ווערטער, וואָרעם מיר אַליין האָבן אין אָנפאַנג געמיינט מיר וועלן דעם זשאַרגאָן פאַרבעסערן ער זאָל זיין אַ לייכט דייטש. איצט זעען מיר איין, אַז דאָס איז נישט גלייך, לאָז זיך דאָס לשון בלייבן אַזוי ווי עס איז... וועלן מיר אַזוי שרייבן, אַז עס זאָל זיין רעכט פאַר אַלע יידן וואָס וואוינען אין רוסלאַנד און אין פּוילן, אויך אין גאַליציע און רומעניע און אין אַנדערע לענדער"*)... און ווירקלעך, איז דאָס „יודישעס פאָלקס־

*) זע ש. ל. ציטראָן — די געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע, 1, ווילנע 1923, ז"ז 123־124.

בלאַט" געשטאַנען ליטעראַריש, שפּראַכלעך און סטיליסטיש, אויך אָרטאָ־גראַפיש, אויף אַ סך העכערער מדרגה, ווי דער „קול מבשר". צעדערבוים האָט שוין יעמאָלט געאַנט דאָס, וואָס שלום־עליכם האָט אין דעם זעלבן „יודישעס פאָלקסבלאַט" שפּעטער מיט עטלעכע יאָר (נומער 33, 1887) אַזוי פּרעכטיק און ־ביאיש אויסגעדריקט: „עס וועט נאָך אויפשטיין אַ נייע ערע אויף אונדזער פּיליניצלעכן זשאַרגאָן, וועלכן עס איז באַשערט, ווי עס ווייזט אויס, צו שפּילן אַ גאַנץ גרויסע ראָלע אינעם יידישן לעבן אין איצטיקע שווערע ביטערע צייטן".

ב

מיט איבער הונדערט יאָר צוריק איז אין צאַרישן רוסלאַנד איינגעפירט געוואָרן די „קאַזיאָנע" שול פאַר יידישע קינדער. עס האָט נישט געדויערט קיין פאַר צענדליק יאָר, ווי עס איז געקומען די אַנטוישונג אין דער דאָזיקער שול: יידן האָבן זייערע קינדער אַהער נישט געשיקט. און פון פאַרשידענע זייטן האָט מען אָנגעהויבן טראַכטן: וואָס זשע פאַר אַ שול וואָלט יאָ באַפרידיקט די יידישע באַפעלקערונג? אייניקע געצייילטע האָבן געגנ־מען טראַכטן: אפשר, ליגט די סיבה אין דער פרעמדער שפּראַך, וועלכע מע ניצט אין דער שול? צי וואָלט מען מיט דער הילף פון דער יידישער שפּראַך פון די קינדער נישט דערגרייכט אַ סך אַ גרעסערן דערפאָלג?

די ערשטע יאָרן האָט מען אין דער קאַזיאָנער שול, לויטן רעצעפּט פון די משכילים, גענוצט ביים לערנען די... דייטשישע שפּראַך. אָבער דאָס לעבן האָט געצוואונגען די פאַרוואַלטער פון די שולן צו גיין אויף הנחות, אויב זיי ווילן נישט אין גאַנצן צעיאָגן דאָס ביסל קינדער פון זייערע שולן. האָט מען גענומען צו הילף דעם בידנעם יידיש... און אין גיכן הערן מיר טאַקע מצד די רוסישע שול־באַאַמטע אַ ויצעקו: מע לערנט נישט אויף דייטש... עס איז גאָר זשאַרגאָן! דער מאָהילעווער שול־דירעקטאָר, למשל, האָט אין 1853 געמאַכט אַ שטרענגען פאָרוואורף די יידישע קאַזיאָנע שולן פון זיין ראַיאָן, ווייל ער האָט פעסטגעשטעלט, אַז צום איבערזעצן די העברעאישע טעקסטן באַניצט מען דאָ נישט די דייטשישע שפּראַך, נאָר גאָר... זשאַרגאָן. אין אַן אַנדער באַריכט פון אַ רעגירונגס־רעוויזאָר אין 1852 לייענען מיר: „די תלמידים, וועלכע האָבן קיין מאָל נישט געהערט אין הויז קיין קלאַנג פון רוסיש, פאַרשטייען קיין וואָרט נישט פונעם לערערס דערקלערונגען, לערנען אַלץ מעכאַניש, און צום סוף ווען די דאָזיקע אומניצלעכע האָרעוואַניע ווערט זיי נמאס, פאַרלאָזן זיי אין גאַנצן די שול". אין איינעם פון די דאָקומענטן פון שקלאָווער אַרכיוו ווערט מיט דער גאַנצער נאַאיווקייט באַשטעטיקט: „די דייטשישע שפּראַך ווערט אונטערדריכטעט דורכן לערער פון העברעאיש אויף אַ פּראַקטישן

אופן״... דאָס באַטייט: מען האָט במחילה דעם דייטש פאַרביטן אויפן „פּראַקטישן״ זשאַרגאָן...

ווען נאָכן פּוילישן אויפשטאַנד פון 1863 האָט זיך אין ווילנער שול־ווען נאָכן פּוילישן אויפשטאַנד פון 1863 האָט זיך אין ווילנער שול־וועזן אָנגעהויבן אַ גוואַלדיקע רוסיפיקאַציע אין די שולן פאַר פּוילישע און יידישע קינדער, האָט דער ווילנער גובערניאַלער אָנפירער פונעם אדעל (דוואָריאַנסטוואָ) געהאַלטן פאַר זיין חוב אָנצואווייזן אויף דעם אומזין פון אזא פּעדאַגאָגיק, וואָס איז געבויט אויף פאַרגוואַלטיקונג פונעם קינדס שפּראַך. אין זיין באַריכט צום בילדונגס־מיניסטעריום פון 1864 האָט ער געשריבן: „די עפנטלעכע שול אין ליטע, אָפּוואַרפנדיק די שפּראַך, אין וועל־כער די קינדער האָבן זיך אין קרייז פון זייערע משפּחות, צוגעוואוינט צו טראַכטן, אָפּוואַרפנדיק די פאַמיליע־טראַדיציעס, האָט איצט אזוי אַרום נאָר איין ציל: איבערגעבן די קינדער די קענטעניש אין דער אָפיציעלער שפּראַך און אויך געוויסע באַדינגטע היסטאָרישע אָנשויאונגען״.

אויב אָבער צווישן די גוישע באַאַמטע האָבן זיך נאָך געפונען אַזעל־כע, וואָס האָבן זיך פאַרטראַכט איבער דער אומנאַרמאַלקייט פון לערנען די קינדער אויף אַ פרעמדער שפּראַך, בעת זיי פאַרמאָגן זייער אייגענע מו־טער־און פאַמיליע־שפּראַך, יידיש, — האָבן אָבער די משכילים געהאַט נאָר איין צווייפל: דייטש אָדער רוסיש? און איינער דעם צווייטן האָט גע־שלאָגן מיטן „זשאַרגאָן״. די אָנהענגערס פון דייטש האָבן געטענהט: דווקא מיט דער הילף פון דייטש, און טאַקע דערפאַר ווייל דייטש איז קרוביש צום זשאַרגאָן, וועט זיך לייכטער לאָזן דעם לעצטן אַרויסטרייבן פון דער יידישער סביבה, און דייטש וועט פייערן דעם פולשטענדיקן נצחון אויף דער יידישער גאַס. די אָנהענגערס פון רוסיש האָבן געטענהט, פאַר־קערט: סיי ווי סיי באַקומט זיך, אַז ביים לערנען די יידישע לימודים און ביים איבערזעצן די העברעאישע טעקסטן אויף דייטש — פאָדערן די תלמידים נאָך צוגאָב־דערקלערונגען מיט דער הילף פון „זשאַרגאָן״, — טאָ צו וואָס זשע דעם דייטש? איז דאָך שוין גלייכער רוסיש! דער צד השוה שבהם איז געווען — ביידע האָבן גלייך פאַראַכט יידיש, און עס איז זיי גאָר אויפן געדאַנק נישט געקומען, אַז דאָס נאַטירלעכסטע וואָלט גע־ווען צו ניצן יידיש ווי די אונטעריכט־שפּראַך אין שול. „די לאָגיק האָט געדאַרפט אונטערזאָגן — שרייבט דער היסטאָריקער פון יידישן שולוועזן אין רוסלאַנד, פ. מאַרעק*) — אַז וויבאַלד ביים איבערזעצן איין אומ־באַקאַנטע שפּראַך (די העברעאישע) אויף אַ צווייטער אומבאַקאַנטער (רוסישער אָדער דייטשישער) מוז מען אָנקומען צו אַ דריטער שפּראַך,

*) „אָטשערקי פאָ היסטאָריאי פּראָסוועשטשעניאַ יעווריעוו וו ראָ־סיאיי", 1909.

וועלכע איז איינציק אַליין צוגעגנגלעך פאַר די שילער — צום „זשאַרגאָן",
— איז דאָך די פּאַקטישע אונטעריכט־שפּראַך, הייסט עס, טאַקע אָט דער זשאַרגאָן, און נישט די צווישנדיקע רוסישע אָדער דייטשישע שפּראַכן. פון דער אַנדערער זייט וואָלט די פּעדאַגאָגיק געדאַרפט איינזען, אַז אין סך הכל באַקומט זיך אַ מין שטודירן אין יידיש צוויי אומבאַקאַנטע שפּראַכן, און זי וואָלט געדאַרפט אונטערשטרייכן די אומפּראָדוקטיווקייט פון אַזאַ סיזיף־אַרבעט. און דער איינציקער ריכטיקער אויספיר, וואָס מע וואָלט געקענט מאַכן, איז בפירוש אָנערקענען יידיש פאַר דער אונטעריכט־שפּראַך, וואָס פאַקטיש איז זי טאַקע אַזעלכע געווען".

אָבער פאַר אַזאַ אָנערקענונג איז די צייט נאָך נישט געווען רייף. נאָר איינצלנע שטימען האָבן זיך געלאָזט הערן אין דער ריכטונג, און די דאָזיקע שטימען זענען געקומען פון די קרייזן פון דער אינטעליגענץ, וועלכע האָט זיך געזאַמלט אַרום דעם יידישן וואָכנבלאַט „קול מבשר".

דער פּובליציסט און לעקסיקאָגראַף י. מ. ליפשיץ, האָט די פראַגע וועגן דער אונטעריכט־שפּראַך אין שול אַוועקגעשטעלט גאַנץ קלאָר אין זיין סעריע אַרטיקלען אונטערן נאָמען „די פיר קלאַסן" („קול מבשר", 1863). „די גוטע רעגירונג — האָט ער געשריבן אין נוסח פון יענער צייט — און דאָס ביסל אמת־געבילדעטע יידן טוען נעבעך אפילו אַלע מעגלעכקייטן אונדזער שלעכטן מעמד צו פאַרבעסערן, אָבער וואָס העלפט עס, אַז זיי פאַרזעען סאַמע דאָס רעכטע פינטעלע, אַז זיי רעדן צו אונדז אויף אַזעלכע שפּראַכן, וואָס אונדזער אויער איז נישט געוואוינט מיט זיי! אויף אַ פּאָלק בכלל קען מען נאָר דורך זיין מוטער־שפּראַך אָדער ערצי־אונגסשפּראַך ווירקן, וואָרעם דאָס וואָרט, מיט דעם דער מענטש איז פון קינדהייט אָן געוואוינט, ווערט אַמטיפסטן איינגעגראָבן אין זיין האַרץ, נישט מחמת ליבשאַפט, נאָר מחמת געוואוינהייט, און ווירקט איבער דעם אַמשטאַרקסטן. נו, איז אָבער די ערציאונגס־שפּראַך ביי אונדז אַזוי גוט ווי ניטאָ. ווייל מיר זענען זי מבזה און טוען אין איר ניט דאָס, וואָס מען דאַרף אין אַ שפּראַך צו טאָן. דעריבער זיינען, דאַכט מיר, אַלע טירחות יידן בכלל צו בילדן — נאָר אומזיסט! כל זמן מע וועט אונדז נישט מיט דער דאָזיקער זאַך צו אַלע אומות גלייך מאַכן: אַז אונדזער נאַטירלעכע שפּראַך, ד"ה די שפּראַך וואָס מיר רעדן אין איר אין דעם נאַטירלעכן און ווירקלעכן לעבן, זי זאָל פאַר אַ שפּראַך גילטן, זי זאָל אויסגעבילדעט ווערן בכדי זי זאָל ווידער בילדן קענען... ערשט דעמאָלט און נישט פריער איז צו האָפן, אַז מיר אָרעמע יידן זאָלן אָנהייבן בכלל צו גיין גלייך מיט אַלע פעלקער, הן אין דער בילדונג, הן אין דעם גליק. זאָגסט איז דאַכט מיר

די מעטאָדע: אַ פֿאָלק בכלל אויף אַן אַנדער שפּראַך בילדן — אַזוי שווער, גלייך ווי מע וויל אַ פֿערד אויף דעם בוידעם צום היי אַרויפֿשלעפּן".

אויך פֿון די רייען פֿון די לייענערס גופא האָבן זיך געהערט אין „קול מבשר" ענלעכע שטימען. אַזוי, למשל, לייענען מיר אין אַ קאָרעספּאָנדענץ אין נומער 17 פֿון יאָר 1865, וואו די זעלבע פֿראַגע ווערט אַוועקגעשטעלט מיט דער גאַנצער קלאָרקייט: „וואָס טויג — פֿרעגט דער קאָרעספּאָנדענט, אַ מענטש פֿון פֿאָלק — פֿאַר דעם אָרעמען תלמוד־תורה־יינגל, וועלכער קען די העכערע שול נישט באַזוכן (אויך אפֿילו פֿאַר אַנדערע באַלעבאַטי־שע קינדער) דייטש, וועלכעס ער קען גאָרנישט נאָכרעדן, ווי אויך דעם סידור אויף דייטש איבערצוזעצן, וואָרעם די חדר־אָדער תלמוד־תורה־שפּראַך קלינגט נישט ווי די שול־שפּראַך". און אָט אויף די תמימותדיקע רייד פֿונעם קאָרעספּאָנדענט האָט די רעדאַקציע (ד"ה אַל. צעדערבוים) אַזוי געענטפֿערט: „חומש מיט דער דייטשישער איבערזעצונג איז איבעריק און נישט פּראַקטיש. הי (ד"ה אין אָדעס — ח. ש. ק) האָט מען דאָס אָפּגעשאַפֿט, דער לערער מעג טייטשן אויף פּראָסט יידיש. דאַוונען אויך נישט אויף דייטש, נאָר אויף ריין יידיש".

אָט די ווערטער האָבן באמת באַטייט אַ גאַנצע איבערקערעניש אין דער שול־פּראָגראַם פֿון יענער צייט. אַזאַ איינער ווי צעדערבוים, וועלכער האָט געהאַט אַ געזונטן חוש פֿאַר דער לעבעדיקער ווירקלעכקייט, האָט געפֿילט אַז נאָר מיט דער הילף פֿון דער פֿאָלקס־שפּראַך קען מען געווינען דעם ברייטן עולם עלטערן און אַרויספֿירן די מאַסע קינדער פֿונעם חושך פֿון חדר. ביי פֿאַרשידענע געלעגנהייטן באַמיט ער זיך אויסצונוצן יידיש אין שול ווי אַן אונטעריכט־שפּראַך, אין דער זיכערקייט אַז דורך דעם וועט מען געווינען דעם צוטרוי פֿון די עלטערן און פֿאַרגרעסערן די פּעולות פֿון די קינדער.

צעדערבוים איז געווען שטאַרק באַגייסטערט פֿון דער שבת־שול, וואָס זיין איידעם ד"ר גאָלדענבלום האָט געגרינדעט אין אָדעס. דערציילנדיק אין נומער 19 פֿון 1863 „קול מבשר" וועגן אָט דער ערשטער שבת־שול פֿאַר יידישע לערניינגלעך, שטרייבט ער: „די שול איז באַרעכנט, אַז די קינדער זאָלן קענען לערנען וואָס אַ מענטש מוז קענען, אין דער צייט וואָס זיי זענען פֿריי פֿון דער אַרבעט... שבת נאָך מיטאָג קען איטלעכס יינגל קומען אויסגערוט לערנען צוויי שעה חומש, פּסוק און דאַוונען און פּרק איבערזעצן אויף ריין דייטש. און דינסטיק און דאָנערשטיק יעדע נאַכט, ווען מע שליסט די קלייטן און מען הערט אויף צו אַרבעטן אין די ווערק־שטעלן, קען ער זייער גוט קומען אויף צוויי שעה לערנען רוסיש און דייטש,

לייענען און פאַרשטיין, מיט גראַמאַטיק און שרייבן — יידיש, דייטש און רוסיש און גוט רעכענען".

אין זעלבן יאָר איז צעדערבוים אויך געוואָרן אַליין אַן ערן־קוראַטאָר („פּאַטשאָטני בליוסטיטעל") אין איין קרוין־שול פאַר יידישע קינדער אין אָדעס. צעדערבוים האָט זיך שטאַרק צום האַרצן גענומען, וואָס די דאָזיקע שול ווערט שוואַך באַזוכט פון די יידישע קינדער פון דער געגנט, און אין נומער 34 „קול מבשר" פון 1863 האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ ווענדונג „צו די בעלי־בתים פון נייעם מאַרק", און מיר לייענען דאָ: „כאָטש די שול איז שוין אויף דעם נייעם מאַרק עטלעכע יאָר, פונדעסטוועגן גייען אַהין ווייניק קינדער, ווערליק יידן קיין עין הרע וואָס וואוינען דאָרט אַרום אין דער געגנט. איך ווייס, אַז היגע יידן האַלטן נישט קיין שול פאַר נישט־יידיש חס ושלום, וואָס זשע דען איז עס וואָס זיי שיקן פאָרט נישט זייערע קינדער אין שול אַריין? נישט אַנדערש נאָר מען האָט זיי אין תחילת געמוזט אויסרעדן שלעכטס אויף דער שול און זי געלייגט אין אַ שלעכטן שם. דעריבער האַלט איך עס פאַר אַ חוב מודיע צו זיין אַלע טאַטעס, וואָס זייערע קינדער קענען טויגן אין דער שול אַריין, אַז זינט איך בין געוואָרן פּאַטשאָטני בליוסטיטעל אין דער שול, זע איך אַז די לערערס גיבן זיך מי מיט די קינדער צו לערנען וואָס נאָר מעגלעך איז, און אַז איך האָב נאָך געפּועלט ביי נאַטשאַלסטוואָ זי זאָל פּאָזוואָליען די קינדער זאָלן קומען נאָך מיטאָג אין שול, זיי זאָלן דאָרטן לערנען בעסער יידיש און איבערחזרן די לעקציעס פאַר אַ לערער... לכן בעט איך אָרדנטלעכע בעלי־בתים, זיי זאָלן נאָך אום חול המועד לאָזן זייערע קינדער איינשרייבן, און איך וועל מיר אוודאי מי געבן, מע זאָל מיט זיי גוט לערנען און וועל אויף די קינדער השגחה האָבן בעזאָנדערס אויף יידיש".

מע דאַרף, בכן, פאַרשטיין צעדערבוימס געדאַנק אַזוי: אין דער פרי מוז מען לערנען אין שול לויט דער פאָדערונג פון „נאַטשאַלסטוואָ" אויף רוסיש און דייטש, אָבער ער האָט אויסגעפּועלט, אַז נאָך מיטאָג זאָלן די קינדער ווידער קומען אין שול, און די לערערס זאָלן מיט זיי „לערנען בעסער יידיש" און זיי זאָלן מיט די קינדער „איבערחזרן די לעקציעס" אויף מאַמע־לשון. דאָס איז געווען אַ געזונטער וועג.

דאָס איז געווען דער וועג צו אַ פאָלקשול אויף יידיש. דאָס איז געווען אַ פאָלקסטימלעכער צוגאַנג, אַ זאַך וואָס איז געווען אין גאַנצן פרעמד דער אַנדערער אַסימילירטער אינטעליגענץ, וועלכע האָט זיך פאַרבלינעט מיט רוסיפיקאַציע־פּראָפּאַגאַנדע. שוינענדיק די רעליגיעזע געפילן פון דער יידישער מאַסע און איר פאָלקשפּראַך, לעגאַליזירנדיק יידיש נאָך מיטאָג

אין שול, האט צעדערבוים געהאפט צו שאפן א נייעם טיפ פאלק־שול. אין דעם זעלבן גייסט האט צעדערבוים געשריבן א סך מאל.

אין „קול מבשר" האט זיך געפירט אן אפטיילונג „נייאיגקייטן", און דא האט צעדערבוים אפט באַרירט די שול־פראגע, און אט ווי אזוי ער האט אגיטירט דעם עולם: „...ביי אונדז מאכט די רעגירונג יידישע שולן (אמת פאר אונדזער געלט, מיר מוזן צאלן ליכט־געלט), איז אוודאי אן עברה זיי זאלן ליידיק שטיין. עס איז דאך פשוט א חרפה צו הערן... אז אין טייל שולן גייען גאר די לערערס ליידיק, אין אנדערע קומען 3־4 יינגלעך, און דאס — ארעמע, און זייערע פאטערס זענען גערעכנט פאר אפיקורסים. און ביי אונדז (אין רוסלאנד פון אלכסנדר דעם צווייטן — ח. ש. ק.) האט דאך שוין דער געבילדעטער ייד זייער גוטע אויסזיכטן: ער וועט שוין נישט האבן דאגות פרנסה; ער וועט זיך שוין נישט דארפן מיטלען אויף דעם שטיקל ברויט; ער וועט שוין נישט דארפן לעבן פון דער לופט... אים שטייט די גאנצע וועלט אפן... ער מעג זיין אפילו א פראפעסאר... איר זייט דאך גאנץ גערעכט וואס איר טענהט — איר האט מורא, אז זיי וועלן לערנען אנדערע זאכן, וועלן זיי דאס יידישקייט פארגעסן, און דאס איז דאך באמת דער עיקר, א כפרה אלע גליקן און כבודן פון דער וועלט, און א ייד זאל בלייבן ייד. איר זענט זיך אבער גאר טועה אז איר מיינט, אין רוסיש און אין דייטש ליגט סם המות פאר אונדזער רעליגיע. האט איר דען שוין נישט געזען גאנץ געבילדעטע מענטשן, וואס קענען א סך לשונות און חכמות, און זיי זענען כשרע יידן, טאקע אמת פרום און גוט... אין א יידישער שטוב און ביי א גוטער השגחה מעג דאס קינד לערנען וואס איר ווילט, וועט עס בלייבן א ייד. — פארוואס וויל קיין פרומער ייד נישט זיין „פאטשאטני בליוסטיטעל" אין די שולן? אדרבה, נעמט די שולן אונטער אייך, קוקט אליין גוט מע זאל די קינדער לערנען תנך, דאווענען מיט פירוש המילות, ברכות מאכן, דינים וואס א ייד דארף וויסן. און נאך מיטאג אז זיי האבן זיך א ביסל אפגערוט און געמאכט די לעקציעס פאר דער שול, זאלן זיי ווידער לערנען יידיש". דא האבן מיר ווידער דעם זעלבן פרינציפ: מאכן די שול פאר דער זאך פון פאלק אליין, מאכן אים קולטור־אקטיוו, אויפוועקן אין אים דאס געפיל פון זעלבסטשטעטיקייט אויפן געביט פון שול און קולטור. דער וועג פון „קול מבשר" איז געווען אין גאנצן א נייער און א געזונטער.

צעדערבוים האט געזוכט אלע וועגן כדי צו מאכן די שול פאר אן ענין פון די עלטערן גופא, פון דער ארומיקער געזעלשאפט. אגיטירנדיק די עלטערן זיי זאלן אפגעבן זייערע קינדער אין דער מלוכהשער שול, טענהט צו זיי צעדערבוים אין נאמען פון דער רעדאקציע „קול מבשר": „געפעלט

אייך אפשר נישט דאָס פּראָגראַם פון דער שולע, גיט איין צו דער נאַטשאַל־סטווע, וועט מען אים אייך איבערמאַכן, דאָס איז גאָר גרינג. די רעגירונג, טוט אַלעם נאָר לטובתכם און אַז איר וועט נאָר נישט פאַרלאַנגען קיין נאַרישקייטן, וועט זי אַלעס נאָכגעבן. איר זעט דאָך, מען האָט איר גע־געבן צו פאַרשטיין, אַז יידישע סמאָטריטעלעס (פּאַרוואַלטערס פון די שולן — ה. ש. ק.) וואָלטן בעסער געווען, האָט זי נאָכגעגעבן. איר קענט פאָדערן מען זאָל אייך געבן אַ גאַנץ פיינעם סמאָטריטעל אַ ייד נאָך אייער וואונטש, אבי לאָזט אייערע קינדער נישט וואקסן ווילד. זיי וועלן אייך שפּעטער דאַנקען". אין אַט דעם טאָן איז געווען אַ סך פאָלקסטימלעכקייט. עס איז דאָ געקומען צום אויסדרוק אַ גאַנץ נייער מעטאָד פון קולטור־גע־זעלשאַפטלעכער אַרבעט צווישן די יידישע מאַסן, גאָר אַן אַנדער באַציאונג צו זייערע נויטן און באַדערפענישן.

די דאָזיקע באַציאונג האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג ביי די מיטאַרבעטער און קאָרעספּאָנדענטן פון „קול מבשר" איבערן גאַנצן לאַנד, וועלכע דער־ציילן וועגן פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע פּרוּוון אויסצובעסערן די עק־סיסטירנדיקע שולן אָדער עפענען נייע. און עס איז גאָרנישט געווען איבער־געטריבן, ווען צעדערבוים האָט אין נומ' 40 פון 1865 געשריבן וועגן דער וויכטיקער ראָל פונעם „קול מבשר" אין דעם פּרט: „וויפיל שולן זענען שוין דורך אים געגרינדעט געוואָרן: וויפיל האָט מען שוין אויף זיינע ווערטער פאַרבעסערט די דערציאונג דער קינדער; . . . וויפיל מענטשן, באַ־זונדערס אונטער דעם פאָלק, האָט ער אָפּגעפירט פון שלעכטע וועגן; . . . וויפיל האָרעפּאַשנע מענטשן וואָס פלעגן שבת זוכן זייער אָפּרו אין די שענק־הייזער, אין די טשיינעס, אין די קעלערס... היינט זיצן זיי זיך שבת און לייענען דעם „קול מבשר", פילן אַן עונג שבת צוזאַמען מיט זייער פאַמיליע" (אָרטאָגראַפיע מאָדערניזירט). און געוואונען די יידישע פאָלקס־מענטשן האָט דער „קול מבשר" נאָר אַדאַנק זיין באַציאונג צו יידיש. ווען דער פשוטער ייד האָט, למשל, געהערט ווי אַזוי די צייטשריפט רעאַגירט אויף די רוסישע רעדעס וואָס די נייע־אויפגעקומענע „פּרעדיקערס" האַלטן אין די אָדעסער שולן, האָט ער זיך דורכגענומען מיט אינטימע געפילן צום זשורנאַל און זיין רעדאַקטאָר. „נאָך וואָס אייגנטלעך, — האָט ער געלייענט אין "קול מבשר" — דאַרף מען האַלטן רעדעס אויף רוסיש, וואָס כמעט קיינער פאַרשטייט עס נישט, צי וואָלט דען נישט גלייכער געווען האַלטן רעדעס אויף פשוט מאַמע־לשון ?" — עס איז אַזוי אַרום געווען אַ גאַנצער און אויסגעהאַלטענער קאָמפּלעקס: יידיש, מאַמע־לשון, פאָלקסטימלעכקייט, פאָלקשול, פאָלקס־אינטערעסן.

צעדערבוימען האָט די שול־פראַגע כסדר אינטערעסירט, נישט געלאָזט קיין רו.

אין 1881, אין פעטערבורג האָט ער צוזאַמען מיטן ד״ר גאָלדענבלום אַרויסגעגעבן אויף העברעאיש אַ זאַמלבוך „קהלת מאמרים ושירים״. צעדערבוים האָט דאָ אָפּגעדרוקט אַ גרויס אַרטיקל געווידמעט דער פּראָבלעם פון שול און דערציאונג. דאָס אַרטיקל רופט זיך „צער גידול בנים״. אין דער דאָזיקער גרויסער אַרבעט איז דאָ אַ סך געשיכטלעכער מאַטעריאַל, אָבער ער באַרירט אויך אַ סך אַקטועלע פראַגן פונעם דעמאָלסטיקן יידישן לעבן. אַזוי למשל האָט דאָ צעדערבוים באַרעכנט, אַז פאַר די 35 יאָר זינט עס האָבן זיך אָנגעהויבן עפענען די קאַזיאָנע שולן פאַר יידישע קינדער, האָט די יידישע באַפעלקערונג, אַחוץ די אַלגעמיינע שטייערן און אַחוץ דער קאָראָבקע, אַריינגעבראַכט אין דער מלוכה־קאַסע — פון ליכט־אָפּצאָל און פון אַנדערע קלענערע ספּעציעל־יידישע שטייערן (דרוקערייען, מלמדים) — אַ סומע פון 10 מיליאָן רובל וואָס דאָס איז אויסגעגעבן געוואָרן אויף אויסצוהאַלטן די צוויי ראַבינער־סעמינאַרן, די קאַזיאָנע שולן א״א.

צעדערבוים באַטראַכט טאַקע דאָ די סיבות פונעם דורכפאַל פון די קאַזיאָנע שולן און ער לייגט פאָר פון זיין זייט אַ גענויעם פּראָיעקט פון אַ שול־רעפאָרם און שול־בויאונג אויף דער יידישער גאַס, — דער באַזיס זאָל זיין: 1) נאָענטקייט צום פאָלקס פּסיכאָלאָגיע און באַדערפענישן, 2) געזעלשאַפטלעכע זעלבסטעטיקייט: „דאָס איז דער תוכן פון אונדזער פּראָיעקט צו ענדערן צום גוטן דעם כאַראַקטער און דעם סדר פון דערציען די יידישע קינדער אין אונדזער לאַנד... כדי צו באַפרידיקן די פאָדערונגען פון דער רעליגיע און פון גייסט פון דער ציים, פון דער רעגירונג און פון דער געזעלשאַפט בכלל... נישט צעשטערנדיק ביזן גרונט די עלטערן־טראַדיציע, און אויף אַ אופן וואָס זאָל אַנטשפּרעכן צום יידישן נאַציאָנאַלן געפיל און צום לאַנד־געפיל״ (ז. 40).

* *
*

סוף 1864 האָט די „חברה מפיצי השכלה״ דורכגעפירט אַן אַנקעטע וועגן דעם מצב פון די יידישע שולן און וועגן די אויסבעסערונגען וואָס פאָדערן זיך אין זיי. צענדליקער משכילים, ראַבינערים און געזעלשאַפטלעכע טוערס האָבן געענטפערט אויף דער אַנקעטע. און עס איז פשוט צו באַוואונדערן, ווי אויבנאויפיק און שאַבלאָנמעסיק די אַלע תשובות זענען, ווי גייסט־אָרעם עס זענען די פאָרגעלייגטע רעפאָרמעס. די רוסיפיקאַטאָרישע שטימונגען פון דער אינטעליגענץ זענען נישט מסוגל געווען אַרויסצוברענגען עפּעס פאָזיטיווס און פרוכטבאַרס אויפן שול־געביט. נאָר אַ פאָר געציילטע מיינונגען טיילן זיך אויס פון דער גאַנצער צאָל תשובות

אויף דער אַנקעטע. זיי אָטעמען מיט לעבעדיקער ווירקלעכקייט, אָבער אויך זיי האָבן נישט דעם מוט זיך איינצושטעלן אָפן פאַר יידיש אין שול.

„דער הויפּט־חסרון און די עיקר־סיבה — שרייבט איינער — פאַר וואָס די יידישע שולן אין רוסיש האָבן נישט דערפילט זייער אויפגאַבע, איז וואָס לויט זייער כאַראַקטער און גייסט אַנטשפּרעכן זיי נישט צו די באַדערפענישן פון אונדזער פאָלק אין איצטיקער צייט און זיי זענען נישט אין גייסט פון זיין אמונה... יידן זענען ס׳רוב סוחרים, געוועלבניקערס, פּעדלערס, בעלי־מלאכות אָדער ערד־אַרבעטער, — דעריבער מוז די דער־ציאונג האָבן פאַר זיי אַ באַשטימטן ציל — צוגרייטן און צופּאַסן די קינ־דער צו איינער פון די דאָזיקע באַשעפטיקונגען. השכלה אָן שום קלאָרן ציל וואָס האָט אַ שייכות צום לעבן, — דער רוב יידן פאַרשטייט נישט וואָס דאָס איז אַזוינס, און זיי שאַצן זי דעריבער נישט. לויט זייער פאַר־שטאַנד איז וויניק צו זיין אַ געבילדעטער מענטש... זיי פאָדערן אַ ציל, וואָס מע זאָל אים קענען זען מיט די אויגן, כדי אָנצוצייכענען דעם לעבנס־וועג פון זייערע זין אין דער צוקונפט. מיר דאַרפן זיך צוקוקן צום פאָלק פון אַלע זיינע זייטן, נישט ווי ער באַדאַרף זיין, נאָר אַזוי ווי ער איז איצטער, און לויט ווי די הערשנדיקע געזעצן וואָס דריקן אים. אויב מיר וועלן קוקן און פאָרשן פון אַזאַ שטאַנדפּונקט, און מיר וועלן באַטראַכטן די רפואות מיט וועלכע מען האָט זיך ביז איצט באַנוצט אויף צו ענדערן דעם גייסט און די מידות פון אונדזער פאָלק, וועלן מיר מודה זיין און מסכים זיין, אַז דורך זיי וועלן מיר נישט דערגרייכן די געפאָדערטע צילן און דעם געוואונטשענעם תכלית".

אויף דער פראַגע וועגן דער שפּראַך, דורך וועלכער יידישע קינדער קענען אין שול באַקומען די ניצלעכע ידיעות, האָט דער רוב געענטפערט, אין גייסט פון די זעכציקער יאָרן, אַז דאָס דאַרף זיין די רוסישע שפּראַך. אַ טייל אָבער פּילפּולט זיך נאָך אַלץ וועגן דער ניצלעכקייט פון דייטש: „די דייטשישע שפּראַך דאַרף ביי אונדז פאַרבלייבן, כדי אונדזערע ברידער זאָלן מיט איר הילף קענען אַריינדרינגען אינעם פּאַלאַץ פון דער השכלה אין דייטשלאַנד און פון איר חכמה, און מיט איר הילף אומברענגען פון אונדזערע רייען דעם זשאַרגאָן". און נאָר איין איינציקער האָט זיך גע־פונען, וואָס האָט זיך נישט דרייסט איינגעשטעלט פאַר יידיש. ער האָט אַזוי איינגעטענהט מיט דער חברה מפיצי השכלה: „איידער מיר גייען לער־נען די רוסישע שפּראַך, פאָדערט זיך, מע זאָל זיך באַמיען צוגרייטן גענוג רוסישע לערנביכער, און דעריבער איז דערווייל נייטיק צו לאָזן די גע־רעדטע שפּראַך (דעם זשאַרגאָן) און איבערזעצן אויף איר אייניקע נוצלעכע ביכער, ווייל די דאָזיקע שפּראַך איז די איינציקע, וואָס דער ייד פאַרשטייט

ווי אזוי אין איר אויסצודריקן זיינע וואונטשן און אנטפלעקן זייע׳ נעדאנקען״*).

י. מ. ליפשיץ, אל. צעדערבוים, רעססער און אנדערע מיטארבעטער פון „קול מבשר״ — דאס זענען געווען באמת די אנזאגער פון דער נייער יידיש־וועלטלעכער שול, וועלכער עס איז באשערט געווען זיך צו פארווירקלעכן ערשט מיטן אנהייב פון 20־טן יארהונדערט. זיי האבן שוין אין יענער צייט — מיט 90 יאר צוריק — פארשטאנען די גרויסע באדייטונג פון יידיש פאר דער ברייטער אויפקלערונג פון יידישן פאלק און פאר דער דערציאונג פון יידישן קינד.

איינער אזא, וואס איז נישט מיד געווארן צו שאפן אויף יידיש ערנסטע לערנביכער פון געאגראפיע און געשיכטע, איז געווען רעססער**) א לערער אין דער קרוין־שול אין באכמוט און א מיטארבעטער פון „קול מבשר״.

כדי די נייע וועלטלעכע שול אויף דער יידישער גאס זאל ווערן א מאסן־דערשיינונג און עס זאל קומען די „יידישיזירונג״ פון דער פאלק־שול, האט די לעצטע פריער געמוזט דורכמאכן א פראצעס פון פאר־געזעלשאפטלעכונג. די שול האט געדארפט פטור ווערן סיי פון די קאזיא־נע פענטעס, סיי פון דער אפטרופסות פונעם טראדיציאנעלן גבאי־„פא־פעטשיטעל״ און אויך פונעם מלמד. דער געבורט פון דער נייער יידיש־וועלטלעכער שול איז צוגעגאנגען זייער שווער און האט געמוזט דורכ־מאכן עטלעכע סטאדיעס.

---

*) תולדות חברת מרבי השכלה בישראל, זייטן 90 און 96, חלק ב׳.

**) וועגן שמואל רעססערן זע — ד״ר י. שאצקי: קולטור געשיכטע פון השכלה אין ליטע, ז. 195.

דער חדר און זיין ראָל אין יידישן לעבן

1. דער חדר אין צאַרישן רוסלאַנד

דער חדר האָט פאַרשאַפט אַ סך „עגמת נפש" די יידישע משכילים און דער צאַרישער רעגירונג. עס זענען געפירט געוואָרן קאַמפּאַניעס, מען אָפּגעהאַלטן באַראַטונגען און אויסגעאַרבעט כלערליי פּראָיעקטן; יידישע פאָרשטייערס פון זייער זייט האָבן געזוכט תחבולות ווי אַזוי אָפּצושרייען די גזירות קעגן דעם חדר, מען האָט געאַרבעט דורך כאַבאַר, מען האָט געווירקט דורך דער יידישער פּלוטאָקראַטיע און רבנים. און דער סוף איז געווען: דער חדר האָט אַלע גזירות אויסגעהאַלטן און איבערגע־לעבט אַלע רעזשימען, און ווייטער אויסגעפירט זיין לערן־דערציערישע פונקציע אין יידישן לעבן...

אַ קריטישער מאָמענט איז פאַרן חדר געווען דאָס יאָר 1844, ווען ניקאָלאַי דער ערשטער האָט אַרויסגעגעבן זיין שול־געזעץ פאַר יידן. דער דאָזיקער געזעץ האָט געזאָלט ברענגען אַ גרויסע שול־רעפאָרם פאַר דער יידישער באַפעלקערונג אין הסכם מיט די כוונות פון דער רעגירונג. עס זענען געשאַפן געוואָרן די „קאַזיאָנע שקאָלעס" (קרוין־שולן). און מהיום והלאה האָט דער חדר געדאַרפט דינען דער קאַזיאָנער שול. זיין פּראָגראַם און לערן־מעטאָדן האָבן צו ביסלעכווייז געדאַרפט געענדערט ווערן. אַזוי ווי די קאַזיאָנע שול, האָט אויך דער חדר געדאַרפט האָבן צוויי קאַטעגאָ־ריעס: דער חדר פון ערשטער קאַטעגאָריע האָט געדאַרפט דינען פאַר אַ צוגרייט־קלאַס צו דער קרוין־שול ערשטער קאַטעגאָריע, און דער חדר פון דער צווייטער קאַטעגאָריע האָט געדאַרפט דינען ווי אַ מין עקוויוואַלענט פון דער קרוין־שול גופא. אין די חדרים פון דער צווייטער קאַטעגאָריע האָט מען געזאָלט איינפירן אויך דעם לימוד פון דער רוסישער שפּראַך. די רעגירונג האָט געהאַלטן אין איין פּלאַנעווען פאַרשידענע מינים עקזאַ־מענס פאַר די מלמדים. צום אָנפאַנג האָט דער מלמד געדאַרפט אָפּגעבן

אן עקזאמען פון העברעאישער גראמאטיק וכד'; שפעטער אויך פון רוסיש און דייטש. די פּאָליטיק פון דער רעגירונג איז געווען קלאָר: דורך די נייע קאַזיאָנע שולן דענאַציאָנאַליזירן די יידישע באַפעלקערונג. אין דער געהיימער אינסטרוקציע, וואָס האָט באַגלייט דעם געזעץ פון 1844, איז געווען געזאָגט: „דער צוועק פון בילדן די יידן איז דערנעענטערן זיי צו דער קריסטלעכער באַפעלקערונג און אויסוואָרצלען די פאָראורטיילן, וואָס דער תלמוד פלאַנצט איין ביי יידן". קען מען שוין פאַרשטיין, ווי אזוי די רעגירונג האָט געקוקט אויפן חדר, און וואָס פאַר א כוונות זי האָט געהאַט לגבי אים.

דורך די עקזאַמענס פאַר די מלמדים האָט די רעגירונג געהאָפט פּטור צו ווערן מיט דער צייט פון די אַלטע מלמדים און אויפציען אין די געגרינדעטע ראַבינער־שולן א נייעם דור מלמדים מיט אַלגעמיינער בילדונג. מען האָט געפּלאַנעוועט אַרויפצוצווינגען אויף די מלמדים אפילו די זעלבע יידישע לערנביכער, וואָס מען האָט געשאַפן פאַר דער קאַזיאָנער שול... יידישע שתדלנים זיינען נישט געשלאָפן. מען האָט זיך געוועדט קעגן דער גזרה אויף די מלמדים און חדרים, מען האָט זיך „אויסגעקויפט"...

עס זענען אוועק אַכט יאָר. אין דעצעמבער 1852 איז ענדלעך באַשטעטיקט געוואָרן די פּראָגראַם פון יידישע לימודים פאַר די קרוין־שולן. די זעלבע פּראָגראַם האָט אויך געזאָלט זיין גילטיק פאַר די חדרים. רוסיש־לערנען איז געוואָרן א צוואַנג־זאַך פאַר די חדרים און מלמדים; די חדר־תלמידים האָט מען געדאַרפט פון צייט צו צייט שלעפּן אין די שקאָלעס אויף צו קאָנטראָלירן, וואָס זיי האָבן אויפגעטאָן אין דער רוסישער שפּראַך...

די מלמדים און די קהילה־פירערס האָבן אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע ענערגיע און בריהשקייט אויף צו מאַכן אזוי, אַז פּאַקטיש זענען אַט די אַלע פּלענער נישט אויסגעפירט געוואָרן אין לעבן, און דאָך איז כּלפּי חוץ אַלץ געבליבן גלאַט און כשר. איינער פון די קאַמפּס־מיטלען איז געווען: טאָפּעלע בוכהאַלטעריע... מען האָט געפירט אָפיציעלע רשימות פון די תלמידים אין יעדן חדר, אָבער פיגורירט האָבן דאָ נאָר די ייִנגערע תלמידים, ווייל אויף קינדער ייִנגער פון 8 יאָר איז די גזרה רוסיש נישט חל געווען. אָבער דער הויפּט־אָפּוועג איז געווען: געהיימע חדרים בכלל. די רעגירונג האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן מיט אָט דעם מצב, ביז די גאַנצע חדר־פּאָליטיק פון דער רעגירונג האָט אין גאַנצן געפּלאַצט...

ביי אזא לאַגע איז, נאַטירלעך, נישט צו דערוואַרטן, אַז די אָפיציעלע ציפערן וועגן חדר זאָלן ריכטיק אָפּשפּיגלען דאָס בילד. דאָך זענען די פּאַראַנענע ציפערן פון יענער צייט זייער כאַראַקטעריסטישע און זיי שפּיגלען

אַפּ די געשילדערטע אַנטוויקלונג. אין 1844 איז געווען פאַררעגיסטרירט אין גאַנצן לאַנד 2,702 חדרים פון דער ערשטער מדרגה און 2,580 חדרים פון דער צווייטער מדרגה, — סך־הכל איז געווען 5,282 חדרים מיט 69,464 תלמידים און 10,861 מלמדים אין זיי. די ציפערן פון 1847 האָבן אַפילו געוויזן אַ בעסערונג אין דער לאַגע: אין גאַנצן תחום איז שוין גע־ווען פאַררעגיסטרירט 12,572 מלמדים וואָס האָבן אַרויסגענומען ציינגעניש, און די צאָל חדרים האָט דערגרייכט 6,161 מיט 75,584 תלמידים אין זיי. עס איז קיין שום ספק נישט, אַז אויך אין די יאָרן איז אין דער אמתן די צאָל חדרים געווען אַ סך גרעסער. אָבער אפנים, די באַפעלקערונג און דער מלמדים־קלאַס האָט זיך נאָך נישט געהאַט גוט אָריענטירט אין דער לאַגע און דערפאַר זיך צו ביסלעך יאָ רעגיסטרירט. באַלד אָבער איז געקומען אַ גרויסע ענדערונג אין דער באַציאונג, און די צאָל אָפיציעל־פאַררעגיס־טרירטע מלמדים האָלט אין איין פאַלן קאַטאַסטראָפאַל: אין 1853 האָבן אַרויסגענומען ציינגענישן 5,332 מלמדים; אין 1854 — 4,617 מלמדים; אין 1855 — שוין 3,487; אין 1856 — שוין 2,323 און אין 1857 אין גאַנצן 2,917 מלמדים. פאַרשטייט זיך, די דאָזיקע ציפערן זענען זייער ווייט פון דערווירקלעכקייט. די רעגירונג האָט געזוכט עצות, פּאָליציי האָט געמאַכט אָבלאַוועס אויף די „אומלעגאַלע" חדרים, די פאַרוואַלטערס פון די קרוין־שולן האָבן אַליין במחילה זיך געשטעלט צו דינסט און אויס־געפירט די מיאוסע ראָלע פון שפּיאָנען, אָבער ס'האָט נישט געהאָלפן: די יידישע באַפעלקערונג איז געשטאַנען אַרום דעם חדר ווי אַ וואַנט, און מיט גוט אויסגעפּרוּווטע מיטלען געראַטעוועט דעם חדר און דעם מלמד פון אַלע סכנות...

האָט טאַקע די רעגירונג נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי צו ענ־דערן דעם קורס, נאָכגעבן די פאַרלאַנגען פון די יידישע מאַסן און זייערע פירערס. אין מאַי 1859 איז געקומען אַ פולשטענדיקע ענדערונג אין דער לאַגע פונעם חדר: דער מלמד איז באַפרייט געוואָרן פון די קאָנטראָלן. די רעגירונג האָט ווי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אויפן חדר; עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע תקופה פון נישט־אַריינמישן זיך אין לעבן און אין דער אַרבעט פונעם חדר. די מלמדים זענען „צייטווייליק" באַפרייט געוואָרן פון די עקזאַמענס און פונעם פליכט זיך צו האַלטן ביי די פאַרגעשריבענע פּראָגראַמען, ווי אויך פון דעם חוב צוצושטעלן זייערע תלמידים צו עקזאַמענס.

נישט דאָ איז דאָס אָרט אויפצוקלערן אַלע סיבות, וואָס האָבן געפירט צו אָט דער ענדערונג. די וואַקלונגען פון דער רעגירונג זענען געווען גע־בונדן מיט איר גאַנצער אַלגעמיינער פּאָליטיק אין לאַנד און מיט איר

שטעלונג צו דער יידן־פראגע. ווי עס זאל נישט זיין, אימפעראטארן און רעזשימען האבן זיך געטוישט, אבער דער חדר איז אלץ געשטאנען ווי א ביין אין האלדז...

צען יאר נאך דער „ציטווייליקער" ענדערונג, אין 1869, שטייט דער חדר ווייטער פאר א קריטישער לאגע. זיין רעכטלעכע לאגע איז ווידער באדראט. אין דעם יאר האט זיך ענדלעך געזאלט אויף „אז אמת" אנהייבן די רעפארם פונעם חדר. אבער קיין ניי־אויסגעבילדעטע מלמדים, וואס זאלן האבן געענדיקט א ראבינער־שול, זענען פאר די פארלאפענע צען יאר, פונקט ווי פריער, נישט צוגעקומען, און עס איז נישט געווען מיט וועמען צו פארבייטן די אלט־פרענקישע מלמדים. איז אויסגעקומען: אדער פאר־מאכן אלע חדרים, א זאך אויף וועלכער אפילו די צארישע רעגירונג האט זיך נישט געקענט באשליסן, אדער... לאזן אזוי ווי עס גייט. איז טאקע געבליבן ביים אלטן. און צום בעסטן איז ווייטער געווען די לאגע פון יענע מלמדים, וועלכע זענען געווארן נעלמים און געלערנט אין געהיים. זיי זענען שוין ממילא פטור געווען פון גאנצן קאנטראל און פון אלע פארערונגען בנוגע זיך און בנוגע די תלמידים...

די ביוראקראטן פון דער שולמאכט האבן זיך ווייטער געשפילט אין רעפארמעס, און ווייטער געשטעלט טערמינען די מלמדים. אין 1875 איז ווייטער געקומען אן „ענדגילטיקער" טערמין צו פארבייטן די אלטע מל־מדים מיט נייע, דיפלאמירטע. די פאראדענונג פון 1875 האט געגעבן רעכט צו זיין א מלמד און האלטן א חדר נאר יענע, וואס האבן באקומען בילדונג אין די ראבינער־שולן אדער אין א מיטלשול. אין דער דאזיקער פאראדענונג האט געשטעקט א טעמפע אומפארשטענדעניש פארן יידישן לעבן, זיינע נויטן און מעגלעכקייטן. יידישע שתדלנים האבן זיך געווארפן ווי העלדן צו ראטעווען דעם חדר, און מען האט ווייטער אפגעשריען די נייע גזרה. די רעגירונג האט אין גיכן אין גאנצן רעזיגנירט פון דער האר־פענונג צו רעפארמירן דעם יידישן אלט־פרענקישן אינסטיטוט פון דער־ציאונג. מען האט אפילו פארבאטן דעם חדר צו לערנען רוסיש (חוץ קרוין־פוילן, וואו מען האט, פארקערט, אויפגעצוואונגען צו לערנען רוסיש אין חדר). און אין 1893 איז דער אינסטיטוט פון חדר און מלמד פולשטענדיק לעגאליזירט געווארן דורך דער רעגירונג. פאר א קליינעם אפצאל פון 3 רובל האט יעדער ייד געקענט באקומען א דערלויבעניש צו עפענען א חדר. די טראדיציע פון אומלעגאלע חדרים האט פונדעסטוועגן ווייטער געדויערט א געוויסע צייט. יידן האבן נישט געהאט קיין צוטרוי צו דער רוסישער ביוראקראטיע: אין 1901, למשל, האט די דירעקציע אין איין ווילנער גו־בערניע געשלאסן 59 חדרים, וואס האבן זיך געעפנט אן א דערלויבעניש

און אָן דער איינצאָלונג פון די 3 רובל. אָבער צו ביסלעך האָבן זיך די מלמדים צוגעוויינט צום געדאַנק, אַז די גזרות פון דער פאַרגאַנגענהייט עקסיסטירן מער נישט, אַז מען מעג קנעלן פראַנק און פריי. דער חדר האָט געפייערט זיין פולשטענדיקן נצחון...

ווי אַזוי זשע האָט דער חדר איבערגעטראָגן אָט דעם לאַנג־דויערנדיקן פעריאָד פון נגישות? וואָס איז איצט געווען די צאָל חדרים און תלמידים אין זיי?

אין 1894 האָט די פּעטערבורגער פריי־עקאָנאָמישע געזעלשאַפט מיט דער מיטהילף פון דער חברה מפיצי־השכלה דורכגעפירט אַן אויספאָרשונג וועגן דעם מצב פון חדר. און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן: אין די 15 גובערניעס פון תחום איז געווען 9,788 חדרים מיט 10,603 מלמדים און 135,134 תלמידים; אין קעניגרייך פּוילן איז געווען 3,586 חדרים מיט 3,814 מלמדים און 61,760 תלמידים; אויסערן תחום איז געווען 315 חדרים מיט 323 מלמדים און 5,070 תלמידים. אין סך הכל האָט דאָס אויסגעמאַכט: 13,689 חדרים; 17,740 מלמדים; 201,964 תלמידים. דאָס איז געווען אַ צושטאַנד מיט וועלכן די יידישע אָרטאָדאָקסאַלע געזעלשאַפט האָט געקענט שטאָלצירן.

אין 1898 איז, לויט דער סטאַטיסטיק פון דער געזעלשאַפט ייק"אָ, אין 507 פונקטן, וואָס זי האָט אויסגעפאָרשט אין 25 גובערניעס פון „תחום" און פון פּוילן מיט אַ יידישער באַפעלקערונג פון 1.420,653 מאַן, איז געווען 202,956 יידישע קינדער פון שול־עלטער און אַ ס"ה פון 7248 חדרים, ד"ה איין חדר אויף 28 קינדער פון שול־עלטער. לויט דער סטאַטיסטיק פון ייק"אָ קומט אויס, אַז 53.8 פּראָצענט יידישע קינדער פון שול־עלטער האָט געלערנט אין די חדרים. סאָציאַל האָט דער באַשטאַנד פון די חדרים־תלמידים אויסגעזען אַזוי: 55 פּראָצענט קינדער פון מיטלקלאַס, 28 פּראָצענט פון אָרעמען קלאַס, 17 פּראָצענט פון פאַרמעגלעכן. די חדרים האָבן געקאָסט דער יידישער באַפעלקערונג ביי 8 מיליאָן רובל אַ יאָר. די אונטעריכט־שפּראַך אין די חדרים איז געווען יידיש. די געזעלשאַפט ייק"אָ האָט אין איר אויספאָרשונג נישט אַרומגענומען אַלע הונדערט פּראָצענט שטעט און שטעטלעך פונעם יידישן תחום, און דעריבער דאַרף מען פאַרשטיין, אַז די געבראַכטע ציפערן וועגן דער צאָל חדרים און קינדער אין דער דאָזיקער אויספאָרשונג זענען נישט אויסשעפּנדיק. אין דער אמתן איז די דאָזיקע צאָל געווען נאָך גרעסער.

* * *
*

אָבער דאָס, וואָס האָט זיך נישט איינגעגעבן דער רוסישער ביוראָקראַטיע, דאָס האָבן דערגרייכט די אינעווייניקסטע יידישע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־כוחות. דאָס לעבן איז פּאָרט געווען שטאַרקער פאַר דער טויזנטיאָריקער יידישער טראַדיציע. דאָס לעבן האָט געפאָדערט נייע לערן־און דערציאונגס־פאָרמעס. נייע באַדערפענישן, נייע גייסטיקע פירערס, נייע סאָציאַלע שיכטן זענען רייף געוואָרן אויף דער יידישער גאַס און זיי האָבן זיך געריסן צו רעפאָרמירן דעם חדר. עס האָבן זיך געשאַפן נייע טיפּן יידישע פּריוואַט־שולן, וועלכע האָבן זיך שטאַרק אונטערשיידט פון דער מלוכהשער שול פאַר יידן; עס האָבן זיך געמערט די געזעלשאַפטלעכע תלמוד־תורהס, וועלכע האָבן אַרויסגעשטויסן דעם חדר וואָס האָט באַדינט די אָרעמע קלאַסן; עס איז שפּעטער אויסגעוואַקסן דער חדר מתוקן; דער חדר איז כמעט אין גאַנצן אַרויסגעשטויסן געוואָרן פונעם געביט פון מיידלעך־דערציאונג; די חברה מפיצי השכלה און אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס האָבן געשטרעבט צו באַקומען אַ ווירקונג אויפן חדר און זיינע מלמדים; די יידישע פּרעסע האָט געשאָנקען אַלץ מער פּלאַץ דער דערציאונגס־פּראָבלעם און גאָר באַזונדערס דעם חדר, — און דאָס האָט צו ביסלעך אונטערגעשווענקט די יסודות פונעם חדר, און געפירט פּאַמעלעך אָבער אומפאַרמיידלעך צו זיין ירידה.

עס וואָלט אונדז פאַרפירט צו ווייט, מיר זאָלן וועלן נאָכגיין טריט ביי טריט אָט דעם פּראָצעס. איך וועל זיך דאָ באַנוגענען בלויז מיט אַ פּאָר ביישפּילן, מיילשטיינער פון אָט דעם פּראָצעס. שוין אין 1868 האָט די אָדעסער אָפּטיילונג פון דער חברה מפיצי השכלה געמאַכט אַ פּרואוו זיך אַריינצומישן אין לעבן און טעטיקייט פון חדר. זי האָט אונטערהאַנדלט מיט די אָרטיקע מלמדים און באַקומען דעם הסכם פון 3 מלמדים איינצופירן „אַ באַזונדערע גוטע אָרדענונג אין זייערע חדרים”. אין צוויי יאָר אַרום, אין מאַי 1870, האָט דער קאָמיטעט אויסגעטיילט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פון צוויי חשובע מיטגלידער י. אָרשאַנסקי און מ. מרגולית, און זיי איז איבערגעגעבן געוואָרן „צונויפזאַמלען ידיעות וועגן דעם מצב פון די אָרטיקע חדרים”... און שוין אין אַ חודש אַרום נאָך דעם האָבן אָרשאַנסקי און מרגולית צוגעשטעלט אַ באַריכט, וועלכער האָט אַנטהאַלטן אַן אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק פון די אָדעסער חדרים. לויט די דאָזיקע ידיעות, האָט אַ געוויסער טייל פון די אָרטיקע חדרים זיך יאָ דערנענטערט צו גוט אַוועקגעשטעלטע לערן־אַנשטאַלטן... „די מערהייט אָבער האָט — לויט דעם באַריכט — מיט גאָרנישט זיך אונטערשיידט פונעם געוויינלעכן טיפּ טראַדיציאָנעלע חדרים און פאַרגעשטעלט מיט זיך בעיקר אַן אויפזיכט־פּלאַץ פאַר קינדער פון אָרעמע עלטערן. צום סוף האָט דער באַריכט רע־

קאָמענדירט צו פאַרטיילן מאַטעריעלע און מאָראַלישע אונטערשטיצונג נאָר צו די בעסערע חדרים, וואָרעם דאָס אַריינפירן אויסבעסערונגען אין די חדרים פון טראַדיציאָנעלן טיפּ וואָלט אָנגעטראָפן מצד די בעלי־בתים פון די חדרים אויף שטערונגען, וואָס לאָזן זיך גאָרנישט נובר זיין".*)

אָט מיט דעם וועג זענען געגאַנגען יידישע געזעלשאַפטן, אָרגאַניזאַציעס און יחידים אין פאַרשידענע ערטער און צייטן. מען האָט געזוכט די סיבות פון דעם חדרס אָפּגעשטאַנענקייט. מען האָט געזוכט מיטלען ווי אים אויסצובעסערן. די מלמדים אַליין האָבן זיך אַלץ מער אָרגאַניזירט און קאָלעקטיוו געטראַכט וועגן אויסבעסערן דעם חינוך ביי יידן. אַ גרויסע פאַרלייכטערונג איז געווען, ווען אין 1903 האָט דאָס בילדונגס־מיניסטעריום אַראָפּגענומען דעם פאַרבאָט צו האָבן אין איין לאָקאַל 2 און מער חדרים, און אַז דער מלמד זאָל האָבן אַ געהילף. איצט האָט מען שוין געקענט אָרגאַניזירן קאָלעקטיווע חדרים, און דאָס האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט איינצופירן פאַרשידענע סאַניטאַר־היגיענישע און פּעדאַגאָגישע אויסבעסערונגען. דער אַלטער טיפּ חדר איז אַלץ מער אָפּגערוקט געוואָרן אין אַ זייט: די רעפאָרמירטע תלמוד־תורהס, די געזעלשאַפטלעכע שולן, דער חדר מתוקן און אוודאי די אַלגעמיינע מלוכהשע שולן האָבן אים אַלץ מער אַרויסגעשטויסן פון זיינע פּאָזיציעס.

און דאָך האָט דער חדר נאָך אַלץ פאַרנומען אַ גרויס אָרט אין יידישן לעבן. די יידישע קולטור־טוערס האָבן דאָס גוט געוואוסט און האָבן געזוכט עצות, ווי אַזוי דעם חדר צו באַהערשן. אָט שרייבט מ. קריינ'ן אין זאַמלבוך „יעווריעיסקי יעזשעגאָדניק", 1902: „דער חדר דאַרף אויסגעבעסערט ווערן, און נישט פאַרטויישט ווערן. די שעדלעכע ווירקונג פון די חדרים איז אַ פּועל־יוצא פון דער אָרעמקייט פון דער מאַסע, פון דער אָפּגעשטאַנענקייט פון דער סביבה; און נישט ווייל אַזוי איז די גורל־באַשטימטקייט פונעם חדר... דאָס שמייסן און שלאָגן ווערט אַלץ אַ זעלטענערע דערשיינונג". אָט שרייבט חיים פיאַלקאָוו („וואָסכאָד", נומער 4, 1904): „דער אַלטער חדר.. . פאַרבלייבט ווייטער דער הויפּט־פאַרשפּרייטער פון דער עלעמענטאַר־בילדונג פאַר אונדזער מאַסע. דער חדר מתוקן... שלאָגט זיך דורך אַ וועג זייער פּאַמעלעך און אומזיכער... ער בלייבט ביז היינט אַן אחד בעיר, און דאָס אויך נישט שטענדיק, און איז אויסגעשטעלט אויסשליסלעך אויף פּריוואַטער איניציאַטיוו"... דער פּעריאָד פון ערב דער רעוואָלוציע און די יאָרן 1905־1906 האָבן נאָך מער צעטרייסלט די יסודות

*) א. טשעריקאָווער, די געשיכטע פון דער חברה מפיצי השכלה, רוסיש, ס׳ פּעטערבורג 1913, ז״ז 248—249.

פונעם חדר. אָבער ווען עס איז געקומען די רעאַקציע פון די שפּעטערדיקע יאָרן, האָט זיך די יידישע אָרטאָדאָקסיע גוט אָרגאַניזירט און אָנגעהויבן אַ גרויסע אַרבעט פאַר דער אויפלעבונג פונעם חדר. טיילווייז האָבן זיי זיך אויך געלאָזט אויפן וועג פון אָרגאַניזירן קאָלעקטיווע גרויסע אָדער געזעל־שאַפטלעכע תלמוד־תורהס, זיי האָבן אָבער אויך געקעמפט פאַרן אַלטן „אינדיווידואַליסטישן" חדר, מיט זיינע טראַדיציעס. אין ווילנע, למשל, האָט די דאָזיקע אַרבעט פון דער אָרטאָדאָקסיע אָנגענומען זייער ברייטע און אויך שאַרפע פאָרמעס. אין די יאָרן פון רעאַקציע האָט זיך אויך אויסגעבילדעט אַ מחנה ריטער־קעמפער פאַרן חדר אין די רייען פון די ציונים און פון אַנדערע קאָנסערוואַטיווע און נאַציאָנאַליסטישע געזעל־שאַפטלעכע גרופּעס. אין די רייען פון דער חברה מפיצי השכלה איז אָנ־געגאַנגען אַ שאַרפער קאַמף אַרום דער שטעלונג צום חדר. די אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער האָבן פון זייער זייט נישט דורכגעלאָזט די געלעגנהייט אויסצודריקן זייער נעגאַטיווע באַציאונג צום חדר.

און צום סוף נאָך אַ ביסל ציפערן וועלכע ווייזן די אַנטוויקלונג פונעם חדר אין די לעצטע יאָרצענטליקער פונעם צאַריזם.

לויט די אָפיציעלע באַריכטן פון ווילנער לערן־קרייז, למשל, איז דאָ געווען:

אין 1896 יאָר 3,760 חדרים מיט 37,460 תלמידים; אין 1902 — 3,050 חדרים; אין 1905 — 2,429 חדרים; אין 1906 — 1,959 חדרים.

לויטן באַריכט פון בילדונגס־מיניסטעריום איז צום ערשטן יאַנואַר 1910 אין גאַנץ רוסלאַנד געווען 920 יידישע שולן פון פאַרשידענע טיפּן און 7,743 חדרים (אין 1894: 13,689 חדרים!); צווישן די אָנגערופענע 920 שולן (וועלטלעכע) איז געווען 147 געזעלשאַפטלעכע תלמוד־תורהס.

די אַלגעמיינע צאָל יידישע שולן פון אַלע טיפּן איז צום 1־טן יאַנואַר 1912 געווען 9,407 — דערפון 148 תלמוד־תורהס און 8,942 הדרים. לויט דער אויסרעכענונג פון ה. פיאַלקאָוון איז צום 1־טן יאַנואַר 1910 געווען אין לאַנד אויסער דער שול 474 טויזנט יידישע קינדער; דערפאַר אָבער גייען דורך, לויט זיין חשבון, דורך די חדרים נישט ווייניקער ווי 325 טוי־זנט יידישע קינדער יערלעך (וויעסטניק אָפּע, פעברואַר 1914).

דער חדר האָט ביטער און פאַרעקשנט געקעמפט פאַר זיין וויטערדיקן קיום. הינטער אים זענען אַליז געשטאַנען גרויסע מאַסן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

2. דער חדר אין שפּיגל פון דער ליטעראַטור

די השכלה־באַוועגונג האָט גלייך פון אָנהייב גענומען אויף זיך די „מיסיע" צו דיסקרעדיטירן דעם טראַדיציאָנעלן חדר ווי אַ לערן־און דער־ציאונגס־אינסטיטוציע. שפּעטער האָט די ראָלע איבערגענומען אויף זיך די העברעאישע און יידישע בעלעטריסטיק, און עס זענען גוט באַקאַנט צענד־ליקער באַשרייבונגען פונעם חדר, געשילדערט אין גאָר שוואַרצע פאַרבן. מיר וועלן אין אַ שפּעטערדיקן קאַפּיטל געבן אַן אָביעקטיווע כאַראַקטע־ריסטיק פונעם חדר אַזוי ווי מיר זעען אים היינט, באַפרייט פון די דירעקטע קאַמפּס־ליידנשאַפטן און אויפגעבלאָזענער שנאה. דאָ וועלן מיר זיך באַגנו־גענען מיט דעם, וואָס מיר וועלן איבערגעבן די מיינונגען פון געוויסע פירנדיקע פערזענלעכקייטן ביי יידן וועגן דעם טראַדיציאָנעלן חדר. מיר וועלן הערן די פראָ און קאָנטראַס פון אַ גאַנצן דור וועגן דעם חדר, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ ראָלע אין יידישן לעבן במשך פון לאַנגע יאָרהונדערטער.

טיפּיש איז די באַשרייבונג פון חדר, וועלכע עס גיט אין זיינע מע־מואַרן דער באַקאַנטער יידישער פילאָזאָף שלמה מיימון (געבאָרן אין דער נעגנט פון ניעסוויזש אין 1754, געשטאָרבן אין 1800). אָט וואָס פאַר אַ בילד פונעם חדר און מלמד פון זיין צייט שלמה מיימון גיט אין זיין אויס־טאָביאָגראַפיע (געשריבן אין דייטש):

„דער חדר איז געוויינלעך אַ קליינע ענגע דירה פול מיט רויך, און די קינדער זענען צעזייט און צעשפּרייט טיילווייז אויף די בענק, טיילווייז אויף דער הוילער ערד. דער מלמד זיצט אויפן טיש אין אַ שמוציק העמד, האַלט צווישן די פּיס אַ שאָל, וואו ער רייבט מיט אַ גרויסן שטעקן שמעקטאַבאַק, און קאָמאַנדירט מיט דעם שטעקן אין דער זעלביקער צייט זיין פאָלק. די באַהעלפערס מאַכן זייערע איבונגען מיט די קינדער איטלעכער אין זיין ווינקל און באַהאַנדלען זיי פּונקט אַזוי דעספּאָטיש, ווי דער מלמד אַליין... אין אָט די דאָזיקע חדרים זענען די קינדער געווען פאַרשפּאַרט פון פרי־מאָרגן ביז אין אָוונט, און זיי האָבן גאָרנישט געהאַט קיין פרייע רגע, אוי־סער פרייטיק און ראש־חודש נאָך האַלבן טאָג.

„וואָס שייך דעם עצם לימוד, פלעגט מען דאָס לייענען עברי גראָד אויסלערנען גאַנץ גוט. דערפאַר אָבער גייט צו דער סדר הלימוד פון דער העברעאישער שפּראַך זייער משונהדיק. דיקדוק ווערט אין חדר נישט גע־לערנט, נאָר די קינדער מוזן דערגיין די געזעצן פון דער שפּראַך דורכן לערנען תנך און פאַרטייטשן די פּסוקים אויף יידיש... ס'איז אויך נישטאָ קיין ווערטערבוך פון דער העברעאישער שפּראַך. בכן הייבט מען אָן מיט די קינדער תיכף צו לערנען חומש. און היות דער חומש איז איינגעטיילט

אין אזוי פיל סדרות, וויפל וואכן ס'איז דא אין יאר... ווערן אלע וואך געלערנט בלויז די ערשטע עטלעכע פסוקים פון דער ערשטער פרשה פון דער וואך, און דאס פארטייטשט דער מלמד אויף א פארקריפלטן אופן, קעגן אלע גראמאטיקאלישע געזעצן פון דער שפראך. און אנדערש קען עס אויך גארנישט זיין. דאס העברעאישע ווערט איבערגעזעצט און דערקלערט אויף דער מוטערשפראך; די יידישע מוטערשפראך אין פוילן איז אבער ארעם און פול מיט גראמאטיקאלישע פעלערן — בכן מוז די העברעאישע שפראך, וואס ווערט דורך איר געלערנט, אויך נאטירלעך איבערגעגעבן ווערן אויף א קרומען און אומפּינקטלעכן דרך. אויף אזא אופן באקומט דער תלמיד פונקט אזוי ווייניק ידיעות פון דער שפראך, ווי פונעם עצם אינהאלט פונעם חומש. חוץ דעם האבן די חכמי התלמוד אנגעבונדן אינעם תנך כל המינים לעגענדעס און דרשות. דער אומוויסנדיקער מלמד גלייבט אבער באמונה שלמה, אז די לעגענדעס און דרשות זענען דאס דער ווירקלעכער פשט פון די פסוקים, און קיין אנדער זין האבן זיי נישט, און דער תלמיד גלייבט זיין רבין, און דער אמתער פשט בלייבט אים אומבאקאנט און אומפאר־שטענדלעך...

„אזוי ווי די קינדער זענען פארמשפּט אפּצוחושכן זייערע בליענדיקע יארן אין אזא ניהנום פון א שול, איז לייכט זיך פארצושטעלן, מיט וואס פאר א פרייד און אנטציקונג זיי ווארטן אויף זייער באפרייאונג".

פארשטייט זיך, די פרומע יידן און דאס פאלק גופא האבן אנדערש אפּגעשאצט דעם חדר און זיין אופן לערנען. ער איז פאר זיי געווען א באשטאנד־טייל פונעם גאנצן רעליגיעז־נאציאנאלן שטייגער. פונדעסטוועגן פלעגט מען אמאל הערן אפילו פון די דאזיקע קרייזן א קריטיש ווארט וועגן דעם חדר. איינער אזא איז געווען, למשל, דער לעגענדארער „הויכער ר' לייב", דער מהר"ל פון פראג. א צווייטער אזא איז געווען אפרים לענטש שיצער, וועלכער האט זיך אין זיין „עמודי אש" געקלאגט, אז דער לימוד פון תנך האט זיך פארוואנדלט אינעם חדר אין זינלאזן מעכאנישן אריינ־קלאפּן די ווערטער אין די מוחות פון די תלמידים; אז דער לימוד פון גמרא איז פארוואנדלט געווארן אין א פוסטן פּילפּול און חקרנות, כדי בלומרשט צו שארפן דעם שכל פון די שילער, — דערביי, מאכט ער, לערנט מען אפילו פאלש דעם פשט פון דער גמרא. דער גאנצער סדר פון לערנען איז אין חדר א שלעכטער *).

*) זע וועגן דעם גענויער ווייטער אין פאראגראף „אלגעמיינע כאראק־טעריסטיק פון אמאליקן חדר".

וואָס מער עס האָט זיך פאַרשאַרפט דער קאַמף פון דער השכלה, אַלץ שוואַרצער האָט זי געשילדערט דעם חדר. פון אָט דעם לאַגער לאָמיר ברענ־גען דאָס, וואָס עס שרייבט דער באַרימטער פּרץ סמאָלענסקין אין זיין ראָמאַן „התועה בדרכי החיים" וועגן חדר און מלמד (סמאָלענסקין איז גע־באָרן געוואָרן אין 1842, אין מאָנאַסטירשטשיצע, מאָהילעווער גובערניע). זיין בילד וואַרפט ממש אָן אַ מורא.

„פון דרויסן האָט מען געזען אַ קליין נידעריק הייזל, ווי אַ בודע פאַר הינט, אויפגעקלאַפּט פון דינע ברעטער, וואָס זענען שוין געווען צעפוילט. דאָס שטרוי, וואָס האָט דאָס הייזל צוגעדעקט, האָט דערגרייכט ביז דער ערד און נישט געקאָנט פאַרשטעלן ס'זאָל נישט אַריינרעגענען אין שטוב אַריין... אינעווייניק איז געווען נאָר איין צימער, וואָס איז געווען פול מיט שטויב און איז געווען שוואַרץ, און שפּינוועבס האָט באַדעקט דעם גאַנצן באַלקן אויף אַלע זייטן. די פּאָדלאָגע איז געווען די פּראָסטע ערד באַדעקט מיט ליים. אויף דער וואַנט פון מזרח־זייט איז געהאַנגען אַ גרויסער בויגן פּאַפּיר און אויף אים איז געווען אויפגעשריבן „מצד זה רוח חיים" (פון דער זייט איז דאָס לעבן). אַ סך פון די וואָס זענען אַריינגע־קומען אין דער שטוב, האָבן אפילו נישט געגלייבט אין דעם אויפגעשרי־בענעם — וואָרעם אָנשטאָט לעבן האָט מען אָנגעטראָפן אָן עיפּוש און אַ שטינקעריי און אַ געמיינעם ריח, וואָס האָט זיך געריסן דורכן פענצטער צו די נעז פון די וואָס קענען פילן... אַ גרויסער אויוון האָט פאַרנומען אַ פערטל פון דעם צימער. צווישן אויוון און דער וואַנט רעכטס, איז גע־שטאַנען אַ פאַרשפּרייט בעט, און אויף דער אַנדערער זייט — אַ קלענער בעט מיט שטרוי נישט פאַרדעקט. אַנטקעגן אויוון איז געשטאַנען אַ היל־צערנער גרויסער טיש נישט געפאַרבט, נאָר מיט פאַרשידענע אויסקריצעכ־צן, וואָס דער מלמד האָט בעתן לערנען אויסגעקריצט מיטן קליינעם מעסערל, וואָס ער האָט פון האַנט נישט אַרויסגעלאָזט אפילו אויף קיין רגע און כסדר געהאַלטן אין איין קריצן: חיות, עופות און אויך משונה־דיקע ווערטער... דאָס אַלץ האָט באַדעקט דעם טיש, אַרום וועלכן עס זענען געזעסן אַ צען יינגלעך. עטלעכע פון זיי האָבן געלערנט גמרא, עט־לעכע — תנך, און איינער איז געזעסן ביי דער רעכטער זייט פון מלמד און געלייענט מיט אַ ניגון, וואָס האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיטן געזאַנג פון דער בעל־הביתטע, וואָס האָט געוויגט איר קינד אין וויגל, און ס'איז גע־וואָרן איין קול. נאָר דאָס קול פון מלמד האָט אַלע ווילע איבערגעשלאָגן זייער ביידנס שטים..."

סמאָלענסקין שילדערט ווייטער דעם מלמד גופא:

„זיין אויסזען איז געווען מוראדיק: אַ נידעריקער און אַ דאַרער, די באַקן איינגעשרומפּן, די נאָז לאַנג און פאַרקרימט ווי דער שנאָבל פון אַן אַדלער,ביידע פּיאות שוואַרצער פון שוואַרץ און לאָזן זיך אַראָפּ געדרייטע, לאַנגע; די באָרד — צו ביסלעך האָר דאָ און דאָרט אויף די באַקן, כאָטש ער איז שוין געווען אַ ייד אין די יאָרן, וואָרעם טראַכטנדיק האָט ער זיי איינציקווייז אויסגעריסן, און זיין ווייב האָט דאָס זעלבע געטאָן אויך נישט טראַכטנדיק... די ברוסט וואָס איז געווען באַדעקט מיט שוואַרצע לאַנגע האָר, איז געווען אַנטבלויזט, וואָרעם דאָס העמד האָט ער ביים האַלדז נישט צוגעקנעפּלט. ער איז אַנגעטאָן אין לייוונטענע הויזן, וואָס אַמאָל זענען זיי געווען ווייס, נאָר איצט זענען זיי געווען באַצירט מיט אַ סך פאַרבן פון סמאָלע, ערד און טינט וואָס האָבן פון זיי געגלאַנצט...״ *).

דאָס איז שפּעטער געוואָרן דער נוסח פון יעדערן, וואָס האָט געשילדערט דעם חדר. דער דיכטער יהודה לייב גאָרדאָן האָט אין זיין שיר „בירח בלילה״ געשילדערט דעם חדר ווי אַ גרויס שעכט־הויז, וואו עס הענגען מיט די קעפּ אַראָפּגעשאָכטענע טויבן. און ער ענדיקט דאָס געדיכט מיט דער רעטאָרישער פראַגע: „וואָס איז דאָ — אַ שעכט־הויז ערב יום־כיפּור?״ — ניין, ענטפערט ער, דאָס איז אַ חדר פון מלמדים. וואָס קוילען די יוגנט״.

אויך דער דיכטער א. ב. גאָטלאָבער האָט אין זיין שיר „הקיצה״ געשריבן וועגן חדר אין דעם זעלבן גייסט. „זיי פרעסן אויף דיינע זין אַזוי ווי דאָס פייער דעם שטרוי... דיינע חדרים ליגן אין דער נידער, און עס דעקט זיי צו דער שאָטן פון טויט און פינצטערניש...״ (כל שירי, ספר ראשון, ז״ז 86—88).

און דער אַלטער רי״בל (יצחק בער לעווינזאָן) האָט ביי אַ געלעגנהייט אויסגערופן: „חדרים פון טויט זענען אונדזערע לערן־אַנשטאַלטן וואָס מען רופט זיי חדרים...״

אַ טשיקאַווע קליין ביכל אויף העברעאיש האָט אָנגעשריבן אין פערזן מרדכי אַדלער און אַרויסגעגעבן אין ווין, אין 1883. דאָס ביכל הייסט: „גורל המלמדים — או החדר מלפנים ועתה״. עס האָט צוויי טיילן: איינער באַהאַנדלט דעם גורל פון די מלמדים, דער אַנדערער — דעם ליכטיקן און פריילעכן גורל פון די לערערס אין די רעפאָרמירטע שקאָלעס. אין חדר איז אַלץ חושך און רשעות, דלות און דערנידעריקונג; אין דער שול — איז אַלץ ליכטיק, קולטורעל, הומאַניש און וואָס איר ווילט, ווייל די „שקאָלעס״ אַרבעטן דאָך „תחת כנפי הממשלה״... עס איז גאָר נישטאָ קיין שיעור

*) פּרץ סמאָלענסקין — דער וואָס האָט געבלאָנדזשעט, יידיש — ב. עפּעלבוים, ז״ז 23—26 וואַרשע, פאַרלאַג „ספר״.

צו דער שווארצקייט פון די געדיכטע פארבן מיט וועלכע דער משכילישער מחבר שילדערט דעם חדר און דעם מלמד. „אין זיין גרימצאָרן שלאָגט ער (דער מלמד) די שילער מכת רצח, ער ארבעט מיט זיין שטעקן אהין און צוריק, און ער דרעשעט זייער לייב ווי מען דרעשעט קימעל, ער מאַכט זיי וואונדן — שווארץ און בלוי.. . דאָס קליינווארג זיצט אויף דער ערד, צעזייט און צעשפרייט אין אַלע ווינקעלעך, מזרח, מערב, דרום און צפון, און זיי ברומען און קוויטשן ווי זיי וואָלטן געזאָגט קינות". עס קומט יע־מאָלט אַ באַזונדער קאַפּיטל אין וועלכן עס ווערט געשילדערט דער לאָקאַל פונעם חדר און זיין גאַנצע הויזראָט: די ווענט — שווארץ, צעלעכערט, די פענצטער — צעבראָכן, אינמיטן בייטאָג איז דאָ חושך מצרים, די טירן קוים וואָס זיי האַלטן זיך, — אַלץ דערמאָנט אַ ווילדע סטאַדע...

מען וואָלט געקענט גאַנצע ביכער אויספילן מיט אַזעלכע שילדערונ־גען פונעם חדר. די העברעאישע און די יידישע ליטעראַטור זענען פול מיט זיי.

אַ סך ווייניקער זענען דאָ פּאָרטראַטן די מליץ־יושרים פון חדר, אָבער פאַראַן אויך אַזעלכע: רואיקע, אָביעקטיווע באָאָבאַכטער, וואָס זעען נישט נאָר די שלעכטע זייטן פונעם חדר, נאָר אויך זיינע גוטע. פאַראַן אפילו אַזעלכע, וואָס אידעאַליזירן דעם חדר און דעם מלמד. מיר וועלן דאָ ברענ־גען אויסצוגן פון עטלעכע שרייבער פון אָט דעם מין. איינער איז דער באַרימטער מחבר פונעם גרויסן ווערק „דור דור ודורשיו", א. ה. ווייס. ער איז געבאָרן געוואָרן אין תק"עה, אין גרויס־מעזריטש, אין מערן. עס איז קיין שום ספק נישט אָבער, אַז די שילדערונג פון דעם חדר און ישיבה פון זיין יוגנט, וועלכע ער גיט אין זיינע זכרונות, איז אויך אָנגעמאָסטן אויף די זעלבע אַנטשאַלטן פון ליטע און פּוילן.

„אין אונדזער מדינה — שרייבט א. ה. ווייס — זענען שוין יעמאָלט געווען חדרים פון פאַרשידענע מדרגות: געווען אַ חדר פאַר קליינווארג, אָנפאַנגערס צו לערנען עברי, און דאָרטן האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן ביז זיי האָבן אָנגעהויבן לערנען מקרא; געווען אַ חדר פאַר די לערנערס פון מקרא מיט רשי און פאַר די אָנפאַנגערס צו לערנען משנה און גמרא און כתב־עברית, און ווידער איז געווען אַ חדר פאַר תלמידים וואָס האָבן שוין דער־גרייכט צו דער מדרגה פון לערנען גמרא מיט פירוש רשי און תוספות און מהר"שא... און דאָס מוז איך זאָגן פון זייער כבוד וועגן (די מלמדימס), אַז די תלמידים וואָס זענען אַרויס פון זייער חדר, האָבן מיטגענומען מיט זיך אַ גאַנצע תורה — אַ ירושה פון זייערע לערערס. און אויב אפילו עס האָבן זיי געפעלט די כללים פון פעדאַגאָגיק, איז אָבער אָט די תורה געווען אַ סגולה צום לעבן, און דאָס איז די ריינע יראה צו גאָט, די ליבע צום

פאלק פון זייערע עלטערן און אכטונג צו זיינע מנהגים און משפטים, וואס די אלע לייט, אן דערציאונגס־טאלאנטן, זענען געווען איינגעטונקען און אויסגעווייקט אין זיי, — און פון זיי האבן זיך געלערנט און זיי נאכגע־טאן די תלמידים; און זיי זענען געווען באמת לערערס פון דת, א גוטער ביישפיל פאר די תלמידים מיט זייער פרומקייט, גוטע מעשים, מוסר און ליבע צו דער תורה. און מיר דארפן נישט לייקענען, אז אין דעם פרט זע־נען די פריערדיקע צייטן געווען בעסער פאר די היינטיקע".

דער המשך פונעם חדר איז געווען די ישיבה, אויך פון פארשידענע מדרגות. דער גמרא־מלמד האט זיך געמיט נאכצוגיין אין די דרכים פון דער ישיבה, און אירע פירערס זענען פאר אים געווען א מוסטער. עס איז דעריבער אינטערעסאנט צו ציטירן דעם זעלבן א. ה. וויס וואס ער שרייבט וועגן דער ישיבה:

„...און פונדעסטוועגן — שרייבט ער — נאך די אלע דערמאנטע פעלערן, וואס זענען געווען אין די ישיבות, ביי אירע פירערס און ביי די געפירטע, ביי די רבנים און ביי די תלמידים, גרויסע און קליינע... — זענען די דאזיקע ישיבות געווען א קוואל פון הילף, וואס פון זיי האבן גע־פלאסן די רואיקע וואסערן פון תורה און מצוות... עס איז געווען צו באוואונדערן די מסירת נפש פון די תלמידים צוליבן לערנען. עס איז געווען א גאנץ לייכטע זאך פאר אן ארעם־בחור צו לעבן א גאנצע וואך אויף א טרוקן שטיקל ברויט מיט וואסער, צו זיצן הונגעריק טאג און נאכט און דאך לערנען תורה... די ליבע־שנורן, וועלכע האבן צוזאמענגעבונדן דעם גייסט פונעם רב (דעם פירער פון ישיבה) מיטן גייסט פון די תלמידים זיינע — דאס איז געווען א הייליקע באהעפטונג. די ליבע פונעם רבין צו זיינע תלמידים איז געווען שטארק, און ווי א פאטער צו זיינע זין האט ער זיי באהאנדלט, א סך גענאד האט ער געטאן מיט זיי, און ער האט זיי געשטיצט פון זיין איינענער קעשענע, מער ווי זיינע מעגלעכקייטן זענען געווען" *).

און אט איז א כאראקטעריסטיק פונעם חדר, וואס עס גיט דער בא־קאנטער העברעאישער שרייבער, איינער פון די ערשטע „בני משה", זלמן עפשטיין (געבארן אין 1860, אין לויבאן, ווייסרוסלאנד): אין דער דערציילונג „הילדות" — „מספר הזכרונות לשלמה האלקשי", פארעפנט־לעכט אין שפ"רם יאר־ביכער „כנסת ישראל", ערשטער יארגאנג, 1886, שרייבט ער אין זיין העלדס נאמען:

---

*) ש. אסף — מקורות לתולדות החינוך בישראל, כרך א׳, תרפ״ח, ז״ז רעו־רפו.

„...און אַז איך פיר אַדורך פאַר מיין פאַנטאַזיע די יאָרן פון מיין קינדהייט, שטעלט זיך פאַר מיר לעבעדיק דאָס געשטאַלט פון מיין מלמד ר׳ יעקב אליה, זיין אויסגעדאַרט מאָגער פּנים, זיינע פאַרטרוקנטע באַקן, זיינע לאַנגע פּיאות, זיין ווילד־צעוואַקסענע באָרד, זיין טלית־קטן מיט די אויסגעצויגענע ציצית, דאָס געשטאַלט פון אַ מלמד, וואָס האָרעוועט זיין שווערע פּראַצע... און ווי טייער איז מיר דאָס דאָזיקע געשטאַלט! אמת, די וואָס וועלן משפּטן לויט דער אויסערלעכקייט, וועט דאָס געשטאַלט נישט געפינען קיין חן אין זייערע אויגן... אָבער דער וואָס וועט משפּטן לויטן האַרץ, לויטן תוך און קערן און נישט לויט דער אויסערלעכקייט און שאָלעכץ, דער וואָס וויים צו שעצן אַ מענטשיש האַרץ מער ווי גאָלד, דער וועט אַנדערש רעדן... פון אונטערן טונקעלן צודעק וואָס הילט אַרום דאָס דאָזיקע געשטאַלט — קוקט אַרויס אַ מענטשיש האַרץ פול מיט ליבע און וואַרעמקייט, מיט געפיל און לעבן, אָנגענעם און ריין... וויפל ליכט און וואַרעמקייט פאַרשפּרייט ער אין די הערצער פון זיינע צאַרטע תלמידים!... קומט נאָר אַריין אַהער צו אים אין חדר אינעם טאָג פון דאָנערשטיק, ווען ער זיצט אין קרייז פון זיינע תלמידים וועלכע „גייען איבער" אַלץ וואָס זיי האָבן געלערנט במשך פון דער וואָך... די קינדער זענען קליין און זייערע מוחות זענען ווייך. אַ סך האָט געהאָרעוועט ר׳ יעקב אליה במשך פון דער גאַנצער וואָך, אַ סך טראָפּן שווייס זענען געראָנען פון זיין פּנים, ביז עס האָט זיך אים איינגעגעבן צו דערקלערן אָט די קינדער און זיי דורכפירן בשלום דורכן שטורמישן ים (פון תלמוד)... גיט נאָר אַ קוק אויפן דאָזיקן קליינעם יינגל וואָס זיצט ביים עק טיש... ער איז פאַרטיפט אין דער גרויסער גמרא וואָס ליגט פאַר אים צעשפּרייט און ער זינגט מיט זיין דינעם און זיסן קול די תלמודישע פּילפּולים... און די גאַנצע צייט זיצט דער רבי אַנטקעגן זיינע תלמידים, זיי קוקן אים גלייך אין פּנים אַריין און זיי הערן זיך צו רואיק צו יעדן קלאַנג וואָס גייט אַרויס פון זיין מויל... און דער רבי וואָס ווייסט גוט ווי שווער עס איז דורכצוקריכן אָט דעם וועג, זיצט... און אַ לייכט שמייכל שוועבט אויף זיינע ליפּן און ער שאָקלט צו מיטן קאָפּ פון אויבן אַראָפּ, עס מיינט: גוט, ריכטיק האָסטו געערדט... — נו, רבי, איך האָב היינט געקענט די גמרא? — פרעגט דאָס יינגל. — האָסט געקענט, געקענט, מיין קינד! ביסט אַ וואויל יינגל, זייער אַ וואוילער — ענטפערט דער רבי, אָננעמענדיק מיט ליבשאַפט דעם קינדס בעקל — און ביידע פרייען זיך... דער דאָזיקער אָרעמאַן פאַרגעסט אין דער מינוט זיין אָרעמקייט און נויט און ער איז גליקלעך מיט זיין ליבשאַפט צום צאַרטן תלמיד, וואָס ער זעט פאַר אים פאַר עפּעס גאָר גרויסעס: ער וועט זיין אַ רב ביי יידן"... (ז"ז 638—645).

ווי אַנדערש קלינגען אָט די רייד פון א. ה. ווייס און ז. עפּשטיין, אין פאַרגלייך מיט די אויבן־געבראַכטע שווערע באַשולדיקונגען! ליבע, פאַר שטענדעניש, גוטסקייט, פּעדאַגאָגישע פעאיקייטן זעען זיי ביים מלמד. א גאַנץ לעבן געדענקען זיי די גוטע איינפלוסן פונעם חדר. אין דעם פּרט זענען נאָך מער כאַראַקטעריסטיש פאַר אָט דער שטימונג און באַציאונג צום חדר די ווייטערדיקע רייד פונעם זעלבן זלמן עפּשטיין, וועלכע ער האָט געשריבן אין „המליץ" נומ׳ 54, תר"מה:

„פאַראַן מינוטן... יעמאָלט דערמאָן איך זיך דעם חדר, און וואַ־רעמע געפילן, פול מיט אָנגענעמלעכקייט און ליבשאַפט, פילן אָן אַלע ווינקלען פון מיין האַרצן... איך דערמאָן זיך, אַז דער ערשטער פּסוק וואָס מען האָט מיר דאָרט געלערנט, איז געווען: בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ; איך דערמאָן זיך די מעשיות פון דער תורה באַגלייט מיטן פירוש רשי און זיין גייסט, וואָס פאַר א שטאַרקן רושם זיי האָבן געלאָזן אין דער יונגער נשמה, אזוי אַז זיי האָבן געשלאָגן זייערע וואָרצלען אין מיין נשמה אינעווייניק, און קיינע שום ווינטן אין דער וועלט וועלן זיי נישט אַרויסרייסן פון זייער שטאַרקער איינוואָרצלונג. איך דערמאָן זיך די בילדער פון די נביאים, די שיינקייט פון זייערע מליצות, דעם געטלעכן גייסט וואָס רעדט דורך זיי, זייער קראַפט און שיינקייט, תמימות און דערהויבנקייט... מעגלעך מען האָט זיי מיר נישט איבערגעזעצט מיט קיין קלאָרער שפּראַך, אָבער צו וואָס טויג מיר די איבערזעצונג, אַז ווען איך בין געווען אַלט צען יאָר האָב איך שוין געקענט טרינקען פונעם דאָזיקן לעבנס־קוואַל פונעם מקור גופא, ווייל די נביאים־שפּראַך האָט שוין אויפגעהערט צו זיין פאַר מיר טויט... איך דערמאָן זיך אויך דעם תלמוד, זיינע שאַרפקייטן און זיינע אגדות, זיינע דערציילונגען און זיינע וואונ־דער... און נאָך אַזוינס און אַזוינס דערמאָן איך מיר, און איך הייב יעמאָלט אָן צו פאַרשטיין, אַז דאָס איז געווען דער חדר, וואָס האָט מיר געשאָנקען די דאָזיקע „גליקלעכע מינוטן", דאָס האָט ער איינגעפלאַנצט אין מיר דאָס לעבן־קענטשאַפט פון די הייליקע ספרים און עס מיר איבער־געגעבן פאַר אַן אייביקן קנין, וואָס איז געקניפּט און געבונדן מיט אַלע איינגעשאַפטן פון מיין האַרצן און מיין נשמה — ער, ער, דער אָרעמער חדר, דער נאַאיווער און פּשוטער, און לגבי אים וועט די אייראָפּעאישע שול, אפילו ווען זי וועט וועלן, נישט קענען ביישטיין, עס וועט איר נישט קלעקן קיין כוח דערויף"...*).

---

*) ציטירט פון „מדור לדור" פון צבי הירש הלוי לבית ליפשיץ, וואַרשע, תרס"א, ז"ז 74—75.

אין זיין דערציילונג „דער חזן" האָט אונדז א. מ. דיק געגעבן אַ בילד פונעם גאָר אָמאָליקן מצב פון די ישיבות. „אין יעדער ישיבה — דער־ציילט ער — זענען געווען בערך פופציק אָדער זעכציק ישיבה־לייט, דאָס הייסט באַוויבטע יונגעלייט... יעדער ישיבה־מאַן האָט געהאַט אונטער זיך פינף אָדער זעקס אָרעם־בחורים, וואָס ער האָט מיט זיי געלערנט, און זיי האָט מען אויך אָרנטלעך געגערט. יעדער אָרעם־בחור האָט, ווידער, געהאַט אונטער זיך אָרעמע ייִנגלעך, וואָס ער, ווידער, האָט מיט זיי גע־לערנט. די ראשי־ישיבות זענען געווען זייער געאַכט און געשעצט... מען האָט דאַן אין אַלע ישיבות נאָר איין מסכתא געלערנט... און ווען עס האָט זיך געמאַכט אַ קשיה, וואָס מען האָט אין דער ישיבה נישט געקענט פאַרענטפערן, האָט מען געשיקט דערמיט אַ רייטער אין אַן אַנדער ישיבה און אַזוי ווייטער. אין דעם טאָג ווען מען האָט מסיים געווען די מסכתא, איז געווען יום טוב אין דער גאַנצער מדינה... אויף די יאַרידן — פלעגן אַראָפּפאָרן אַלע ראשי־ישיבות מיט זייערע אָרעם־בחורים. און בעלי־בתים פלעגן קומען מיט זייערע טעכטער שידוכים טאָן. נון, פלעגט זיך אָנהייבן די פאַרהערעניש..."

אין אַ צווייטער דערציילונג „דער פּורים־שפּיגל" גיט א. מ. דיק אַ בילד פון חדר. „ווי טייער און ליבלעך — דערציילט ער — זענען מיר געווען די טעג פון חודש אָדר! ער איז געווען דער פּאַראַווסרייטער פון דער גוייִשער אַרמיי פריידן וואָס גייען אים נאָך. אַפילו דער סדר הלימוד אין חדר האָט גענומען אַ בעסערע ווענדונג. אַנשטאָט דעם שווערן לימוד פון גמרא האָט מען אָנגעהויבן לערנען מגלת אסתר, תרגום שני: דער רבי האָט פאַר אונדז אויסגעמאָלט מיט זיין אַלטער געגנדזענער פעדער דעם חושן ואפוד, די מנורה, דעם שולחן, לערנענדיק תרומה־תצוה. מיר האָבן אויפ־געהערט צו לערנען ביינאַכט. איך האָב געמאַכט קליינע מאָלצייטן אין דער היים מיט מיינע חברים און איך האָב זיי אַלע טאָג איבערגעביטן אויף אַנדערע, דאָס הייסט אויף אַזעלכע וואָס האָבן מיר אָפּגעמאַכט צוריק אַ בעסערן מאָלצייט ביי זיך אין דער היים".

זייער אידיליש זעט אויס דער מלמד ליפּע ראובנס ביי מענדעלע מוכר ספרים אין זיין קלאַסישן בוך „שלמה ר' חיימס". מענדעלע קען זיך גאָר־נישט אָפּלויבן וועגן אָט דעם רבין זיינעם (שלמהלעס). „דער רבי און דער תלמיד — דערציילט ער — האָבן זיך איינער דעם אַנדערן זייער גוט גע־פּאַסט. דער רבי האָט געקנעלט געטריי, און דער תלמיד געלערנט געשמאַק. דער שטייגער איז געווייִנטלעך געווען, בשעת דעם לערנען ביים־טיש פלעגט דער רבי זיצן אויף זיין אָרט מיט עפּעס אַן אַרבעט — מאָלן אָדער שטעכן אַ חתימהלע. נאָר דאָס האָט אָבער נישט געשאַדט צום גאַנג פון לערנען,

ער האָט נישקשה זיך גוט צוגעהערט. פאַרקערט, דאָס לערנען איז געגאַנ־גען נאָך פיל בעסער. די אַרבעט איז פאַר אים געווען דאָס אייגענע וואָס פאַר אַ פראָסטן בעל מלאכה אַ גוטער טרינק בראָנפן, זי האָט אים באַ־גייסטערט, באַלעבט, געמאַכט באַרעדעוודיק. ערשט דענסטמאָל האָט ער דערקלערט אַלצדינג שאַרף קלאָר, פונעם מויל האָבן זיך אים געשאָטן פערל, אין די אויגן האָט געפינקעלט אַ הייליק פייערל, ער האָט געקוקט מיט ליבשאַפט עפּעס אַזוי גוט, אַזוי גוט... און דעם תלמיד פלעגט עס געבן אַ נעם, אַ ברען, אונטערגעבן אים חשק, ער האָט געשלונגען איטלעכם וואָרט, אויפשטעלנדיק די אויערלעך. דאָס לערנען איז נישט געווען, ווי ביי יענע ערגעץ אַנדערש אַ שטייגער אַ שווערע משא, אַ ריין אָפּקומעניש, וואו דער רבי מיט דעם תלמיד ליידן נעבעך ביידע גלייך: איינער שלאָגט אין קאָפּ אַריין מיט געוואַלד, איז דערביי אויפגעבראַכט, היצט זיך אַ שרעק און דער אַנדערער, וואָס זאָל ער נעבעך טאָן, מאַכט זיך כלומרשט ווי אים איז עס אין קאָפּ אַריין, ציטערט, פּלאָטערט — און ביידע ווינטשן איינער פונעם אַנדערן פּטור צו ווערן... ניין! דאָס איז געווען נאָר עפּעס ווי אַ שמועס צווישן צוויי פריינד, אין וועלכן איין האַרץ פילט דאָס אַנדערע — אַ שמועס וואָס מאַכט פאַרגעניגן אי דעם וואָס רעדט, אי יענעם וואָס הערט, ביידע פאַרשטייען זיך זייער גוט, און עס ווילט זיך צוברענגען אַזוי די צייט נאָך און נאָך...״

אין מילדע, כמעט זיסע ווערטער, שילדערט דער דיכטער י. י. שוואַרץ זיין רבין און זיין חדר:

די מאַמע זעצט זיך צו, כאַפּט אָפּ דעם אָטעם:
„אַ לויב זיין ליבן נאָמען, שוין, אַראָפּ אַ משא,
אַריינגעבראַכט דעם ווינטער!"
אין חדר יענע טעג
איז טונקל־גרוי געווען און אומעטיק —
די רעגנדיקע גרויקייט פונעם וויסטן דרויסן
האָט אָפּגעשפּיגלט זיך אין רבינס פּנים
און אין די אויסגעבלאַסטע דינע פּנימלעך
פון צוויי ביז דריי מנינים קליינע יינגלעך,
וואָס האָבן אויף די אויסגעדאַרטע פּלייצעס
געטראָגן שטיל דעם שווערן יאָך פון תורה.
דער חדר איז באַשטאַנען פון איין לאַנגן צימער,
וואָס האָט פאַרמאָגט צוויי פענצטער: איינס צו צפון
און איינס צו דרום. אַ טיש אין פולער ברייט
פון צפונדיקער וואַנט, דער אויבנאָן,

אַקעגנאיבער דעם בית־מדרש, און אַ טיש
לענגאויס פון חדר, און פון ביידע זייטן טיש
די ברייטע לאַנגע בענק פאַר די תלמידים;
און ביי דער דרום־וואַנט אַ לאַנגע ברעט,
נישט העכער פון אַ באַנק, וואָס האָט געדינט
פאַר טיש, פאַר חברה אַלף־בית, פאַר קליינוואַרג.
אַקעגנאיבער טיש לענגאויס פון חדר —
אַ גרויסער וואַנטאויוון, וואָס האָט געהאַט זיין מויל
צום דרומדיקן ברעט און צו דעם פענצטער.
דאָס לימוד האָט זיך אָנגעהויבן מיטן דאַווענע,
דאָס גאַנצע שחרית־דאַווענען פון "מה־טובו"
און ביז די „אני־מאַמינס", מיטן יום פון תהלים.
דערנאָך די סדרה פון דער וואָך מיט רש"י,
מיט אַלע אויסרעדעכצן, נישט פאַרפעלט קיין ברעקל.
דאָ רעדט זיך פון דער העכסטער כתה יינגלעך,
אַלץ בחורים פון אַ יאָר צען ביז דרייצן;
דערנאָך דאָס בלאַט גמרא פאַר דער גאַנצער וואָך —
(אָ דאָנערשטיקע געלע בלאַט פון „בבא מציעא"
דאָס פועל יוצא פון אַ פולער קנעלוואָך,
ווען ס'האָט דער רבי ר' אברהם פאַרזוכט די פרוכט
פון ביטערער און שווערער פראַצע זיינער
און — פע, די פרוכט איז ביטער! ס'איז געווען
אַ טאָג פון קלאָג, געוויין, און קריצעניש פון ציין;
און נישט איין יונג האַרץ האָט זיך פאַרקליבן
אַ מוראדיקע שנאה צו דער בבא־מציעא
אויפן גאַנצן לעבן זיינס!). ביים האַלבן טאָג
פאַנאַנדערגעלאָזט חדר אויף אַ קנאַפער שעה
און ווידער זיך גענומען צוזעם לימוד:
געחזרט דאָס געלערנטע אויפן קול
אַ פסוק נאָך אַ פסוק, לויטן שטייגער.
פאַרנאַכטצן, שוין ביים אָנצינדן דאָס לאָמפּ,
פאַלט איין קורץ וואָרט פון רבין: שרייבן!
דאָס לעצטע לימוד איז געווען: „שוואַרבע".
אַ שעה פון חסד נאָך אַ שטורעמדיקן טאָג,
געמיטער ווערן איינגעשטילט, באַרואיקט,
מעלאָדיש קלינגען אויף די פסוקים מיטן ניגון,

און אויגן לייכטן מילד און שטיל פאַרחלומט.
דערנאָך געדאַוונט מעריב אויפן קול
און זיך אַרויסגעקייקלט, ווי די שאָף פון חדר
אין שוואַרצער נאַכט אַריין און אין דער בלאָטע,
ביז מאָרגן אינדערפרי.

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט אַ מאָדערנער יידישער לערער יחיאל שטערן אין אַ גרעסערער ארבעט „חדר און בית מדרש" געגעבן אַ אָביעקטיווע באַשרייבונג פון חדר אין אַ פּויליש שטעטל, אין ערשטן צענדליק פון היינטיקן יאָרהונדערט. ער באַשרייבט דעם דרדקי־חדר, זיין אויסזען, זיינע מדרגות פון לערנען, די ימים־טובים ביי די חדר־קינדער, די שפּילערייען אין און אַרום חדר. „באַטראַכטנדיק די קינדערשע שפּילן אין חדר, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן דורך די קינדער גופא, מוזן מיר קומען צום אויספיר, אַז עס איז ווייט נישט ריכטיק דער אָנגענומענער נוסח, אַז אין חדר זענען די קינדער געווען קליינע דערוואַקסענע יידעלעך". און דאָס איז נישט געקוקט, וואָס „די דיסציפּלין אין חדר איז געווען אַ שטרענגע, אפילו אַ ברוטאַלע. קערפּערלעכע שטראָף איז אָנגעווענדעט געוואָרן אין כלערליי פאָרמען. דער קאַנטשיק איז כסדר געווען אין גאַנג, זעלטן ווען האָט ער גערוט אויף דער וואַנט לעבן רבין. צו די קלעפּ פון קאַנטשיק זענען די קינדער שוין געווען אַזוי צוגעוואוינט, אַז קיינער פלעגט שוין נישט וויינען פון זיי".

אינעם צווייטן קאַפּיטל פון זיין אַרבעט באַקאַנט אונדז י. שטערן מיטן „איבערזעץ־חדר", וואָס איז געווען די צווייטע מדרגה נאָכן דרדקי־חדר. דער איבערזעץ־חדר האָט געהאַט זיינע אייגענע מעטאָדן פון לערנען, אַנדערע ווי אין דעם דרקי־און גמרא־חדר. עס וואָלט פאַרנומען צו פיל פּלאַץ איבערצוגעבן דאָ די פּרטים פון דער פּראָגראַם, דעם סדר און אופן פון לערנען אינעם איבערזעץ־חדר. די עלטערע יינגלעך האָבן געלערנט כיתותווייז, זיי פלעגן שוין אויך דאַרפן צוגרייטן אַליין אַ לייענען. נאָכן לערנען פלעגן די קינדער דאַווענען מינחה. „אַז דער רבי איז געווען אויפגעלייגט, פלעגט ער אויך פון צייט צו צייט דערציילן אַ מעשה. די מעשיות זענען געווען וועגן העלדן פון דער יידישער געשיכטע ווי דער רמבם, רבנו גרשום, רשי, רבי אמנון חסיד, מהרם פון ראָטנבורג, גור אריה, וועגן פאַסירונגען פון כמעלניצקים צייטן; וועגן למד־וואָווניקעס וואָס ראַטעווען יידן פון גזרות און וועגן חסידישע רביים. פאַרן גיין אַהיים, זיבן אַ זייגער אין אָוונט, פלעגן די קינדער דאַווענען מעריב". — „שבת נאָכן עסן פלעגן די קינדער זיך גיין פאַרהערן דעם שיעור פון דער וואָך צו די חשובע בעלי־בתים פון שטאָט, וואו מען פלעגט זיי מכבד זיין מיט שבת־אויבס, אייער־קיכלעך, אָדער מאַנקיכלעך, קוגל, אַן עפּל אָדער אַ באַרנע. נאָך שבת פלעגט

דער רבי אָפּנעמען אַ גרוס פון די בעלי־בתים ווי אַזוי די קינדער האָבן געזאָגט דעם שיעור". אויך יום־טובים האָט אָט דער חדר געהאַט. די קינדער האָבן געהאַט זייערע שטענדיקע שפּילן פון גאָר אַ סך מינים.

דאָס דריטע קאַפּיטל פון זיין בוך ווידמעט י. שטערן — דעם גמרא־חדר, דער דריטער און העכסטער מדרגה פון חדר. „אין גמרא־חדר האָט אַ יינגל געלערנט ביי אַ צוויי־דריי יאָר, ביז בר־מצוה געוויינטלעך. די צאָל תלמידים אין גמרא־חדר איז געווען נישט גרעסער פון צוועלף. געווען אויך גמרא־חדרים וואו די צאָל תלמידים איז געווען באַגרענעצט צו זעקס. אין אַזאַ פאַל פלעגן די עלטערן אויסנעמען מיטן מלמד פאַראויס, ער זאָל נישט אָננעמען קיין גרעסערע צאָל תלמידים, און פלעגן דערפאַר צאָלן דעם מלמד אַ גרעסערן שכר־לימוד. קיין גרויסע לומדים האָט דאָס גמרא־חדר נישט אַרויסגעגעבן. דער ציל פון גמרא־חדר איז גיכער געווען צוצוגרייטן דאָס גמרא־יינגל צום בית־המדרש וואו ער וועט ווייטער קענען לערנען פאַר זיך אַליין".

וועגן זיין רבין דעם גמרא־מלמד דערציילט י. שטערן: „ביי זיין גאַנצער בטלנות אָבער איז ער געווען אַ חכם מחוכם ממש און האָט זיך זייער גוט פונאַנדערגעקליבן אין וועלטזאַכן, און זיינע שטוטשנע ווערט־לעך האָבן געהאַט אַ שם אפילו אין די אַרומיקע שטעטלעך, נישט נאָר ביי אונדז אין טישעוויץ. און די ווערטלעך זיינע זענען געווען געטאַקטע אָפּאַריזמען מיט אַ טיפן מיין און זיי האָבן אַלע מאָל אַרויסגערופן געלעכ־טער. בטלנישערהייט האָט ער פאַרמאָגט אַ שטאַרקן חוש פאַר הומאָר. באַזונדער טיפּזיניק זענען געווען זיינע ווערטלעך וועגן לערנען, תלמידים און מלמדים". „לערנען פלעגט ער שטענדיק אָנהייבן מתוך חדווה, דער־ביי פלעגט ער אַלע מאָל זאָגן: עולא הוה פתח בבדיחותא און פאַרציען דערביי אַ טיפּן שמעק טאַבעק". — „די גאַנצע וואוינונג דעם רבינס איז באַשטאַנען פון איין צימער, וואָס האָט געדינט אי פאַר אַ שלאָפצימער, אי פאַר אַ קיך, אי פאַר אַן עס־צימער און אויך פאַר אַ חדר מיט אַ צען תלמידים. פונדעסטוועגן איז אין חדר שטענדיק געווען אויפגעראַמט ממש ווי אויף יום טוב". — „די גאַנצע בריהשקייט אָבער פון מיין רבין יאַנקעלע מאַ־טעלעס האָט געשטעקט אין זיין כוח הסברה. ער האָט געשמט אַלס בעל־מסביר אפילו צווישן די בעסטע שטעטלדיקע מלמדים. ער פלעגט אַלע מאָל געבן צו פאַרשטיין מיט אַ משל, מיט אַ מעשה שהיה, און דער שווער־סטער ענין פלעגט ווערן גרינג און פשוט... „קודם כל, פלעגט מיין רבי זאָגן, דאַרף מען אַליין פאַרשטיין דעם ענין גוט, דערנאָך קען מען יענעם געבן צו פאַרשטיין. דאָס וואָס מען לערנט דאַרף מען קענען זען מיט פאַר־מאַכטע אויגן; אַז מען קען זיך פאַרשטעלן דעם ענין אין קאָפּ און זען

מיט די אויגן פון מוח, איז א סימן אז מען האט פארשטאנען, א נישט באלבעט מען נאר מיט דער צונג און מען זאגט נאר ווערטער". די דאזיקע כללים האט אונדז דער רבי געגעבן, כדי מיר זאלן וויסן ווי צו געבן צו פארשטיין איינער דעם אנדערן ביים איבערחזרן דעם שיעור, אדער ביים צוגרייטן א לייענען כיתותוויז, צו צוויי אדער דריי אירע אין א כיתה". „א רבי, פלעגט ער מוסיף זיין, דארף ביסלעכוויז אריינפירן דאס קינד אלע מאל אין א שווערערן ענין, אבער נישט מיט א מאל"... „זיין אויסערגע־וויינטלעכע סבלנות האט דער רבי ארויסגעוויזן נישט נאר ביים געבן צו פארשטיין עפעס, נאר אויך ביים סובל זיין זיינע תלמידים און נישט בא־שטראפן ווי ווייט ס'האט זיך נאר געלאזט"... „דער רבי אונדזערער פלעגט זאגן: „אז דער רבי איז א בעל זוכה זינדיקן נישט די קינדער און ער דארף נישט אנקומען צו קיין עונש". — „ביים לערנען מיט די קינ־דער די מסעות פון יידן אין דער מידבר האט פסח מלמד געהאט אזא מין פאפיר וואו עס זענען געווען אנגעצייכנט די נעמען פון די ערטער וואו יידן האבן געוואנדערט, ווי אויך די ארדענונג און די פארעם ווי זיי האבן גערוט לויט די דגלים. די גאנצע צייכענונג האט זיך גערופן די מסעות, ביים לערנען די גרענעצן פון ארץ ישראל אין חומש האט פסח מלמד געוויזן די תלמידים אויף א פאפיר וואס האט זיך גערופן די גבולין — די גרענעץ־שטעט ווי אויך די לענדער וואס גרענעצן זיך מיט ארץ ישראל. מיט בלוי־ער פארב איז געווען פארצייכנט דער ים הגדול פון מערב זייט פון ארץ ישראל. דאס איז געווען אזא מין מאפע. די תלמידים האבן געדארפט נאכצייכענען אין קאלירן די דאזיקע גבולין און מסעות. אויך האט פסח מלמד געהאט א גרייטן מוסטער, געמאכט פון פאפיר, פון קליידער פון כהן־גדול; דעם חושן ואפוד מיט די נעמען פון די צוועלף שבטים אויס־געשטעלט אין קעסטעלעך. אין יעדן קעסטעלע איז אויך געווען אנגעמאלט מיט אן אנדער קאליר דער הערב פון געגעבענעם שבט... דאס איז געווען א מין פארשטעלן דעם אורים ותומים. אויך א מצנפת מיט א ציץ פון פאפיר האט פסח מלמד געהאט צו ווייזן זיינע תלמידים וואס פלעגן די בגדים פון כהן־גדול נאכמאכן און זיך אנקליידן אין זיי. — שטיפן און קאמאנדעווען פלעגט ער לאזן זיינע תלמידים פראנק און פריי: זאלן יידישע קינדער הנאה האבן, פלעגט ער זאגן, זיי וועלן נאך צייט האבן צו טראגן אויף זיך דעם יאך פון גלות. אז די ווייסע חברהניקעס פלעגן זיך שוין שטארק צעלאזן און ער האט זיך קיין עצה נישט געקענט געבן... דעמאלט פלעגט פסח מלמד זיך נעמען צו זיין אלט אויסגעפרואווט מיטל: דערציילן א מעשה. אט דא איז ער געווען אין דער היים. באלד פלעגן זיך די קינ־דערלעך צוטוליען צום אלטן פסח מלמד ווי שעפסעלעך צו א פאסטוך,

און ער פלעגט דערציילן און די קינדער זענען געוואָרן איין שטיק געהאָרך... אַ מלמד, פלעגט פסח זאָגן, דאַרף קענען דערציילן אַ סך מעשיות, וואָרעם מיט אַ מעשה איז מען מחיה יידישע קינדער".*)

י. קאַפּעלאָוו, האָט באַשריבן זיינע מלמדים און חדרים, ווו ער איז דערצויגן געוואָרן:

„מיין ערשטער דרדקי־מלמד איז געווען שלמהקע ניזשוועזער. דער חדר איז געווען אין איטעלעס שול... ער איז געווען אַ מזג טוב, אַ מענטש אָן אַ גאַל; קיין מאָל נישט בייז געווען, נישט געשריען. ער איז געווען מער אַ חבר צו די קינדער איידער אַ רבי. ער האָט זיך געשפּילט מיט די קינ־דער; זיי האָבן געהאַלטן זיך פּאַרוויז אין זיינע ציצית און געשפּילט מיט אים אין פערדלעך, לויפנדיק אַרום דער בימה אין שול. אויף דעם אלף־בית האָט ער געטייטלט מיט אַ גרויסןביינערנעם טייטל, מיט וועלכן מען העלפט צו אין דער ספר תורה דעם בעל קריאה. ער האָט שטענדיק גע־שמייכלט און איטלעכן יינגעלע גערופן: זונעניו.

„ביי שלמהקען האָב איך אָפּגעלערנט נאָר איין זמן — ער האָט אַליין געזאָגט דעם טאַטן, אַז מען מעג מיט מיר אָנהייבן לערנען חומש און אַז ער קען דאָס נישט. האָט מען מיך אָפּגעגעבן צו „נאַכען דעם גנב"... נאַכע איז געווען אַ רשע מרושע. פלעגט הרגענען שלאָגן פאַר יעדער קלייניקייט, און צו אַלע מעלות איז ער נאָך געווען אַ מיאוסער חניפותניק.

„עס זענען געווען ביי אונדז אויך חשובע מלמדים, יידן לומדים, שיינע מענטשן, קלוגע און גוטע. אָבער זעלטן ווען אַ טאַטע האָט מקפיד געווען אויף דעם מהות פון זיין יינגלס מלמד...

„... זבולון האָט געשעמט פאַר אַ גוטן מלמד. ער איז נישט געווען קיין גזלן, אָבער זייער שטרענג, און מיר האָבן פאַר זיין „דוך" געציטערט... ער האָט זיך געהאַלטן ריין און ציכטיק, קיין מאָל נישט געגאַנגען מיט אַ צעבראַצעטן בוזעם, אָדער סתם אַזוי אָפּגעלאָזן... תלמידים ביי אים זענען געווען זעקס. דער שכר־לימוד איז געווען אַרום צען־צוועלף קאַרבן אַ זמן... די תלמידים זענען געווען צעטיילט אין דריי כיתות. איך און יודל זענען געווען די ערשטע כיתה. מיר האָבן געלערנט דעם ערשטן הארבן פּרק אין בבא קמא מיט תוספות. מיר האָבן שוין געדאַרפט מאַכן אַליין דעם „לייענען". מיר האָבן אַלע טאָג געדאַרפט איינחזרן דעם נעכטיקן „לייע־נען" און מאַכן דעם נייעם „שיעור"; האָבן מיר נישט געקענט אָפּרייסן זיך פון דער גמרא.

---

*) יחיאל שטערן „חדר און בית־מדרש", ביבליאָטעק פון ייוואָ, ניו־יאָרק 1950.

„...דער חדר איז אין די יאָרן געווען אַ שווערע, זייער אַ שווערע לאַסט אויף אונדז. ווי אַ משא כבדה איז ער געלעגן אויף אונדזערע יונגע פּלייצעס; אַ מוראַדיקער יאָך, פון וועלכן מיר האָבן מיט אַלע מיטלען געזוכט פּטור צו ווערן, אָבער אומזיסט. דער חדר האָט אונדז געשטיקט און נעדריקט אָן רחמנות. קיין לאַך, קיין פרייע מינע האָט מען נישט געטאָרט באַווייזן. שטרענג, אָנגעצויגן, שטענדיק אין איין מורא און פּחד האָט מען אונדז געהאַלטן". *)

אָט די אַלע געבראַכטע עדות פאַר און קעגן דעם אַמאָליקן חדר, די אַלע גוטע מליצים און בייזע קטגרים פון חדר — דאַרפן אונדז העלפן זיך צו שאַפן אַן אייגענע זעלבשטענדיקע מיינונג וועגן דער נאַציאָנאַלער דערציאונגס־אינסטיטוציע, וועגן אירע ווירקלעכע מעלות און חסרונות.

3. אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק פונעם אַמאָליקן חדר

דער חדר האָט געדינט דעם פאָלק במשך פון לאַנגע יאָרהונדערטער, דורכן חדר זענען דורכגעגאַנגען דורות קינדער און יוגנטלעכע. צווישן צענדליקער טויזנט חדרים פון פאַרשידענע מדרגות זענען, זעלבסטפאַרשטענדלעך, געווען אַ סך נידריק־שטייענדיקע, פול מיט חסרונות פון געזעלשאַפטלעכער, פּעדאַגאָגישער און היגיענישער נאַטור. דאָס יידישע שטעטל איז געווען אָרעם, דער חדר איז געווען אַ פּריוואַליקע און אַ פּריוואַט־איניציאַטיווישע אונטערנעמונג, — האָבן זיך דאָ געמוזט אויסבילדן געוויסע נעגאַטיווע דערשיינונגען. עס וואָלט אָבער געווען לייכטזיניק און איבערפּלעכלעך צו פאַראַלגעמיינערן אָט די אַלע דערשיינונגען און זיי צוצושרייבן דעם חדר בכלל.

לאָמיר זיך פריער צוקוקן צום מלמד. עס איז דאָ אַ היפּשע ליטעראַטור מכוח די פיזישע ליידן, דעם עקאָנאָמישן צושטאַנד און די מאָראַלישע דערנידעריקונגען פונעם מלמד, און גלייכצייטיק וועגן זיינע אומפעאיקייטן, זיין אומקולטורעלקייט, אומוויסן, זיין שלאָגן די קינדער א. א. וו. דער מלמד חנפעט די בעלי־בתים, באַניגענט זיך מיטן קלענסטן פאַרדינסט; ער מוז נאָכלויפן אַן אַ סוף צו די בעלי־בתים און מאָנען דאָס, וואָס מען האָט אָפּגערעדט א. א. וו. אין דעם אַלעם איז פאַראַן אַ סך אמת. באַזונדערס אין לעצטן יאָרהונדערט איז די לאַגע פון די מלמדים שטאַרק פאַרערגערט געוואָרן — צוליב זייער קאָנקורענץ צווישן זיך, צוליב זייער נישט־אָרגאַניזירטקייט, צוליב דער גרויסער צאָל צופעליקע און נישט־צוגעפּאַסטע מלמדים. אָבער אפילו אין אָט דער צייט זענען די „שרייענדיקע" ביישפּילן

---

*) י. קאַפּעלאָוו „זכרונות פון דעם יידישן לעבן אין ליטע אין די יאָרן 1860—1882" — „אַמאָל איז געווען", ניו־יאָרק 1926.



תרפ חקובע נרות בדל עצמה או אחוריה
כיצד יעשת בשבת
תרפא אין מבדילין בה במוצאי שבת
תרפב הזכרת חנוכה בתפלה בברכת המזון
ואם אומר בשם
תרפג לגמור את ההלל בשמנת ימי חנוכה
תרפד סדר היום בחול ובשבת ובשחל ר"ח
טבת בחול ובשבת
תרפה סדר הפרשיות של שקלים וזכור ו
ופרה והחדש
תרפו הלכות פורים טעם לתענית של י"ג
באדר ובשחל פורים ביום א' מתענין
ביום ה' שלפניו׃
תרפז חיוב קריאת' בלילה ולשנותם ביום
תרפח זמן קריאתה לעיירות ולכרכים ה
רבוקפין ומה נקרא בוקף ומי שרוצ'
לילך בשיירא ובן עיר שהלך לכרך

תרצג דין סדר הלילה והיום וכל דיניו

צורת הרב שונה להלמידיו את כל הלכות
הספר וסידוריו׃

אַ בילד פון אַ רבין, וואָס
לערנט מיט זיינע תלמידים

(אַ האָלץ־שניט פון דער דריטער אויסגאַבע פון „טור אורח חיים", סאָנטשינאָ, 1497)

צווישן די מלמדים געווען אַן אויסנאַם. דער קערן פון דער מלמדותשאַפט אין געווען אַ געזונטער און ער האָט זיך אויסגעקעמפט אַ שטענדיקע און אָנשטענדיקע פּאָזיציע אין יידישן לעבן. איבערהויפּט איז דאָס ריכטיק, ווען מיר רעדן נישט וועגן די דרדקי־מלמדים, נאָר וועגן די העכערע קאַטעגאָ־ריעס מלמדים.

עס איז באַקאַנט, אַז ר׳ ישראל בעל שם טוב איז געווען אַ געוויסע צייט אַ מלמד, און דווקא אַ דאַרפס־מלמד. אויך צווישן זיינע ערשטע תלמידים זענען געווען אַ סך מלמדים; דאָס זעלבע — צווישן די שפּעטער־דיקע „צדיקים". פון דער אַנדערער זייט, איז אַזאַ איינער ווי שלמה מיימון געווען אַ געוויסע צייט אַ מלמד, אויך אַ דאַרפס־מלמד. הייגט וועגן פון די יידישע שרייבער און געלערנטע האָט נישט פאַרזוכט די דאָזיקע פּרנסה? אפילו שפּעטערדיקע אָנגעזעענע סאָציאַליסטן האָבן געפּרוווט גליק אין דעם דאָזיקן געביט. איז היתכן — זענען די אַלע געווען נעגאַטיווע טיפּן, וועלכע האָבן נאָר קאַליע געמאַכט און פאַרקריפּלט די נשמות און גופים פון יידישע קינדער?

פאַרקערט, דער „אידעאַלער" מלמד און אפילו „באַהעלפער" האָט געהאַט אין זיך אַ סך פאָלקסטימלעכקייט, אידעאַליסטישקייט און שיינקייט. דער חדר איז געווען מער אַ משפחה־אינסטיטוציע. צווישן די קינדער און דעם רבין, אָדער אויף די יינגערע שטופעס — דעם באַהעלפער, זענען גאָר אָפט געווען אינטימע באַציאונגען, אַ סך חברישקייט. יידישקייט, טראַדיציעס און מנהגים, די מיצווה פון תורה לערנען — דאָס זענען זאַכן, וואָס זענען געווען גלייך פאַרפליכטנדיק און אייגנטימלעך פאַר די דערוואַקסענע, פאַרן רבין און פאַר די עלטערן — אין דער זעלבער מאָס ווי פאַר די קינדער. דאָ איז געווען אויפריכטיקייט, גאַנצקייט און אויסגעהאַלטנקייט. דער מלמד האָט באַטראַכט זיין מיסיע פון לערנען און דערציען — ווי אַ הייליקע עבודה. זיין גאַנצע פּאָזיציע אין יידישן לעבן האָט פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל זיין אַ מוסטער פון דרך ארץ, פרומקייט, יידישע קענטעניש און קלוגשאַפט. דער מלמד, און נאָך מער די באַהעלפערס (עלטערע און קלע־נערע) זענען געווען אין אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט דער היים פון די קינדער. די שבתדיקע פאַרהערונגען, די יום־טוב־כיבודים און דאָס יום־טוב געלט; דאָס לערנען אַ פּרק משניות און אַ שטיקל עין יעקב מיט די דערוואַקסענע אין בית מדרש אין אָוונט; דאָס שואל־עצה זיין ביים מלמד וועגן שטוב־און קהילה־ענינים און דאָס איבערגעבן אים פאַרשידענע דין־תורהס — דאָס אַלץ האָט געפירט צו אַן אויסערגעוויינלעכער דערנענטע־רונג צווישן דער היים און חדר, דאָס האָט צוגעגעבן אויטאָריטעט דעם מלמד אין די אויגן פון די קינדער.

די גאַנצע סיסטעם פֿון לערנען איז אויך געווען פֿאָלקסטימלעך און נאַציאָנאַל־שטייגעריש. מען האָט געלערנט דעם זעלבן חומש מיט רש״י, וואָס דער טאַטע האָט געלערנט; די זעלבע מסכתות פֿון דער גמרא, וואָס דער טאַטע האָט אַמאָל אַליין געלערנט און לערנט נאָך איצט, אָדער הערט פֿון זיי אַ שיעור אין בית־מדרש. עס זענען נישט געווען קיין ספּעציעלע לערנביכער און כרעסטאָמאַטיעס. עס זענען נישט געווען קיין פּראָגראַמען, קיין קלאַסן, קיין „לערניאָרן". מען האָט געלערנט לויט דער וואָך די זעלבע פּרשה, וואָס וועגן איר האָט מען געהערט אין בית מדרש און פֿון טאַטן.

דעם שבת־בייטאָג האָט מען ס'רוב פֿאַרבראַכט אין חדר, מיטן מלמד צוזאַמען. און גאָר אָפֿט, סיי אין מיטן דער וואָך און סיי שבת, האָט דער מלמד אָפּגעטראָטן פֿון די ערנסטע און שווערע ענינים פֿון לערנען, און זיך אָפּגעגעבן מיט דערציילן מעשיות פֿון תּלמודישער אגדה, מדרש און פֿון שפּעטערדיקע צייטן.

נישט געווען דאָ קיין שעהן־פּלאַן, קיין גלעקל. עס איז געווען אַ סך פֿרייהייט אין דער פֿאַרטיילונג פֿון טאָג לערנען, פֿון די „קענגשטאַנדן", פֿון די פּויזעס. מען האָט בכלל נישט „געלערנט" עפּעס אין חדר, מען האָט דאָ גיכער פֿאַרבראַכט, געלעבט. דער מלמד איז געווען דער רבי, דער פֿירער פֿון דער קליינער קינדער־געמיינדע. דער חדר האָט אַרומגענומען דאָס גאַנצע לעבן פֿון קינד, אויסגעשעפּט אַלע זיינע אינטערעסן. דער מלמד איז געווען דער דערציער אין אַלע פּרטים. ווי איז געווען דעם מלמד, וועלכער האָט געטאָן זיין „מלאכת ה׳ ברמיה". דער חדר האָט נישט געדולדעט קיין פֿאָרמאַלן אָפּפּטרן די אַרבעט סתּם, אָפּפּטרן די „שעה" און אוועקגיין...

אין חדר איז נישט געווען קיין סיסטעם פֿון „אָטמעטקעס" (ציינכנס), פֿון אָפּשאַצן די דערגרייכונגען, באַלוינען און באַשטראָפֿן פֿאַר זיי. עס זענען נישט געווען קיין גראַדוּאירונגען. מען האָט געלערנט לשמה. און גאַנץ אָפֿט האָט אַ גאָר יונג קינד געקענט אַריבערשפּרינגען אין אַ העכערע כּיתּה, גאָר פּשוט ווייל מען האָט געזען: ער האָט גרויסע פֿעאיקייטן, ער באַנעמט און פֿאַרטיפֿט זיך אין די ענינים, ער קען.

דאָס לערנען אין דער הויך אויפֿן קול, דאָס צוזינגען מיט באַשטימטע מעלאָדיעס־נוסחאות; דאָס שאָקלען זיך ריטמיש ביים לערנען; דאָס באַנוצן די יידישע שפּראַך, דאָס מאַמע־לשון פֿון קינד און פֿון שטוב, ביים „פֿאַרטייטשן" אויף די נידריקע מדרגות, אָבער אויך אויף די העכערע — ביי גמרא און פּוסקים — דאָס אַלץ האָט אַריינגעבראַכט אינעם לערנען אינטימקייט, היימישקייט, פֿריילעכקייט. דאָס דאַווענען אין חדר בציבור, מיט אַ יינגל פֿאַר אַ חזן, האָט אַריינגעבראַכט נאַטירלעכע פֿרומקייט, קאָלעקטיווי־

קייט: „אין סך הכל קענען מיר זאָגן, אַז דאָס לעבן פון די קינדער אין חדר איז נישט געווען טרויעריק און פול מיט מרה שחורה, אַזאַ וואָס פאַרדינט נעבעך רחמנות, נאָר פאַרקערט, עס איז געווען אין אָט דעם לעבן אַ קינדישקייט פול מיט יידישן חן" *)

דער חדר איז נישט געווען געבויט אויף תכלית, דיפּלאָמען. ער איז פון זיך, אונטערן דרוק פון נאַציאָנאַלן לעבנשטייגער און נאַציאָנאַלער לעבנס-פילאָזאָפיע, געוואָרן אַן אָבליגאַטאָרישער אינסטיטוט, וואָס קיין שום קינד האָט אים נישט געקענט אויסמיידן.

די צאָל קינדער אין יעדן חדר איז געווען קליין, און דער מלמד האָט אויסגעצייכנט געקענט יעטוועדן קינד. דאָס לערנען האָט געטראָגן מער אַן אינדיווידועלן כאַראַקטער, נישט געווען דאָ די „סטאַדישקייט" פון אַ קלאַס, מיט הייבן די הענט, מיטן אַרויסרופן א. אַ. וו. מ'האָט געלערנט אַ גאַנצן טאָג. דאָס לערנען איז צוגעגאַנגען אינטענסיוו. דאָ איז געווען אַ סך קאָנצענטרירטקייט, זעלבסט-קאָנטראָל, פאַראַנטוואָרטונגס-געפיל. דאָ איז געווען אַ טיף-איגערלעבע, אינטימע דיסציפּלין. דער חדר האָט נישט געוואוסט פון צוואָרפענער פיל-לייענעריי, פּונקט ווי ער האָט נישט געוואוסט פון עטלעכע לערערס לויט געביטן און קעגנשטאַנדן. ער איז געווען „מאָניסטיש" אין אַלע פּרטים: איין לערער, איין לימוד, איין דערציאונג, איין לערן-סיסטעם, איין גייסט און צוועק. נישט געווען אין חדר קיין אַנטאָלאָגיעס, ער האָט געפירט די קינדער צום מקור ראשון, אַן געקינסטעלקייט. דער חדר האָט זיך נישט פונאַנדערגעוואָרפן איבער אַ סך לימודים און „קעגנשטאַנדן". ער האָט זיך קאָנצענטרירט אויף איין געביט, איין ספר, איין מעטאָד פון לערנען.

* *
*

אָבער, ווי געזאָגט, דאָס איז געווען דער „אידעאַלער" חדר. דריי טיפּן חדרים זענען געווען: דרדקי-חדר. חומש-חדר און גמרא-חדר. דער שוואַכסטער טיפּ איז געווען, לויט זיינע מעטאָדן, דער אָנפאַנג-חדר, וואו מען האָט געלערנט עברי. זיין מעכאַנישקייט און אַלט-מאָדישקייט האָט געפירט צו אומזיסטן צייט-פאַרלוסט. אָבער אויך דער חומש-און גמרא-חדר האָט געהאַט אין זיינע מעטאָדן אַ סך שלעכטע אָנוואוקסן און געוואוינהייטן. און שוין מיט הונדערטער יאָרן צוריק האָבן די מער-דרייסטע און ווייטזעעוודיקע רבנים און גאונים פּראָטעסטירט קעגן אָט די שלעכטע מעטאָדן

---

*) א. מ. ליפשיץ — החדר, התקופה, ספר שביעי, ורשה, תר"ף, ז"ז 294—352.

און נעפּאַדערט, אַז עס זאָלן געמאַכט ווערן וויכטיקע רעפאָרמעס אינעם גאַנצן לערן־דרך פונעם חדר.

דער מה"רל מפּראָג (געבאָרן 1515, געשטאָרבן 1609) האָט וועגן דעם ענין אַ סך געשריבן: „אַלע קינדער גייען צום רבין תורה לערנען, — זאָגט ער — זייער גרוים איז אָבער דער חשש, אַז ביי דעםווילדן סדר הלימוד, וואָס געוועלטיקט ביי אונדז קען דאָס אַלץ לויטער שאָדן ברענגען. אויף לערנען תנך און משנה לייגט מען בכלל קיין אַכט נישט, און אויך דער לימוד פון גמרא ווערט געפירט אויף אַזאַ אופן, אַז ער קען קיין פּעולה נישט האָבן. דאָס קינד ווי עס קומט צום רבין אָן וועלכע ידיעות אין די כּתבי הקודש, אַזוי גייט עס אויך פון אים אַוועק. די משנה, וואָס איז דאָך דער יסוד און דער עיקר אין דעם לימוד התורה, ווערט אויך נישט גע־לערנט, און אַזוי בלייבן די קינדער ביי גאָרנישט. מיט אייגענע הענט מאַכט מען זיי אומגליקלעך... דער מלמד טראַכט נאָר וועגן זיך, און דער טאַטע מיט זיין קנאַפּן פאַרשטאַנד וויל, אַז דער זון זאָל אין אַ קורצער צייט אויס־לערנען כּל התורה כּולה... דער אומגעלומפּערטער סדר הלימוד האָט זיי געמאַכט פאַר אייביקע קאַליקעס"... („נתיבות עולם").

אין אַ צווייטן ספר האָט ער געשריבן נישט ווייניקער שאַרף וועגן אָט דער פּראָגע: „...אַזוי האָבן זיך נוהג געווען אונדזערע חכמים אין אַמאָ־ליקע צייטן. גאַנץ אַנדערש איז מען זיך נוהג אין אונדזערע מדינות. הסכּלים שבדורנו טוען אַלץ קאַפּויר. חומש לערנט מען מיט די קינדער אויף אַ משונה ווילדן אופן. יעדע וואָך הייבט מען אָן מיטן קינד די געהעריקע סדרה, נאָר ווייל דאָס יונגע קינד איז נישט אין שטאַנד אויס־לערנען די גאַנצע סדרה, בלייבט ער שטיין אין דער מיט, און אויף דער צווייטער וואָך גייט מען שוין מיטן קינד גלייך איבער צו דער צווייטער סדרה; און אַזוי לערנט דאָס קינד שטיקלעך אָן אַ שום צוזאַמענבונד און עס ווייסט נישט סוף כּל סוף קיין איינציקע סדרה בשלימות... און אַז דאָס קינד, וואָס האָט גאָרנישט אויסגעלערנט, ווערט אַלט אַ 6־7 יאָר, הייבט מען מיט אים גלייך אָן גמרא... ווי נאָר דאָס יינגל איז אַ ביסל היימיש געוואָרן אין דעם תלמודישן טעקסט, הייבט מען אים שוין אָן צו שטאָפּן מיט תוספות, וואָס ער איז מיט זיין יינגלשן שכל בכלל נישט אין שטאַנד משיג צו זיין... ער פּטרט זיינע כּוחות און בעסטע יאָרן מיט ווילדע קלאָץ־קשיות, מיט פאַרדרייטע סברות און קרומע איינפאַלן, וואָס צערינען ווי שפּינוועבס, און ער בלייבט נאַקעט און בלויז אָן ריכטיקע ידיעות און אמתן ווויסן"... („גור אריה").

דער מה"רל האָט אויף פאַרשידענע וועגן געמיט זיך צו באַקעמפן אָט דעם סדר הלימוד מיטן גאַנצן פּילפּול הגמרא — ער האָט קלאָר געזען די

פעדאַגאָגישע, דערציערישע און געזעלשאַפטלעכע פעלערן און שאָדן פונעם דאָזיקן לערן־אופן. דער מה"רל האָט געהאַט מיטהעלפער אין דער דאָזיקער פראָפּאַגאַנדע זיינער. איינער פון זיי איז געווען דער פּאָפּולערער בעל דרשן אפרים בן אהרן אוים לענטשיץ, ראש ישיבה אין לעמבערג און פּראָג (געשטאָרבן אין 1619). אין זיין „עמודי אש" שרייבט ער אויף דער זעלבער טעמע פון די לערן־מעטאָדן אין חדר: „דאָס קינד איז נאָך אַזוי קליין, אַז עס איז נישט אין שטאַנד עפּעס צו פאַרשטיין — הייבט מען שוין אָן דערמיט חומש צו לערנען, און דאָס נישט לויטן סדר נאָך, נאָר אָפּגעריסענע שטיקלעך... און אויך אין די דאָזיקע פּסוקים לערנט מען מיטן קינד בלויז דעם פירוש המילות, אָבער נישט דעם חיבור הפסוקים, דאָס קינד זאָל וויי־ניקסטנס באַקומען אַ באַגריף וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. דער חומש ווערט דאָ אויסגענוצט בלויז אַלס לערנביכל אויף צו לערנען די שפּראַך גלייך מיט אַלע לערנביכער. חזרט מען מיט דעם קינד מעכאַניש איין דעם פירוש פון די אָפּגעזונדערטע ווערטער, אָבער וועגן דעם תוך פון דער תורה, וועגן אירע געזעצן און לערע האָט עס קיין באַגריף נישט"...

אויך ר' אפרים לענטשיצער באַקעמפט דעם פּילפּול־מעטאָד ביים גמרא־לערנען און ער קלאָגט זיך, אַז „די יחידי שרידי הדור, וואָס וואָלטן זייער געוואָלט אונטערברענגען דעם דאָזיקן סדר הלימוד, זענען אָבער נישט ביכולת דאָס דורכצופירן, ווייל זיי זענען בטילים במיעוט קעגן דער גרויסער צאָל רבנים, וואָס פאַרפירן דעם המון און פאַרזיכערן אים, אַז דער פּילפּול — זה הוא עיקר התורה, און דער המון לאָזט זיך איינרעדן און אַזוי בלייבט עס"...*)

און דאָך מוז מען זאָגן: דער חדר ווי אַ „אינסטיטוט", דער „קלאַסישער" חדר האָט געהאַט אַ סך מעלות אין זיינע לערן־מעטאָדן. די סיסטעם פון גאַנצע ווערטער און זאַצן אויף די יינגערע שטופעס און פון גאַנצע סגיות אויף די עלטערע — איז געווען געבויט אויף דער אינטואיציע און זעלבשטענדיקייט פון קינד, זי האָט אַריינגעבראַכט אַ סך רירעוודיקייט און אַקטיוויקייט. נאָר אַדאַנק אָט דעם מעטאָד האָט דער חדר געקענט סוף כל סוף באַהערשן דעם שווערן לימוד פון גמרא — מיט אַלע זיינע פּלאַנ־טערנישן, אומסיסטעמאַטישקייט, פאַרשיידנאַרטיקער טעמאַטיק און אַבס־טראַקטקייט. דאָס דאָזיקע אַרט לערנען איז געווען מער געבויט אויף פאַר־טיפונג, דורכדרינגלעכקייט, אויסשעפּונג פון ענין; עס איז געווען מער אינטענסיוו ווי עקסטענסיוו. דער אמתער צוועק פונעם לערנען איז נישט געווען דער „וואָס", נאָר דער „ווי אַזוי": דער תלמיד האָט געמוזט אַליין

*) ד"ר י. צינבערג — די געשיכטע פון ליטעראַטור ביי יידן, ב. 5, ז"ז 109—118. — זע אויך ש. אסף, ב, 1, ז"ז ס"י — ס"ג.

זיך אויסאַרבעטן זיינע אייגענע וועגן, ווי אַזוי דורכצוקריכן די שווערע סוגיא. אינעם לערנען איז געווען — גייסטיקע פאַרפולקאָמונג, זעלבסט־דיסציפּלין, זעלבסט־אַקטיווקייט. דער תלמיד האָט דאָ געקראָגן די שליסלען צו ווייטערדיקער פאַרפולקאָמונג. אַ גאַנץ לעבן דאַרף מען לערנען. נישטאָ קיין „פון דאַנען ביז אַהער”. אַלץ איז אָפּהענגיק פון דער התמדה, פון די פעאיקייטן און איבערגעבנקייט פונעם תלמיד.

דער חדר מיט זיינע לערן־מעטאָדן איז געווען ענלעך צו דעם, ווי אַזוי דאָס קינד לערנט זיך אויס רעדן אין שטוב — אָן צוגרייטונגען, אָן קינסטלעכער בהדרגהדיקייט, עס דערהערט מיט אַ מאָל די קלאַנגען פון „אַ גאַנצער וועלט” און באַקומט מיט אַ מאָל אַ צוטריט צו דעם גאַנצן לעקסיקאָן פון פאָלק, און נישט צו טיי־לעפעלעך. אין אָט דעם דרך פונעם חדר איז געלעגן אַ גרויסע ברכה.

* *
*

אינעם לעצטן יאָרהונדערט, ווען די צאָל יידן אין די גרויסע שטעט איז שטאַרק געוואַקסן, און צוזאַמען מיט דעם איז געוואַקסן די צאָל חדרים; און גאָר באַזונדערס אין די אָרעמע קוואַרטאַלן, וואו די עלטערן זענען געווען פאַרהאָרעוועט און נישט געקענט צאָלן קיין „אָנשטענדיקן” שכר לימוד, איז אויפגעקומען אַ היפּשער עלעמענט מלמדים פון אַ נייעם טיפּ: געווען צווישן זיי עם־הראַצים, אויסנוצערס, „צופעליקע” בעלי־מלאכות. עס פלעגן זיך טרעפן צווישן זיי מענטשן שלעכטע, פאַרביטערטע, אויסגעהונגערטע; מלמדים, וואָס האָבן נישט ליב געהאַט קיין קינדער, האָבן פאַרנאַכלעסיקט זייער מלאכה, זיך אָפּט פאַרנומען מיט אַנדערע זייטיקע פּרנסות אאַז״וו. אויפן באָדן פון אַזעלכע חדרים זענען אויסגעוואַקסן יענע נעגאַטיווע דערשיינונגען, וואָס זענען אַזוי פּאָפּולער צווישן ברייטן עולם. אינעם רעליגיעזן קאָדעקס איז געווען פאַרויסגעזען, אַז דער מלמד טאָר נישט שלאָגן די קינדער (אלאָ ברצועה קטנה), אָבער אָט דער טיפּ מלמדים, וואָס מיר האָבן ערשט געשילדערט, האָט אָפט אַריבערגעכאַפּט די מאָס אין דעם פּרט, — בפרט דער מלמד פון תלמוד־תורה צי סתם פון אַ חדר פאַר די אָרעמסטע קינדער...

דער חדר איז געווען אַ היסטאָרישער פּראָדוקט פון דורות. ער האָט זיך צוגעפּאַסט צו אַ סך אייגנשאַפטן פון דער יידישער ווירקלעכקייט און פון יידישן כאַראַקטער. אָבער מיטן פאַרלויף פון יאָרן איז ער געקומען אין אַ קאָנפליקט מיטן ניי־אויסגעקריסטאַליזירטן לעבן, און ער האָט באַנקראָטירט סוף כל סוף. די פאַרוועלטלעכונג פון יידישן לעבן, די באַרירונג מיטן פרעמדן אַרום פון אַנדערע פעלקער, די פּראָפעסיאָנעלע און ווירט־

שאַפּטלעכע באַדערפעניש, דאָס שטרעבן צו אַלגעמיינעם וויסן, דער אַלץ וואַקסנדער נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין אין מאָדערנעם זינען פון וואָרט, די פאַרשפּרייטונג פון בילדונג צווישן די יידישע פרויען און מיידלעך, די אויסגעוואַקסענע פאָדערונגען פון היגיענישער נאַטור און די זאָרג וועגן געזונט פונעם יונגן דור, — אָט דאָס אַלץ האָט אַרויסגערופן אין יידישן לעבן נייע טיפּן שולן, וועלכע האָבן צו ביסלעך אַרויסגעשטויסן דעם חדר פון זיינע אַלט־היסטאָרישע פּאָזיציעס.

4. דער גורל פונעם חדר אין סאָוועט־רוסלאַנד

אַ שווערן, דראַמאַטישן וועג האָט דער חדר דורכגעמאַכט אין לאַנד פון די „ראַטנפאַרבאַנדן".

מיט דער איינשטעלונג פון דער סאָוועטן־מאַכט, איז אין דער לאַגע פונעם חדר פאָרגעקומען אַ פולשטענדיקער שינוי. אויף דער זיצונג פון 24־טן אויגוסט, 1918, האָט די „מלוכה־קאָמיסיע פאַר בילדונג" באַשלאָסן: „פאַר פאַרזאָגנען, וואָס האָבן נישט דערגרייכט דעם 18 יאָריקן עלטער, קענען קיינע לערן־אַנשטאַלטן, וואו עס זאָלן געלערנט ווערן רעליגיעזע לימודים, נישט דערלאָזט ווערן". דער דאָזיקער דעקרעט האָט, הייסט עס, צו דער עפּנטלעכער טעטיקייט פונעם חדר געמאַכט אַ סוף. די יידישע סעקציעס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וועלכע זענען יעמאָלט געווען די פולע באַלעבאַטים פון יידישן לעבן, האָבן זיך מיטן גאַנצן כוח אַרויפגעוואָרפן אויפן חדר און גענומען אים באַקעמפן סיי אַדמיניסטראַטיוו, סיי געזעלשאַפטלעך.

דעם 28־טן דעצעמבער, 1920, האָט די „צענטראַלע יידישע בילדונגס־אָפּטיילונג ביים פאָלקאָמבילד" אַרויסגעלאָזט אַ צירקולאַר (נומער 7) — „וועגן ליקווידירן די חדרים און ישיבות". אין דעם צירקולאַר איז געווען געזאָגט: „די יידישע בילדונגס־אָפּטיילונג, שטיצנדיק זיך אויף די רעזאָלוציעס פון אַלרוסלענדישן צוזאַמענפאָר פון יידישע בילדונגס־טוערס און אויף די ידיעות, וועלכע באַקומען זיך פון די ערטער, האָט באַשלאָסן אָנצוהייבן אַ קאַמפּס־קאַמפּאַניע קעגן די חדרים און ישיבות... דעם עצם פאַקט פון צעשטערן די חדרים רעכנט די יידישע בילדונגס־אָפּטיילונג פאַר אַ פאַקט פון פּאָזיטיוון שאַפן און בויען. די קינדער דאַרפן באַפרייט ווערן פון דער שרעקלעכער תפיסה, פון דער פולקאָמער גייסטיקער דעמאָראַליזאַציע און פיזישן אונטערגאַנג. די בילדונגס־סעקציעס אויף די ערטער דאַרפן די אַרבעט פון ליקווידירן די חדרים פאַררעכענען פאַר אַ שלאַגאויפגאַבע". דער דאָזיקער צירקולאַר איז געווען געחתמעט דורכן יעמאָלטיקן פאַרוואַלטער פון דעם צענטראַלן יידישן בילדאָפּטייל, מ. לעוויטאַן, און סעקרעטאַר, ל. שיינקער.

א מוסטער פון אַט דער „קאמפּס־קאמפּאַניע קעגן די חדרים און ישיבות" איז געווען דער משפּט איבערן חדר, וועלכער איז דורכגעפירט געוואָרן עפנטלעך אין וויטעבסק, דעם 12—18־טן יאַנואַר, 1921. און איז פאַרפיקסירט געוואָרן אין א גאַנצן בוך („דער משפּט איבערן חדר", וויטעבסק, 1922, 112 זייטן). דער וויטעבסקער משפּט איז דורכגעפירט געוואָרן אינעם פולגעפּאַקטן זאַל פון גרויסן שטאָט־טעאַטער, ביי א פּאַר־זיצער, סעקרעטאַר, באַשולדיקער, עקספּערטן, עדות און פאַרטיידיקער. זיין פאַרלויף איז געווען אמת דראַמאַטיש, אויף וויפל עס איז נוגע פּרוּווע עדות און עקספּערטן. לויטן באַשולדיקונגס־אַקט איז אין וויטעבסק יעמאָלט געווען 39 חדרים מיט 1358 קינדער און 49 מלמדים. אינעם אַרויסגע־טראָגענעם אורטייל לייענען מיר:

„...די נעגאַטיווע זייטן פון חדר קענען בשום אופן נישט אויסגע־בעסערט ווערן, ווייל זיין חסרון באַשטייט נישט נאָר אין די מעטאָדן, וועלכע ווערן אין חדר אָנגעווענדעט, נאָר אין זיין גאַנצן אינהאַלט און כאַראַקטער. דעריבער מוז דער קאַמף קעגן חדר געפירט ווערן אויפן אינטענסיווסטן און אומבּרחמנותדיקן אופן... אויפן סמך פון דעם אויבנגעזאָגטן באַ־שטימט דער געריכט: אָנערקענען פאַר נייטיק וואָס גיכער צו פאַרמאַכן די חדרים און אַריינציען די חדר־קינדער אין יידישע אַרבעט־שולן".

דער זעלבער קאַמפּס־מעטאָד איז אָנגעווענדעט געוואָרן אין אַלע גרעסערע יידישע ישובים. אין האָמעל איז דורכגעפירט געוואָרן א געריכט־לעכער פּראָצעס איבער „א גרופּע קלעריקאַלן בראש מיטן רב, וועלכע האָבן אַרויסגערופן אַן אויפרודער (וואָלנעניע) צווישן דער פינצטערער מאַסע פון דער יידישער באַפעלקערונג אַנטקעגן דעם דעקרעט וועגן שליסן די חדרים און ישיבות". דער חדר איז געוואָרן אומלעגאַל. ער איז אַוועק אונטער דער ערד.

האָט דער חדר אויפגעהערט צו עקסיסטירן פולשטענדיק? פאַרשטייט זיך, קיינע ציפערן און פאַקטן וועגן דעם איז נישט צו געפינען. אָבער עס איז קיין שום ספק נישט, אז גאָר היפּשע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג האָבן זיך באַמיט ווייטער צו געבן זייערע קינדער א טראַ־דיציאָנעלע דערציאונג מיט דער הילף פונעם מלמד און, וואו מעגלעך, אויך אין אַן אָרגאַניזירטן אומלעגאַלן חדר. די יידישע קאָמוניסטן אַליין האָבן וועגן דעם גוט געוואוסט און א סך געשריבן. אַמאָל האָט זיך זיי נעדוכט, אז שוין דער חדר איז אין גאַנצן אונטערגעגאַנגען. אָבער באַלד האָבן זיי זיך צוריק געכאַפּט, אז ניין, ער עקסיסטירט ווייטער. און זיי האָבן זיך ווייטער גענומען צו די אויסגעפּרוּווטע „קאַמפּס־קאַמפּאַניעס".

רעדנדיק וועגן דער אויפגאַבע צו ליקווידירן דעם חדר, אין זיין בוך „די נאַציאָנאַלע בויאונג צווישן יידן אין ססר" (רוסיש, מאָסקווע, 1935), שרייבט י. קאַנטאָר: „די דאָזיקע אויפגאַבע האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר נישט קיין לייכטע אַפילו אין פערטן יאָר פון דער עקסיסטענץ פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. די קלעריקאַלע, ציוניסטישע און בכלל נאַציאָנאַליסטישע עלעמענט האָבן אַרויסגעוויזן אַן עקשנותדיקן ווידערשטאַנד בנוגע דער דאָזיקער אונטערנעמונג. עס האָט זיך געפאָדערט דורכצופירן אַ צאָל געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע משפּטים איבער די חדרים און זייערע מער־אייפריקע פאַרטיידיקערס. עס איז אויסגעקומען צו פּטרן אַ סך צייט און ענערגיע, ביז וואַנען עס האָט זיך איינגעגעבן אין אַ פולער מאָס אויסצוּוואָרצלען די דאָזיקע איבערבלייבעניש פון מיטלעלטער אינעם יידישן לעבנשטייגער און דערציאונג... מע דאַרף פאַרצייכענען די פיינדלעכע באַציאונג צו דער ליקווידאַציע פון די חדרים אויך מצד די רעשטלעך פון די יידישע סאָציאַליסטישע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען. מיט דער צונג זענען זיי כלומרשט געווען פאַר דער סאָוויעטישער שול, באמת אָבער זענען זיי אַרויסגעטראָטן אומעטום צו גלייך מיט די קלעריקאַלן און נאַציאָנאַליסטן קעגן דער ליקווידאַציע פון חדר, אונטערן אויסרייד אַז עס זענען נאָך כלומרשט נישט צוגעגרייט די באַדינגונגען אויף אַריבערצופירן אַלע קינדער פון די חדרים אין די שולן אַריין, און אויך צוליב דעם ווייל די רעפּרעסיווע מיטלען קעגן חדר גיסן כלומרשט נאָר וואַסער אויף דער מיל פון די קלעריקאַלן. אין דער אמתן אָבער, צו להכעיס אַט דער באַהויפּטונג פון די סאָציאַל־פאַררעטער, איז דער אַלטער חדר במשך פון עטלעכע יאָר נישט נאָר אַרויסגעריסן געוואָרן מיטן וואָרצל, נאָר טאַקע אַרום דעם קאַמף קעגן דעם חדר איז אויסגעוואַקסן אַ גרויסע און שטאַרקע אַנטי־רעליגיעזע באַוועגונג צווישן דעם אַרבעטנדיקן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג".

נאָך אַזאַ טריאומפירנדיקער מעלדונג קען מען דערוואַרטן, אַז שוין, מער וועט זיך דער מחבר נישט אומקערן צו די קעגנערס פון חדר־ליקווידאַציע און צום חדר בכלל: ווי באַלד דער חדר איז „אַרויסגעריסן געוואָרן מיטן וואָרצל", איז דאָך נישט שייך מער צו רעדן וועגן אים. ווייזט זיך אָבער אַרויס עפּעס אַנדערש. מיט אַ פּאָר שורות ווייטער לייענען מיר ביי דעם זעלבן י. קאַנטאָר: „אמת, דער חדר האָט אַ לאַנגע צייט אַרויסגעוויזן גרויסע לעבנס־פעאיקייט און בייגעוודיקייט. אונטער אַלע אויסריידן האָבן די קלעריקאַלן זיך געפּרואווט אים איינהאַלטן און אַרומגיין דאָס געזעץ. האַלטנדיק פאַר דער הויפּט־געפאַר די סאָוועטישע שול אויף דער גערעדטער מוטער־שפּראַך פון די קינדער, האָבן זיי אָנגעהויבן אַ קאַמפּאַניע

קענען אַט דעם מין שול, און זיי האָבן אומעטום אַגיטירט פאַר אַ שול אין דער רוסישער שפּראַך פאַר די יידישע קינדער. אין אַ סך פאַלן האָבן זיי געפּרואווט צו צעשטערן די יידישע שול פון אינעווייניק, ווירקנדיק אויף די קינדער דורך „זייער" לערערשאַפט, דורך ספּעציעלע נאַציאָנאַליסטישע און קלעריקאַלע קינדער־אָרגאַניזאַציעס. זיי האָבן אויך אָרגאַניזירט אומלעגאַלע ישיבות, און זיך אַפילו נישט אָפּגעשטעלט פאַר דער נייטיקייט אַריבערצוואַרפן די קינדער און יוגנטלעכע אויף הונדערטער קילאָמעטער ווייט אין פונקטן, מער צוגעפּאַסטע פאַרן אַנגעוויזענעם צוועק". „און דאָך — פאַרענדיקט ווייטער מיט טריאומף י. קאַנטאָר — האָט דאָס שאַרפע אויג און די אייזערנע האַנט פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור זיי אומעטום געפּאַקט, און שוין אָנפאַנג 1928 איז דער חדר געוואָרן אַ מוזעאַלע זעלטנקייט אין סססר".

מיר וועלן ווייטער זען, אַז אויך די דאָזיקע באַרימערייַ איז געווען אַן איבערגעטריבענע, און אַז אַפילו שפּעטער, אין די דרייסיקער יאָרן, איז נאָך אַלץ אויסגעקומען צו האָבן צו טאָן מיטן אומלעגאַלן חדר. דערווייל האַלטן מיר ביי די צוואַנציקער יאָרן. היפּשע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג ווילן נישט שלום מאַכן מיט דעם פאַרבאָט צו געבן זייערע קינדער אַ טראַדיציאָנעל־רעליגיעזע דערציאונג, זיי ווערן זיך קענען דעם און זוכן פאַרשידענע מיטלען ווי אַזוי צו באַקעמפן די גזירה. ווען עס איז געקומען די צייט פון „נעפּ", זענען די דאָזיקע עלעמענטן געוואָרן גאָר רירעוודיק. אין יאָר 1923 האָט דער זשורנאַל „זשיזן נאַציאָנאַלנאָסטיי" זיך געקלאָגט, אַז עס „האָבן זיך אַ שאָט געטאָן די נעפּמאַנישע מיליאָנען און מיליאָנען אויפן חדר. אונטער דער פאָרעם פון חדר האָט מען איינגעאָרדנט אמתע קאָנפעסיאָנעלע שולן מיט 50 קינדער און מער תלמידים, די אַזוי גערופענע „געזעלשאַפטלעכע חדרים" פאַר אָרעמע קינדער... ס'איז דערגאַנגען דערצו, אַז די חדרים האָבן אָנגעהויבן צוציען צו זיך די לערערס פון די סאָוועטישע שולן".

אין יאָר 1926 האָט א. טשעמערינסקי, דער געוועזענער סעקרעטאַר פון צ"ב פון דער אידסעקציע ביי צ"ק פון דער רק"פּב, אַרויסגעלאָזט אַ בוך אונטערן נאָמען „די אַלפאַרבאַנדישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי (באָלשעוויקעס) און די יידישע מאַסן". האָט ער דאָרטן, פאַרשטייט זיך, אויך באַרירט די חדר־פּראָבלעם. טשעמערינסקי האָט מיט צופרידנקייט דערציילט, אַז דער „קאַמף מיטן חדר איז פאַרענדיקט — דער חדר איז טויט"! „דער חדר, תלמוד־תורה, די רעליגיעזע שול איז ליקווידירט". און דאָך האָט ער באַלד מעלאַנכאָליש צוגעגעבן: „מיר ווילן דערמיט נישט זאָגן,

אַז דער חדר עקסיסטירט שוין נישט — ערטערווייז קען מען אים נאָך טרעפן; אָבער ער איז פאַרשטופּט געוואָרן אויפן הינטערגרונט פון לעבן"...

אינעם זעלבן יאָר 1926 איז פאָרגעקומען, אין דעצעמבער, די אַל־פאַרבאַנדישע באַראַטונג פון די יידישע סעקציעס פון דער אַל. ק. פּ. (ב). איז אויך דאָרטן אינעם באַריכט צו דער באַראַטונג באַרירט געוואָרן די פראַגע חדר, און מיר לייענען וועגן דעם אַט וואָס: „אינעם רעליגיעזן לאַגער איז געגאַנגען אַן ענערגישע אַרבעט פון די קלעריקאַלן... זיי שטעלן אויף די אַמאָליקע אַנשטאַלטן, כדי צו באַהערשן דעם אונטערוואַקסנדיקן דור: דעם חדר, די ישיבה א"א, זיי גייען אַריבער אין אַנגריף קעגן דער ראַטן־שול". אינעם דאַזיקן באַריכט ווערט אַפילו עפּעס מער דערציילט: צום 1־טן סעפּטעמבער, 1926, איז אין אוקראַינע געווען 1003 אָרגאַניזירטע יידישע קהילות מיט 173,437 מיטגלידער; נאָך מער, די דאָזיקע קהילות האָבן אַפילו געמאַכט אַ פּרואוו צו שאַפן אַ צענטראַלע אָרגאַניזאַציע פון אַלע יידישע קהילות אין גאַנצן לאַנד, זיי האָבן מיט „כיטרע נענג" אַרויסבאַקומען אַ דערלויבעניש אויף אַזאַ צוזאַמענפאָר, און דער דאָזיקער צוזאַמענפאָר איז צושטאַנד געקומען און עס איז אויסגעוויילט געוואָרן אַן אויספיר־קאָמיטעט. אויפן לשון פונעם באַריכט הייסט עס, אַז די קלעריקאַלן „האָבן זיך געקליגט אויסצונוצן דעם פאַרזען פון די קרייזישע (קרייז־אַדמיניסטראַטיווע) מאַכט־אָרגאַנען אין קאָראָסטען" (אַ קליין שטעטל אין קיעווער גובערניע) — זיי האָבן, הייסט עס, אָפּגענאַרט די ראַטן־מאַכט און דורכגעפירט אַ שטיק קאָנטער־רעוואָלוציע...

אויף דער זעלבער באַראַטונג האָט אויך די ווייסרוסישע „יידביוראָ" אָפּגעגעבן אַ באַריכט, און אויך זי האָט זיך געקלאָגט אויף די זעלבע „קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע" דערשיינונגען אויף דער יידישער גאַס אין ווייסרוסלאַנד: „דער קלעריקאַליזם האָט זיך ביי אונדז די לעצטע צייט פאַרשטאַרקט... מיר האָבן פאַלן פון אָרגאַניזירטע תלמוד־תורהס, וועלכע ווערן אויסגעהאַלטן מיט עסן און קליידונג". און מ. ליטוואַקאָוו אַליין האָט אין זיין רעפעראַט גערעדט וועגן דעם, אַז „מען הייבט אָן רעסטאַווירן חדרים און ישיבות, מע פּרואווט אויפשטעלן די מאַכט פון רבנים". און עס איז דעריבער נישט קיין וואונדער, וואָס די באַראַטונג האָט אין איר רעזאָלוציע גערופן צו „באַנייען דעם קאַמף מיט די חדרים און ישיבות".

צי האָט דער אויבן־דערמאָנטער אָרגאַניזירטער קהילות־פאַרבאַנד און זיין אויספיר־קאָמיטעט געפירט עפּעס אַ טעטיקייט? וואָס איז געווען דער פאַקטישער גורל און טעטיקייט פונעם חדר אין די ווייטערדיקע יאָרן? אויף דעם אַלעם איז נישט צו געפינען קיין ענטפער אין די יידיש־קאָמוניסטישע קוואַלן. אָבער פון די ידיעות, וואָס מיר וועלן באַלד ברענגען

וועגן דער צווייטער העלפט פון די 30־ער יאָרן, איז געדרונגען, אַז דער חדר האָט אין סאָוועטן־לאַנד ווייטער עקסיסטירט און געמאַכט פּאַרשי־דענע פּרוּוון זיך איינצוהאַלטן און לעבן און אויסצוהאַלטן ביז בעסערע צייטן. פון דער אַנדערער זייט, עס איז באַקאַנט אַז די אָפיציעלע מלוכהשע שול אין דער יידישער שפּראַך האָט אין די 30־ער יאָרן געהאַלטן אין איין דעגראַדירן און זיך פאַרקלענערט אין צאָל; דאָס האָט געוויס געפירט דער־צו, אַז די „רעסטאַווראַציע־פּרוּוון" פונעם „קלעריקאַליזם" זאָלן זיך שטאַרקן און ווערן אַלץ דרייסטער און דערפאָלגרייכער: דער אומלעגאַלער חדר איז אַלץ מער געוואָרן דער סימבאָל און איינציקער „ערזאַץ" פון יידישער דערציאונג.

פאַר פּסח 1937 האָט דער „עמעס" אויפגעהויבן אַ שאַרפע קאַמפּאַ־ניע קעגן די כלי־קודש, רבנים און מלמדים, וועלכע טוען „אונטער דער מאַסקע פון פרייהייט פון געוויסן" — „מאָביליזירן די יידישע מאַסן צום קאַמף קעגן דער ראַטנמאַכט". די יידישע קאָמוניסטישע פּרעסע פון 1937—1938 איז אָנגעפילט מיט מסירות אויף דעם „רעליגיעזן אָפּנייג", וואָס פאַרכאַפּט אַלע שטעט, שטעטלעך און קאָלכאָזן. זיי דערציילן וועגן פּאַרטיי־קאָמוניסטן, וואָס גייען דאַוונען אין די בתי־מדרשים... "שיקן די קינדער אין די געהיימע/חדרים און ישיבות". ווי עס קומט צום אויספיר גר. אַראָנ־סאָן אין זיין בוך „די יידישע פּראָבלעם אין סאָוועט־רוסלאַנד" (ניו־יאָרק, 1944), האָבן אין אָט די יאָרן „נאָך פונקציאָנירט האַלב־לעגאַל און אומ־לעגאַל אַזעלכע חדרים און ישיבות — אָפט באַוועגלעכע, פאַר אָרעמע קינדער — דער לימוד איז בחינם, און דערצו האָט מען געגעבן די תלמידים אָנבייסן, אויך אָן געלט. און די ראָלע פון די מלמדים איז, נאַטירלעך, געוואַקסן, ווי די ראָלע פון די רבנים".

דער זשורנאַל „בעזבאָזשניק" האָט אין סעפּטעמבער, 1938, געשיל־דערט די אַרבעט פון דער יידישער קאָנטער־רעוואָלוציע אין מאָסקווע. זי האָט, לויט אים, געשאַפן פאָנדן און אויפגעבויט „אַ גאַנצע נעץ פון אומ־לעגאַלע חדרים און פון צוויי ישיבות אין מאָסקווע". עס איז אויך באַ־קאַנט, אַז ווי לאַנג דער ליובאַוויטשער רבי י. שניאורסאָן איז געווען אין לענינגראַד, פלעגט ער „באַקומען געלט אויף צו שטיצן געהיימע ישיבות און ער האָט אַנטוויקלט אַ גאַנץ ברייטע טעטיקייט" (ש. גינזבורג, 9־טן מאַי, 1939, אין „פאָרווערטס", ציטירט ביי אַראָנסאָנען).

אין „עמעס" פון 22־טן מאַי, 1937, לייענען מיר: „אין איניקע ערטער האָבן ווידער אויפגעלעבט די מלמדים. אין מאָהילעוו־פּאָדאָלסק לערנען זיך 10 יידישע קינדער פון דער 1־טער שול ביי מלמדים. מלמדים זענען

אויך פאַראַן אין טשערניכאָוויעץ, אין אָוורוטש און אין אַנדערע שטעטלעך. די שונאים זוכן צו פאַרשטאַרקן די רעליגיעזע ווירקונג אויף די קינדער".

אין דער באַשרייבונג פון זיין „רייזע" איבער סאָוועט־רוסלאַנד אין 1940 דערציילט הרב אהרן פעטשעניק אַ סך פאַקטן פון רעליגיעזן לעבן און קולט דאָרטן. אַ פרעמדער אין לאַנד, האָט ער נאַטירלעך זיך נישט אַנגעשטויסן אויף אומלעגאַלע חדרים. די פאַקטן אָבער וואָס ער דערציילט, פאַלן אין גאַנצן צונויף מיט די אַלע אויבנגעבראַכטע ידיעות און ציטאַטעס. אָט איז אַ כאַראַקטעריסטישער פאַקט, וועלכן ער גיט איבער וועגן איינעם אַ יידן אַ חסיד, מיט וועלכן ער האָט זיך געטראָפן אין מאָסקווע: „ער האָט שוין חתונה געמאַכט אַ טאָכטער פון 18 יאָר מיט אַ בחור, וועלכער האָט געלערנט אין אַ געהיימער ישיבה און געקראָגן סמיכה אויף רבנות. אַ זון פון 16 יאָר האָט ער אָוועקגעשיקט אַזש קיין גרוזיע מיט נאָך אַ פּאָר בחורים און זיי זיצן דאָרטן על התורה ועל העבודה ערגעץ אין אַ געגנט, וואו עס איז קיין סימן פון יידן נישטאָ און זיי קענען לערנען אומגעשטערט. מיט אַ לייכטנדיק פּנים ווייזט ער מיר די בריוו פון זיין זון, אין וועלכע ער שרייבט אים די בשורה, אַז זיי שטייגן דאָרטן אין לערנען. ווייטער האָט ער נאָך מיט זיך 3 קינדער אין עלטער פון 5 ביז 10 יאָר. מיט זיי האָט ער ווירקלעך אַ שווערע אויפגאַבע. ער שיקט זיי נישט אין קיין שול און לאָזט זיי כמעט אויפן גאַס נישט אַרויס, און צוליב דעם מוז ער וואוינען אין אַ פאָרשטאָט אונטער מאָסקווע, ווייל ער דאַרף אַלע מאָל בייטן די וואוינונג".

אין די יאָרן פונעם דייטש־רוסישן קריג, אונטערן דרוק פון די אַל־געמיין פּאַטריאָטישע שטימונגען וואָס האָבן אַרומגעכאַפּט דאָס סאָוועטישע רוסלאַנד, האָט זיך געענדערט די רעליגיע־פּאָליטיק פון דער ראַטנמאַכט. מיט אַמאָל איז געמאָלדן געוואָרן דורך די סאָוועטישע ממונים איבער די ענינים פון דער פּראַוואָסלאַוונער קירך, אַז

„לויט אונדזערע געזעצן מעג יעדער איינער יאָ אָדער נישט געבן זיינע קינדער אַ רעליגיעזע דערציאונג, רעליגיע טאָר נאָר נישט געלערנט ווערן אין די מלוכה־שולן. עלטערן קענען געבן זייערע קינדער אַ רעליגיע־זע בילדונג ביי זיך אין דער היים, אָדער מע קען זיי שיקן אין די היימען פון די רעליגיעזע פירערס. קינדער פון וועלכן ס'איז עלטער קענען אַלע אין איינעם אַלס אַ גרופּע קריגן רעליגיעזן אונטעריכט".

אָט דער ראַדיקאַלער קער אין דער באַהאַנדלונג פון רעליגיע אין סאָוועט־רוסלאַנד, איז געווען מסוגל צו ברענגען אַן ענדערונג צום גוטן אויך אין דער לאַגע פון דער יידישער רעליגיעז־דערציִערישער אינסטיטו־ציע — דעם חדר. אָבער דאָס יידישע לעבן אין סאָוועט־רסלאַנד האָט זיך

שוין געקייקלט צום טראַגישן באַרג־אַראָפּ. פריער די דייטשע שחיטות, שפּעטער דער אַנטי־יידישער קורס פון דער קאָמוניסטישער מאַכט. וועלכער האָט זיך פאַרענדיקט מיט דער פאַרניכטונג פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור אין ראַטנרוסלאַנד, — האָט געמאַכט אַ סוף צו יידיש לעבן דאָ. דעם חדר איז נישט באַשערט געווען צו געניסן פון די נאָך־מלחמה־ענדערונגען אין לאַנד. ווי אַ סימבאָל פון סאָוועטיש־ייִד' לעבן איז פאַרבליבן די מאָסקווער סינאַגאָגע מיט איר באַרימטן רב... עס איז פאַרשוואונדן דאָס עפנטלעכע יידישע לעבן, און צוזאַמען מיט דעם איז אַראָפּ פון סדר היום — דער חדר...

דער וועג צו אַ שול אויף ייִדיש.

א. די שבת־שולן און די אָוונטשולן.

אנהייב די זעכציקער יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט האָט די ייִדישע אינטעליגענץ אָנגעהויבן זיך אַראָפּצולאָזן פון די הויכן פון דער השכלה־אַבסטראַקציע און זיך געפּרוווט שטעלן מיט ביידע פיס אויפן באָדן פון דער ייִדישער ווירקלעכקייט. די דאָזיקע דערשיינונג האָט זיך אויסגעדריקט אין עטלעכע אופנים. איינער פון די איז געווען — דאָס אָנהייבן גרינדן שבת־שולן פאַר יוגנטלעכע און דערוואַקסענע. ווי אין אַ סך אַנדערע פּרטים, איז אויך אין דעם פּרט די שטאָט אָדעס געווען די פּיאָנערין. אין 1859 האָט ד״ר גאָלדענבלום דאָ געעפנט מיט דער דערלויבעניש פון דער מאַכט די ערשטע ביי ייִדן אין רוסלאַנד „שבת־שול״. געלערנט האָט מען אין דער אמתן דריי מאָל אַ וואָך; דער עלטער פון די שילערס איז געווען פון 12 ביז 20 יאָר. אין 1859 און 1860 איז דאָ אָנגעקומען 314 תלמידים, אין 1861 — 89. אָבער אָדעס איז נישט געווען די איינציקע שטאָט אין דעם פּרט. באַלד האָבן נאָכגעטאָן דאָס זעלבע אויך אַנדערע ייִדישע שטעט. סוף 1860 איז אין ווילנע אַרויסגעגעבן געוואָרן צוויי ייִדן — גאַרבערן און אופּנבאַכן — די דערלויבעניש צו עפענען אַ „יום־טוב־שול פאַר בעלי־מלאכות״. אין די זעלבע יאָרן זענען געווען טעטיק שבת־שולן אין באַרדיטשעוו, זשיטאָמיר, פּאָלטאַווע, מינסק, יעליסאַוועטגראַד, קאַמענעץ־פּאָדאָלסק א״א.

גאַנץ רוסלאַנד איז דעמאָלט געגאַנגען אונטער דער דעמאָקראַטישער טענדענץ פון בילדונג פאַר די פאָלקס־מאַסן. אויף דער רוסישער גאַס איז געווען אַ שטאַרקע באַוועגונג צו עפענען זונטיק־שולן. די שבת־שולן זענען טאַקע געווען אַן אָפּקלאַנג פון אָט דער באַוועגונג. מעגלעך, אַז פון די שבת־שולן אויף דער ייִדישער גאַס וואָלט מיט דער צייט אויסגעוואַקסן

א שיינע יידישע קולטור־באוועגונג, וועלכע וואלט זיך אויך אפגערופן מיט דער צייט אויפן גורל פון דער עלעמענטארער שול פאר קינדער. עס איז אבער נישט באשערט געווען.

די רעגירונג האט זיך אין גיכן געכאפט, אז די גרינדערס פון די זונטיק־שולן זענען געקומען צו דער דאזיקער איניציאטיוו מיט נישט קיין „כשרע" פאליטישע כוונות. זי האט דעריבער באשלאסן צו מאכן א סוף מיט אט די „נישט־זיכערע" אנשטאלטן. „די לעצטע צייט — האט זיך גערעדט אין א רעגירונגס־צירקולאר פון יולי, 1862 — איז אויפגעדעקט געווארן, אז אונטערן שיינעם אויסרייד צו פארשפרייטן גראמאטע אין פאלק, האבן שלעכט־דענקענדיקע מענטשן זיך געפרווט אין אייניקע זונטיק־שולן צו אנטוויקלען שעדלעכע טעאריעס, נידערטרעכטיקע אידייען, אפיקורסישע באגריפן וועגן פריוואט־אייגנטום־רעכט און אנטי־רעליגיע". האט די רעגירונג נישט געמאכט קיין לאנגע שהיות, און די זונטיק־שולן אינע נאך דער צווייטער געשלאסן. און, פארשטייט זיך, די יידישע שבת־שולן האבן נישט אויסגעמיטן דעם זעלבן מזל. אויך זיי זענען צו ביסלעכווייז ליקווידירט געווארן. זיי זענען אונטערגעגאנגען נאך איידער זיי האבן זיך צעבליט. אין 1863 איז פון זיי אלע געבליבן נאר איין איינציקע שבת־שול אין אדעס.

אבער די שבת־שול און די אוונטשול איז פארט געווען אן ענין פון גרעסטן באטייט פארן יידישן לעבן, וואס האט געהאלטן אין איין אנטוויקלען זיך. עס וואקסט די צאל ארבעטער און ארבעטארינס אין די גרעסערע שטעט. די יידישע אינטעליגענץ פילט איר חוב צו אט די דערוואכנדיקע מאסן. און עס הערן נישט אויף די פרוון צו לעגאליזירן אזעלכע שולן פאר דערוואקסענע אין די שטעט פון יידישן תחום. זייער אינטערעסאנט און טיפיש איז דאס, וואס עס דערציילן די ביאגראפן פון י. ל. פרץ: אין 1882 פלעגט פרץ אלע שבת האלטן אין זאמאשטש פארלעזונגען וועגן יידישער געשיכטע. צוזאמען מיט עטלעכע אנדערע יונגע אינטעליגענטן האט ער געגרינדעט אוונטקורסן פאר ארבעטער און בעלי־מלאכות. אחוץ רעכענען, לייענען און שרייבן, האט מען אויף די דאזיקע קורסן געלערנט „פרקי אבות" און געהאלטן רעפעראטן וועגן די תנאים און די גרויסע יידישע געלערנטע. מיר ווייסן נישט, צי די דאזיקע קורסן זענען געווען לעגאליזירט ביי דער מאכט. אין אזא יידיש שטעטל, ווי זאמאשטש, איז מסתמא נישט שווער געווען זיך צו באגיין אן אזא פארמאליטעט.

עס איז אונדז געבליבן אַ רשימה*) פון אַזעלכע אַנשטאַלטן אויפֿן שוועל פון פּאַריקן יאָרהונדערט. עס זענען צו יענער צייט געווען שבת־שולן און אָוונט־שולן אין די ווייטערדיקע שטעט: אַקערמאַן, ווילנע, האָ־מעל, גראָדנע, יעקאַטערינאָסלאַוו, קערטש, קישינעוו, קאָוונע, לאָדזש, מאַריופּאָל, טאָמסק, כאַרקאָוו, כערסאָן, פּעאָדאָסיע.**) קיין שום ספק נישט, אַז נאָך גרעסער איז געווען די צאָל אַזעלכע אַנשטאַלטן, וועלכע זענען נישט געווען לעגאַליזירט אָדער וועלכע זענען נישט געווען באַקאַנט דער דערמאָנטער חברה.

די אַלע אינסטיטוציעס האָבן געטראָגן טיילווייז אַ קולטור־פילאַנטראָ־פּישן כאַראַקטער. אינטעליגענטע מיידלעך און סטודענטן האָבן געלערנט אומזיסט. מען האָט רחמנות געהאַט אויפֿן יידישן פּועל און לערן־יינגל, אויף דער אָרעמער שניידער־מיידל און זאָקן־מאַכערין. אַמאָל האָבן זיך אין אַזאַ מין אַרבעט אויסגעלעבט גייסטיק און געזעלשאַפטלעך אייניקע ווירקלעך־אינטעליגענטע יונגעלייט מיט אַ פֿאָלקסטימלעכער איינשטעלונג, אַט אַזוי ווי פּרץ אין זאַמאָשטש. אַ טיפּישע באַשרייבונג פון אַט דעם מין אַנשטאַלטן האָבן מיר אין ביכל פון אַל. צעדערבוים, אין וועלכן ער האָט באַשריבן די שטאָט באַרדיטשעוו, וועדליק ער האָט זי ספּעציעל „אויסגעפּאָרשט" ***). צווישן אַנדערע יידישע אינסטיטוציעס באַשרייבט ער אויך די באַרדיטשעווער שבת־שול, און אַט זענען זיינע ווערטער (דאָס דייטשמעריש פּאַריידישט): „די איינריכטונג האָט מען צו פֿאַרדאַנקען דעם דאָרטיקן ראַבינער ה' פּעסיס, ער פירט עס שוין מיט ענערגיע עטלעכע יאָר און עס גייט גאַנץ גוט. שבת נאָכמיטאָג קומען זיך צונויף 60 און מער שילערס פון פאַרשידענע האַנטווערקער און משרתימלעך, און לער־נען דאָרטן חומש, דאַווינען און רוסיש. ה' פּעסיס האָט צוגעצויגן נאָך מענטשן צו זיך, וואָס העלפן אים אונטעריכטן אומענטגעלטלעך... די תלמידים פּראָפּיטירן פאַרהעלטעניסמעסיק פיל. נישט לאַנג האָט ה' פּע־

---

*) זאַמלבוך פון דער חברה מפיצי השכלה אויף רוסיש „ספּראַוואָטש־נאַיאַ קניגאַ" אַאַז"וו, 1901.

**) אין קאָוונע האָט די אָוונטשול פאַר מיידלעך געהאַט אין די יאָרן 1899—1900 — 165 שילערינס, מיט 36 לערערינס. אין כאַרקאָוו האָט די אָוונט־שול געהאַט 200 שילערינס, ביי 56 לערערינס — מען האָט גע־לערנט אין גרופּעס.

***) „דיא געהיימניסע פון בערדישוב, איינע קאַראַקטער שילדערונג דער דאָרטיקן יודישען געמיינדע, אַלס מוסטער דער יודישען דיטשטען", וואַרשע, תר"ל, 1870.

סים געקראָגן 100 רו"כ פונעם מיניסטעריום דער אויפקלערונג... צום אויסהאַלטן די שולע, וועט ער פאַרשפּאָרן צו זאַמלען נדבות" (ז. 54).

נישט געקוקט אויפן אָנגעוויזענעם כאַראַקטער פון די אַלע אַנשטאַלטן און פון זייערע גרינדערס און מיטאַרבעטער, האָט מען דאָרטן צוביסלעך זיך פאַרטראַכט אויף דער ראָלע פון דער יידישער שפּראַך. וועגן דעם זאָגן עדות די סטאַטוטן פון די שבת־שולן, וועלכע האָבן געדאַרפט באַשטעטיקט ווערן פון דער מאַכט. מיר וועלן דאָ ברענגען די אַנטשפּרעכנדיקע אויסצוגן פון די סטאַטוטן פון אַנשטאַלטן אין צוויי רוסיפיצירטע שטעט: אינעם סטאַטוט פון דער כאַרקאָווער שבת־שול האָבן מיר אַזאַ פּאַראַגראַף (11): „אַלע לימודים אין שול ווערן געפירט אין דער רוסישער שפּראַך, מיטן באַנוצן פונדעסטוועגן פאַר די אָנפאַנגערס, אויב נייטיק, די יידישע שפּראַך". אויך דער סטאַטוט פון דער שבת־שול ביי דער אָדעסער פּראָפעסיאָנעלער מיידל־שול פון מ. י. גלאַזער (באַשטעטיקט אין 1898; אגב האָט די שול, ווי מיר איז באַקאַנט, שטענדיק געהאַט א ראַדיקאַלן עלעמענט לערערס) האָט געהאַט אַן ענלעכן פּונקט: „די שבת־שול האָט דעם ציל צו לערנען די שילערינס יידישן גלויבנס־געזעץ, פאַרבונדן מיט דער יידישער שפּראַך" אאַז"וו. די פּראָגראַם פון ערשטן לערניאָר איז געווען לויטן סטאַטוט: „לערנען צוזאַמען לייענען און שרייבן אויף יידיש". פּרינציפּיעל האָט די שול־מאַכט געפאָדערט, אַז אַלץ זאָל געלערנט ווערן אויף רוסיש, — אַזוי איז געווען ביי די עלעמענטאַר־שולן און אַזוי ביי די שבת־און אָוונטשולן. די רוסישע שפּראַך איז געווען פאַרפליכטנדיק. אָבער פּראַקטיש אין דער אַרבעט האָבן די לערערס פון די אָוונטשולן א סך גענוצט די יידישע שפּראַך, — איבערהויפּט פאַר די אַלגעמיינע לעקציעס און פאָרלעזונגען מיטן „בישוף־לאַמטערן", וואָס דאָס פלעגט איינגעאָרדנט ווערן פאַר אַלע צוהערערס פון אַלע קלאַסן אויף אַמאָל. עס איז געווען נאַטירלעך, אַז ביי שול־יום־טובים זאָל מען אַלץ אָפטער איינפירן אין די פּראָגראַמען רעציטאַציעס אויף יידיש, געזאַנג אויף יידיש אאַז"וו. דאָס האָט געשאַפן אַן אינטימע אַטמאָספער, און דאָס האָט שוין געפירט צו דעם, אַז אויך ביי די וואָכעדיקע לימודים, און נישט דווקא מיט די אָנפאַנגערס, זאָל באַנוצט ווערן אַלץ מער די יידישע שפּראַך. די ערשטע לערנביכער אויף יידיש און די ערשטע פּאָפּולאַריזאַציעס פון נאַטור־וויסנשאַפט וכד', זענען טאַקע געווען צוגעפּאַסט צו די אָוונטשולן און זייער אוידיטאָריע. אַזוי אַרום זענען די אָוונטשולן געווען די ערשטע טרעגערס פונעם געדאַנק וועגן יידיש ווי אַ לערנשפּראַך אין שול. זיי זענען געווען די פּאָרקעמפּערס פון דער מאָדערנער יידיש־וועלטלעכער שול.

גאָר אַ נייער שווונג און פאַרמעסט קומט אין דער אַנטוויקלונג פון דער אָוונטשול מיטן מאָמענט, ווען די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג רייסט דורך די ראַנגאַטקעס פון די ענגע „קרייזלעך" און פאַרוואַנדלט זיך אין אַ גרויסער מאַסן־באַוועגונג. די דאָזיקע באַוועגונג שטרעבט אויסצונוצן די אָוונטשול ווי אַ געווער פון אויפקלערונג און ווי אַ לעגאַלן צענטער פאַר דער אומ־לעגאַלער אַרבעט פון דער פּאַרטיי („בונד"). די קולטור־אַרבעט בכלל און די אָוונטשול בפרט ווערן אַן אָרגאַנישער טייל פון דער סאָציאַליסטישער טעטיקייט. און אַזוי ווי די גאַנצע אַרבעטער־באַוועגונג איז געווען געבונדן מיט דער יידישער שפּראַך, איז אויך אָט דער נייער טיפּ אָוונטשולן געווען באַזירט אויף יידיש. אַ נייער עלעמענט לערערס האָט זיך דאָ געזאַמלט, סאָציאַליסטן אָדער לפּחות סימפּאַטיקער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג.

אַ שיין קאַפּיטל האָט אַריינגעשריבן אין דעם פּרט ווילנע, דאָס וויגעלע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. איינער פון די פּיאָנערן פון „בונד" פּאַוועל ראָזענטאַל, האָט נאָך אין 1897, צוזאַמען מיט נאָך צוויי יונגע סטודענטן, געגעבן די איניציאַטיוו פאַר אַן אָוונטשול אין ווילנע. עס איז געלונגען צו געווינען פאַר דער זאַך איייניקע פאָרשטייערס פון דער ווילנער יידישער געזעלשאַפט און אויך עטלעכע לערערס. מען האָט צוזאַמענגע־שטעלט אַ געהעריקן סטאַטוט און אָנגעגעבן דער שולמאַכט צוזאַמען מיט אַ ביטע צו דערלויבן עפענען אַן אָוונטשול פאַר דערוואַקסענע. אָבער די צאַרישע ביוראָקראַטן האָבן שוין געהאַט אַ קלאָרן באַגריף וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס, און זיי האָבן פאַרשטאַנען, מיט וואָס אַזאַ אָוונטשול שמעקט, הגם די ביטע האָבן אונטערגעשריבן דורכויס „כשרע" און "פיינע" לייט. די פּראָצעדור פון באַקומען ביי דער מאַכט די דערלויבעניש אויף דער שול האָט זיך דעריבער פאַרצויגן, נישט מער און נישט ווייניקער ווי אויף פינף יאָר. ערשט אין 1901 האָט זיך ענדלעך באַקומען די דערלויבעניש. לויטן סטאַטוט האָט זיך די שול גע־דאַרפט געפינען ביי דער „צדקה גדולה" און פאַר פאַרוואַלטערין פון דער שול איז באַשטימט געוואָרן די באַקאַנטע ווילנער פּעדאַגאָגין פּ. ר. מאַר־קוסאָן. די צילן פון דער שול זענען אין סטאַטוט געווען אַזעלכע: אויס־לערנען רוסיש און חשבון און באַקענען מיט די יסודות פון דער יידישער אמונה; די אונטעריכט־שפּראַך איז רוסיש, עס ווערט אָבער דערלויבט צו געבן דערקלערונגען אין יידיש. די דערלויבעניש איז געווען נאָר אויף אַ פּרויען־שול; אַ פּאַראַלעלע מענער־אָוונט־שול האָט זיך איינגעגעבן צו עפע־נען ערשט אין 1904.

דער דערפאָלג פון דער ווילנער אָוונטשול איז געווען זייער גרויס: עס האָבן זיך פאַרשריבן 300 שילערינס. ביידע שולן צוזאַמען האָבן געהאַט אַ

גרויסן לערער־פֿערסאָנאַל פֿון 32 מיטאַרבעטער. דער בלי־פֿעריאָד פֿון דער דאָזיקער אָוונט־שול זענען געווען די יאָרן 1906—1911. אין משך פֿון די יאָרן האָט זיך דער פּנים פֿון דער שול ראַדיקאַל געביטן; „די סאָציאַליס־טישע אינטעליגענץ, פּאַקטיש דער „בונד", באַקומט די גרעסטע השפּעה אויף דער שול. אַלס לימודים־שפּראַך ווערט איינגעפֿירט יידיש, פֿאַרשטייט זיך — אומלעגאַל; דער לערן־פּלאַן באַקומט אַזאַ אויסזען: 2 שעה רוסיש, 2 שעה יידיש, שבת אָנשטאָט די לעקציעס פֿון דעם קאַזיאָנעם זאַקאָן באָזשי — פֿאָרלעזונגען און רעפֿעראַטן פֿון נאַטור־וויסנשאַפֿט, געאָגראַפֿיע, גע־שיכטע, אַלגעמיינער און יידישער. מען הייבט אָן צו צאָלן די לערערס. מיט דעם אַוועק צו שאַפֿן אַ זיכערן בודזשעט פֿאַר דער שול, ווערט געגרינדעט אַ פֿאַרזאָרגונגס־קאָמיטעט... בראש פֿון פֿאַרזאָרגונגס־קאָמיטעט האָט זיך געשטעלט ד"ר צ. שאַבאַד, וועלכער האָט איבערהויפּט גענומען אַ טיכטיקן אָנטייל אין לעבן פֿון שול". ביי דער דעמאָלטדיקער אָרעמקייט אין לערנ־ביכער אויף יידיש איז עס געווען אַ שווערע פּראָבלעם פֿאַר דער ווילנער אָוונטשול צו פֿירן אַ סיסטעמאַטישן קורס פֿון יידיש. „פֿון אָנפֿאַנג האָט מען זיך באַנוצט מיט אַזוינע לערנביכלעך, ווי קרינסקיס „דער יידיש־לע־רער", מ. בירנבוימס כרעסטאָמאַטיע פֿאַר אָוונטשול, ח. יאַפֿעס ביכל פֿאַר גראַמאַטיקאַלישע איבונגען און אויסלייגונג. דאָס האָט אָבער קיינעם נישט באַפֿרידיקט, און מען איז געקומען צום געדאַנק, אַז אויב די אָוונטשול וועט אַליין נישט ארויסגעבן קיין נייטיקע לערנביכער, וועט קיינער דאָס נישט טאָן".*) אין רעזולטאַט האָט טאַקע די ווילנער אָוונטשול אַרויסגע־געבן די שפּעטער־באַקאַנט־געוואָרענע כרעסטאָמאַטיע אין דריי טיילן אונ־טערן נאָמען „דאָס יידישע וואָרט". דער צונויפֿשטעלער פֿון דער כרעס־טאָמאַטיע איז געווען מ. אַלגין און די רעדאַקציע איז באַשטאַנען פֿון ג. פּלודערמאַכער, מ. שאַליט, י. ציפּקין און ש. גאָזשאַנסקי (לנו). אויף אַרויס־צוגעבן די כרעסטאָמאַטיע האָט די ווילנער אָפּטיילונג פֿון דער חברה מפיצי השכלה אַסיגנירט 50 רובל און דער פּעטערבורגער קאָמיטעט אירער — גאַנצע 25 רובל. „דאָס יידישע וואָרט" איז געווען אַ גרויס געשעעניש נישט נאָר צווישן לערערס און שולטוערס, נאָר אויך אין ברייטערע קרייזן. אַזוי, למשל, האָט זיך שלום עליכם אָפּגערופֿן אויף דער דערשיינונג פֿון דער כרעסטאָמאַטיע מיט אַזאַ טעלעגראַמע: „מזל טוב! הייסט דאָס, אַז מיר האָבן שוין די ערשטע ליטעראַרישע יידישע כרעסטאָמאַטיע. אין גיכן וועלן מיר שוין קענען מאַכן אַ שהחיינו אויף אַ יידישער גראַמאַטיק!"

---

*) „שול־פּנקס", ווילנע, 1924, ז. 226—229.

די ווילנער אָונטשול האָט זיך שטאַרק צעוואַקסן. יינגער פון 16 יאָר האָט מען דאָ קיינעם נישט אָנגענומען, האָט זיך דעריבער געפילט אַ גרויס באַדערפעניש אין אַ שול פאַר יוגנטלעכע, און אין 1914 איז טאַקע באַשאַפן געוואָרן ביי דער אָונטשול פאַר דערוואַקסענע אויך אַ שול פאַר יוגנט. עס האָבן זיך דאָ געלערנט 150 שילערס, איינגעטיילט אין דריי גרופעס. גלייכצייטיק איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ נייע אינסטיטוציע — דער ערשטער יוגנט־קלוב אין ווילנע. די צאָל שילערס אין דעם ווילנער אַנשטאַלט איז געווען: אין 1902 — 180 שילערס; אין 1904 — 400, אין 1909 — 455, אין 1911 — 485, אין 1912 — 610, אין 1915 — 585, אין 1916 — 675. דער סאָציאַלער באַשטאַנד פון די שילערס איז געווען: האַנדלס־אָנגעשטעלטע — 30 פּראָצענט, שניידערס — 25 פּראָצענט, שלאָסערס — 17 פּראָצענט, שטעפּערס — 12 פּראָצענט, זעמשער — 8 פּראָצענט, איינבינדער — 6 פּראָצענט, אַנדערע פּראָפעסיעס — 2 פּראָצענט.

ווי מיר האָבן געזען, איז ווילנע נישט געווען די איינציקע שטאָט אין דעם פּרט. אויך דער „בונד" איז נישט געווען די איינציקע פּאַרטיי, וואָס האָט געשאָנקען אויפמערקזאַמקייט דער אָונטשול. די ערשטע יאָרן האָבן אפילו די ציוניסטן געבויט און מיטגעאַרבעט אין אָונטשולן. אָבער צו אַן אידעאָלאָגישער און פּראַגראַמאַטישער אויך געזעלשאַפטלעכער עליה האָט די אָוונט־שול דערגרייכט בעיקר אין „בונד". די בונדישע פּרעסע האָט נישט אויפגעהערט מאָנען און דערמאָנען וועגן דעם. אָט איז איין ביישפּיל: אינעם לייטאַרטיקל פון יובל־נומער פון דער בונדישער „די האָפענונג" (25־טן סעפּטעמבער, 1907, ווילנע) לייענען מיר:

„אַ געוויסע צייט אין דער אָונטשול מוז געווידמעט ווערן אויף לערנען רוסיש, און ווען די אָונטשול וועט זיך נישט שטעלן קיין אוממיגלעכע צילן בנוגע דער שפּראַך און וועט נאָר שטרעבן צו געבן די שילערס געוויסע קענטעניש אין רוסיש, אויף וויפל עס איז נייטיק אין טעגלעכן לעבן, וועט זי דאָס אויך קענען דערפילן. נישט אָפּגעבנדיק דערויף פיל צייט. אָבער דער איבעריקער אונטעריכט דאַרף געפירט ווערן אויף יידיש. יידיש דאַרף אויך געלערנט ווערן ווי אַ שפּראַך. ס'איז אַ פאַקט אַז די צאָל אַרבעטער און איבערהויפּט אַרבעטאָרינס, וועלכע קענען נישט לייענען קיין יידיש, איז פיל־פיל גרעסער ווי מען שטעלט זיך דאָס פאָר... קעגן די אַסימילאַטאָרישע שטרעבונגען, וועלכע נעמען אָפּ ביי דער אָונטשול כמעט איר גאַנצן ווערט, דאַרפן די אַרבעטער אַנטקעגנשטעלן זייערע שטרעבונגען. זיי דאַרפן זען, די שולן זאָלן דינען זייערע אינטערעסן. וווּ עס איז מיגלעך, וווּ עס דערלויבט דער סטאַטוט, קענען די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען גרינדן אייגענע אָונטשולן... איצט פאָדערט דאָס גרינדן נישט אַזוי פיל צייט

און מי ווי פריער. וו עס עקסיסטירן שולן, דארפן די ארבעטער־ארגאני־
זאציעס שטרעבן צו האבן אויף זיי א ווירקונג, פאדערן ביי די פעדאגאָ־
גישע ראטן, ביי די געזעלשאפטלעכע אנשטאלטן וועלכע סובסידירן די שולן,
ס'זאל דארטן געלערנט ווערן אויף יידיש, דארטן זאל מען לערנען אזוי
און דאס, ווי און וואס ס'איז נייטיק פארן יידישן ארבעטער".

מיט ווילנע האט קאנקורירטווארשע, וו עס איז אויך געווען א שטאר־
קע יידישע ארבעטער־באוועגונג, בראש מיטן „בונד". דא האט זיך באריזמט
געמאכט מיט איר טעטיקייט די יידישע סעקציע ביים ווארשעווער „אוני־
ווערסיטעט פאר אלעמען". דער אוניווערסיטעט האט געהאט א גרויסן פאר־
נעם: עס האבן זיך געפירט אויף 5 פאקולטעטן סיסטעמאטישע קורסן און
אויך עפנטלעכע פארלעזונגען איבער איינצלנע טעמעס. גלייך פון אנהייב
האט א גרופע יידישע אינטעליגענץ אויסגעפועלט, מע זאל ארגאניזירן אויך
לעקציעס אויף יידיש, און אזוי ארום איז אנטשטאנען די „זשארגאנישע
סעקציע" פונעם אוניווערסיטעט. אנגעהויבן האבן זיך די יידישע לעקציעס
דעם 7־טן פעברואר, 1907, און זיך געענדיקט אין דער ערשטער העלפט
יולי. עס איז געווען א גוואלדיקער מאנגל אין לעקטארן אויף יידיש. בלויז
דריי לעקטארן האבן געפירט די עפנטלעכע פארלעזונגען, און דאס זענען
געווען: י. ל. פרץ, ד"ר ג. לעווין און ל. הערש. עטוואס בעסער איז געווען
מיט די סיסטעמאטישע קורסן: דא האבן שוין געלייענט אויף יידיש 18
לעקטארן. אבער אויך דאס איז געווען נישט גענוג אויף צו באפרידיקן דעם
גוואלדיקן דראנג פון די יידישע ארבעטער־מאסן צו בילדונג און קולטור.
די דורכשניטלעכע צאל צוהערערס אויף די יידישע עפנטלעכע פארלעזונ־
גען איז געווען 758 מאן, בעת אויף די פוילישע האט די צאל אויסגעמאכט
נישט מער ווי 438. בסך הכל זענען געווען אויף די 8 יידישע עפנטלעכע
פארלעזונגען 6,061 מאן — כמעט אויסשליסלעך ארבעטער און האנדלס־
אנגעשטעלטע. ווי געזאגט, איז איינער פון די לעקטארן געווען י. ל. פרץ,
און זיין טעמע איז געווען „די יידישע פאלקסשאפונג". אויף דער אפטיי־
לונג פון סיסטעמאטישע קורסן זענען געווען 27 קאמפלעטן אויף יידיש
— דאס האט אויסגעמאכט העכער 30 פראצענט פון אלע קאמפלעטן. דער־
ביי האט די צאל יידישע צוהערערס פון די סיסטעמאטישע לעקציעס בא־
טראפן 41 פראצענט פון דער אלגעמיינער צאל צוהערערס אין אוני־
ווערסיטעט בכלל. די צאל צוהערערס אויף יידיש פון געזעלשאפט־
לעכע וויסנשאפטן האט דערגרייכט 9,096, פון נאטור־וויסנשאפט צוזאמען
מיט אריטמעטיק — 3,677. די אלגעמיינע צאל צוהערערס (באזוכן) אויף
יידיש אין די 27 קאמפלעטן איז געווען 15,812. דער דערפאלג פון די

קורסן איז געווען גרויס. די הכנסות פון דער יידישער סעקציע זענען אויף א 300 רובל גרעסער געווען ווי אירע הוצאות.*)

אין צווייטן יאָר פון זיין עקסיסטענץ, אין לערניאָר 1907—1908, האָבן שוין ביים אוניווערסיטעט צוליב פּאָליציייאישע סיבות, די סיסטע־מאַטישע לעקציעס זיך נישט געפירט. ס'איז געבליבן נאָר איין טייל פון דער פריערדיקער טעטיקייט — די עפנטלעכע לעקציעס. אין דעם לערניאָר זענען געווען 19 עפנטלעכע לעקציעס אויף יידיש, אויף וועלכע עס זענען געווען 8,335 צוהערערס, דורכשניטלעך אויף יעדער לעקציע — 439, צו די פריערדיקע דריי לעקטאָרן זענען איצט צוגעקומען גאָזשאַנסקי און לעש־טשינסקי. די טעמעס פון פּרצעס לעקציעס זענען דאָס מאָל געווען: איינ־לייטונג וועגן קונסט און ווי דער לעקטאָר פאַרשטייט די דראַמע; די ראָלע פון טעאַטער אין דער קולטור; דער העלד אין דער דראַמע; דראַמאַטישער מאָמענט; יידיש און העברעיש אין לעצטן מאָמענט. אויסער דער לעצטער האָט פּרץ אַלע זיינע לעקציעס געלייענט צו צוויי מאָל. פּרצעס לעקציעס זענען באַזוכט געוואָרן דורך 4,742 פּערזאָן.

דעם 5־טן יולי, 1907, איז אין ווארשע לעגאַליזירט געוואָרן די „גע־זעלשאַפט צו באַקעמפן אַנאַלפאַבעטיזם". צוליבן שווערן פּאָליציייאישן רעזשים האָט די געזעלשאַפט אָנגעהויבן איר טעטיקייט ערשט אין 8 חדשים אַרום. דעם 1־טן מערץ 1908 האָט די געזעלשאַפט געעפנט 6 אָוונטשולן, אין וועלכע עס האָבן זיך געלערנט ביז 500 שילערס. געלערנט האָט מען אין די שולן יידיש, פּויליש און אַריטמעטיק. אַלע לימודים זע־נען געווען איינגעטיילט אין פיר שטופעס.

בראש פון דער גאַנצער אַרבעט אין די אָוונטשולן איז געשטאַנען א פּעדאַגאָגישע קאָמיסיע, אויסגעקליבן פון אַלע לערערס. די קאָמיסיע האָט אויך געהאַט א פאַרשטייער אין דער אַלגעמיינער פאַרוואַלטונג פון דער געזעלשאַפט. „אַדאַנק דער דערפאַרונג אין פירן אָוונטשולן וועלכע אייניקע לערערס האָבן שוין געהאַט פון פאַריקן יאָר, אַדאַנק דעם וואָס עס זענען צוגעקומען אייניקע נייע לערנביכלעך פאַר יידיש, איז דאָס לערנען יידיש אוועקגעשטעלט געוואָרן גאָרנישט שלעכט, נישט ערגער און אין אייניקע פּרטים אויך בעסער, ווי דאָס לערנען פּויליש, הגם דאָס לעצטע איז פיל לייכטער אויסצופירן איבער די ספּעציעלע געניטע פּעדאַגאָגישע קרעפטן און פילע לערנביכער, וואָס די פּוילישע שפּראַך פאַרמאָגט".**)

*) זע זמ"ב „די נייע צייט", ווילנע 1908, ב. 2.

**) דוד מ (איר) אין זיין קאָרעספּאָנדענץ אין „נייע צייט", ב. 5—6, ווילנע 1909.

אינטערעסאנט זענען די ציפערן וועגן די יידישע לערנביכער, וואָס זע־נען דורך דער געזעלשאפט פארקויפט געוואָרן די שילערס: קרינסקי, „דער יידישער לערער" — 280 עקזעמפלארן; א. רייזען, יידישע כרעסטאָמאטיע — 160 עקזעמפלאָרן; מ. בירנבוים, כרעסטאָמאטיע — 160 עקזעמפלאָרן; ז. רייזען, יידישע גראמאטיק — 10 עקזעמפלאָרן.

די „געזעלשאפט צו באקעמפן אנאלפאבעטיזם" האָט געפירט איר טע־טיקייט אַן ערך אכט חדשים. צוליב פּאָליציייאישע סיבות האָט איר ארבעט געמוזט אויפהערן. אויך דעם „אוניווערסיטעט פאר אלע" האָט די אדמי־ניסטראציע אָפיציעל געשלאָסן.ביידע פּרעכטיקע אינסטיטוציעס האָבן אויס־געהויכט זייער לעבן פאר דער צייט.

ענלעך איז געווען דער גורל פון די אָוונטשולן און פּאָלקס־אוניווער־סיטעטן אין דער פּראָווינץ. די רעאקציע האָט זיך פארשטארקט, אלץ איז דערשטיקט געוואָרן דורכן רעזשים. אָבער דער היסטאָרישער פארדינסט פון די שבת־שולן און אָוונטשולן איז געווען גרויס, און זייער קולטור־נאציאָנאלע ארבעט איז נישט געגאנגען לאיבוד.

ב. פּרוּוון פון אַ שול אין דער יידישער שפּראַך.

אויפן שוועל פון היינטיקן יאָרהונדערט האָבן מיר אין רוסלאנד עט־לעכע פּרווון צו בויען אַ נאָרמאַלע יידיש־שול, אין וועלכער אַלע לימודים זאָלן געלערנט ווערן אין דער יידישער שפּראַך. די דאָזיקע פּרוּוון קומען מער פון סאָציאַלע, פאָלקסטימלעכע אימפּולסן, איידער פון ריין־פּעדאגאָ־גישע, יידישיסטישע, נאציאָנאלע. זיי זענען מער פון סטיכישן אָפּשטאַם, איידער פון אָרגאַניזירטן, געזעלשאפטלעכן כאראקטער. אָבער די דאָזיקע פּרוּוון פארדינען בפירוש, מע זאָל זיי פאררעכענען פאר די ערשטע נאָר־מאַלע שולן אין דער מוטערשפּראַך פון די קינדער. זייערע איניציאַטאָרן זענען די אמתע פּיאָנערן פון דער מאָדערנער יידיש־וועלטלעכער שול.

נח מישקאָווסקי איז געווען איינער פון אָט די פּיאָנערן. ער דערציילט וועגן די צוויי שולן, וואָס ער האָט געגרינדעט: אין 1898 אין מיר, מינס־קער גובערניע. ווי ער כאראקטעריזירט אַליין זיך, איז ער דעמאָלט „מיט־געריסן געוואָרן אי מיטן ציוניזם, אי מיטן סאָציאַליזם. איך האָב זיך אָפּ־געגעבן מיט אויפקלערונג־ארבעט, איך בין געוואָרן אַ קולטור־טרעגער...
די פראגע וועגן יידיש איז נאָך דאַן ביי אונדז קיין פראגע נישט געווען...
איך האָב דאַן אויך נישט געהאַט קיין באַשטימטע מיינונג וועגן דער יידי־שער שפּראַך". אָבער די גאַנצע סביבה איז געווען דורכגעזאַפּט מיט יידיש, און אויף אַ נאַטירלעכן אופן האָט ער — צוזאַמען מיט זיינע מיטארבע־

טער — זיך גענומען דערציען די יידישע קינדער אין דער יידישער שפּראַך. די מירער שול איז געווען אַ נאָרמאַלע עלעמענטאַרע שול. אַלע לימודים זענען אין איר געפירט געוואָרן אין יידיש. זי האָט געהאַט אַרום 40 קינ־דער. פיר לערער זענען אין איר געווען: מישקאָווסקי און זיין שוועסטער, דער סטודענט אהרן לעווין און אַניוטע יאַסעלעווסקי. די שול האָט געווו־נען די וואַרעמסטע סימפּאַטיעס פון די עלטערן, און די קינדער האָבן „פּשוט פאַרגעטערט" די לערער. „די באַציונגען פון די לערער צו די קינ־דער זענען געווען די וואַרעמסטע און פריינדלעכסטע". עס איז, הייסט עס, געווען אַ דערציערישער אַנשטאַלט, געבויט אויף די זעלביקע יסודות פון פרייהייט און חברישקייט, מיט וועלכע עס האָט זיך שפּעטער אַזוי אויסגע־צייכנט דער גאַנצער יידיש־וועלטלעכער שולוועזן.

נח מישקאָווסקי דערציילט אין דעם זעלבן אַרטיקל: „פּרווון צו עפענע־ן אַזעלכע שולן אין יענער צייט זענען געמאַכט געוואָרן אין די אַרומיקע שטעטלעך באַראַנאָוויטש, סטויפּץ, גאָראָדעיע, זאַמיריע און ניעסוויזש". צום באַדויערן, דערציילט ער נאָרנישט וועגן די אַלע אויסגערעכנטע שול־פּרווון, אַחוץ ניעסוויזש. זאָל דאָ אָבער דערמאָנט ווערן ביי דער געלעגנ־הייט, אַז שפּעטער מיט אַ צוואַנציק יאָר, ווען פּוילן אין געוואָרן אַ זעלב־שטענדיקע מלוכה, האָט די נעץ פון די ציש״אָ־שולן ווייטער געציילט אין אירע רייען די יידיש־וועלטלעכע שולן אין מיר, באַראַנאָוויטש, סטויפּץ און נעסוויזש, — די לעצטע אפילו מיט אַן אייגענער גרויסער געביידע.

נח מישקאָווסקי איז געווען דער גרינדער אויך פון דער ניעסוויזשער שול, און ער דערציילט וועגן איר באַריכות. די שול האָט געהאַט אַ 60 קינדער, מער האָט דער לאָקאַל נישט דערלויבט אַריינצונעמען. „די לע־רער האָבן געאַרבעט מיט זעלטענער ליבע און איבערגעבנקייט".

„אַלע לערער — דערציילט נ. מישקאָווסקי — זענען איינגעגאַנגען אויף דעם, אַז אין אונדזער שול זאָל מען לערנען די אַלע דריי שפּראַכן, העברעיש, רוסיש און יידיש. דער לערער־צוזאַמענשטעל פאַר דער ערשטער צייט איז געווען: מאָגילענסקי (דער נישט לאַנג צוריק פאַרשטאָרבענער אין ניו־יאָרק דאָקטאָר איזידאָר מאָגיל), לייבל סלאָנימסקי (איצט דאָקטאָר ל. סלאָנימסקי אין ניו יאָרק), רבקה ליסיצקי (איצט רבקה ווינער, אַ לאַנגיאָריקע לע־רערין אין די ניו יאָרקער שולן פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן), חוה ליפשיץ (איצט אַ דאָקטאָרין אין ראַטן־פאַרבאַנד), משה איזראַיל (אַר־בעט אין ניו יאָרק אין לבנון שפּיטאָל), אַלטער קליאַטשקאָ, די פריילין פּאָמעראַנץ, אַ ווילנערקע, אַ געענדיקטע לערערין און מיין ווייניקייט (לע־רער פון יידיש).

מיר זענען צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. מיר האָבן געדונגען אַ הויז באַשטייענדיק פון צוויי צימערן, אויסגעקלעפּט מודעות אויף אַ פּאָר בתּי מדרשים, דורך וועלכע מיר האָבן געלאָזט וויסן, אַז מיר עפענען אַ יידישע שול, אָנגעגעבן די קעגנשטאַנדן, וואָס מירן לערנען מיט די קינדער, אויך אַז מיר נעמען אָן בלויז קינדער פון אָרעמע עלטערן, און געלאָזט וויסן אין וועלכן טאָג די קינדער זאָלן קומען מיט זייערע עלטערן פאַר רעגיסטראַציע. מיר האָבן פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט אַז די מלמדים אָדער לערער זאָלן אונדז באַשולדיקן, אַז מיר קאָנקורירן מיט זיי. מיר האָבן אויך באַשטעלט אַ גרויסן הילצערנעם טאָוול אויף שוואַרץ געפאַרבט, אויך בענק פאַר די קינדער, זיך באַזאָרגט מיט ביכער, ביכלעך, קליינע טאָוולען מיט גריפּלען פאַר די קינדער, פּאַפּיר, טינט, בלייפעדערס מיט אַ קלאַס־זשורנאַל. פאַרשריבן האָבן זיך גאָר אַ סך נאָר אָנגענומען אין קלאַס האָבן מיר עטלעכע און זעכציק, מיט וועלכע עס האָבן געלערנט זעקס לערערס. און מאָדנע, אַלע עטלעכע־און־זעכציק זענען געווען מיידלעך. קיין איין ייִנגל איז צו אונדז נישט געקומען. די עלטערן, קענטיק, האָבן זייערע ייִנגלעך אונדז נישט פאַרטרויט. די ייִנגלעך זענען פאַרבליבן אין די תּלמוד תּורהס.

„קיין לערן־ביכער האָבן די קינדער נישט געהאַט, אַזוינס איז נאָך דעמאָלט נישט געווען, און אויב איך פּלעג זיך אָנשטויסן אויף אַ ביכל, וואָס איז מער אָדער ווייניקער פּאַסיק פאַר קינדער, איז דאָס ביכל געגאַנגען פון האַנט צו האַנט. און ווי גליקלעך דאָס קינד איז געווען, ווען עס האָט געקראָגן אַזאַ ביכל! אַ גרויסע טובה האָבן אונדז דאַן געטאָן אברהם רייזען און וואַרשאַווסקי, וואָס האָבן צו יענער צייט פאַרעפנטלעכט זייערע לידער. די עלטערע קינדער האָבן זייער ליב געהאַט צו דעקלאַמירן רייזענס פּאָעמען, און נאָך מער האָבן זיי ליב געהאַט צו זינגען אין כאָר וואַרשאַווסקיס פאָלקסטימלעכע לידער. איך האָב זיי אויסגעלערנט דעקלאַמירן אויך לידער פון פרוגן און פרצן. אויף וויפל די קינדער האָבן עס ליב געהאַט, האָט מען געזען פון דעם פאַקט, וואָס זיי פּלעגן עס אויסלערנען זייערע עלטערן. עס איז כמעט נישט געווען קיין אָרעמע הויז אין נעסוויזש, ווו מען זאָל נישט זינגען וואַרשאַווסקיס לידער. כאָטש עס איז באַשלאָסן געוואָרן אַז די שול זאָל זיין אַ דריי־שפּראַכיקע, איז זי אין דער אמתן געווען אַן איין־שפּראַכיקע — אַ יידישע. רוסיש און העברעיש זענען געווען בלויז קעגנשטאַנדן. ערשטנס, האָבן די קינדער קיין אַנדער שפּראַך, אויסער יידיש, נישט פאַרשטאַנען און מען האָט זיי אָן יידיש נאָר נישט געקענט דערקלערן, און צווייטנס האָט נאָך דאַן די טעאָריע פון „עברית בעברית" אָדער „רוסית ברוסית" נישט עקזיסטירט און מיר האָבן

פון דעם נישט געוווסט, אַלע אַזעלכע קענגשטאַנדן ווי יידישע געשיכטע, געאָגראַפיע, אַריפמעטיק, האָט מען געלערנט אין יידיש. דיקטאַט, גע־שפּרעכן, שמועסן מיט די קינדער, זענען אָנגעגאַנגען אין יידיש. די שול איז געווען אַ וועלטלעכע און זי איז נישט געווען אַ צוגאָב צו עפּעס אַן אַנדער שול, נאָר אַ גאַנצע שול, ווו מען האָט געלערנט פון אינדערפרי ביז מיטאָג". *)

די נעסוויזשער שול דאַרף אויך פאַרנעמען דעם ערשטן פּלאַץ אין דער מאַרטיראָלאָגיע פון יידיש־וועלטלעכן שולוועזן: די שול האָט שוין דעמאָלט, אין 1903, זוכה געווען צום גרויסן כבוד, זי זאָל פאַרמאַכט ווערן דורך דער רוסישער פּאָליציי און איר גאַנצער שול־פאַרמעגן זאָל קאָנפיסקירט ווערן.

עס איז קיין שום ספק נישט, אַז אין אָט דעם פּעריאָד זענען געווען אַ סך אַזעלכע שולפּרווון. צום באַדויערן, איז זייער געשיכטע אין ער־גען נישט פאַרצייכנט. חוץ פולע שולן איז דער יידישער שפּראַך, זענען דעמאָלט אויך געמאַכט געוואָרן באַמיונגען איינצופירן די יידישע שפּראַך ווי אַ לימוד אין די עקסיסטירנדיקע רוסיש־יידישע שולן. מיר זענען באַ־קאַנט אַזעלכע פּרוון אין קרעמענטשוג און יעליסאַוועטגראַד (די חברים י. מ. קושניר). איך פערזענלעך האָב איינגעפירט יידיש אין דער פּראָפע־סיאָנעלער מיידלשול אין כערסאָן, אין וועלכער איך האָב מיין ערשטן טריט געמאַכט אַלס לערער (1902—1903). אין 1903 האָט ש. גילינסקי געגרינדעט אַ צוגאָבשול פאַר די קינדער פון תלמוד־תורה אין דוקשט; אַ דרייסיק קינדער פלעגן קומען אויף צוויי שעה אַ טאָג און מע האָט מיט זיי געלערנט יידיש, רעכענען אויף יידיש און אויך רוסיש. די שול האָט עקסיסטירט אַ האַלב יאָר. אַזעלכע אָרגאַניזירטע און סטיכישע עקספּע־רימענטן זענען געווען אַ סך. אין די 507 פּונקטן פון תחום, וועלכע יק"אַ האָט אויסגעפאָרשט אין 1898, איז פאַררעגיסטרירט געוואָרן 94 אָרגאַ־ניזירטע תלמוד־תורהס, דאָ האָט מען געלערנט, חוץ יידישע לימודים, אויך אַלגעמיינע וועלטלעכע; און אין אייניקע פון זיי האָט מען אויך גע־לערנט יידיש.

אַ גאָר היפּשע הילף האָט די חברה מפיצי השכלה אַרויסגעוויזן פאַר די פאַרשידענע טיפּן מיידלשולן. די דאָזיקע שולן האָבן צו יענער צייט געהאַט אַ בעסערן פּעדאַגאָגישן צוזאַמענשטעלן — גאַנץ אָפט לערערינס מיט העכערער בילדונג און מיט פּעדאַגאָגישער צוגרייטונג. און אין די רייען פון אָט דער לערערשאַפט ווערט אַליץ רייפער דער געדאַנק, אַז יידי־

*) „פאָרווערטס", 14 אויגוסט 1949.

שע קענגשטאנדן און יידישע שפראך טארן אין אט די שולן נישט פעלן. דער וויכטיקער טוער פון דער חברה מפיצי־השכלה, מ. קריינין, שרייבט, למשל, אין אויגוסט 1904 („יעווריעיסקאיא שקאלא"): „עס מוז זיין א געוויסער מינימום יידישע קענגשטאנדן, וועלכער איז פאר די מיידלשולן אבליגאטאריש. יידישע געשיכטע, ביבלישע און נאך־ביבלישע געשיכטע ביזן היינטיקן טאג, לייענען און שרייבן יידיש (אין אריגינאל: „יעווריעיסקאיע פיסמא אי טשטיעניע") און קענען די תפילות — אט דאס איז דער מינימום, וואס מוז זיין אין יעדער שול און אוודאי אין אזא שול, וואס ווערט סובסידירט דורך דער געזעלשאפט".

דאס זענען געווען שטימונגען, וועלכע האבן דעמאלט באהערשט א סך לערער און טוערס.

אבער לאמיר זיך אומקערן צוריק צו די פרווון פון פולע שולן אויף יידיש. איינער פון די פריסטע עקספערימענטן איז באקאנט — אין ווארשע. דא אויף קופיעצקא גאס איז געווען א שול פון דער דעמאלט באקאנטער משפחה ברוזעל. די שול האט געטראגן אן אלגעמיינעם בילדונגס־כאראקטער, פאר בעל־הבתישע קינדער — ווארשיינלעך אין דער רוסישער שפראך, אפשר מיט א ביסל פויליש אין געהיים. די ברוזעלס זענען געווען בונדיסטן, טיילווייז סימפאטיקער פון „בונד". ביינוש מיכאלעוויטש דערציילט אין זיינע זכרונות, אז אין 1898—1899 האט מען ביי זיי אין שול אפגעהאלטן נישט־דערלויבטע פארזאמלונגען אין די שבתים, און י. ל. פרץ פלעגט דא האלטן לעקציעס איבער אוראלטער קולטור. די ייגגערע שוועסטער ברוזעל האט לויט דער דערציילונג פון אברהם רייזען איינגעארדנט אין דער דערמאנטער שול נאכמיטאג־קלאסן. און מע האט דא געלערנט יידישע קינדער די יידישע שפראך. מע האט זיי דא אויך מחנך געווען אין סאציאליסטישן גייסט. א. רייזען שרייבט אין זיינע „עפיזאדן פון מיין לעבן": „יענעם ווינטער אין אנפאנג 1900 ... האב איך דער הארציקער גרוזעל (עס איז א גרייז, עס דארף זיין ברוזעל — ח. ש. ק.) אויף איר בקשה אנגעשריבן צוויי לידער פאר די קינדער פון איר שול, פאר א געוויסער פייערונג. ווי איך האב שוין געשריבן, איז די דאזיקע שול געווען די ערשטע, ווו מען האט יידישע קינדער געלערנט נישט נאר די לימודים אליין אין יידיש, נאר יידיש אליין אלס לימוד...

דערפאר איז מיר די שול און שוין אויך די אידעאליסטישע לערערין געווען אזוי טייער... פון דער דאזיקער ליד („ליכט" — ח. ש. ק.) איז שוין אויך ליפע נאוואגרודסקי (ח' עמנואל נאוואגרודסקיס א פעטער — ח. ש. ק.) געווען שטארק צופרידן. ער איז אויך געווען ביי דעם יום־טוב פון די שול־קינדער, צוליב וועלכן די לידער (רייזענס — ח. ש. ק.) זענען

געשריבן געוואָרן. אַט ווי איצט געדענק איך זיין פרייד, ווען איך האָב דאָס „ליכט" און דאָס ערשטע עכטע קינדערליד (וואָס איז פאַרלאָרן געגאַנגען — ח. ש. ק.), אויך וועגן בילדונג, פּאַרגעלייענט פאַר די ליבע קינדער, מיט די ליכטיקע אויגן, וואָס האָבן געלויכטן ווי פייערלעך" (באַנד 1, ז"ז 270-271).

פון אַט דער שילדערונג רייזענס ווערט אונדז גאַנץ קלאָר דער כאַראַקטער פון דעם אַנשטאַלט. ברוזעל — אַ יידישע סאָציאַליסטקע — האָט ליב יידישע קינדער און זייער מוטערשפּראַך. זי שאַפט פאַר זיי אַ געמיטלעכע פרייע אַטמאָספער, זי לערנט די קינדער און דערציט זיי. זי דערציט זיי אפשר סאָציאַליסטיש, אָבער מיט טאַקט, ווייל דאָס זענען דאָך קליינע קינדער פון 10—11 יאָר. עס איז די התחלה פון אַ מאָדערנער יידישוועלטלעכער שול, און אַלץ ביי אומלעגאַלע באַדינגונגען, באַהאַלטן פון דער שולמאַכט, אונטער דער סכנה פון אין גאַנצע שליסן די שול און פון „אַנטשפּרעכנדיקע" רעפּרעסיעס.

די דאָזיקע שול האָט אויף אונדזער דיכטער געמאַכט אַזאַ איינדרוק, אַז ער האָט זיך אין יאָרן אַרום צוויי מאָל אומגעקערט צו דער דערינערונג וועגן איר. אין זיין סעריע אויטאָביאָגראַפישע דערציילונגען אין „פאָרווערטס", אין אַ סקיצע, וואָס טראָגט דעם נאָמען „אין אַ יידישער שול", באַשרייבט אַ. רייזען ווידער אַ מאָל די זעלבע שול מיט דער זעלבער לערערין. אַט זענען אַ פּאָר ציטאַטעס פון דאָרט: „דערווייל זענען אָנגעקומען עטלעכע אָרעם געקליידעטע מיידעלעך פון אַרבעטער-עלטערן, וואָס ווילן, אַז זייערס אַ קינד זאָל קענען אויך יידיש לייענען און שרייבן... צו מאַנכע פון זיי האָט ער זיך געווענדט מיט אַ פראַגע, צי זיי זענען צופרידן צו לערנען זיך יידיש... דער ענטפער איז געווען שעמעוודיק, אָבער מיט אַ באַשטעטיקונג: — מיר האָבן ליב צו לערנען יידיש... מיין מאַמעשי רעדט מיט מיר בלויז יידיש, און מיין טאַטעשי אויך, און מיינע ברידערלעך אויך..." און ווייטער דערציילט אַ. רייזען, ווי די לערערין האָט זיך צו אים געווענדט אין דער אָנוועזנהייט פון די קינדער מיט אַזאַ בקשה: „אַט ווען איר שרייבט עפּעס אָן אַ לידעלע פאַר זיי און דרוקט עס אָפּ... מיר האָבן אַזוי ווייניק פון וואָס צו לערנען זיי... לערנען מיר זיי פון „יוד" די לידער מיט נקודות... שרייבט עפּעס אָן פאַר זיי אַ לידעלע"... („פאָרווערטס", 16-טן סעפּטעמבער 1914).

נאָך אייניקע אינטערעסאַנטע פּרטים געפינען מיר וועגן דער זעלבער שול אין אַ. רייזענס אַרטיקל אין פּעדאַגאָגישן זשורנאַל „אונדזער שול" (אויסגאַבע פון אַרבעטער-רינג, ניו-יאָרק, אָקטאָבער-נומער 1932). דער אַרטיקל הייסט טאַקע „די ערשטע יידיש-וועלטלעכע שול (דערינערונגען)". מיר דערוויסן זיך דאָ, אַז די לערערין ברוזעל איז געווען אַ ייִנגערע שוועס-

טער פון דער אָרגאַניזאַטאָרין פונעם בעקערשטרייק אין וואַרשע אין 1899. דאָס האָט זי, דער לערערינס שוועסטער, איינגעלאַדן פּרצן, ספּעקטאָרן און רייזענען צו דעם אומלעגאַלן ליטעראַרישן אָוונט לטובת די שטרייקערס; ווי באַקאַנט איז דער סוף געווען אַ טרויעריקער: פּרץ און ספּעקטאָר זע־נען אַרעסטירט געוואָרן און זענען אָפּגעזעסן דריי חדשים אין פּאַוויאַק. די לערערין ברוזעל האָט אויף א. רייזענען געמאַכט אַ שטאַרקן רושם: „דער איינדרוק פון די פּאָר מאָל, וואָס איך האָב באַזוכט די שול, איז מיר גע־בליבן פריש ביז היינטיקן טאָג... די קינדער, די שילער און שילערינס — דאָס רוב שילערינס — אַלע פון אָרעמע עלטערן, קינדער פון אַרבע־טער און האַנטפאַשניקעס, האָבן געלערנט אַלץ אין יידיש... לײדער קען איך זיך נישט דערמאָנען דעם מעטאָד פון די לימודים אין דער דאָזיקער שול. איך געדענק נאָר, אַז די חברטע ברוזעל האָט די קינדער געלערנט יידיש, לייענען און שרייבן, און רעכענען. צי האָט די שול געהאַט קלאַסן און וויפל קלאַסן, און ווער האָט געשטיצט די שול — קען איך איצט נישט באַשטימען. איך געדענק נאָר — ביי אַ צוואַנציק־דרייסיק קינדער, אָרע־מינקע אָבער מיט חנעוודיקע פּנימלעך און מיט שוואַרצע אייגעלעך, דופּטנ־דיקע קעפּלעך, זיצן ביי די טישלעך, די העפטן לעבן זיי, און איבער זיי — אַ בייזלעך שמייכלענדיקע — די לערערין ברוזעל, און רעדט מיט זיי און גיט זיי עפּעס צו פאַרשטיין — אויף יידיש". וועגן דער דערמאָנטער פּייע־רונג אין שול דערציילט דאָ א. רייזען: „אין וואָס די פייערונג איז באַ־שטאַנען, געדענק איך נישט. ס'איז אפשר געווען אַ גראַדואירונג. איך גע־דענק נאָר, אַז איך האָב זיך געפילט געשמייכלט, וואָס מיינס אַ ליד ווערט אויסגעהערט ווערן פון אָרעמע קינדערלעך אין אַ יידישער שול".

ווי שוין אויבן דערמאָנט, האָט דער דיכטער אויף דער בקשה פון דער לערערין אָנגעשריבן פאַר די קינדער צוויי לידער: איין ליד האָט געהייסן „ליכט" און איז אַריין אין א. רייזענס געזאַמלטע ווערק. דאָס צווייטע ליד איז געגאַנגען לאיבוד, און דער שרייבער דערציילט וועגן דעם אַזוי: אין דעם ליד „האָב איך באַזונגען די פרייד און דעם נוץ פון לערנען זיך בכלל, פון בילדונג הייסט עס. ווי מיר דאַכט, איז עס געווען אויפן מאָטיוו פון אַ שולליד, וואָס איז איבערגעזעצט געווען אין רוסיש: „נאַ לוזשאַיקיע שום אי קריק", און האָט פאַרגעשטעלט אַ בילד, ווי קינדער לערנען די רוסישע אַזבוקע... פון דעם ליד געדענק איך איצט אפילו קיין שורה נישט. כ'האָב עס גלייך נאָך דער פייערונג פאַרניכטעט, כאָטש געפעלן איז עס די קינדער געווען שטאַרק. אָט ווי איצט זע איך ווי זייערע פּנימלעך האָבן אויפגעלייכט ביי יעדער גראַם".

אָט אַזוי האָט אויסגעזען די ערשטע אָדער איינע פון די ערשטע שולן אויף יידיש, מיט 55 יאָר צוריק. ריכטיקער איז אפשר צו זאָגן: נישט די

ערשטע שול, נאָר דער ערשטער פּרווו פון לערנען יידיש מיט די קינדער סיסטעמאַטיש אין אַ קלאַס.

דער „אמתער" פּרווו פון אַ וואָרמאַלער, פולער שול אין דער יידישער שפּראַך איז געקומען מיט אַ 10—12 יאָר שפּעטער, אין רעזולטאַט פון גרויסע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען און פון רייפקייט פון פּעדאַגאָגישן געדאַנק.

און דערווייל איז ווייטער אָנגעגאַנגען דער פּראָצעס פון אַריינברענגען יידיש ווי אַ לימוד אין די עקסיסטירנדיקע שולן. עס האָבן אַלץ מער געוואָגט די לערערס, עס האָבן געוואָגט די שול־פאַרוואַלטונגען. די אויפגעבליטע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, די רעוואָלוציאָנערע סיטואַציע פון 1905, די קולטור־נאַציאָנאַלע לאָזונגען האָבן געטאָן זייערס, און עס האָבן זיך אַלץ מער באַוויזן שולן, וווּ יידיש איז געלערנט געוואָרן ווי אַ לימוד — יידישע שפּראַך און ליטעראַטור, און אַ מאָל אויך יידישע געשיכטע אויף יידיש. ווען די חברה מפיצי השכלה האָט פאַרעפנטלעכט איר באַריכט פאַרן לערניאָר 1909—1910, האָט זיך אַרויסגעוויזן: פון די 53 שולן, וואָס זי האָט דאָס יאָר סובסידירט — האָבן געלערנט יידיש — 8 ייִנגלשולן, 16 מיידלשולן, אַכט געמישטע שולן. דאָס האָט אויסגעמאַכט 57,4 פּראָצענט פון אַלע עלעמענטאַרע שולן (פון די 53 איז געווען 47 אָנפאַנגשולן און 6 אָוונטשולן). דער דאָזיקער באַריכט האָט עדות געזאָגט וועגן אַ גוואַלדיקער ענדערונג אין די בעסערע יידישע געזעלשאַפטלעכע שולן. די נייע שטימונגען און טענדענצן צווישן דער יידישער אַרבעטער־מאַסע און אינטעליגענץ האָבן געהאַט זייער פּעולה. די שול אויף דער מוטער־שפּראַך האָט געקלאַפּט אין דער טיר פון דער יידישער עפנטלעכקייט.

אין 1910 האָט ש. אוסקי דערציילט וועגן אַ בריוו וואָס ער האָט באַקומען פון אַ גרופּע יידישע לערער אין קישינעוו. די לערער שרייבן אים: „... דער דריי־יאָריקער פּרווו צו לערנען אויף יידיש אין דער אָרטיקער געזעלשאַפטלעכער שול האָט באַוויזן, וואָס פאַר אַ סאַניר‎נדיקע באַדייטונג עס האָט פאַר דער שול־יוגנט דאָס שטודירן די מוטערשפּראַך. און אַזוי איז עס נישט נאָר אין דער געגעבענער שול. עס וואַקסט דער אינטערעס אי צו דער יידישער שפּראַך אי צום יידישן בוך. אויף דער ביטע פון די תלמידים אין אייניקע שולן האָבן די לערער אָנגעהויבן פאַרלייענען פאַר די קינדער די ווערק פון שלום עליכם, פּרץ, מ. ראָזענפעלד א"א. אויף די קינדער־אָוונטן האָט מען אָנגעהויבן דעקלאַמירן מיט גרויס דערפאָלג יידישע געדיכטן, אויך זינגען יידישע לידער... מע דאַרף שאַפן אַ קאָמיסיע פון ליטעראַטן און פּעדאַגאָגן, און זי זאָל זאָרגן אַז עס זאָלן דערשיינען אויף יידיש גוטע לערנביכער און קינסטלערישע קינדער־ליטע־

ראטור; און ראשית כל דאַרף מען צוזאַמענשטעלן אַ כרעסטאָמאַטיע וואָס זאָל זיין אויסגערעכנט אויף אַ 4 יאָריקן קורס"...*)

ענלעכע בריוו האָבן די קישעניעווער לערער (לייב מייזיל, שניידער, טיאָמקין א. א. געשריבן צו דובנאָוון, שלום־עליכם א. א. אין 1911 האָבן זיי געגרינדעט דעם פאַרלאַג „פאַר אונדזערע קינדער" און אַרויסגעלאָזט 4 שיינע קינדער־ביכלעך.

אינעם זעלבן לערניאָר 1910 האָט דוד האָכבערג, דער שפּעטערדיקער מחבר פון דעם פּאָפּולערן לערנבוך „די נייע שול", פאַרוואַנדלט די שול אין קרעמענטשוג אין אַ יידישער שול, ווו אַלץ איז געפירט געוואָרן אויף יידיש, און די אַרבעט איז געגאַנגען מיט אַן איבערראַשנדיקן גלענצנדיקן רעזולטאַט. צום גרויסן באַדויערן, פעלן אונדז פּרטים וועגן די אַלע שולן: די אַלע פאַרוואַנדלונגען זענען דאָך אָנגעגאַנגען בשתיקה פאַר דער שול־מאַכט, מע האָט זיך אויסגעהיט צו דערמאָנען אַ וואָרט וועגן אַזאַ שול אין דער פּרעסע. די לערערס ווידער זענען נישט געווען אָרגאַניזירט אין אַ געמיינזאַמער אָרגאַניזאַציע, יעדער האָט געאַרבעט אויף זיין אחריות. אַזוי אַרום איז דער מאַטעריאַל געגאַנגען לאיבוד פאַר דער געשיכטע פון אונדזער יידיש־וועלטלעכן שולוועזן.

ג. די ערשטע צוויי נאָרמאַלע פאָלקשולן אין דער יידישער שפּראַך.

אינעם בונדישן אָרגאַן „די צייט", וועלכער איז אַרויסגעגאַנגען במשך פון אַ פּאָר יאָר אין פּעטערבורג, איז אין נומער 10, 28־טער פעברואַר, 1913, געווען אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל פון יוסף נ. (יוסף נאָוואָמייסקי־גין?) „ווי לאַנג נאָך", און מיר לייענען דאָ: „איין יידישע מוסטער־שול וואָלט מער גערעדט צום ברייטן עולם, איידער צענדליקער פייער־דיקע רעדעס. זאָל דער פאָטער נאָר דערזען, וואָס אַזאַ שול גיט זיינע קינ־דער — וועט ער זיך שוין האַלטן פאַר איר שטאָל און אייזן. דאַרף מען זי אים אָבער ווייזן. וואָרעם דער אויפטו איז ניי, אומגעוויינלעך, אָן אַ ביישפּיל אינעם ביז־אַהעריקן לעבן... אַזאַ שול וואָלט איצט נישט גע־זוען אוממיגלעך צו גרינדן. אויסערע שטערענישן לאָזן זיך ווי עס איז אויב נישט באַזייטיקן, טאָ צייטווייליק פּאַרטושן. שילערס און לערערס וואָלטן זיך געפונען. ביכער? טיילווייז איז דאָ, טיילווייז וואָלט זיי דער נאָכפראַג געשאַפן... זיין אַ „יידישיסט" הייסט נישט נאָר פאַרטיידיקן יידיש מיט ווערטער, נאָר קודם כל שאַפן די יעניקע אַנשטאַלטן, ווו יידיש

---

*) יעווריייסקי מיר, 1910, נומ. 23—24.

זאָל זיך אַנטוויקלען, דאָס הייסט אין ערשטער ליניע די פאָלקשול. אָן אַ שול קאָן נישט זיין קיין קולטור"...

דער שרייבער פון אָט דעם אַרטיקל האָט זיך אָבער טועה געווען, ווען ער האָט געמיינט, אַז אין דעמאָלטיקן רוסלאַנד איז נאָך אַלץ נישטאָ קיין איין פּרווו צו שאַפן אַ נאָרמאַלע פאָלקשול אין דער יידישער שפּראַך. אין דער אמתן זענען שוין אין יענער צייט געווען צוויי אַזעלכע שולן. ביידע זענען אָבער געווען האַלב־אומלעגאַלע, מען האָט זיך געהיט נישט צו דער־מאָנען אין דער עפנטלעכקייט קיין וואָרט וועגן זיי; ווייטער, די יידישיס־טישע לערער האָבן געאַרבעט אויף זייער אייגענער איניציאַטיוו און אח־ריות. און נאָר דערפאַר האָט געקענט געשען, אַז אַ שרייבער אין דער „צייט" זאָל נישט וויסן וועגן די צוויי אינטערעסאַנטע עקספּערימענטן אין קיעוו און וואַרשע. און דאָס איז אויך די סיבה, פאַר וואָס די מאַטע־ריאַלן וועגן אָט די צוויי שולן זענען זייער אָרעם. איך וועל זיך באַמיִען דאָ אויפשטעלן די געשיכטע און די כאַראַקטעריסטיק פון די שולן לויט אַלערליי מאַטעריאַלן וואָס געפינען זיך אין מיין רשות.

* *
*

אין 1911 האָט אַ גרופּע סיימיסטישע און בונדישע לערערס און טוערס אין קיעוו געשאַפן אַ שול אין דעמיעווקע, אַ פאָרשטאָט פון קיעוו מיט אַ געדיכטער יידישער באַפעלקערונג. די שול איז לעגאַליזירט געוואָרן ווי אַ קאָלעקטיווער חדר פון עטלעכע מלמדים. דאָס איז געווען אַ סגולה אין אַ סך פּרטים: אויף אַ חדר האָט די שולמאַכט נישט געלייגט קיין אכט, נישט קאָנטראָלירט די פּראָגראַם און די לערן־שפּראַך (זי איז געווייִנלעך סיי ווי אין חדר געווען יידיש), נישט קאָנטראָלירט די לערנביכער, נישט געשטעלט קיין צו שטרענגע פאָדערונגען בנוגע דער וואוינונג אאז"וו. *)
דער דאָזיקער שול אין דעמיעווקע איז באַשערט געוואָרן צו ווערן אַ מוס־טער פון אַ יידיש־וועלטלעכער שול אין יידיש. אין אַ פּאָר יאָר אַרום האָט זי זיך אַנטוויקלט צו אַ פינפיאָריקער שול מיט 150 קינדער. די שול האָט געאַרבעט די גאַנצע צייט, נישט געליטן פון דער מלחמה פון 1914, און ווען עס איז געקומען די רעוואָלוציע פון 1917, איז די שול איינגעשלאָסן געוואָרן אין דער נעץ פון די פרייע יידישע שולן.

שווער זענען געווען די אַרבעט־באַדינגונגען פון דער דעמיעווקער שול: אָנגעהויבן די אַרבעט האָט מען אָן אַ שום געלט־פאָנד; די דירה פון דער

*) ווי עס דערציילט ש. גילינסקי, האָט דער אָנפירער פון דער שול ברוך שוואַרצמאַן געצאָלט 25 רובל אַ חודש כאַבאַר...

שול איז לחלוטין נישט געווען צוגעפּאַסט פאַר אַ מאָדערנער שול; די אומלעגאַלע באַדינגונגען פון דער אַרבעט האָבן געשאַפן אַ שטענדיקע נערוועזקייט; די שול איז געווען פאַרוואָרפן ערגעץ אין אַ הינטערגעסל פונעם שטעטל; קיין פּראָגראַם, קיין דערפאַרונג איז נישט געווען. און דאָך, ווי געזאָגט, האָט זיך די שול אויפן בעסטן אופן אַנטוויקלט.

די גרינדערס און טיילווייז די לערערס פון דער שול זענען געווען: מיכל לעוויטאַן, לייב בראַווארניק, ברוך שווארצמאַן (שפּעטער דער פאַר־וואַלטער פון דער באַרימטער קינדער־קאָלאָניע אין מאַלאַכאָווקע ביי מאָסק־ווע), שמעון דאָבין (שמעוני), וועלכער איז נאָך דער רעוואָלוציע געוואָרן דער רעדאַקטער פון דעם פּעדאַגאָגישן זשורנאַל „שול און לעבן", אויס־גאַבע פונעם דעמאָקראַטישן לערער־פאַרבאַנד און שולסעקציע פון דער קיעווער „קולטור־ליגע". עס האָבן אויך מיטגעאַרבעט אַ פּאָר יונגע לע־רערינס. איינע פון זיי איז געווען נחמה בריסקין, וועלכע איז אַ געוויסע צייט געווען די פאַרוואַלטערין פון דער שול און איז געשטאָרבן אָנהייב 1916. אין אַן אַרטיקל „אויפן קבר פון אַ יידישער לערערין" („די יידישע וועלט", זאַמלבוך ב', פאַרלאַג „טאָג", פּעטראָגראַד, מערץ, 1916, — דאָס איז פאַקטיש געווען אַ חודש־זשורנאַל, צוליב צענזור־טעמים האָט אָבער יעדער חודש־ביכל געטראָגן אַן אַנדער נאָמען) האָט שמעוני געשריבן: „אַ סך יאָר אַרבעט נחמה אינעם געוויינלעכן טיפּ פון דער יידישער שול, ד"ה אין דער אַלגעמיין־רוסישער שול פאַר יידישע קינדער... נחמה ווערט אַן איבערצייגטע יידישיסטן. און מיט איר שטענדיקער ערנסטקייט, אויפ־ריכטיקייט און גאַנצקייט פון דער נאַטור טרעט זי צו בויען די נייע יידי־שע שול. מיט צוויי יאָר צוריק ווערט זי די פאַרוואַלטערין פון צו יענער צייט דער איינציקער יידישער שול (געמיינט, די דעמיעווקער; צוליב לע־גאַליטעט־טעמים מורא געהאַט זי אָנצורופן ביים נאָמען — ח. ש. ק.)... די שול, אירע אינטערעסן, איר עקסיסטענץ און אַנטוויקלונג — דאָס איז געווען דער דופק פון נחמהס לעבן. די שול — דאָס איז געווען איר טאָג־טעגלעכע אַרבעט, איר וואָך, אויך איר שבת, איר גרויסער יום־טוב. די לעצטע צייט האָבן זיך אין איר נשמה געוועבט פּלענער, ווי אַזוי צו שאַפן פון אָט דער יידישער פאָלקשול אַ זיבניאָריקע פּראָפעסיאָנעלע שול, וואָס זאָל אַרויסלאָזן געזונטע יידישע, נאַציאָנאַל־און דעמאָקראַטיש־דערצויגענע אַרבעטער. דער ביטערער מזל האָט דאָס געוועב איבערגעריסן: דער העלער פלאַם איז אויסגעלאָשן געוואָרן". אָט דאָס איז געווען דער דעמאָלטיקער אידעאַליסטישער טיפּ נייע לערערס, פון וועלכע עס איז אַרויסגעקומען שפּעטער דער יידיש־וועלטלעכער שולוועזן.

ווי געזאָגט, די דעמיעווקער שול איז געווען אַ פולע עלעמענטאַרע שול. די קינדער האָבן דאָ געלערנט אַ פולן טאָג. אַלע לימודים האָט מען גע־

לערנט אויף יידיש. יידיש האָט דאָרט פאַרנומען פונקט אַזאַ אָרט ווי רוסיש אין אַ שול פאַר רוסישע קינדער. די שול איז געווען ריין־וועלט־לעך, קיין העברעיש איז אין גאַנצן נישט געלערנט געוואָרן. הגם דער מאַנגל אין געלט־מיטלען איז געהאַנגען איבער דער שול ווי אַ שטענדיקע סכנה און אַ כראָנישע קרענק, מען האָט שטענדיק געלעבט פון טאָג צו טאָג און נישט געווען זיכער מיטן מאָרגנדיקן טאָג, — האָט דאָך דער טיפער אידעאַליזם פון די לערערס און טוערס אַלץ גובר געווען. נישט איין מאָל האָט זיך געדוכט — אָט־אָט וועט זיך די שול שליסן, קיינע אַפּעלירונגען אין דער עפנטלעכקייט האָבן דאָך נישט געקענט געמאַכט ווערן. אָבער די שול האָט איבערגעלעבט אַלע שווערע צייטן, און דער־לעבט צו די טעג פון דער פולער גלייכבאַרעכטיקונג פון דער יידישער שפּראַך אין דער אוקראַינישער רעפּובליק.

קליין איז געווען די גרופּע, וואָס האָט געשאַפן די שול, אָבער גרויס איז געווען זייער גלויבן און ווילן, און זיי האָבן אויף זייערע שוואַכע פּלייצעס אויסגעטראָגן די גאַנצע שול במשך פון עטלעכע יאָר. די דע־מיעוועקער שול האָט געקראָגן אַ שם אין שטאָט און אַפילו אין לאַנד. ערשט ווען עס איז געקומען די רעוואָלוציע, האָט מען אין דער יידישער פּרעסע אָנגעהויבן רעדן אין דער עפנטלעכקייט וועגן דער דעמיעוועקער שול. אין איינעם אַזאַ אַרטיקל אין דעם אָרגאַן פון די „פאַריינייקטע" — „די נייע צייט" (קיעוו, נומער 4, סעפּטעמבער, 1917) דערציילט מ. לע־וויטאַן:

„נישט קוקנדיק אויף אַלע גרויסע שוועריקייטן, אויף אַלע שרעקלעכע מניעות, האָט די דעמיעוועקער שול אין גיכן אָנגעהויבן צוציען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער קיעווער יידישער דעמאָקראַטיע. דאָס פאַר־וואָרפענע בלאָטיקע געסל אויף דער דעמיעווקע איז געוואָרן אַ צענטער. אַהין פלעגט מען ממש עולה רגל זיין. ס'איז נישט געווען דער טאָג, ווען אַהינצו פלעגן זיך נישט אַראָפּכאַפּן איינער אָדער עטלעכע מענטשן כדי מיט אייגענע אויגן צו זען די וווּנדער וואָס די שול האָט אויפגעטאָן. ווער האָט נישט באַזוכט די דעמיעוועקער שול? לערערס, שרייבער, שול־טוערס, סטודענטן, פּרעבעליסטינס, אַרבעטער אאַז"וו... ס'איז נישט געווען קיין איין מענטש, וואָס זאָל אַוועקגיין פון דאָרט נישט באַגייס־טערט. אַפילו די שונאים, וואָס זיינע געגאַנגען קוקן אויפן בייזן ווונדער, און וואָס האָבן זיך נישט געקענט פאַרשטעלן, ווי לערנט מען דאָס אויף יידיש, וואָס קאָן דאָס זיין פאַר אַ בילדונג נישט אויף רוסיש, און יידיש־קייט נישט אויף העברעיש. די וואָס זענען געגאַנגען מיט דער כוונה צו „שעלטן", האָבן נישט ווילנדיק אָנגעהויבן „בענטשן". היינט וויפל לע־

רערס און לערערינס זענען אדאנק אט די וויזיטן געוואָרן הייסע אָנהענ־
גערס פון א וועלטלעכער שול אויף יידיש!"

„נישט נאָר שטענדיקע קיעווער איינוווינערס, נאָר אויך דורכפאָרערס
האָבן געהאַלטן פאַר זייער חוב צו באַזוכן די שול, וועגן וועלכער זיי האָבן
אַזוי פיל זיך אָנגעהערט".

„אונדזערע קעגנער האָבן אָנגעהויבן פילן, אַז די דעמיעווקער שול
שטייט זיי ווי א ביין אין האַלדז. אַלע מיטלען זענען ביי זיי געווען כשר
אבי אָפּצורוימען זי פון וועג. מען האָט געהעצט די עלטערן, אַלערליי
בילבולים האָט מען אויסגעטראַכט אויף דער שול. ס'האָט אָבער קיין זאַך
נישט געהאָלפן. צווישן דער שול, די עלטערן און די קינדער האָבן זיך
אויסגעוועבט אַזוינע שטאַרקע פעדעם, וואָס נישט די רבנים, נישט די
גבירים און נישט די ציוניסטן זענען נישט בכוח געווען איבערצורייסן
זיי".

„האָט מען זיך גענומען צו דער מאה. די קיעווער מפיצי־השכלה, וואָס
איז אין גאַנצן אַריינגעפאַלן אין די הענט פון באַראָן גינזבורג, האָט איר
אָפּגעזאָגט די סובסידיע. די קהילה האָט איר קיין געלט נישט געגעבן,
קיין זאַך האָט אָבער נישט געהאָלפן. דער מוט פון דער קליינער גרופּע
איז נישט געבראָכן געוואָרן".

דער גרויסער פאַרדינסט פון אָט דער גרופּע איז באַשטאַנען אין דעם,
וואָס זיי האָבן באַשאַפן א געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג אַרום דער דע־
מיעווקער שול. אין קאַמף קעגן דער קיעווער אָפּטיילונג פון דער חברה
מפיצי השכלה זענען אַריינגעצויגן געוואָרן גאַנץ היפשע מאַסן פון דער
אַרבעטערשאַפט און אינטעליגענץ. די פאָרשטייערס פון די יידישע סאָ־
ציאַליסטישע פּאַרטייען און דעמאָקראַטישע גרופּעס האָבן אַטאַקירט דעם
קאָמיטעט פון דער חברה מפיצי השכלה פאַר זיינע אַנטי־יידישע טענ־
דענצן, און געפאָדערט א שטענדיקע סובסידיע פאַר דער דעמיעווקער שול.
דאָס איז געווען די צייט פון אַן אַלגעמיינער אויפלעבונג אין דער יידי־
שער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע איז געקומען צו זיך נאָך דער רעאַק־
ציע פון 1908—1909. אין א ריי שטעט זענען די יידישע סאָציאַליסטן
אַריינגעדרונגען אין די אָפּטיילונגען פון דער חברה מפיצי השכלה און גע־
קעמפט פאַר די רעכט פון יידיש. קיעוו איז געווען איינע פון די דאָזיקע
פּאָזיציעס. מ. לעוויטאַן, מ. ליטוואַקאָוו, ש. דאָבין, א. סלוצקי, י. נאָוואַ־
קאָווסקי, שמואל ווייצמאַן א"א האָבן דאָ געפירט דעם דאָזיקן קאַמף. א
געוויסע צייט האָבן זיי זיך דערשלאָגן א סובסידיע פון קאָמיטעט. א
צווייט יאָר האָבן די העברעיסטן און אַסימילאַטאָרן באַקומען א מערהייט
אויף דער יערלעכער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, און די סובסידיע איז שוין
געווען אין געפאַר. די יידישיסטישע טוערס האָבן גענומען אָנטייל אויך

אין די לאַנד־באַראַטונגען פון דער חברה מפיצי השכלה און אויך דאָרט פאַרטיידיקט די רעכט פון דער דעמיעווקער שול.

אזוי ארום איז די דעמיעווקער שול געוואָרן אַ מוסטער פאַר דער קינפטיקער יידיש־וועלטלעכער שול נישט נאָר אידעיש, שפּראַכלעך, פּעדאַגאָגיש, נאָר אויך געזעלשאַפטלעך, פּאָליטיש.

* *

*

ווענן דער ערשטער שול אין דער יידישער שפּראַך, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין וואַרשע, איז אַ סך מער געשריבן געוואָרן, און דעריבער וועל איך דאָ איר געשיכטע איבערגעבן נאָר בקיצור. די איניציאַטיוו פון דער דאָזיקער שול איז ארויסגעקומען פון אַ גרופּע לערערס און ארבעטער־טוערס, צווישן וועלכע עס זענען געווען: ה. טשעמערינסקי (ר' מרדכלע), ד. ב. סלוצקי, משה קאַץ, מ. גוטמאַן, א. קאַטיק, סוויעטיצקי, מ. בירנבוים, יעקב לעווין ש. גילינסקי א"אַ.

די דאָזיקע גרופּע האָט שוין עטלעכע יאָר געפירט אין וואַרשע אַן עפנטלעכע פּראָפּאַגאַנדע פאַר יידיש און אויך געזוכט עצות ווי אזוי צו עפענען אַ קינדערהיים צי אַ שול אין דער יידישער שפּראַך. מען האָט שוין אפילו געזאַמלט געלט אויף דעם דאָזיקן צוועק. אָבער אחוץ רייןאינערלעכע מניעות איז דאָ געשטאַנען ווי אַ וואַנט די אוממיגלעכקייט צו באַקומען אַ דערלויבעניש פון דער מאַכט אויף אזאַ אנשטאַלט. יידיש איז דאָך געווען קאַטעגאָריש פאַרבאָטן.

ערשט אין 1912 גיט זיך די זאַך איין. אין וואַרשע האָט דעמאָלט עקסיסטירט אַ חברה „חינוך ילדים", וועלכע האָט אויסגעהאַלטן אַן אייגענע שול — אַ האַלב תלמוד־תורה, אַ האַלב „נאַטשאַלנע אוטשילישטשע", אַן אָנפאַנג־שול, אויף רוסיש. די פאַרוואַלטונג פון דער חברה איז געלעגן אין די הענט פון אסימילאַטאָרן. האָט זיך אין 1912 איינגעגעבן דורכצוזעצן פאַר אַ לייטער (דירעקטאָר) פון דער שול דעם אָרטיקן פּעדאַגאָג און יידישיסט ש. גילינסקי. דער לעצטער, געשטיצט דורך דער דערמאָנטער גרופּע יידישיסטן, האָט אין שול דורכגעפירט אַ שטילע רעוואָלוציע: דער ערשטער קלאַס גייט אריבער אין גאַנצן אויף יידיש; שפּעטער הייבט מען אויך אָן צו לערנען אויף יידיש — נאַטורוויסנשאַפט, געאָגראַפיע און געשיכטע. די ערשטע לערערס זענען געווען: י. לעווין, מ. בירנבוים, ש. הורוויץ. מען האָט אויך פאַראינטערעסירט מיט דער שול י. ל. פּרצן, און ער פלעגט אָפט אריינקומען אין שול; די לערערס האַלטן מיט אים באַראַטונגען. די אסימילאַטאָרישע פאַרוואַלטונג איז געווען אויסער זיך פאַר דער „חוצפּה" פונעם נייעם דירעקטאָר; זי איז אָבער גע־

ווען אומבהאלאפן: אין מיטן לערניאר קען מען דאך נישט אפזאגן קיין פארוואלטער פון א שול. דערווייל איז די שול געווארן אלץ פאפולערער, האט געוואונען די סימפאטיע פון די עלטערן און פון דער לערערשאפט. אויף די שפעטערדיקע יארלעכע פארזאמלונגען פון דער חברה „חינוך ילדים" גיט זיך שוין איין אריינפירן מער פאלקסטימלעכע עלעמענטן אין דער פארוואלטונג, און דער כאראקטער פון דער שול ווערט נישט געענ־דערט.

ש. גילינסקי האט שפעטער מיט יארן אליין דערציילט די געשיכטע פון אט דער שול („שול און לעבן", ווארשע, נומער 1—2־10, 20־טער יאנואר 1922), און מיר וועלן ברענגען פון זיין ארטיקל די ווייטערדיקע שורות, וועלכע כאראקטעריזירן די לאגע פון דער שול:

„אין שוליאר 1913—1914, ד"ה דאס לעצטע יאר פארן קריג, ווערן שוין פאקטיש אלע קעגנשטאנדן געפירט אין יידיש. רוסיש ווערט נאר געלערנט אלס שפראך, ווי פויליש און העברעיש. ווען נישט דער אויס־ברוך פון קריג, וואלט די שול זיכער צוגעמאכט געווארן. בעת דעם לעצטן באזוך פון שול־אינספעקטאר, אין מאי, 1914, איז פארגעקומען אזא צופאל: אויף דער פראגע פון אינספעקטאר ביי א שילער פון דער ייִנ־גערער אפטיילונג, ווי טיטולירט מען דעם קיסר, — האט דער שילער, מיינענדיק, אז מע פרעגט ביי אים, וואס ער קען אויף אויסווייניק, שנעל געענטפערט: „קאראווושקא"! (א באקאנט רוסיש פאלקסליד וועג א קיעלע וואס די קינדער האבן מיט א פאר טעג פריער געלערנט).

„...די שול איז געווארן פאפולערער סיי ביי די עלטערן און סיי ביי די לערערס. די לעצטע פלעגן לויפן אנקוקן דעם וווּנדער, ווי אזוי מע לערנט אלץ אין יידיש. די שול האט זיך אויסגעצייכנט נישט נאר מיט דער יידישער אונטעריכט־שפראך, נאר הויפטזעכלעך מיטן נייעם גייסט, וואס האט דארטן געהערשט...

„נאכן אויסברוך פון קריג בלייבט די איינציקע יידישע פאלקשול אין ווארשע הענגען אין דער לופטן. פון זיבן לערערס בלייבן אין דער שול נאר צוויי און שפעטער נאר איינער. די לערערס ווערן געצוווּנגען צו גיין אויף שווארצע ארבעט, כדי די פרייע צייט אפצוגעבן דער שול... עס גיט זיך איין ביי א בודזשעט פון 15—18 רובל א חודש אויסצוהאלטן די שול גאנצע 5 חדשים, ביז עס זענען געקומען צו הילף די פעטערבורגער חברות א"פע (מפיצי־השכלה) און אז"ע (געזונטהייט־געזעלשאפט), וועלכע האבן שוין צו יענער צייט געפירט א ברייטע טעטיקייט לטובת די קינדער פון די היימלאזע".

אזוי ארום האט אין ווארשע, די לעצטע פאר יאר פארן ערשטן וועלט־קריג, עקסיסטירט א דריי־קלאסיקע פאלקשול אין דער יידישער שפראך

(פאַקטיש זענען געווען מער קלאַסן). דאָס לערנען אויף יידיש איז געפירט געוואָרן געהיים פון דער שולמאַכט. אויך אין ווארשע איז געווען אַ געזעלשאַפטלעכע אַטמאָספער אַרום דער שול, און אויך דאָ איז די שול געווען נישט נאָר אַ שפּראַכלעכער עקספּערימענט, נאָר אויך אַ פּעדאַגאָגישער און קולטור־נאַציאָנאַלער.

די צוויי שולן פון קיעוו און ווארשע דאַרפן אַריינגעשריבן ווערן אין דער געשיכטע פון אונדזער מאָדערנעס קולטור־קאַמף, ווי די פּיאָנערן פון יידיש־וועלטלעכן שולוועזן. קיעוו און ווארשע האָבן די ערשטע אויפגעבוים נאָרמאַלע טאָג־שולן, ווו אַלע לימודים פון שול־פּראָגראַם זענען געלערנט געוואָרן אין יידיש. פון די רייען פון דער לערערשאַפט פון אָט די שולן זענען שפּעטער אַרויסגעקומען די ערשטע לערנביכער פון דער נייער יידישער שול. זיי האָבן באוויזן: אַ שול אין דער יידישער שפּראַך איז מיגלעך אויף דער יידישער גאַס, אָבער מע דאַרף פאַר איר קעמפן געזעלשאַפטלעך, אידעיש, פּאָליטיש.

פון איינצלנע פרואוון צו אַ מאַסן-שול אויף יידיש

א. געזעלשאַפטלעכע שולן און רעפאָרמירטע תלמוד־תורהס

צום לעצטן יאָרצענדליק פונעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט איז דער מצב פון יידישער בילדונג געווען אומגעפער אַזאַ: די גרעסטע צאָל קינדער לערנט אין די חדרים; אַ קליינער טייל — אין די מלוכהשע שולן פון פאַר־שידענע טיפּן; אַ גאָר גרויסער פּראָצענט קינדער געפינט זיך אין גאַנצן אויסער דער שול; אַ געוויסער טייל לערנט זיך אין די ניי־אויפגעקומענע געזעלשאַפטלעכע תלמוד־תורהס און מיידלשולן.

אונטער די פּאָליציייאישע באַדינגונגען פון צאַרישן רוסלאַנד איז גע־ווען זייער שווער צו עפענען אַ געזעלשאַפטלעכע שול אָדער פאַרוואַנדלען אַ ניי־געעפנטע פּריוואַטע שול אין אַ געזעלשאַפטלעכער. אויך די פּריוואַטע שול איז געווען שטרענג רעגלאַמענטירט און געמוזט זיך האַלטן ביים דער־לויבטן קורס און פּראָגראַם. געוויינלעך איז עס געווען אַ 2־אָדער 3־יאָרי־קער קורס: 24 שעה אַ וואָך, פון זיי מאַקסימום 4 שעה אויף די יידישע לי־מודים. זעלטן פלעגט די אָרטיקע שולמאַכט דערלויבן מער שעהן פאַר די יידישע לימודים. אַזוי, למשל, איז געווען באַקאַנט, אַז די שולדירעקציע פון טשערניגאָווער גובערניע האָט דערלויבט די פּריוואַטע שולן אָפּצוגעבן אויף יידישע לימודים 17 לעקציעס וואָך. דער דורכשניטלעכער בודזשעט פון אַ פּריוואַטער שול האָט באַטראָפן 300־400 רובל אַ יאָר, ביי 30־40 תל־מידים. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַן אָרעמקייט־בודזשעט.

אָפּיציעלע געזעלשאַפטלעכע שולן זענען געווען אַ זעלטנהייט, ווייל די שול־דירעקציע האָט פון אַזאַ געזעלשאַפטלעכער שול געפאָדערט, אַז דער בודזשעט פון דער שול זאָל פאַרזיכערט ווערן, די סומע זאָל אַריינגעטראָגן ווערן אויפן דעפּאָזיט פון דער דירעקציע. דערביי איז די פּראָגראַם פון דער געזעלשאַפטלעכער שול געווען די זעלבע וואָס פאַר די פּריוואַטע שולן; און דער עיקר, מען האָט קיין קוראַטאָרן־ראַט ביי די געזעלשאַפטלעכע שולן

נישט דערלויבט און דערמיט אָפּגענומען דעם הויפּטסימן פון דער געזעל־שאַפטלעכקייט.

„דאָס באַקומען אַ דערלויבעניש צו עפענען אַ יידישע געזעלשאַפטלעכע שול, — האָט דערציילט ג. א. גאָלדבערג אין זיין רעפעראַט אויף דעם „אַל־רוסישן צוזאַמענפאָר וועגן פאָלקסבילדונג" סוף דעצעמבער 1913 — איז פאַרבונדן מיט אַזאַ מאַסע שתדלנות און אומאַנגענעמלעכקייטן און פאַר־ציט זיך אויף אַזאַ לאַנגן טערמין (אָמאָל 2־3 יאָר), אַז די ענערגיע ווערט אָפּגעשוואַכט ביי די סאַמע הייסעסטע איניציאַטאָרן פון דער זאַך, און ווען עס באַקומט זיך שוין די דערלויבעניש, איז שוין אָפט נישטאָ ווער עס זאָל זיך פאַרנעמען מיטן אָרגאַניזירן די שול". אויב אַזוי האָט עס אויסגעזען אין 1913, קען מען זיך שוין פאָרשטעלן ווי אַזוי די זאַך האָט אויסגעזען מיט 20־30 יאָר פאַר דעם. צוליב אָט די אַלע שוועריקייטן פלעג זעלטן געשען, עס זאָל זיך עפענען אַ נייע געזעלשאַפטלעכע שול אָדער אַן אַלטע פריוואַטע שול זאָל אָפיציעל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ געזעלשאַפטלעכע. פאַקטיש אָבער, נישט־אָפיציעל איז דער רוב פריוואַטע שולן געווען באמת געזעלשאַפטלעך־קאָנטראָלירטע אינסטיטוציעס. אַזוי איז עס געווען סיי בנוגע די תלמוד־תורהס פאַר יינגלעך, סיי מיט די שולן פאַר מיידלעך. דער אונטערשייד איז נאָר געווען: אַרום די תלמוד־תורהס האָבן זיך קאָנצענ־טרירט מיושבדיק־בעלי־בתישע, פרום־קאָנסערוואַטיווע עלעמענטן; אַרום די מיידלשולן האָבן געאַרבעט אינטעליגענץ, רייכע, בורזשואַזע קלאַסן, וואוויל־טעטיקע דאַמען אא"וו.

דער לעגאַלער סטאַטוס פון דער תלמוד־תורה איז גראָד געווען אַ גינס־טיקער: די אָפיציעלע פּראָגראַם האָט אַריינגענומען אַלגעמיינע קענג־שטאַנדן און אויך אַ גענוגנדיקן סכום יידישע לימודים: געוויינלעך 6 שעה אַ טאָג — 3 שעה פאַר אַלגעמיינע לימודים, 3 שעה פאַר יידישע. און וואָלטן אין די ת"ת געווען די פאַרוואַלטונג־מיטגלידער מענטשן באַוואוסט־זיניקע, מיט פאַרשטענדעניש פאַר נאַציאָנאַלער קולטור, וואָלט מען געקענט גוט אויסנוצן די סטאַטוטן פון דער ת"ת. אַזוי למשל, געפינען מיר אַזעלכע גינסטיקע פונקטן אין די סטאַטוטן פון אייניקע תלמוד־תורהס: מאָהיליעוו (סטאַטוט פון 1888) — „די אַלגעמיינע קענגשטאַנדן ווערן געלערנט אין דער רוסישער שפּראַך, די יידישע לימודים — אויפן יידישן זשאַרגאָן"; ווילנע (סטאַטוט פון 1892) — „דער אונטעריכט פון אַלע קענגשטאַנדן סיי אַלגע־מיינע סיי יידישע, מוז אומבאַדינגט געפירט ווערן אין דער רוסישער שפּראַך... דערביי איז דאָך נישט פאַרבאָטן אַנצוקומען צו דער הילף פונעם יידישן זשאַרגאָן ביים לערנען מיט די שילער וואָס זענען ערשט אָנגעקומען אין ערשטן אָפּטייל, אויב זיי פאַרשטייען נישט אין גאַנצן די

רוסישע שפּראך"; אָדעס — אין פּראָגראַם „פאר די צוויי אָפּטיילן פון צו־גרייט־קלאַס" — א פּונקט „יידיש שרייבן"; קראַסנאָפּאָליע (סט. פון 1895 „אַלע קענגשטאַנדן אין שול ווערן אונטעריכט אין דער רוסישער שפּראַך, ווען נייטיק קען מען באַניצן פאר די אָנפאַנגערס דעם יידישן זשאַרגאָן"; מעדזשיבאָזש־פאָר. — אין דער שעהן־טאַבעלע 3 שעה א וואָך „יידיש שרייבן" (יעוור. טשיסטאָפּיסאַניע*).

אָט אַזעלכע פּונקטן פון פּראָגראַם האָט מען געקענט אַריינפירן אין יעדן סטאַטוט פון ת"ת. עס האָט געקענט ווערן א גוט געווער אין די הענט פון מאָדערנע קולטורעלע לערער. צום באַדויערן אָבער איז די תלמוד־תורה אַלץ געלעגן אין די הענט פון אָלטפרענקישע גבאים, די ת"ת פאַרבלייבט אַלץ א צדקה־אַנשטאַלט פאר אָרעמע קינדער, — און זייער זעלטן פּאַסירט אַז אין דער פאַרוואַלטונג פון דער ת"ת רייסן זיך אַריין וועלטלעכע, היינט־וועלטיקע, ליבעראַלע עלעמענטן. בכלל, שטאַרק געיאָגט האָט מען זיך נישט נאָכן אמת פון א ת"ת־פּאָפּיעטשיטיעל. מען האָט עס באַטראַכט פאר אַן אָפּקומעניש. אָפט האָבן די שיינע שטאָט־בעלי־בתים פּשוט געוואָרפן גורל, ווער עס זאָלן זיין דאָס יאָר די גבאים פון ת"ת. מע האָט זיך אויך נישט געיאָגט נאָך דער לעגאַליזאַציע פון דער ת"ת, כדי מע זאָל נישט דאַרפן איינפירן א קורס פון אַלגעמיינע לימודים, מע זאָל נישט דאַרפן האָבן צו טאָן מיט דער שולמאַכט, באַשטעטיקן די לערער או"וו. און דעריבער איז דער מצב פון דער ת"ת אָפט געווען ערגער ווי אין חדר: מ'לייגט נישט קיין אכט אויף דער פיזישער און גייסטיקער דערציאונג, אין די לאָקאַלן איז שרעקלעכע שמוץ, מע שלעפּט די קינדער אויף לוויות או"וו. אָפּטמאָל האַלט מען א לערער פון די אַלגעמיינע קענגשטאַנדן — אין גאַנצן פיקטיוו. ווען אַל. צעדערבוים האָט באַשריבן באַרדיטשעוו**) און דעם מצב פון די דאָרטיקע חדרים און ת"ת, האָט ער פאָרגעלייגט זיין פּראָיעקט ווי אַזוי צו רעפאָרמירן די תלמוד תורה און די חדרים, — איז זיין אידעאַל געווען אַזאַ: „וואָלט נישט גלייכער געווען, די געמיינדע זאָל בעסער זאָרגן אַלץ צו אָרדענען אויף דעם שטייגער: אויסגיין פון דעם גרונטזאַץ, אַז דער עיקר איז רעליגיע, נאָר מען דאַרף עפּעס פאר דער וועלט, פאר דער מדינה, פאר דעם קינדס תכלית אויך זאָרגן". אַל. צעדערבוים לייגט דאָ

---

*) „ספּראַוואָטשנאַיאַ קניגאַ פּאָ וואָפּראָסאַם אָבראַזאָוואַניאַ יעווריעיעוו", ספּ"ב, 1901, אַרויסגעגעבן דורך דער חמפ"ה.

**) „דיא געהיימניסע פון בערדיטשוב, איינע קאַראַקטער שילדערונג דער דאָרטיקען יודישען געמיינדע, אַלס מוסטער דער יודישען זיטטען", וואַרשע תר"ל, 1870.

פאַר, אחוץ די יידישע לימודים, איינפירן „רוסיש לעזן", „ציפערן צייכ־נען און דערקענען און צוזאַמענשטעלן צאָלן פון 2 אָדער 3 ציפערן, אָנ־פאַנג שענשרייבן יידיש און רוסיש" (ז. 56).

אויב אַזוי האָט געהאַלטן מיטן „וועלטמענטש" און רעדאַקטאָר צע־דערבוים, קען מען זיך שוין פאָרשטעלן, וואָס עס האָט געדענקט וועגן דעם זעלבן ענין דער דורכשניטלעכער ת"ת־גבאי און „פּאַפּיעטשיטיעל".

סע באַווייזן זיך אָבער אַלץ אָפטער אינטעליגענטע טוער וואָס פאַר־שטייען אַז עס מוז געשאַפן ווערן אַ נייער טיפּ יידישע שולן, אַז מען מוז אפשר פּרוואוון רעפאָרמירן אויף אַ ראַציאָנעלן אופן דעם חדר און די תל־מוד תורה און אַזוי אַרום שאַפן אַ נייע געזעלשאַפטלעכע שול פאַר יידישע קינדער, וואָס זאָל אויף אַן אמת זיין צוגעפּאַסט צו דער פּסיכיק פון יידישן קינד און געווינען דעם צוטרוי פון מאַסן־מענטש. לאָמיר דאָ ברענגען אייניקע ביישפּילן פון אַזעלכע פּרוואוון צו רעפאָרמירן דעם חדר און די תלמוד תורהס.

אַט שרייבט דער מינסקער ראַבינער צום קאָמיטעט פון דער חמ"פה (אַרום 1868): „ווען איך בין געקומען אַהער האָב איך מיט דער הילף פון אַנשטענדיק דענקנדיקע מענטשן און גבירים געוואָלט רעפאָרמירן די היגע תלמוד תורה (אין וועלכער עס לערנט איבער 400 אָרעמע קינדער), אַזוי אַז צוזאַמען מיט די שטרענג־יידישע לימודים זאָל מען איינפירן אויך אַל־געמיינע: שפּראַכן, אַריטמעטיק, שרייבן. האָט זיך אָבער דעמאָלט אויפ־געהויבן אַזאַ שטורעם, אַז איך האָב געמוזט אָפּטרעטן פון מיין גוטער כוונה... איך האָב פאַרשטאַנען, אַז עס איז נאָך נישט געקומען די צייט פאַר נייע איינפירונגען אין דער תלמוד תורה".

אין 1861 האָט דער ווילנער גענעראַל־גובערנאַטאָר, אויפן פאָרשלאָג פון דעם „אוטשאָני יעווריי" י. גערשטיין, פאַראָרדנט צו רעפאָרמירן די ת"ת. מע האָט איינגעפירט דעם לימוד פון רוסישער שפּראַך און אַריטמע־טיק, מע האָט פאַרבעסערט דעם אונטערריכט פון יידישע לימודים און פאַר־ביטן די אַלטע מלמדים מיט נייע.

אַ דראַמאַטישע געשיכטע איז אָפּגעדרוקט אין „קול מבשר" נו' 47, פון 1866, אין אַ קאָרעספּאָנדענץ פון קרעמענטשוג: „די שטאָט גייט איצט באַדאַראַם, עס קאָכט ווי אין אַ קעסל: זייט הער יאַמפּאָלסקי איז פאַר אַ פּאָטשאָטני בלוסטיטעל (ערן־אויפזעער) באַשטעטיקט געוואָרן, רוט ער נישט און אַרבעט אַלץ צו פאַרבעסערן דעם צושטאַנד פון דער פאַרנאַכ־לעסיקטער שול: ער האָט נאָך איין פּראָיעקט פאָרגעלייגט: מען זאָל פאַראיי־ניקן די שולע מיט דער ת"ת, מאַכן אָרדענונג און לערנען קעגנשטענדען נאָר אַלע זיינע קלוגע ווערטער האָבן גאָר נישט געפּועלט". ווען דאָס אַלץ

האט נישט געהאלפן, איז מען אנגעקומען צו דער הילף פון פאליציי און די לעצטע האט אינגאנצן געשלאסן די ת"ת וועלכע עקזיסטירט שוין 20 יאר... א ענלעכע קארעספאנדענץ לייענען מיר אויך דארט פון אלגאפאל. עס האט זיך דארט געעפנט א נייע שול, און 34 קינדער באזוכן זי. שרייבט דער קארעספאנדענט: „דעריבער איז זייער רעכט, וואס אונדזער בלוס־טיטעל וויל פאראייניקן די ת"ת מיט דער שולע און דינגען גוטע מלמדים, בכדי עס זאל זיין תורה מיט דרך ארץ אין איין ארט, מיר האפן אז מיט דער צייט וועט ער אלץ אויספירן לטובת בני העניים. די מלמדים וואס דער בלוסטיטעל וועט דינגען פאר דער ת"ת, וועלן שוין געווים טאן לשם שמים, ווארעם זיי וועלן שוין פארשטיין וואס די צייט פאדערט"...

אין 1872 ווערט געמאכט אין ניקאלאיעוו א פרואוו צו רעפארמירן די ת"ת. עטלעכע סטודענטן האבן זיך גענומען צו דעם — „אנערקענענדיק די נויטיקייט פון ראציאנעלער עלעמענטארער דערציאונג פון די קינדער, וועקשטעלן אויך די ניקאלאיעווער ת"ת אין געהעריקע באדינגונגען, אזוי ווי דאס פאדערט די היינטיקע פעדאגאגיק". — אינעם זעלבן יאר האבן עטלעכע משכילים אין מאהילעוו גענומען אויף זיך צו לערנען מיט די 50 עלטערע שילער פון דער ארטיקער ת"ת — רוסישע שפראך און אריטמע־טיק, אויך העברעאיש. — א שול פון רוסישער גראמאטע האט מען גע־עפנט אין באריסאוו אין 1872. דער פארוואלטער דערציילט: „די מלמדים זענען ארומגעלאפן און געשמייעט איבער דער שטאט, אזוי ווי הונגעריקע וועלף; זיי פארשפרייטן די דאזיקע ידיעה אזוי ווי וועגן א פארברעכן וואס איך האב אפגעטאן אנעם וויסן און אן דער דערלויבעניש פון דער געזעל־שאפט..."

אין 1868 האט די אדעסער אפטיילונג פון דער חמ"פה געפרואווט זיך אריינמישן אין דער ארבעט פון די חדרים. זי האט אויסגעארבעט פעסטע כללים פאר עלעמענטארע יידישע שולן, זי האט אונטערהאנדלט מיט די אד־טיקע מלמדים און באקומען דעם הסכם פון דריי מלמדים איינצופירן „א באזונדערע גוטע ארדענונג אין זייערע חדרים".

זינט עס איז פארעפנטלעכט געווארן דאס געזעץ פון 1873, טרעפן זיך נאך מער פרואוון פון א געזונטער געזעלשאפטלעכער ארבעט ארום די תלמוד־תורהס: מע פירט דא איין צוביסלעך אלגעמיינע לימודים אויף רוסיש, אזוי ווי דאס פאדערט דער געזעץ; מע פארבעסערט די ת"ת אויסער־לעך — די קלאס־צימערן, דאס מעבל א"אוו; מער הייבט אן איינלאדן פאר פארוואלטערס מענטשן מיט בילדונג; עס מערט זיך די צאל געז. ת"תס, און עס וואקסט זייער אנזען ביי דער יידישער באפעלקערונג. גלייכצייטיק וואקסט די צאל פריוואטע און פריוואט־געזעלשאפטלעכע שולן בכלל. מיט

דער צייט ווערן אָט די שולן אפילו סובסידירט פון די יידישע שטייער־קוואָלן. צו די 90־ער יאָרן פון פאָריקן יר"ה איז שוין די צאָל פון אַזעלכע שולן דערגאַנגען ביז 110. פון די רייען פון דער יידישער אינטעליגענץ באַווייזן זיך אַלץ אָפטער באַגייסטערטע פּעדאַגאָגן*).

און דאָך איז אמת, אַז נאָר אין איינצלנע שטעט — און נאַטירלעך, וואָס נעענטער צום יאָר 1905 אַלץ אָפטער און אָפטער — טרעפן זיך תלמוד־תורהס אין אמתן זינען פון וואָרט געזעלשאַפטלעכע, מיט געקליבענע פאַרוואַלטונגען, מיט יערלעכע פאַרזאַמלונגען, מיט פּעדאַגאָגישע באַריכטן וועגן מצב פון דער שול, מיט געהעריק,אויסגעשטאַטע קלאַס־צימערן, מיט אַ מאָדערנעם פאַרוואַלטער (דירעקטאָר) פון דער שול — אַ מענטש מיט פּעדאַגאָגישער צוגרייטונג אאַ"וו. אָבער אויך אין אַזעלכע שטעט פלעגט פּאַסירן, אַז די קאָנסערוואַטיוו־פרומע, אַנטי־געזעלשאַפטלעכע עלעמענטן האָבן זיך אָרגאַניזירט צו דער אַלג. יערלעכער פאַרזאַמלונג און פאַרכאַפּט די מאַכט. דעמאָלסט איז די גאַנצע ביז־אַהעריקע פּעדאַגאָגישע אַרבעט אין ת"ת — געגאַנגען לאיבוד, די פּראָגראַם האָט זיך געענדערט, נייעם לערער־פּערסאָנאַל האָט מען איינגעלאַדן אאַ"וו. איך אַליין האָב געהאַט אַזאַ דערפאַרונג אין דער ת"ת אין ניקאָלאַיעוו, וואו איך האָב געאַרבעט אין די יאָרן 1908־1910. פאַרקערט, די ת"ת אין כערסאָן, וואו איך האָב געאַרבעט פאַר דעם, איז אין אַ גרויסער מאָס געווען אַ געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע, — אָבער עס האָבן דאָ געהערשט גבירישע און רוסיפיקאַטאָרישע טוערס, און די אַטמאָספערע דאָ איז געווען אָפיציעל־פּאַטריאָטיש־רוסיש. אַזאַ סאָרט ת"ת האָט געהייסן — „רעפאָרמירטע תלמוד־תורה", און אין די צוויי אָנגערופענע אינסטיטוציעס איז געווען אַ סך גוטער ווילן, געזעלשאַפטלעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, פּרוּוון אויסצובעסערן דעם אופן לערנען און די דערציערישע באַהאַנדלונג פון קינד.

א. גאָלאָמב גיט איבער וועגן דער רעפאָרמירטער ת"ת אין וויטעבסק וואו ער האָט געאַרבעט אין 1909. אַ נייע פאַרוואַלטונג האָט איבערגענומען די ת"ת. פון פריערדיקן פּערסאָנאַל האָט מען געלאָזן נאָר דריי לערער. דער פאָרזיצער פון דער פאַרוואַלטונג איז געווען איינער אַ דירעקטאָר פון אַ באַנק, וואָס די לערער האָבן אים אפילו נישט געקענט. דריי דאָקטוירים זענען נאָך געווען אין דער פאַרוואַלטונג, צווישן זיי דער באַרימטער ד"ר ברוק, אַ ציוניסטישער טוער און געוועזענער דעפּוטאַט פון דער ערשטער

*) ל. מ. בראַמסאָן — צו דער געשיכטע פון דער עלעמענטאַרער בילדונג ביי יידן אין רוסלאַנד (רוסיש). „סבאָרניק וו פּאָלזו נאַטשאַלניך יעווריסקיך שקאָל", ספּ"ב, 1896, ז. 346.

גאס. דומע. אט די פארוואלטונג האט עס איבערגענומען די ת"ת און זיך גענומען איר רעפארמירן. סיי די פראגראם, סיי די לערנמעטאדן און די אלגעמיינע דערציאונג — זענען אוועק מיט א נייעם דרך.

צום 1905 איז די צאל ת"ת בכלל און רעפארמירטע געזעלשאפטלעכע ת"ת בפרט, שוין געווען גאנץ היפש. אינעם פעדאגאגישן־זאמלבוך „הפּ־דגוג" (העברעאיש) פון 1903 — געפינען מיר א רשימה פון אלטע און נייע ת"ת אין די וויטערדיקע שטעט: יעליסאוועטגראד (א נייער בנין), האראַ־דישטש (80 תלמידים), ראשקאוו פאדאליער, זאסלאוו, קרעמעניעץ, נאוואַ־זיבקאוו, ביאליסטאק, זוועניגאראדקא, וולאדימיר וואלינסק, ווילאן־קאוו־נער, סווענציאן, כארקאוו, אומאן (5 אפטיילונגען 250 תלמידים). פאר־שטייט זיך, דער דאזיקער צעטל שעפּט נישט אוים די גאנצע צאל ת"ת.

אנטוישט אינעם גלויבן אז עס איז מעגלעך צו רעפארמירן דעם חדר, האבן זיך א סך שולטוערס אנגעכאפּט אינעם געדאנק, אז עס לאזט זיך די תלמוד־תורה פארגעזעלשאפטלעכן און רעפארמירן, מע קען די ת"ת פארוואנדלען אין א אינסטרומענט פון נייער מאדערנער דערציאונג, אין א שטאפל צו א גאר נייער יידיש־וועלטלעכער שול.

אזוי, — למשל, — לייענען מיר אין אן ארטיקל פון מ. קריינין: „דער איינציקער טיפּ שול וואו מען קען לעגאל און לויטן סטאטוט פאראייניקן די יידישע און אלגעמיינע לימודים, איז די תלמוד־תורה... דער דאזיקער טיפּ שול דארף ווערן א מוסטער־טיפּ און דארף באטראכט ווערן פאר גע־וואונטשן נישט נאר פארן ארעמען קלאס באפעלקערונג, נאר אויך פארן פארמעגלעכן"*). און עס איז געווען נאר נאטירלעך, אז אין די מוחות פון די בעסערע לערער און שולטוער אין אט דעם נייעם טיפּ תלמוד־תורהס זאל אפילו אויפקומען דער געדאנק וועגן אויסניצן יידיש, די מוטערשפראך און דאס נאטירלעכע לשון פון די קינדער. מ. קריינין אינעם זעלבן ארטיקל פארמולירט זיין קוק אויף דער זאך: „מיט יידישער געשיכטע קען מען באקענען די קינדער — אלץ איינס אויף וואס פאר א שפראך, אבי זיי זאלן עס פארשטיין. דאס בעסטע איז, אוודאי, פאר אונדזער מאסע די רוסישע שפראך, אבער איך פערזענלעך וואלט גארנישט געהאט אויך קעגן זשארגאן, ווען עס וואלטן געווען גוטע לערנביכער, און וויבאלד די רו־סישע שפראך איז נישט גענוג צוגענגלעך... איך וועל זיך דא נישט אפּשטעלן אויף דעם, ווי איז לייכטער צו דערגרייכן דאס פרייע פאַרשטיין העברעאיש, זאל מען זיך האלטן ביי עברית בעברית אדער ביים איבער־זעצונגס־מעטאד... אלע אנדערע אלגעמיינע לימודים, ווי אריטמעטיק,

*) יעווריעסקי יעזשענעדניק, צווייטער יארגאנג, ספּ"ב 1902.

קורצע געאָגראַפיע און אַלג׳ געשיכטע, איז גלייכער זיי זאָלן געלערנט ווערן אויף דער מלוכה־שפּראַך". מע דאַרף געדענקען, אַז דאָס איז אָפּגעדרוקט אין 1902, און מצד אַזאַ אָפיציעלן בילדונגס־טוער ווי מ. קריינין, איז עס אוודאי געווען געוואגט אַרויסצוקומען מיט אַזעלכע רייד וועגן יידיש.

זינט 1893־94 האָט די פּעטערבורגער חברה מפיצי השכלה אָנגעהויבן אַ ניי בלאַט אין איר טעטיקייט: זי האָט זיך געשטעלט מיטן פּנים צו דער יידישער פאָלקשול. זי הייבט אויך אָן צו פאַרטיילן מאַטעריעלע הילף פאַר די שולן. די חמפ״ה שטעלט דערביי די שולן געוויסע באַדינגונגען, זי פירט איין אינסטרוקטאָרן וועלכע באַזוכן די שולן און געבן אָפּ וועגן זיי באַריכטן. אין 1903 האָט זי צוזאַמענגעשטעלט אַ פּראָגראַם פאַר די יידישע לימודים אין די געזעלשאַפטלעכע שולן און אין די רעפאָרמירטע תלמוד־תורהס — אַ 5־יאָריקער קורס, מיט 16־18 שעה אַ וואָך פאַר די ייד. לימודים. די חמפ״ה שענקט אַ סך אויפמערקזאַמקייט די תלמוד־תורהס, זי העלפט זיי לעגאַליזירן און רעאָרגאַניזירן. באַשטימענדיק פאַר אַזעלכע מאָדערניזירטע תלמוד־תורהס אירע יערלעכע סובסידיעס, שטעלט זיי די חמפ״ה פאָדערונגען: געהעריק אָוועקשטעלן די ייד. לימודים, אויף אַ פּאַסיקן אופן פאַרטיילן די לערנשעהן, אויפהערן אָנצונעמען שילער צו יעדער צייט פון שוליאָר, אָפּהיטן די ריינקייט אין שול־לאָקאַל, אויפהערן שיקן די קינדער אויף לוויות און מזלטובס אא״וו. אויף דער באַראַטונג וואָס די חמפ״ה האָט אָפּגעהאַלטן אין דעצעמבער 1902, איז באַשלאָסן געוואָרן: די געזעלשאַפט קען געבן מאַטעריעלע הילף נאָר יענע חדרים וואָס וועלן איינפירן דעם אונטעריכט פון אַלגעמיינע לימודים, ווי אויך די חדרים מתוקנים און די אַנדערע טיפּן פאַרבעסערטע שולן. אָבער די פאַרגעזעלשאַפטלעכטע און מאָדערניזירטע תלמוד־תורה האָט אַלץ מער פאַרנומען דעם פּלאַץ פון חדר אין דער טעטיקייט פון דער המפ״ה. זי האָט אַפילו געפּרוּווט העלפן איינפירן אין די ת״ת אַ שכר־לימוד־אָפּצאָל פון די עלטערן, און אַזוי אַרום צו הייבן דעם פּרעסטיזש פון דאָזיקן אַנשטאַלט.

מיט דער צייט און צוביסלעכווייז האָט די רעפאָרמירטע ת״ת געעפנט אירע טירן פאַר יידיש. לערערס האָבן דאָ גענומען פאָרלייענען פאַר די קינדער ווערק פון יידישער ליטעראַטור; שפּעטער האָט מען געהאַלטן פאַר די קינדער לעקציעס אויף יידיש, געווידמעט פאַרשידענע יומטובים און וויסנשאַפטלעכע טעמעס; נאָך שפּעטער האָט מען גענומען זינגען מיט די קינדער יידישע לידער, מאַכן קינדער־פאָרשטעלונגען אויף יידיש. און צום

סוף האט מען דא טאקע איינגעפירט ווי א לימוד יידישע שפראך, ייד. גראמאטיק און ליטעראטור.

ב. די שולן פאר מיידלעך און זייער דערנענטערונג צו יידיש

מיידל־שולן באווייזן זיך אין די גרעסערע שטעט שוין אין די 60־ער יארן. אבער נאר איינצלנע פון די דאזיקע שולן האבן געהאט אין זינען די ארעמע קלאסן פון דער יידישער באפעלקערונג; אזא אויסנאם איז געווען די שול אין אדעס, — זי איז געווען אן אומזיסטע, איז אין גאנצן אויס־געהאלטן געווארן אויף די סומען פונעם ליכט־אפצאל, און אין 1862 האט זי געהאט 350 שילערינס. אלע אנדערע מיידלשולן זענען געווען אנשטאלטן פאר קינדער פון די רייכערע קלאסן, און דערפאר האבן זיי געהאט א הויכן שכר לימוד. אין 3 מיידל־שולן פון וויטעבסקער גובערניע איז געווען (1862) 53 תלמידות; אין 2 „פאנסיאנען" פון בארדיטשעוו (1861) — 102 תלמידות; אין 8 מיידל־שולן פון קיעווער גוב. (1863) — 198; אין 11 שולן פון ווילנער קרייז (18363) 590.

סיי אין דער באוועגונג צו עפענען שבת־שולן און אוונטשולן און סיי אין דער גרינדונג פון נארמאלע טאגשולן פאר מיידלעך האט געשפילט א גרויסע ראל דער וועכנטלעכער זשורנאל „קול מבשר". דא האבן זיך גע־דרוקט הארצרייסנדיקע קארעספאנדענצן פון שטעט און שטעטלעך וועגן דער נייטיקייט צו עפענען שולן פאר מיידלעך. אין אפריל 1863 שרייבט ליבע יאסינאווסקע פון באברויסק: „דאס איז גאר קיין תכלית נישט, אז מען לאזט בילדן די מענער און די פרויען נישט... פארקערט, דער גרעס־טער יושר איז פרויען צו בילדן, זיי פירן דאס הויז, זיי דערציען די קינדער און אז זיי וועלן געבילדעט זיין — וועט שוין פון זיי ארויסקומען א נייער דור מיט געבילדעטע מענטשן". אין אן אנדער נומער (36, דאס זעלבע יאר) שרייבט א צווייטע פרוי פון קרעמעניעץ, מען זאל רחמנות האבן אויף די יידישע מיידלעך פון קרעמעניעץ און עפענען פאר זיי „א מעדכן־שולע" לויטן מוסטער פון אדעס. זי בעט רחמים, מען זאל „לויפן בעטן דעם מיניסטער אדער אפילו אונדזער טייערסטן און בעסטן קאיסער זאל לעבן, מען זאל אונדז אויך פון דער תפיסה (חדר) ארויסלאזן, מען זאל אונדז אויך די לעכטיקע וועלט וויזן, מע זאל פאר אונדזערט וועגן אויך כאטש א שולע פון 2 קלאסן מאכן, מיר זאלן אויך א פנים האבן ווי מענטשן". זי גיט דערביי א בילד פון דער „תפיסה": „מיר זענען, אט א פנים, ווי מען זאגט, דאס לעצטע פון דעם בענטשן, מיר באדארפן זיך מוטשען אין דעם חדר יארן לאנג; אין דער נעץ, אין דער קעלט, אין דער בלאטע, אין דעם ענגשאפט, אויף דער ערד, אין דעם קליינעם שטיבע־

לע, אָן טירן און פענצטער וואָס דער ווינט בלאָזט פון אַלע זייטן — אין דעם שטיבעלע, וואָס איז אַביסל ברייטער פון אַ קבר, טרייבט מען אַריין 60־70 קליינע קינדער אויף אַ גאַנצן טאָג".

ווי מיר זעען, האָט זיך באמת געשאַפן אַ גאַנצע פאָלקס־באַוועגונג אַרום די מיידל־שולן. אין די נאָענטסטע 10־20 יאָר איז שוין אויסגע־וואַקסן אַ גאָר היפּשע צאָל שולן פאַר מיידלעך. אַל. צעדערבוים דערציילט אין זיין גרעסערער אָפּהאַנדלונג „צער|גידול בנים", אַז אין די יאָרן 1868־1871 האָבן באַקומען סובסידיעס פון דער מלוכה־קאַסע (ליכט־אָפּצאָל א"א) דריי קאַזיאָנע מיידל־שולן און 28 פּריוואַטע מיידל־שולן: דריי אין ווילנע, 3 אין מינסק און פּינסק; צו 4 אין גראָדנע, ביאַליסטאָק און בריסק; 3 אין קאָוונע, פּאָניעוויעזש און טעלש; 4 אין וויטעבסק, דינאַבורג און סעבעזשע; 1 אין מאָהילעוו ביים דניעפּער; 2 אין בערדיטשעוו און סקוויר; 3 אין קאַמיניעץ, מאָהילעוו ביים דניעסטער און ווינניצע; צו 1 שול און טשער־ניגאָוו, כערסאָן, אָדעס, קישעניעוו און כאָטין, סך הכל האָבן די אַלע פּריוואַטע מיידל־שולן באַקומען סובסידיע 11.350 רובל.

אין די לעצטע צוויי יאָרצענדליק פונעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט איז די צאָל מיידל־שולן זיכער אַ סך גרעסער. זיי טראָגן דעם כאַראַקטער פון פאָלקשולן. און אָט די מיידל־שולן עפענען אַ ניי קאַפּיטל אין דער אַנטוויקלונג פונעם יידישן שולוועזן.

ביי דער אַנטוויקלונג פון חדר און ת"ת — זענען געשטאַנען אין וועג רעליגיע און טראַדיציע. אָבער אין די שולן פאַר מיידלעך האָבן די דאָזיקע מניעות געפעלט, און דערפאַר איז אָנגעקומען אַ סך לייכטער און פּשוטער צו רעפאָרמירן, פאַרגעזעלשאַפטלעכן, מאָדערניזירן און שפּעטער אפילו צו יידישיזירן — די שול פאַר מיידלעך. אין 1894 האָט די חמפ"ה סובסי־דירט 37 שולן; אין 1898 — שוין ביי הונדערט שולן.

אין 1899 האָט די דורכשניטלעכע סובסידיע פון חמפ"ה אויסגעמאַכט 75 רובל אויף אַ שול; אין 1902 האָט שוין די דורכ־שניט־סומע באַטראָפן 742 רובל אויף אַ שול. דער ווייט־גרעסטער טייל פון די דאָזיקע סובסידירטע שולן זענען געווען מיידל־שולן. אָט די שולן האָבן ס'רוב געהאַט אַ בעסערן פּעדאַגאָגישן צוזאַמענשטעל — לערערינס מיט העכערער בילדונג און מיט פּעדאַגאָגישער צוגרייטונג. יידישע לימו־דים האָבן דאָ לכתחילה געפעלט, און די חמפ"ה האָט געטאָן זייער אַ סך כדי צו פאַריידישן די דאָזיקע מיידל־שולן. דער זעלבער מ. קריינין וועלכן מיר האָבן פריער ציטירט, שרייבט וועגן אָט דעם מצב פון די ייד. לימודים אין די מיידלשולן: „עס מוז זיין אַ געוויסער מינימום וואָס זאָל זיין פאַר די שולן אָבליגאַטאָריש. יידישע געשיכטע, ביבלישע און נאָכביבלישע ביז

צו היינטיקן טאָג, לייענען און שרייבן יידיש (אין אָריגינאַל „יעווריעיסקאַיע פּיסמאָ אי טשטיעניע") און קענען די תפילות — אָט דאָס איז דער מי־נימום וואָס מוז זיין אין יעטוועדער שול און אוודאי אין אזא וואָס ווערט סובסידירט דורך דער געזעלשאַפט המפ"ה*).

אויך אין פּרט פון אריינברענגען יידיש אין דער פּראָגראַם פון דער מיידל־שול — איז אָנגעקומען א סך לייכטער. דער זעלבער עלעמענט לע־רערס, וואָס מיר האָבן אויבן דערמאָנט, א פּאָליטיש אויפגעקלערטער און אקטיווער, האָט סיי צוליב פּעדאַגאָגישע טעמים סיי צוליב געזעלשאַפט־לעכע, אָנגעהויבן צוביסלעך לעגאַליזירן יידיש אין פּראָגראַם פון דער שול**). אין 1911 („וויעסטניק אָפּע", נומ' 10) איז אָפּגעדרוקט א באַריכט וועגן 53 שולן וואָס די חמפ"ה האָט סובסידירט אין לערניאָר 1909 — 10; פון זיי 47 אָנפאַנגשולן און 6 אוונט־שולן (צוזאַמען 7.596 תלמידים); האָט מען אין 57.4% פון די אַלע שולן שוין געלערנט יידיש: דערפון אין 3 יינגלשולן, אין 16 מיידלשולן און אין 8 געמישטע. מיט א יאָר שפּעטער האָט מען שוין געלערנט יידיש אין 66% פון אַלע שולן וואָס די חמפ"ה סובסידירט: אין 6 יינגלשולן (פריער אין 3), אין 6 געמישטע, אין 16 מיידלשולן און אין 7 אָוונטשולן, ס"ה אין 35 שולן (פון 53).***)

דאָס איז שוין געווען א רעזולטאַט פון די נייע שטימונגען און באַוועגונגען אויף דער יידישער גאַס, ווי אויך אין דער חמפ"ה גופא. די אנער־קענונג פון יידיש אין שול — האָט געמאַכט אַלץ גרעסערע פאָרשריטן. די שבת־און אָוונט־שולן, די פאַראיינצלטע עקספּערימענטן פון יחידים לערער און קולטור־טוערס, די קולטור־נאַציאָנאַלע פּראָגראַמען פון „בונד" און פון אַנדערע פּאַרטייען, די גרויסע שפּראַך־דיסקוסיעס אין דער ייד. עפנטלעכקייט, די כסדרדיקע דעמאָקראַטיזירונג פון יידישן לעבן און פון דער חמפ"ה, דער וואוקס פון דער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע, — דאָס אַלץ האָט מיט לאָגישער קאָנסעקווענץ געפירט צו דער אויסבילדונג פון א גאַנצער מאָניסטישער שול אין דער יידישער שפּראַך. מיר שטייען ביי די קוואַלן פון דער נייער יידיש־וועלטלעכער שול וועלכע וועט אין גיכן אַרומנעמען די יידישע גאַס.

---

*) „יעווריעיסקאַיא שקאָלאַ", אויגוסט 1904.

**) אין 1902 איז דער שרייבער פון די שורות געווען לערער פון יידי גע־שיכטע און יידישקייט (אויף רוסיש) אין דער פּראָפּעסיאָנעלער מיידלשול אין כערסאָן. האָב איך איינגעפירט דעם לימוד פון יידישער שפּראַך און אויך פאָרגעלייענט סיסטעמאַטיש ווערק פון דער יידישער ליטעראַטור.

***) „וויעסטניק אָפּע", יאַנואַר 1913.

דערווייל זענען נאָך אַלץ די חדרים דער הערשנדיקער דערציאונגס־אַנשטאַלט אויף דער יידישער גאַס (אין 1914, למשל, איז געווען בלויז אין קיעווער לערנקרייז — קיעווער, פּאָדאָליער, וואָלינער, טשערניגאָווער, פּאָלטאַווער און כעלמער גובערניעס — 2225 חדרים; אין 1915 — 2112 חדרים; תלמוד־תורהס אין די זעלבע יאָרן — 67 און 70). אָבער דאָך וואַקסט די צאָל געזעלשאַפטלעכע שולן, סיי פאַר יינגלעך סיי פאַר מיידלעך.

אין ווילנער לערנקרייז איז פאַר די יאָרן 1896־1906 די צאָל יידישע שולן אויסגעוואַקסן פון 185 ביז 281, ד"ה זי איז פאַרגרעסערט געוואָרן אויף 52%. דערביי איז די צאָל שילער דאָ אויסגעוואָקסן פון 16.071 ביז — 27.115 ד„ה אויף 67%. די דאָזיקע טענדענץ צו באַזאָרגן יידישע קינדער מיט ספּעציעל־יידישע אָנפאַנגשולן איז געווען אַן אַלגעמיינע דערשיינונג איבערן גאַנצן לאַנד. די פּריוואַטע און פּריוואַט־געזעלשאַפטלעכע שול האָט געשפּילט אַלץ אַ גרעסערע ראָל. פאַר די יאָרן 1856־1863 האָבן זיך געעפנט סך הכל 4 פּריוואַטע יידישע שולן; אין די יאָרן 1864־1873 איז שוין געווען 13 פּריוואַטע שולן; אין די יאָרן 1874־1883 איז שוין דאָ 66; פאַר די יאָרן 1884־1893 האָבן זיך אין יידישן תחום געעפנט 232 פּריוואַטע יידישע שולן, און אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז די דאָזיקע צאָל ווייטער געוואַקסן. אין 1899 איז אין גאַנץ רוסלאַנד צוזאַמען מיט פּוילן געווען 820 ספּעציעל־יידישע שולן, דערפון אין תחום — 694: פּריוואַטע שולן 392 (60.9%), געזעלשאַפטלעכע שולן 189 (21.6%), קאַזיאָנע שולן 133 (17.6%). אין די אַלע שולן פון תחום איז געווען 50.773 קינדער: אין די פּריוואַטע שולן — 17.604 (30%). אין די געזעלשאַפטלעכע — 19.803 (ביי 40%), אין די קאַזיאָנע שולן — 13.368 (ביי 26%). ווי ס'איז צו זען, איז אין די געזעלש. שולן דער פּראָצענט קינדער געווען אַ סך העכער ווי אין די אַלע אַנדערע.

צוזאַמען מיטן וואוקס פון די געזעלשאַפטלעכע שולן רייסן זיך אַריין נייע ווינטן, נייע שטימונגען אין דער וועלט פון יידישער דערציאונג. נייע טיפּן לערער וואַקסן אויס, אויך נייע טיפּן שולטוערס. און צוגלייך וואַקסט אויך די איינשטעלונג, אַז יידיש דאַרף ווערן די שפּראַך פון דער פאָלקשול.

אין די יאָרן ערב דעם ערשטן וועלטקריג גיט אַ שיין פאַר דער שול אין דער מוטער שפּראַך פון יידישן קינד — אַ נייע פּערספּעקטיוו. אין 1908 ווערט אַריינגעטראָגן אין דער קאָמיסיע פון דער גאָסודאַרסטווענע דומע אַ געזעץ־פּראָיעקט וועגן איינפירן אין לאַנד אַלגעמיינע בילדונג; אין דעם פּראָיעקט איז פאַראַן אַ פּונקט וועגן די שולן פון די פרעמדשפּראַכיקע פעלקער (אינאָראָדצעס). פאַר אַזעלכע פעלקער וואָס פאַרמאָגן אויף זייער שפּראַך אַ ליטעראַטור — זאָל איינגעשטעלט ווערן אַ נאַציאָנאַלע שול, וואו

די רוסישע שפּראַך ווערט געלערנט אויף רוסיש, אָבער אַלע איבעריקע לימודים זאָלן געלערנט ווערן אין דער מוטער־שפּראַך פונעם קינד.

דאָס זענען געווען יאָרן פון פּאָליטישער רעאַקציע אין לאַנד, די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג איז געגאַנגען באַרג אַראָפּ, און דעריבער זענען די אַ שול־פּראָיעקטן פון דער גאַס. דומע נישט אויסגעניצט געוואָרן פאַר דער פּראָפּאַגאַנדע פון אַ שול אויף יידיש; פון דער אַנדערער זייט האָבן די ציוניסטיש־העברעאיסטישע עלעמענטן שוין באַצייטנס געמאַכט חוזק און געהאַלטן פאַר אַן אומזין, אַז יידיש זאָל אויך אָנערקענט ווערן פאַר באַרעכטיקט צו האָבן אַן אייגענע שול און זאָל געניסן פון דער שול־רעפאָרם אין לאַנד.

דאָס יידישע לעבן אין רוסלאַנד איז געשטאַנען ערב די שווערע נסיונות פון ביילים־פּראָצעס. די רעאַקציע אין לאַנד איז געוואַקסן אַלץ שטאַרקער. די גאַס. דומע אַליין האָט איבערגעלעבט שווערע צייטן. די שיינע פּראָיעקטן וועגן אַ נאַציאָנאַלער שול פאַר „אינאָראָדצעס" זענען נישט מקוים געוואָרן דערווייל.

סוף 1912 איז פאָרגעקומען אַ באַראַטונג פון שול־דירעקטאָרן און אינספּעקטאָרן פון יענע ראַיאָנען וואו ס'איז דאָ אַ סך אינאָראָדצעס. די באַראַטונג האָט זיך אַרויסגעזאָגט, אַז מ'דאַרף געבן דער מוטערשפּראַך אין די שולן — גרעסערע הנחות. ס'איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ פּראָיעקט: אין די אָנפאַנגשולן פאַר קינדער פון די אינאָראָדצעס זאָל מען מעגן לערנען אין דער מוטער־שפּראַך פון די קינדער די ערשטע 3־4 יאָר. די לערער דאַרפן זיין פון דעם אייגענעם פאָלק, פאַר וועלכן די שולן זענען געגרינדעט, אָדער לכל הפחות דאַרפן די לערער קענען די מוטערשפּראַך פון די תלמידים.

דערציילנדיק וועגן אָט דער באַראַטונג, האָט די בונדישע וואָכנשריפט „די צייט" (פּעטערבורג, נומ' 10 פון 28 פעברואַר 1913) מעלאַנכאָליש געפרעגט:

„צי וועט מען אונטער אינאָראָדצעס פאַרשטיין אויך יידן? צי וועט מען מעגן לויט די נייע תקנות עפענען אויך יידישע אָנפאַנגשולן?".

דעם 1־טן יולי 1914 איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער נייער שול־געזעץ — ער האָט געהאַט אַ שייכות נאָר צו די פּריוואַטע לערן־אַנשטאַלטן, וועלכע געניסן נישט פון די רעכט פון מלוכהשע דערציאונגס־אינסטיטוציעס. ווי עס טייטשט אויס דעם געזעץ דער יוריסט־קאָנסול פון דער חמפ"ה ס. ל. קאַמיעניעצקי — „איז דער אויסוואַל פון דער אונטעריכט־שפּראַך, אחוץ ביי אייניקע קענגשטאַנדן, איבערגעלאָזט פאַר די גרינדער און אויסהאַלטער פון די פּריוואַטע שולן, און מכח דער פראַגע פאָדערט

זיך נישט קיין שום דערלויבעניש מצד דער שולמאַכט... אזוי ארום באַ־קומען דאָס רעכט איינצופירן דעם אונטעריכט אויך פון די אַלגעמיינע לימודים אויף דער מוטער־שפּראַך פון די תלמידים — נאָר יענע יידישע שולן וואָס וועלן מסכים זיין זיך אָפּצוזאָגן פון יעדע סובסידיעם מצד די אָרגאַנען פון אָרטיקער זעלבסטפאַרוואַלטונג. די צווייטע באַגרענעצונג וואָס דער געזעץ פירט דאָ איין, באַשטייט אין דעם: די רוסישע שפּראַך און ליטעראַטור, אויך די רוסישע געשיכטע און געאָגראַפיע מוז מען לערנען אויף דער מלוכה־שפּראַך; דערביי אָבער דאַרף מען אָפּהיטן דעם כלל, אַז ביים לערנען די רוסישע שפּראַך מיט שילער וואָס רעדן נישט רוסיש, ווערט דער־לויבט צו באַניצן זיך מיט זייער נאַטירלעכער שפּראַך"*)... די ווירקונג פונעם געזעץ שפּרייט זיך אויס אויך אויף יענע פּריוואַטע לערנאַנשטאַלטן וואָס האָבן זיך געעפנט לויטן פּריערדיקן אַלטן סדר. דערביי איז קלאָר, אַז יענע שולן וואָס ווילן איינגעשלאָסן ווערן אין דער שולנעץ (ד"ה ווילן באַקומען סובסידיעס פון זעמסטווע אָדער שטאָט) וועלן נישט האָבן די פרייהייט ביים אויסוואַל פון דער לערנשפּראַך.

די יידישע שול־אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך באַלד גענומען גרייטן צוצו־פּאַסן זיך צום נייעם שול־געזעץ. עס זענען שוין אפילו געווען פאַלן ווען עס זענען דערלויבט געווען נייע שולן אויפן גרונט פונעם נייעם געזעץ — אין קיעווער און פּאָלטאַווער גובערניעס.

אין דער ווילנער צייטשריפט „די וואָך"**) האָט דער שרייבער פון די שורות א"ג אַ לעהרער געשריבן:

„מיר זענען כלל נישט נוטה צו האַלטן דעם נייעם געזעץ פאַר אַ פול־קאָמענעם... דאָך גלויבן מיר אַז ער גיט אונדז אַ סך נייע מעגלעכקייטן און עפנט פאַר אונדז אַ סך נייע און ברייטע וועגן. פיל, זייער פיל וועט זיך איצט ווענדן פון אונדזער אייגענער האַלטונג... אַלע גבאים און קאָ־מיטעט־לייט פון אונדזערע געזעלשאַפטלעכע שולן מוזן איין מאָל פאַר אַלע מאָל פאַרשטיין, אַז אונדזערע נאַציאָנאַל־קולטורעלע און פּעדאַגאָגישע אינטערעסן פאָדערן, אַז וויניקסטנס אונדזער אָנפאַנגשול זאָל ווערן אַ יידישע לויט איר שפּראַך און גאַנצער פירונג... יע, דער נייער געזעץ גיט אונדז רעכט צו האָפן אויף נייע פּערספּעקטיוון אין אונדזער שול־זאַך, און דאָס לייגט אַרויף אויף אונדז אַ חוב צו אַרבעטן אָן אויפהער".

די יידישע שולן האָבן איצט באַקומען די מעגלעכקייט איינצופירן אָפן און לעגאַל דעם אונטעריכט פון די אַלגעמיינע לימודים אויף דער מוטער־

*) „וויעסטניק אָפּע", יאַנואַר 1915.

**) נומ' 11, מערץ 1915.

שפּראַך פון די תּלמידים און אוודאי האָבן זיי איצט געקענט איינפירן דעם לימוד פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור. די אָנהענגער פון יידיש האָבן זיך געגרייט צו פאַרווירקלעכן זייערע לאָזונגען, פאַר וועלכע זיי האָבן די לעצטע 10-15 יאָרן אַזוי העפטיק געקעמפט.

באַלד איז אָבער געקומען דער אָנהייב פונעם ערשטן וועלטקריג, און דאָס גאַנצע יידישע לעבן צוזאַמען מיט דער שול־אַרבעט איז אַוועקגע־שטעלט געוואָרן פאַר אַ נייער סיטואַציע. אומגעהויער גרויס איז געווען די צאָל היימלאָזע, וועלכע זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון זייערע דורות־דיקע זיצפּלעצער. צענדליקער קינדער־היימען זענען געשאַפן געוואָרן פאַר די קינדער פון די אומגליקלעכע היימלאָזע, מע האָט דאָ די קינדער באַ־שפּייזט און אויך געגעבן עלעמענטאַרע דערציאונג און לערנונג. אָט די אַרבעט איז געפירט געוואָרן אויף יידיש: דאָס קליינוואַרג איז אַזוי אויך געווען געוווינט אומגליקלעך, און דאָס לעבן האָט געפאָדערט נישט אָפּצונע־מען ביי זיי די פרייד פון זינגען און שפּילן זיך אין זייער מאַמע־לשון. מע האָט אויך געעפנט צוביסלעך נאָרמאַלע פאָלקשולן פאַר די קינדער פון די היימלאָזע אין די ערטער פון זייער נייער באַזעצונג. אויך אין די שולן האָט מען אויף אַ נאַטירלעכן אופן איינגעפירט יידיש ווי אַ באַזונדערן לימוד און ווי די לערנשפּראַך פון אַלע אַלגעמיינע לימודים.

אויסנוצנדיק דעם נייעם געזעץ וועגן פּריוואַטע שולן, האָט מען די יידישיזירונג־באַוועגונג צוביסלעך אַריבערגעטראָגן פון די אינסטיטוציעס פאַר היימלאָזע קינדער — אויף די נאָרמאַלע שולן פאַר די קינדער פון דער אָרטיקער יידישער באַפעלקערונג אין די ערטער וואָס זענען נישט אָנגערירט געוואָרן פון דער מלחמה.

ג. די נייע שול — אין געווירבל פון דער ערשטער וועלט־מלחמה

דער ערשטער וועלט־קריג האָט געבראַכט גרויסע אומגליקן פאַר דער יידישער באַפעלקערונג פון די רוסישע גרענעץ־גובערניעס, דורך וועלכע די דייטשישע אַרמיי האָט זיך באַמיט אַריינצודרינגען אין לאַנד. הונדער־טער טויזנטער יידישע פאַלקסמענטשן זענען מיט אַ מאָל געוואָרן היימלאָז: דער רוסישער שטאַב האָט זיי פאַראָרדנט צו פאַרלאָזן זייערע היימען, באַ־שולדיקנדיק זיי אין שפּיאָנאַזש לטובת די דייטשן; אָדער זיי זענען אַליין געלאָפן וואוהין די אויגן האָבן זיי געטראָגן. די צאַרישע רעגירונג איז געווען געצוואונגען צו עפענען פאַר דעם גרויסן שטראָם יידן־פּליטים די צענטראַלע גובערניעס, וועלכע זענען געלעגן אויסערן תּחום. אין טאַמבאָ־ווער, וואָראָניעזשער, ניזשנעגאָווגאָראָדער, פּערמער און אַנדערע אַזעלכע גובערניעס האָבן זיך מיט אַ מאָל געשאַפן גרויסע יידישע קהילות —

מענטשן אומגליקלעכע, הוילע, אָן בעטגעוואַנט, אָן מיטלען צום לעבן און אָן שום פּרנסה. די היימלאָזע — דאָס איז געווען איינע פון די שווערסטע פּראָבלעמען פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין יענער צייט.

צוזאַמען מיט דעם האָט זיך אויך געשטעלט די שווערע פּראָבלעם צו שאַפן שולן און דערציאונגס־אַנשטאַלטן פאַר די טויזנטער יידישע קינדער פון די פּליטים, וועלכע זענען מיט אַ מאָל אַרויסגעריסן געוואָרן פון זייער נאָרמאַלער סביבה. מען האָט די קינדער געדאַרפט געבן עסן, צו זאַט, שיכן און קליידן, און באַזאָרגן מיט לערנען, מיט דערציאונג. אַ גרויסע אינטענסיווע אַרבעט איז אָנגעשטעלט געוואָרן אויף דעם געביט. די חברה מפיצי השכלה (אָפּע), די געזונטהייט־חברה „אָזע" און אַנדערע געזעלשאַפטן האָבן אָרגאַניזירט די דאָזיקע אַרבעט. צענדליקער לערערס האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין דער רעטונגס־אַרבעט פאַרן יידישן קינד; אויך דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות האָט יעמאָלט אָנגעפירט מיט אַ גרויסער קינדערהיים־שול פאַר העכער 400 קינדער אין מאַריופּאָל.

אין דער אָרגאַניזאַציע פון דער דאָזיקער אַרבעט האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט די מאָסקווער אָפּטיילונג פון דער חברה מפיצי השכלה: אַ געוויסע צייט האָט זיך דאָרטן אָנגעזאַמלט אַ גרויסע קראַפט פון יידישיסטיש־טישער דעמאָקראַטישער און סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ. אַלס באַפולמעכטיקטע פון דער מאָסקווער „אָפּע" האָבן געאַרבעט דער פאַרשטאָרבענער פּאָלק האַלפּערין, ר. בעקער; צווישן די לערערס אין אירע שולן זענען געווען אַזעלכע פּעדאַגאָגן ווי דוד האָכבערג, קאַזאַקעוויטש. צו די פירערס פון דער דעמאָקראַטישער יידישיסטישער גרופּע אין מאָסקווער „אָפּע" האָבן באַלאַנגט: ל. ל. לוריע, ל. מאַטילעוו, א. סאָקאָלאָווסקי, י. ס. אוריסאָן.

פאַר די דאָזיקע טוערס און לערערס איז אויך געשטאַנען די פראַגע וועגן דעם כאַראַקטער און דער שפּראַך פון דער שול, וואָס מען דאַרף אויפשטעלן פאַר די קינדער פון די היימלאָזע. עס איז נישט געווען קיין סתם טעאָרעטישע פראַגע. עס האָט זיך דאָך געהאַנדלט וועגן אַ גרויסן שולוועזן: אין וואָראָניעזשער גובערניע, למשל, איז געווען 10 שולן — דערפון אין וואָראָניעזש גופא אַ גרויסע שול מיט 264 קינדער; אין ניזשנענאָווגאָראָדער גובערניע איז געווען 12 שולן מיט 1350 קינדער. די קינדער זענען געווען נערוועז, דערשלאָגן, מען האָט געמוזט געפינען אַ וועג צו זייער נשמה און געמיט. האָבן די יידישיסטישע לערערס און טוערס געענטפערט קלאָר: מען דאַרף פירן די נייע אַנשטאַלטן אויסשליסלעך אין דער יידישער שפּראַך, אַלע לימודים, חוץ רוסיש, זאָלן געפירט ווערן אויף יידיש, און די דערציאונג דאַרף זיין אַ פרייע, אַ וועלטלעכע. און נישט נאָר

לערערס, אפילו די טוערס פון די הילפס־קאָמיטעטן האָבן אויף דער פראַגע געגעבן דעם זעלבן ענטפער. אין מאַי 1916, למשל, איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענפאָר פון די פאָרשטייערס פון די יידישע הילפס־קאָמיטעטן אין פערמער געגנט (עס האָבן דאָ אגב אָנטיילגענומען דער באַקאַנטער טוער שטראַשון און מוקדוני). האָט אָט דער צוזאַמענפאָר אָנגענומען אַ רעזאָלוציע: „די אונטערריכט־שפּראַך אין דער פאָלקשול דאַרף זיין יידיש". און דאָס איז געווען אַ גאַנץ געוויינלעכע דערשיינונג אין יענער צייט. די דאָזיקע פעסטע שטימונג האָט אפילו דורכגעבראָכן די טויבע וואַנט פון דער ביוראָקראַטישער באַציאונג פון דער רוסישער שולמאַכט. די שולמאַכט אין פּעטערבורג און אויף די ערטער האָט שווייגנדיק גענומען צו קענטעניש, אַז אָט די נייע שולן ווערן געפירט אין דער יידישער שפּראַך. עס האָט זיך געשאַפן אַ גרויסע באַוועגונג פאַר אַ שול אויף יידיש. מען האָט איר געדאַרפט געבן אַ געזעלשאַפטלעכן אויסדרוק, אַ פּעדאַגאָגישע באַגרינדונג. מען האָט געדאַרפט רעגולירן די פּראָגראַם און די לערן־סיסטעם אין דער נייער שול־נעץ.

די איניציאַטיוו אין דעם פּרט האָבן גענומען אויף זיך די טאַמבאָווער און אַנדערע לערערס פון מאָסקווער ראַיאָן; אין טאַמבאָוו גופא איז געווען אַ גוטע מוסטערהאַפטע שול. האָבן טאַקע פאַלק האַלפּערין, דוד האָכבערג און קאָזאַקעוויטש דורכגעזעצט, מען זאָל רופן אַ לערער־צוזאַמענפאָר און פאַרענטפערן די אַלע אָנגעצייכנטע פראַגעס. ביי די באַדינגונגען פון מלחמה־צושטאַנד און ביי די טראַדיציעס פון דער צאַרישער מאַכט, איז דער דאָזיקער צוזאַמענפאָר פאָרגעקומען, נאַטירלעך, אומלעגאַל, און אין דער פּרעסע האָט מען וועגן אים גערעדט אַנאָנים. נישט די שטאָט, נישט די אָנטיילנעמערס האָט מען נישט דערמאָנט ביים נאָמען. ערשט שפּעטער מיט חדשים האָט מען אָנגעהויבן צו ביסלעך אָנצורופן די נעמען „טאַמבאָוו", דער „טאַמבאָווער צוזאַמענפאָר", די „טאַמבאָווער רעזאָלוציעס". דער אָפּקלאַנג פון אָט דעם צוזאַמענפאָר איז געווען אומגעהויער גרויס. עס איז אפילו געווען אַרויסגעגעבן אַ קליינע בראָשור מיט אַ באַריכט פון דעם צוזאַמענפאָר.

אינעם פּעדאַגאָגישן אָרגאַן פון דער חברה מפיצי השכלה „וויעסטניק יעווריעיסקאָוואָ פּראָסוויעשטשעניאַ", אין נומער 42, פון מערץ 1916, איז אָפּגעדרוקט דער פולער און אַזוי צו זאָגן אָפיציעלער באַריכט וועגן דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר. דער נוסח פון דער מעלדונג איז אַזאַ: „נישט לאַנג איז אין איינער פון די אינערלעכע גובערניעס פאָרגעקומען אַ צוזאַמענפאָר פון די נייע שולן". עס קומען דאָ אַלע רעזאָלוציעס, נאַטירלעך אין דער רוסישער שפּראַך. די ערשטע רעזאָלוציע טראָגט דעם טיטל: „וועגן די

אויפגאַבעס און צילן פון דער פאָלקשול". צופעליק האָב איך די דאָזיקע רעזאָלוציע אין אָריגינאַל, יידיש, אַזוי ווי זי איז אָנגענומען געוואָרן אויפן צוזאַמענפאָר. די דאָזיקע רעזאָלוציע זאָגט:

„אַרויסגייענדיק פונעם שטאַנדפּונקט, אַז די יידישע שול דאַרף אין זינען האָבן, אויסער דעם אינטעלעקט, איבערהויפּט די ענערגיע און די אַקטיווויטעט פונעם קינד, געפינען מיר, אַז די נייע יידישע שול בכלל און יעדער לימוד וואָס ווערט געלערנט אין דער שול בפרט, ווי אויך דער מעטאָד דורך וועלכן די לימודים ווערן די קינדער איבערגעגעבן, דאַרפן זיך שטעלן פאַר אַ ציל צו וועקן אינעם קינד די איניציאַטיווע אין אַלע געביטן פונעם לעבן".

פון אָט דער רעזאָלוציע זעען מיר שוין דעם פאַרמעסט פונעם צוזאַמענפאָר: ער האָט נישט גערעדט וועגן די קינדער פון די פּליטים, נאָר בכלל וועגן דער שול פון יידישן קינד; ער האָט נישט פאָרמולירט שמאָל־טעכנישע פראַגעס פון דער שול־אַרבעט, נאָר זיך פאַרמאָסטן צו געבן די אַלגעמיינע פּרינציפּן, פּעדאַגאָגישע און געזעלשאַפטלעכע, פון דער נייער שול־בויאונג. דערפאַר טאַקע איז די באַדייטונג פון אָט דעם צוזאַמענפאָר אַזוי גרויס: עס איז פאַקטיש דער ערשטער גרואוו צו פאָרמולירן די יסודות פון דער נייער יידיש־וועלטלעכער שול. פריינד און פיינט האָבן עס טאַקע אַזוי אויפגענומען.

וועגן דער יידישער שפּראַך אין שול האָט דער צוזאַמענפאָר אָנגענומען אַזאַ רעזאָלוציע:

„1) די יידישע שפּראַך איז די הערשנדיקע שפּראַך פון דער נייער פאָלקסשול, און איר דאָמינירונג (גאָספּאָדסטוואָ) טאָר נישט אָנטרעפן קיינע באַגרענעצונגען; 2) סיי די טעאָריע פון דער יידישער שפּראַך, סיי איר ליטעראַטור דאַרפן אונטעריכט ווערן אין אַזאַ פאַרנעם, וואָס זאָל זיין פּראָפּאָרציאָנעל צו די אַנדערע לימודים; 3) אין דער שול גופא איז פאַר די עלטערע גרופּעס, מיט וועלכע מען לערנט ליטעראַטור, גענוג צוויי שעה אַ וואָך אויף טעאָריע און שריפטלעכע אַרבעטן און צוויי שעה אַ וואָך פאַר ליטעראַרישע פאַרלעזונגען; 4) עס איז געוואונטשן איינצואָרדענען ליטעראַרישע און אַנדערע פאַרלעזונגען אין שול אין דער אויסערשול־צייט; 5) עס איז געוואונטשן אַרויסצוגעבן סעריעס ליכט־בילדער אויף ליטעראַרישע טעמעס".

פון די אַנדערע רעזאָלוציעס, וואָס זענען אָנגענומען געוואָרן דורכן צוזאַמענפאָר, וועלן מיר דאָ נאָך ברענגען די רעזאָלוציע וועגן לימוד פון יידיש און וועגן העברעאיש. די ערשטע זאָגט: „אַזוי ווי אין די נייע שולן געפינען זיך קינדער פון פאַרשידענע געגנטן מיט פאַרשידנאַרטיקע אַק־

צענטן, האלטן מיר פאר נייטיק, נישט אננעמענדיק קיין באשלוס וועגן דער ריכטיקייט פון דעם, צי אנדערן אקצענט, צייטווייליק ביזן נאענטן צונויפמענפאר, צו אנערקענען ווי דעם הערשנדיקן אקצענט פאר די גרופעס קינדער עברי־אנפאנגערס — דעם, וואס אנטשפרעכט דער יידישער טראנסקריפציע".

די העברעאיש־רעזאלוציע האט רעקאמענדירט: „1) מיר אנערקענען, אז אין דער יידישער שול דארף מען לערנען העברעאיש, און ער דארף פארנעמען א געהעריק ארט"... 2) די צאל שעהן פאר העברעאיש ווערט איינגעשטעלט: אין 1־טן קלאס — 4, אין 2־טן, 3־טן און 4־טן קלאס — 6; אין 5טן און 6טן קלאס — 8 שעה א וואך".

נישט געקוקט אויף די קאמפראמיסן לגבי העברעאיש און אויף דעם גאנצן באשיידענעם טאן פון די אנגענומענע רעזאלוציעס, האט דער צוזאמענפאר ארויסגערופן א שטורעם פון פראטעסטן אין די העברעאיסטישע קרייזן. עס איז געווען א לערער־צוזאמענפאר. דוד האכבערג האט דארטן געהאלטן א סעריע רעפעראטן וועגן אלע לימודים אין דער יידישער שול. עס איז אפילו אנגענומען געווארן א רעזאלוציע וועגן לימוד פון אריטמעטיק. עס איז בכן געווען ראשית כל א פראקטישער צוזאמענקום פון לערערס, אבער טאקע אט דער מאמענט האט ארויסגערופן די הויפט־אטאקעס אין די ארטיקלען פון דער ציוניסטישער פרעסע: זיי האבן געהאלטן, אז א לערער־צוזאמענפאר האט נישט געטארט אננעמען קיין שום פרינציפיעלע דעקלאראציעס וועגן יידיש. דאס איז די זאך פון דער געזעלשאפט. גאר באזונדער האט אויפגערייצט די רעזאלוציע, וועלכע האט געזאגט, אז „די יידישע שפראך איז די הערשנדיקע שפראך פון דער נייער יידישער פאלקשול, און איר דאמינירונג טאר נישט אנטרעפן אויף קיינע באגרעניצונגען".

אין דער ציוניסטישער „יעווריעסקאיא זשיזן" (נומער 5, 1916) איז א. ג. (עפשטיין?) ארויס מיט אן ארטיקל „כאראקטעריסטישע רעזאלוציעס" און האט געשריבן: „וואלטן זיך דא צונויפגענומען לערערס, וואלטן זיי גערעדט נאר וועגן די לערן־מעטאדן, וועגן דער צאל שעהן, וועגן די לערנביכער אא"ז. אבער עס זענען זיך צונויפגעקומען מענטשן פון א באשטימטער פארטיי, וועלכע האט פארכאפט די אלגעמיין־יידישע שולן, עס זענען זיך צונויפגעקומען יידישיסטן, און דערפאר קלינגט זייער ערשטע רעזאלוציע וועגן אונטעריכט פון זשארגאן — ווי א פארטייאישע דעקלאראציע, ווי א פאנאטיש־יידישיסטישע דעמאנסטראציע".

דער כעס פון די העברעאיסטן איז געווען נאך גרעסער דערפאר, ווייל חוץ טאמבאוו זענען ענלעכע לערער־צוזאמענקומען פארגעקומען אויך אין

וואָראָניעזש און אין ניזשני, און אומעטום האָבן זיך די לערערס אַרויס־געזאָגט קלאָר און באַשטימט פאַר לערנען אין דער ערשטער ריי די יידישע שפּראַך. עס איז אויך אויפגעקלערט געוואָרן, אַז פּאַקטיש ווערט דאָס שוין דורכגעפירט אין לעבן אין אַ סך שולן (זע „יעווריעסקאַיאַ ניעדעליאַ", נומער 35, 1916. דאָרטן ווערט אַגב דערציילט, אַז אויף איינעם פון די דאָזיקע צוזאַמענפאָרן איז געווען העכער 100 מענטשן — אַ פּנים דאָס רעדט זיך וועגן דעם טאַמבאָווער צוזאַמענפאָר).

עס איז געווען מלחמה־צייט. די יידישע פּרעסע איז געווען פאַרבאָטן. די רוסיש־יידישע פּרעסע האָט זיך געשטיקט אונטערן שטרענגן צענזור־רעזשים. דאָך איז געקומען צום אויסדרוק אויך דער שטאַנדפּונקט פון יידישיסטישן צד. דער ראַדיקאַלער „נאָווי פּוט" האָט אין נומער 4, 1916, געענטפערט דעם ה' א. ג. מיט אַן אַרטיקל פון מ. ראַסקין „די נייע שול און אירע קעגנערס". מיט רעכט האָט מ. ראַסקין געטענהט: „פאַרן גע־זעלשאַפטלעכן אינטערעס איז עס נישט אַזאַ בכבודיקע אויפגאַבע — צו פאַרוואַנדלען דעם לערער אין „אַ מאַן אין אַ פוטלאַר", וואָס זיין איינ־ציקער חנב איז צו פאָלגן אָן טענות ומענות אַלע אַלגעמיינע אָנווייזונגען פון דער „נאַטשאַלסטווע". אונדזער לערער האָט אַ רעכט אַרויסצוזאָגן זיך נישט נאָר וועגן דעם, ווי אַזוי צו לערנען, נאָר אויך וואָס צו לערנען און צוליב וואָס צו לערנען. וואָרעם נאָר ביי אַ קלאָרער תשובה אויף די לעצטע פראַגעס קען מען זיך פאָרשטעלן אַן ענטפער אויף דער ערשטער פראַגע... אויף דער אוואַנסצענע פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט איז אַרויסגע־טראָטן די יידישע וועלטלעכע פאָלקסשול, און אין די אָנפאַלן אויף איר האָבן די הערן העבּרעאיסטן זייערע מיטקעמפערס אין דער פּערזאָן פון דער יידישער אָרטאָדאָקסיע און פון דער אַסימילירטער אינטעליגענץ. פאַרשידנאַרטיקע, אָבער אין תוך קרובישע עלעמענטן".

און ווייל די העבּרעאיסטן האָבן געוואוסט, אַז די נייע שול־ריכטונג האָט אָנהענגערס אין דער פּעטערבורגער און גאָר באַזונדער אין דער מאָס־קווער „מפיצי השכלה" — האָבן זיי דעריבער פאַרשאַרפט זייער שפּראַכן־קאַמף אין די אָרגאַניזאַציעס אויף דער גאַנצער ליניע.

אַ גרויסער קאַמף צווישן די העבּרעאיסטן און יידישיסטן איז אָנגע־גאַנגען אויף דער יעמאָלדיקער פּעטערבורגער באַראַטונג פון דער חברה מפיצי השכלה. מיר וועלן נאָר ציטירן, וואָס פאַלק האַלפּערין האָט דער־ציילט דאָ וועגן דער באַציאונג פון דער עלטערנשאַפט צו די נייע שולן. „...אין קאָזלאָוו, קירסאַנאָוו, טאַמבאָוו און אַנדערע שטעט פון דעם נייעם תחום האָט מען צונויפגערופן די עלטערן, אויסגעהערט זייערע טענות קעגן די שולן, באַוויזן זיי די שולן גופא, ווי אַזוי און וואָס עס

ווערט דאָרטן געלערנט, און... די עלטערן זענען געבליבן צופרידן און האָבן געזאָגט: „הלוואי וואָלטן מיר אַזוינע שולן אין אונדזער אַלטער היים געהאַט" (ציטירט אין י. בעקערס אַרטיקל וועגן דער באַראַטונג, אין פּעטראָווער־זאַמלבוך פון פאַרלאַג „טאָג" אין פּעטערבורג, 1916, דאָס מאָל אונטערן נאָמען „צום מאָמענט"*). אויך אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון דער מאָסקווער חברה מפיצי השכלה, וואָס איז איר ראיאָן איז פּ. האַלפּערין געווען דער „באַפולמעכטיקטער", האָט ער דערציילט דאָס זעלבע און פאַרטיידיקט די טאַמבאָווער רעזאָלוציעס. און טאַקע דאָ אין מאָסקווע האָבן די העברעאיסטן געגעבן די יידישיסטן אַ גרויסע שלאַכט. צו דער דערמאָנטער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג האָבן זיי אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף, אין וועלכן זיי האָבן געשריבן: „מיט אַ ווייטיק אין האַרצן קומט אויס צו קאָנסטאַטירן, אַז פאַר דער לעצטער צייט באַמערקט זיך אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אַ באַוועגונג, וועלכע איגנאָרירט אַלע קולטור־נאַציאָנאַלע ווערטן, וואָס זענען שטענדיק געווען דער בעסטער אוצר פון יידישן פאָלק און האָבן געשפּייזט זיין גייסטיק לעבן במשך יאָרטויזנטער. די אָנהענגערס פון דער דאָזיקער באַוועגונג גיבן אָפּ דעם תנך און דער שפּראַך, אין וועלכער עס זענען אָנגעשריבן אונדזערע ספרים, דעם סאַמע קלענסטן פּלאַץ אין דער יידישער שול און פאָלקס־ביבליאָטעק. זיי שטרעבן אויסצושטעלן די דערציאונג פון יידישן קינד אויף אַריבערגייענדיקע עפּעמערע ווערטן און דערמיט נעמען זיי אָפּ אין גאַנצן ביי דער שול אירע נאַציאָנאַלע וואָרצלען... דער דאָזיקער אָנגעוואוקס אויפן פאָלקס־אָרגאַניזם איז אַ צייטווייליקער און צופעליקער... אין מאָסקווע האָט זיך די דאָזיקע באַוועגונג געמאַכט אַ נעסט"... אָט אַזוי האָבן די העברעאיסטן כסדר פּראָטעסטירט קעגן דער „זעלבסט־הערשאַפט פון יידיש", וועלכע איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אין טאַמבאָוו...

אַ לענגערע צייט איז וואַרשע נאָך געווען אין די הענט פון די רוסן, און איז געווען פאַרבונדן מיט פּעטערבורג. אויך וואַרשע איז געווען פול מיט פּליטים, קרבנות פון דער מלחמה, און אויך אין וואַרשע האָט מען געעפנט קינדער־היימען (אָטשאַגן) פאַר די קינדער פון די היימלאָזע. און אויך דאָ האָט זיך געשטעלט די פראַגע אויף וועלכער שפּראַך זאָל געפירט ווערן די אַרבעט אין אָט די קינדער־אַנשטאַלטן. די חמפ"ה איז געווען פאַרבונדן מיט דער אַרבעט, און אָט לייענען מיר אַ באַריכט פון

*) צוליב מלחמה־צענזור טעמים האָט מען קיין חודש־זשורנאַל נישט געקענט אַרויסגעבן, האָט מען יעדן חודש אַרויסגעלאָזט אַ זאַמלהעפט אונטער אַן אַנדער נאָמען. רעדאַקטאָר פון די אויסגאַבעס איז געווען ש. ניגער.

אירער א דעלעגאַציע (נ. א. גאָלדבערג און ד"ר פּעווזנער) וועגן דעם מצב אין וואַרשע: „צום באַדויערן, האָט זיך אַרום אונדזערע קינדער־היימען צעפלאַקערט א קאַמף בנוגע דער לערנשפּראַך: די העברעאיסטן וועלכע פירן אָן בעיקר מיט די היימען נו' 1 און 2, האָבן געפירט די גאַנצע אַרבעט און אפילו גימנאַסטיק אויף העברעאיש; די יידישיסטן וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט דער היים נומ' 3 (דאָס איז געווען די קינדערהיים, וואו י. ל. פּרץ האָט גענומען א גאַר טיכטיקן אָנטייל — ח. ש. ק.), האָבן געאַרבעט אויסשליסלעך אויף יידיש און האָבן אפילו נישט צוגעלאָזט די מעגלעכקייט אָנצווענדן די העברעאישע שפּראַך. צו אונדזער אָנקומען איז דער דאָזיקער קאַמף געווען אַזוי פאַרשאַרפט, אַז ער האָט צעשפּאָלטן די ק"ה־טוערס אויף צוויי פיינטלעכע לאַגערן. דאָס האָט אונדז אויסגעזען נישט־דערלאָזבאַר און מיר האָבן אָנגענומען מיטלען ווי מעגלעך צו פאַרגלעטן די שאַרפקייט פון דער שפּראַכן־פראַגע. אויף דער באַראַטונג וואָס מיר האָבן צונויפגערופן איז אָנגענומען געוואָרן א החלטה, אַז די גאַנצע אַרבעט אין די ק"ה דאַרף זיך פירן מיט די קינדער פון פאַרשולעלטער — אויף דער מוטערשפּראַך (יידיש), דערביי זאָל א טייל פון דער לערנצייט אָפּגעגעבן ווערן אויף אַרבעט („זאַניאַטיאַ") אין דער העברעאישער שפּראַך (לידלעך, שפּילן). די דאָזיקע החלטה האָט, דוכט זיך, באַפרידיקט די מעסיקע עלעמענטן פון ביידע גרופּעס און מ'קען האָפן אַז די מלחמה וועגן דער שפּראַך וועט אין אונדזערע אַנשטאַלטן ליקווידירט ווערן און די דאָזיקע אינסטיטוציעס וועלן באַקומען א מעגלעכקייט זיך ווייטער נאָרמאַל צו אַנטוויקלען"*).

אָט דאָס איז געווען די נייע סיטואַציע, אין וועלכער עס איז אָנגעגאַנגען די שול־אַרבעט אין דער צייט פון קריג. די יידישיסטישע קרייזן זענען געשטאַנען פעסט אויף זייערע פּאָזיציעס און נישט נאָכגעגעבן די העברעאיסטישע פאַנאַטיקערס. די נייע שול איז געגאַנגען ווייטער מיט דער ליניע פון א שול אויף דער מוטערשפּראַך פון די קינדער. און גערעכט איז געווען ר. זעורא**), ווען ער האָט געשריבן אין דעם יאַנואַר־זאַמלבוך פון פאַרלאַג „דער טאָג" („דאָס יידישע וואָרט" יאַנ. 1916, פּט"ב): „מיר האָבן שוין איצט נישט איינע און נישט צוויי יידישע פאָלקסשולן, נאָר היפּשע עטלעכע צענדליק שולן, וואו די שפּראַך פון די לימודים איז די יידישע מוטערשפּראַך. ביז 5000 יידישע קינדער האָבן די מעגלעכקייט צו

*) „וויעסטניק", אַפּריל 1915.

**) לויט דער השערה פון ש. ניגער זאָל עס זיין א. ראָזין (עזרא).

באַקענען זיך מיט דער אַרומיקער וועלט און מיטן לעבן און מיט דער געשיכטע פון אייגענעם פאָלק אויף דעם לשון, וואָס זיי זענען צו אים צוגעוואוינט פון וויג אָן. ווער ווייס אָפּשאַצן, וויפל פרייד און ליכטיקייט און גוטע האָפענונגען דער דאָזיקער פאַקט טראָגט אַריין אין אונדזער לעבן"...

דער טאַמבאָווער לערער־צוזאַמענפאָר האָט פיל בייגעטראָגן צו דער דאָזיקער „פרייד און ליכטיקייט און גוטע האָפענונגען" פון דער נייער יידישער שול...

אין געווירבל פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געבוירן געוואָרן די יידיש־וועלטלעכע שול.

יידיש אונטער צוויי פייערן

א. אין לאגער פון אסימילאטארן

פאר די לעצטע 150 יאר האט אונדזער יידישע שפראך אויסגעטראגן פיל צרות מצד דער „פירנדיקער" אינטעליגענץ. די שווערסטע אטאקע האט יידיש געליטן אין אנפאנג פון דער תקופה פון אלכסנדר דעם צווייטן, סוף די פופציקער און די גאנצע זעכציקער יארן פון פארגאנגענעם י"ה. עס איז ממש צו באוואונדערן, מיט וואס פאר א אימפעט, פארביטערקייט און אומפאראנטווארטלעכקייט די דאזיקע קאמפאניע איז געפירט געווארן. די אינטעליגענץ איז דא געווען די פירשפרעכערין פון דער ניי־אויפגעקומענער יידישער בורזשואזיע, און זיי ביידן איז אין לעבן געגאנגען, מע זאל זיי נישט אידענטיפיצירן מיט דער יידישער מאסע און איר „זשארגאן".

אויף דעם דאזיקן וועג איז זיי נייטיק געווען א צייטשריפט אויף רוסיש. האבן זיך גענומען דערצו צוויי אדעסער חשובע יידן: יאאכים טארנאפאל און אסיף ראבינאוויטש. דער ערשטער איז געווען א באקאנטער רייכער סוחר און געשעפטסמאן אין אדעס. אין 1858 האט ער פארמולירט דעם פראגראם פון יידישן פארמעגלעכן קלאס, און מיט דער גאנצער אפנהארציקייט האט ער אנטקעגנגעשטעלט די אינטערעסן פון די רייכע קלאסן און פון זייערע קינדער — לגבי דער ארעמער הארעפאשנער מאסע: „מיר האפן — האט ער געשריבן — אז מיט דער צייט וועט דערלויבט ווערן די ערנסטע סוחרים, די ערלעכע בעלי־מלאכות און בכלל דער גוט־דערצויגענער אדער טעטיקער יוגנט, צו באזעצן זיך אן קיין שום שוועריקייט, אויך אין די רוסישע פראווינצן, וואו זיי האבן ביז איצט קיין וואוינרעכט נישט... איז דען ערלעך, איז דען לאגיש אפצוזאגן אין די געזעצלעכע רעכט — געבילדעטע לייט און געשעפטס־מענטשן אויף דעם יסוד, וואס זייער מאסע איז עס נישט ווערט? איז דען דערלאזבאר, אז איין קלאס זאל זיין פאראנטווארטלעך פארן צווייטן?". פאר טארנאפאלן זענען יידן

נישט מער ווי אַ רעליגיעזע גרופּע, און לויט זיינע פּלענער דאַרפן אין די וואַלן צו דער יידישער קאָנסיסטאָריע (געמיינדע־פאַרוואַלטונג) נעמען אָנטייל נאָר די געבילדעטע און פאַרמעגלעכע קלאַסן.

איז אָט האָבן טאַרנאָפּאָל און ראַבינאָוויטש זיך גענומען פאַרווירקלעכן די אידייע פון אַ יידישער צייטשריפט אויף רוסיש. צו דעם צוועק האָבן זיי שטאַרק אויסגענוצט די הילף פונעם באַקאַנטן ליבעראַלן רוסישן פּראָפעסאָר נ. פּיראָגאָוו, וועלכער איז געווען פּאָפּיעטשיטיעל (קוראַטאָר) פון אָדעסער בילדונגס־קרייז פון סוף 1856 ביז מיטן 1858; שפּעטער איז ער אַריבער אין קיעווער לערן־קרייז און פאַרבליבן דאָ ביז מערץ 1861. פּראָפ' פּיראָגאָוו האָט זיך שטאַרק איינגעשטעלט פאַר דער זאַך, און אים איז צו פאַרדאַנקען די באַקומענע דערלויבעניש אויף דעם רוסיש־יידישן „ראַזסוויעט".

מעשה שטן, האָבן זיך דווקא די „גויים" פון די מיניסטעריומס איינגעשפּאַרט: צו וואָס דאַרפן יידן אַ צייטשריפט אויף רוסיש? איז נישט גלייכער — אויף העברעאיש צי יידיש? און עס האָט זיך געפּאָדערט אַ סך געשיקטקייט און בריהשקייט צו איבערצייגן די „גויאישע קעפּ", אַז ניין, יידן מוזן נישט אַנדערש האָבן אַ צייטשריפט אויף רוסיש...

אין דעצעמבער 1856 האָבן ראַבינאָוויטש און טאַרנאָפּאָל דערלאַנגט פּיראָגאָוון אַ מעמאָראַנדום, און זיי האָבן דאָרט אַזוי געשריבן וועגן דער שפּראַך־פראַגע: די שפּראַך וואָס יידן באַנוצן אין רוסלאַנד „איז איינע פון די פאַרעלטערטסטע און אומגערעגלטע דייטשע דיאַלעקטן... ער איז אויף אַזוי פיל קאַליעדיק, אַז ער פאַרדינט קוים דעם נאָמען שפּראַך... קיין שום ערנסטע ווערק זענען נישט מעגלעך אויף דער דאָזיקער שפּראַך, ווייל עס פעלן אין איר גראַמאַטיקאַלישע געזעצן און עס איז אוממעגלעך אויסצודריקן אין איר אַ מאַסע אַבסטראַקטע געדאַנקען און אידעען"... אַ פאָלק וואָס פאַרמאָגט נישט קיין אייגענע לעבעדיקע שפּראַך, קען נישט האָבן „זיין אייגענע בילדונגס־סיסטעם, וואָס זאָל אַרויסקומען פון די טיפענישן פונעם אייגענעם פאָלק, זאָל זיך שפּייזן מיט זיינע קרעפטן און פונאַנדערטראָגן וואַרעמקייט און לעבן אין אַלע זיינע שיכטן*)".

אָבער נישט געקוקט אויף די אַלע טענות, האָט דער „יידישער קאָמיטעט" פון דער רעגירונג אָנגענומען דעם 13־טן מאַי 1858 אַזאַ שטעלונג אין דעם ענין: „לויט דער מיינונג פון דעם קאָמיטעט קען מען דערלויבן ראַבינאָוויטשן און טאַרנאָפּאָלן, אויב זיי ווילן, אַרויסצוגעבן דעם דאָזיקן

*) יו. העסען — דער אומטויש פון געזעלשאַפטלעכע ריכטונגען, „פּערעזשיטאָיע", ב. 3, ז' 42.

זשורנאַל אויף העברעאיש אָדער אויף דער דורך די יידן אין רוסלאַנד גענוצטער יידיש־דייטשער שפּראַך, בתנאי זיי זאָלן אומבאַדינגט אָפּהיטן אַלע באַדינגונגען און באַגרענעצונגען" או"וו. אַלכסנדר דער צווייטער האָט מסכים געווען מיט דער שטעלונג פונעם קאָמיטעט און אַרויפגעלייגט זיין רעזאָלוציע: „צום אויספירן", „עס איז צו דער זאַך". מע האָט, הייסט עס, געקענט אין יענעם מאָמענט אָנהייבן אַרויסגעבן אַ ציטונג אויף יידיש, און אַזאַ אויסגאַבע האָט טאַקע געפעלט אויף דער יידישער גאַס, און נישט איינער האָט וועגן דעם געטרוימט; אַזאַ אויסגאַבע וואָלט געקענט שפּילן די באַדייטיקסטע ראָל פאַר דער באַנייאונג פונעם דעמאָלטיקן יידישן לעבן אין רוסלאַנד. אָבער די צוויי חשובע פאַרשטייער פון אָדעסער יידישער אינטעליגענץ און בירגערטום האָבן נישט נאָכגעגעבן און ווייטער געפירט זייער האַרטנעקיקן קאַמף פאַר אַ טריבונע אויף צו רוסיפיצירן זייערע ברידער, און דער עיקר אויף צו קעמפן פאַר „רעכט" פאַר זיך.

דעם 12־טן יוני 1858 האָבן זיי דערלאַנגט פּיראָגאָוון אַ נייעם מעמאָ־ראַנדום. העברעאיש האָבן זיי אָפּגעוואָרפן, ווייל עס איז „אַ טויטע שפּראַך". „וואָס נוגע ווידער דעם „יידישן זשאַרגאָן" — שרייבן זיי — איז ער דאָך דער אָבן נגף אין דער זאַך פון בילדונג; פּטרן ווידער כוחות אויף צו באַאַרבעטן די דאָזיקע שפּראַך, וועלכע פאַרמאָגט נישט ניט קיין בייגונגען, נישט קיין מין, נישט קיין רעגלמעסיקע קאָניוגאַציעס, און אַרויס־געבן אויף איר אַ זשורנאַל — הייסט באַשטעטיקן איר רעכט אויף עק־זיסטענץ, און דאָס האַלטן די רעדאַקטאָרן פאַר אַ זאַך, וואָס איז קעגן זייער געוויסן; אַגב, וואָלט די אַרבעט געווען אַרויסגעוואָרפן: אַפילו אַ זשעני וועט פון דער דאָזיקער שפּראַך גאָרניט ניט מאַכן".... ווייטער, אָן דער רוסישער שפּראַך „וועט דער זשורנאַל און זיין נאָמען אַליין („ראַזסוועט" — דער טאָג־אויסבראַך, ח. ש. ק.) נישט האָבן קיין שום זינען, וואָרעם נישט די טויטע העברעאישע שפּראַך און נישט דער האַלב־ווילדער יידיש־דייטשער (זשידאָווסקאָ־ניעמיעצקי) זשאַרגאָן זענען נישט אימשטאַנד צו נעבוירן דעם אויסבראַך פון ליכט אויף דעם חושכדיקן האָריזאָנט פון עם־הארצות" *).

נו, איז טאַקע צום סוף געשען דאָס „גליק", און עס האָט אויסגעבראָכן די שפע פון ליכט אינעם יידישן געטאָ: דעם 27־טן מאַי 1860 איז דער־שינען דער ערשטער נומער פון „ראַזסוועט". און צוזאַמען מיט דעם האָט אויך אויסגעבראָכן אויף די שפּאַלטן פון דער צייטשריפט אַ שטראָם פּראָפּאַגאַנדע פון רוסיפיקאַציע און העצע קעגן יידיש: „אונדזער פאָטער־

---

*) דאָרטן, ז"ז 45—47.

לאנד — האט מען דא געשריבן — איז רוסלאנד; פונקט אזוי ווי איר לופט, אזוי דארף אויך איר שפראך זיין אונדזערע";... „פארוואס זשע זאלן אונדזערע יידן נישט פארטוישן זייער זשארגאן אויף דער ריינער רוסישער שפראך, ווי באלד זיי איז שוין באשערט צו רעדן נישט מיט זייער אייגענער נאר מיט א פרעמדער שפראך!";... „און מיר אין רוס־לאנד, אנשטאט צו באהערשן די פרעכטיקע רוסישע שפראך, פארבלייבן מיר ביי אונדזער פארדארבענעם זשארגאן, וועלכער קלינגט נישט שיין, איז נישט קארעקט, איז ארעם און אומפעאיק אויסצודריקן א וואסער עס איז הויכן געדאנק"...

אט דאס לידל איז געווארן דער נוסח פון יעדן, וואס האט נאר געקענט האלטן א פען אין האנט, אט אין יענעם פעריאד. דער „ראסזוויעט" מיט זיין פראפאגאנדע פון רוסיפיקאציע און מיט זיין שיטן פעך און שוועבל אויף דער יידישער שפראך — דעם דאזיקן „כאאטישן דיאלעקט, וואס האט נישט די ווערט מע זאל אים רופן מיט נאמען שפראך" (ארטיקל פון ראבי־נאוויטשן, 19־טן אויגוסט 1860) — איז געווארן א מוסטער פאר א גאנצן דור אינטעליגענץ. און ווען עס איז אינגיכן געקומען נאכן פוילישן אויפ־שטאנד פון 1863 די אויסראטונג־פאליטיק און רוסיפיקאציע־בגעוואלט פון מוראוויאוו דעם הענקער, האט דאס נאר געגעבן אט דער יידישער אינטעליגענץ אן איבעריקע געלעגנהייט צו ברענגען צום אויסדרוק אירע פאטריאטיש־רוסיפיקאטארישע געפילן.

לעוו אסיפאוויטש לעוואנדא, דער „געלערנטער ייד" גערשטיין און דער קאזיאנער ראבינער שטיינבערג — אלע האבן זיך מיט באגייסטערונג אריינגעווארפן אין מוראוויאווס שול־פראיעקטן פאר דער יידישער באפעל־קערונג (גראמאטע־שולן). מיט פרייד איז די אינטעליגענץ אנטקעגנגע־לאפן דער נייער פארגוואלטנדיקער רעגירונגס־פאליטיק, און פרייוויליק האט זי זיך איינגעשפאנט אין זיגרייכן רייטוואגן פון דער רוסיפיקאציע. אפילו אזא איינער ווי איליא ארשאנסקי האט מיט שטאלץ אנגעוויזן, אז די יידן האבן זיך בעתן פוילישן אויפשטאנד געשטעלט אויפן צד פון דער „געזעצלעכער רעגירונג". „מיטן גאנצן הארצן — שרייבט ער — ווילן מיר, פונקט ווי די רעדאקטארן פון אונדזערע פאטריאטישע (רוסישע) צייט־טונגען, אז די מערב־געגנט זאל וואס גיכער רוסיפיצירט ווערן". „נאך פריער — זאגט ער — איידער דער פוילישער אויפשטאנד האט אוועקגע־שטעלט די פראגע וועגן דער פאררוסישונג אין איר איצטיקער פארעם, האבן די יידן די ערשטע זיך דערפילט נישט נאר ווי יידן און בירגער, נאר אויך ווי רוסישע מענטשן און רוסישע בירגער".

„די רוסיפיציר־פּאָליטיק פון דער צארישער רעגירונגס — דערקלערט ד"ר יעקב שאצקי — הייסט ביי לעוואַנדאָן: פאַרוואַנדלען אין „נאָר־מאַלע" מענטשן אַט די האַלבע אַזיאַטן און האַלבע אייראָפּעער אין אַלטן פּוילישן קאָסטיום פון די צייטן פון די יאַגעלאָנער, מיט זייער געבראָכע־נעם דייטשן זשאַרגאָן פון מיטלעלטער, מיט איין וואָרט די יידן, וואָס זיי האָט אויפגענומען פון די אומגעלומפּערטע הענט פון דער (פּוילישער) רעפּובליק... געווען משכילים וואָס האָבן געוואָלט רוסיש אויך פאַר יידן אין קאָנגרעס־פּוילן. אין די „מאָסקאָווסקיע וויעדאָמאָסטי" 42, 1865, האָט זיך באַוויזן אַ גרויסער אַרטיקל, געחתמעט „אַ רוסישער ייד", א"נ: „אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך און אין וועלכע שולן דאַרפן זיך לערנען די יידן פון קעניגרייך פּוילן?". דער מחבר הייבט באַלד אָן פון דער משכי־לישער אַקסיאָם, אַז זיי קענען, פאַרשטייט זיך, נישט לערנען אויף „זשאַר־גאָן", ווייל דאָס איז נישט קיין ליטעראַטור־שפּראַך און ממילא טויג ער נישט פאַר פּעדאַגאָגישע צוועקן... יידן אין פּוילן דאַרפן זיך לערנען נאָר אין רוסישע שולן. „קעניגרייך פּוילן געהער צו רוסלאַנד, און די יידן פון דעם דאָזיקן לאַנד זענען רוסישע אונטערטאַנער, דערפאַר דאַרפן זיי אומבאַדינגט אָנערקענען די רוסישע שפּראַך פאַר זייער פאָטערלענדישער שפּראַך, און ממילא דאַרף זיך דער יונגער יידישער דור לערנען נאָר אויף רוסיש"... דאָס דאָזיקע אַרטיקל, געדרוקט אין קאַטקאָווס צייטונג, האָט געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם אויף די יידישע משכילים אין רוסלאַנד. גאָטלאָבער האָט זיך געווענדעט צו די פּוילישע יידן, זיי זאָלן ווערן גוטע רוסישע אונטערטאַנער און בעטן ביים צאַר, ער זאָל עפענען פאַר זיי אַזעלכע שולן, ווי דער מחבר פון דעם אַרטיקל אין „מאָסקאָווסקיא וויע־דאָמאָסטי" האָט פאָרגעלייגט. אין דעם זעלביקן גייסט האָט געשריבן ט"ף שאַפּירא, אַ באַקאַנטער משכיל און לערער אין סייני (סואוואַלקער גובער־ניע). דער ערשטער אָבער וואָס האָט אָנגעהויבן אַקטיוו פּראָפּאַגאַנדירן דעם געדאַנק צו עפענען רוסישע שולן פאַר יידישע קינדער אין קאָנגרעס־פּוילן איז געווען אברהם יעקב פּאַפּערנאָ (1840־1919). ער האָט אָנגע־שריבן אַ באַריכותדיקן מעמאָראַנדום צו דער רוסישער רעגירונג און זיך אָנגעבאָטן ווי דער פּיאָנער צו גרינדן רוסישע שולן פאַר יידישע קינדער אין פּוילן" *).

---

*) ד"ר י. שאַצקי — יידישע בילדונגס־פּאָליטיק אין פּוילן פון 1806 — ביז 1866, ניו־יאָרק, 1943, ז"ז 198־190. דאָרט איז אויך אָנגעגעבן די ליטעראַטור אין שייכות מיט דער טעמע.

א. גאָטלאָבער האָט אין זיין באַרימטן געדיכט „הקיצה" (1863) גע־זידלט דאָס יידישע פאָלק: „די שפּראַך פון דיין פאָטערלאַנד פאַרשטייסטו נישט, עם־הארץ!"

א לייט־אַרטיקל אין דער רוסישער ביילאַגע צום „הכרמל" (1865) רופט אויס: „שוין צייט, אַז אויך מיר, רוסישע יידן זאָלן אראָפּוואַרפן פון אונדזערע פּלייצעס אָט דעם זשאַרגאָן, וועלכער טיילט אונדז אָפּ פון אונד־זערע רוסישע מיטבירידער מיט אַ כינעזישער וואַנט... שוין צייט, אַז מיר זאָלן ווערן זעעוודיק, אין קעגנפאַל וועלן מיר זיך נאָך דערוואַרטן די גע־רעכטיקע פאַרוואורפן פון אונדזערע רוסישע מיטבירגער און די אומצו־פרידנקייט פון דער רעגירונג פאַר אונדזער גלייכגילטיקייט צו אירע גוטע כוונות".

דער פאַרוואַלטער פון דער ווילנער יידישער קרוין־שול שרייבט אין „ווילענסקי וויעסטניק" (1864) וועגן „אומגעלומפּערטן, אונדז דערנידערי־קנדיקן זשאַרגאָן"; „שוין צייט, ברידער, מיר זאָלן זיך איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָפּטרייסלען פון דעם דאָזיקן מין פרעמדמלוכהשקייט".

אַן אַנדער לערער שרייבט אין „וויעסטניק רוסקיך יעווריעיוו" (1871): „מיר דאַרפן זיך נישט פאַרוויגן מיט פּוסטע האָפענונגען, אַז יידן וועלן זיך אָפּזאָגן פונעם זשאַרגאָן, נאָר מיר, די פאָלקס־דערציערס, דאַרפן לפּחות אַליין זיך אָפּזאָגן פון אים און אַרויסשטויסן אים פון דעם קרוינישן אַנשטאַלט... דעם זשאַרגאָן דאַרף מען אינגאַנצן פאַרווערן אין שול".

דער באַקאַנטער קולטור־טוער ל. מאַנדעלשטאַם האָט אין דעם אַריינפיר צו זיין רוסישער איבערזעצונג פון תנ"ך געשריבן (1871): „ווי אין די צייטן פונעם גרויספירשט וולאַדימיר בנוגע דעם אויסוואַל פון אַן אויפ־קלערנדיקער אמונה פאַר די רוסן, פּונקט אַזוי איז איצט פאַר די יידן נייטיק אויסצוקלייבן אַ נייע שפּראַך, וואָס זאָל אָטעמען מיט איינהייט און קלאָרקייט... אַלס קינדער פון רוסלאַנד דאַרפן זיי אויסקלייבן די רוסישע שפּראַך".

* *
*

א בכבודיקער זון פון אָט דעם דור און תקופה איז געווען דער פּעדאַגאָג און געזעלשאַפטלעכער טוער אין דער שטאָט אָדעס, מאַרקוס סאָלאָ־מאָנאָוויטש גוראָוויטש. לויטן אויפטראַג פון פּיראָגאָוו איז ער געווען דער ערשטער פאַרוואַלטער פון דער אָדעסער תלמוד־תורה. שפּעטער איז ער באַשטימט געוואָרן פאַרן „געלערנטן יידן" ביים גענעראַל־גובערנאַטאָר פאַר נאָוואָראָסיע און בעסאַראַביע. ווי אַזעלכער, האָט ער באַזוכט די יידישע שטעט, צוגעשטעלט דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר פאַרשידענע באַ־

ריכטן און מעמאָראַנדומס (אגב, וועגן דער פּראָיעקטירטער פּראָגראַם פון „ראַזסוויעט"). אין 1862 האָט גוראָוויטש דערלאַנגט דעם גענעראַל־גו־בערנאַטאָר אַ מעמאָראַנדום מיט פאַרשידענע מיטלען ווי אַזוי צו הייבן דעם מצב פון בילדונג ביי יידן. די הויפּט־מניעה איז לויט זיין מיינונג די יידישע שפּראַך, „וועלכע זייענדיק אַ פאַרדאָרבן דייטש, האָט זי נישט קיין שום ליטעראַרישן ווערט און טיילט נאָר אָפּ אָן קיין שום נוצן די יידן פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג". גוראָוויטש האָט דעריבער געמאַכט אַזעלכע קאָנקרעטע פאָרשלאָגן: „ערשטנס, מען זאָל פאַרווערן צו דרוקן אויף יידיש וואָסערע ס'איז ווערק און ביכער; און צווייטנס, אָנווענדן ענערגישע מיט־לען, אַז די יידן זאָלן אין געשפּרעך און שריפטלעכן אומגאַנג זיך באַנוצן מיט דער דייטשער און רוסישער שפּראַך, און צוליב דעם מוז מען פאַר־ווערן די מלמדים צו לערנען מיט קינדער". גוראָוויטשעס פאָרשלאַג האָט זוכה געווען, אַז מע זאָל אים איבערגעבן צום באַטראַכטן צו דער „ראַ־בינער־קאָמיסיע", — וואו עס זענען געזעסן צוזאַמען מיט די אָרטאָדאָק־סישע פאָרשטייערס אויך עטלעכע משכילים: דאָ זענען געווען דער ריגער ראַבינער ד"ר ניימאַן, דער חסידישער רב און עסקן י. באַריט; דער ראש־ישיבה י. לאַנדאָ; דער באַקאַנטער מגיד א. מאַדיעווסקי און דער אַדוואָקאַט ג. באַראַץ, וועלכער האָט געענדיקט די זשיטאָמירער ראַבינער־שול. האָט אָט די קאָמיסיע דעם 6־טן מערץ 1862 אַרויסגעזאָגט וועגן גוראָוויטשעס פּראָיעקט אַזאַ מיינונג: „די קאָמיסיע איז פולשטענדיק מסכים מיט גוראָ־וויטשעס מיינונג, אַז די יידישע שפּראַך מיט וועלכער די יידן באַנוצן זיך, שטערט אין אַ באַדייטנדיקער מאָס צו דער פאַרשפּרייטונג פון בילדונג צווישן זיי און צו זייער דערנענטערונג מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג, און דעריבער האַלט זי זיין פאָרשלאַג וועגן פאַרווערן צו דרוקן ביכער אויף יידיש פאַר זייער נוצלעך".

דער ענין, ווי מיר זעען, איז געווען גאָר אַן ערנסטער. עס איז אָבער געווען דער גליקלעכער מזל פון יידיש, וואָס פאַר איר האָט זיך איינגע־שטעלט דער גויאישער בילדונגס־מיניסטער א. גאָלאָווניןֹ. ער האָט גע־האַלטן, אַז „אויב מען זאָל פאַרווערן צו דרוקן ביכער אויף דער יידישער פאָלקסשפּראַך, וואָלט דאָס אין מינדסטן גראַד נישט געצוואונגען די יידן צו פאַרגעסן זייער געוויינלעכע אומגאַנג־שפּראַך, זיך אָפּזאָגן פון צו גע־ברויכן זי און במילא צו דערלערנען די רוסישע שפּראַך אָדער אפילו די דייטשע". אַ צווייטן מאָל האָט גאָלאָוונין געשריבן וועגן דעם זעלבן: „דער פאַרבאָט צו דרוקן יידישע ווערק, וואָס פאַר אַ אינהאַלט זיי זאָלן נישט האָבן, וועט נישט צווינגען די יידן פלוצלונג אָנצוהייבן לייענען רוסישע און דייטשע ביכער, פּשוט ווייל זיי פאַרשטייען נישט די שפּראַכן אויף

וועלכע יענע זענען געדרוקט". מיטן ליבעראַלן בילדונגס-מיניסטער האָט שאַרף פּאָלעמיזירט אין דער זאַך דער אינערן-מיניסטער וואַליועוו, וועלכער האָט געשטיצט די פּאַרשלאָגן פון גוראָוויטשן. וואַליועוו האָט אַזוי געטענהט: „אָפּשטעלנדיק זיך אויף דער ספּעציעלער פראַגע, וואָס איז באַטראַכט געוואָרן אין דער ראַבינער-קאָמיסיע, מכוח פאַרווערן צו דרוקן ביכער אויף יידיש, — רעכן איך פון מיין זייט, אַז די פאַרווירקלעכונג פון אָט דעם מיטל דאַרף באַדייטנדיק מיטווירקן, אַז די רוסישע שפּראַך זאָל זיך פאַרשפּרייטן צווישן יידן, ווייל דורך דעם וועט געשטערט ווערן די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון יידיש אין ליטעראַרישער הינזיכט, און עס וועט ביי דער יידישער שפּראַך אָפּגענומען ווערן די מעגלעכקייט, זי זאָל ווען עס איז ווערן דער אויסדרוק פון יענע באַגריפן, וועלכע די יידן וועלן, צוגלייך מיט דער פאַרשפּרייטונג פון בילדונג צווישן זיי, שעפּן פון רוסישע און דייטשישע ווערק"*).

וויפל הערצאָאיזם און אויפריכטיקע ליבע צו דער יידישער פאָלקסמאַסע האָט זיך געפאָדערט ביי דעם נייעם טיפּ פאָלקס-אינטעליגענטן, וועגן וועלכע מיר האָבן שוין דערציילט אין די פריערדיקע אַרטיקלען, זיי זאָלן אָנהייבן, ביי די באַדינגונגען, אַרויסגעבן אַ צייטשריפט אין יידיש (קול מבשר), און שאַפן אַ טריבונע פאַר נייע קולטור-אידייען און קונסט-אויסדרוקן.

* *

*

אויך אויף די ברעגן פון דער ווייסל האָבן זיך אין יענער צייט געלאָזט הערן די זעלבע שטימען. דאָ איז געווען אַ פּויליש-יידישע וואָכנשריפט, „יוטשענקאַ", און איר רעדאַקטאָר דניאל נייפעלד האָט באַקעמפט אַלע פּרואוון פון אַרויסגעבן אַ צייטונג אויף יידיש אין פּוילן, ער איז אויך שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן צעדערבוימס „קול מבשר". ער האָט געשריבן:

„דער יידיש-דייטשער דיאַלעקט ברענגט אונדז אַלעמען צו יאוש, און מיר וואָלטן וועלן וואָס שנעלער פון אים פּטור ווערן — נישט פלעגן אים, שאַפן פאַר זיינטוועגן אַ באַזונדער ליטעראַטור און פאַראייביקן אים דורך אויפהייבן אויף דער מדרגה פון די שפּראַכן, וואָס האָבן אַ ליטעראַטור און זשורנאַליסטיק"...

„אויב מיר וועלן מיט אַלע כוחות נישט ווירקן קעגן דער צרה, דאַן מעגן מיר זיך ריכטן אין גיכן זאָל דערשיינען אַ גראַמאַטיק פון דעם דאַזיקן דיאַלעקט, איבער וועלכער אייניקע וויצלינגען אַרבעטן שוין, נישט

---

*) ש. גינזבורג, היסטאָרישע שריפטן באַנד 1, ז. 91 א"וו.

קומען אַ ווערטערבוך, עס וועלן פאַרעפנטלעכט ווערן פּאָעטישע, דראַמאַ־טישע און היסטאָרישע ווערק, אַלץ מכלומרשט פאַר דער בילדונג פון פאָלק, אָבער אין אמתן צוליב שמוציקער ספּעקולאַציע"...

און צו צעדערבוימען, אין צוזאַמענהאַנג מיטן „קול מבשר"־פּראָיעקט, ווענדעט ער זיך:

„מיר באַשווערן איך, די געערטע רעדאַקטאָרן פון דעם העברעאישן „המליץ", וואָס גייט אַרויס אין אָדעס, זיי זאָלן נישט פּראָפּאַגירן זייער בלאַט, צוגעבנדיק צו אים די צוגעזאָגטע ביילאַגע „קול מבשר".

„דען די דאָזיקע שטים — דאָס איז אַ העסלעכער אָפּקלאַנג פון די פאַרגאַנגענע טעג פון אומגליק. מיר האָבן געדענקט, אַז עס האָט שוין לאַנג אָפּגעהילכט אין רוים... די דאָזיקע אונטערנעמונג איז אומפּרוכט־באַר... זי וועט אונדז קיין מאָל נישט אַרויספירן פון דעם פאַרכישופטן רינג, אין וועלכן מיר דרייען זיך שוין אַזוי לאַנג, און זי וועט אַרויפברענ־גען אויף אונדז דעם פאַרדינטן פאָרוואורף, אַז מיר ווילן זיין נישט בלויז אַ פאָלק, וואָס איז סאָלידאַריש פאַרבונדן אין די מאַטעריעלע אינטערעסן, נאָר האָט זיינע אַגענטורן אויפן גאַנצן שטח פון דער ערד־קויל און פאַר־שטענדיקט זיך צווישן זיך מיט דער הילף פון אַ געהיימער ליטעראַטור אין אַ לשון, וועלכן קיינער קען נישט, אפילו אונדזערע ברידער אין גלויבן, וואָס זענען דערצויגן אין איראָפּעאישע פּרינציפּן"[*]).

אַ קאָרעספּאָנדענט פון „יוטשענקאַ" האָט געלאָזט וויסן, אַז אין יאָהאַנעסבורג (פּרייסן) הייבט אָן אַרויסגיין אַ וואָכנבלאַט פאַרן יידישן המון אין „יידיש־דייטשן דיאַלעקט מיט העברעאישע אותיות". דער אַרויס־געבער, אַזוי ווערט דערציילט אין פּראָספּעקט וואָס דער שרייבער ציטירט, זאָגט צו אַז ביסלעכוויז וועט ער אַריבערגיין אויף דייטש, ווייל דאָס איז דער ציל פון דער אויסגאַבע. די דאָזיקע צייטשריפט איז געווען באַשטימט פאַר די פּוילישע יידן און דער רעדאַקטאָר האָט געזאָלט זיין געוויסער ל. י. שאַפּיראָ וואָס איז אויך געווען אַ מיטאַרבעטער פון „יוטשענקאַ". נייפעלד אַפּעלירט צו דעם דאָזיקן שאַפּיראָ, ער זאָל „נישט פאַרטאַכלעווען זיין טאַלענט" אויף אַזעלכע זאַכן: „דער דאָזיקער דיאַלעקט וועט אונדז אַלעמען אומגליקלעך מאַכן". דערביי ווענדט זיך נייפעלד צו זיינע לייע־נערס זיי זאָלן די געפּלאַנטע צייטשריפט נישט אונטערשטיצן. שאַפּיראָ האָט אַריינגעשיקט אַ דערקלערונג, אַז... איצט ווען ער האָט איבערגע־לייענט נייפעלדס מוסר־ווערטער, זאָגט ער זיך אינגאַנצן אָפּ פון זיין פּלאַן.

---

*) נ. פּרילוצקי, „באַרג אַרויף" ז' 243, ציטירט ביי ש. ל. ציטראָן — די געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע, ווילנע 1923, ז"ז 75־77.

„מיט גרויס פארגעניגן לאזן מיר וויסן אונדזערע לייענערס, שרייבט נייפעלד, אז די נעפלאנטע אויסגאבע פון א צייטשריפט אינעם יידיש־דייטשן דיא־לעקט וועט א דאנק דער אזהרה פון די פריינד פון נאציאנאלן פראגרעס אין פוילן נישט צושטאנד קומען". אין אן אנדער ארטיקל האט נייפעלד נעמוסרט די יידישע דרוקערס אין ווארשע, פארוואס זיי נעמען אן צו דרוקן נעשעפט־אנאנסן אויף יידיש... בעת מען האט אין פוילן דעבא־טירט די פראגע פון דער יידישער גלייכבארעכטיקונג און די משכילים האבן נעשטיצט וויעלאפאלסקיס פארשלאג אז אקטן אין דער יידישער שפראך זאלן נישט האבן קיין יורידישע האפט, האט צעדערבוים פארטיידיקט די נייטיקייט פאר יידן אין דער איצטיקער תקופה פון זייער בילדונג צו באנוצן זיך מיט יידיש אין מיסחר און אין פארשידענע יורידישע אקטן. נייפעלד האט אים אפגעענטפערט און אפילו באשולדיקט, אז ער טוט עס צוליב דעם וואס ער וויל אריינבאקומען מער אבאנענטן פארן "קול מבשר" (1863)*).

* *
*

דאס איז נעווען דער גרויסער אנגריף אויף יידיש אין מיטן פאריקן יארהונדערט — מצד די יידישע פארשטייער פון רוסיפיקאציע (און פאלאניזאציע). אין די וויטערדיקע יארצענדליקער האבן אנדערע פראבלעמען פארנומען די אויפמערקזאמקייט פון דער יידישער פרעסע און עפנטלעכקייט: גירושים, פאגראמען, בילדונגס־באגרענעצונגען, עקאנאמישע נגישות או"וו. די שטים פון די אסימילאטארן איז נעווארן געדעמפט. הגם רוסיש (און פויליש) איז אלץ מער אריינגעדרונגען אין יידישן לעבן, האבן אבער די „אידעאישע אסימילאטארן" אין די 80־טער און 90־ער יארן פון פאריקן יארהונדערט נישט נעהאט דעם מוט אויפצוהייבן ווידער אזעלכע קאמפאניעס קעגן יידיש, ווי מיט 20־30 יאר פאר דעם. דער גלויבן אין רוסישן צאריזם און זיינע טובות פארן יידישן פאלק — איז אויסגערונען. נאציאנאלער באוואוסטזיין האט פארנומען אלץ מער ארט אין יידישן לעבן. איז ממילא נישט נעווען קיין פלאץ פאר קאמף קעגן יידיש אין נאמען פון אסימילאציע מיט דער ארטיקער באפעלקערונג און פרעמדער קולטור. דערפאר אבער האבן זיך אין יענע יארן באוויזן אנדערע מיליטאנטן קעגן יידיש — פון גאר אן אנדער לאגער: פון די רייען פון ציונים־העברעאיסטן. מיט דער פארשטארקונג פון חיבת־ציון־באוועגונג איז נעקומען די פרא־

---

*) י. שאצקי „יידישע בילדונגס פאליטיק אין פוילן" א"א וו. ד"ז 153־154.

פאַגאַנדע פון חובבי שפת עבר, פון עברית בעברית און חדר מתוקן — און שפּעטער פון „עברית או רוסית" (או פולנית).

אוודאי האָט נישט געפעלט במשך דעם גאַנצן פאַריקן יאָרהונדערט אויך קיין העברעאיסטישע משכילים, וואָס זענען אַרויסגעטראָטן קעגן יידיש און גערופן יידן צו דייטשישער שפּראַך און צו רוסישער. אָבער קיין פאַרביטערטע קאַמפּאַניעס קעגן יידיש האָבן זיי נישט געפירט, און ס'רוב האָבן זיי אַליין אונטערגעזינדיקט מיט שרייבן אויף יידיש. אָרגאַניזירטע, מיליטאַנטיש־אַנגרייפערישע קאַמפּאַניעס קעגן יידיש זענען געקומען ערשט צום אָנהייב פון היינטיקן יאָרהונדערט מצד די ציוניסטישע העברעאיסטן. מיט דער פאַרשטאַרקונג פונעם ישוב אין ארץ ישראל האָט זיך דאָרט אויך פאַרשטאַרקט די באַוועגונג אויפצולעבן העברעאיש, צוזאַמען מיט דעם איז געקומען דער פאַנאַטישער שפּראַכן־קאַמף אין די אַנדערע ישובים.

היינט צו טאָג קען מען הערן: שולדיק אין אַלץ איז דער בונדיזם, דער אַנטי־ציוניזם. עס הייסט אַזוי: דערפאַר ווייל די בונדיסטן און אַנטי־ציוניסטן ווילן „איבערנעמען דאָס אַפּיטרופּסות איבער יידיש", איז ממילא דער ציוניזם געצוואונגען צו באַקעמפן יידיש; וואָלטן אַלע יידיש־אָנהענגער געוואָרן ציוניסטן און חסידים פון ארץ־ישראל, וואָלט העברעיש קיינמאָל נישט אָנגעגריפן יידיש... אָבער אַזאַ אָביעקטיווער באָאָבאַכטער פון יידישן לעבן ווי ש. ניגער, האָט שוין געהאַט די געלעגנהייט אָפּצולייקענען אָט די טעאָריע און זי באַצייכענען ווי „היסטאָריש נישט ריכטיק".

אַרויסטרעטנדיק קעגן דער מיינונג אַז אין דעם ריס צווישן יידיש און העברעאיש איז שולדיק נאָר דער צד פון די „בונדיסטן — און מען קיינער נישט" און אַז „די עקסטרעמע ציוניסטן־העברעאיסטן זענען גאָט די נשמה שולדיק", זאָגט ש. ניגער: „דער אמת אָבער איז אַז אַ קאַמף קעגן יידיש האָבן העברעאיסטישע משכילים געפירט, ווען עס האָט נאָך נישט עקזיסטירט נישט קיין ציוניסטישע און נישט קיין בונדיסטישע באַוועגונג, און שפּעטער, דערהויפּט נאָך טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ אין 1908, איז דער קאַמף געפירט געוואָרן נישט קעגן „אַנטי־ציוניסטישע" יידישיסטן, נאָר קעגן די אַלע וואָס האָבן זיך געהאַלטן ביי דער טראַדיציאָנעלער צוויי־שפּראַכיקייט, און צווישן זיי זענען געווען אי ציוניסטן אי נישט קיין ציוניסטן. ביידע גרופּעס האָבן אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ געשטימט קעגן דעם פאָרשלאָג פון אסתר (פרומקין), דער פאָרשטייערין פון בונד, וואָס האָט געוואָלט אַז יידיש זאָל דערקלערט ווערן פאַר דער נאַציאָנאַלער שפּראַך פון יידן, און אָנגענומען געוואָרן איז די רעזאָלוציע, וואָס עס האָט אַריינגעבראַכט כאַזאַנאָוויטש, אַ פירער פון די פועלי ציון, — און זי האָט אויסגעדריקט די אידייע נישט פון אַנטי־הע־

ברעאיזם, נאָר פון צוויי־שפּראַכיקייט, די אידייע וואָס עס האָט געשטיצט
אויך אַזאַ ציוניסט ווי בעל מחשבות. די וואָס האָבן זי דאָך באַקעמפט און
געהאָלפן ברייטער און טיפער מאַכן דעם ריס צווישן אונדזערע ביידע שפּראַ־
כן, האָבן עס נישט געטאָן דערפאַר, ווייל יידיש איז געוואָרן אַן „אַנטי־
ציוניסטישער אינסטרומענט". צווישן די וואָס האָבן „געוואָלט איבערנעמען
דאָס אַפּיטרופּסות איבער יידיש" זענען געווען נישט ווייניצקער ציוניסטן
ווי נישט קיין ציוניסטן, און פאַקטיש איז דער נישט אין ערך גרעסטער
טייל פון דער יידיש־פּרעסע אין מזרח־אייראָפּע געווען נישט קעגן, נאָר
פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג... שווער איז צו זיין אַ ציוניסטישער
אידעאָלאָג אָדער פּאָליטיקער און נישט זיין עקסטרעם העברעאיסטיש.
אָבער אוממעגלעך איז עס נישט, כאָטש דאָס איז שווער"*).

אין ווייטערדיקן קאַפּיטל וועלן מיר זיך באַקענען מיט דער אַטמאָס־
פערע, אין וועלכער עס זענען אויפגעקומען און געוואַקסן דער „עברית או
רוסית" און דער שינאהדיקער אַנטי־יידיש.

ב. העברעאיסטן קעגן יידיש

אויך פאַר דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ האָבן נישט געפעלט קיין
עפּנטלעכע אַרויסטרעטונגען פון העברעאיסטן קעגן יידיש. אַ טיפּישער
קעמפער און העצער קעגן יידיש איז געווען דער באַקאַנטער העבר' שריי־
בער און פּעדאַגאָג י. ח. טאַוויאָוו. וועגן זיינע סקאַנדאַליעזע אָנפאַלן אויף
יידיש קען מען דערציילן אַ סך. מיר וועלן זיך דאָ באַגנוגענען מיט איין
ביישפּיל וועגן וועלכן עס האָט נישט לאַנג דערציילט אין זיינע זכרונות
דער אַלטער פּאַרדינסטפולער שריפטשטעלער בן ציון כץ. דאָס איז געווען
אין די יאָרן נאָך 1905. „ווען איך בין געווען דער רעדאַקטאָר, איז אין
„הזמן" קיינמאָל נישט געווען קיין אָנפאַלן אויף דער יידישער שפּראַך.
אָבער אין דער באַנייטער „הצפירה" איז געדרוקט געוואָרן אַן אַרטיקל פון
י. ח. טאַוויאָוון, וועלכער האָט געשריבן אַז ער האָט קיינמאָל זיין פּעדער
נישט באַשמוצט מיט שרייבן יידיש. דאָס איז געווען נישט אמת, ווייל
ווען דער „הזמן" האָט אַרויסגעגעבן אויך אַ יידישע צייטונג „די
צייט", האָט טאַוויאָוו געשריבן אין איר אַרטיקלען אונטערן פּסעוודאָנים
א. טראַכטער. אָבער נישט דאָס איז געווען דער עיקר. קיינער גיט נישט
אַרויס קיין פּסעוודאָנימען. נאָר זיין אַרטיקל אינגאַנצן איז געווען שמוציק.
איך האָב אים געגעבן אַן ענטפער מיט דעם משונהדיקן נאָמען „העפּ־העפּ

*) „טאָג מאָרגן זשורנאַל", ד־טער פעברואַר 1953.

נגד הזרגון" (העפּ־העפּ קעגן זשאַרגאָן). דער משונהדיקער נאָמען איז גע־וועזן נישט מיינער, נאָר נחום סאָקאָלאָווס. אין דער צייט ווען דער „הזמן" איז געווען די איינציקע העברעאישע צייטונג, האָט אויך סאָקאָלאָוו מיטגעאַרבעט אַ געוויסע צייט. און דאָרט האָט ער געדרוקט אַן אַרטיקל מיטן נאָמען „העפּ־העפּ נגד הז'רגון". דאָס איז געווען אַ לאַנגער אַרטיקל קעגן די, וועלכע פאַלן אָן אויף יידיש סיי פון יידן און סיי נישט־יידן. דער אַרטיקל איז געשריבן געוואָרן מיט טעמפּעראַמענט. אין מיין אַרטיקל האָב איך ציטירט די הויפּט־פּונקטן פון סאָקאָלאָווס אַרטיקל, און דער עיקר באַטאָנט, אַז — ווי קען מען באַפאַלן אַ שפּראַך אויף וועלכער עס רעדן מיליאָנען יידן, כמעט צוויי דריטל פון יידישן פאָלק"...*)

אַזוי האָבן אויסגעזען די שטימונגען אויף דער יידישער גאַס ערב דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ. נאָך איר זענען די העפּ־העפּ־שטימונגען קעגן יידיש כסדר געגאַנגען באַרג אַרויף...

ווי באַקאַנט, איז די קאָנפערענץ געראָפן געוואָרן אויף דעם 30 אויגוסט 1908. די עפענונג־רעדע האָט געהאַלטן ד"ר נתן בירנבוים און באַלד נאָך אים האָט אַ צווייטע עפענונג־רעדע געהאַלטן י. ל. פּרץ. אָט זענען אַ פּאָר שורות פון פּרצעס רעדע: „...און מיר רופן צו דער וועלט: מיר זענען אַ יידיש פאָלק און יידיש איז אונדזער שפּראַך, און אויף אונדזער שפּראַך ווילן מיר זיך דורכלעבן און אונדזערע קולטור־גיטער באַשאַפן און שוין קיינעם נישט אָפּפערן זיי צוליב די פאַלשע אינטערעסן פון „שטאַט", וואָס איז נאָר דער באַשיצער פון רעגירנדע, הערשערישע פעלקער און דער בלוטזויגער פון אונטערדריקטע, שוואַכע. מיר ווילן קיינעם נישט דינען. פעלקער־לאַקייען קענען קיין קולטור־גיטער נישט באַשאַפן. מיר טוען עס!... מיר ווילן זיך שוין נישט צעברעקלען און אָפּפערן יעדן מולך־שטאַט זיין בראָטן. איין פאָלק יידן; זיין שפּראַך איז יידיש. און אין דער שפּראַך ווילן מיר אונדזער אוצר זאַמלען, אונדזער קולטור באַשאַפן, אונדזער נשמה וועיטער וועקן און קולטורעל זיך פאַראייניקן צווישן אַלע לענדער און אין אַלע צייטן".

אויף דער 8־טער זיצונג פון דער קאָנפערענץ איז אָנגענומען געוואָרן די רעזאָלוציע־דעקלאַראַציע וועגן יידיש: „די ערשטע קאָנפערענץ פון דער יידישער שפּראַך אנערקענט יידיש פאַר אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך פונעם יידישן פאָלק און פאָדערט פאַר איר פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע גלייכבאַרעכטיקונג. דערביי האַלט די קאָנפערענץ פאַר נייטיק צו דערקלערן, אַז יעדן אָנטיילנעמער אין דער קאָנפערענץ, ווי אויך יעדן מיטגליד פון

*) „טאָג מאָרגן־זשורנאַל", 2־טן יאַנואַר 1955.

דער קינפּטיקער אָרגאַניזאַציע בלייבט די פרייהייט זיך צו באַציִען צו דער העברעאישער שפּראַך לויט זייַנע פּערזענלעכע איבערצייגונגען". בכן, די קאָנפערענץ האָט נישט פּראָקלאַמירט יידיש ווי די נאַציאָנאַלע שפּראַך פון יידישן פאָלק, זי האָט אויך נישט אָנגענומען קיין שום אַנטי־העברעאישע שטעלונג. מיט אַלע שטימען קעגן פיר האָט זי צוגעטיילט יידיש די ראָל בלויז פון אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך. די בונדישע דעלעגאַטקע אסתר פרומקין האָט שפּעטער דערקלערט די שטעלונג פון דער אָפּאָזיציע: „נאַציאָנאַלע שפּראַך אָדער פאָלקסשפּראַך? וועמען וואָלט אייַנגעפאַלן דיזן ריין־ווערטערבן דיספּוט צו פירן? אָבער עס זענען דאָ ווערטער־סימבאָלן, ווערטער וואָס דריקן אויס גאַנצע שטימונגען. און ווען איר געפינט זיך אין אַ פאַרזאַמלונג וואו דאָס וואָרט פאָלקסשפּראַך באַדייטעט שפחה, דינסט, און דאָס וואָרט נאַציאָנאַל־שפּראַך — גבירה, האַרינטע, דאַן פילט איר זיך פאַרפליכטעט צו באַשטיין דווקא אויפן וואָרט נאַציאָנאַל־שפּראַך". (אסתרס באַריכט וועגן דער קאָנפערענץ איז אָפּגעדרוקט אין דער בונדישער „די נייע צייט", באַנד 4, ווילנע 1908).

ווי אַזוי זשע האָט רעאַגירט אויף די מעסיקע באַשלוסן פון דער קאָנפערענץ דער ציוניסטיש־העברעאיסטישער צד?

דער „העולם" האָט געשריבן: „ווי גרויס איז די ליבע ביי די מאַלפּעס! מיט זייערע הענט דערשטיקן זיי פון גרויס ליבע זייערע קינדער, און די זשאַרגאָניסטן וועלן מיט זייער „גראַמאַטיק" דערהרגענען דעם זשאַרגאָן אויף אייביק... און איך ווינטש די זשאַרגאָניסטן, זיי זאָלן מצליח זיין מיט זייער גראַמאַטיק; באַזונדערס מיט דער גראַמאַטיק. און דעמאָלט וועל איך זיך אויך פרייען מיט זייער „גרויסער וואָך" אין טשערנאָוויץ".

דער „הזמן" האָט געשריבן: „דאָס יידישע פאָלק וואָס איז צעשפּרייט איבער אַלע לענדער פון דער וועלט, וועט קיינמאָל נישט אָננעמען די הערשאַפט פון אַ שפּראַך, וואָס האָט נאָר אַ לאָקאַלן ווערט — מעג זיין ביי אַ גרויסן טייל פון אונדז. די נאַציאָנאַלע שפּראַך איז און וועט זיין נאָר די, וואָס האָט אַ יסוד אין דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס האָט צוהערער צווישן אַלע טיילן פון פאָלק איבער דער גאָרער וועלט, וואָס בינדט צונויף און פאַראייניקט די באַזונדערע טיילן פון דער נאַציע. און קאָמיש זענען די אָנטיילנעמער פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, ווען זיי קומען פּסקענען אין דער שפּראַכן־פראַגע און באַשאַפן נייע נאַציאָנאַלע שפּראַכן".

הלל צייטלין האָט אין ציוניסטישן „היינט" געשריבן: **„זיי האָבן דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ אַ נאָמען געגעבן „דער יום טוב פון מאַמע־לשון". באמת דאַרף נאָר די מאַמע נישט אַזעלכע קינדער, דאָס איז נישט געווען קיין יום־טוב פון מאַמע־לשון, נאָר אַ יום־טוב פון עם הארצות".**

און עס איז צו פאַרשטיין די פאַרביטערטקייט, מיט וועלכער אברהם רייזען האָט געשריבן אין קראָקעווער „סאָציאַלדעמאָקראַט": „ביאַליק דראָט, אַז ער וועט מער נישט נעמען די פעדער אין האַנט אַריין יידיש צו שרייבן... אין אַ זשאַרגאָן איז ביאַליקן יאָ אָנגעשטאַנען צו שרייבן, אין אַ נאַציאָנאַל־שפּראַך אָבער וויל ער נישט: ס'פּאַסט נישט פאַר אים — די כלה איז צו שיין... די לעצטע בשורה וואָלט אפילו גאַנץ טרויעריק געקלונגען, ווען די יידישע ליטעראַטור וואָלט געדאַרפט אַרויסקוקן נאָר אויף ביאַליקס אַ געדיכט. דאָס גליק איז נאָר, וואָס די יידישע שפּראַך איז יונג, געזונט און פריש און האָט אַ סך ליבהאָבער מיט וועלכע זי לעבט גאַנץ בשלום".

די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ האָט באמת אָפּגעשפּיגלט דעם קולטור־צושטאַנד אויף דער יידישער גאַס מיט אירע שול־און שפּראַך־פּראָבלע־מען. די מלחמה צווישן העברעאיש און יידיש האָט איצט דערגרייכט דעם קולמינאַציע־פּונקט. די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ האָט נישט געבראַכט קיין פּראַקטישע רעזולטאַטן אין פאָרם פון אַ שטענדיקער אָרגאַניזאַציע. אַנדערש האָט דאָס נישט געקענט זיין, ווייל דאָרט וואו עס האָט געלעבט דער רוב מנין פון יידישן פאָלק מיט זיינע געדיכטע אַרבעטנדיקע מאַסן, אין רוסלאַנד, האָט איצט געהערשט אַ שווערער פּאָליטישער רעזשים, ביי וועלכן עס איז אוממעגלעך געווען צו אָרגאַניזירן אַ גרעסערע קולטור־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט פאַר דער יידישער שפּראַך און קולטור. אָבער די לאָזונגען, וועלכע די קאָנפערענץ האָט געוואָרפן און מיט וועלכע עס איז געווען אָנגעגליט די גאַנצע אַטמאָספערע אויף דער יידישער גאַס, האָבן זייערס דערגרייכט. פון איצט אָן הייבט זיך אָן אַ כסדרדיקער גאַנג פאָרויס פון דער נייער יידישער וועלטלעכער קולטור.

ווי אַן אומדירעקטער רעזולטאַט פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ איז געקומען די גרינדונג פון דער „יידישער ליטעראַרישער געזעלשאַפט" (אָקטאָבער 1908). לכתחילה האָט די געזעלשאַפט געאַרבעט בלויז אין פּעטערבורג, — צו יאַנואַר 1910 האָט זי דאָ געהאַט שוין 850 מיטגלי־דער. באַלד אָבער האָט די פּראָווינץ אָנגעהויבן שטורמען די פּעטערבור־גער טוערס, און זיי זענען געצוואונגען געוואָרן צו עפענען אָפּטיילונגען איבערן גאַנצן לאַנד: אין וואַרשע, בערדיטשעוו, קאַטערינאָסלאַוו, באַקו, טאָמסק, קיעוו, מינסק, אָדעס, שאַוולע, סקידעל, גראַיעוו, וויטעבסק, זשי־טאָמיר און אַנדערע (איבער 50 אָפּטיילונגען). עס איז געגאַנגען אַ גרויסע און לעבעדיקע קולטור־טעטיקייט אין דער יידישער שפּראַך, בעיקר רעפע־ראַטן און לעקציעס אויף ליטעראַרישע טעמעס. די ליטעראַרישע געזעל־שאַפט האָט אַריינגעטראָגן אַ סך אויפלעבונג און דערמונטערונג אין די

יידישע מאַסן, וועלכע האָבן איבערגעלעבט איצט ביטערע צייטן און פּאָ־
ליטישע רעאַקציע. מיט דער הילף פון דער „ליטעראַרישער געזעלשאַפט" איז
ווייטער מאַניפעסטירט געוואָרן לטובת דער יידישער שפּראַך און ליטעראַ־
טור, עס איז אָנגעגאַנגען אַ ווייטערדיקע פאַרטיפונג פון וועלטלעכער קול־
טור צווישן די יידישע מאַסן.

נאָך אַ פּאָר יאָר טעטיקייט איז די „ליטעראַרישע געזעלשאַפט" דורך
דער רוסישער מאַכט געשלאָסן געוואָרן.

* *

*

אינעם זעלביקן יאָר 1908 זענען אין רוסלאַנד געמאַכט געוואָרן די
ערשטע טריט אויפצובויען אַ העברעאיסטישע אָרגאַניזאַציע, און מען האָט
זיך גענומען גרייטן צו רופן אַ קאָנגרעס פאַר דער העברעאישער שפּראַך און
קולטור. דער צוגרייט־קאָמיטעט, אונטער דער אָנפירונג פון א. ל. מאָצקין,
האָט אַרויסגעלאָזן אַן אויפרוף וועגן דעם. און פאַר יענע גוטע צייטן איז
עס אַזוי כאַראַקטעריסטיש, אַז דעם דאָזיקן אויפרוף האָבן אונטערגע־
שריבן צווישן אַלע העברעאיסטישע קאָרפּן־קעפּ אויך: ד"ר ח. זשיט־
לאָווסקי, מענדעלע מוכר ספרים און שלום־עליכם. אָט דער ערשטער צו־
זאַמענקום אויף צו שאַפן אַ שטענדיקע אָרגאַניזאַציע פאַר דער העברע־
אישער שפּראַך און קולטור איז פאָרגעקומען דעם 19־טן—21־טן דע־
צעמבער, 1909, אין בערלין, און עס איז געשאַפן געוואָרן די „הסתדרות
לשפה ולתרבות העברית". מאָצקין האָט געטענהט: „מיר זענען געצוואונ־
גען צו שאַפן די אָרגאַניזאַציע און צו זאַמלען אונדזערע כוחות און אָנ־
פאַנגען אַן אַרבעט ווייל די אסימילאַציע גייט זיך מיט איר וועג, און מיר
די נאַציאָנאַליסטן זענען מחויב צו ראַטעווען דעם שארית הפליטה". אין
קאַמף קעגן אַסימילאַציע איז יידיש, בכן, אַבסאָלוט נישט גענומען געוואָרן
אין באַטראַכט, אַלע האַפענונגען זענען געלייגט געוואָרן אויף העברעאיש.
אין הסכם מיט דעם איז אָנגענומען געוואָרן די פיל־זאָגנדיקע החלטה: „די
העברעאישע שפּראַך איז די נאַציאָנאַלע שפּראַך פון יידישן פאָלק".

דאָס איז געווען אַן אָנזאָג פון קריג צו דער יידישער שפּראַך. און ווי
אַ מין באַגרינדונג און מאַניפעסט פון אָט דער באַציאונג איז געקומען
די פּראָפּאַגאַנדע־בראָשור וואָס איז אין דעם זעלבן יאָר אַרויסגעלאָזט
געוואָרן אין אָדעס אין דער „ציוניסטישער קאָפּיקע־ביבליאָטעק" אונטערן
נאָמען „אונדזער נאַציאָנאַל־שפּראַך", און וואָס איר מחבר איז געווען דער
באַקאַנטער ציוניסטישער פּובליציסט משה קליינמאַן. מיט דער גאַנצער
שאַרפקייט טרעט ער דאָ אַרויס קעגן יידיש און יידישיזם: „נישטאָ ביי
אונדז דאָס געפיל, אַז דער זשאַרגאָן איז אַ שאַפונג פון אונדזער אייגע־

נעם גייסט. דער פּראָסטער ייד לעבט אין דער מחשבה און אין דעם געפיל, אַז זיין „אידעש" איז נישט „יידיש", נאָר טייטש, און דעריבער וועקט זיך ביי אים נישט קיין שום געפיל פון ליבשאַפט און אַכטונג צו דעם דאָזיקן פרעמדן לשון, דען, צו וואָס זאָלן מיר זיך נאַרן: פון „ליבשאַפט און בענקשאַפט צו מאַמע-לשון" רעדט נאָר דאָס האַלבע טוץ יידישע שרייבערס-זשאַרגאָניסטן און אפשר נאָך אַ האַלב טוץ „נאַציאָנאַליסטן" פון די פּאַרטיי־קלייזלעך, וואָס אָדער זיי זענען נעבעך אַזוי אָפּגעריסן פון יידישקייט, אַז זיי ווערן פּאַרכישופט דורך דעם ביסל היימאַטס-קלאַנגען, וועלכע הילכן צו זיי אַרויס דורך דער יידישער שפּראַך, אָדער זיי געפינען אין דער פּראָפּאַגאַנדע פּאַר יידיש דאָס בעסטע מיטל צו זייער ציל, וועלכעס באַשטייט אין ברעכן דאָס אידנטום, אין באַרבאַרישן שטרעבן צו מאַכן אַ תל פון דעם גאַנצן נאַציאָנאַלן סקאַרב און אָנהייבן די יידישע געשיכטע פון דאָס ניי" (זייטן 6—7). רעדנדיק שפּעטער וועגן דער שול־פּראָבלעם ביי יידן, און באַרימענדיק זיך מיט די „הונדערטער" חדרים מתוקנים, וואו די „קינדער רעדן נישט אַנדערש ווי העברעאיש", פּראָקלאַמירט קליינמאַן די אָפיציעלע ציוניסטישע שטעלונג לגבי דער שול: „אין אונדזער פּאַר־קער מיט די אַרומיקע פעלקער און בנוגע צו אונדזער לאַגע אין די מלוכות אין וועלכע מיר לעבן, ווי אויך בנוגע צו דער שול־פראַגע איז דער זשאַר־גאָן נישט אימשטאַנד אונדזער נאַציאָנאַלע אחדות צו מאַניפעסטירן און אונדזערע באַדערפענישן אין אַ נאַציאָנאַלער דערציאונג צו באַפרידיקן. די פּראָקלאַמירונג פון זשאַרגאָן אַלס אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך וואָלט נאָר געמאַכט אַ ריס אינעם יידנטום. און עס וועט זיך מסתמא נישט געפינען קיין מלוכה וואָס זאָל וועלן אַזאַ פּאַר קיינעם נישט־ניצלעכן ריס מיט־העלפן". מאַכנדיק אַזאַ ברייטן „דיפּלאָמאַטישן" זשעסט אויפן אָדרעס פון רוסלאַנד און אַנדערע אייראָפּעאישע מלוכות און „וואָרענענדיק" זיי, זיי זאָלן נישט מיטהעלפן צום „ריס אינעם יידנטום" אויפן געביט פון שול, פּאַרלויפט פונדעסטוועגן קליינמאַן דעם וועג און גיט זיי די ציוניסטישע עצה: „און ווען אַ מלוכה וועט שוין האַלטן דערביי צו געבן די יידן אַ נאַ־ציאָנאַלע שול, וועט זי זיך שוין קענען אויפהייבן איבער דעם פּאַרשימלטן מנהג, פון דרויסן צו דיקטירן די שפּראַך פון די לימודים, און זי וועט בעסער געבן די יידן אַליין דאָס רעכט צו באַשטימען די שפּראַך, אויף וועלכער עס זאָל געלערנט ווערן אין די שולן, יעמאָלט וועלן מיר קענען איינריכטן אונדזערע נאַציאָנאַלע שולן, אַזוי ווי פּאַר אונדז וועט זיין גוט און אָנגעפּאַסט. מיר וועלן אין איין אָרט האָבן יידיש אַלס אַ לערשפּראַך, אינעם אַנדערן אָרט רוסיש, ערגעץ אַנדערש פּויליש אָדער דייטש וכד', נאָר אַלע אונדזערע שולן וועלן אַזוי קענען זיין איינגעריכטעט, אַז פון

די עלטערע קלאַסן אָן זאָל דערגרייכט ווערן אַ נאַציאָנאַל־איינהייטלעכער כאַראַקטער אויפן גרונט פון דער אמת־נאַציאָנאַלער שפּראַך, פון העברע־איש" (זייט 24—27). מיר האָבן שוין דאָ אין דער פולער מאָס די גאַנצע טאַקטיק פון די העברעאיסטן בנוגע יידיש.

דער זעלבער נ. סאָקאָלאָוו, וואָס האָט ערשט וואָס געהאַט גוטע ווער־טער פאַר יידיש, האָט איצט אויף דער העברעאיסטישער קאָנפערענץ פון 1909 אין בערלין שוין אַזוי גערעדט וועגן יידיש: „אַנדערע זענען פאַראַן, וואָס ווילן „צוליב־טאָן" און זענען „מסכים", אַז דיזע שפּראַך (ד"ה העב־רעאיש) זאָל אויך ווייטער בלייבן, אָבער צו גלייכער צייט ווילן זיי, אַז מען זאָל אָננעמען אַלס נאַציאָנאַל־שפּראַך דעם זשאַרגאָן פאַר די אשכנזים און שפּאַניאָליש — פאַר די ספרדים. אָט דיזער וועג איז טאַקע „דער ריכ־טיקסטער" פאַרדרייען דאָס פאָלק!..."*)

דער זשאַרגאָן — פאַר די אשכנזים... נישט יידיש, נאָר זשאַרגאָן. נישט פאַר יידן, נאָר פאַר די אשכנזים. זשאַרגאָן — אַ ריכטיקער וועג אויף צו „פאַרדרייען דאָס פאָלק".

שפּעטער איז ביי די ציונים געקומען דער לאָזונג: עברית או רוסית. אין 1913 איז פאָרגעקומען דער 11־טער ציוניסטישער קאָנגרעס, און באַלד נאָך דעם — די קאָנפערענץ פון די רוסישע ציוניסטן. דאָ איז גע־קומען צו העפטיקע דעמאָנסטראַציעס קעגן יידיש. ווען עס איז דאָ גע־שטאַנען די פראַגע, אויף וועלכער שפּראַך זאָל מען איבערזעצן דעם באַ־ריכט וואָס איז געהאַלטן געוואָרן אין העברעאיש, צי אין יידיש אָדער אין רוסיש, — האָט די מערהייט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר רוסיש קעגן יידיש; שפּעטער האָט מען באַשטימט, אַז אויף די צוזאַמענפאָרן פון די רוסישע ציוניסטן זאָלן די זיצונגען און אויך אַלע רעפעראַטן געפירט ווערן נאָר אין העברעאיש. „היינט די שטימונג, דער טאָן! — דערציילט דער ח' א. ליטוואַק אין זיין באַריכט אין דער פעטערבורגער „צייט", נומער 26, 1913, — באַבקאַווס פראַזע, „איך פאַרשטיי נאָר העברעאיש און רוסיש, קיין זשאַרגאָן פאַרשטיי איך נישט"; אָדער אַזאַ מין פראַזע וואָס האָט שפּאַצירט איבער די קולואַרן: „זשאַרגאָן איז אַ גוישע שפּראַך" — זענען נישט געווען די איינציקע פערל פון דעם מין... די העלסינגפאָרסער פּראָ־גראַם, — האָט דאָקטער קלויזנער געזאָגט — ברייטע קעגנוואָרט־אַרבעט איז סותר די גרונט־פּרינציפּן פון ציוניזם, וואָרעם אויב אין רוסלאַנד איז

*) „די העברעאישע קולטור־קאָנפערענץ" פון מ. פּ. זיידמאַן, אָדעס, תר"ע, פאַרלאַג „ציוניסטישע קאָפּיקע־ביבליאָטעק".

מעגלעך אז ריכטער זאָל רעדן העברעאיש אָדער לפּחות יידיש, — צו וואָס דאַרף מען ארץ־ישראל? — אָט וואו די סיבה שטעקט, — באַמערקט דער־צו א. ליטוואַק, — דער דאָרטן שטערט דעם דאָ".

אויף זשאַבאָטינסקיס פאָדערונג, צו שאַפן פּולע נאָרמאַלע שולן אין דער העברעאישער שפּראַך, האָט קלויזנער געענטפערט: „אויב מיר וואָל־טן געקענט דערגרייכן אין גלות דאָס וואָס איז מעגלעך צו דערגרייכן אין ארץ־ישראל (ד"ה די פּולע העברעאיזירונג פון דער שול און פון גאַנצן לעבן), — וואָלטן מיר געקומען נישט צום ציוניזם, נאָר צום סיימיזם. אָבער אַזאַ זאַך איז אויסער דעם גדר פון מעגלעכקייט, ווייל ס'איז אוממעגלעך אַז דער גלות זאָל זיך פאַרוואַנדלען אין ציון. און וואָלט דאָס יאָ מעגלעך געווען, וואָלטן מיר אין גאַנצן נישט באַדאַרפט קיין ציון".

איז גאָר אין גאַנצן נישט געווען אויף דעם צוזאַמענפאָר עמעצער, וואָס זאָל דערמאָנען וועגן יידיש? ניין, ג. סירקין און י. גרינבוים האָבן גע־פאָדערט, אַז אין שול זאָל פעסטגעשטעלט ווערן אַ פּלאַץ פאַר יידיש כדי עס זאָל זיך נישט שאַפן קיין מחיצה צווישן די תלמידים און דעם פאָלק. סירקין האָט געזען אין זשאַבאָטינסקיס אָנשויאונגען אַ מין ספּאָרט פון ראַדיקאַליזם; העברעאיש איז נאָך זיין מיינונג נישט קיין באַוואָרעניש קעגן אַסימילאַציע; פון דער אַנדערער זייט איז אויך יידיש אַ נאַציאָנאַ־לער פאַקטאָר. גרינבוים האָט אויסגעדריקט די מורא, אַז די העברעאישע דערציאונג וועט אויפשטעלן אַ מחיצה צווישן קינדער און עלטערן, און וועט פאַרטיפן דעם תהום צווישן די אָרעמע און רייכע. אויף דעם האָט זשאַבאָטינסקי געענטפערט: „אָדער עברית אָדער זשאַרגאָן — קיין מיטל־וועג איז נישטאָ. מע קען נישט אָוועקשטעלן קיין גרענעץ און זאָגן: ביז אַהער עברית, פון דאַנען ביז אַהער — זשאַרגאָן, און פון דאַנען און ווייטער — די פרעמדע שפּראַך. די פראַגע וואָס שטייט פאַר אונדז איז: וועלכע איז אונדזער נאַציאָנאַלע שפּראַך, וואָס זי דאַרף ווערן די שפּראַך פון אונדזער קולטור פון אָנהייב ביזן סוף... דער סימן פון באַנוצן די שפּראַך אין רעדן, איז נישט — ווי עס מיינען די זשאַרגאָניסטן — דער פרואוושטיין פאַר דער נאַציאָנאַלקייט פון דער שפּראַך". זשאַבאָטינסקיס רעזאָלוציע איז דעריבער געווען: „די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע שטרעבט צו שאַפן העברעאישע נאַציאָנאַלע שולן, אין וועלכע אַלע לימודים, סיי די יידישע סיי די אַלגעמיינע, זאָלן געלערנט ווערן אין העברעאיש". די קאָנפערענץ האָט דעם פאָרשלאָג אָנגענומען, אָבער... דער שאָטן פון יידיש האָט נישט געלאָזט רוען, און מען האָט אָנגענומען אויך דעם צו־נאָב פון ניידיטשן: „אויב דאָס זאָל זיין אוממעגלעך, דאַרף די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אָפּגעבן די בכורה דעם זשאַרגאָן — לגבי רוסיש". „אמת,

דערציילט א. ליטוואק, דאס איז דורכגעגאנגען מיט א קליינער מערהייט — 32 שטימען פאר, 29 קעגן — און ד"ר קלויזנער, באבקאוו און די איבעריקע העברעאישע רוסיפיקאטארן האבן שטארק פראטעסטירט קעגן דעם וואס מען האט גאר געשטעלט אזא רעזאלוציע צו אפשטימונג. אבער דורכגעגאנגען איז עס פארט. — ווען מיט א פאר מינוט פריער איז דורכגעפאלן די רעזאלוציע פון י. ברוצקוס, וועלכע דריקט אייגנטלעך אויס דעם אייגענעם אינהאלט נאר אין א שארפערער פארם, האט זיך אויפגעהויבן אין זאל א גוואלדיקער טומל און א סך דעלעגאטן פון דער פראווינץ האבן געשריען: דאס איז א חרפה! ווי וועלן מיר קומען אהיים? א העברעאישע שול איז אוממעגלעך לויטן געזעץ, קיין יידישע ווילט איר נישט. זאגט איר זיך ארויס פאר א רוסישער קאזיאנער שול! וואו איז דאס געהערט געווארן? דאס איז געווען דער קול פון לעבן, וואס האט פארטויבט דעם הידד פון די קלויזנערס מיט די זלאטאפאלסקים". דער דאגמאטיזם און העברעאיש־פאנאטיזם האט נאך א צווייטן מאל געמוזט נאכגעבן, ווען דער זעלבער צוזאמענפאר האט אין צוזאמענהאנג מיט דער פארשטייענדיקען פאלקסציילונג אין רוסלאנד — באשלאסן: „אזוי ווי דער צוזאמענפאר וויסט, אז די יידישע גערעדטע שפראך איז די הערשנדיקע צווישן די יידישע מאסן, דעריבער זעט ער די נייטיקייט, אז עס זאל געטאן ווערן אלץ וואס פאדערט זיך, כדי אט דער פאקט זאל געפינען זיין ריכטיקן אויסדרוק ביי דער קומענדיקער פאלקסציילונג אין רוסלאנד. צוזאמען מיט דעם דריקט אויס דער צוזאמענפאר דעם וואונטש, אז יעדער ייד וואס באניצט זיך מיט דער העברעאישער שפראך, זאל די דאזיקע שפראך אנגעבן אלס זיין שפראך מיט וועלכער ער באניצט זיך".

אפילו די רוסישע רעוואלוציע פון 1917 האט נישט געענדערט די שטעלונג פון די ציונים, און אויף דער מאסקווער „תרבות"־קאנפערענץ אין אפריל, 1917, איז פעסטגעשטעלט געווארן, אז די לערן־שפראך פון אלע לימודים אין שול איז נאר העברעאיש. אין מאי פון זעלבן יאר איז אין פעטראגראד פארגעקומען א קאנפערענץ פון די צעירי־ציון. דא איז געקומען צו א שארפן קאמף צווישן די אנהענגערס פון יידיש און העברעאיש. אבער אנגענומען געווארן זיינען אלע החלטות אין גייסט פון פולשטענדיקן העברעאיזם. אויך אויפן צוזאמענפאר פון די רוסישע ציוניסטן אין זעלבן חודש איז ווידער באשלאסן געווארן: „די ציוניסטן דארפן שטרעבן צו דער העברעאיזאציע פון דער שול; ווען אבער מיר דארפן אויסקלייבן צווישן יידיש און דער פרעמדער שפראך דארפן מיר אפגעבן די בכורה פאר יידיש".

מיטן באַקומען די באַלפור־דעקלאַראַציע ווערט אָבער די העברעאיס־טישע שטימונג נאָך שטייפער. אמת, די „נאַכשלעפעניש" פון יידיש הערט נישט אויף, פון צייט צו צייט הערט זיך אַ שטים פון אַ מליץ יושר פאַר יידיש. די פאָרמולע פון דער „בכורה פאַר יידיש" פיגורירט ווייטער אין אַזאַ אָדער אַן אַנדער פאָרם, — אָבער די פּראַקטיק איז אַ העברעאיזירנ־דיקע, דער גוטער וואונטש וועגן יידיש בלייבט אויפן פּאַפּיר.

אויף דער 4־טער ציוניסטישער קאָנפערענץ אין ניי־אַנטשטאַנענעם פּוילן (1919) האָט ד"ר טהאָן געפאָדערט פולע און קאָנסעקווענטע הע־ברעאישע דערציאונג, אָן פּשרות און קאָמפּראָמיסן. אין פּוילן איז יעמאָלט אַנגעגאַנגען אַ סטיכישער וואוקס פון דער שול אין יידיש און די באַגייס־טערונג פאַר יידיש אין די מאַסן איז געווען זייער גרויס. האָט דעריבער י. גרינבוים געטענהט: יידיש האָט אַ גרויסן נאַציאָנאַליזירנדיקן ווערט, יידיש איז אַ דאַמבע קעגן אַסימילאַציע, מע דאַרף די שול העברעאיזירן אויף אַן עוואָלוציאָנערן וועג, מע דאַרף יידיש אין דער העברעאישער שול אויסניצן ווי אַ הילפס־שפּראַך. און די רעזאָלוציע פון דער קאָנפערענץ איז טאַקע געווען: „די לערן־שפּראַך אין שול דאַרף זיין העברעאיש... אין יענע שולן וואו עס איז אוממעגלעך איינצופירן העברעאיש ווי די לערן־שפּראַך דאַרף יידיש ווערן די אונטעריכט־שפּראַך, אָבער די הע־ברעאישע לימודים דאַרפן געלערנט ווערן אין העברעאיש און נישט ווי־ניקער ווי 12 שעה אַ וואָך... אין דער שול מיט דער העברעאישער אונ־טעריכט־שפּראַך דאַרף יידיש פאַרנעמען אַן אָרט ווי אַ לימוד". אָט די רעזאָלוציע איז דורך אַ סך אָנטיילנעמערס באַטראַכט געוואָרן ווי אַ גרויסע סכנה און ווי אַ „גייסטיקע אונגאַנדע". זייער שרעק איז אָבער געווען אין גאַנצן אומזיסט: די רעזאָלוציע אין דעם טייל וועגן יידיש איז קיין מאָל נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן אין דער מינדעסטער מאָס. אין די שולן פון ציש"אָ האָט העברעאיש פאַרנומען אַן אָפיציעלן פּלאַץ אין לערן־פּלאַן און איז פאַקטיש געלערנט געוואָרן אין מער ווי אַ העלפט ציש"אָ־שולן; אין „תרבות" איז נישט געווען קיין איינציקער פאַל פון לערנען יידיש, נישט אין די יינגערע קלאַסן און אפילו נישט אין עלטערע. מע האָט דעם געוויסן באַרואיקט מיט דער רעזאָלוציע...

דער דאָזיקער פאַקט איז נישט איין מאָל באַשטעטיקט געוואָרן דורך ציוניסטישע טוערס גופא. דער אָפיציעלער געשיכט־שרייבער פון העברע־איזם, א. לעווינסאָן, שרייבט אין זיין בוך „התנועה העברית בגולה" (ז. 308) וועגן אָט דער רעזאָלוציע און אירע רעזולטאַטן: „דאָס רוב לע־רערס און טוערס (פון די תרבות־שולן — ח. ש. ק) שטעלן זיך אַנטקעגן דעם אַריינפירן די יידישע שפּראַך אין לימודים־פּראָגראַם, טיילווייז צוליב

זייער נעגאטיווער שטעלונג צו יידיש, טיילווייז צוליב זייער קעגנערשאפט צו יעדער שפראך, וואס קען קאליע מאכן די גאנצקייט פונעם העברעאישן חינוך".

דער לאנד־צוזאמענפאר פון „תרבות" אין דעצעמבער, 1927, האט גע־מאכט א שטריך אויך איבער די גוטע וואונטשן פון די רעזאלוציעס. ער האט געמאלדן דער וועלט, אז „ער זעט אינעם צונויפקום פון די 350 דע־לעגאטן פון אלע שטעט פון פוילן — דעם באווייז און צייכן פון א שטארקן ווילן, וואס יווירט צווישן דעם יידיש־נאציאנאלן ציבור צו פירן א הארטע מלחמה פארן נצחון פון דער העברעאישער שפראך און קולטור אין דער יידישער נאציאנאלער דערציאונג און אין אלע געביטן פון אונדזער גע־זעלשאפטלעכן לעבן", און ער האט דעקלארירט, אז „ער זעט אין דער העברעאישער שול דעם אינסטיטוט פון יידישער דערציאונג, און אין דער העברעאישער שפראך און קולטור — די היסטארישע פערספעקטיוו פארן רענעסאנס פון דער קולטור פונעם יידישן פאלק אין אלע עקן פון גלות... אין אלע פרואוון און מעשים, וואס ווערן געטאן דורך פאראנטווארטלעכע ציוניסטן אויף צו גרינדן צוויי־שפראכיקע שולן, הן העברעאיש־פוילישע און הן העברעאיש־יידישע, — זעט דער צוזאמענפאר די אפשוואכונג פון דער געזעלשאפטלעכער און פאליטישער פאזיציע פון דער פולער העברע־אישער שול, און ער פאדערט אויף די ציונים און די ציוניסטישע ארגא־ניזאציע נישט צו גיין מיטן וועג פון פשרות און קאמפראמיסן און נישט אפצושוואכן דערמיט דעם קאמף פון דער ציוניסטישער באוועגונג פארן נצחון פון דער פולער העברעאישער דערציאונג אין אונדזער נאציאנאלן לעבן".

אט אזוי האט אין די ציוניסטישע רייען פולשטענדיק געזיגט דער 100־פראצענטיקער העברעאיזם. אט אזוי האט מען באהאנדלט די שפראך פון פאלק אין „גלות".

אויף א בולטן אופן האט צום אויסדרוק געבראכט די דאזיקע באציאונג — מ. אוסישקין אויף דעם פארברייטערטן ראט פונעם ניי־געשאפענעם וועלט־פארבאנד פון העברעאיזם (אין פראג, דעם 17־טן אויגוסט, 1933): „מיר האבן — האט ער געזאגט — נישט מער ווי צוויי אויפגאבעס: אויסלייזן דאס לאנד פון די הענט פון די גויים און אויסלייזן דאס לשון פון די הענט פון די יידן... א לעבעדיקע נאציע האט נאר איין שפראך, נישט קיין צוויי שפראכן... מיט עטלעכע יאר צוריק איז אויסגעבראכן א שווערע מלחמה, וואס נאך א ביסל וואלט זי געבראכט צו א שפאלטונג אין דער אנפירונג פון ירושלימער אוניווערסיטעט. עס האט זיך געפונען א פיינער ייד, וואס האט מנדב געווען 100 טויזנט דאלאר אויף צו שאפן

אַ קאַטעדרע פון יידיש אינעם אוניווערסיטעט. האָט מען געטענהט: ווי קען מען עס נישט נעמען 100 טויזנט דאָלאַר? און עס האָט זיך געפּאָדערט אַ שווערער קאַמף, כדי נישט צו נעמען דאָס געלט און נישט צו שאַפן די קאַטעדרע. איך האָב געזאָגט: ווען עס וועלן אַריבער 40—50 יאָר, און העברעאיש וועט הערשן איבער דער גאַנצער וועלט און יידיש וועט פאַרגעסן ווערן, יעמאָלט וועל איך מסכים זיין איינצואָרדענען אַ קאַטעדרע אויף צו פאָרשן די יידישע שפּראַך".

1916, אין שייכות מיטן 10־יאָריקן יובילײ פון דער העבר. גימנאַזיע אין יפו, האָט מ. אוסישקין אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל אינעם רוסיש־יידישן זשורנאַל „יעווריעיסקי סטודענט" (נומער 23־24), און ביי דער געלעגנהייט האָט ער געמאַכט אַזאַ שטיקל חשבון מיט די „זשאַרגאָניסטן": ... די אָפּעקונעם פון דער „השכלה" אין די קרוינשטעט — שרייבט ער — די וואַיאַזשאָרן פון „פאָלקסטימלעכקייט" אין דער פּראָווינץ און די היטערס פון דער „קולטור" אויף די ערטער אַרבעטן מיט אַלע כוחות. הונדערטער טויזנטער פון די בלוטיקע פאָלקס־געלטער קומען אַריין דורך די הילפס־קאָמיטעטן אין זייערע הענט אַריין אויף דער „אידעאישער" זאַך פון אויס־וואָרצלען אויס דער שול דאָס אַלץ, פאַר וואָס דאָס פאָלק האָט במשך פון יאָרטויזנטער מקריב געווען זיין לעבן, — זיין ספר הספרים, זיין הייליקן לשון, זיינע רעליגיעזע טראַדיציעס! אַלץ דאַרף מען ברענגען פאַר אַ קרבן צום נייעם מולך. מאַכט אַ וואָרע פאַרן גרויסן כאַם — דער זשאַרגאָנישער עם הארץ גייט!"

מען קען זיך פאָרשטעלן, ווי אַזוי אַזאַ רוף האָט געווירקט אויפן יידי־שיסטישן עולם. אין „נאָווי פּוט" האָט געענטפערט מיט אַן אַרטיקל דער באַקאַנטער שרייבער ס. ציגבערג.

אין זעלבן גייסט האָט געהאַנדלט דער העברעאישער אוניווערסי־טעט אין ירושלים, ווען אַביטוריענטן פון דער יידיש־וועלטלעכער רעאַל־גימנאַזיע אין ווילנע האָבן זיך געווענדעט מען זאָל זיי אָננעמען אינעם ירושלימער אוניווערסיטעט. דאָס איז געווען אין יאָר 1933־1934. די ווילנער גימנאַזיע איז נאָך דעמאָלט נישט געווען אַנערקענט פון דער פּוי־לישער רעגירונג, און מיט אַ דיפּלאָם פון דער יידיש־וועלטלעכער גימנאַזיע האָט מען, פאַרשטייט זיך, אין קיין פּוילישן אוניווערסיטעט נישט געקענט אָנקומען. די מער פאַרמעגלעכע אַביטוריענטן האָבן זיך געלאָזט קיין אויס־לאַנד, און די הויכשולן פון דייטשלאַנד, פראַנקרייך, שווייץ און בעלגיע האָבן גערן אויפגענומען די ווילנער תלמידים מיט זייער יידישן דיפּלאָם. דער איינציקער אוניווערסיטעט וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט צו אַנערקענען דעם יידישן דיפּלאָם פון דער ווילנער גימנאַזיע, איז געווען דער העברע־

אײַשער אוניווערסיטעט אין ירושלים. דאָס אויספיר־בוראַ פון „יידישן ווי־סנשאַפטלעכן אינסטיטוט" (ווילנע) האָט געפירט אַ גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ וועגן דעם ענין מיטן קאַנצלער פון ירושלימער אוניווערסיטעט י. ל. מאַג־נעס און זיך איינגעשטעלט פאַר די רעכט פון דער גימנאַזיע. עס האָט אָבער נישט געהאָלפן. וועגן דעם זעלבן ענין האָט אויך אינטערווענירט וו. לאַצקי — בערטאָלדי און אויף זיין בקשה האָט אויך געזאָלט אינטערווענירן ב. קאַצענעלסאָן. די אויפנעם־קאָמיסיע פון ירושלימער אוניווערסיטעט איז אָבער עקשנותדיק געבליבן ביי איר באַשלוס. העברעאיש האָט דאָ געפונען אַ געלעגנהייט זיך נוקם צו זיין אין יידיש...*).

* *
*

וועגן דער אַנטי־יידיש־פּאָליטיק, וואָס איז געפירט געוואָרן אין יידישן לאַנד אין פעריאָד פאַר דער מדינת ישראל און אין די לעצטע יאָרן זינט מדינת ישראל, איז דאָ צו שרייבן זייער אַ סך. וועגן דער באַהאַנדלונג פון יידיש אין מדינת ישראל ווייסן מיר אַלע זייער גוט. עס איז אַן ענין וואָס גייט נישט אַראָפּ פון די שפּאַלטן פון דער יידישער פּרעסע. די וואונד איז פריש אין אונדזער אַלעמענס זכרון. לאָמיר דאָ נאָר דערמאָנען אַ פּאָר פאַקטן פון דער תקופה פאַר מדינת ישראל. מיר וועלן דאָ ברענגען אַ גבית עדות פון אַ באַגלויבטן מענטשן — דאָס איז זרובבל, דער פירער פון די לינקע פּועלי ציון. אין 1936 איז אין ניו־יאָרק אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דער „ליגע פאַר רעכט פון יידיש אין ארץ ישראל" אַ זאַמלהעפט אונטערן נאָמען „יידיש אין ארץ ישראל" (49 זייטן). זרובבל האָט דאָרט אַן אַרטיקל אונטערן נאָמען „מיר באַשולדיקן און מאָנען אחריות". איז אָט זענען ציטאַטעס פון זרובבלס אַרטיקל:

„אין דעם אָפיציעלן אָרגאַן פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־פּאַר־טיי (מפא"י) איז דעם 11 יאַנואַר 1935 פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער אויפ־רוף פון דער אָרגאַניזאַציע איינצופירן די העגעמאָניע פון העברעאיש אור־מעטום (אגוד להשלטת העברית), וואו עס ווערט בפירוש אונטערגעשטראָכן, אַז מען דאַרף מיט אַלע מיטלען אויסוואָרצלען די יידישע שפּראַך" (ז' 8-9) ...„ס'איז געשען אַ שענדלעכער פאַל מיט ד"ר ראַפּאַלקעס, וועלכער איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער פאַרוואַלטונג פון דער אַדוואָקאַטן־פאַר־איייניקונג נאָר דערפאַר, וואָס ער איז אַרויסגעגעבער פון אַ צייטונג אין יידיש" (ז' 9) ...„אין דער הסתדרות גילט ביז היינטיקן טאָג דער כלל, נישט

*) זע וועגן דעם אינצידענט אין מיין בוך „די געשיכטע פון יידישן שולוועזן אין אומאָפּהענגיקן פוילן", מעקסיקע, 1947, ז"ז 203—205.

צו לאָזן עפנטלעך זיך באַנוצן מיט יידיש דעם, וואָס איז איבער צוויי יאָר אין לאַנד" (ז' 9) . . . „אָט האָט די רעדאַקציע פון „ניי־וועלט" פאַרעפנטלעכט אַ בריוו אין נאָמען פון חיפהער אַרבעטער־ראַט צו דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַריין פון הויזדינערינס, וואו עס שטייט געשריבן שוואַרץ אויף ווייס:... „איר רעדט און פירט פאַרזאַמלונגען פון פאַריין אויף יידיש... אויב איר וועט נישט אָפּהיטן אין דער צוקונפט די דאָזיקע אָנגענומענע כּללים פון דער הסתדרות, וועלן מיר זיין געצוואונגען אָנצונעמען אַלע נייטיקע מיטלען קעגן דער פאַרוואַלטונג פון פאַריין" (ז' 9) . . . „בעת דעם פּאָגראָם אויף דעם יידישן קלאַנג־פילם „די יידישע מאַמע", האָט דער יידישער נאַציאָנאַלער ראַט געשיקט אַ בריוו צום גדוד מגיני השפה אין ירושלים, וואו עס שטייט געשריבן: . . . „מיר נעמען אָן פאַרשידענע מיטלען כּדי נישט צו שטעלן קיין זשאַרגאָנישע טאָן־פילמען" . . . „דאָס האָט פּאַסירט אין יאָר 1930. אָבער אין יאָר 1943 האָבן מיר ווידער אַ בריוו, אָן אָפיציעלן, פון זעלבן כאַראַקטער: „צום הער האָפּענקאָ, תל אביב. אין דער זעלבער מינוט האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז איר האָט אָפּגעגעבן דעם זאַל, „יאשא חפץ" איינצואָרדענען אַן עפנטלעכע פאַרזאַמלונג, וואָס וועט געפירט ווערן אין זשאַרגאָן. מיר דריקן אויס אונדזער שאַרפסטן פּראָטעסט קעגן אָפּגעבן דעם זאַל אויף איינצואָרדענען די דערמאָנטע פאַרזאַמלונג . . . כּדי צו פאַרמיידן שטערונגען און אומאָרדענונגען. מיר האָפן אַז איר וועט וויסן אָפּצושאַצן און איר וועט אויף וויטער פאַרמיידן, אַזאַ זאַך זאָל זיך איבערחזרן . . . געחתמעט . . . ישראל רוקח". (ז' 10) . . . . „דעם קלימאַקס פון אָט דער באַציאונג האָבן מיר איצט אין דעם צירקולאַר 202 פון עליה־דעפּאַרטאַמענט פון דער יידישער אַגענץ וועגן העברעאיש־עקזאַמען ביים באַקומען אַרבעטער־סערטיפיקאַטן" (ז' 11).

ווער עס וועט איבערלייענען אָט די געבראַכטע ציטאַטעס, וועט פאַרשטיין, פון וואַנען נעמט זיך די היינטיקע שינאה־באַציאונג צו יידיש אין דער מדינת ישראל און דאָס האַלטן יידיש אויפן סטאַטוס פון אַ פרעמדער שפראַך . . . די דאָזיקע באַציאונג צו יידיש איז אַ ירושה פון עטלעכע דורות העברעער־קאַמף קעגן יידיש . . .

אינעם ציוניסטישן לאַגער זענען געווים געווען אויך פריינד פון יידיש. זיי זענען אָבער געווען אַ נישטיקע מינדערהייט, און מע האָט זיי פאַרווישט, נישט צוגעלאָזט צום וואָרט. זיי זענען, פון דער אַנדערער זייט, געווען צו שוואַך, צו וויניק אָנגרייפעריש לטובת יידיש.

ח. ש. קאַזדאַן

ג. אַ יידישיסט צווישן די ציוניסטן

צווישן די אַמאָליקע רוסישע ציוניסטן האָט זיך אויסגעטיילט מיט זיין באַציאונג צו יידיש דער ד"ר יוסף לוריא (געב. 1871, געשט. 1937). ער איז דאָ געווען כמעט דער איינציקער וואָס האָט געהאַט אַזאַ פּאָזיטיווע באַציאונג צו דער שפּראַך פון די יידישע פאָלקסמאַסן.

באַקומען איינגאַנצן אַ נישט־יידישע דערציאונג, איז אָבער י. לוריא אַלס סטודענט צוגעשטאַנען צו דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג פון יענער צייט, און ווען ער האָט געלערנט אין בערלין, האָט ער צוזאַמען מיט שמריהו לעווין שטודירט אין דער באַקאַנטער „האָכשולע פיר וויסענשאַפט דעס יודענטומס". אין בערלין, אָנפאַנג די 90־קער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָר־הונדערט, איז ער אַריינגעטראָטן אין דעם נאַציאָנאַל־ציוניסטישן סטודענ־טן־קרייז, צו וועלכן עס האָבן געהערט מאָצקין, ש. לעווין, בעל מחשבות, בערטאָלד פייוועל א"א. עס איז דעמאָלט געגרינדעט געוואָרן אין בערלין די „רוסיש־יידישע וויסענשאַפטלעכע געזעלשאַפט". צווישן אירע גרינדער זענען געווען ענטוזיאַסטישע חובבי ציון און אַנדערע געטרייע יידישע נאַציאָנאַליסטן. דער גייסטיקער פירער פון דער געזעלשאַפט איז געווען מאָצקין און דער סעקרעטאַר — יוסף לוריא. אַ באַשיידענער פון דער נאַ־טור, האָט ער אָבער פאַרמאָגט אַ פעסטן און קלאָרן כאַראַקטער. „מיר דרייען — דערציילט אין זיינע זכרונות ד"ר ש. לעווין, — מאָצקין, לוריא און איך, האָבן אויסגעבילדעט אַ טריאומוויראַט אין דער געזעלשאַפט... מאָצקין איז געווען דער אָרגאַניזאַטאָר און לאָגיקער; לוריא איז געווען דער טעאָרעטיקער און היסטאָריקער; איך בין געווען דער פּראָפּאַגאַנ־דיסט"*).

פונקט אַזוי ווי שמ. לעווין, ח. ל. זוטאַ, איז י. לוריא באַהערשט גע־וואָרן פונעם געדאַנק צו קומען צוריק קיין רוסלאַנד און דינען דעם פאָלק מיט לערערייַ. י. לוריא איז געקומען קיין וואַרשע און דאָ געעפנט אַ חדר מתוקן, וועלכער האָט אינגיכן באַקומען דעם נאָמען פון אַן אויסגעצייכנטן לערן־אַנשטאַלט, אַ מוסטער פאַר אַנדערע שולן. זיין חדר מתוקן האָט גע־טראָגן דעם נאָמען „חינוך". אָבער ווייזט אויס, אַז די פּעדאַגאָגישע טע־טיקייט האָט אים נישט באַפרידיקט און אינגיכן גייט ער אַריבער אין אַן אַנדער פעלד — דעם ליטעראַרישן. אין 1899 ווערט ער איינגעלאַדן ווי איינער פון די רעדאַקטאָרן פונעם באַקאַנטן זשורנאַל „דער יוד", וועלכער האָט פאַרנומען אַ גאָר וויכטיקן פּלאַץ אין דער געשיכטע פון דער יידישער

---

*) ש. לעווינס בוך אויף ענגליש „יוטה אין רעוואָלט", ניו יאָרק 1930, ז"ז 238—243.

זשורנאַליסטיק. צוליב פּאָליציייאישע סיבות האָט זיך דער „יוד" געדרוקט אין קראָקע, אָבער רעדאַגירט האָט מען אים אין וואַרשע. גלייך פון אָנהייב האָט זיך י. לוריא אַרויסגעוויזן פאַר אַ גלענצנדן רעדאַקטאָר. אונטער זיין רעדאַקציע איז טאַקע דער „יוד" געווען אַ ציוניסטיש בלאַט, ער איז אָבער געווען פריי פון פּאַרטייאישער באַגרענעצטקייט און פּאַנאַטישקייט. אַ דאַנק זיינע גרויסע מעלות ווי אַ רעדאַקטאָר, האָט י. לוריא דערפירט דעם זשורנאַל צו אַ גאָר הויכער מדרגה, ער האָט צוגעצויגן צו מיטאַרבעט די בעסטע יידישע שריפטשטעלערישע כוחות. אין 1903 ווערט ער איינגעלאַדן ווי אַ מיטרעדאַקטאָר פון דעם פּעטערבורגער „פריינד". ער ווערט דאָ דער רעדאַקטאָר פון דער ליטעראַרישער אָפּטיילונג. דער דאָזיקער רעדאַקטאָרי־שער אַרבעט און ראָלע פון ד״ר י. לוריא האָט דער גרינדער פון „פריינד", שאול גינזבורג, געווידמעט אַ גרויס אַרטיקל *), און ער כאַראַקטעריזירט אים אין אַזעלכע וואַרעמע ווערטער:

„ער האָט אויף מיר גלייך געמאַכט אַן אויסגעצייכנטן איינדרוק. איך האָב תיכף געפילט זיין שיינע איידעלע פּערזענלעכקייט... ער איז געווען ווי דורכגעדרונגען מיט אַן איידעלער צניעות. קיין מאָל נישט געשטופּט זיך אין פראָנט, אויבנאָן... בכלל איז ער געווען שטיל, איינגעהאַלטן... אויסערלעך ווייך און געלאַסן, איז ער אָבער געווען אַ מענטש מיט ווילן, כאַראַקטער און פעסטע איבערצייגונגען". כאַראַקטעריזירנדיק ווייטער י. לוריאס רעדאַקטאָרישע ראָלע, זאָגט שאול גינזבורג עדות: „מען קען אָן שום גוזמא זאָגן, אַז לוריא איז געווען דער ליטעראַרישער „קוואַטער" פון כמעט אַלע אונדזערע בעלעטריסטן, וואָס זענען אַרויסגעטראָטן מיט 30־40 יאָר צוריק". ווי מיר האָבן געזען, ציט זיך דער דאָזיקער שבח לוריאס נאָך פון די צייטן פון דעם „יוד".

וואָס זשע איז געווען דער פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער פּרצוף פון ד״ר י. לוריא? אַן אויפריכטיקער דעמאָקראַט און פּראָגרעסיסט, אַ טרייער ציוניסט, איז ער געווען אַן אויסגעהאַלטענער אַנהענגער פון דער „קעגנוואַרטס אַרבעט" און פּראָגראַם, ד״ה ער האָט געהאַלטן, אַז די ציוניסטן דאַרפן זיך אויסער פּאַלעסטינע פאַרנעמען מיט הינער, אָרטיקער אַרבעט אויף די ערטער, וואו יידן לעבן. ער איז געווען אַ קעגנער פון דעם געדאַנק וועגן שלילת הגלות. אַ דעלעגאַט אויפן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, איז ער שפּעטער געוואָרן איינער פון די גרינדערס פון דער „דעמאָקראַטישער פראַקציע" אין דער ציוניסטישער פּאַרטיי. ווי באַקאַנט, איז טאַקע די פּלאַטפאָרם פון דער דאָזיקער פראַקציע באַשטאַנען אין דעם, וואָס זי האָט

*) „פאָרווערטס", 12־טן מערץ 1939.

געפאָדערט אַז די ציוניסטישע באַוועגונג זאָל איינשליסן אין זיך דעם פולן קאָמפּלעקס אַרבעטן פאַרן „גלותדיקן" לעבן, בראש מיט דער קולטור־אַרבעט. און מיט דעם זעלבן וועג איז טאַקע י. לוריא געקומען אויך צו זיין שטעלונג לגבי יידיש. עס איז געווען אַן אָרגאַנישער טייל פון זיין גאַנצער וועלט־אַנשויאונג, וועלכע ער האָט אַרויסגעבראַכט אין זיינע פּאָליטישע אַרטיקלען אין „פריינד".

ד"ר יוסף לוריא האָט געשריבן, אַז „אַן יידיש קאָן מען נישט דער־גרייכען די ברייטע מאַסען". יידיש איז פאַר אים געווען מער ווי אַן אויפ־קלערונגס־מיטל. ער האָט געגלויבט אין דער „נאַציאָנאַלער ראָלע פון יי־דיש". ער איז, אמת טאַקע, נישט געווען קיין יידישיסט, אַזוי ווי שאול גינזבורג, דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון „פריינד", איז עס נישט געווען, אָבער... האָט גינזבורג געשריבן צו ד"ר לוריעס ערשטן יאָרצייט, „יידיש איז פאַר אונדז געווען נישט בלויז אַ מיטל, נאָר האָט אויך געהאַט אַ ווערט פאַר זיך אַליין. מיר אַלע האָבן געהאַט אַן ערנסטע פּאָזיטיווע באַציאונג צו יידיש... מיר האָבן זיך געסטאַרעט צו פּילעווען, אָפּהיטן דאָס יידישע וואָרט פון וואולגאַרישקייט, פון דייטשמעריש אָדער רוסיציז־מען, פון הפקרות בכלל. יידיש האָט געזאָלט, פאַרבלייבנדיק פאָלקסטימ־לעך, ווערן אַ קולטור־שפּראַך, אַ ליטישע שפּראַך" („פאָרווערטס", 12־טן מערץ, 1939). בעל־מחשבות, וואָס האָט אויך זעהר גוט געקענט לוריען, האָט עדות געזאָגט אויף „זיינע איבערצייגונגען מכוח יידיש אַלס זעלבסט־צוועק"... אויף זיין „אויפפאַסונג פון יידיש, וואָס דאַרף זיך ליטעראַ־ריש אַנטוויקלען און ווערן אונדזער „צווייטע נאַציאָנאַל־שפּראַך" (שריפ־טען, 6, 1923).

„ער האָט געוואָלט אויך אויפהייבן אויף אַ העכערער מדרגה דאָס יידישע וואָרט" *).

און ווען י. לוריא איז שפּעטער, אין 1906, געוואָרן רעדאַקטאָר פונעם אָפיציעלן אָרגאַן פון די רוסישע ציוניסטן „דאָס יידישע פאָלק" אין ווילנע (צוזאַמען מיט ד"ר שמריהו לעווין), האָט ער אויך דאָ פאָרגעזעצט די זעלביקע ליניע בנוגע דעם אַרטיקן יידישן לעבן און בנוגע דער יידישער שפּראַך. אָט די אידעאישע ליניע האָט אים אין גיכן געבראַכט צו אַ קאָנ־פליקט מיט דער אָפיציעלער באַוועגונג. הגם ער איז געווען אַ מיטגליד אינעם צענטראַל־קאָמיטעט און רעדאַקטאָר פון „דאָס יידישע פאָלק", האָט

*) ש. ניגער — פריינד פון מאַמע־לשון און מאַמע־לשון פון „פריינד", „טאָג־מאָרגנזשורנאַל", 7 פעברואַר, 1953.

זיך קעגן אים אַלץ מער טענות אָנגעקליבן, אומצופרידנקייט מיט זיין נישט־אָרטאָדאָקסישער האַלטונג.

דעם 21־טן נאָוועמבער 1906 האָט זיך געעפנט אין העלסינגפאָרס דער דריטער צוזאַמענפאָר פון די רוסישע ציוניסטן. ד"ר לוריא האָט דאָ גע־דאַרפט לייענען אַ רעפעראַט אויף דער טעמע „וועגן אַ נאַציאָנאַלער זעל־בסטפאַרוואַלטונג און אונדזערע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען". אָבער פאַרנדיק קיין העלסינגפאָרס, איז ד"ר לוריא ארעסטירט געוואָרן אין פעטערבורג (נאָך פריער מיט אַ צייט איז ער אַרעסטירט געוואָרן צוזאַמען מיט אַנ־דערע אויף אַ זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט אין ווילנע).

וועגן דעם פּעריאָד פון ד"ר לוריאס רעדאַקטירן „דאָס יודישע פאָלק" שרייבט ש. גינזבורג אינעם אויבנציטירטן אַרטיקל: „ליטעראַריש איז דאָס „יודישע פאָלק" געשטאַנען הויך, און די פובליציסטישע אַרטיקלען זע־נען דאָ געווען דורכגעדרונגען מיט אַ פיל ברייטערן און טאָלעראַנטערן שטאַנדפונקט, ווי די אַנדערע ציוניסטישע אָרגאַנען. אין די פּאַרטייאישע קרייזן איז מען נישט געווען צופרידן מיט יענעם פּנים, וואָס דאָס וואָכנ־בלאַט האָט געקראָגן אונטער לוריאס רעדאַקציע. מען האָט אים פאָרגע־לייגט איינצופירן געוויסע ענדערונגען, אָבער לוריא איז דערויף נישט איינגעגאַנגען. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין אַמט און איז אין יאָר 1907 אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל".

דאָ האָט ער זיך צוריק אומגעקערט צו זיין פּעדאַגאָגישער טעטיקייט. ער איז געווען אַ לערער אין דער גימנאַזיע „הרצליה", געווען פאָרזיצער פון לערער־פאַריין, און אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן איז ער געווען די־רעקטאָר פונעם דערציאונג־דעפּאַרטמענט פאַר יידן אין פּאַלעסטינע, דעם זעלבן אַמט האָט ער אויך פאַרנומען ביי דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע.

* *
*

די הויפּט־סיבה פון זיינע קאָנפליקטן מיט די פּאַרטיי־קרייזן איז געווען זיין קוק אויף דער יידישער שפּראַך און איר ראָלע אין „גלות". דער לעצטער טראָפּן אין די דאָזיקע קאָנפליקטן איז, אַ פּנים, געווען דער „בעם און האָס", וועלכע ער האָט באַגעגנט, לויט די ווערטער פון זלמן רייזען (לעקסיקאָן), צוליב זיין יידיש־שטעלונג, אויף דער פאַרזאַמלונג פון די רוסישע ציוניסטן אויפן קאָנגרעס אין האַג (אויגוסט 1907).

ד"ר לוריא האָט נאָך אין 1902 געפּרוווט פאָרמולירן אין „יוד" (נומער 28) זיין קוק אויף דער „נאַציאָנאַלער דערציאונג". אין זיין אַר־טיקל, וואָס טראָגט דעם זעלבן נאָמען, שרייבט ער:

„די יידישע געשיכטע און די העברעאישע שפראך דארפן ווערן די עיקר־לימודים אין יעדער יידישער שול. די שולן, וואו די דאזיקע פאדע־רונג ווערט נישט אפגעהיט, הרגען אוועק אונדזערע קינדער. זיי מאכן פון אונדזערע קינדער גייסטיקע קאליקעס... דער עיקר פון נאציאנאלער דערציאונג באשטייט פאר אונדז אין קענטעניש פון דער העברעאישער שפראך און יידישער געשיכטע. אבער דאס אליין איז נאך ווייניק. דער גייסט אין שול דארף זיין א יידישער, דאס יידישע דארף שטענדיק לעבן פארן קינד. דאס קינד דארף זינגען יידישע לידער, דארף זען יידישע ביל־דער, דארף פייערן יידישע יום־טובים".

מיט א פאר יאר שפעטער האט ד"ר לוריא שוין גערעדט זייער ראדי־קאל און אנטשיידן לטובת יידיש. אין 1905־1906 האט ער אפגעדרוקט אין „פריינד" א סעריע ארטיקלען אונטערן נאמען „יידיש און איר נא־ציאנאלער ווערט". די דאזיקע ארטיקלען זענען אין א געוויסער מאס געווען א סענסאציע, און זיי האבן ארויסגערופן א הייסע פאלעמיק אין דער יידישער און העברעאישער פרעסע. און ווען אין 1913 איז צום צענטן יארגאנג פונעם „פריינד" ארויסגעגאנגען (שוין אין ווארשע) א ספעציעלע „יובילייאום־ביילאגע", האט די רעדאקציע געהאלטן פאר איר חוב און געלעגנהייט איבערצודרוקן פון דאס ניי די גאנצע סעריע ארטיקלען פון ד"ר לוריא: „ווייל די שפראכן־פראגע איז איצט — האט געשריבן די רעדאקציע פון „פריינד" — פיל אקטועלער ווי זי איז דאן געווען און ווייל די ארטיקלען נעמען ארום די פראגע אין איר גאנצער גרייס, רעכענען מיר עס פאר גוט, זיי איבערצודרוקן אלע אין איינעם, ווי איין גאנץ ווערק". דער אמת איז, אז אפילו היינט וואלטן א סך ציונים און העברעאיסטן געקענט א סך אפלערנען פון די דאזיקע ארטיקלען. י. לוריאס פארשטענ־דעניש פאר דער ראלע פון יידיש איז געווען אויסערגעוויינלעך פאראנט־ווארטלעך און ערנסט.

„...די פראגע פון זעלבסט־באשטימונג, האט געשריבן ד"ר לוריא, פאר די יידן אין רוסלאנד איז נישט מער ווי א פראגע וועגן אן אייגע־נער שפראך. ווילן מיר נישט וויסן פון אן אייגענער שפראך, בלייבן מיר נאר ביי די פוסטע רייד וועגן א נאציאנאלן לעבן, ווייל אן איר גייען מיר צוביסלעכוויז, טריט ביי טריט, צו דער אסימילאציע, צו וועלכער עס פירט אונדז מיט אן אייזערנער קראפט די לאנדסשפראך. ווי שיין מיר זאלן נישט רעדן וועגן דער אויפלעבונג פון דער העברעאישער שפראך, וועגן איר נאציאנאלן ווערט, דארף מען זיין בלינד, מען זאל נישט זען ווי די העברעאישע שפראך ווערט וואס ווייטער אלץ מער ארויסגעשטופט פון לעבן און ווערט פארנומען דורך די רוסישע און פוילישע שפראכן".

ד"ר לוריא קומט דעריבער צום אויספיר, אז די יידישע שפּראַך האָט אַן אומגעהויער גרויסן ווערט, אַ דאַנק איר פאַרשווינדן די גרענעצן וואָס טיילן אָפּ די יידן אין איין לאַנד — פון די יידן אין אַנדערע לענדער, זי פאַרבינדט דאָס פאָלק מיט דער אינטעליגענץ, ווייל „יידיש איז נאַציאָנאַל, זי נויט אַלע טיילן פון פאָלק צו רעדן און לעבן אין איין שפּראַך".

„אין דעם זשאַרגאָן — זאָגט ער ווייטער — האָט דאָס יידישע פאָלק אַריינגעלייגט אַ שטיק פון זיין נשמה... נישט אומזיסט האַלט עס דאָס פאָלק פאַר זיין שפּראַך, ליבט עס און פילט זיך באַליידיקט אין זיינע געפילן, ווען די אינטעליגענץ, די אמתע און די פאַלשע, שעמט זיך מיט אים און ווייכט פון אים"...

ד"ר לוריא שעצט זייער הויך דאָס, וואָס יידיש איז די פּאַקטישע שפּראַך פון 9 מיליאָן יידן אויף דער וועלט. ער גלויבט, אַז יידיש „פאַרמאָגט גענוג מיטלען פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג, קען ווייטער וואַקסן און ווייטער שאַפן, נישט פאַרלירנדיק דערמיט אירע אייגענע פאַרמען". ער לייגט גרויסע האָפענונגען אין דעם פּרט — אויף דער באַרייכערונג פונעם געזעלשאַפטלעכן לעבן און אויף דער פאַרשפּרייטונג פון קולטור צווישן די גרויסע יידישע מאַסן. און ממילא קומט ער צום געדאַנק וועגן דער ראָלע פון יידיש אין דער פאָלקשול.

„יידיש, זאָגט ער, איז איצט די שפּראַך פון חדר — פון אונדזער פאָלקשול, און דאַרף בלייבן די שפּראַך פון רעדן און לערנען אין דער קומענדיקער אויסגעבעסערטער פאָלקשול און אין אַלע יידישע פּריוואַטשולן. יידיש דאַרף זיין נישט נאָר די שפּראַך צווישן לערערס און די ת:ילערס, נאָר אויך די שפּראַך, אויף וועלכער מען דאַרף לערנען אַלע לימודים, ווי חשבון, געאָגראַפיע, געשיכטע, נאַטור־וויסנשאַפט. מיר לאָזן נאָר אָפן די פראַגע, ווי עס זאָלן געלערנט ווערן אין דער יידישער שול רוסיש און העברעאיש, ווייל דאָס איז אַ פראַגע נישט וועגן עיקר, נאָר וועגן דעם אופן ווי צו לערנען. ווען עס איז גרינגער צו לערנען העברעאיש און רוסיש נאָך דעם נאַטירלעכן מעטאָד, דאַן זאָל מען לערנען אַזוי, און ווען מען קען טאָן אַ גרעסערע פעולה לערנענדיק די ביידע שפּראַכן אין איבערזעצונג, דאַרף מען זיי אויך לערנען אויף יידיש, אַזוי ווי מען לערנט לשון קודש אויך איצט אין די חדרים". מיר זעען, אַז דער אַמאָליקער פירער פון אַ חדר מתוקן אין עברית בעברית האָט איצט אַ סך געלערנט און געהאַט מוט זיך אָפּצוזאָגן פון דעם, וואָס איז אים מיט יאָרן צוריק געווען אַזוי טייער.

ד"ר לוריא אַנטוויקלט אין דעם אַרטיקל דעם געדאַנק וועגן אַ נאַציאָנאַלער פאָלקשול, וואו אַלץ ווערט געלערנט אויף דער לעבעדיקער שפּראַך

פון די קינדער. ער זעט די גרויסע מעגלעכקייטן, וואָס די לעבעדיקע יידישע שפּראַך גיט דעם דערציער אויף צו אַנטוויקלען אַ בעסערן און געזונטערן דור. „עס איז אַן אַלטער כּלל, זאָגט ער, אַז דאָס בעסטע מיטל צו דערציען און צו אַנטוויקלען די גייסטיקע כּוחות פון די קינדער, איז — זיי צו לערנען אין דער שפּראַך, אין וועלכער זיי רעדן, אין דער שפּראַך מיט וועלכער עס זענען צוזאַמענגעוואַקסן זייערע ערשטע און דערפאַר די שטאַרקסטע פאַרשטעלונגען".

אָבער נישט נאָר ווי אַ פּעדאַגאָג איז ד"ר לוריא צוגעגאַנגען צו דער גאַנצער שפּראַך־פּראָבלעם. ניין, עס איז פאַר אים געווען אַ פּאָליטיש־רעכטלעכע און קולטור־נאַציאָנאַלע פּראָבלעם. ער גייט צו צו דער גאַנצער פראַגע פון אַ סך ברייטערן שטאַנדפּונקט.

„די פאָלקשול מיט דער פאָלק־שפּראַך — לייענען מיר ווייטער אין דעם אַרטיקל — איז דער יסוד פון דער נאַציאָנאַלער דערציאונג. אויף דעם יסוד דאַרף געבויט ווערן ווייטער. אויך אין אַלע מיטלשולן פאַר יידישע קינדער דאַרף געלערנט ווערן אויף יידיש. די יידן אין רוסלאַנד קענען לויט זייער צאָל נאָך האָבן פיל יידישע גימנאַזיעס, רעאַל־שולן און קאָמערץ־שולן, און מיר קענען זיי האָבן, ווען מיר ווילן נאָר בלייבן ביי דעם יסוד, אַז אונדזער פאָלק־שפּראַך איז יידיש און אַז אין איר דאַרף געפירט ווערן אונדזער דערציאונג. דאָס איז נישט קיין חלום, דאָס איז נישט קיין משונה־דיקע תביעה. דאָס פאַרלאַנגען די אינטערעסן, דער קיום פון אונדזער פאָלק".

ווי געזאָגט, דאָס האָט ד"ר לוריא געשריבן אין „פריינד". אָבער אפילו יעמאָלט ווען ער איז געוואָרן דער רעדאַקטאָר פון ציוניסטישן „דאָס יודישע פאָלק" איז ער ווייטער געבליבן געטריי זיין קוק אויף דער ראָלע פון יידיש אין לעבן און דערציאונג. אוודאי האָט ער געמוזט דאָ שטאַרקער אַקצענטירן זיין אָנערקענונג פאַר העברעאיש, אָבער אויף די שפּאַלטן פון דאָס „יודישע פאָלק" האָט ער נישט איין מאָל אַנטוויקלט זיין שפּראַכן־שטאַנדפּונקט. אין זיינע אַרטיקלען „פּאָליטיק און ליטעראַטור" (נומערן 19־20) און „צו דער שפּראַך־פראַגע" (נומער 23, אונטערגעשריבן י. ל.) האָט ער דאָ ווייטער פּראָפּאַגאַנדירט די אידייע פון יידיש ווי די שפּראַך פון דער שול, ווי די שפּראַך פון דער עפנטלעכקייט, ווי די שפּראַך פון אָרגאַניזירטן יידישן קיבוץ און כּלל־לעבן, און ווי דאָס געווער קעגן אַסימילאַציע. „איצט אָבער — האָט ער געשריבן — איז נאָך דאָ צייט אויסצומיידן די סכּנה... און אויסמיידן קענען עס די יידן נאָר דורך דער אייגענער שפּראַך. די יידן דאַרפן רעדן אויף יידיש, לערנען אין די שולן אויף יידיש און העברעאיש,

פירן זייערע ביכער אין די געשעפטן אויף יידיש אָדער העברעאיש, און די שילדן אויף זייערע געשעפטן אויפהענגען אויף יידיש און אויף דער אָפּי־ציעלער שפּראַך".

באמת, ד"ר יוסף לוריא איז געווען אַ ווייסע ראָב אינעם לאַגער פון די ציוניסטן. זיינע פריינד און מיטקעמפערס פאַרן ציוניסטישן אידעאַל זענען דעריבער געווען שטאַרק נישט צופרידן פון זיין האַלטונג. זיי האָבן אַלץ געטאָן, כדי אים צו איבערצייגן, אַז זיין אָרט איז אין פּאַלעסטינע, וואו ער וועט פּטור ווערן פון דער גאַנצער שפּראַכן־פּראָבלעם... ווי גע־זאָגט, י. לוריא האָט זיך באַזעצט אין פּאַלעסטינע אין 1907, און פאַר די 30 יאָר וואָס ער האָט דאָרט אָפּגעלעבט, האָבן מיר נאָר איין־איינציק מאָל געהערט פון אים — ווידער אין דער ראָל פון אַ פּאַרטיידיקער פון יידיש.

דאָס איז געווען אין יולי 1910. קיין יפו איז געקומען צו פאָרן דער יידישער שרייבער אנכי. די יידישע אַרבעטער פון יפו האָבן באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן אַן אָוונט לכבוד אנכין. די לערער פון דער יפוער העברעאי־שער גימנאַזיע — ברענער, בן ציון (גוטמאַן) און גנעסין האָבן געזאָלט אויפטרעטן מיט העברעאישע ווערק און אנכי — מיט זיינע יידישע זאַכן. דער זאַל איז שוין געווען געדונגען. מיט אַמאָל האָט די יפוער גימנאַזיע צונויפגערופן אַ פּעדאַגאָגישן ראַט און דאָ איז געמאָלדן געוואָרן: ווער פון די לערער עס וועט וואַגן אַרויסצוטרעטן צוזאַמען מיטן „זשאַרגאָניסט" אנכי, וועט באַזייטיקט ווערן פון זיין פּאָסטן. ס'איז אויך באַשלאָסן גע־וואָרן צו רופן די שילער פון גימנאַזיע, זיי זאָלן זיך נישט דערוועגן צו גיין אויף דער „זשאַרגאָנישער" פאָרלעזונג. דער איינציקער פון די לערער, וואָס האָט אַנטשיידן פּראָטעסטירט קעגן דעם באַשלוס, איז געווען ד"ר יוסף לוריא. ער האָט געמאָלדן: ער האַלט נישט פאַר מעגלעך צו פאַרבלייבן אין אַ קאָלעגיע, וואָס נעמט אָן אַזעלכע מיטלען, און ער זאָגט זיך אָפּ פונעם לערער־פּאָסטן וואָס ער פאַרנעמט. אַ חוץ ברענערן, האָבן זיך די אַנדערע לערער אָפּגעזאָגט אויפצוטרעטן אויפן אָוונט אַזוי ווי זיי האָבן פריער צו־געזאָגט*).

---

*) שאול גינזבורג — „יפוער בילדונגס־פאַרשפּרייטער", (רוסיש) „יעוו־רייסקאָיע אָבאָזרעניע", 1910, נומ' 12.

ח. ש. קאזדאן

ד. אברהם רייזען — דער יידישיסט

אברהם רייזען האט געשפילט א גרויסע ראָל אינם קאמף פאַר דער אָנערקענונג פון דער יידישער שפראך, פון איר חשיבות און באטייט פארן יידישן לעבן.

דער ערשטער עפנטלעכער ארויסטריט פון א. רייזען אלס קעמפער פאַר יידיש — איז געווען אין צוזאמענהאנג מיט דעם זאמלבוך „דאָס צוואַנציקסטע יאָרהונדערט", וואס ער האט געגרייט און וואס איז דערשינען אין ווארשע אין יאָר 1900. עס איז שוין דעמאָלט ארויסגעגאנגען די באקאנטע צייטשריפט „דער יוד", אָבער ווי א. רייזען דערציילט אין זיינע „עפּיזאָדן פון מיין לעבן". (ב. 1, ז. 195), איז ער געווען שטארק אַנטוישט אינם דאזיקן זשורנאל צוליב זיין ריכטונג — „די ציוניסטישע און העברעאיסטישע, די צירלעך־מאנירלעכקייט, דער שטענדיק יום־טובדיקער טאָן פון דעם גרעסטן טייל פון די ארטיקלען, שירים און מאמרים". איבערהויפּט אין די ערשטע 15 נומערן. א. רייזען האט טאקע פארטראַכט דעם זאמלבוך „דאָס 20־טע יאָרהונדערט" ווי א קעגנגעוויכט און א קעגנשטעלונג קעגן דעם „יוד". מיט יאָרן שפּעטער — האט ער אין זיינע „עפּיזאָדן פון מיין לעבן" דערציילט:

„איינס נאָר איז מיר געווען קלאָר: דאָס זאמלבוך מוז נישט נאָר פאַרטיידיקן יידיש, כשרן איר בארעכטיקונג אויף עקזיסטענץ, נאָר אטאַקירן סיי דעם באַלעבאטישן העברעאיזם פונם „יוד" סיי דעם ציוניזם, וואָס זיי ביידע זענען געווען ענג פארבונדן. וואָס אַנבאַטרעפט יידיש... איז עס די שפראך, וועלכע מוז פארנעמען אַלע פּאָזיציעס אין לעבן און שאפן... און דאָס זאמלבוך האט געדארפט איבערצייגן אין דער לעבנספעאיקייט און גרויסקייט פון דער יידישער שפראך, אין דעם אויסדרוק פון אירע נייע שעפער" (ז. 242־3).

א. רייזען האט געגרייט דעם זאמלבוך „דאָס צוואנציקסטע יאָרהונדערט" אין זייער אָרעמע באדינגונגען. די „רעדאקציע" פונם זאמלבוך האָט זיך געפונען אויף איינער פון די יידישע גאסן אין ווארשע, אין א קליין צימערל אָפּגעדונגען ביי א יידישן סטאָליאר, אַן אינטעליגענטן און מיטפילנדיקן פריינד, וועלכער איז געשטאנען גאנצענע טעג ביי דער אַרבעט אין זיין אָרעמען ווארשטאט. מיט ליבע דערמאָנט א. רייזען אָט דעם יידישן האָלץ־ארבעטער: „עס איז טאקע געווען שווער צו גלויבן, אז אָט אין דעם קליינעם אָרעמען צימערל, ווו פון דער אנדער זייט וואנט האט דער ליבער ראָזענבלאט געהובלט ברעטער, האָב איך אין דער זעלביקער צייט געהובלט דאָן די יידישע ליטעראטור און ווי מיט טשוועקעס באַ־



אברהם רייזען

פעסטיקט דעם געדאַנק, אַז יידיש איז אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך" (דאָרט, ז. 260). אין די דאָזיקע ווערטער איז באמת נישטאָ קיין גוזמא. דער זאַמל־בוך „דאָס 20־טע יאָרהונדערט" האָט לויט די דעמאָלטיקע רוסישע צענזור־מעגלעכקייטן צום ערשטן מאָל קלאָר ארויסגעבראַכט דעם געדאַנק וועגן יידיש אַלס די נאַציאָנאַלע שפּראַך.

דעם דאָזיקן געדאַנק האָט אַנטוויקלט אין אַן אַרטיקל א"נ „זשאַרגאָן אַלס נאַציאָנאַל שפּראַך" איינער, וואָס איז געווען מיטאַרבעטער אויך אין י. ל. פּרצעס פריערדיקע אויסגאַבעס. דאָס איז געווען מ. רובינשטיין, שפּעטער באַקאַנט אונטערן פּסעוודאָנים מ. מיכעלסאָן און אַן אַנגעזעענער טוער אין דער פּ. פּ. ס. דעם דערמאָנטן אַרטיקל אין א. רייזענס זאַמלבוך האָט ער אונטערגעשריבן: „מ. ראובן שטיין". ער ברענגט דאָ ארוים דעם פּשוטן און נאַטירלעכן אַרגומענט, אַז יידיש איז אַ לעבעדיקע שפּראַך אויף וועלכער עס רעדן מיליאָנען מענטשן, „אַ שפּראַך וואָס לעבט און אַנטוויקלט זיך, — מיט וואָס האָט זי זיך פאַרזינדיקט וואָס מען וויל איר טויטן?".

מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער פּאָרט א. רייזען אריבער קיין ווין און דערנאָך קיין קראָקע. דאָ, אין די פרייע פּרעסע־באַדינגונגען, פּאַרטראַכט ער ווידער אַ נייע אויסגאַבע, אַ נייע טריבונע פאַר די זעלביקע יידישיסטישע אידייען. ער שאַפט דעם זשורנאַל „דאָס יודישע וואָרט", מיט דער אויסרעכענונג אַז ער וועט האָבן אַ גוטע פאַרשפּרייטונג פון דער אַנדערער זייט גרענעץ, אין רוסלאַנד. אינגיכן קומען די געשעענישן פון 1905, און נאָכן 12־טן נומער שטעלט זיך דער זשורנאַל אָפּ. אַ גרויסער טייל אַרטיקלען פון דעם זשורנאַל ווערט איבערגעדרוקט אין וואַרשעווער פאַרלאַג „פּראָגרעס", אין פאָרם פון אַ גרעסערן זאַמלבוך אונטער דעם זעלביקן נאָמען „דאָס יודישע וואָרט".

אין זיינע „עפּיזאָדן" (ב. 2, ז. 304) דערציילט אברהם רייזען ווי אַזוי ער האָט זיך געגרייט צו דער קראָקעווער אויסגאַבע און וואָס ער האָט דערוואַרט פון איר. שוין אין דעם „פּראָספּעקט" וועגן דעם נייעם זשורנאַל האָט ער געשריבן, „אַז יידיש איז נישט נאָר אַ מיטל צו בילדן די מאַסן, נאָר אַ ציל אַן און פאַר זיך, אַז זי וועט דינען אויך דער יידישער אינטעליגענץ". אַ לענגערע צייט האָט א. רייזען זיך געיִשובט און נישט אריינגעגעבן דעם פּראָספּעקט אין דרוק. „נישט קוקנדיק וואָס איך האָב געפילט, אַז דער אמת איז מיט מיר און אַז יידיש דאַרף און האָט אַלע רעכט צו ווערן די נאַציאָנאַלע שפּראַך, האָב איך אָבער זיך נישט געפילט גענוג העזהדיק דאָס אַליין צו באַשטימען. און הגם דירעקט העברעאיש האָב איך אין פּראָספּעקט נישט אָנגערירט, אָבער אינדירעקט איז דער פּראָספּעקט געווען געווענדט קעגן העברעאיש אַלס די שפּראַך פון דער נייער יידישער ליטעראַטור".

ח. ש. קאַזדאַן

„דאָס יודישע וואָרט" איז געווען שטאַרק יידישיסטיש אָנגרייפעריש. דעם קאַמף פאַר יידיש האָבן דאָ געפירט: א. רייזען אַליין, דער שוין דערמאָנטער מ. רובינשטיין־מיכעלסאָן און דער שפּעטער באַקאַנט־געוואָרענער שרייבער ל. שאַפּיראָ — דריי וואָס האָבן געשטורעמט און געוועקט די יידישע עפנטלעכקייט לטובת יידיש.

מ. רובינשטיין גייט ווידער אַרויס מיט אַ גרויסן אַרטיקל „אונדזער נאַציאָנאַלע שפּראַך". דאָס איז אַ ברייט פאַרמאָסטענע, זאַכלעכע פּאָלעמיק מיט די העבראַיסטן פון יענער צייט. „דער קאַמף — שרייבט ער — צווישן העברעאיש און יידיש איז אַ קאַמף צווישן דער פאַרגאַנגענהייט און דער קעגנוואַרט... די יידישע מאַסע האָט זיך אויפגעוואַכט און מיט איר די יידישע שפּראַך"... יידיש איז פאַר מ. רובינשטיינען נישט קיין שפּראַך־פראַגע, נאָר אַ טייל פונם גרויסן סאָציאַלן און פּאָליטיש־נאַציאָנאַלן פּראָבלעם, פאַר וועלכן די יידישע מאַסע אין צאַרישן רוסלאַנד איז דעמאָלט געשטאַנען.

דער צווייטער, וואָס פירט אויף די שפּאַלטן פון אברהם רייזענס „יודישן וואָרט" אַ קאָנסעקווענטן און אַנטשיידענעם קאַמף פאַר דער אָנערקענונג פון יידיש — איז ל. שאַפּיראָ, אין זיין אַרטיקל „ליטעראַטור און לעבן" שרייבט ער: „מיר צווייפלען נישט אַז מיר זענען אַ פאָלק, אַז אונדזער שפּראַך איז אַ שפּראַך און איר ליטעראַטור איז אַ ציל אַן און פאַר זיך... אַ גרויסע באַשטענדיקע געזעלשאַפטלעכע קראַפט וועלכע אָפּשפּיגלענדיק אין זיך אַלע זייטן פון יידישן לעבן, ווירקט פון איר זייט אויף דאָס זעלבע לעבן, ערציענדיק גאַנצע דורות און היטנדיק דעם גייסטיקן בונד צווישן זיי אין צייט און אָרט". אין אַ צווייטן אַרטיקל „צו דער פראַגע וועגן העברעאיש און יידיש", פּאָלעמיזירט ל. שאַפּיראָ מיט די העברעאיסטן און מיט די פאַרשטעלטע פיינט פון יידיש אין ציוניסטישן לאַגער. ער שרייבט: „אויב דאָס פאָלק רעדט נישט אויף לשון־קודש, פאַרוואָס איז ער אונדזער נאַציאָנאַלע שפּראַך? דער זשאַרגאָן און דער לשון־קודש זענען פיינט, בלוטיקע פיינט, און דער ערשטער וועט אויפגעריכט ווערן נאָר אויף די רואינען פונם צווייטן, וועלכער שטערט און טאָרמאָזירט איצט דעם רעגולמעסיקן גאַנג פונם יידישן לעבן". אַזעלכע שאַרפע רייד וועגן העברעאיזם האָט מען אין יענער צייט נישט געהערט אין קיין שום אַנדערער עפנטלעכער אויסגאַבע, מיטן אויסנאַם פון דער אומלעגאַלער בונדישער פּרעסע. און א. רייזען ווי דער רעדאַקטאָר פון „יודישן וואָרט" האָט געוויזן אַרויסגעוויזן גרויס מוט און אויסגעהאַלטנקייט, ווען ער האָט געדרוקט אַזעלכע ווערטער.

דער גרעסטער פאַרדינסט פון ל. שאַפּיראָ איז געווען וואָס ער האָט דאָ אין זיינע אַרטיקלען אָוועקגעשטעלט די פראַגע וועגן יידיש אַלס די שפּראַך פון דער שול פאַר יידישע קינדער. ער האָט געשריבן: „אונדזער נאָענטסטע אויפגאַבע בנוגע צו דער שפּראַך־פראַגע איז — אַריינפירן אונדזער שפּראַך אַלס פולמעכטיקע הערשערין אין אונדזער שולע... מיר ווילן געבן אונדזערע קינדער, דער קינפטיקער יידישער אינטעליגענץ, אַ שפּראַך צו דענקען, רעדן און שרייבן. אַלזאָ, אונדזער לאָזונג איז איצט: אין דער יידישער שולע — די יידישע שפּראַך!"

אברהם רייזען איז נישט נאָר געווען רעדאַקטאָר פון זיינע אויסגאַבעס, און ער האָט נישט נאָר לידער און דערציילונגען פאַרעפנטלעכט אין זיי, ער אַליין האָט אויך געשריבן אַרטיקלען און פּאָלעמיזירט מיט די שונאים פון יידיש. אַזוי, למשל, האָט ער אין זיין ענטפער אויף אַן אַרטיקל פון העברעאישן שרייבער ה. לודוויפּאָל (אָפּגעדרוקט אין „הזמן") אָנגעוויזן צוו. אַנד., אַז יידיש געהערט צו די גאָר אַלטע נאַציאָנאַלע קנינים פון יידישן פאָלק: „זשאַרגאָן איז אויך שוין אַלט פילט הונדערטער יאָר, האָט פיל תפילות, צווישן וועלכע עס געפינען זיך אַזוינע פּאָעטישע און רירנ־דע, ווי דער „גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב" א. אַנד., האָט פאָלקס־לידער וואָס לערנען דעם פאָלקסגייסט מער ווי אַנדערע ספרים אין העברע־איש; האָט אַ ליטעראַטור וואָס וועט בלייבן לעבן כל־זמן יידן וועלן לעבן און מיט וועלכער מיר קענען מער שטאָלץ זיין, ווי מיט די אַלע לשון קודשדיקע ספרים, וואָס האָבן אמת אונדז נישט געלאָזט שטאַרבן, אָבער האָבן אויך קיינמאָל אונדז נישט געלאָזט לעבן"... אַט אַזעלכע טעמ־פעראַמענטפולע ווערטער האָט א. רייזען אַרויסגעבראַכט אויף די שפּאַלטן פון זיין זשורנאַל.

אין נומ. 10 פון „דאָס יודישע וואָרט" שרייבט א. רייזען אַן אַרטיקל „העברעאישע פּובליציסטן", און מיר לייענען דאָ: „די לעצטע געשעעענישן אין רוסלאַנד, די ווינטן וואָס בלאָזן פאַרלויפיק נאָך אפשר אומהיימלעך, אָבער דער וואָס פאַרשטייט ווינטן־לשון הערט אין זיי עפּעס פריילעכע נביאות וואָס וועט געשען נישט באחרית הימים ווי מען האָט אַמאָל גע־מיינט, נאָר טאַקע בימים האלה ובזמן הזה... די דרייסטע שטימען פון פילע יידישע יונגעלייט וואָס בעטן נישט, נאָר פאָדערן מענטשנרעכט פאַר אַלע מענטשן גלייך, דאָס רעכענען זיך מיט די דאָזיקע פאָדערונגען, — דאָס אַלץ איז ווי אַ טויטקלאַפּ פאַר דעם ציוניזם" („פּאָלעדרמייז־ציוניסטן", דריקט ער זיך אויס ווייטער).

א. רייזען פאַרשטייט אויך די וויכטיקייט פון דער יידישער שפּראַך פאַר דער דערציאונג פון די אונטערוואַקסנדיקע דורות. אינם לעצטן נו־

מער „דאס יודישע ווארט" דרוקט ער א ליטאַרטיקל „וועגן די העברע־אישע לערנביכער", וואס האבן אין יענער צייט געגומען פארפלייצן דעם יידישן ביכערמארק. א. רייזען האט דא געגעבן א צעשמעטערנדיקע קריטיק איבער די דאזיקע העבראַאישע לערנביכער. ער ווייזט אן, אז „דאס רוב פון זיי פלאנצן איין שאוויניזם אין די יונגע הערצער פון די יידישע קינדער". ער אפעלירט צו יידישע עלטערן, אז אויב זיי ווילן שוין זייערע קינדער זאלן האבן א ידיעה אין לשון קודש, טא זאל מען מיט זיי לערנען חומש אין דער יידישער איבערזעצונג. „יידישע געשיכטע דארף אוודאי אין יידיש געלערנט ווערן. דערצו דארף אין דער יידישער שפראך געשאפן ווערן א ביליקער קינדער־זשורנאל, אבער ער זאל נישט זיין אזוי שאוויניסטיש, אזוי הימלדיק ווי דער „עולם קטן" איז געווען און ווי איצט איז דער החיים והטבע"... און א. רייזען פארענדיקט דאס ליט ארטיקל מיט די ווייטערדיקע מערקווירדיק קלארע רוף־ווערטער: „עס איז שוין צייט צו נעמען גיין אויפן נאטירלעכן וועג, לערנען אונדזערע קינדער אין יידיש כדי זיי זאלן גאנצע יידן און גאנצע מענטשן זיין און נישט געקאליעטשעטע האלבע העברעער... בילדעט אייערע קינדער אין יידיש".

צום סוף לאמיר נאך דערמאנען אז אברהם רייזען האט געשפילט א וויכטיקע ראל אויף דער טשערנאוויצער שפראך־קאנפערענץ (1908). און זאל דא דערמאנט ווערן אן עפיזאד אויף דער פארקאנפערענץ, בעת מע האט אויסגעארבעט דעם גאנצן פלאן פון דער קאנפערענץ. ביי א געוויסער געלעגנהייט האט י. ל. פרץ געמאלדן: „איך זאג אויפריכטיק — אונדזער נאציאנאלע שפראך איז העברעאיש, אונדזער פאלקסשפראך — יידיש". א. רייזען האט אויף דעם רעאגירט מיט א פארוואורף, אז „אין דעם פאל גייט ער (פרץ) זיך פאנאנדער מיט די טענדענצן פון דער קאנפערענץ". אויך אויף א צווייטער זיצונג ווען מע האט באטראכט דעם סטאטוט־פראיעקט, האט א. רייזען אריינגעטראגן אן אויסבעסערונג לטובת דער „אויסשליסלעכקייט" פון דער יידישער שפראך.

גאר שארף האט א. רייזען פאלעמיזירט נאך דער קאנפערענץ מיט די העברעאיסטישע קעגנער פון יידיש. אין „סאציאל דעמאקראט" (ארגאן פון דעם „גאליציאנער בונד", נומער פון 16־טן אקטאבער 1908, קראקע), האט א. רייזען אפגעדרוקט אן ארטיקל „אפקלאנגען פון דער טשערנאוויצער קאנפערענץ", ער טענהט זיך דא אוים מיט דעם באקאנטן ציוניסטישן פובליציסט מ. קליינמאן:

„...ווידער האט ר' משה קליינמאן געבראכט א בשורה, אז די גאנצע יידישע פרעסע איז קעגן דער רעזאלוציע אז יידיש איז א נאציאנאלע

שפּראַך, אויסער — מוז ער נעבעך מודה זיין — די סאָציאַליסטישע בלעטער, „ביי וועלכע ברעכן דאָס יידנטום איז כמעט אַ פּראָגראַם־פּונקט"...
און דאָס דערמאָנט אונדז אָן די „עכט־רוסישע לייט" וואָס זאָגן פּונקט דאָס זעלביקע וועגן די רוסישע פרייהייטס־קעמפּער, אַז זיי ווילן ברעכן דאָס רוסנטום. נישט אומזיסט רופן מאַנכע אין רוסלאַנד די ציוניסטן: „עכט־יידישע לייט". זייער טאַקטיק, איבערהויפּט דער טאָן פון זייערע צייטונגען, דערמאָנען אין פילע הינזיכטן טאַקע די עכט־רוסישע לייט, און דערפאַר טאַקע האָבן אונדזערע ציוניסטלעך אין דער איצטיקער רוסישער רעאַקציע אַזוי הויך אויפגעהויבן דעם קאָפּ"...

דער גלויבן און די געטריישאַפט צו דער יידישער שפּראַך, דער געדאַנק וועגן יידיש אַלס די לערנשפּראַך פון שול — האָט געבראַכט א. רייזענען צום צוזאַמענשטעלן און אַרויסגעבן צוויי יידיש־ביכער פאַר דער שול. אָבער דעם דיכטער איז נישט באַשערט געווען ביי־צוזיין דעם אויפשטייג פון דער שול אין יידישער שפּראַך, וואָס איז שפּעטער געקומען אין רוסלאַנד און פּוילן. א. רייזען איז שוין דעמאָלט געווען אין אַמעריקע. אָבער ווען עס האָט דאָ אָנגעהויבן וואַקסן אַ יידישיסטישע שול־באַוועגונג, האָט א. רייזען איר אַרויסגעוויזן אַ סך ליבשאַפט און צוגעבונדנקייט. ער איז באמת אינטים און האַרציק פאַרבונדן געווען מיט די שולן פון אַרבעטער־רינג און פון אַנדערע ריכטונגען.

יידיש, די מאָדערנע שול אויף יידיש, ליבע צום פאָלק און צו זיינע קינדער — דאָס איז איין גאָלדענע שנור, וועלכע אברהם רייזען האָט געצויגן אין משך פון כמעט 60 יאָר. אַ מוסטער פון אמתער פאָלקסטימלעכקייט, האָט אברהם רייזען זיין גאַנץ לעבן און שאַפן פאַרבונדן מיט יידיש.

אַזוי איז ער געווען אין זיינע אַרטיקלען און אַרויסטרעטונגען, אַזוי — נאַטירלעך — אין זיינע לידער, אין וועלכע ער האָט באַזונגען דאָס יידישע וואָרט און די יידישע שפּראַך.

די ראַדיקאַלע און די סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ — זייער באַציונג צו יידיש.

די זיבעציקער יאָרן פון פאָריקן יר"ה. עס וואַקסט אין רוסלאַנד די כוואַליע פון יידן־שינאה, עס מערן זיך די רעכטלעכע באַגרענעצונגען און נגישות קעגן דער יידישער באַפעלקערונג, די יידישע יוגנט ווערט אַרויס־געשטויסן פון אירע בילדונגס־פּאָזיציעס. עס האָט זיך פאַרגרעסערט און פאַרפונדעוועט דער שיכט פון יידישע בעלי־מלאכות און קליינע סוחרים, עס בילדעט זיך אויס אַ שיכט פון יידישע לוין־אַרבעטער, און אָט דער גאַנצער עלעמענט אַרבעטס־מענטשן לאָזט אַלץ מער הערן וועגן זיך און וואַרפט זיין געוויכט אויפן וואָגשול פון דער יידישער עפנטלעכקייט. און אַ גאָר נייע דערשיינונג אויף דער יידישער גאַס: עס באַווייזט זיך אַ נייער טיפּ יידישע אינטעליגענץ — אַ פּאָליטיש־ראַדיקאַלע און אַ סאָציאַליס־טישע. לכתחילה ווערט זי אַריינגעצויגן אין דער אַלגעמיינער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין לאַנד, אָבער צוביסלעך האָט זיך פאַר די דאָזיקע טוערס געשטעלט די פראַגע: צי דאַרף מען נישט גיין אין פאָלק ממש, טאַקע אין יידישן פאָלק? צי דאַרף מען נישט פירן סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע און פּאָליטישע אויפקלערונג צווישן די יידישע מאַסן גופא? און אויב אַזוי, צי דאַרף מען זיך נישט ווענדן צו דער יידישער שפּראַך און מיט איר הילף אַריינדרינגען אין דער מאַסע?

כאַראַקטעריסטיש איז אין דעם פּרט דער געדאַנקען־גאַנג פונעם באַ־קאַנטן יידישן „ניהיליסט" אברהם אורי בן צבי קאָוונער, איינער פון אָט דעם נייעם טיפּ ראַדיקאַלער אינטעליגענץ אויף דער יידישער גאַס. אויף דער פראַגע פון קיעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „קיעוולייאַנין" — אויף וואָס פאַר אַ בעסטן אופן לאָזט זיך פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן יידן דורך דער ליטעראַטור: ווען די ביכער וועלן געשריבן ווערן אויף העברעיש אָדער אין דער גערעדטער שפּראַך

מענדעלע מוכר־ספרים

ד"ר ח. זשיטלאָווסקי

נ. בירנבוים
(1937־1864)



א. ש. ליבערמאַן
(1880־1844)

(זשאַרגאָן) וועלכע איז פאַרשטענדלעך פאַר אַלעמען, — אויף אָט דער פראַגע האָט קאָוונער געענטפערט אַזוי:

„צום סוף פון אונדזער אַרטיקל קענען מיר נישט נישט דערמאָנען דעם זשורנאַל „קול מבשר" וואָס גייט אַרויס אויף דער גערעדטער שפּראַך (זשאַרגאָן) אין אָדעס... די דאָזיקע צייטשריפט איז טייער און ווערט זייער געאַכטעט, זי האָט שוין געבראַכט פּרוכטן און האָט דערגרייכט דעם געפאָדערטן ציל. און אָן שום הניפה וועלן מיר זאָגן, אַז דעם ה' צעדער־בוים קומט אַ דאַנק, כבוד און שעצונג פאַר דער דאָזיקער צייטונג; ער איז געווען דער ערשטער וואָס אין אים האָט אָנגעהויבן קלאַפּן אָט דער גייסט, אַז אויף דעם וועג וועלן מיר קענען קומען צום אָנגעמערקטן ציל; און באמת זיין ווונטש איז אים געראָטן, אַלט און יונג קוקן אַריין אין דער צייטונג, פרויען און מענער, און יעדערער געפינט אין איר עפּעס גוטס און נוצלעכס. אַ שאָד נאָר וואָס די גרויסע אַרבעט פון ה' צעדער־בוים ווערט נישט באַלוינט, — הלואי וואָלט מען אים געשטיצט און הלואי וואָלט מען אויך געשטיצט עמעצן פון די איינוווינערס אין ליטע וואָס זאָל אַרויסגעבן אַן ענלעכע צייטונג אין דער גערעדטער שפּראַך אויך דאָרט, — וואָלטן אַ סך זיך אויפגעכאַפּט פון זייער שלאָף און זיי וואָלטן דערזען אַ ניי ליכט. „און זאָל צום גוטן דערמאָנט ווערן אויך דער נאָמען פון הי' דיק, וואָס שוין יאָרן לאַנג שרייבט ער פיינע דערציילונגען, נוצלעכע פאַרן המון".*)

ווו נאָר עס איז געווען אַ סימן פון נאָענטקייט צו דער פאָלקסמאַסע, דאָרט האָט אומפאַרמיידלעך געצויגן צו יידיש, דאָרט איז געווען פאַר־שטענדעניש פאַר דער יידישער שפּראַך און פאַר דער וואַקסנדער יידישער ליטעראַטור. אין די 70־קער יאָרן איז אין פולמאַכט פון דער חמפ"ה אַרומ־געפאָרן איבערן תחום און אַגיטירט יידן פאַר בילדונג דער פּאָפּולערער אין יענער צייט מגיד ג. דיינאָוו. אין איינעם פון זיינע באַריכטן צום פּעטער־בורגער קאָמיטעט פון דער חברה, אין 1873, גיט ער אַן אָפּשאַצונג פון דער טעטיקייט פון דער חמפ"ה, און ער הייבט אויף די פראַגע וועגן דער נויטיקייט, אַז די חברה זאָל פאַרשפּרייטן אויף דער פּראָווינץ נישט נאָר העברעישע נאָר אויך „זשאַרגאָנישע" ווערק. דיינאָוו שרייבט אַזוי: „די געזעלשאַפט וואָלט געדאַרפט נעמען אויף זיך די באַנייאונג פון דער צייטונג „קול מבשר", ווייל מיט דער הילף פון אָט דער צייטונג קאָן מען באַקומען אַ גרויסן איינפלוס אויף דעם פּשוטן עולם... מע דאַרף בכלל

*) דאָס שטורעמדיקע לעבן פון קאָוונערן באַשרייבט מ. וויינרייך אין זיין בוך „פון ביידע זייטן פּלויט" (בוענאָס איירעס 1955).

מיטהעלפן די ווערק אויף זשארגאָן. פון ערשטן קוק ווייזן אויס די דאָ־זיקע ווערק צו זיין אומניצלעך, אָבער במשך מיינע אָפטע רייזעס איבערן תחום האָב איך זיך גענוג איבערציינגט, וואָס פאר א גרויסן נוצן עס האָבן געבראַכט די ווערק אויף יידיש פון מ. גאָרדאָן, לינעצקי, אַקסענפעלד און אַנדערע — אין די שטעט פון וואָלין, פּאָדאָליע, בעסאַראַביע וכד׳, אָדער די ווערק פון דיק און אליקום בדחן אין ליטע און אין אַנדערע ערטער. ווען איר וואָלט דאָס געזען מיט אייערע אייגענע אויגן, וואָלט איר זיך אליין איבערציינגט, וואָס פאר א כוח עס ליגט אין די דאָזיקע ווערק און ווי גרויס זייער ווירקונג איז אויף דער מאַסע". *)

נאָך איין ביישפּיל פון דער געענדערטער באַציונג צו יידיש: דער באַ־קאַנטער העברעישער פּאָעט יהודה לייב לעווין (יהלל) איז אין זיינע יונגע יאָרן געשטאַנען נאָענט צו די יידיש־סאָציאַליסטישע קרייזן און געווען א מיטאַרבעטער פון „האמת", האָט ער געשריבן אין לינעצקי־גאָלדפאַדענס „ישראליק" (נומ. 9—10, דעצעמבער 1875): „צי באַדאַרף מען שרייבן העברעיש? אויב איר זייט נישט אויסן צו זיין פּאַטריאָטיש, בעלי־טובות דער אַלטער אלמנה בת־ציון... אויב איר זענט אויסן אונדזער נאַראָד נוצן ברענגען, דעם אומגעבילדעטן, דעם פּראָסטן מאַרק־מענטשן, אַרבע־טער, האַרעפּאַשניקעס, דאָס הייסט דעם גרעסטן טייל פון אונדז... מוזט איר נעמען די פּאָלקסשפּראַכע... אויב מיר ווילן ווירקן אויפן נאַראָד, דאַרפן מיר באַרירן זיינע לעבנספראַגן, רעדן מיט אים נאָר וועגן די זאַכן וואָס ער איז אימשטאַנד צו פאַרשטיין, ווי זיי מאַכן אים אומגליקלעך זיין לעבן... עפענען אים די אויגן". **)

ווי אַנדערש זעט איצט אויס די שטעלונג לגבי יידיש אין פאַרגלייך מיט די פריערדיקע יאָרן! סך הכל מיט 35 יאָר צוריק האָבן זיך געלאָזט הערן אין יצחק בער לעווינזאָנס ווערק „תעודה בישראל" גאָר אַנדערע מיינונגען און שטימונגען לגבי דער יידישער שפּראַך: „וואָס דאַרפן מיר יידיש דייטש? — האָט ער דאָרט געשריבן — זי איז אויסגעמישט פון פאַרדאָרבענע ווערטער, גענומענע פון העברעיש, רוסיש, פראַנצויזיש, פּויליש וכדומה. אויך די דייטשע ווערטער זענען צעצויגן און פאַרקריפּלט, נישטאָ אין זיי קיין גאַנץ גליד. דערצו נאָך קלעקט אונדז די דאָזיקע

*) טשעריקאָווער, געשיכטע פון דער חמפ״ה, ז״ז 121—122.

**) ציטירט ביי נ. שטיף אין זיין אַרטיקל וועגן ליפשיצן. — אין 1876 האָט יהלל אָפּגעדרוקט אין „השחר" דאָס סאָציאַלע ליד „עבד לעב־דים".

שפּראַך נאָר פאַר פּראָסטע זאַכן און פּשוטן שמועס, און אַז מיר ווילן אויסדרוקן אַ העכערן באַגריף, האָבן מיר נישט קיין לשון".

* *
*

דער זיידע פון דער יידישער ליטעראַטור מענדעלע מוכר ספרים האָט איך באַלאַנגט צו דעם דאָזיקן טיפּ נייער אינטעליגענץ. אויך ער האָט געמוזט דורכמאַכן אַ שווערן אינעווייניקסטן קאַמף ביז ער איז געקומען צו יידיש. שפּעטער מיט יאָרן האָט מענדעלע אין זיין אויטאָביאָגראַפיע וועגן דעם אַזוי דערציילט: „...אָט קוק איך זיך צו צום לעבנשטייגער פון אונדזער פאָלק און וויל עס דערציילן דערנאָך אין לשון קודש. אָבער דער גרעסטער טייל פון פאָלק פאַרשטייט דאָך גאָרנישט די שפּראַך און רעדט יידיש. הייסט וואָס נוצט דעם שרייבער די גאַנצע מי זיינע און זיין האַרצנס באַגער, וויבאַלד ער ברענגט דעם פאָלק קיין נוצן נישט? די דאָזיקע פראַגע — פאַר וועמען אַרבעט איך — האָט מיך נישט געלאָזט רוען און מיך געבראַכט אין גרויס פאַרלעגנהייט... אונדזערע שרייבער, די בעלי הלשון, האָבן געקוקט אויף יידיש פון אויבן אַראָפּ און מיט דער גרעסטער פאַראַכטונג... דער געדאַנק, אַז שרייבנדיק יידיש וועל איך זיך דערנידעריקן, האָט מיך זייער געפּלאָגט; אָבער דער חשק נוצן צו ברענגען — האָט גובר געווען די פאַלשע בושה און איך האָב צו זיך אַליין געזאָגט: זאָל זיין וואָס עס וויל — איך וועל זיך אָננעמען פאַר דעם פאַרשטויסענעם יידיש און וועל נוצלעך זיין מיין פאָלק".

מענדעלע איז טאַקע געווען איינער פון די איניציאַטאָרן פון דער וואָכנשריפט „קול מבשר", און דאָ האָט ער אין 1864 פאַרעפנטלעכט זיין ערשט ווערק אין יידיש „דאָס קליינע מענטשעלע". מענדעלע דערציילט וועגן דעם: „...מע איז צו מיר צוגעשטאַנען און אין איינעם איז ביי אונדז געבליבן אויפצומונטערן און אָנצורעגן דעם אַרויסגעבער פון „המליץ", ער זאָל אַרויסגעבן אַ צייטשריפט אין דער שפּראַך פון אונדזער פאָלק... און איך בין געוואָרן באַגייסטערט און האָב אָנגעשריבן מיין ערשטע דערציילונג „דאָס קליינע מענטשעלע"... פון דעמאָלט אָן האָט זיך מיין נשמה באַהעפט צו דער יידישער שפּראַך און איך האָב זי פאַרקנסט צו מיר אויף אייביק".

מענדעלע אַליין האָט נישט אויפגעהערט זיך משתדל צו זיין וועגן אַ דערלויבעניש אַרויסצוגעבן אַ צייטונג אויף יידיש. אין 1871 איז ער צוליב דעם געפאָרן קיין פּעטערבורג. די דאָרטיקע אָפיציעלע יידישע קרייזן האָבן אים געשטיצט אין זיין פּראָיעקט, אָבער קיין דערלויבעניש פון דער רעגירונג האָט ער אויף דער צייטונג נישט באַקומען. אין 1879 האָט ער

פון דאָסניי זיך באמיט „אויסצווווירקן אַן ערלויבעניש אויף אַ יידיש בלאַט", און ווידער אַן דערפאָלג. אין 1882 און 1883 סטאַרעט זיך מענדעלע ווידער וועגן אַ דערלויבעניש אויף אַ צייטונג אין יידיש, אָבער ווידער אָן שום רעזולטאַט. ער ווערט נישט מיד, ער נוצט אויס זיין באַקאַנטשאַפט מיטן פּראָפעסאָר בעזסאָנאָוו, ער דערלאַנגט אים אַ מעמאָראַנדום וועגן דער זאַך, אָבער אויך דאָס האָט קיין פּעולה נישט געהאַט. אין 1886 באַניַיט ער ווידער זיין השתדלות און ער דערלאַנגט אַ בקשה צו דער מאַכט וועגן אַ צייטונג אונטערן נאָמען „דער שפּיגל", אָבער אַלץ איז געוועזן אומזיסט. *)

אָבער אַלץ איינס, די חשיבות פון יידיש איז געוואַקסן, די באַוווסטזיניקע באַציונג צו יידיש מצד דער ברייטער מאַסע האָט זיך אַלץ בולטער אַרויסגעוויזן, די צאָל אָנהענגער אירע צווישן דער אינטעליגענץ האָט זיך כסדר פאַרגרעסערט. צעדערבוים האָט טריומפירט: „מיט שטאָלץ קענען מיר עפנטלעך זאָגן, אַז געבילדעטע ערצטע און יוריסטן, וועלכע האָבן פריער גאָר חוזק געמאַכט פון זשאַרגאָן און האָבן זיך געשעמט צו נעמען אַ יידיש ביכל אין די הענט אַריין, לייענען איצט זייער פלייסיק דאָס פאָלקס־בלאַט, אפשר נאָך פלייסיקער ווי די רוסישע צייטונגען. דאָס אַליין באַווייזט, ווי נוצלעך דאָס בלאַט איז, און עס איז דער בעסטער לוין פאַר אונדזער מי". **)

יאָ, צייטן האָבן זיך געענדערט. עס האָט אויפגעוואַכט דאָס פאָלק, עס האָט אויך אויפגעבליט זיין שפּראַך.

* *
*

נאָך איין פאַרשטייער פון יענער תקופה דאַרף דאָ דערמאָנט ווערן, דאָס איז דער פּובליציסט און קריטיקער י. י. לערנער. לעצטנס האָט אונדז געגעבן אַ פולן ליטעראַרישן פּאָרטרעט פון אָט דעם שרייבער — נ. ב. מינקאָוו. ער דערציילט וועגן י. י. לערנערן: „ער און זיינע חברים לדעה זענען געשטאַנען מיט אַ קאָפּ העכער ווי דער צעדערבוים־מין בירגער־

*) נאָך אין 1850 האָט אַ געוויסער שמואל וואַרשאַווסקי געבעטן אַ דערלויבעניש צו עפענען אַ דרוקעריי אין איינער פון די שטעט פון כערסאָנער גובערניע מיטן רעכט אַרויסצוגעבן אויף יידיש „בלעטלעך אין דער פאָרם פון אַ צייטונג", ווי אויך ביכער פאַר יידן וועגן ערד־אַרבעט. פאַרשטייט זיך, ער האָט אַזאַ דערלויבעניש נישט באַקומען. זע זמ"ב „קאַזיאָניע יעווריעסקיע אוטשילישטשאַ," ז. 354.

**) יודישעס פאָלקסבלאַט, נומ. 50, 1886 (זעקסטער יאָרגאַנג).

לעבע משכּילים... ער געהערט צום פּראָגרעסיוון פליגל שרייבער אין די 60־ער יאָרן... לערנערס פאָלקישקייט נעמט זיך פון אַ גאַנצער סיסטעם באַגריפן וועגן דעם גייסט פון 19־טן יאָרהונדערט. אָט דער גייסט פירט צו דעמאָקראַטישקייט. ער פירט אויך צו דער איבערצייגונג, אַז דעם פאָלק פעלן נישט קיין שום מאָראַלישע פּרינציפּן". און פון דעם איז געקומען י. י. לערנערס פּאָזיטיווע באַציונג צו דער יידישער שפּראַך. ער קומט צו דער איבערצייגונג אַז „אַלע אונדזערע העברעישע ליטעראַטן שטייען אונטער דער פאָן פון אַלטע פאַרשימעלטע פּרינציפּן", ער באַנעמט דעם ווערט און די שליחות פון דער פאָלקשפּראַך אין יידישן לעבן און ער קען נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס „האָט קיין יידישער געלערנטער זיך ביז איצט נישט אַנטשלאָסן צו שרייבן אויף אָט דעם זשאַרגאָן עפּעס וואָס זאָל זיין נוצלעך און זאַכלעך". פּונקט ווי קאָוונער, אַזוי איז אויך לערנער שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דעם פּריערדיקן דור מליצה־שרייבער. ביידע האָבן באַלאַנגט צו איין קרייז — צום דעמאָלטיקן עקסטרעמען פליגל אינטעליגענץ וואָס איז געווען באַהערשט פון ראַדיקאַלן פּאָזיטיוויזם, פון „ניהיליזם". און דאָס אַלץ האָט לערנערן געפירט צו — יידיש. ער שרייבט: „כל זמן דער ייד האָט ליב יידן, וועט ער אויך ליב האָבן יידיש...

און ווער קען זיך דערוויטערן פון זיין אומגליקלעך, געפאַלן פאָלק?... די וואָס שרייען אַז זשאַרגאָן איז קיין לשון נישט, זיי פילט נישט נאָר פאַרשטאַנד, נאָר די אמתע פאָלקס־ליבע".

„מיטן אויסנאַם פון ליפּשיצן, זאָגט נ. ב. מינקאָוו, איז לערנער דער ערשטער באַוווסטזיניקער יידישיסט ביי אונדז". זיין יידישיזם איז ענג פאַרבונדן מיט זיין פאָלקיזם. ער שטרעבט אויך צו דעם אַז מען זאָל שרייבן שריט און טריט... און נאָר אין דער דאָזיקער שפּראַך איז ער מסוגל זיך אין אַ יידיש וואָס זאָל זיין אין „אַ ריינער אומגאַנגשפּראַך און נישט אין אַ איבערגעפירטן דיאַלעקט", ער האָט ליב יידיש און באַטראַכט אים ווי „אַ לשון מיט אַ סך אָריגינעלקייט, ענלעך צום כאַראַקטער פון פאָלק גופא". „די דאָזיקע שפּראַך, שרייבט ער, האָט זיך אַזוי איינגעוואָרצלט אינעם אויסצובייטן מיט די געדאַנקען און אויסהערן אַ וואָרט, וואָס איז קלוג און נוציק פאַר יידן... אונדזערע עלטערן האָבן מיט דורי־דורות צוריק דאָס גאַנצע מזל פון דעם פאָלק צוגעבונדן צו דעם לשון און מיטן „יידישן" האָבן זיי אַזוי שטאַרק פאַרקניפּט זייער נאַציאָנאַליטעט פון איין זייט, די צרות פון דער אַנדערער זייט, אַז דער חוט המשולש וועט שוין קיין מאָל נישט איבערגעריסן ווערן... און גראָד דעמאָלט, ווען די לאַגע פון אונדזערע ברידער איז נישט אַזוי פויגעלדיק, זעט מען דעם זשאַרפלייש און בלוט פון דעם יידן, אַז ער באַנוצט זיך מיט איר אויף יעדן

גאַן דווקא אויפהייבן דעם קאָפּ און כמעט אַזוי ווי פאָדערן מען זאָל אים אויך אָפּגעבן אַ פּלאַץ צווישן אַלע לשונות... ווער ווייסט אויב פון אַזאַ באַלעבונג פון דעם „פּאַרשימלטן" זשאַרגאָן איז אויך נישט אָפּהענגיק אַ גרעסערער תחית המתים — אַן אויפלעבונג פון דעם גאַנצן פאָלק, אַ דערמונטערונג פונעם הונדערטיאָריקן חלשות, אַ נייער אָטעם פון נאַציאָנאַלן געפיל".

י. י. לערנער האָט אויף דער עלטער זיך טראַגיש אויסגעגליטשעט און אינגאַנצן פאַרלאָזט זיין פאָלק. און דאָך — ער בלייבט פאַרשריבן אין דער קולטור־געשיכטע פון רוסישן יידנטום אין פאַריקן יאָרהונדערט ווי איינער פון די ערשטע און געטרייסטע אַדעפּטן פון יידיש. און עס בלייבט אין פולער קראַפט אָט די נביאות זיינע, אַז די „באַלעבונג" פון יידיש וועט אויך זיין פאַרבונדן מיט אַ גרעסערן תחית המתים און מיט דער אויפלעבונג פון גאַנצן פאָלק און פון זיין „נאַציאָנאַלן־געפיל".*)

* *
*

אין די זיבעציקער יאָרן טרעפן מיר שוין רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך פון יידישע אינטעליגענטן אין ווילנע און אין אַנדערע שטעט. פאַר די יאָרן 1873—1877 איז אויף 1054 רעוואָלוציאָנערן וואָס זענען צוגעצויגן געוואָרן צום געריכט, געווען 67 יידן, ד"ה 6,5 פּראָצענט. פאַר די יאָרן 1884—1890 איז שוין פון 4307 פּאָליטישע אַרעסטירטע געווען 579 יידן, ד"ה 13,4 פּראָצענט. גרויס איז געווען די צאָל יידן רעוואָלוציאָנערן און סאָציאַליסטן אין דער אַלגעמיינער באַוועגונג, געוואַקסן איז אויך אַ מאַסן־באַוועגונג אויף דער יידישער גאַס, עס האָט זיך דאָ געמערט די צאָל אָרגאַניזירטע עקאָנאָמישע אַקציעס און „קאַסעס". און אָט די גאַנצע באַוועגונג האָט זיך געריסן צו דער נאַטירלעכער און לעבעדיקער יידישער שפּראַך פון די דאָזיקע מאַסן. די אַרכיוו־מאַטעריאַלן פון דער באַרימטער רוסישער דריטער אָפּטיילונג דערציילן וועגן די אַרעסטירטע אין יענע יאָרן: „מען האָט ביי זיי אויך געפונען כתב־ידן אין דער יידישער אומגאַנגס־שפּראַך (זשאַרגאָן), אין וועלכער עס ווערט געשילדערט די שווערע לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין מערב־רוסלאַנד, וואָס ווערט אונטערדריקט פון איבערמאָסיקע שטייערן, און

---

*) אַלע ציטאַטן פון י. י. לערנערן זענען געבראַכט לויט דער עסיי פון נ. ב. מינקאָוו אין זיין בוך „זעקס יידישע קריטיקער" (בוענאָס איירעס 1954, פאַרלאַג „ייד־בוך"), ז. ז. 53—99. זע אויך „אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע", באַנד „יידן ג" ז"ז 115—117.

דערביי ווערן געפּריידיקט קאָמוניסטישע און דעמאָקראַטישע אידעען".
אין די פּאָליציי־באַריכטן ווערט ווייטער למשל, דערציילט, אַז דער אַרעס־טירטער מיטגליד פון דער גרופּע מ. וואָלפזאָן „פלעגט איבערזעצן פאַר־באָטענע ביכער אויף יידיש צום דרוקן... און ביים אַרעסט האָט מען ביי אים געפונען כתב־ידן פון אַזעלכע אַרבעטן: „וועגן גלייכע רעכט פאַר עלטערן און פאַר קינדער", וועגן דעם אַז „רעליגיע איז אַ איבעריקע זאַך" און אויך די געשיכטע פון יידישן פאָלק".*)

איינע פון די צענטראַלע פיגורן פון די דאָזיקע קרייזן איז געווען אהרן ליבערמאַן, דער שפּעטערדיקער אַרויסגעבער פונעם רעוואָלוציאָנערן זשורנאַל אויף העברעיש „האמת". אין 1876 האָט ער, שוין זייענדיק אין אויסלאַנד, פאַרפאַסט דעם סטאַטוט „וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון אַ סאָ־ציאַל רעוואָלוציאָנערן פאַרבאַנד צווישן די יידן אין רוסלאַנד". עס ווערט דאָ דערקלערט, וואָס האָט די מחברים באַוויגן „אָנצורופן זיך די יידישע סעקציע פון דער רוסישער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי". אינעם סטאַטוט האָט זיך גאַנץ קלאָר גערעדט וועגן דעם, אַז „ס'איז נויטיק צו פירן די פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע צווישן יידן אויף אַ באַזונדערן דיאַליקט", — געמיינט האָט מען, פאַרשטייט זיך, יידיש. אין יולי 1876 לאָזט ליבערמאַן אַרויס אין לאָנדאָן זיין באַרימטן מאַניפעסט צו דער יידישער יוגנט „אל שלומי בחורי ישראל". ליבערמאַן האָט פון לאָנדאָן אָנגעהאַלטן פאַרבינדונגען מיט זיינע איבערגעבליבענע חברים אין ווילנע, ער האָט זיי געוועקט צו אַרבעט און ער פאַרשפּרייט דורך זיי אומלעגאַלע ליטעראַטור. ליבערמאַן האָט געקוקט אויף דער פּראָפּאַגאַנדע צווישן יידן נישט נאָר ווי אויף אַ טייל פון דער אַלגעמיינער רעוואָלוציאָנערער אַר־בעט, נאָר — לויט די ווערטער פון אהרן זונדעלעוויטש — „ווי אויף אַ מיטל אויפצוהייבן דעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין פונעם יידנטום, וועמענס קולטור־נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן ער האָט באַזונדערס הויך געשעצט און געהאַלטן פאַר נויטיק אויפצוהיטן". וו. יאָכעלסאָן דערציילט וועגן אָט דער ווילנער גרופּע יידישע רעוואָלוציאָנערן: „אין אונדזער קרייזל איז ליבערמאַן געווען דער, וואָס האָט אויפגעהויבן די פראַגע וועגן דעם נאַ־ציאָנאַלן באַוווסטזיין און די קולטורעלע אייגנשאַפטן פונעם יידישן פאָלק און וועגן דער נויטיקייט אַרויסצוגעבן סאָציאַליסטישע ליטעראַטור אין דער שפּראַך פון יידן. וואָס איז נוגע דער פראַגע יידיש אָדער העברעיש, איז ליבערמאַן געשטאַנען פאַר העברעיש, ווייל ער האָט געהאַלטן אַז

*) א. טשעריקאָווער — דער אָנהייב פון דער יידישער סאָציאַליסטי־שער באַוועגונג. היסטאָרישע שריפטן, ב. 1, ז. 523.

פריער פאַר אַלץ דאַרף מען צוגרייטן אַ מחנה פּראָפּאַגאַנדיסטן פון די אינטעליגענטע ישיבה־בחורים". פון דער אַנדערער זייט אָבער זאָגט א. זונדעלעוויטש עדות וועגן ליבערמאַנען, אַז „ער פלעגט באַטאָנען די אַנט־וויקלונגס־פעאיקייטן פון יידיש און די מעגלעכקייט, אַז יידיש זאָל מיט דער צייט ווערן צוגלייך מיט העברעיש אַ פאָלקאָם ליטעראַרישע שפּראַך, וואָס וועט קענען דינען אַלס מעכטיקער ווערקצייג צו אַנטוויקלען דעם יידישן נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין".

דער געדאַנק וועגן אַ יידישער באַוועגונג און וועגן באַנוצן יידיש פאַר דער שפּראַך פון פּראָפּאַגאַנדע — האָט זיך געטראָגן ממש אין דער לופטן. נאָך דעם ווי די ווילנער גרופּע איז צעשטערט געוואָרן דורך דער פּאָליציי, האָט ליבערמאַן זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט די העב־רעישע ראַדיקאַלע משכילים אין קיעוו. ער האָט דאָ געוווּנען אַ סך חסי־דים פאַר זיינע אידעען, די דאָזיקע קיעווער גרופּע האָט פאַר אים געשאַפן געלטמיטלען אויף אַרויסצוגעבן דעם „האמת" און זי האָט זיך אויך פאַר־נומען מיט דער פאַרשפּרייטונג פון זיינע אויסגאַבעס. אין 1877 איז מער־דעלע געקומען צוגאַסט קיין קיעוו. אין אַ שמועס מיט דער אָנגערופענער ראַדיקאַלער גרופּע האָט מענדעלע פאַרטיידיקט דעם געדאַנק, אַז אויב מען וויל ווירקן אויפן פאָלק אין פולן זינען פון וואָרט, מוז מען אַרויסלאָזן פּראָפּאַגאַנדע־בראָשורן אויף יידיש. און ווייזט אויס אַז מענדעלעס ווער־טער האָבן אויף דער גרופּע געווירקט, און מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער שרייבט איינער פון זיי צו ליבערמאַנען קיין אויסלאַנד אַזוי: „עס איז נויטיק אַרויסצולאָזן אין יידיש איינעם פון די קול קוראס וואָס געפינט זיך ביי דיר". אויך יהושע מרדכי ליפשיץ, דער פּראָפּאַגאַנדיסט פון יידיש אויף די שפּאַלטן פון „קול מבשר" און דער שפּעטערדיקער מחבר פון־נעם יידיש־רוסישן ווערטער־בוך, איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט ליבערמאַנען. אין 1877 האָט ער פון בערדיטשעוו געשריבן צו ליבערמאַ־נען, אים געמאַכט פאָרוווּרפן פאַר זיין נעגאַטיווער באַציונג צו יידיש, צום „כלומרשטן יידישן זשאַרגאָן".

אין 1880 איז אין זשענעווע אָנגעגאַנגען אויף אַ צאָל פאַרזאַמלונגען אַ דעבאַטע וועגן אַן אויפרוף פון אַ גרופּע יידישע סאָציאַליסטן. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ פּראָיעקט צו גרינדן אין זשענעווע אַ יידישע דרוק־קעריי, כדי צו קענען פירן סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן די יידי־שע מאַסן אין דער יידישער שפּראַך. לויט דער עדות פון פראַנץ קורסקי האָט דער אייגנטלעכער איניציאַטאָר פונעם דאָזיקן אויפרוף געמוזט זיין דער רעוואָלוציאָנער לייזער צוקערמאַן. און אָט ווי אַזוי דער דאָזיקער אויפרוף באַגרינדעט זיין פּראָיעקט: „אוועקמאַכן מיט דער האַנט אַ כמעט

פיר־מיליאָניקע מאסע נאָר דערפאַר, ווייל איר לעבעדיקער שפּראַך פעלן קלאַסישע מעלות, וואָלט געווען צום ווינציקסטן אומפּראַקטיש. פון דער צווייטער זייט, דאַרפן די סקעפּטיקער האָבן אין זינען דעם פאַקט, וואָס נישט געקוקט אויף די אומבאַקוועמלעכקייטן און אומגעשליפנקייט פון דער שפּראַך, פאַרמאָגן יידן אין איר אחוץ אַ ריין־רעליגיעזער ליטעראַטור, אויך אַ גאַנץ היפּשע ליטעראַטור פון אַ נייער, אַזוי צו זאָגן וועלטלעכער ריכטונג, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון די יידישע פּראָגרעסיסטן... דאָס ווייזט אָן אויף דער אומבאַדינגטער נויטווענדיקייט אויף פאַר סאָציאַליסטן צו באַניצן זיך מיט אַזאַ מעכטיקן געצייג ווי די לעבעדיקע שפּראַך פון די פאָלקסמאַסן... כדי אַריינצוטראָגן אין די יידישע מאַסן די פּראָפּאַגאַנדע פון סאָציאַלער רעוואָלוציע, דאַרף מען זיך ווענדן צו זיי אין אַ פאַרשטענדלעכער פאַר זיי שפּראַך. מחמת דעם אַלעמען האָבן מיר באַשלאָסן צו גרינדן אין זשענעווע די „פרייע יידישע דרוקעריי" מיטן צוועק צו מאַכן מעגלעך די אָרגאַניזאַציע פון סאָציאַליסטישער ליטעראַטור און אַריינצוברענגען צווישן יידן אין רוסלאַנד און גאַליציע די אידעען פון סאָציאַליזם אויף זייערע געערדטע (זשאַרגאָנישע) שפּראַכן". דער אויפרוף קריטיקירט די האַלטונג פון אַ סך יידישע אינטעליגענטן וואָס „פליסן זיך צו פאַרגעסן די יידישע שפּראַך (ווי אומנאַטירלעך דאָס זאָל נישט זיין) און אפילו זייער אייגענעם אָפּשטאַם". דער אויפרוף ווייזט אָן, אַז ליבערמאַנס פּרווו האָט נישט געקענט האָבן קיין דערפאָלג „דער עיקר דערפאַר, וואָס אין זיין יסוד איז געלעגן די העברעישע שפּראַך, אַ שפּראַך אַ טויטע פאַר דער מאַסע". און ער דערקלערט: „אַזאַ באַציונג מצד דער יידישער רעוואָלוציאָנערער יוגנט צו איר אייגן פאָלק קען ווייטער נישט געדויערן". (דער אויפרוף גופא איז געווען אין דער רוסישער שפּראַך).

אָבער נישט נאָר אין אויסלאַנד, אויך אין רוסלאַנד גופא איז אין די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס רייף געוואָרן דער געדאַנק וועגן אויסניצן יידיש פאַר זייער פּראָפּאַגאַנדע. מע קען טאַקע אָנרופן עטלעכע אַזעלכע אויסגאַבעס אויף יידיש: אָנהייב 1881 האָט די באַרימטע רוסישע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" אַרויסגעגעבן אויף יידיש אַ נומער „אַרבעטער צייטונג", וואָס איז געווען אַ געקירצטע איבערזעצונג אין יידיש פונעם לויפנדיקן נומער פון דער פּאַרטיים אָפיציעלן אָרגאַן „ראַבאָטשאַיאַ גאַזעטאַ". אָט דער איינציקער נומער פון דער יידישער „אַרבעטער צייטונג", אַרויסגעגעבן אין פּעטערבורג, איז געווען די ערשטע אומלעגאַלע סאָציאַליסטישע אויסגאַבע אויף יידיש. — אין מאַי 1880 איז אין קיעוו געווען אַ פּרווו צו פאַרשפּרייטן אַ העקטאָגראַפירטע פּראָקלאַמאַציע אין דער יידישער שפּראַך אונטערן נאָמען „צו אַלע יידן" און

מיט דער אונטערשריפט „יידישע און קריסטלעכע סאָציאַליסטן". — אויך די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט" האָט אָנהייב די 80־קער יאָרן אַרויסגעלאָזט אין יידיש עלטעכע אויפרופן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן. אין 1885 האָבן די פּוילישע סאָציאַליסטן געפּלאַנט אַרויס־צוגעבן די „ביבליאָטעק פון יידישן אַרבעטער" וועלכע וועט אויף יידיש „פּאָפּולאַריזירן די פּרינציפּן פון אינטערנאַציאָנאַלן וויסנשאַפטלעכן סאָ־ציאַליזם" (ד"ר י. שאַצקי — געשיכטע פון יידן אין וואַרשע, באַנד 3, ז. 397).

אין 1886 האָט דער זון פון יידישן היסטאָריקער שפּ"ר, שמואל ראַ־בינאָוויטש, איבערגעזעצט אויף יידיש די באַקאַנטע פּוילישע סאָציאַליס־טישע בראָשור פון ש. דיקשטיין „פון וואָס איינער לעבט" און זי איז אָפּ־געדרוקט געוואָרן אין לאָנדאָן אין 1887. איינער פון די פּיאָנערן פון „בונד" צ. קאָפּעלזאָן (טימאָפיי) דערציילט וועגן דער בראָשור: „דאָס ביכל איז ביי אונדז געוואָרן אַ מין תורה און מען פלעגט דאָס לייענען און דעבאַטירן אין אַלע אַרבעטער־קרייזלעך. אין משך פון אַ געוויסער צייט איז דיקשטיינס ביכל געווען די איינציקע און בעסטע בראָשור, וואָס מיר האָבן דאַן פאַרמאָגט אין יידיש". די דאָזיקע בראָשור האָט אויסגע־האַלטן אַן אַ שיעור איבערדרוקן.

אין 1884 האָט אין לאָנדאָן אָנגעהויבן אַרויסגיין די ערשטע יידישע סאָציאַליסטישע צייטשריפט „דער פּוילישער אידל", אין זעלבן יאָר איז אויך אַרויס אין לאָנדאָן די ערשטע סאָציאַליסטישע בראָשור אויף יידיש מיטן נאָמען „יהי אור" (מחבר מ. ווינטשעווסקי). די לאָנדאָנער ליטע־ראַטור איז צוביסלעך אַריינגעדרונגען קיין רוסלאַנד און דאָ געמאַכט אַ שטאַרקן רושם.

ד"ר חיים זשיטלאָווסקי טראָגט זיך שוין אין 1884 אַרום מיט פּלע־נער פון אַ יידישן פאַרלאַג און אַ יידישן זשורנאַל. ער לייגט פאָר דער „נאַראָדנאַיא וואָליא" צו גרינדן אַ ספּעציעלע יידישע אָפּטיילונג מיטן נאָמען „תשועת ישראל" און ער שטעלט אַרויס דער פּאַרטיי אַ פאָדע־רונג, אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל באַטראַכט ווערן ווי אַ קולטור־נאַציאָ־נאַלער קאָלעקטיוו און די יידישע שפּראַך דאַרף אָנערקענט ווערן ווי די נאַציאָנאַלע שפּראַך זיינע.

אָט אַזוי האָט זיך די ראַדיקאַלע און די סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ אַלץ ענגער און אינטימער פאַרבונדן מיט דער יידישער שפּראַך.

* *
*

גאָר אין גיכן זענען געקומען צום עפנטלעכן וואָרט די ריין־יידישע סאָ־ציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס. עס מערט זיך אַלץ שטאַרקער די צאָל זייערע פּראָקלאַמאַציעס און איינמאָליקע אויסגאַבעס, נאָך שפּעטער אָרטיקע זשור־נאַלן, בראָשורן. די פּיאָנערן פון „בונד" שאַפן אין אויסלאַנד אין 1896 דעם זשורנאַל „דער יידישער ארבעטער" און נאָך שפּעטער די „ארבעטער־שטי־מע" וועלכע ווערט פאַרוואַנדלט אינעם צענטראַל־אָרגאַן פון „בונד". פּר־צעס „יום־טוב־בלעטלעך", די בראָשורן פון זשענעווע און לאָנדאָן, די לידער פון ווינטשעווסקי, עדעלשטאַט, ליעסין און אברהם רייזען — פּאָר־פלייצן אַלץ מער די יידישע ארבעטער־גאַס. די יידישע ארבעטער־באַווע־גונג האָט זיך אויף אייביק צונויפגעגאָסן מיט דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור.

דער „בונד" און דער געדאַנק וועגן אַ יידיש־וועלטלעכער שול

אין 1892 האָט אַ יידישער קאַמאַשן־מאַכער אין זיין רעדע אויף אַ געהיימער 1־מאַי פייערונג אין ווילנע צוו. א. געזאָגט: „מיר יידן דאַרפן ביי זיך נישט אַראָפּפאַלן און דאַרפן זיך נישט שעמען, וואָס מיר געהערן צו דער „שעדלעכער" יידישער ראַסע... עס איז אויף דער וועלט נישט געווען נאָך אַזאַ נאַציע, וואָס זאָל אַזוי ווי די יידישע קענען מיט אַזאַ עקשנות גיין שטאַרבן אויף קידוש השם". מיט דריי יאָר שפּעטער האָט ל. מאַרטאָוו אין דעם זעלבן ווילנע אַזוי גערעדט צו די יידישע אַרבעטער: „מיר דאַרפן אונדזער פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע צוגעבן אַ מער יידישן כאַראַקטער... די אויפוואַכונג פון דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און דעם קלאַסן־באַוואוסטזיין דאַרפן גיין האַנט אין האַנט". אָט אין דעם מאָמענט, ווען עס האָבן זיך דערהערט אין דער יונגער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג די נייע נאַציאָנאַלע טענער, איז אָנגעצייכנט געוואָרן איר היסטאָרישע ראָל און מיסיע בנוגע דער יידישער שפּראַך און וועלטלעכער קולטור. און ווען עס איז מיט צוויי יאָר שפּעטער געבוירן געוואָרן דער „בונד", איז שוין זיין גורל אין דער דערוואַכונג פון דער יידיש־וועלטלעכער קולטור געווען היסטאָריש באַשטימט. דער „בונד" ווערט אַ מעכטיקער פאַקטאָר סיי קעגן דער געטאָ־קנעכטשאַפט, סיי קעגן דער אַסימילאַציע.

שוין אין 1895 האָבן די פּיאָנערן פון „בונד" באַשאַפן „זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן" אין ווילנע, ביאַליסטאָק און מינסק. די דאָזיקע קאָמיטעטן זענען געווען אַ גרויסער שטיץ־פּונקט פאַר י. ל. פּרצן ביים אַרויסגעבן און פאַרשפּרייטן זיינע „יום־טוב־בלעטלעך". די דאָזיקע זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן מיט זייערע פּרוּוון פון פאַרלעגערישער אַרבעט און פון לעגאַלע ביבליאָטעקן — האָבן עקסיסטירט עטלעכע יאָר. אין 1897 האָט דער זשאַרגאָנישער קאָמיטעט אין ווילנע געפונען פאַר נייטיק צו עפענען אַן

אייגענע בוך־קראָם. ביי די צארישע באדינגונגען איז דאָס געווען אַ גאַנץ שווערע אויפגאַבע, און ערשט אין 1898 האָט זיך איינגעגעבן צו לעגאַלי־זירן אַזאַ בוכהאַנדלונג אויפן נאָמען פון אברהם גאַסעלניק. די באַדערפע־ניש אין אַזאַ בוכקראָם איז געווען גרויס: מע האָט דאָ פארקויפט אויס־גאַבעס פון באַזונדערע מחברים, גראָבע זאַמלביכער און דינענקע דערציי־לונגען, לעגאַל־אריינגעקומענע ביכער פון אַמעריקע, די פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע אויסגאַבעס פון קאָטיק און ברעסלער א״א. די גאַנצע אַרבעט איז געווען פארבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן און אָנשטרענגונ־גען. נאָר מענטשן וואָס האָבן געהאַט אַן אינטימע באַציאונג צו דער יידישער מאַסע און צו איר שפּראַך, זענען געווען בכוח דורכצוברעכן אַלע מניעות. די פּיאָנערן פון „בונד" זענען אויך אַזוי פיל געווען איבערגע־נומען מיט דער שפּראַך־פּראָבלעם פון דער יידישער אַרבעטער־מאַסע, אַז ווען זיי האָבן צוגעשטעלט זייער באַריכט צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַ־ליסטישן קאָנגרעס אין לאָנדאָן אין 1896 (אונטערן נאָמען „ווילנער גרופּע סאָציאַל־דעמאָקראַטן"), האָבן זיי אַזוי געשריבן: „די יידישע אַרבעטער־מאַסע אין איר גרעסטער מערהייט איז לאָ די וואָס זי קען נישט לייענען קיין רוסיש, נאָר זי קען קוים זיך אַפילו אויסדריקן אין דער שפּראַך, און אונדזער אַרבעטער־מאַסע קומט אויס זיך צו באַפרידיקן מיט דער זשאַר־גאָנישער ליטעראַטור". אין דעם זעלבן באַריכט ווערט אויך דערציילט, אַז די ווילנער גרופּע האָט געשאַפן פאַר די יידישע אַרבעטער אַ לעגאַלע בי־בליאָטעק, אויך פון זשאַרגאָנישע ביכער, און די דאָזיקע ביבליאָטעק ווערט אויסגעהאַלטן פון די אַרבעטער גופא; אין אָט דער ביבליאָטעק אין געווען גאַנצע 250 יידישע ביכער...

און ווען דער „בונד" האָט אין 1907 געפייערט זיין 10־יאָריקן יובל, איז ער געווען פולשטענדיק באַרעכטיקט צו שרייבן אין זיין לעגאַלן אָרגאַן „די האָפנונג" (ווילנע, נומ' 14) די וויטערדיקע שטאָלצע ווערטער: „שוין דער ערשטער טריט פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, איר איבערגאַנג פון קרייזלעך־פּראָפּאַגאַנדע צו מאַסן־אַגיטאַציע, שוין דער טריט הייבט זיך אָן מיט קולטיווירן די יידישע שפּראַך. צו יידן מוז מען יידיש רעדן. און אַלע מוזן מודה זיין, אַז דער „בונד" האָט אַ סך אויסגעאַרבעט די יידישע שפּראַך, ער האָט זי געמאַכט רייכער, בויגזאַמער. ער האָט דעם מאַרק־זשאַרגאָן געמאַכט פאַר אַ שפּראַך, אין וועלכער מען קען וועגן ערנסטע וויסנשאַפטלעכע ענינים רעדן... דער בונד האָט באַשאַפן אַ גרויסן קרייז לעזער, וועלכער נייטיקט זיך אין אַ גוט בוך, אין אַ צייטונג. און ער האָט פאַר דעם דאָזיקן קרייז לעזער אַ נייע ליטעראַטור באַשאַפן.

איינגטלעך, זענען ביידע פּראָצעסן האַנט ביי האַנט געגאַנגען. דער נייער קרייז לעזער איז געוואַקסן צוזאַמען מיט דער נייער ליטעראַטור".

ווי זשע האָט געווירקט אָט די גאַנצע נייע אַטמאָספער אויף דער שול־פּראָבלעם? ווען האָט זיך געשטעלט אין „בונד" די פראַגע וועגן דער נייטיקייט אַריינצופירן די יידישע שפּראַך אין שול, און נאָך מער וועגן אַ פאָלקשול אין יידיש? ווען האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט אין „בונד" אַ קלאָרע שול־פּלאַטפאָרם?

איר העכסטע לייזונג האָט די דאָזיקע פראַגע דערגרייכט אויפן זעקסטן צוזאַמענפאָר פון „בונד" (אָקטאָבער 1905), ווען עס איז אין דער באַקאַנטער רעזאָלוציע געזאָגט געוואָרן קלאָר: „אַ גאַראַנטיע קעגן די נאַציאָנאַלע קאָנפליקטן קען זיין בלויז די באַשאַפונג פון מלוכה־רעכטלעכע אַנשטאַלטן אין פאָרם פון נישט־טעריטאָריעלער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע; צו דעם צוועק פאָדערט זיך אַרויסצונעמען פון רשות פון דער מלוכה און פון די אָרגאַנען פאַר אָרטיקער און ראַיאָניקער זעלבסטפאַרוואַלטונג — יענע פונקציעס, וואָס זענען פאַרבונדן מיט די פראַגן פון קולטור, און איבערגעבן זיי דער נאַציע אין געשטאַלט פון באַזונדערע אַנשטאַלטן — אָרטיקע און צענטראַלע, וואָס זאָלן זיין אויסגעקליבן דורך אַלע אירע מיטגלידער". פאַרשטייט זיך, אַז צווישן די אָנגערופענע „פונקציעס וואָס זענען פאַרבונדן מיט די פראַגן פון קולטור" פאַרנעמט דעם אויבנאָן די פאָלקשול. און עס איז נאַטירלעך, אַז אין אָט דעם פּעריאָד ווען דער געדאַנק פון קולטור־נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע האָט זיך אין „בונד" אויסגעקריסטאַליזירט, האָט זיך אויך געשטעלט אַלץ אין אַ קאָנקרעטערער פאָרעם די שול־פראַגע אין אַלע אירע פּרטים, און דער עיקר בנוגע דער ראָל פון דער מוטערשפּראַך אין פאָלקשול. וואָס ווייטער ווערט די שול־פראַגע אַלץ מער אַ פּראַקטישע פּראָבלעם. אין די רייען פון דער אַרבעטערשאַפט און אינטעליגענץ, און אוודאי צווישן די טעטיקע לערער, דיסקוטירט מען אַלץ מער וועגן דער דערציאונג פון יידישן קינד, וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון דער פאָלקשול בכלל און דער עיקר וועגן דעם, ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן דעם לימוד פון יידישער שפּראַך אין די עקסיסטירנדיקע שולן, ווי אַזוי צו פאַרוואַנדלען די אומגאַנגשפּראַך אין דער שול אין יידיש, און ווי אַזוי צו שאַפן נאָרמאַלע עלעמענטאַרע שולן אין דער יידישער שפּראַך.

ווי אַזוי האָט די בונדישע פּובליציסטיק אָנגעשטעלט און דערהויבן די שול־פראַגן? וואָס פאַר אַן אָפּקלאַנג האָט דאָס געהאַט אין דער בונדישער מאַסע און באַוועגונג?

דער ערשטער, וואָס האָט ערנסט און ברייטער אָנגעשטעלט דעם שול־פּראָבלעם אין דער בונדישער פּרעסע, איז געווען יוסף בעקער, דער

שפּעטערדיקער מיטרעדאַקטאָר פון ווילנער „טאָג" און מחבר פון דער געשיכטע פון דער „גרויסער רוסישער רעוואָלוציע" (2 טיילן). י. בעקער האָט נאָך אין 1905 פאַרעפנטלעכט אַ גרויסע אַרבעט א. נ. „די פאָלקשפּראַך און איר באַדייטונג" (חודש־זשורנאַל „דאָס לעבן", ב. 4), אָבער דאָ האָט ער גערעדט וועגן דער ראָל און באַדייטונג ווי אויך וועגן דער אַנטוויקלונג און וואוקס פון די פאָלקס־שפּראַכן בכלל און ביי די קלענערע פעלקער בפרט; ער האָט דאָ אָבער אינגאַנצן נישט גערעדט וועגן דער יידישער שפּראַך. ערשט אין מערץ 1906 גיט ער אין דער ווילנער „פאָלקסצייטונג" (נו' 18, 21, 24, 27) אַ גרויסע אָפּהאַנדלונג, אין וועלכער עס איז שוין קאָנקרעט באַרירט די יידישע שפּראַך און איר ראָל אין פאָלקשול. דער נאָמען פון דעם אַרטיקל איז „פאָלקסשפּראַכן און פאָלקס־שולן". ער פאָר־לעמיזירט דאָ מיט אחד העמן און זיין אָנהענגען די נאַציאָנאַלע דערציאונג נאָר אין דער העברעאישער שפּראַך. „לשון קודש, זאָגט ער, איז נישט נאָר וואָס זי איז (נישט) קיין מוטערשפּראַך, נאָר זי איז אַ גאַנץ פרעמדע שפּראַך" פאַרן קינד. „דער כלל (פון נאַציאָנאַלער דערציאונג) לאָזט זיך אָנווענדן אויף יידיש, וואָס איז די אמתע מוטערשפּראַך פון די יידישע קינדער" דער מחבר טרעט דאָ אַרויס שאַרף קעגן דער מעטאָדע פון עברית בעברית, ער האַלט זי פאַר אַ העכסט אומנאַטירלעכער מעטאָדע. ער ברענגט אויסצוגן פון דער פּרעסע פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אינעם דעמאָלטיקן רוסלאַנד, וואו די קאַווקאַזער, אוקראַינער און אַנדערע דערציילן, וואָס פאַר אַ פּיין און אומרעכט עס איז לגבי דעם קינד די פרעמדע רוסישע שול, וועלכע די רעגירונג וואַרפט אָן מיט געוואַלד אַלע פעלקער. צום שאַרפסטן איז די דאַזיקע באַציאונג געקומען צום אויסדרוק אין דעם אויס־רוף פון די קאַווקאַזער לערער: „מיר זענען נישט קיין לערער, נאָר גלזנים פון די קינדער. די רוסישע שול פאַר די אַנדערע פעלקער איז אַ חדר פאַר אָפּעראַציעס, וואו מע באַנוצט זיך מיט זייער שלעכט געציייג. די שטומע און טויבע קינדער זענען פיל גליקלעכער פאַר די געזונטע קינדער". און י. בעקער פאַרענדיקט זיין אַרטיקל אַזוי: „ס'איז קלאָר אַז אַ נאָרמאַלע אַנט־וויקלונג קען דאָס קינד באַקומען נאָר ווען מען לערנט אים אין זיין מוטער־שפּראַך. די פאָלקשול קען קיין אַנדערע נישט זיין, און טאָר אַנדערש נישט זיין, ווי אין דער מוטערשפּראַך. דער פּראָווּאַנסאַלער דיכטער רו מאַניל האָט געזאָגט: „געבענשט זאָל זיין דאָס איידלסטע וואָרט, וואָס קלינגט ביי אונדזער וויגעלע". די ווערטער פון דעם דיכטער דאַרפן זיין אויסגעקריצט ביי אַלעמען, וועלכע טראַכטן וועגן דער בילדונג פון פאָלק און ווילן באמת אַרבעטן פאַר דער פאָלקסבילדונג. אין דעם וואָרט, וואָס האָט געקלונגען ביי אונדזער וויגעלע, ליגט די הילף פאַר דער בילדונג פון פאָלק".

אין דער זעלבער צייט טרעפן מיר אַליץ אָפּטער די יידישע שול־פראַגע אין די לייט־אַרטיקלען און רעדאַקציאָנעלע נאָטיצן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן אויף די שפּאַלטן פון דעם בונדישן לעגאַלן אָרגאַן. אין יולי 1906 קומט פאָר אין ווילנע א קאָנפערענץ פון יידישע לערער, מע רעדט דאָרט וועגן די שולפראַגן, אויך וועגן גרינדן א פּראָפעסיאָנעלן פאַריין פון יידישע לערער אין רוסלאַנד*). אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם גיט די „פאָלקסצייטונג" א גרעסערן אַרטיקל, אין וועלכן עס ווערן אוועקגעשטעלט און טיילווייז פאַרענטפערט די ברענענדיקע פראַגן וועגן א יידישער שול. דער מחבר, אונטערן פּסעוודאָנים עמנואל, האָט אָנגערופן זיין אַרטיקל „פון דער זייט", און דאָס איז דערפאַר וויל ער איז נישט קיין לערער נאָר א פּאָליטישער טוער אין „בונד". דאָס אַרטיקל איז אָפּגעדרוקט אין צוויי נומערן (190 און 191, 26 און 27 אָקטאָבער 1906), און עס איז טאַקע געווידמעט דעם דערמאָנטן געפּלאַנטן לערער־פאַריין און זיין גרינדונגס־צוזאַמענפאָר. מיט רעכט ווייזט אָן דער מחבר אויף דעם, אַז דער געפּלאַנטער צוזאַמענפאָר פון די יידישע לערער טאָר בשום אופן נישט טראָגן קיין ריין־פּראָפעסיאָנעלן כאַראַקטער, וויל ער האָט א גרויסע געזעלשאַפטלעכע באַדייטונג. ער זעט פאָר, אַז אויפן צוזאַמענפאָר וועלן זיך באַגעגענען פּנים אל פּנים די דריי שטרעמונגען אין דער שול־אַרבעט: די רעליגיעז־העברעאיסטישע, די רוסיש־אַסימילאַטאָרישע און די יידישיסטישע. ער באַטראַכט די שעדלעכע ווירקונג אויפן קינד פונעם חדר, סיי דעם אַלטן טראַדיציאָנעלן און סיי דעם מאָדערניזירטן חדר מתוקן; ער באַהאַנדלט אויך די „אומנאָרמאַלע שעדלעכע באַדינגונגען, וואָס ווערן באַשאַפן פאַר דער אַנטוויקלונג פון מוח און נשמה פון יידישן קינד" אין די רוסיש־ציוויליש־יידישע שולן; ער רופט די לערערשאַפט זיך צו שטעלן מיט דער גאַנצער אַנטשיידנקייט אויפן באָדן פון א שול אין דער יידישער שפּראַך. און דער מחבר פאַרענדיקט זיין אַרטיקל אַזוי:

„וואָס וועט אונדז געבן דער צוזאַמענפאָר? עס איז שווער פאָראויסצוזאָגן אויף דער פראַגע. איך נעם דעם ערגסטן פאַל, אַז דער ערשטער צוזאַמענפאָר וועט אויפטאָן ווייניק רעאַלעס אין דעם פּונקט פון באַשאַפן א נייע יידישע שול. ווי עס ווייזט אויס, וועט דאָס טאַקע גיכער זיין אַזוי. די נייע ריכטונג געפינט זייער ווייניק סימפּאַטיע אין דער בורזשואַזער מפיצי־השכלה־געזעלשאַפט, וועלכע וואָלט אפשר געקענט אויפטאָן עפּעס וואָס. די יידישע לערער זאָלן האָבן די מאַטעריעלע מעגלעכקייט די גרינדן

---

*) זע דאָס קאַפּיטל אין בוך: „די לערערשאַפט — א נייער געזעל־שאַפטלעכער כוח".

שולן אויפן אייגענעם חשבון, איז אַ גרויסער ספק. וועגן רעגירונגס־שטיצע איז דאָך געווים נישטאָ וואָס צו רעדן. נאָר דאָס אַלעס קען אויף אַ האָר נישט פאַרקלענערן די באַדייטונג פונעם צוזאַמענפאָר. נישט אין דער זייט ליגט דער שווערפּונקט זיינער. גרינדן אַ גרויסע צאָל שולן אין דעם מאָ־מענט, ביי דער איצטיקער פּאָליטישער לאַגע, איז בכלל אוממעגלעך. דער צוזאַמענפאָר וועט פאַר זיך האָבן די אויפגאַבע צוצוגרייטן די פאָרוויר־קלערונג פון דער יידישער שול... ער וועט אָנמערקן די אַרבעט אויף ווייטער, ער וועט זיך נעמען באַשאַפן אַ זשאַרגאָנישע לער־ליטעראַטור, וועלכע איז אַזוי נייטיק, און דער עיקר איז — דער צוזאַמענפאָר וועט פּאָפּולאַריזירן די אידעע פון אַ אמתער פאָלקשול אין די ברייטע יידישע מאַסן. די יידישע לערער וועט אויסקומען אויסצושטיין פיל נסיונות, פיל שוועריקייטן... די גרויסע אַרבעט זייערע וועט אָבער געפינען אַ טיפן אָפּקלאַנג אין די אונטערדריקטע שיכטן פון יידישן פאָלק".

נישט געקוקט אויף דער איבערלאָדנקייט מיט פּאָליטישן און ריין־פּאַרטייאישן מאַטעריאַל, נישט געקוקט אויף די ברענענדיקע פּראָבלעמען פון דער רעוואָלוציע און נאָך־רעוואָלוציע־צייט מיט דער גאַנצער אַטמאָס־פערע אַרום די מלוכה־דומעס; נישט געקוקט אויף דער אומזיכערקייט פון דער לעגאַלער פּרעסע בכלל, — האָט דאָך דער בונדישער אָרגאַן פון צייט צו צייט אָפּגעגעבן פּלאַץ צו די שול־פּראָבלעמען.

דער אָרגאַן פון בונד לאָזט נישט דורך קיין געלעגנהייט אָפּצוענטפערן די קעגנער פון יידיש און פונעם געדאַנק וועגן אַ שול אויף יידיש. אין „וועקער" נומ. 14 פון 11־טן יאַנואַר 1906 לייענען מיר אַ כאַראַקטע־ריסטישן אין דעם פּרט שאַרפן אַרטיקל פון ה׳ צביון אונטערן טיטל „די קראַמאָלע אין דער פּעטערבורגער בילדונגס־חברה" (מפיצי השכלה). ער שרייבט:

„דעם 6־טן דעצעמבער (1905) איז געווען אַן אסיפה פון דער חברה. אַ שטורעמדיקע אסיפה איז עס געווען. אַ מלחמה צווישן דעם אַלטן שטאַרקן שימל מיט אַ שטראָם פרישע לופט, וואָס האָט זיך פון גאַס אַריינ־געריסן. די רעוויזיאָנס־קאָמיסיע האָט באַוויזן אין איר באַריכט, אַז די חברה האָט בכלל קיינמאָל נישט געלעבט און קיינמאָל קיין נוצן נישט געבראַכט און בפרט איצטער. די חברה האָט יאָ וואָס פאַרשפּרייט, אָבער אַלץ וואָס איר ווילט נאָר נישט בילדונג צווישן דער יידישער מאַסע. די קאָמיסיע איז באַשיידן, זי וויל קיין רעוואָלוציע נישט מאַכן. זי לייגט נאָר פאָר געוויסע נייטיקע רעפאָרמעס און צווישן זיי אויך אַ רעפאָרמע וועגן דער יידישער שפּראַך. די קאָמיסיע געפינט אַז די אַרבעט פון דער חברה האָט דעריבער קיין נוצן נישט געבראַכט, ווייל זי האָט זיך געפירט אויף

א שפראך וועלכע איז נישט פארשטענדלעך דער מאסע, און דעריבער לייגט זי פאר אז דער יידישער שפראך זאל אפגעגעבן ווערן (אין שול) אזא פלאץ, וואס מע גיט אפ דער רוסישער און דער העברעאישער שפראך... האבן זיך אונדזערע פעטערבורגער געשווארענע „בילדונגס-מענער" שטארק און זייער שטארק דערשראקן. זיי האבן דערזען אין דעם פארלאנג אן אטענטאט אויף דער קאזיאנער בילדונג, פאר וועלכער די חברה האט זיך געהאלטן אזוי פיל יארן. ד"ר קאצענעלסאן אלס עסטעטיקער קען בכלל נישט פארטראגן דאס לשון פון דער יידישער מאסע. ער ווערט פשוט נער־וועז ווען ער הערט רעדן וועגן יידיש, און אויף דער אסיפה איז ער טאקע אזוי נערוועז געווארן, אז ער האט שוין אליין נישט געוואוסט וואס ער האט גערעדט. „זיי פארלאנגען פון אונדז — טענהט ה' קאצענעלענסאן — אז מע זאל לערנען אין דער יידישער פאלקשול אויף יידיש. ס'קען זיין — באלד וועלן זיי פארלאנגען, אז מע זאל לערנען תנך און גמרא אויך אויף יידיש"...

„די יידישע שפראך — פארענדיקט „צביון" — ווארט נישט אויף הסכמות פון דער פעטערבורגער פארשימלטער בילדונגס-חברה; נישט די אלטע פארשימלטע משכילים וועלן געבן בילדונג דער יידישער מאסע. די יידישע מאסע איז שוין פון אירע ווינדעלעך ארויס, זי דארף מער קיין אפעקונעס נישט. ס'איז אויסגעוואקסן א שטארקער יידישער רעוואלו־ציאנערער פראלעטאריאט, וועלכער האט גאנץ אנדערע השגות פון פאלקס־בילדונג"...

אין דער שפּעטערדיקער בונדישער „האפנונג" (נומ' 42, 29-טן אק־טאבער 1907) געפינען מיר אן ארטיקל פון א—ר (אסתר) אונטערן נאמען „צו דער פראגע וועגן דער יידישער פאלקשול", אין וועלכן זי פאלעמיזירט מיטן ד"ר ש. ג. בערנשטיין און זיין ארטיקל אין „פריינד" וועגן דעם נא־ציאנאלן ווערט פון די ספּעציעלע יידישע לימודים. א—ר באריט דערביי די פראגע וועגן העברעאיש און זאגט ארויס איר מיינונג, אז אין דער עלעמענטארער שול דארף דער דאזיקער לימוד קיין ארט נישט פארנעמען. און דעם דערמאנטן דאקטאר זאגט זי: „מענטשן וואס רעדן וועגן יידישער פסיכיק און וועגן נאציאנאלע ווערטן און פארגעסן אין דער זעלבער צייט, אז א פאלקשול קען זיין נאר אויף דער מוטערשפּראך פון די קינדער, — האבן קיין שום שייכות נישט צו דער באנייאונג פון דער יידישער שול... די נייע שול, וועגן וועלכער עס דארפן טראכטן די יידישע לערער-פאריינען, איבער וועמעס ערשטע שוואכע שפּראצונגען (אוונט-שולן, אונטערריכט פון יידיש אין טעגלעכע שולן, לערנביכער) ס'הייבן אן צו ארבעטן איינצעלנע קרעפטן — דיזע נייע שול וועט זיין א יידישע פאלקשול, א שול וואו

ס׳וועט געלערנט ווערן אויף דער מוטערשפּראַך פון די קינדער, אַ שול וואו ס׳וועלן נישט זיין קיין ספּעציעלע יידישע לימודים, ווייל זי וועט אינגאַנצן זיין אַ יידישע... וואו מע וועט נישט רעדן וועגן דער יידישער פּסיכיק, וועגן דעם נאַציאָנאַלן ווערט פון ספּעציעלע יידישע לימודים, ווייל זי וועט אינגאַנצן צוגעפּאַסט זיין צו דער יידישער פּסיכיק, ווייל זי וועט אינגאַנצן זיין אַ נאַציאָנאַלע שול".

אין 1908 איז שוין קיין טעגלעכע צייטונג פון „בונד" מער נישט געווען: די צענזור־באַדינגונגען פון דער פאַרשטאַרקטער רעאַקציע האָבן דאָס נישט דערלויבט. אין ווילנע גייט אַרויס „דער טאָג אויף שבת" — אַ ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעך וואָכנבלאַט, וואָס איר רעדאַקטאָר איז געווען א. ליטוואַק און אַרויסגעבער — ישראל מיכל קאַפּלינסקי. און אויך דאָ טרעפן מיר עטלעכע נאָטיצן און אַרטיקלען, געווידמעט דער יידישער שול. דער וויכטיקסטער פון זיי איז דער לייט־אַרטיקל אין נומ׳ 2 פון 18 סעפּטעמבער 1908. ער איז געווידמעט דער מעלדונג פונעם וואַרשעווער שול־קוראַטאָר צו דער יידישער גמינע וועגן דעם, אַז אין אירע שולן איז דערלויבט צו לערנען אויף רוסיש אָדער אויף יידיש, אָבער בשום אופן נישט אויף פּויליש. „די פאַראָרדענונג פונעם וואַרשעווער קוראַטאָר, לייענען מיר דאָ, גיט אונדז די מעגלעכקייט אָנצוהויבן בויען אַ יידישע שול... מיר ווייסן, אַז איבעררעדן די איצטיקע גמינע־פאַרוואַלטונג איז אַ שווערע זאַך, אַז די פירער פון דער גמינע וועלן בעסער אויסקלייבן רוסיש, טערקיש אפילו, נאָר נישט קיין יידיש. מיר ווענדן זיך אָבער נישט צו זיי, נאָר צו דער יידיש־געזאָנענער אינטעליגענץ, און צו די באַוואוסטזיניקע מענטשן פון דער מאַסע. מען מוז ווירקן אויף דער גמינע־פאַרוואַלטונג, נויטן זי זיך רעכענען מיט אונדזערע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען. די פאַראָרדענונג פונעם קוראַטאָר איז נוגע נאָר גמינע־שולן. וועגן פּריוואַטע שולן רעדט זי נישט, און מיר ווייסן נישט צי מען מעג אין פּריוואַטע שולן פירן די לערע אויף יידיש אָדער נישט. מען קען אָבער רעכענען, אַז דאָס וואָס מען האָט דערלויבט די גמינע־שולן, וועט מען אויך פּריוואַטע שולן נישט אַנטזאָגן. מען מוז זיך פּרואוון".

אָט אַזוי האָבן די בונדישע פּובליציסטן אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט, כדי אַוועקצושטעלן פאַר דער עפנטלעכקייט די יידישע שול־פּראָבלעמען, און טאַקע אַוועקשטעלן זי ווי אַ פּראַקטישן ענין.

* *
*

אין 1908 הייבן אָן אַרויסצוגיין די בונדישע זאַמלביכער — נישט פּעריאָדיש, אונטער פאַרשידענע נעמען, — גרעסערע זאַמלביכער, מיט טעאָ־

רעטישע אַרטיקלען אויף אַלערליי טעמעס. און אין אַט די זאַמלביכער קומען אויך ערנסטע אַרבעטן איבער דער שול־פּראַגע. דער עיקר געהערן די אַלע אַרטיקלען דער פעדער פון צוויי מחברים: ב. ב—סקי און אסתר.

ב. ב—סקי איז דער פּסעוודאָנים פון באָריס לעווינסאָן, אַן אָנגעזעענער בונדישער טוער אין יענער צייט. ער איז טאַקע געווען באַרופן צו דער דאָזיקער שול־טעמע, ווייל ער האָט פאַרמאָגט פּעדאַגאָגישע בילדונג, האָט געענדיקט דעם ווילנער לערער־אינסטיטוט און אַ געוויסע צייט געאַרבעט אַלס פּראָוואַלטער פון אַ תלמוד־תורה אין קרים. אחוץ די אַרטיקלען, וועגן וועלכע מיר וועלן באַלד רעדן, האָט ב. ב—סקי אָנגעשריבן אַ בראָשור, וועלכע איז אַרויס אין 1917 אין בונדישן פאַרלאַג „די וועלט", פּעטערבורג. די בראָשור הייסט: „וועגן בילדונג בכלל, יידישער פאָלקשפּראַך און יידישער פאָלקסבילדונג בפרט" (16 ז"ז).

אין נומ' 1 פון „די נייע צייט" (ווילנע, 1908) איז אָפּגעדרוקט אַ גרויס אַרטיקל פון ב. ב—סקי א"נ „די יידישע פאָלקס־שול". דער מחבר גיט אַן איבערזיכט איבער אַלע טיפּן שולן, וואָס באַדינען דאָס יידישע קינד. אַ טרעפלעכע כאַראַקטעריסטיק האָבן מיר דאָ פון דעם חדר מתוקן: „דער חדר מתוקן איז געבוירן געוואָרן אין דעם שויס פונעם פּאָליטישן ציוניזם. די ערשטע קאָנגרעסן מיט דעם גלויבן אין דער באַלדיקער פאַרווירקלעכונג פון דער יידישער מלוכה אין פּאַלעסטינע — האָבן אַרויסגערופן אַ ציוניסטיש־געפאַרבטע קולטורעלע כוואַליע: ציוניסטישע לידער, העברעאישע און יידישע, זענען געוואָרן אין דער מאָדע, „פריילנס" פלעגן זיך פאַרייניקן אין קרייזלעך און לערנען העברעאיש. דאַן איז אויך אַרויס אויף דער סצענע דער חדר מתוקן. האָפענונגען האָט מען אויף אים געלייגט גרויסע, אָבער ער איז געבליבן באַנקראָט. אויב אין אַזאַ גרויסער יידישער שטאָט ווילנע אָדער מינסק קען עקזיסטירן נאָר איין חדר מתוקן און ווען ער האָט נאָך נישט דערצו די טענדענץ צו פאַרגרעסערן זיך, — קען מען זאָגן, אַז דיזע פרי האָט זיך נישט צוגענומען צום יידישן באָדן. די איניציאַטאָרן פון חדר מתוקן האָבן אַרויסגעטריבן פון אַלטן חדר די רעליגיעזע נשמה און אַריינגעטראָגן אין אַלטן חדר די אויסווייניקסטע פאָרמען פון דער וועלטלעכער שול. עס פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ געמישעכטס האָט קיינעם נישט געקענט באַפרידיקן: נישט די אויפגעקלערטע עלעמענטן, וואָרעם מען לערנט דאָרט נישט קיין וועלטלעכע לימודים, נישט די פרומע עלטערן, ווייל כאָטש מע לערנט נישט מער ווי „יידישקייט", אָבער מע האָט פון איר צוגענומען די גאַנצע הייליקייט. אין חדר מתוקן גיט מען אָפּ פיל צייט אויף דער העברעאישער שפּראַך, מען לערנט דעם קינד רעדן אויף העברעאיש, אָבער דער פרומער שעצט דאָס נישט..."

ב. ב—סקי פאַרגלייכט דעם לערנען עברית בעברית מיט דעם אַמאָליקן דרך פון די „קלאַסיקער": מע האָט געשטאָפּט די קעפּ פון די תלמידים מיט דער לאַטיינישער און גריכישער גראַמאַטיקע און מע האָט פאַרזען די בעס־טע ווערק פון דער לאַטיינישער און גריכישער ליטעראַטור. פּונקט אַזוי איז ביי דער מעטאָדע פון עברית בעברית: „מע נעמט ביי די קינדער די בעסטע יאָרן פון זייער לעבן און מען ברענגט זיי אוים אויף פּעדאַגאָגישע קונצן".

אין אַ ווייטערדיק קאַפּיטל שטעלט זיך אָפּ ב. ב—סקי אויף דער יידישער קאַזיאָנער שול. ער כאַראַקטעריזירט דעם רוסישן און רוסיפיצירנ־דיקן אינהאַלט פון דער דאָזיקער שול, וואָס ווערט אָנגעפירט דורך לערער־טשינאָווניקעס און וואָס פאַרבלייבט פרעמד סיי די קינדער, סיי די עלטערן. וואָס נוגע ווידער די יידישע לימודים אין דער קאַזיאָנער שול, זענען זיי נישט מער ווי אַ קאָמעדיע. „און דערפאַר איז די קאַזיאָנע שול געבליבן פרעמד דער יידישער באַפעלקערונג, כאָטש די שול עקזיסטירט שוין פון צענדליקער יאָרן, דער לערער מעג זיין ווי טריי און איבערגעגעבן דער שול, דאָך קוקן אויף אים די עלטערן ווי אויף „אַ טשינאָווניק", דאָס ווייסן אַלע יידישע לערער. און די קינדער אויפן הויף זענען אויך צופרידענער ווען דער לערער לאָזט זיי אַליין, כדי זיי זאָלן קענען רעדן צווישן זיך אויף יידיש. און אויך אין קלאַס שלינגט דער שילער אָפּט אַראָפּ אַ פראַגע, וועלכע ער וואָלט שטעלן דעם לערער, ווען ער וואָלט געקענט רעדן מיט אים אויף יידיש".

ב. ב—סקי כאַראַקטעריזירט אויך אין זיין אַרטיקל די תלמוד־תורה — די טראַדיציאָנעלע און די נייע, רעפאָרמירטע. רעדנדיק וועגן דער לעצטער, דערציילט ער ווי וועגן אַ צייכן פון דער צייט אַזאַ פאַקט: אַ פאַרוואַלטער פון אַ גרויסער רעפאָרמירטער תלמוד תורה — אַליין אַ ציוניסט און אַ קענער פון דער העברעאישער שפראַך — האָט אין איין קלאַס איינגעפירט עטלעכע שעה אין וואָך יידיש. „ער האָט דאָס געטאָן... ווייל דאָס לעבן פאָדערט דאָס; ער האָט מיר געזאָגט, אַז די קינדער וועלן דאַרפן לייענען יידישע צייטונגען, וועלן דאַרפן שרייבן יידישע בריוו, און אויב די תלמוד תורה וועט עס זיי נישט אויסלערנען, ווייס ער, אַז די אָרעמע עלטערן נעמען דאַן פּריוואַטע לערער („שרייבער") וועלכע לערנען די קינדער יידיש. און מיט די רעזולטאַטן איז ער זייער צופרידן, די קינדער באַציען זיך מער ערנסט צו דיזע שטונדן. זיי דריקן אוים שריפטלעך זייע־רע געדאַנקען אויף יידיש פיל בעסער און לייכטער איידער אויף רוסיש".

ב. ב—סקי באַהאַנדלט ווייטער די ענדערונגען אין יידישן קולטור־לעבן פאַר די לעצטע פאַר צענדליק יאָרן; ער דערציילט באַריכות וועגן דער

גרויסער ראָל וואָס עס האָבן געשפּילט אין דעם פּרט די אָוונטשולן, און ער קומט צום אויספיר: „אַ יידישע פֿאָלקשול וועלן מיר האָבן דאַן, ווען אין דער וועלטלעכער שול וועט אַלץ געלערנט ווערן אויף יידיש". און צום שלום שטעלט ב. ב—סקי אַוועק פֿאַר די לערער די פּראַקטישע אויפגאַבע, ווי אַזוי פֿון איין זייט צו באַשאַפֿן אַ נייע יידיש־וועלטלעכע שול, און ווי אַזוי פֿון דער אַנדערער זייט אַריינצופירן יידיש אין די פֿאַרשידענע טיפּן עקזיסטירנדיקע שולן, וואָס דאָס איז ביי יענע באַדינגונגען געווען דאָס לייכטסטע און דרינגנדסטע.

אין די יאָרן 1909—1910, ווען עס גייען אַרויס די בונדישע זאַמל־ביכער „צייט־פֿראַגן", איז שוין דאָס יידישע שול־פּראָבלעם אַ סך רייפֿער און די צאָל אָנהענגער פֿון אַ שול אין יידיש איז גענוג גרויס נישט נאָר צווישן דער אַרבעטערשאַפֿט, נאָר אויך ביי דער אינטעליגענץ, געוועזענע רעוואָלוציאָנערן און סתם־פֿאָלקיסטן.

צוזאַמען מיט דעם האָט זיך אויך אָנגעהויבן די דיפֿערענציאַציע אויפֿן שול־געביט. אין די „צייט־פֿראַגן" ווערט שוין פֿון איין זייט געפֿירט אַ פּאָלעמיק מיט די סתם־אָנהענגער פֿון יידישיזם; פֿון דער אַנדערער זייט, ווערט דאָ צום ערשטן מאָל אַוועקגעשטעלט די פֿראַגע וועגן פּראָלעטאַרי־שער דערציאונג פֿון קינד סיי אין דער פֿאַמיליע און סיי אין דער שול. עס ווערט דאָ געשטעלט און באַהאַנדלט די פֿראַגע וועגן דעם, וועלכע פֿאָ־דערונגען דאַרף דער יידישער אַרבעטער אַרויסשטעלן צו דער ניי־אויפֿקו־מענדיקער יידישער וועלטלעכער שול. אין אַן אַרטיקל א"נ „צו דער כאַ־ראַקטעריסטיק פֿון אַ נייער שטרעמונג" פּאָלעמיזירט אסתּר זייער שאַרף מיט די מענטשן פֿון „פֿריינד" און סתם־יידישיסטן, און זי ציטירט דערביי מיט פֿאַרביטערונג די ווערטער פֿון ה. ד. נאָמבערג, וועלכער האָט דעמאָלט געשריבן: „געפֿינט מען — אַ יידישע שול, וואָס ס'איז איצט נישטאָ די מינדסטע האָפֿנונג אויף איר. געפֿינט מען, אַז זי איז דאָס די „רעאַלע אינ־טערעסן"... צוליב אַ יידישע שול — עס איז זייער, זייער טרויעריק צו זאָגן — איך ווייס נישט אויב אַ גראָשן, איך ווייס נאָך נישט אויב בחינם ווילן זיי דאָס, אונדזער ביסל יידעלעך" („צייט־פֿראַגן", ב. 2, 1910).

אינעם ערשטן באַנד „צייט־פֿראַגן" (1909) איז אָפּגעדרוקט אַ גרויס אַרטיקל פֿון אסתּרן „וועגן נאַציאָנאַלער ערציאונג". אסתּר האַלט, אַז פֿאַר דער יידישער אַרבעטער־פֿאַמיליע שטייט נישט די פֿראַגע וועגן נאַציאָנאַלער דערציאונג, נאָר וועגן דערציאונג בכלל, ווייל אין דער יידי־שער אַרבעטער־פֿאַמיליע איז די דערציאונג ממילא נאַציאָנאַל. „זאָל דער יידישער אַרבעטער נאָר בכלל ערציען זיין קינד, און אַזוי ווי אין זיין גאַנצער באַוועגונג, פֿונעם ערשטן טריט ביזן לעצטן, איז ער געווען טיף

א. ליטוואַק

ביינוש מיכאַלעוויטש

מאַרק ליבער

אסתר

נאַציאָנאַל, האָט ער געשאַפן נאַציאָנאַלע אוצרות, נאַציאָנאַלע קולטור, נישט שטעלנדיק זיך דאָס פאַר א ציל, — אַזוי וועט אויך זיין ערציאונג זיין נאַציאָנאַל, כאָטש ער וועט זיך דאָס פאַר א ציל נישט שטעלן. און דאָס איז דערפאַר, ווייל ער אַליין איז טיף נאַציאָנאַל".

אסתר שטעלט אין דעם אַרטיקל די פּראַקטישע פראַגע: וואָס זאָל די יידישע אַרבעטערשאַפט שוין איצט טאָן אויפן שולגעביט, נישט וואַרטנדיק ביז וואַנען עס וועט פאַרווירקלעכט ווערן די קולטור־נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע? וואָס זאָל די יידישע אַרבעטערשאַפט און סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ טאָן פאַר דער שולזאַך, אחוץ דער לעבהאַפטער אַגיטאַציע? ברענגנדיק א צאָל ביישפּילן פון דער דאַמאָלסטיקער יידישער ווירקלעכקייט, באַווייזט אסתר, אַז עס לאָזט זיך אויף דעם געביט גראַד זייער א סך אויפטאָן. זי דערציילט וועגן דעם פאַקט, וואָס מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט, וועגן דער גינסטיקער באַציונג פון דער אַדמיניסטראַציע אין פּוילן צו דער יידישער שפּראַך, און זי לייגט פאָר דאָס אויסצונוצן: „מ'דאַרף אויסנוצן די ווירקונג פון פּראָלעטאַריאַט, פון די ברייטע פאָלקסמאַסן און פאָדערן אין דער קהילה, ביי די געזעלשאַפטלעכע איינריכטונגען, עס זאָל וואָס מער אונטערריכטעט ווערן יידיש אין די תלמוד־תורהס, געזעלשאַפטלעכע און יידישע פּריוואַטע שולן. דאָ דאַרף מען זיך פאַר קיין זאַך נישט אָפּשטעלן, מ'דאַרף יעדע קלייניקייט אויסנוצן, מ'דאַרף פאַר יעדע איבעריקע שעה אין וואָך פירן א מלחמה, און אין דער מלחמה וועט דער פּראָלעטאַריאַט האָבן די שטיצע אויך פון א טייל — אמת נישט קיין גרויסן — אויפגעקלערטע און באַוואוסטזיניקע יידישע לערער, וועלכע פילן שוין, אַז זייער טעטיקייט אין דער פרעמד־שפּראַכיקער שול איז פאַרלאָרענע מי... די דערפאַרונג האָט באַוויזן, אַז אפילו אין דער ליטע איז אויך מעגלעך וואָס צו טאָן אין דער זאַך. אין אייניקע שולן ווערט יידיש אונטערריכטעט אַנשטאָט דעם אָפיציעלן „שיינשרייבן", אין אַנדערע — אַנשטאָט זאַקאָן באָזשי; און ס'עקזיסטירן אפילו אָוונטשולן, וואו דער גאַנצער אונטערריכט כמעט איז יידיש. מ'געפינט זיך שוין אן עצה".

אסתר מערקט אָן א גאַנצע פּראָגראַם פון שול־און קולטור־טעטיקייט פאַר דער אָרגאַניזירטער יידישער אַרבעטערשאַפט, צוגעפּאַסט פאַר די דאַמאָלסטיקע באַדינגונגען פון צאַרישן רעזשים נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905. אסתר לייגט פאָר צו גרינדן נייע און אויסצונוצן די עקזיסטירנדיקע געזעלשאַפטן פאַר קינדער־שוץ און ענלעכע קולטור־און דערציונגס־אָרגאַניזאַציעס. זי רופט צו אָרגאַניזירן פאַרלעזונגען פאַר עלטערן, אויך אָוונטקורסן פאַר יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, קינדער־ביבליאָטעקן, שפּילפּלעצער פאַר קינדער, קלובן, עקסקורסיעס הינטער דער שטאָט, און דער

עיקר שטעלט זי אוועק דאָס פּראָבלעם פון שאַפן קינדער־גערטנער אין דער יידישער שפּראַך — אַ זאַך, וואָס איז דעמאָלט געווען אינגאַנצן אַ נייס אויף דער יידישער גאַס. זי רופט אויך די יידישע אַרבעטער צו ווירקן אויף די עקזיסטירנדיקע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, זיי זאָלן איינפירן יידיש און יידיש־לימודים אין די שולן, וואָס שטייען אין זייער רשות. אין דער גרינדונג פון די פאַרשידענע מינים דערציונגס־אַנשטאַלטן אויף יידיש זעט אגב אסתר אַ מיטל צו דערנענטערן די קינדער פון דער ייד׳ אינטעליגענץ מיט די קינדער פון דער אַרבעטערשאַפט און אָרעמשאַפט: „דאָרט וועלן זיך די קינדער פון דער אינטעליגענץ זיך שעמען, ווען זיי וועלן נישט קענען רעדן קיין יידיש, און וועלן זיך לערנען ליבן זייער נאַצ׳ שפּראַך און קולטור. דאָ ווידער וועלן די אַרבעטער־עלטערן קענען וויפל נישט איז באַקאַנט ווערן מיט די פּאָדערונגען פון פּעדאַגאָגיק״.

אינעם צווייטן באַנד פון די „צייטפראַגן״ האָט ב. ב—סקי געענטפערט מיט „אייניקע באַמערקונגען צום אַרטיקל פון א—ר וועגן נאַציאָנאַלער ערציונג״.

ב. ב—סקי פּאָלעמיזירט מיט אסתרס שטעלונג, אַז דער יידישער אַרבע־טער דאַרף רעדן נישט וועגן נאַציאָנאַלער דערציונג, נאָר וועגן דערציונג בכלל. ער ווייזט אָן אויף דער נייטיקייט זיך אויסצולעבן נאַציאָנאַל, ער וויקלט אויף די שוועריקייטן און די פּראָבלעמען פון שאַפן אַן אייגנטימ־לעך יידיש לעבן. זיין אַרטיקל אַנטהאַלט אין זיך אַ סך אפּיקורסות און ער איז באַצייכנט ווי אַ „דיסקוסיאָנס־אַרטיקל״. מיר וועלן דאָ ברענגען נאָר צוויי ציטאַטעס פון ב. ב—סקיס אַרטיקל:

„די אינטעליגענץ אונדזערע און די אויפגעקלערטע אַרבעטער מעקן אָפּ אַלע פאַרבן פון זייערע לעבנספאָרמען, אַלץ איז גראָ און וואָכעדיק. איך ווייס נישט קעגן וועלכן פונקט פון אונדזער פּראָגראַם וועלן מיר זיך פאַרזינדיקן, ווען שבת וועט ליגן אויפן טיש אַ גאַנצן טאָג אַ ווייסע טיש־טוך, ביינאַכט וועט מען אָנצינדן ליכט (מען קען אָנצינדן ליכט אָן אַ ברכה און אָן טרערן), ווען אום פּסח, דעם יום טוב פון פרילינג און פרייהייט, וועט אין אונדזער וווינונג אַלץ שיינען און לייכטן, ווי אין יעדער יידישער שטוב, ווען שבועות וועט זיין אין שטוב גרינס, ווען תשעה באב וועט זיך אויך ביי אונדז פילן אַ נאַציאָנאַלער טרויער או״וו.

„...באַשאַפן אַ יידישע ליטעראַטור אין אַלע וויסנשאַפטן, פּאָפּולאַרי־זירן די גאַנצע יידישע געשיכטע, אַרויסגעבן אָריגינעלע יידישע און איי־בערגעזעצטע שריפטן, וועלכע שפּיגלען אָפּ דאָס יידישע לעבן איצט און אין דער געשיכטע, איבערזעצן די קלאַסישע ווערק פון דער אַלוועלטלעכער ליטעראַטור, זאַמלען יידישע פאָלקסלידער און ניגונים, פאָלקס־מעשיות

אא"וו — דאָס איז אַ פּראָגראַם נישט אויף אַ יאָר; אָבער דאָס דאַרף ווערן אַ לאָזונג פאַר אַ ברייטער און שטאַרקער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע, און מען דאַרף צו דער פאַרווירקלעכונג פון פּראָגראַם וואָס פריער צו־טרעטן" („צייטפראַגן", 2, מערץ, 1910).

* *
*

די אַכטע קאָנפערענץ פון „בונד" (לעמבערג 1910) האָט קאָנקרע־טיזירט די שפּראַך־און שול־פאָדערונגען פון יידישן אַרבעטער־קלאַס. צווי־שן אַנדערע פאָדערונגען פאַרלאַנגט די רעזאָלוציע: „...ביז עס וועט ווערן פאַרווירקלעכט די קולטור־נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, וועלכע גיט איבער די פירונג פון די שול־און קולטור־ענינים צו די נאַציעס גופא, — מוז מען זען קעמפן, אַז די מלוכה־שולן פאַר יעדער נאַציאָנאַלער גרופּע פון דער באַפעלקערונג זאָלן געשאַפן ווערן אויף דער מוטערשפּראַך. עס מוזן אָפּגעשאַפט ווערן די נגישות בנוגע דעם באַנוצן זיך מיט דער מוטער־שפּראַך אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, אויף פאַרזאַמלונגען, אין דער פּרעסע, אין די געזעלשאַפטע, פּריוואַטע שולן וכדומה". און כדי צו פּאָ־פּולאַריזירן און אַריינגעבן אַ קלאָרן אינהאַלט אינעם דאָזיקן פּראָבלעם פון גלייכבאַרעכטיקונג פאַר יעדן פאָלק אויפן שפּראַך־געביט, — האָט אסתר ווייטער פאַרעפנטלעכט אַ גרויסע אָפּהאַנדלונג א"נ „גלייכבאַרעכטי־קונג פון שפּראַכן"*).

זי שטרייכט דאָ אונטער, אַז די פאָדערונג פון אַ יידישער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע איז נישט קיין ענין פון „מיסטישן נאַציאָנאַלן גייסט", פון דעם „אייביקן תוך פון דער נאַציע". אסתר שטעלט אוועק די פראַגע רעאַל־פּאָליטיש, זי מאַכט קלאָר דעם פעסטן צוזאַמענבונד צווישן דעם לאָזונג „יידיש" און דעם לאָזונג „אויטאָנאָמיע": „אין דעם מאָמענט — זאָגט זי — וואָס (ווען) די יידישע אַרבעטער האָבן די פאָ־דערונג פון דער יידישער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע אַרויס־געשטעלט, האָבן זיי זיך אַרויסגעזאָגט פאַר יידישער קולטור, איז פאַר זיי דאָס שפּראַך־פּראָבלעם געלייזט געוואָרן. אין די יידישע שולן מעגן זייער אַ ברייט אָרט פאַרנעמען פרעמדע שפּראַכן, אין די יידישע ביבליאָ־טעקן מעגן זיך געפינען זייער פיל ביכער נישט־יידישע. די שפּראַך, די קולטור, וועלכע וועט בילדן דעם אינהאַלט פון דער יידישער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע וועט זיין די יידישע שפּראַך, די יידישע קול־

*) „צייט־פראַגן", 3—4 און 5, 1910, ווילנע, פאַרלאַג „די וועלט".

טור, — אָדער די יידישע נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע וועט קיינ־מאָל נישט מקוים ווערן".

עס איז געווען יעמאָלט די צייט, ווען אין דעם רוסישן פּאַרלאַמענט (גאָסוד. דומאַ) איז געשטאַנען אויפן סדר היום די פראַגע וועגן פאָלקשולן. עס האָט זיך געפאָדערט אַ פעסטע און קלאָרע שטעלונג בנוגע דער פראַגע, וואָס פאַר אַ פאָלקשול איז נייטיק פאַר די יידישע מאַסן: אַ העברעאישע אָדער אַ יידישע. דער יידישער דעפּוטאַט פרידמאַן האָט אין דער דומאַ־קאָמיסיע אויף דער פראַגע געענטפערט: „זאָלן דאָס יידן אַליין באַשטי־מען". אסתר רעאַגירט אויף דעם זייער שאַרף און זאָגט, אַז מיט דעם דאָזיקן ענטפער פרידמאַנס „ליגט ער שטיינער אויפן וועג צו דער באַ־שאַפונג פון אַ יידישער שול און צו דער גלייכבארעכטיקונג פון דער יידי־שער שפּראַך. אַ פאָלק וואָס האָט נאָך נישט באַשלאָסן, וועלכע איז זיין נאַציאָנאַלע שפּראַך, איז נאָך נישט דערוואַקסן צו נאַציאָנאַלער גלייכ־באַרעכטיקונג... דער יידישער באַוואוסטזיניקער פּראָלעטאַריאַט האָט אָבער אויף דער פראַגע געענטפערט און דאַרף זען, דאָס זאָל ווערן אַן ענטפער פון פאָלק".

אסתר מערקט אָן די פּראַקטישע פּאָליטיש־געזעצגעבערישע פאָרשלאָגן, וועלכע דאַרפן געמאַכט ווערן אין דער שול־קאָמיסיע בנוגע דער שפּראַך־פראַגע אין דער פאָלקשול. „עס מוז פעסטגעשטעלט ווערן — זאָגט זי — אַז די אונטעררויכט־שפּראַך פון יעדער שול דאַרף זיין די מוטער־שפּראַך פון די קינדער, אַז פאַר יעדער נאַציע דאַרפן זיין באַזונדערע שולן איינ־געאָרדנט, און די נאַציאָנאַלע שולן דאַרפן זיך געפינען אינעם רשות פון די נאַציאָנען; אַז ביז וואַנען ס'וועלן באַשאַפן ווערן נאַציאָנאַל־קולטורעלע אָרגאַנען דאַרף יעדע נאַציאָנאַלע גרופּע אין שטאָט אָדער וואָלאַסט בילדן אַ באַזונדער שולראַט געקליבן אויפן גרונט פון געהיימען, גלייכן, דירעק־טן און אַלגעמיינעם וואַלרעכט... מ'מוז באַזונדערס שטאַרק באַטאָנען, אַז צווישן אַלע שפּראַכן אין רוסלאַנד, וואָס ווערן דערלאָזן אַלס אונטער־ריכט־שפּראַכן אין די פאָלקשולן, דאַרף אָנערקענט ווערן די יידישע שפּראַך". און אסתר רופט אַלע יידישע אַרבעטער, זיי זאָלן שיקן צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פראַקציע אין דומע „וואָס מער רעזאָלוציעס מיט חתימות, ווו עס ווערט געפאָדערט די אָנערקענונג פון דער יידישער אונ־טערריכט־שפּראַך און די באַשאַפונג פון יידישע שולן, וואו יידיש זאָל פאַרנעמען אַ פּאַסנדן אָרט. זיי דאַרפן צושיקן דער פראַקציע וואָס מער מאַטעריאַלן וועגן דער יידישער קולטורעלער באַוועגונג, וועגן דער אַנט־וויקלונג פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, כדי די פראַקציע זאָל מיט פאַקטן אין די הענט אימשטאַנד זיין צו ענטפערן אויף די באַהויפּ־טונגען אַז יידיש איז קיין שפּראַך נישט און האָט קיין ליטעראַטור נישט...

ס'דאַרף אויך פיל אויפמערקזאַמקייט אָנגעווענדט ווערן אויף דער פאָ־דערונג, אַז אַלע שפּראַכן און אויך די יידישע זאָלן דערלאָזן ווערן אַלס אונטעריכט־שפּראַך אין די פּריוואַטע שולן,—די פאָדערונג האָט דעם גרעס־טן פּראַקטישן ווערט"*).

מיר ווייסן נישט, וויפיל אַזעלכע רעזאָלוציעס זענען דורך יידישע אַרבעטער צוגעשיקט געוואָרן צו דער סאָצ. דעמ. פראַקציע פון דער גאָס. דומאַ. מיר וועלן אָבער ברענגען אַ מוסטער פון אַזאַ ווענדונג. דאָס איז דער בריוו צו דער סאָצ. דעמ. דומאַ־פראַקציע, וועלכער איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אין נאָמען פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין ווילנע („אָטקליקי בונדאַ", פעברואַר 1911, נומ' 5, צי־טירט אין דער כרעסטאָמאַטיע פון א. קירזשניץ „דער אידישער אַרבע־טער", דריטער באַנד). די געהעריקע שטעלן וואָס האָבן אַ שייכות צו אונדזער טעמע לייענען זיך אַזוי: „געערטע חברים! לויטן באַשלוס פון דער אַכטער קאָנפערענץ פון „בונד", האַלטן מיר פאַר נייטיק אַרויסצו־זאָגן זיך וועגן אייער טעטיקייט פאַר די ערשטע צוויי חדשים פון דער פערטער דומע־סעסיע... מיר באַגריסן דאָס אַקטיווע אָנטיילנעמען פון דער ס' ד' פראַקציע אינעם באַהאַנדלען דעם שול־געזעץ־פּראָיעקט... אי־נעם קאַמף, וועלכן אונדז קומט אויס צו פירן אויף דער יידישער גאַס קעגן דעם נאַציאָנאַליזם און קעגן דער הערשונג פון דער רעליגיע אין דער פאָלקשול, באַקומען מיר אין אייערע אַרויסטרעטונגען אַ באַדייטנדיקע שטיצע. אייערע אַרויסטרעטונגען אין דומע קעגן דעם רעאַקציאָנערן אינ־האַלט, וועלכן די רעגירונג און די דומע־מערהייט לייגן אַריין אין דער פאָרמולירונג פון די שול־אויפגאַבן; אייערע שאַרפע רעדעס קעגן דער הערשונג פון דעם אַדעל אין דער שול־פאַרוואַלטונג — דאָס אַלץ וועט אומבאַדינגט העלפן אויפצוקלערן די מאַסן... איר האָט ריכטיק געטאָן, ווען איר האָט קעגן די נישט־קלאָרע און נישט־פולשטענדיקע אויסבעסע־רונגען פון פאַרשידענע אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטייען — קלאָר און גענוי גע־זאָגט אין אייער אויסבעסערונג, אַז די שפּראַך פון דער שול דאַרף זיין די מוטערשפּראַך, אַז די שול דאַרף זיין צוגעפּאַסט צו די לעבנסבאַדינגונ־גען פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג. אין אייערע אויסבעסערונגען וועלן מיר, בונדישע אָרגאַניזאַציעס, געפינען אַ שטיצפּונקט אין אונדזער קאַמף פאַר דער קולטור־נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, וועלכע איז דער איינציקער קאָנסעקווענטער וועג אויף צו דערגרייכן די צילן, וועלכע איר שטעלט זיך מיט אייערע אויסבעסערונגען"...

*) „צייט־פראַגן", 5־טער באַנד 1911.

אזוי ארום, איז דער פאָרדינסט פון „בונד", וואָס ער האָט נישט נאָר קלאָר געמאַכט דאָס פּראָבלעם פון שולוועזן פאַר די יידישע מאַסן און ארייננעלייגט א קאָנקרעטן קולטור־דערציערישן אינהאַלט אין דעם לאָזונג פון א יידיש־וועלטלעכער שול, נאָר ער האָט צום ערשטן מאָל ארויפגע־בראַכט דאָס דאָזיקע פּראָבלעם אויפן פאָרום פון דער געזעצגעבערשאַפט, ער האָט עס דערהויבן צו אן אַלגעמיין־מלוכהשער פראַגע.

* *
*

די קרוין פון דער בונדישער שול־ליטעראַטור אין יענער צייט איז געווען אסתּרס בוך, וואָס איז ארויסגעגעבן געוואָרן אין 1910 דורכן פאַר־לאַג „די וועלט" אין ווילנע (ז"ז 97) און איז שפּעטער ארויס נאָך אין צווייי אויפלאַגעס (די דריטע אויפלאַגע אין פּעטערבורג אין 1917). אסתּרס ארבעט האָט געטראָגן דעם נאָמען „צו דער פראַגע וועגן דער יידישער פאָלקשול" און האָט געהאַט פיר אָפּטיילונגען „1) די מוטערשפּראַך און די פאָלקשול, 2) די פרעמדע שפּראַך אין דער יידישער שול, 3) יידיש — אן ענטפער אויף די טענות קעגן יידיש, 4) די יידישע פאָלקשול און דאָס יידישע פאָלק. אסתּרס ארבעט האָט דערצויגן א גאַנצן דור פון נייע פּראַ־לעטאַרישע שולטוער*). זי האָט נישט איינעם פון די לערער אין די רו־סיש־יידישע שולן געצוווּנגען איבערצוטראַכטן מיט דער נעגאַטיווער באַציונג צו יידיש און צו ווערן א באַוווּסטזיניקער אָנהענגער פון יידיש אין שול — צי ווי א לימוד, צי ווי די אומגאַנג־און אונטעריכט־שפּראַך פון די אַלגעמיינע לימודים. פאַר אונדזער היינטיקן לייענער וועט עס געוויס זיין אינטערעסאַנט און באַלערנדיק צו הערן די פאָרמולירונגען און דעם אופן פון ארגומענטירן, אזוי ווי מיר זעען דאָס אינעם שלום־קאַפּיטל פון אסתּרס ארבעט:

„די פאָדערונג, דער אונטעררי‌כט אין דער פאָלקשול זאָל פאָרקומען אין דער מוטערשפּראַך פון די קינדער, איז נאָר איינע פון א גאַנצער רייע פאָ־דערונגען, וועלכע בילדן דאָס שולפּראָגראַם פונעם באַוווּסטזיניקן פּראָלע־טאַריאַט. די פאָדערונג, די פאָלקשול זאָל נישט זיין קיין אָרעמאַן־שול

*) ווי עס דערציילט בן ציון כץ אין זיינע לעצטנס פאַרעפנטלעכטע „זכרונות" („טאָג־מאָרגנזשורנאַל", 24־טן יולי 1955), איז אסתר געווען אין דער יוגנט א סטודענטין אויף די פּעדאַגאָגישע קורסן אין פּעטערבורג. אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, דערציילט ער, איז אסתּר געווען א לערערין אין א יידישער שול אין אַסטראַכאַן, פאַר די פּליטים־קינדער.

לויט איר פּראָגראַם; עס זאָל זיין איינע און די זעלבע עלעמענטאַרע ביל־דונג, סיי פאַרן צוקונפטיקן טאָגלוינער און שוסטער, סיי פאַרן צוקונפטיקן סוחר, דאָקטאָר, מיניסטער; די מיטלשול זאָל זיך אָנהייבן פון יענעם על־טער, ווען אַ קינד ענדיקט די פאָלקשול און זאָל זיין אַ דירעקטער איבער־גאַנג פון איר...; די פאָלק־שול זאָל זיין וועלטלעך...; די פאָדערונג, אַז וויניקסטנס די עלעמענטאַר־בילדונג זאָל זיין פאַר אַלע־מען אומזיסט און אָבליגאַטאָריש, די לערנדויער זאָל זיין וויניקסטנס אכט יאָר; ... די פאָדערונג, די תלמידים זאָלן אומזיסט באַקומען אין שול וואַ־רעם עסן און אַלע לערמיטלען; די פאָדערונג, דער אונטערריכט זאָל זיין פריי פון דער אַדמיניסטראַטיווער השגחה; די פאָדערונג, די עלטערן זאָלן האָבן אַ ברייטע ווירקונג אויף די שול־ענינים...; ענדלעך, די פאָדערונג, דער גאַנצער ענין פון פאָלקסבילדונג זאָל איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון אויטאָנאָמע נאַציאָנאַלע פאַרבאַנדן, וועלכע באַזיצן אין דעם פּרט אַ געזעצגעבערישע מאַכט (נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע), — די דאָזי־קע הויפּט־פאָדערונגען און אַ ריי אַנדערע, וועלכע באַרירן דירעקט אָדער אומדירעקט די פאָלקסבילדונג און פאָלקסדערציונג, מוז דער יידישער פּראָ־לעטאַריאַט אַרויסשטעלן בנוגע צו דער יידישער פאָלקשול"*).

און ווייטער:

„דער יידישער פּראָלעטאַריאַט איז דער ערשטער מיטן לאָזונג פון דער גלייכבאַרעכטיקונג פון יידיש אַרויסגעטראָטן; דער ערשטער פאָרמולירט די פאָדערונג פון דער יידישער פאָלקשול; די דאָזיקע פאָדערונג האָט אים דיקטירט די אייזערנע נויטווענדיקייט, די אינטערעסן פון זיין קלאַסן־קאַמף, זיין ברענענדער דורשט נאָך בילדונג און ליכט. — דורך שפּאָט און געלעכטער פון איינע, דורך קאַלטע גלייכגילטיקייט פון אַנדערע — האָט דער פּראָלעטאַריאַט זיין אַלטן לאָזונג דורכגעטראָגן ביז איצט, ווען ער הערט אויף צו זיין איינזאַם, ווען אַ שיכט פון דער יידישער אינטעלי־גענץ הייבט אָן איבערצוחזרן אים. די יידישע פאָלקשול וועט זיין אַן אַרבעט פון דער נאַציע; דער פּראָלעטאַריאַט אָבער קען פון אָנהייב אָן זיין שטעמפּל אויף איר אַרויפלייגן; דער פּראָלעטאַריאַט מוז זען, זיין לאָזונג זאָל נישט ווערן אין די הענט פון אַנדערע געפעלשט און פאַראומרייניקט; ער זאָל נישט ווערן קיין מיטל אין די הענט פונעם נייעם מין רעאַקציאָנערן שאָוויניזם. — דער פּראָלעטאַריאַט קען נישט אַליין דעם בנין פון דער יידישער פאָלקשול שאַפן; ער איז אָבער געגוג שטאַרק צו ווירקן, דאָס זאָל זיין אַ בנין פון דער נייער לעבעדיקער אַלמענטשלעכער קולטור, —

---

*) ז"ז 94—95.

דער בנין זאָל דינען נישט דעם אַלטן חלום פון אַ טויטער פאַרגאַנגענהייט, אָבער (נאָר) דעם ליכטיקן געדאַנק פון דער לעבעדיקער צוקונפט"*).

אַזוי אַרום האָט אסתּר אין איר אַרבעט אויך אַוועקגעלייגט דעם יסוד פאַר אַ זעלבשטענדיקער פּראָלעטאַרישער פּאָליטיק אויפן שולגעביט און פאַר דער אידעאָלאָגיע פון אַ סאָציאַליסטישער דערציונג פונעם יידישן קינד.

* *
*

פאַר די בונדישע טוערס פון יענע יאָרן, ערב דעם ערשטן וועלט־קריג, איז די שול־פראַגע נישט געווען קיין ענין פון סתם טעאָרעטישע באַהאַנדלונגען, זיי האָבן אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט כדי אַוועקצושטעלן די שול־פראַגע ווי מעגלעך פּראַקטיש. „די צייט", דער בונדישער לעגאַלער אָרגאַן אין פּעטערבורג, האָט אין אַן אַרטיקל פון 26־טן פעברואַר 1913 געשטעלט די אָנהענגער פון אַ יידיש־וועלטלעכער פאָלקשול — די פראַגע: „ווי לאַנג נאָך?". די דאָזיקע פראַגע האָט באַטייט: ווי לאַנג נאָך וועלן זיי פאַרטיידיקן יידיש מיט ווערטער און נישט דורך שאַפן אַנשטאַלטן ממש. „איין יידישע מוסטער־שול וואָלט מער געהערט צום ברייטן עולם, איידער צענדליקער פייערדיקע רעדעס. זאָל דער פאָטער נאָר דערזען וואָס אַזאַ שול גיט זיינע קינדער, וועט ער זיך שוין האַלטן פאַר איר שטאָל און אייזן. דאַרף מען זי אים אָבער ווייזן. וואָרעם דער אויפטו איז ניי אומגעוויינלעך, אַן אַ ביישפּיל אין דעם ביזאַהעריקן לעבן . . . אַזאַ שול וואָלט איצט אויך נישט געווען אוממעגלעך צו גרינדן. אויסערע שטערענישן לאָזן זיך ווי עס איז, אויב ניט באַזייטיקן, טאָ צייטווייליק פאַרטושן. שילער און לערער וואָלט זיך געפונען. ביכער? טיילווייז איז דאָ, טיילווייז וואָלט זיי די נאָכפראַגע געשאַפן". און דער מחבר פון דעם אַרטיקל אַפּעלירט צו דער אַרבעטער־אינטעליגענץ און צו די ברייטע שיכטן פון דער יידישער דעמאָקראַטיע, „וועלכע זענען אַי קעגן דער אַסימילירטער שול אַי קעגן דעם רעליגיעזן חדר", אַז זיי זאָלן נעמען אויף זיך און מאַכן דעם ערשטן פּרוּוו צו גרינדן די ערשטע יידישע שול.

דאָס וואָס דאָ ווערט דערמאָנט דער „רעליגיעזער חדר" — איז נישט קיין צופאַל. עס איז דאַמאָלסט אין דער יידישער בירגערלעכער פּרעסע אָנגעגאַנגען אַ באַוועגונג צום קאַמף פאַרן חדר. „מען דאַרף פאַרוואַנדלען דעם חדר אין אַ שול — האָט געשריבן מ. קריינין אין „פריינד", — אָנהייבן דאַרף מען פון אויסבעסערן דעם חדר פון אויסווייניק, און מען דאַרף אַזוי גיין ווייטער ביז מען וועט אין חדר אַריינטראָגן אַלע עלעמענטן פון

---

*) ז"ז 96—97.

א גוטער שול". אויך אין „ראזסוויעט" און אין דער „יידישער וועלט" האבן זיך געהערט שטימען, אז די נייע יידישע שול דארף זיין „א סינטעז פון צוויי עלעמענטן — דעם חדר און די שול". „די צייט" האט שארף פאלעמיזירט מיט די דאזיקע שטימונגען. אין נומ. 24—25 שרייבט מ. ר.: „די זעלבע יידישע ליבעראלן וועלכע זענען אזוי ליבעראל בעת עס רעדט זיך וועגן גאנץ רוסלאנד, ווערן רעאקציאנער בעת זיי קומען צו זייער פאלק... און פון זייערע גרויסע רייד וועגן בילדונג לאזט זיך אוים אז מען דארף זיך אומקערן צוריק, צוריק צו די אלטע צייטן, צום חדר, צום בית המדרש... ווי אנדערע דעמאקראטישע אויפגאבן, פאלט אויך דער קאמף פאר אן אמתער פאלקס-בילדונג — אויפן יידישן ארבעטער-קלאס און זיין פארטיי. אויפהייבן דעם אינטערעס צו דער פאלקסבילדונג אין יידישן לעבן, אפרייניקן די פראגע פון אלע אירע נאציאנאליסטישע פראזן, ארויסרוקן קעגן דער נאציאנאליסטישער שול-פראגראם פון דער גרויסער און קליינער בורזשואזיע זיין אייגענע שול-פראגראם — דאס איז די אויפגאבע פון דער יידישער ארבעטער-דעמאקראטיע"... „די יידישע שולפראגע דאס איז א פראגע וועגן דעם, וואס פאר א שול דארף באשאפן ווערן נישט פאר דעם אדער יענעם הייפל קינדער, נאר פאר דער גאנצער יידישער פאלקסמאסע... די יידישע שולפראגע איז פריער פון אלץ א פאליטישע פראגע, א פראגראם-פראגע. און דערום איז שוין דאס אויך א פארטיי-פראגע. נישט צופעליק איז דאס, וואס די אדער יענע פארטייאישע יידישע ריכטונג קוקט אזוי אדער אנדערש אויפן חדר, און גיט אזא אדער אן אנדער ענטפער אויף דער פראגע וועגן יידיש אדער העברעאיש אין דער פאלקשול. דער ענטפער פון יעדער גרופע איז ענג פארבונדן מיט איר אלגעמיינער וועלט-אנשויאונג. די שולפראגע איז א פאליטישע פראגע. אויסארבעטן דעם אייגענעם שול-פראגראם הייסט פאר דער יידישער ארבעטער-דעמאקראטיע פארמולירן די פאליטישע פאדערונגען אירע, מיט וועלכע זי האט זיך צו ווענדן צו דער מלוכה, פארבינדן די פאדערונגען מיט איר אלגעמיינעם פראגראם".

אזוי האט דער „בונד" דערצויגן זיינע אנהענגער אין דער שול-פראגע. אינעם קאפיטל וועגן דער חברה מפיצי השכלה און איר באציונג צו יידיש דערציילן מיר גענוי וועגן די ברייט-פארמאסטענע קאמפן וואס די בונדיסטן האבן יענע יארן געפירט אין די ארטיקע אפטיילונגען פון דער חמפ"ה און אויף אירע יערלעכע קאנפערענצן אין פעטערבורג.

נישט נאר איז געווען גרויס די ראל פון „בונד" אינעם אויסקריסטאלי-זירן דעם געדאנק פון א יידיש-וועלטלעכער פאלקשול. ער איז געווען דער ערשטער ארויסצוברענגען דעם דאזיקן געדאנק אויף דער וועלט. ער האט די שולפראגע פארוואנדלט אין א גרויס געזעלשאפטלעך פראבלעם פון

יידיש־נאַציאָנאַלער גלייכבארעכטונג. ער האָט די יידישע לערערשאַפט אויפגעוועקט צום באַוווסטזיין פון זייער דערציערישער פליכט צום יידישן פאָלק. ער האָט די שול דערהויבן צו אַ ברייטער פּאָליטיש־סאָציאַלער אויפגאַבע. ער האָט אָנגעצייכנט די פאָרמען פון פּאָליטישן קאַמף פאַר דער אידעע פון אַ יידיש־וועלטלעכער שול־סיסטעם, ווי אויך די פאָרמען פון דער זעלבסטטעטיקייט און זעלבסט־אָרגאַניזאַציע פון די יידישע מאַסן פאַר אַן אייגענער שול. ער האָט פאַרבונדן דעם שול־קאַמף מיט דעם גאַנצן סאָציאַלן און באַפרייאונגס־קאַמף פונעם יידישן ארבעטער־קלאַס.

די געשילדערטע טעטיקייט פון „בונד" האָט צוגעגרייט דעם באָדן און די מעטאָדן פון דער שפּעטערדיקער „צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע" אין פּוילן, אין וועלכער דער „בונד" האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע היסטאָרישע ראָל.

שמעון דובנאָוו און די יידישע שול־פּראָבלעם

דעם 17־טן אָקטאָבער 1890 האָט זיך ש. דובנאָוו באַזעצט אין אָדעס אויף אַ לענגערער צייט. אין אָדעס האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט זיין נאַציאָנאַלע וועלט־אַנשויאונג, וואָס האָט שפּעטער געפונען איר אויסדרוק אין זיינע באַקאַנטע „בריוו וועגן אַלטער און נייער יידישקייט". אין אָדעס איז ער אויך געקומען אין באַרירונג מיט דער לעבעדיקער שול־פּראָבלעם ביי יידן. דאָרטן איז ער צום ערשטן מאָל ארויסגעטראָטן ווי אַ פּראַקטישער שול־קעמפער.

צוזאַמען מיט די רעוואָלוציאָנערע שטימונגען, האָט זיך ביי דער יידישער אַרבעטערשאַפט און אינטעליגענץ, אויפן שוועל פונעם היינטיקן יאָרהונדערט, גענומען פאַרשטאַרקן אויך דאָס נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיין. דאָס יידישע שול־וועזן, וואָס איז אין אָדעס געווען אינגאַנצן רוסיפיצירט, איז געשטאַנען אין צענטער פון דער אויפמערקזאַמקייט. די אָדעסער אָפּטיילונג פון דער חברה מפיצי־השכלה, וואָס האָט אויסגעהאַלטן און סובסידירט אַ גרעסערע צאָל יידישע שולן, האָט געפירט אַ דעפיניטיוו רוסיפיקאַטאָרישע פּאָליטיק. און צו אָט־דער טעטיקייט האָבן זיך עס גע־ווענדעט די פיילן פון דער דערוואַכטער יידישער אינטעליגענץ. אין 1900 האָט זיך אָנגעהויבן אַן אָרגאַניזירטער אָנגריף אויף דער חברה מפיצי השכלה. די טענה איז געווען: זי מוז פאַרשטאַרקן דעם נאַציאָנאַלן עלעמענט אין דער פאָלקשול; די שולן, וואָס דער אָדעסער קאָמיטעט סובסידירט, זענען נאָר פאָרמעל פּריוואַטע, אין דער אמתן זענען עס גע־זעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, דעריבער מוז פון זיי באַזייטיקט ווערן די אָפענע רוסיפיקאַציע, מע דאַרף ענדערן די לערן־פּראָגראַם פון די שולן און אויך זייער דערציאונג־סיסטעם. צווישן די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט האָט זיך פאָרמירט אַ שטאַרקע אָפּאָזיציע און זי האָט פאָר־מולירט אירע פאָדערונגען צו דער געזעלשאַפט. „די אָפּאָזיציע — דער־

ציילט ש. דובנאָוו — האָט פאַרלאַנגט, עס זאָל געשאַפן ווערן אַ יידישע פאָלקשול בשעת דער קאָמיטעט האָט זיך פעסט געהאַלטן ביים אַלטן פּרינציפּ פון אַ רוסישער שול פאַר יידן". ווי זשע האָט זיך די אָפּאָזיציע און ש. דובנאָוו בתוכם, פאַרגעשטעלט אַט דאָס שאַפן אַ „יידישע שול"? ווענן דעם, אַז מע זאָל ענדערן די אומגאַנג־און לערן־שפּראַך פון דער שול, וואָס איז פאַרשטייט זיך געווען רוסיש, און מען זאָל זי פאַרבייטן מיט יידיש, וועגן דעם האָט קיינער נישט גערעדט. די צייט איז נאָך נישט געווען רייף פאַר אַזאַ מין פאָדערונג. גערעדט האָט מען נאָר וועגן איינס: די שול־פּראָגראַם זאָל אַזוי געענדערט ווערן, אַז עס זאָל אויסגעברייטערט ווערן דער לימוד פון יידישער געשיכטע, פון דער העברעאישער שפּראַך און ליטעראַטור; „וועגן דער גערעדטער שפּראַך אָדער „זשאַרגאָן" און וועגן לערנען אויף יידיש — גיט צו ש. דובנאָוו — האָט קיינער דעמאָלט נישט געוואַגט אפילו צו טרוימען". ווי מיר וועלן זען ווייטער, איז אויך ש. דובנאָוו אין דעם פּרט נישט געווען קיין אויסנאַם. ער איז, אמת, געווען שוין באַקאַנט ווי אַ פריינד פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, אָבער זיין אייגענע שפּראַך אין רעדן און שרייבן איז געווען רוסיש. מאַכן יידיש פאַר דער שול־שפּראַך — האָט געהייסן גיין נישט נאָר קעגן די הערשנדיקע רוסישע געזעצן און פאַראָרדענונגען פון דער שולמאַכט, עס האָט אויך געהייסן גיין קעגן דעם גאַנצן שטראָם פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט און קולטור־טראַדיציע פון די אַלטע און נייע השכלה־פאַרשטייער.

אין 1900 האָט די „אָפּאָזיציע" אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון דער אָדעסער חברה מפיצי השכלה אריינגעטראָגן אַ פאָרשלאַג וועגן דער נייטיקייט צו רעפאָרמירן די שול־פּראָגראַם. אינעם נאָענטן יאָר־באַריכט האָט דער קאָמיטעט פון דער געזעלשאַפט געענטפערט אויפן דאָזיקן פאָרשלאַג בזה הלשון: ער האַלט נישט פון דער פאָדערונג פון דער אָפּאָזיציע, ער וועט אויך אויף ווייטער דורכפירן אין שול „די יסודות פון אַלגעמיין־אייראָפּעאישער בילדונג און פּראַקטיש־נוצלעכע ידיעות" — להיפוך צו דער פאָדערונג פון דער אָפּאָזיציע וועגן „אַ דערציאונג אין שטרענג־רעליגיעזן און יידיש־נאַציאָנאַלן גייסט". פאַרשטייט זיך, די דאָזיקע פאָרמולע האָט אַבסאָלוט נישט געשטימט מיט די פאָדערונגען פון דער אָפּאָזיציע: זי האָט נישט פאַרלאַנגט קיין „שטרענג־רעליגיעזע" דער־ציאונג, איר איז געגאַנגען בלויז אין „יידיש־נאַציאָנאַלן גייסט". אָבער משמעות, אויף דעם אופן איז דעם קאָמיטעט געווען לייכטער אָפּצושטויסן די פאָדערונגען פון דער אָפּאָזיציע.

אָבער די אָפּאָזיציע איז נישט אָפּגעטראָטן פון אירע פאָדערונגען. אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון דער געזעלשאַפט אין 1901 האָט

זי ווידער פאַנאַנדערגעוויקלט די פראַגע. צווישן די רעדנער פון דער אָפּאָזיציע איז געווען אויך ש. דובנאָוו. אין זיין רעדע האָט ער אויפגעהויבן די מחלוקה צו דער הויך פון אַ גרויסער נאַציאָנאַלער פּראָבלעם. ער האָט אין זיין רעדע אָנגעוויזן, אַז — „אַנטקעגנשטעלנדיק אייראָפּעאישע בילדונג לגבי יידישער, האָט דער קאָמיטעט נישט פאַרשטאַנען די פאָדערונג פון דער אָפּאָזיציע, וואָס פאַרלאַנגט, אַז דער יידישער עלעמענט אין שול זאָל פאַרשטאַרקט ווערן אָן שום שאָדן פאַר דער אַלגעמיינער בילדונג. קיין שום לעבעדיקע נאַציע ווייסט נישט פון אַזאַ אונטערשייד, ווארעם דאָס אַלגעמיין־מענטשלעכע ווערט שטענדיק אויפגענומען דורך דעם נאַציאָנאַלן, און אויב פאַר אונדז איז נישט צוטריטלעך צו לערנען אויף דער נאַציאָנאַלער שפּראַך, דאַרפן מיר לכל הפּחות פאַרשטאַרקן אין פּראָגראַם דעם נאַציאָנאַלן אינהאַלט. פאַר אַ גלות־פאָלק איז דאָך די נאַציאָנאַלע דערציאונג אַ סוראָגאַט פאַר דער טעריטאָריע; די שול דאַרף זיין דער וואָפן־שילד קעגן דער אַסימילירנדיקער ווירקונג פון דער סביבה, און נישט נאָר די צושטעלערין פון „נוצלעכע ידיעות": אַ חוץ אוטיליטאַרע אויפגאַבעס, האָט זי אויך מאָראַלישע און גייסטיקע..."*)

זינט 1897 האָט ש. דובנאָוו שוין געהאַט אָפּגעדרוקט אין רוסיש־יידישן „וואָסכאָד" זיינע ערשטע עטלעכע „בריוו וועגן אַלטער און נייער יידישקייט". זיין אויטאָריטעט איז שוין דעמאָלט געווען גענוג הויך, און די אָפּאָזיציע האָט זיך נישט געקענט ווינטשן קיין בעסערן פירזאָגער. אָדעס איז געווען די הויפּט־נעסט פון דער אַסימילאַציע ביי יידן. עס איז געווען איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן דורכצוברעכן אָט־די פעסטונג אין דער אָדעסער חברה מפיצי השכלה. דער „קולטור־קאַמף" אין אָדעס האָט באַקומען אַן אַלגעמיין־נאַציאָנאַלן באַדייט. די אָפּאָזיציע האָט זיך געגרייט צום ווייטערדיקן קאַמף. די רייען פון דער אָפּאָזיציע זענען באַשטאַנען פון פאַרשידנאַרטיקע עלעמענטן. מען האָט געמוזט אויסבילדן אַן איינהייטלעכן פראָנט אין קאַמף קעגן דער אַסימילאַציע. אין יוני 1901 האָט מען אויף ש. דובנאָווס און אחד־העמס איניציאַטיוו אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג מיט די פאָרשטייער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, און עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן אַ „קאָמיטעט פאַר נאַציאָנאַליזאַציע", כדי צו פאַרשטאַרקן דעם נאַציאָנאַלן עלעמענט אין די יידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס בכלל און אין דער שול בפרט. אין האַרבסט 1901 זענען שוין דער קאָמיטעט פון דער חברה מפיצי השכלה און דער „קאָמיטעט פאַר נאַציאָנאַליזאַציע" געשטאַנען, לויט ש. דובנאָווס ווערטער, „איינס

*) „קניגאַ זשיזני", ריגע, 1934, ב. 1, ז' 372 א"וו.

קעגן אַנדערן ווי צוויי פיינטלעכע מחנות, גרייטנדיק זיך צו אַן אַנטשיי־דענער שלאַכט".

מען האָט זיך געגרייט צו דער נאָענטער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון דער געזעלשאַפט, וואָס האָט געדאַרפט פאַרקומען פרילינג־צייט 1902. דער נאַציאָנאַליזאַציע־קאָמיטעט האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ מעמאָראַנדום צו דער געזעלשאַפט, און צונויפגענומען אַרום 150 חתימות פון די געזעלשאַפט־מיטגלידער. מען האָט דעם מעמאָראַנדום דערלאַנגט דער געזעלשאַפט. דאָ איז געווען אַן אינטערעסאַנטער מאַטעריאַל וועגן דעם מצב אין די שולן, וואָס דער אָדעסער קאָמיטעט האָט געשטיצט, און עס איז דאָ קלאָר באַוויזן געוואָרן, אַז אין די דאָזיקע שולן ווערט דער עיקר געלייגט אַכט אויף שטודירן גרינטלעך די רוסישע שפּראַך און די אַלגעמיינע לימודים, „בעת פאַר העברעאיש און פאַר יידישער געשיכטע ווערט אויסגעטיילט אַ נישטיקע צאָל לערן־שעהן, און דאָס לערנען גופא פון די דאָזיקע לימודים ווערט זייער פאַרנאַכלעסיקט". „מיר האָבן באַוויזן — דערציילט ש. דובנאָוו — אַז אויב נישט די טענדענץ גופא פון די דאָזיקע שולן, — איז דער רעזולטאַט פון דער דערציאונג אין זיי פירט צו רוסיפיקאַציע. מיר האָבן דעריבער געפאָדערט, עס זאָל שטאַרק פאַרגרעסערט ווערן די צאָל שעהן פאַר לעקציעס פון די יידישע לימודים און זיי זאָלן אין איכות אויסגעבעסערט ווערן". עס איז אויך געווען דאָ די פאָדערונג צו שטיצן די חדרים מתוקנים, די אָוונט־קורסן פאַר דערוואַקסענע און אויך ספּעציעלע לערער־קורסן.

ענדלעך, דעם 15־טן מאַי 1902, איז פאָרגעקומען אין זאַל פון דער שטאָט־דומע די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון דער געזעלשאַפט. דער זאַל איז געווען איבערגעפולט, בעיקר מיט יונגע נאַציאָנאַל־געשטימטע סטודענטן. צווישן ביידע צדדים איז געקומען צו אַ גרויסער עפנטלעכער שלאַכט. מצד די אָנהענגער פונעם קאָמיטעט האָבן געפירט דעם קאַמף מ. מאַרגולים און י. סאַקער; די וואָרטזאָגער פון דער אָפּאָזיציע זענען געווען אחד העם און ש. דובנאָוו. דער לעצטער האָט געהאַלטן אַ שעהדיקע רעדע און באַגרינדעט די פאָדערונגען פון דער אָפּאָזיציע. דער קאָמיטעט־צד האָט געשטעלט דער אָפּאָזיציע די קשיה: „אין וואָס אייגנטלעך באַשטייט אייער נאַציאָנאַלע פּראָגראַם? וואָס אייגנטלעך מיינט איר אונטער דעם נאַציאָנאַלן גייסט אין דער דערציאונג?". סאַקער האָט געשטורעמט אויף דער פאַרזאַמלונג קעגן דעם „אָפּגאָט פון נאַציאָנאַליזם", און ער האָט אַרויסגערופן געוואַלדיקע פּראָטעסטן מצד דעם אָנוועזנדיקן יונגן עולם. פּאָליציי האָט זיך אַריינגעמישט און פאַרמאַכט די פאַרזאַמלונג.

ש. דובנאָוו האָט זיך מיט דעם נישט באַגנוגנט. ער האָט אַרויסגע־טראָגן דעם ענין אויפֿן פֿאָרום פֿון דער יידישער עפֿנטלעכקייט און אין די נומ׳ 23—26 „וואָסכאָד", 1902, האָט ער אָפּגערוקט אַ גרויס אַרטיקל „די נאַציאָנאַלע דערציאונג פֿאַרן משפּט פֿון דער אָדעסער פֿאַרזאַמלונג", און דאָ האָט ער באמת דערהויבן דעם לאָקאַלן קאַמף צו דער מדרגה פֿון אַ גרויסער נאַציאָנאַלער פּראָבלעם.

„עס איז איצט געקומען דער מאָמענט פֿון דיפֿערענצירונג, — האָט געשריבן ש. דובנאָוו. — די עפֿנטלעכע שטרייטן וועגן אַזעלכע קאָנקרעטע פֿראַגעס, ווי נאַציאָנאַלע דערציאונג, האָבן געמוזט קלאָר מאַכן דעם טיפֿן אונטערשייד אין די שטימונגען און שטרעבונגען צווישן די אָנהענגער און די קעגנער פֿון דער נאַציאָנאַלער אידעע. פֿון היינט אָן ווערט „נאַציאָנאַלע דערציאונג" אַ קאַמפֿס־פּאַראָל; דאָס איז דער שבולת, לויט וועלכן מען קען דערקענען די ריכטונג פֿון דער געגעבענער גרופּע.

...„אונדזער סאַמע ערשטע און עיקרדיקע אַרבעט באַשטייט אין דער נאַציאָנאַליזאַציע פֿון אונדזער פֿאָלק־אָפּגעפֿרעמדטער אינטעליגענץ. קיין שום פֿאָלק, וואָס געפֿינט זיך אין אַ צושטאַנד פֿון נאַציאָנאַל־קולטו־רעלער פֿאַרטיידיקונג, קען נישט אָנווייזן אין זיין געשיכטע אויף אַזאַ אויסטערלישן ביישפּיל, אַז זיין אייגענע אינטעליגענץ זאָל אַנטקעגנשטעלן דאָס „אַלגעמיין־מענטשלעכע" (אין געגעבענעם קאָנקרעטן פֿאַל — דאָס אַלגעמיין־רוסישע) לגבי דאָס אייגענע „נאַציאָנאַלע", און זאָל לייקענען די נייטיקייט פֿון נאַציאָנאַלער דערציאונג פֿאַר די קומענדיקע דורות, וואָס אין פֿאַרקערטן פֿאַל דראָט זיי די אומפֿאַרמיידלעכע צעשמעלצונג צווישן די אַרומיקע פֿעלקער. כ׳גלויב קוים צי ערגעץ־וואו האָבן פֿאָרשטייער פֿון אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט אַזוי היים פֿאַרטיידיקט דעם שול־טיפּ פֿון דער הערשנדיקער נאַציע, איר שפּראַך און ליטעראַטור, קעגן דעם אייגענעם פֿאָלקשול־טיפּ, דער אייגענער שפּראַך און ליטעראַטור, — אַזוי ווי דאָס האָבן געטאָן די אָדעסער יידישע „קולטור־טרעגער". ביי אַזאַ נאַציאָנאַלן דעקאַדענס דאַרף מען אַלע כוחות אָנווענדן פֿאַר דער זאַך פֿון איינעווייניקסטן, נאַציאָנאַל־גייסטיקן רענעסאַנס; אָן דעם זענען קיין שום ווייטער־דיקע שריט אין דער אָדער אין אַן אַנדערער פּראַקטישער ריכטונג נישט מעגלעך. און דער הויפּט־מיטל אויף צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל איז — נאַציאָנאַליזאַציע פֿון דער דערציאונג, פֿון דער שול, פֿון דער אינטע־ליגענץ און פֿון יענער האַלב־קולטורעלער מאַסע, וואָס שטעלט פֿאַר אין נאַציאָנאַלן זינען אַ באַזונדערס נישט־שטאַנדהאַפֿטיקן עלעמענט".

וועגן וואָס־זשע פֿאַר אַ שול האָט ש. דובנאָוו גערעדט? ווי האָט ער זיך פֿאָרגעשטעלט איר שפּראַך, איר פּראָגראַם, איר אידייאישן דורכבליק?

אן ערך אין דער זעלבער צייט האט ש. דובנאוו אפגעדרוקט זיין פינפטן בריוו פון דער דערמאנטער סעריע, אונטערן נאמען „וועגן נאַציאָנאַלער דערציאונג", און מיר באקומען דאָ אַ קלאָרע תשובה אויף די געשטעלטע פראגעס. ש. דובנאָוו אַנאַליזירט דאָרטן די נשמה־צעשפּאַלטנקייט ביים מאָדערנעם יידן, מחמת דער פרעמדער דערציונג. און כדי צו באזייטיקן אַט די „שרעקלעכע צעשפּאַלטנקייט" רופט ער צו אַ גרונט־רעפאָרם פון דער שול און לערן־סיסטעם. ביז אהער „האָט די שול אַנט־יידישט די יוגנט, איצט דאַרף זי זי פאַריידישן". ביז אהער איז די שול פון די לעצטע דורות אינטעליגענץ געווען אַ געווער פון דענאַציאָנאַליזאַציע; „איצט דאַרף זי ווערן, אויף וויפל עס לאָזט זיך, אַ געווער פון נאַציאָנאַליזאַציע, אויספירנדיק אין דער זעלבער צייט אירע אַלגעמיין־דערציערישע אויפגאַבעס". דאָס יידישע פאָלק לעבט איצט איבער אַ קריטישן מאָמענט, און אין אַזאַ מאָמענט איז נייטיק „צו פארשטארקן דעם פונדאמענט פון אונדזער נאַציאָנאַלן בנין — די דערציאונג פון די קינדער".

ווי אַזוי־זשע דאַרף מען רעפאָרמירן די יידישע שול? אויף דעם ענטפערט ש. דובנאָוו: „אונדזער אַלטע שול — דער חדר און די ישיבה — האָבן דערצויגן נאָר דעם יידן און נישט דעם מענטש, און אפילו דעם „יידן" האָט זי דערצויגן זייער איינזייטיק, ווירקנדיק נאָר אויף זיין רעליגיעז געפיל אָדער רעליגיעזן געדאַנק. אַקעגן, די נייע שול פון אַלגעמיינער בילדונג פאַרגעסט אינגאַנצן וועגן דעם „יידן" און דערציט נאָר דעם „מענטשן", ד"ה פּאַקטיש אַ רוס, אַ פּאָליאַק, אַ דייטש, ווענדליק וואָס פאַראַ גייסט און שפּראַך עס הערשט אין דער באַטרעפנדיקער שול. אַט דאָס איז דער טעזיס און אַט דאָס איז זיין אַנטי־טעזיס. דער סינטעז בעט זיך אַליין פון זיך: דערציען גלייכצייטיק הן דעם „יידן" און הן דעם מענטשן". הומאַניזירן די אַלטע שול און נאַציאָנאַליזירן די נייע — אַט דאָס איז די צווייפאַכע פּראַקטישע „אויפגאַבע פון היינטיקן מאָמענט" *). „נאַציאָנאַליזירן די דערציאונג און דאָס לערנען, ביים תנאי פון צופּאַסן די שול צו די פאָדערונגען פון דער מאָדערנער קולטור און אין שייכות מיט דער אויטאָנאָמיזירונג פון די קהילות — אַט דאָס איז איינער פון די הויפּטוועגן, וואָס פירט צו דער פאַרשטאַרקונג פון יידישקייט אין דער יעצטיקער צוקונפט"... „די שול־אויטאָנאָמיע פאַר אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט — דאָס איז דער טייערסטער אינסטרומענט אין איר קאַמף פאַר

*) „פּיסמאַ אָ סטאַראָם אי נאָוואָם יעווריעסטוויע", ס' פּעטערבורג, 1907, ז' 127.

פרייהייט און קעגן די אַנגריפן מצד דער ענגאַאיסטישער, רוּיבערישער נאַציאָנאַלער מערהייט" *).

ש. דובנאָוו, רוקט בכן, דאָ אַרויס עטלעכע נייע פּרינציפּן פון דער יידישער שול־בויאונג: וועלטלעכע יידישע דערציאונג אַנשטאָט דער ביז־אַהעריקער אָרטאָדאָקסאַל־רעליגיעזער דערציאונג פונעם חדר, וואָס באַ־פרידיקט מער נישט די באַדערפעניש פון פאָלק, ווייל דאָס איז אַ „סכאָ־לאַסטישע שול מיט פּרימיטיווע לערן־מעטאָדן און מיט אַ מיטל־אַלטער־לעכער סביבה"; נאַציאָנאַלע דערציאונג אַנשטאַט דער ביז־אַהעריקער אַסי־מילאַטאָרישער דערציאונג אין די אַלגעמיינע שולן פאַר יידישע קינדער; מיר גייטיקן זיך אין אַ טיפּ אַלגעמיינער פאָלקשול, וואָס זאָל זיין יידיש לויטן אינהאַלט און גייסט; דאָס יידישע שולוועזן דאַרף געניסן פון פולער אויטאָנאָמיע און גלייכבאַרעכטיקונג אין דער מלוכה, זי דאַרף ווערן אַ טייל פון דער אַלגעמיינער יידישער אויטאָנאָמיע. צוטרעטנדיק אָבער צו פאַר־מולירן דעם פּלאַן פון דער נייטיקער שול־רעפאָרם, קומט ש. דובנאָוו צו אַזאַ אויספיר: מיר דאַרפן זייער טייער האַלטן דעם חדר, ווייל דאָס איז „איינע פון אונדזערע וויניקע ריין־פאָלקלעכע אויטאָנאָמע אינסטיטוציעס". אַזוי ווי אָבער דעם חדר אין זיין טראַדיציאָנעלער פאָרעם איז אוממעגלעך צו אַקצעפּטירן, צוליב די אַנגעוויזענע חסרונות, בלייבט דעריבער צו רעפאָרמירן דעם חדר און אים צופּאַסן צו די מאָדערנע באַדערפענישן פון פאָלק. געווען איז דאָס אַ צייט ווען אין יידישן לעבן האָט זיך באַוויזן אַ נייער טיפּ חדר — דער חדר מתוקן, און אָט־דעם דאָזיקן חדר מתוקן, מיט זיין עברית־בעברית־סיסטעם, האַלט עס ש. דובנאָוו פאַרן געוואונטשענעם טיפּ שול, וואָס וועט באַפרידיקן די אַנגעצייכנטע פאָדערונגען, נאַציאָנאַלע און פעדאַגאָגישע. אמת, צו יענער צייט זענען אײנגאַנצן געווען אַ פּאָר צענדליק חדרים מתוקנים אין לאַנד, בשעת די חדרים פונעם אַלטן טיפּ האָבן זיך געציילט אין די טויזנטער; די חדרים מתוקנים זענען נאָך געווען אין דער סטאַדיע פון בראשית, אָן אַן איינהייטלעכער פּראָגראַם, אין זייערע מעטאָדן האָט געהערשט אַ גרויסער מישמאַש — דאָך האָט זיי ש. דובנאָוו געהאַלטן פאַרן „עמבריאָן פון אַ יידישער נאַציאָנאַלער שול". „דער נייער רעפאָרמירטער חדר — זאָגט ש. דובנאָוו — קען דינען ווי איינער פון די הויפּט־אינסטרומענטן אויפצולעבן אונדזער נאַציאָנאַלע שפּראַך. אויב דאָרט זאָל זיך באמת איינגעבן צו פאַרשטאַרקן דעם „נאַטירלעכן מעטאָד" פון לערנען (עברית־בעברית, ח. ש. ק.), וועט דאָס זיין דער ערשטער שריט

---

*) דאָרט, ז"ז 128—129.

צו פאַרוואַנדלען די שפּראַך פון דאַוונען, פון דער ליטעראַטור און שריפט־לעבע באַציאונגען — אין אַ לעבעדיקער גערעדטער שפּראַך, לפּחות אין די ווענט פון שול. איך האַלט עס פאַר גאָר שטאַרק געוואונטשן, אַז אין חדר זאָל אונדזער אַלטע נאַציאָנאַלע שפּראַך קאָנקורירן מיט דער שפּעטערדיקער גערעדטער שפּראַך אָדער מיטן „זשאַרגאָן", הגם איך אָנערקען דעם גרויסן קולטור־ווערט אויך פונעם לעצטן. דער אידעאַל פון אויפלעבן די ביבל־שפּראַך איז אַזוי הויך, אַז אפילו טיילווייז דערגרייכן אים האָט שוין אויך אַ גרויסן באַדייט, וואָרעם אין איר שטעקט איינע פון די באַדינגונגען פאַר אונדזער נאַציאָנאַלער איינהייט" (דאָרט, ז' 131). אַזוי האָט ש. דובנאָוו געשריבן אין זיין בריוו „וועגן נאַציאָנאַלער דערציאונג" בעת זיין „קולטור־קאַמף" אין אָדעס, הגם די גרונט־געדאַנקען פונעם דאָזיקן אַרטיקל קען מען שוין געפינען אין זיין אַרטיקל „די סך־הכלען פון דער חברה מפיצי השכלה", וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין „וואָסכאָד", נומ' 10־11 פון 1891 יאָר. זייענדיק אין דער סביבה פון אחד העם און די אַנדערע ציוניסטישע מיטקעמפער קעגן דער אָדעסער חברה מפיצי השכלה, האָט ש. דובנאָוו דעמאָלט גערעדט כמעט מיט זייער שפּראַך וועגן העברעאיש. העברעאיזאַציע פון דער שול האָט אים אויסגעזען צו זיין איינע פון די יסודות פון יידישן וויסן און דענקען.

ווען דובנאָוו האָט, מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער צונויפגענומען אַלע זיינע פּופצן „בריוו" און אַרויסגעגעבן זיי אין איין באַנד (1907), האָט ער צו דעם אָפּזאַץ, וווּ ער רעדט וועגן די יסודות פון דער לערן־פּראָגראַם אין דער רעפאָרמירטער יידישער שול, צוגעגעבן די ווייטערדיקע באַמער־קונג: „ווען דער דאָזיקער אַרטיקל איז געשריבן געוואָרן, האָט מען נאָך נישט געטאָרט אפילו טרוימען וועגן אַן אָפענער קאָנקורענץ פון אַ דריטן עלעמענט אין שול (אויסער דער לאַנד־שפּראַך און העברעאיש — ח. ש. ק.) — פון דער גערעדטער יידישער שפּראַך אָדער „זשאַרגאָן", וואָס פּרעטענ־דירט היינט מיט רעכט אויף דער ראָל פון דער לערן־שפּראַך אין די עלע־מענטאַרע שולן, ווי דאָס לעבעדיקע מאַמע־לשון („ראָדנאָי יאַזיק") פון די תלמידים. איצט אָבער ווען מיר קעמפן פאַר אַן „אויטאָנאָמער שול אין דער אויטאָנאָמער קהילה", דאַרפן מיר ענערגיש שטיין פעסט פאַר דער דאָזיקער פאָדערונג פון „גלייכבאַרעכטיקונג פאַר אונדזער לעבעדיקער פאָלק־שפּראַך (דובנאָווס קורסיוו; שטיין פעסט — אָטסטאַיוואַט — ח. ש. ק.) וואָס איז נישט ווייניקער איידער דאָס נאַציאָנאַלע לשון קודש מסוגל קעגנצווווירקן דעם פאַררוסישונג־פּראָצעס אין שול און אין לעבן. צו דער

פראַגע וועגן דער ראָל פון „זשאַרגאָן“ וועל איך זיך נאָך אומקערן“ („פּיסמאַ“, ז״ז 133—134).

ווען ש. דובנאָוו האָט אויף די עלטערע יאָרן געשריבן זיינע מעמואַרן, האָט ער ווידער באַרירט אָט־דעם גאַנצן פּעריאָד, וואָס מיר באַהאַנדלען דאָ, מיט זיינע פּראָבלעמען, און אויך דעמאָלט האָט ער איבערגעחזרט דאָס זעלבע, וואָס איז געזאָגט אין דער ציטירטער באַמערקונג. „אין יענער צייט — דערציילט דאָ ש. דובנאָוו, ד״ה ווען ער האָט אין ערשטן בוך פון „וואָסכאָד“, 1902, פאַרעפנטלעכט זיין בריוו וועגן נאַציאָנאַלער דערציאונג — האָט מען נאָך נישט געטאָרט רעדן וועגן דעם אַנטשיידנסטן מיטל פאַר נאַציאָנאַלער דערציאונג: וועגן לערנען אויף דער מוטער־שפּראַך פון די תּלמידים, אויף דעם פּראַקטעטן „זשאַרגאָן“ אָדער „יידיש“, וואָס מע האָט אָפּיציעל נישט דערלאָזט אין קיין אין יידישער אַלגעמיין־בילדונג־שול. דאָס איז געוואָרן מעגלעך ערשט נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905, און ווען כ׳האָב אין 1907 איבערגעדרוקט אין אַ באַזונדער בוך מיין בריוו וועגן נאַציאָנאַלער דערציאונג, האָב איך צוגעגעבן“ אאַ״וו. דאָ ציטירט ש. דובנאָוו אַ טייל פון דער אויבנגעבראַכטער באַמערקונג*).

מיר האָבן, בכן, אַזאַ עוואָלוציע פון ש. דובנאָווס שול־געדאַנק: לכתחילה האָט ער גערעדט וועגן נאַציאָנאַליזאַציע פּליום העברעאיזאַציע; שפּעטער באַטאָנט ער שוין, אַז יידיש איז „אונדזער לעבעדיקע פאָלק־שפּראַך, וואָס איז נישט ווייניקער איידער דאָס נאַציאָנאַלע לשון קודש מסוגל קעגנצואווירקן דעם פּראָצעס פון פאַררוסישונג“ און ש. דובנאָוו הייסט שוין „שטיין פעסט“ פאַר דער פאָדערונג פון גלייכבאַרעכטונג פון יידיש „אין די עלעמענטאַרע שולן“; אין 1934 שאַצט ער שוין אָפּ יידיש, דאָס לערנען אויף דער מוטער־שפּראַך פון די תּלמידים, ווי „דעם אַנט־שיידנסטן מיטל פאַר נאַציאָנאַלער דערציאונג“.

דער צוויי מאָל איבערגעחזרטער נוסח וועגן דעם, אַז „אין יענער צייט“, ד״ה אין 1902, „האָט מען נאָך נישט געטאָרט אפילו טרוימען“ אָדער „האָט מען נאָך נישט געטאָרט רעדן“ וועגן דער ראָל און אויפגאַבע פון דער יידישער שפּראַך אין שול, — איז נישט מער ווי אַ מליצה. דער אמת איז, אַז יענע צייט איז נאָר פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעך נית רייף געווען פאַר דעם. אפילו די רעוואָלוציאָנערע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט נאָך נישט געהאַט דעמאָלט פאָרמולירט אירע פאָדערונגען בנוגע יידיש אין שול, און הגם די אידעע פון אויטאָנאָמיזם איז שוין אין די ערשטע פיר

*) „קניגא זשיזני“, ריגע, 1934, 2, ז״ז 383—384.

„בריוו" געווען ביי ש. דובנאָוון גאנץ קלאָר פאָרמולירט און רייף, איז אָבער אנדערש געווען די זאך מיט יידיש בכלל און מיט יידיש ווי די שפּראך פון שול בפרט. יידיש איז נאָך אַלץ געווען אין דער מדרגה פון „זשארגאָן". די געוואוינהייטן פון דער אינטעליגענץ האָבן געדריקט. אָדעס, ווידער, מיט איר רוסיפיצירטקייט און מיט די טראַדיציעס פונעם קאָמיטעט פון חברה מפיצי השכלה פון איין זייט, און מיט די אידעען פון אחד העם און פון באַלדיקן „עברית או רוסית" פון דער צווייטער זייט, — אָט דאָס אָדעס איז געווען וויניק מסוגל צו באַפליגלען ש. דובנאָוון אין דער ריכטונג פון פולער גלייכבארעכטונג פון יידיש. אמת, ש. דובנאָוו איז שוין לאַנג געווען גוט פאַררעקאָמענדירט — ווי שלום עליכם האָט אים באַצייכנט (1889) — ווי „דער איינציקער שרייבער וועלכער באַצײט זיך מיט מיטגעפיל און הומאַניטאר צום אָרעמען זשארגאָן" און ווי דער „הויכער באַשיצער" פון דער יידישער ליטעראַטור, — אָבער פון דעם אַלעם איז נאָך, אין 1902, געווען אַ ווייטער מהלך ביז צו אַנערקענען יידיש אין דער פאָלק־שול און זיך איינשטעלן פעסט פאַר איר גלייכבארעכטיקונג. ערשט מיטן קאָלאָסאַלן וואוקס פון דער יידישער ארבעטער־באַוועגונג, בראָש מיטן „בונד"; מיטן וואוקס פון דער נאַציאָנאַלער און רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג צווישן דער אינטעליגענץ; מיטן אויפקום פון אַ פעריאָדישער פּרעסע; מיט דער דערוואַכונג פון די נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען ביי די אַרו־מיקע פעלקער, — איז אויך ביי ש. דובנאָוון געקומען די נייע קלאָרע שטעלונג. נישט אומזיסט ליגן, צווישן די ערשטע צוויי זיינע פאָרמולי־רונגען בנוגע יידיש אין שול, די דאַטעס פון 1901 און 1907.

אינטערעסאַנט איז, וואָס ש. דובנאָוו האָט געזאָגט — אין פאַרבינ־דונג מיט דעם ענין וואָס מיר באַהאַנדלען דאָ — וועגן מענדעלע מוכר ספרים. דערציילנדיק אין זיין בוך „פון זשארגאָן צו יידיש" (ווילנע 1929) וועגן דעם „קולטור־קאַמף" אין אָדעס, שילדערט ש. דובנאָוו די פּאָזיציע פון מענדעלע מוכר ספרים, וואָס איז יאָרנלאַנג געווען אין אָדעס דער פאַרוואַלטער פון דער תלמוד תורה און איז געשטאַנען אין אַ זייט פונעם שול־קאַמף. „מען דאַרף באַמערקן — שרייבט ש. דובנאָוו — אַז די פראַגע וועגן דער שפּראַך אין דער שול — דאַן נאָך נישט פאַרשאַרפט אין אַזאַ מאָס, ווי נאָך 1905 — האָט וויניק אינטערעסירט מענדעלען. ער האָט וויניק געהאַלטן פון די נייע דאַן חדרים מתוקנים, וואו עס האָבן זיך אויפגעהאָדעוועט קליינע העברעאיסטן, און ער האָט חוזק געמאַכט פון די פּרוּוון צו מאַכן פון העברעאיש אַן אומגאַנגס־שפּראַך. אויך יידיש איז נישט געווען אין זיינע אויגן קיין וויכטיקער דערציאונגס־פאַקטאָר אין שול.

דער פּרינציפּ פון אונטעריכט אויף דער מוטער־שפּראַך איז נאָך דאַן געווען אַ הילכתא דמשיחא, אַ ווייטער טרוים, ווייל ביים צאַרישן רעזשים, פאַר דער קאָנסטיטוציע, האָט וועגן יידיש ווי אַן אונטעריכט־שפּראַך נאָך נישט געקענט זיין קיין רייד. ווען אבראַמאָוויטשן וואָלט באַשערט געווען צו לעבן ביז דער פולער אויטאָנאָמיע פון דער יידישער שול, וואָלט ער געוויס געהאַלטן פאַר יידיש ווי די אונטעריכט־שפּראַך אין דער אָנפאַנג־שול".*)

אויך ש. דובנאָוו האָט זיך אָפּגים איינגיכן אַנטוישט אין דער אַלמעכטיקער ווירקונג פון העברעיש, ווייל אויסער די ציטירטע טעאָרעטישע הנחות וועגן העברעיש אין שול, טרעפן מיר אים אין ערגעץ נישט ווי אַ קעמפער פאַר העברעיש. אין די ציטירטע שטעלן דאַרף מען גיכער זען דעם אַטאַוויזם צו העברעיש, וואָס האָט געלעבט אין אים. אין דער צייט ווען ער האָט געשריבן זיין בריוו וועגן נאַציאָנאַלער דערציונג, איז אויך אין זיינע אויגן יידיש „נישט געווען קיין וויכטיקער דערציונג־פאַקטאָר אין שול". ער איז בכלל דעמאָלט, ווי אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן אין תוך געבליבן אַן אָנהענגער פון דריי־איינקייט אין געביט פון שפּראַך אין יידישן לעבן. אין יאַנואַר 1914, ווען ער איז געקומען קיין אָדעס אויף אַ קורצן באַזוך, האָט ער זיך געטראָפן מיט זיינע אַלטע פריינד. ער האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט, וו ער האָט אַזוי פאַרטיידיקט זיין געדאַנקען־גאַנג: „די פראַגע שטייט אַזוי (אין געביט פון שפּראַך — ח. ש. ק.): מאָניזם, דואַליזם אָדער דריי־איינקייט? מאָניזם אָדער אפילו דואַליזם זענען אוממעגלעך אָן אַ שאָדן פאַר אַ גאַר גרויסן קרייז מענטשן, וואָס די רוסישע שפּראַך איז געוואָרן זייער אומגאַנג־שפּראַך. הייסט עס, מען מוז שלום מאַכן מיט דער דריי־שפּראַכיקייט. נישט קיין ריוואַליטעט, נאָר מיטאַרבעטערשאַפט פון די שפּראַכן — אָט אין וואָס מיר נויטיקן זיך, זייער פאַרטיילונג אין פאַרשידענע שיכטן פון דער געזעלשאַפט, אין דער ליטעראַטור און אין דער שול (מיין קורסיוו — ח. ש. ק.)... די דאָגמע פון דער פאָלקס־איינהייט אין גלות דאַרף שטימען מיט דער דאָגמע פון קולטור־איינהייט אין דער פילשפּראַכיקייט" (קניגא זשיזני, ב' 2, ז' 148).

איז אויב ש. דובנאָוו האָט אפילו אין 1914 זיך געהאַלטן ביי דער מיינונג, אַז די דריי שפּראַכן פון גלות דאַרפן געהעריק פאַרטיילט ווערן „אין פאַרשידענע שיכטן פון דער געזעלשאַפט, אין דער ליטעראַטור און אין דער שול", — איז שוין קיין חידוש נישט, וואָס אין זיין בריוו וועגן דערציונג האָט ער העברעיש געשאָנקען זיינע סימפּאַטיעס און אומאַנטשיידן

*) „פון זשאַרגאָן צו יידיש", ווילנע 1929, ז"ז 121—123.

גערעדט וועגן יידיש. די געשעענישן פון 1905 האָבן אים אָבער פאַרט דער־פירט צו אַ מער אַנטשיידענער פּאָזיציע און ער האָט שוין גערעדט וועגן „ענערגיש שטיין פעסט פאַר דער פאָדערונג פון גלייכבאַרעכטיקונג פאַר אונדזער לעבעדיקער פאָלקס־שפּראַך", — און ער האָט מודה געווען, אַז די „גערעדטע יידישע שפּראַך אָדער דער „זשאַרגאָן" פּרעטענדירט היינט מיט רעכט אויף דער ראָל פון אונטעריכט־שפּראַך אין די עלעמענטאַרע שולן".

אויב מענדעלע האָט געקענט פאַרבלייבן אין זיין „עלפנביין־טורעם" און נישט זאָגן קיין אַנטשיידנדיק וואָרט אין דער שול־שפּראַך־פראַגע, האָט ש. דובנאָוו, ווי אַ פּראַקטישער קולטור־קעמפער, ווי דער שאַפער פון אַ טעאָריע וואָס האָט באַפרוכפּערט דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע פעלד, און ווי דער מיטגרינדער פון דער „פאָלקס־פּאַרטיי", זיך געמוזט אַנטשיידן און פאַרנעמען אַ קלאָרע פּאָזיציע אין דער פראַגע. אָבער אַן אָנהענגער פון דער פילשפּראַכיקייט, האָט ער פאָרט אַנדערש נישט געקענט טראַכטן וועגן יידיש ווי וועגן „דעם דריטן עלעמענט אין שול", וועגן דער גלייכבאַרעכ־טיקונג פון יידיש מיט די אַנדערע צוויי שפּראַכן. צום קלאָרסטן קומט אָט־דער שטאַנדפּונקט צום אויסדרוק אין דעם צוועלפטן בריוו „די לעקציעס פון די שרעקלעכע טעג", ווו ש. דובנאָוו האָט אינעם לעצטן קאַפּיטל אָנ־געצייכנט די פונקציעס און דעם אָרגאַניזאַציע־פּלאַן פון דער יידישער נאַ־ציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע. דאָס דאָזיקע קאַפּיטל האָט ער געשריבן איניִכן נאָכן צווייטן צוזאַמענפאָר פון דעם „פאַרבאַנד פון פולבאַרעכטונג פאַר יידן", וואָס איז צושטאַנד געקומען דעם 22־25־טן נאָוועמבער 1905 אין פּעטערבורג.

לויט דער סכעמע, וואָס ש. דובנאָוו גיט אין דעם אַרטיקל, „געפינען זיך די עלעמענטאַרע יידישע שולן אין גאַנצן רשות פון די קהילות; דאָס לערנען אין זיי פירט זיך אויף דער שפּראַך פון די יידן (דער גערעדטער אָדער דער העברעישער, אָפּהענגיק פונעם געלערנטן לימוד און פונעם טיפּ פון דער שול) לויט פּראָגראַמען וואָס זענען באַשטעטיקט פאַר אַלע אַזעל־כע שולן דורך דער צענטראַלער קהילה־אָרגאַניזאַציע". מיר זעען, אַז ש. דובנאָוו פאַרבלייבט אפילו אין 1905 אויפן שטאַנדפּונקט פון דואַליזם בנוגע דער שפּראַך פון דער שול. נישט יידיש ווי די איינציקע הערשנדיקע שפּראַך פון דער שול — סיי אין לערנען סיי אין אומגאַנג, — נאָר ביידע שפּראַכן מיט גלייכע רעכט. נישט דער פּרינציפּ פון מוטער־שפּראַך, נאָר דער פּרינציפּ פון קולטור־איינהייט: טייל לימודים וועלן געפירט ווערן אין דער יידישער שפּראַך — מסתמא די אַלגעמיינע, וועלטלעכע; אַנדערע לי־מודים וועלן געפירט ווערן אין דער העברעישער שפּראַך — מסתמא אַלע

אזוי גערופענע יידישע לימודים. ווייטער, עס וועלן קענען זיין פארשידענע טיפּן שולן, מיט יידיש ווי די לערן־שפּראַך פון אַלע לימודים, און מיט העברעיש ווי די לערן־שפּראַך פון אַלע לימודים. און אויב עס זאָל ארויס־שווימען אַ טיפּ שול, וואָס וויל געבן די קינדער יידישע דערציונג אין דער רוסישער שפּראַך, — איז דאָס מסתמא אויך דערלאָזבאַר, אין הסכם מיט דער גאַנצער טעאָריע פון „קולטור־איינהייט אין דער פילשפּראַכיקייט". אמת, אינעם פּונקט פונעם אָרגאַניזאַציע־פּלאַן ווערט דאָס בפירוש נישט געזאָגט, מיר האָבן אָבער אַ רעכט אָנצונעמען, אַז דאָס איז אין יענער צייט געווען דובנאָווס געדאַנקען־גאַנג.

אויך אין זיין פּערזענטן בריוו „וועגן די אויפגאַבן פון דער פאָלקס־פּאַרטיי" (פאַרעפנטלעכט פריער ווי די איינלייטונג צו דער פּראָגראַם פון דער פאָלקספּאַרטיי; אין בוך טראָגט ער די דאַטע „דעצעמבער 1906") געפינען מיר אַ פאָרמולע, וואָס איז ענלעך צו דער אויבן־געבראַכטער: „פרייהייט פון שפּראַך — לייענען מיר דאָ — און אויטאָנאָמיע פון דער שול — דאָס זענען פאַר יידן, פּונקט ווי פאַר אַנדערע נאַציעס, די ווערט־פולסטע פון די פאַרטיידיקטע „נאַציאָנאַלע רעכט", אָן וועלכע עס איז נישט מעגלעך קיין פולע גלייכהייט פון די בירגער פאַרן געזעץ" (פּיסמאַ, ז' 346). אלזא, „פרייהייט פון שפּראַך" — אַבסטראַקט, נישט בפירוש פון יידיש.

ערשט אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען עס האָט זיך פאַרשטאַרקט די מלחמה צווישן די העברעיסטן און יידישיסטן, ווען עס איז אויפגעקומען אַ גרויסע יידישיסטישע קולטור־באַוועגונג איבערן גאַנצן לאַנד, ווען די יידישע ליטעראַטור און דער טעאַטער האָבן זיך צעבליט מיט אַ גרויסער צאָל יונגע טאַלאַנטן און טריבונעס, ווען אין די רייען פון דער חברה מפיצי השכלה איז אויפגעקומען אַ שאַרפער קאַמף פאַר די רעכט פון יידיש, ווען יידישע לערער האָבן זיך גענומען אָרגאַניזירן און זאָגן זייער אַנטשיידנדיק וואָרט לטובת יידיש ווי די מוטער־שפּראַך פון קינד און ווי די איינציקע שפּראַך פון דער שול, ווען אין צענדליקער יידישע שולן האָט מען איינגעפירט דעם לימוד פון יידישער שפּראַך און ליטעראַטור און אין טייל אפילו אָנגעהויבן לערנען אַלע לימודים אין די יינגערע קלאַסן אויף יידיש, ווען אפילו אין דער גאָסודאַרסטווענע דומע האָט אָנגעהויבן רייפן דער געדאַנק וועגן געוויסע רעכט פאַר די שפּראַכן פון די נאַציאָנאַלע מיעוטים, — ערשט דעמאָלט האָט די פאָלקספּאַרטיי און איר טעאָרעטי־קער ש. דובנאָוו זיך אַנטשלאָסן צו אָנערקענען דעם פּרימאַט פון דער

*) קניגא זשיזני, ב' 2, ז' 132.

יידישער שפּראַך אין שול. ש. דובנאָוו אַליין דערציילט וועגן דעם אַזוי: ווינטער 1911 איז דער קאָמיטעט פון דער פאָלקספּאַרטיי רעאָרגאַניזירט געוואָרן: „נאָך אַ ריי באַראַטונגען האָבן מיר באַנייט אויך אונדזער פּראָגראַם"; צו דער גרונט־פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי האָט מען צוגעגעבן אַ פּאָר נייע פּונקטן. צווישן זיי איינעם אַזאַ: „די שפּראַכן, די פאָלקסשפּראַך (דער אַזוי גערופענער זשאַרגאָן) און דער היסטאָרישער העברעיש, דאַרפן פאַרנעמען אַ געהעריקן פּלאַץ אין אונדזער געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן. די יידישע שול, לפּחות די עלעמענטאַרע, דאַרף זיין נאַציאָנאַל און פאָלקסטימלעך אין זינען פון לערנען אויף דער מוטערשפּראַך (ראָדנאָם יאַזיקיע) פון די תלמידים"*)

אויך דאָ, זעען מיר, ווערט געצאָלט אַ גרויסער צינז דער העברעישער שפּראַך. צוגלייך מיט יידיש דאַרף זי פאַרנעמען „אַ געהעריקן פּלאַץ אין אונדזער געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן". דערפאַר אָבער בנוגע דער שול, אמת „לפּחות דער עלעמענטאַרער", ווערט קלאָר אַרויסגעבראַכט, אַז זי דאַרף לערנען אויף דער מוטער־שפּראַך פון די תלמידים. עס איז לגבי די אַלע פריער־געבראַכטע פאָרמולעס דובנאָווס אַ ווייטערער פּראָגרעס. און דאָס איז פאַרבליבן זיין שטאַנדפּונקט ביזן סוף פון זיין לעבן.

אין די גרויסע שלאַכטן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין די יאָרן 1910—1916 אויף די באַראַטונגען פון דער חברה מפיצי השכלה, באַגעגנען מיר ווייטער ש. דובנאָווס נאָמען. אין אונדזער עסיי וועגן דער חברה מפיצי־השכלה דערציילן מיר גענוי וועגן ש. דובנאָווס ראָל אויף די יערלעכע צוזאַמענפאָרן פון דער חמפ"ה. וועגן דער באַראַטונג פון דער חברה מפיצי השכלה אין פעברואַר 1916, ווו מען האָט באַטראַכט די פראַגעס פון דערציונג און שול פאַר די טויזנטער קינדער פון די מלחמה־פּליטים, דערציילט ש. דובנאָוו וועגן זיין מיטעלער פּאָזיציע: „עס זענען אָנגענומען געוואָרן די טעזיסן פון קאָמיטעט: יידיש — די אַלגעמיינע לערן־שפּראַך, אַ חוץ יענע פאַלן ווען עס איז מעגלעך צו לערנען עברית בעברית; מ'האָט אָפּגעשריגן דאָס לערנען רעליגיע, דערווייזנדיק אַז רעליגיע אין שול איז נישט דאָס זעלבע וואָס אַ „רעליגיעזע שול" (קעגן די ציוניסטן). *)

ווי מיר זעען, איז דאָ ש. דובנאָוו נוטה צו מאַכן געוויסע הנחות לגבי העברעיש („חוץ יענע פאַלן ווען עס איז מעגלעך צו לערנען עברית בעברית"), ווי אויך לגבי דעם לימוד רעליגיע; יידישיסטן — אַסאָציאירן זיך ביי אים מיט אַנהענגער פון ריינער וועלטלעכקייט. און דאָס איז אין

*) קניגא זשיזני, ב' 2, ז' 196.

פוילן הסכם מיט זיין געדאַנק, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט נאָך אין זיין ערשטן בריוו „די טעאָריע פונעם יידישן נאַציאָנאַליזם", ווו ער האָט געזאָגט: „שטרעבנדיק צו פאַרווּעלטלעכן די נאַציאָנאַלע אידייע, אָפּצוטיילן זי פון דער רעליגיע, ווילן מיר נאָר, אַז די רעליגיע זאָל נישט הערשן, אָבער נישט אַז זי זאָל אינגאַנצן אויסגעשלאָסן ווערן פון דער נאַציאָנאַלער גייסטיקן קאַפּיטאַל" (פּיסמאַ, ז' 17).

אינעם זעלבן יאָר 1916, דעם 22־טן מאַי, פאַרצייכנט ש. דובנאָוו אין זיינע מעמואַרן זיין אויפטריט אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון דער פּעטערבורגער אָפּטיילונג פון דער חברה מפיצי השכלה, ווו עס איז ווייטער אָנגעגאַנגען אַ וויכוח מכוח דער נאַציאָנאַלער שול. ש. דובנאָוו דערציילט, אַז ער האָט אַזוי געענטפערט די דיספּוטאַנטן פון „בונד" און פון די ציוניסטן: „איך האָב דערמאָנט דעם קאַמף, מיט 15 יאָר צוריק, אַרום דער אָדעסער מפיצי השכלה; דעמאָלט האָבן זיך געשלאָגן די נאַציאָנאַליסטן מיט די אַסימילאַטאָרן, געזיגט האָט די אידייע פון אַ נאַציאָנאַלער שול; און איצט איז פון איין זייט וואַרפט מען אָפּ די אַסימילאַציע, אָבער מען פאָדערט אַן אַ־נאַציאָנאַלע שול; פון דער אַנדערער זייט שטעלט מען אַרויס אַ פאַנטאַסטישע פאָדערונג פון העברעיזירן לויט דער שפּראַך די נאָרמאַלע שול... געענדיקט האָב איך מיט אַ רוף צו טראַכטן מער וועגן יודאיזם (יידישער קולטור) אין שול, איידער וועגן העברעיזם און יידישיזם". (קניגאַ זשיזני, ב' 2, ז' 199). נאָך דעם אַלעמען, וואָס מיר האָבן אויבן דערציילט, דאַרף מען זיך אינגאַנצן נישט וווּנדערן אויף די דאָזיקע פאָרמולירונגען פון ש. דובנאָוו.

ווען ש. דובנאָוו איז אינגיכן נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש אַריבערגעפאָרן קיין קאָוונע און ריגע, האָט ער דאָ אין עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען פאָרמולירט זיין שטעלונג אַזוי: „אין דער שול דאַרף די יידישע אונטעריכט־שפּראַך זיין אַ כלל און די העברעישע אַ — פּרט פאַר יחידי סגולה" (ז. רייזין, לעקסיקאָן, 1, ז' 680). עס איז כמעט די זעלבע ליניע, וואָס איז אויבן געשילדערט געוואָרן.

שפּעטער, וווינענדיק אין בערלין, איז ש. דובנאָוו נישט איין מאָל אַרויסגעטראָטן לטובת דער יידיש־וועלטלעכער שול אין פוילן און איר אָנפירערין — דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע (צישאָ). אין 1923 דערשיינט — אויף דער באַמיונג פון דער צישאָ און באַזונדערם פון ה. ד. נאָמבערג — אַן אויפרוף צו דער יידישער עפנטלעכקייט, אונטערגעשריבן דורך אַ גרופּע גרויסע יידישע שרייבער. דער אויפרוף אָפּעֶ־

לירט וועגן „ברידערלעכער הילף“ און סימפּאַטיע פאַר דער נייער ציישאָ־שול. צווישן אַנדערע האָט אויך ש. דובנאָוו אונטערגעשריבן דעם אויפרוף. און אַט דעם קאָנטאַקט מיטן יידיש־וועלטלעכן שולוועזן פון פוילן האָט ש. דובנאָוו אָנגעהאַלטן ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן. ווען אין 1924 איז געשען די שענדלעכע אָפּשטימונג פון דער יידישער קאָלאָ אין פוילישן סיים קעגן נ. פּרילוצקיס פאָרשלאָג צו סובסידירן די שולן מיט דער יידישער לערן־שפּראַך, איז ווידער אין בערלין צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אַ פּראָטעסט פון אָנגעזעענע מיטגלידער פון דער יידישער קאָלאָניע, און צווישן די אונטערשריפטן אויפן פּראָטעסט איז אויך געווען ש. דובנאָווס נאָמען. ווען אין 1925 איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער צווייטער שול־צוזאַמענפאָר פון דער ציישאָ, און עס איז אָנגעקומען אַ קאָלעקטיווע באַגריסונג פון די יידישע טוער אין בערלין, האָט אויך דאָס מאָל נישט געפעלט ש. דובנאָווס חתימה. במשך די וויטערדיקע יאָרן זענען געווען נאָך עטלעכע געלעגנהייטן, ווען ש. דובנאָוו האָט אויסגעדריקט סימפּאַטיע דער ציישאָ און איר שול. און שוין גאָר נאָענט צום טאָג פון זיין טראַגישן אומקום פון די הענט פון די נאַצישע מערדער, האָט ש. דובנאָוו געשריבן פון ריגע (דעם 25־טן פעברואַר 1940) צו די פירערס פון ציישאָ אין ווילנע: „ליבע פריינד! אייער בריוו און די פּאָר ביכלעך פון אייער פאַרלאַג זענען פאַר מיר געווען ווי אַ לעבעדיקער גרוס פון „יענער וועלט“, וואָס איז לעצטנס פאַרבונדן אין געדאַנק מיט גיהנום־בילדער. ווייזט זיך אַרויס, אַז די בעסטע טוער פון ציישאָ האָבן זיך צום גליק געראַטעוועט און האָבן אין אַ קורצער צייט שוין באַוויזן צו שאַפן אַ צענטער אין ליטע. איך האָב אַקאַרשט איבערגעלייענט אייער ערשטן נומער „שול און עלטערן“ — דער געדאַנק פון אַ בונד שול און היים איז אויסגעצייכנט פאָרמולירט, און איך ווינטש אייך דעם בעסטן דערפאָלג אויף דעם וועג. באַזונדערס האָט מיך דערפרייט די ידיעה, אַז אַפילו אין פוילישן גיהנום איז נאָך גאַנץ געבליבן אַ רעשט פון אייערע שולן... נעמט אָן מיינע האַרציקסטע ברכות פאַר אייער קולטור־אַרבעט, אייער שמעון דובנאָוו“. אַז אין אַט די ווערטער איז נישט געווען בלויז קיין פּשוטע קורטואַזיע, פאַרשפּאָרט מען דאָ צו דערווייזן.

די שול איז פאַר ש. דובנאָוון אַ רינג אין דער קייט פון דער יידישער אויטאָנאָמיע, פון דער יידישער קולטור. נישט זייענדיק קיין מאָניסט־יידישיסט, איז ער אָבער דורכאויס דערפאַר, אַז יידיש — די מוטער־שפּראַך פון די תלמידים — זאָל הערשן אין שול. ער האַלט יידיש פאַרן „אַנטשיידנסטן מיטל פון נאַציאָנאַלער דערציונג“. אַן אָנהענגער פון „קולטור־איינהייט אין דער פילשפּראַכיקייט“, קומט ער צום געדאַנק וועגן פּרימאַט

פון יידיש אין דער פּאָלקשול. אָנערקענענדיק, אַז יידיש און העברעיש דאַרפן ביידע פאַרנעמען אַ „געהעריקן פּלאַץ" אין אונדזער קולטור־לעבן, קומט ער צום אויספיר, אַז אין דער שול „דאַרף די יידישע לערן־שפּראַך זיין אַ כּלל". די שול אין דער יידישער שפּראַך איז פאַר אים אַן עלעמענט פון דער קולטור־נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, די פרייהייט פון שפּראַך בכלל איז פאַר אים דאָס „וויכטיגסטע פון די נאַציאָנאַלע רעכט".

דער חדר מתוקן — זיין ראָל, געשיכטע און פּראָגראַם

סוף די 80ער יאָרן האָט זיך אין צאַרישן רוסלאַנד די צאָל ייד׳ קינדער אין די מלוכהשע, שטאָטישע און „אויעזדנע״ שולן שוין גאַנץ היפּש אָנגעזען. דער פּראָצענט ייד׳ קינדער האָט אין 1886 שוין אויסגעמאַכט 4.4% פון אַלע קינדער. די שפּעטערדיקע יאָרן — דאָס זענען געווען יאָרן, ווען דער ייד׳ מיטלשטאַנד איז געוואָקסן אין צאָל און אין רייכקייט. צוזאַמען מיט דעם האָבן די דאָזיקע שיכטן באַקומען אַלץ אַ גרעסערן שטרעבן צו געבן זייערע קינדער אַ רוסישע דערציאונג, און מיט 25 יאָר שפּעטער זעען מיר דעריבער שוין אין די זעלבע מלוכהשע שולן (שטאָטישע און אויעזדנע) פון גאַנצן לאַנד 14.356 יידישע קינדער, דאָס האָט אויסגעמאַכט 8.8%, אין פאַרגלייך מיט 1886 האָט זיך, הייסט עס, די דאָזיקע צאָל פאַרטאָפּלט.

אָבער די מלוכהשע שול האָט אינגאַנצן איגנאָרירט די יידישע לימודים. אַ גרויסער טייל פון יידישן מיטלשטאַנד האָט זיך געפילט נישט באַפרידיקט, און ער האָט געזוכט אַנדערע מעגלעכקייטן צו באַזאָרגן די קינדער מיט אַלגעמיינע און יידישע לימודים גלייכצייטיק. דער חדר און תלמוד־תורה איז נישט געווען פאַר דעם עלעמענט. עס האָט זיך געפאָדערט אַ נייער טיפּ יידישע שול.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך אין געוויסע טיילן פון מיטלשטאַנד געשטאַרקט דער נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין. עס איז אויך אויסגעוואַקסן אַ יידישע אינטעליגענץ, צווישן וועלכער עס איז אויפגעקומען דער געדאַנק וועגן אויפלעבן די העברעאישע שפּראַך. פון דער אַנדערער זייט האָט זיך אַלץ מער פאַרשפּרייט דער באַוואוסטזיין, אַז דער חדר און תלמוד־תורה מוזן רעפאָרמירט ווערן, עס מוזן געפונען ווערן נייע וועגן פאַר מאָדערנער און נאַציאָנאַלער דערציאונג פון די אונטערוואַקסנדיקע דורות. און אָט אויף דעם באָדן איז אין דעם לעצטן יאָרצענדליק פון פאַ־

ריקן יאָרהונדערט אויפגעשטאַנען אַ נייער דערציאונגס־אַנשטאַלט ביי יידן — דאָס איז געווען דער חדר מתוקן.

עס פעלן גענוגנדיקע מאַטעריאַלן וועגן דעם סאָציאַלן באַשטאַנד און כאַראַקטער פונעם חדר מתוקן, אָבער דאָס ביסל וואָס מיר ווייסן יאָ וועגן אים, באַשטעטיקט, אַז ער איז געווען די שול פונעם יידישן מיטלשטאַנד. אַט האָט, למשל, פּ. שאַפּירא געגעבן די געשיכטע פונעם חדר מתוקן אין באָברויסק („וועסטניק אָפּע", נומ' 12, 1912). דער דאָזיקער חדר איז שוין דעמאָלט געווען צוועלף יאָר אַלט. און אָט וואָס פאַר אַ סאָציאַלער באַשטאַנד פון די תלמידים עס איז אין אים געווען: 31% קינדער פון רייכע בעלי־בתים; 22% פון מיטעלע קרעמער; 18% פון האַנדלס־אָנגע־שטעלטע און ביוראַליסטן; 12% בעלי מלאכות; 12% גבירים; 3% לע־רער; 2% אַנדערע פרייע פּראָפעסיעס. מיר זעען, בכן, דער באָברויסקער חדר מתוקן האָט געהאַט 65% קינדער פון די רייכע און מיטעלע קלאַסן. אַט דעם קינדער־באַשטאַנד דאַרף מען אָננעמען פאַר טיפּיש בנוגע אַלע חדרים מתוקנים. מיין אייגענע דערפאַרונג באַשטעטיקט אויך דעם זעלבן פאַקט.

אין פאַרגלייך מיט די טראַדיציאָנעלע חדרים איז דער גאַנצער אופן פון לערנען, די פּראָגראַם און די מעטאָדן פון לערנען, די היגיענישע באַ־דינגונגען אינעם חדר מתוקן געווען מער מאָדערן, פּראָגרעסיוו, אייראָפּע־איש. דער גרעסטער טייל פון אָט די רעפאָרמירטע חדרים האָט זיך גע־פירט עברית בעברית. דער לערער־עלעמענט איז געווען אָן אידעאַליס־טישער, יונגער, נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיניקער. אַ סך פון די חדרים מתוקנים זענען געשטאַנען אונטערן איינפלוס און אָנפירונג פון די חובבי ציון און שפּעטער פון ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס און קרייזן. אַ סך חדרים מתוקנים זענען געגרינדעט געוואָרן דורך איינצלנע .ענטוזיאַסטן פון דער העברעאישער שפּראַך און פון מאָדערנער פּעדאַגאָגיק. די אויסערלעכקייט פונעם חדר מתוקן איז געווען ווי אין אַ שול: מיט קלאַס־מעבל, מיט אַ וואַנט־טאָוול, מיט בילדער צום אָנשוילעכן מעטאָד, מיט אַ פאַרטיילונג אויף קלאַסן און גרופּעס. מען האָט ס'רוב געלערנט אָן אַ היטל, אפילו ספורי המקרא. עס האָט זיך געפילט אין דער גאַנצער אַרבעט — ברען, גלויבן, עקשנות, פּעדאַגאָגישע צילבאַוואוסטקייט, נאַציאָנאַלער גייסט. מע האָט געזונגען די „התקוה", מען האָט געזונגען אַנדערע קינדער־לידער אויף העברעאיש. דאָס זענען געווען אין תוך געזעלשאַפטלעכע שולן, מיט אַ שכר־לימוד. פון 1902 אָן האָט די חברה מפיצי השכלה אָנגעהויבן סוב־סידירן אָט דעם נייעם טיפּ מוסטער־חדרים, אָבער די דאָזיקע סובסידיעס

זענען נישט געווען גענוגנדיק, און דער חדר מתוקן האָט געזוכט אַן אָנ־שפּאַר אין די ציוניסטישע קרייזן.

און דאָך איז דער חדר מתוקן פאַרבליבן אַן עקספּערימענט, אַ פּאַר־איינצלטער אַנשטאַלט. אים איז נישט באַשערט געוואָרן צו ווערן אַ נאַ־ציאָנאַל־פאָרשפּרייטע שול. עס שרייבט וועגן דעם חיים פּיאַלקאָוו אין „וואָסכאָד" נומ׳ 4, 1904: „דער אַלטער חדר... פאַרבלייבט ווייטער דער הויפּט־פאַרשפּרייטער פון עלעמענטאַר־בילדונג פאַר אונדזער מאַסע. בשעת דער חדר מתוקן... שלאָגט זיך דורך אַ וועג זייער פּאַמעלעך און זייער אומזיכער... ער פאַרבלייבט ביז היינט אַן אחד בעיר, און דאָס אויך נישט שטענדיק, און ער איז אויסגעשטעלט אויסשליסלעך אויף פּריוואַטער איניציאַטיוו".

זומער 1904 האָבן אויפן אויפטראָג פון דער חברה מפיצי השכלה לעוונער און שײנקין אויסגעפאָרשט דעם חדר אין דעם מערב־געגנט. לעוו־נער האָט באַזוכט 108 חדרים אין באָברויסק, רעזינע, באָריסאָוו, לידע, סווענציאַן. האָט ער דאָ געפונען: 14 חדרים וואָס האָבן איינגעפירט גע־וויסע אויסבעסערונגען, 71 — אַלטע חדרים מיט אַלט־פרענקישער פירונג, און 23 חדרים אויפן מיטלוועג צווישן די אַלט־פרענקישע און די פאַר־בעסערטע.

דער חדר מתוקן איז אָפט אויסגעשטאַנען רדיפות מצד די קאָנסער־וואַטיוו־אָרטאָדאָקסישע עלעמענטן אויף דער יידישער גאַס. זיי האָבן נישט געקענט מוחל זיין דעם חדר מתוקן, אַלמאַי ער לערנט נישט „ווי גאָט האָט געבאָטן" — קמץ אלף אָ; מלמדים און רבנים האָבן געפירט קעגן חדר מתוקן אַ העפטיקע קאַמפּאַניע, אָפט האָט מען אים אַפילו אין חרם אַריינ־געלייגט. ווי עס דערציילט מ. קריינין אין זיין אַרטיקל „דער שול־געביט" אין דעם יאָרבוך „יעווריעיסקי יעזשעגאָדניק", ס. פּעטערבורג 1902, האָט מען אין מינסק און בערדיטשעוו אין 1901 אויסגעהאַנגען אין די בתי־דרשים אזהרות פון די רבנים, אַז מען זאָל נישט אָפּגעבן די קינדער אין די נייע חדרים מתוקנים. מע האָט וועגן זיי געשריבן ווי וועגן „חדרים מסוכנים".

ד"ר שמריהו לעווין איז אין זיינע יוגנט־יאָרן געווען איינער פון די נאַציאָנאַל־פּאָלקסטימלעכע אידעאַליסטן, וואָס האָבן זיך געוואָלט ווידמען דער רעפאָרם פון דער יידישער שול און דערציאונג. פאַרענדיקט די באַ־רימטע „האָכשולע פיר וויסענשאַפט דעס יודענטומס", האָט ער באַשלאָסן נישט צו גיין אויפן אויסגעטראָטענעם וועג פון זוכן אַ ראַבינער־שטעלע ביי יידן, נאָר... עפענען אַ חדר מתוקן, אַ נייעם טיפּ מוסטער־שול. צו דעם צוועק איז ער געקומען קיין וואַרשע און דאָ מיט דער הילף פון זיינע

פריינד זיך גענומען צו דער ארבעט פון פאַרלייגן די פונדאַמענטן פון אַ נייעם חדר. דאָס איז געווען אין 1894-1895. ש. לעווין דערציילט וועגן דעם אין זיינע מעמוארן *).

„ווען עס האָבן אָנגעהויבן בלאָזן נייע ווינטן און עס איז קלאָר געוואָרן פאַר יעדן אמתן משכיל, אַז אָן אַ ראַדיקאַלער רעפאָרמירונג פונעם חדר איז קיין רענעסאַנס־באַוועגונג נישט דענקבאַר, און אַז אָנהייבן מוז מען פון אלף־בית, פון פאָלקס־חדר, — האָט מען זיך אָנגעשטויסן אויף צוויי שטרויכלונגען: ערשטנס, האָט מען געמוזט ברעכן די אינערציע פון די עלטערן. דער אַלטער חדר, דער צעבראָכענער און די יונגע נפשות צעברעכנדער, דער רואינירטער און רואינערנדער חדר, איז געווען הייליק אין די אויגן פון די מאַסן... די מאַסן האָבן דעריבער ארויסגעצייגט אַ גרויסע האַרטנעקיקייט און האָבן געקעמפט קעגן דעם חדר מתוקן. עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז די מאַסן זענען אונטערשטיצט געוואָרן... פון אולטראַ־אָרטאָדאָקסישע עלעמענטן און הויפּטזעכלעך פון די מלמדים. די לעצטע האָבן דאָך פאַרשטאַנען, אַז דער נייער חדר גראָבט אונטער זייער עקסיסטענץ, און זיי האָבן געפירט אַ קאַמף פאַר זייער דאַזיין... דער נייער יידישער לערער האָט זיך נישט גערופן מער מלמד, ער האָט געהייסן „מורה", און די יידישע חדר־יינגלעך האָבן אָנשטאָט רבי, דעם געהייליקטן נאָמען פון מלמד, גערופן זייער נייעם לערער „אדוני המורה"... איך בין באַשטאַנען דערויף, אַז אין דעם חדר, וואָס איך גיי גרינדן, זאָל מען זיך אומקערן צום אַלטן נאָמען מלמד... מיט דער הילף פון מיינע פריינד האָב איך געפונען אַ פּאַסנדע דירה אין געדיכטן טייל פון דער יידישער געגנט, באַשטעלט נייטיקע מעבל און צוגעטראָטן צו קריגן תלמידים. מיין פריינד זאב גוסקין... האָט מיך געדאַרפט פאָרשטעלן פאַר די עלטערן פון די תלמידים... מיין פריינד האָט מיר געראָטן, איך זאָל ביי די באַזוכן אָנטאָן אַ צילינדער־הוט... איך זאָל מיט די עלטערן רעדן נאָר דייטש און טאַקע „קריסטלעך־דייטש"... וואָלט איך געענפּט אַ מיטלשולע און ווערן אַ דירעקטאָר — דאָס וואָלט יעדער פאַרשטאַנען. און עס וואָלטן ניט אויסגעפעלט קיין תלמידים, אָבער אַ פּשוטער חדר מיט מיר אַלס מלמד — דאָס וועט קיינער נישט פאַרשטיין און מע וועט אויף מיר קוקן ווי אויף אַ קוריאָז אָדער ווי אויף איינעם, וואָס האָט באַהאַלטענע כוונות.

---

*) „פאָרווערטס", 14טער און 21טער דעצעמבער, 1929, ד״ר שמריהו לעווין — „מיין לעבנסגעשיכטע". — אַן ענלעכן עפּיזאָד דערציילט וועגן זיך ח. ל. זוטא אין זיין בוך „בראשית דרכיי".

דאָס אַלעס צייגט, ווי נידריק עס איז געשטאַנען דער חדר אין די אויגן פון דער יידישער אינטעליגענץ".

פאַרשטייט זיך, אַז פון דעם גאַנצן שיינעם יונגנטלעך־אידעאַליסטישן פּעדאַגאָגישן פּראָיעקט איז גאָרנישט געוואָרן. „מיין פּלאַן — פאַרענדיקט ש. לעווין מעלאַנכאָליש — איז נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן". דאָס פרום־אָרטאָדאָקסישע וואַרשע איז זייער קנאַפּ געווען צוגעפּאַסט פאַר אַזאַ מין עקספּערימענט.

אויך ד"ר חיים ווייצמאַן דערציילט אין זיין „געשיכטע פון מיין לעבן" („פאָרווערטס", 13טער יאַנואַר 1949), ווי אַזוי ער איז אין זיינע יונגע יאָרן אריינגעצויגן געוואָרן אין דער באַוועגונג אַרום דעם „חדר מתוקן": „אויך אין דער אַגיטאַציע, וואָס מ'האָט דעמאָלט אָנגעפירט אויסצובעסערן די חדרים ביי יידן, בין איך געווען זייער שטאַרק פאַראינטערעסירט. אומדירעקט איז די פראַגע וועגן אַ „חדר מתוקן" פאַר יידישע קינדער דאָך געווען פאַרבונדן מיט דער אידעע פון ציוניזם. עס איז געווען נייטיק צו רעפאָרמירן דעם חדר, נישט נאָר וואָס שייך באַקוועמלעכקייט און דעם אופן ווי מ'לערנט דאָרט, נאָר דער עיקר וואָס שייך דעם גאַנצן צוגאַנג צו דער עלעמענטאַרער בילדונג וואָס מ'גיט דאָרט די יידישע קינדער. — — מיט דעם „חדר מתוקן" איז מען אויסן געווען איינצופירן אַ מער מענטשלעכן דרך אין לערנען גלייך ביים אָנהייב, און אויף העבראַאיש האָט מען דאָרט געשטעלט דעם טראָפּ ווי אויף אַ לעבעדיקער שפּראַך, ווי אויף אַ „שפה חיה ומדוברת" און מ'האָט אויך פּעסט אונטערגעשטראָכן די וועלטלעכע זייט פון יידישקייט און מ'האָט אריינגענומען די אַלע אַנדערע וועלטלעכע לימודים, די „חכמות חצוניות אויף וועלכע מ'האָט געקוקט ווי אויף אַ שרעקלעכן טריף־פּסול".

אָבער נישט געקוקט אויף דער מיטאַרבעט און הילף מצד אַזעלכע יונגע אינטעליגענטע כוחות ווי ש. לעווין און ח. ווייצמאַן*) האָט דער „חדר מתוקן" דאָך קיין דערפאָלג נישט געהאַט. די סיבה פון דעם איז געלעגן נישט אין דער „אינערציע פון די עלטערן", ווי עס קלאָגן זיך דיביידע דערמאָנטע טוערס, נאָר זי איז געווען אַ סך טיפער. דער אומדערפאָלג פונעם „חדר מתוקן" איז געווען אַ דערשיינונג פון סאָציאַלן כאַראַקטער.

ווי מיר האָבן שוין אויבן אָנגעוויזן, איז דער חדר מתוקן געווען די שול פון דעם יידישן מיטלשטאַנד. דער דאָזיקער עלעמענט האָט אָבער

*) אין דעם קאַפּיטל „יידיש אונטער צוויי פייערן" דערצייל איך אויך וועגן ד"ר יוסף לוריאַס פּרואוו צו עפענען אַ חדר מתוקן אין וואַרשע.

געלעכצט נישט נאָך עברית בעברית, נאָר נאָך אַלגעמיינער בילדונג: נאָך אַ ביסל רוסיש און אַריטמעטיק, נאָך אַ שטיקל אַטעסטאַט, וואָס זאָל דער־מעגלעכן זייערע קינדער צוצוקומען צום טיש פון די פּריווילעגירטע קלאַסן. אָבער אין דעם פּרט האָט דער חדר מתוקן גאָרנישט געקענט געבן. זיין יורידישע לאַגע איז געווען דיזעלבע, וואָס פון דעם אַלטן טראַדיציאָנעלן חדר, און לויטן געזעץ האָבן די חדרים נישט געהאַט קיין רעכט איינצו־שליסן אין זייער לערן־פּראָגראַם די אַלגעמיינע לימודים. און אויב אַ חדר מתוקן האָט דאָס יאָ געטאָן אויף אַ נישט־לעגאַלן אופן, און די קינדער האָבן דאָ באַקומען די התחלות פון די אַלגעמיינע למודים, האָבן די על־טערן באַלד געמאַכט דעם צווייטן לאָגישן שריט: זיי האָבן געזוכט אַ תכלית אין דער אָפיציעל אַנערקענטער מיטלשול (גימנאַזיע) אָדער לפּחות אין די מלוכהשע „אויעזדנע" און „שטאָטישע" שולן, וועגן וועלכע מיר האָבן געשריבן ביים אָנהייב פון אַרטיקל. דער חדר מתוקן איז נישט געווען קיין גענוגנדיקער תכלית פאַר דעם עלעמענט פאַרמעגלעכע עלטערן. ער האָט זיי אין אַ היפשער מאָס אימפּאָנירט מיט זיין העברעאיש און זיין איירָאָפּעאישקייט, אָבער דאָס איז נישט געווען גענוג... דער חדר מתוקן האָט נישט געהאַט קיין סאָציאַלן יסוד אין יידישן לעבן. נאָך אַ יאָר, העכסטנס צוויי, האָבן די עלטערן אָפּגענומען זייערע קינדער פון חדר מתוקן און געזוכט אַ „שענערן" תכלית פאַר זיי. עס האָט נישט געהאָלפן דער אידעאַליזם פון די לערער, וועלכע האָבן זייערע לעצטע אָפּשפּאָרונגען אַריינגעפּאַקט אין די דאָזיקע שולן, עס האָט נישט געהאָלפן די סימפּאַטיע פון די פּראָגרעסיווע ציוניסטן, עס האָט נישט געהאָלפן דער טיטל „מורה", ס'האָבן אפילו נישט געהאָלפן די קאָמפּראָמיסן אין פּרט פון רעליגיעזער דערציאונג. דער חדר מתוקן איז פאַרבליבן אַן עקספּערימענטאַלע דער־שיינונג אין דער געשיכטע פון יידישן שול־וועזן און אַמאָליקן רוסלאַנד.

איינער פון די עלטסטע העברעאישע לערער אין רוסלאַנד איז געווען ח. ל. (חיים לייב) זוטאַ. ער איז אויך געווען איינער פון די פּיאָנערן פון דעם חדר מתוקן. פריער געווען אַ לערער אין כאַרקאָווער תלמוד־תורה, איז ער שפּעטער איינגעלאַדן געוואָרן דורך מ. מ. אוסישקין קיין יעקאַ־טערינאָסלאַוו, און דאָרט האָט ער אָנגעפירט במשך פון עטלעכע יאָרן מיטן חדר מתוקן, אין דער אויסהאַלטונג פון וועלכן אוסישקין האָט גענומען דעם אַקטיווסטן אָנטייל. דער דאָזיקער חדר מתוקן איז געגרינדעט גע־וואָרן אין 1894—1895. כמעט אין דער זעלבער צייט איז געגרינדעט געוואָרן דער חדר מתוקן אין ניקאָלאַיעוו — לויט דער איניציאַטיוו פון די דאָרטיקע חובבי ציון נ. פּאָליאַס און ראובן שוכמאַן. די פּעדאַגאָגן גראָסמאַן און חיים פיאַלקאָוו זענען געווען מיטבאַטייליקט אין דער אַרבעט

פונעם ניקאָלאַיעווער חדר מתוקן. דאָס זענען געווען די ערשטע חדרים מתוקנים אין אַמאָליקן רוסלאַנד. דער דערפֿאָלג פֿונעם יעקאַטערינאָסלאַווער חדר מתוקן איז געווען זייער גרויס, און אינגיכן איז דאָרט געעפֿנט געוואָרן אויך אַ חדר מתוקן פֿאַר מיידלעך. אַרום 1902 זענען שוין אויך געווען חדרים מתוקנים אין האָמעל (געגרינדעט דורכן לערער ישראל אַדלער); אין אָדעס (דוכט זיך, עס האָבן דאָרט געלערנט ח. נ. ביאַליק און ש. בן־ציון); אין מאַריאופּאָל, אין ווילנע, קאָוונע און אַנדערע שטעט.

אין דעם ניקאָליעווער חדר מתוקן האָט אויך געאַרבעט יעקב לעשצינס־קי. „ער איז געשיקט געוואָרן — דערציילט ער אין „פֿאָרווערטס" פֿון 11־טן יוני 1950 — פֿון ראַוויניצקין קיין ניקאָלאַיעוו אַלס אַ לערער אין 1899, בעת יחיאלי איז דאָרט געשטאַנען אין דער שפּיץ פֿונעם חדר מתוקן... די דאָזיקע שולע האָט געשפּילט אַ גאָר גרויסע ראָלע אין דער פֿאַרשפּרייטונג פֿון העברעאיש און דער עיקר אין דער צוגרייטונג פֿון העברעאישע לערער. דער לערער פֿון דער רוסישער שול, גראָסמאַן, וועלכער איז געווען דער איבערגעגעבנסטער חסיד פֿונעם ניקאָלאַיעווער חדר מתוקן, כאָטש ער אַליין האָט נישט געקענט קיין העברעאיש... האָט געהאַט גרויסע פֿאַרדינסטן. דער ניקאָלאַיעווער חדר מתוקן האָט געהאַט ביי זיך עטלעכע לערער, וועלכע זענען שפּעטער געווען צווישן די גרינדער פֿון שולן אין ארץ ישראל".

אין דעם זעלבן אַרטיקל דערציילט, אַגב, יעקב לעשצינסקי אַז פֿון 1902 ביז 1904 האָט ער צוזאַמען מיט זיין ברודער יוסף (שפּעטער באַקאַנט אונטערן נאָמען י. כמורנער) געהאַט אַזאַ חדר מתוקן אינעם שטעטל האָ־ראָדישטשע, קיעווער גובערניע.

איינער פֿון די עלטסטע חדרים מתוקנים איז געווען אין האָמליע (לערער יש"י אדלער, ק. ל. סילמאַן, יחיאל הייל‌פּערין א"א). דעם דאָזיקן חדר מתוקן האָט מען באַטראַכט פֿאַר אַ מוסטער; לערער און געזעלשאַפֿט־לעכע טוערס זענען געפֿאָרן אַהין צו זען דעם פּעדאַגאָגישן וואונדער. אין האָמליע איז אַפֿילו פֿאָרגעקומען אַ מין לערער־קאָנפֿערענץ, און די 20 אָנ־טיילנעמער האָבן באַהאַנדלט די פֿראַגן פֿאַרבונדן מיט דער פּראַקטיק פֿון דער נייער שול („קובץ שני" פֿון „הפדגוג", וואַרשע תר"סג, באַריכט פֿון ק. ל. סילמאַן).

צום סוף פֿון פֿאָריקן יאָרהונדערט און אָנהייב היינטיקן יר"ה איז אין רוסלאַנד שוין געווען אַ היפּשע נעץ פֿון אָט די נייע לערן־אַנשטאַלטן (זשיטאָמיר, פּינסק, ביאַליסטאָק, קרעמעניעץ, זאַבלודאָוו, זאַסלאַוו, סאָס־נאָוויעץ און אַנדערע). ווי עס איז צו זען פֿון דער רשימה און פֿון די פֿריער געבראַכטע ביישפּילן, איז די דאָזיקע באַוועגונג באַזונדערס שטאַרק

געווען אויף דרום־רוסלאַנד. ווי געזאָגט, דער נייער טיפּ שול האָט אָנגעטראָפן אויף אַ גרויסער קעגנערשאַפט מצד דער אָרטאָדאָקסיע און קאָנ־סערוואַטיווע מלמדים. אָלע מיטלען זענען געווען כשר אויף צו באַקעמפן און באַשמוצן דעם נייעם טיפּ חדר.

* *
*

ח. ל. זוטא האָט באַשריבן זיין גאַנצע פּיאָנערישע אַרבעט אויפן געביט פונעם חדר מתוקן און פון דער מעטאָדע פון עברית בעברית אין זיין בוך „בראשית דרכי" (לתולדות בית הספר העברי), ירושלים תרצ"ד. און ער דערציילט דאָרט וועגן דער באַציאונג פון די עלטערן צום יעקאַ־טערינאָסלאַווער חדר מתוקן:

„דאָס פערטע יאָר פון אונדזער חדר האָט מיר פאַרשאַפט אַ סך דאגות. מיר האָבן זיך איבערציייגט, אַז דער תכלית דאָס איז אונדזער גרעסטער שטער (היא בעוכרנו), און ס'איז נישטאָ זיך וואָס צו פאַרלאָזן אויף די עלטערן און אפילו נישט אויף די גוטע ציונים, וואָס האָבן אונדז צוגע־זאָגט פאַרצוזעצן דעם חינוך פון זייערע זין אין חדר לכל הפחות במשך פינף יאָר... פונעם דריטן קלאַס זענען אויך היי־יאָר אַוועק קינדער — צוליב תכלית — אין אַ פּריוואַטער שול אריין, ווייל מע האָט זיי דאָרט צוגעזאָגט אַז מען וועט זיי אַריינעמען אין אַ גימנאַזיע; און פון פערטן קלאַס זענען אונדז פאַרבליבן, דוכט זיך, 4 אָדער 5. מיר האָבן פאַרשטאַ־נען, אַז אונדזער פאַנטאַזיע צו שאַפן אַ „חדר" וואָס זאָל דינען ווי אַן 8־יאָריקע פאָלקשול, דאָס איז אַן אידעאַל פאַר דער צוקונפט, און דערווייל לאָזט זיך עס נישט פאַרווירקלעכן" (בראשית דרכי, ז' ק"ן).

אויב אַזוי איז געווען די לאַגע אינעם יעקאַטערינאָסלאַווער חדר מתוקן, וואָס האָט געהאַט די אונטערשטיצונג פונעם מעכטיקן מ. מ. אוסישקין, — קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלן, אַז אין אַנדערע שטעט איז נישט געווען בעסער. דער חדר מתוקן האָט נישט באַהערשט דאָס פעלד פון יידישער דערציאונג. דער טראַדיציאָנעלער חדר, די געזעלשאַפטלעכע תלמוד־תורה, די ניי־אַנשטאַנענע געזעלשאַפטלעכע שולן פאַר מיידלעך — דאָס זענען געווען די ברייט־פאַרצווייגטע שול־סיסטעמען פאַר יידישע קינדער. דער חדר מתוקן האָט דאַ פאַרנומען דאָס גאָר קלענסטע אָרט. עס איז גראָד געווען אַ צייט, ווען דער יידישער געזעלשאַפטלעכער געדאַנק האָט געזוכט וועגן, ווי אַזוי צו רעפאָרמירן די שול־און דערציאונג־סיסטעם ביי יידן. די חברה „מפיצי השכלה" האָט געמאַכט אירע ערשטע טריט אויפן וועג צו „נאַציאָנאַליזירן" און פאַרפאָלקסטימלעכן די פאָלקשול, וועלכע זי האָט אָלץ מער געשטיצט מיט אירע סובסידיעס. און דער חדר מתוקן

האט גראד פעדאגאגיש געהאט אין זיך א סך רעוואלוציאנערע עלעמענטן. זיינע לערער זענען אפשר געווען פון די פראגרעסיווסטע דעמאלט. עס איז נישט קיין צופאל, וואס פון זייערע רייען זענען ארויסגעקומען אזעלכע פעדאגאגן ווי ח. ל. זוטא און חיים פיאלקאוו (אגב, האבן זיי ביידע אויפן אויפטראג פון דער חברה מפ״ה אין 1902-3 ארויסגעגעבן אויף רוסיש א פראגראם פון די יידישע לימודים אינעם מוסטער-חדר). די חדרים מתוק-נים, ווי געזאגט, זענען געשטיצט געווארן פון די ציונים און זיי האבן פארמאגט אין זיך א סך אנגרייפערישקייט. און דאך איז די ראל פונעם חדר מתוקן געווען מער ווי א באשיידענע.

א גוטע אילוסטראציע פון אט דער ראל איז געווען דער צוזאמענפאר פון לערער און טוער, וועלכן די חברה מפיצי השכלה האט צוזאמענגע-רופן אין שטעטל ארשע, סמאלענסקער גובערניע, זומער 1902. דער דאזי-קער צוזאמענפאר האט אין א געוויסער מאס אנגעצייכנט די ריכטליניע פון דער וויטערדיקער טעטיקייט פון דער חמפ״ה. די נשמה און דער פאר-זיצער אויפן צוזאמענפאר איז געווען מ. קריניץ, וועלכער איז אליין געווען אן אנהענגער פון דער נאציאנאלער ריכטונג פאר דער פאלקשול. אויף דעם צוזאמענפאר איז אנגעגאנגען א גרויסע שלאכט צווישן די אנהענגער פון דער רוסיפיצירטער אסימילאטארישער דערציאונג און צווישן די נייע אויפגעקומענע חסידים פון א יידיש-נאציאנאלער שול. מצד די ערשטע איז די הויפט-ווארטזאגערין געווען די דעמאלט באקאנטע לערערין איליאן, וועלכע האט נאכן פארענדיקן די בעסטוזשעווער קורסן זיך געווידמעט דער יידישער פאלקשול, — און דאס האט פאר איר געהייסן א שול אויף רוסיש, געפירט אין מאדערן-פראגרעסיוון גייסט, מיט עלעמענטן פון פרא-פעסיאנעלער בילדונג. זי האט געגרינדעט א יידישע פאלק-שול אין כאל-מיטש, מינסקער גוב. אין 1897-1898. די דאזיקע שול איז געווען דאס שיינדל פון די חמפ״ה-שולן, און דער איינפלוס פון פרוי איליאן אין דער „אפע" איז טאקע געווען זייער גרויס. שפעטער איז די לערערין איליאן געווארן די פרוי פון א. שטראשון, דעם פעדאגאג און באפולמעכטיקטן פון דער חמפ״ה. זי איז געווארן אן אנהענגערין פון א שול אויף יידיש.

ח. ל. זוטא דערציילט וועגן דעם ארשער צוזאמענפאר:

„דער צוזאמענפאר האט זיך געפירט אויף רוסיש. דער הויפט-פונקט איז געווען „די יסודות פון דער פאלקשול". די אסימילאטארן זענען פון דער הויט געקראכן צו באווייזן מיט אלע כוחות, אז דער עיקר איז דאס פאטערלאנד אין וועלכן מיר לעבן -- זיין קולטור, זיין לעבן, זיין ברייטע ליטעראטור, ווי א צווייג פון דער אלגעמיינע קולטור — פון דער אייראפע-אישער, אלוועלטלעכער. דעם נאציאנאלן עלעמענט אין דער דערציאונג

האָבן זיי נישט צוגעגעבן קיין שום באַטייט, פאַרקערט, זיי האָבן אָנגעוויזן אויף דער סכנה וואָס שטעקט אינעם נאַציאָנאַלן שאָוויניזם. אָבער אויך די נאַציאָנאַלע ציוניסטן האָבן געוויזן זייער כוח... און צום סוף זענען אָנגענומען געוואָרן מיט אַ גרויסע מערהייט די נאַציאָנאַלע פּרינציפּן" *).

כמעט אַ וואָך צייט האָט געדויערט דער דאָזיקער צוזאַמענפאָר, און מערקווירדיק אַז אין אַלע דעבאַטן האָט דער חדר מתוקן צום ווייניקסטן פיגורירט. זוטא אַליין זאָגט וועגן דעם באַשיידן: „בנוגע דעם חדר מתוקן האָבן מיר נישט געקענט קיין סך אויפטאָן אויף דעם צוזאַמענפאָר. אונדזערע לערער זענען געווען ווייניק".

אפילו מיט יאָרן שפּעטער, אויף דעם רוסיש־ציוניסטישן צוזאַמענקום אין ווין אין 1913, וואו עס איז ברייט באַהאַנדלט געוואָרן די שול־פּראָבלעם, האָט זשאַבאָטינסקי אויסגערופן: „די עקסיסטירנדיקע פאָלקשול — דער חדר, די אַלגעמיינע שול אויף דער לאַנד־שפּראַך מיט יידישע לימודים אויף העברעאיש, און אפילו דער חדר מתוקן, זיי אַלע באַטייטן נאָר אַ נישטיק־קליינלעכע לייזונג, אָבער זיי פאַרענטפערן נישט די פראַגע וועגן אונדזער נאַציאָנאַלער שול".

אין 1908 האָט דער באַקאַנטער העברעאישער פּעדאַגאָג ש. ב. פּוגאַטשאָוו אַרויסגעגעבן אין וואַרשע אַ בראָשור אויף יידיש אונטערן נאָמען: „וואָס איז אַזוינס דער חדר מתוקן". הגם עס זענען שוין געווען אַוועק אַ פופצן יאָר זינט דער חדר מתוקן האָט עקסיסטירט אויף דער יידישער גאַס, האָט אָבער ש. פּוגאַטשאָוו אין דער בראָשור געשריבן: „עס איז קיין ספק נישט, אַז דער חדר מתוקן וואָס עקסיסטירט איצט, אַנטוויקלט זיך ערשט, און אַז ביז איצט האָט ער נאָך נישט געהאַט די מעגלעכקייט, איבער פאַרשידענע סיבות צו ווערן אַן אמתע יידישע אָנאַפאַנג־שולע מיט אַ פאָלקאָם־באַשטימטער פאָרעם... די יידישע נאַציאָנאַלע אינטעליגענץ, ביי וועלכער די נאַציאָנאַלע ערציאונג איז וויכטיק, ביי וועלכע די העברעאישע שפּראַך און ליטעראַטור איז טייער מיט אַן אמת, דאַרפן זיך אַליין נעענטער באַקאָנען מיט דעם חדר מתוקן, וועלכער איז צום גרויס באַדויערן דעם גרעסטן טייל פון זיי אומבאַקאַנט, און מיטווירקן צו פאַרשפּרייטן קלאָרע און ריכטיקע מיינונגען צווישן דער געזעלשאַפט וועגן ערציאונג בכלל און וועגן חדר מתוקן בפרט, זיי דאַרפן העלפן דעם לערער מלחמה האַלטן מיט די אַלע פאַרשימעלטע פאָדערונגען, וועלכע עס ווערן אים, דעם לערער, אַרויסגעשטעלט, וואָס דאָס האַלט אָפּ די אַנטוויקלונג פונעם נייעם חדר" (ז' 45).

*) בראשית דרכי, ז' קמה—קמז.

ווען אָט דער אומהצלחהדיקער אַנטוויקלונג פונעם חדר מתוקן וואָלט מען געקענט ברענגען נאָך אַ סך עדות. מיר וועלן זיך דאָ באַגרענעצן נאָר מיט איין ציטאַטע פון אַן אַרטיקל וואָס עס האָט געשריבן דער באַקאַנטער פּעדאַגאָג י. י. גלאַס („הפדגוג" 1903, וואַרשע). באַהאַנדלנדיק די שול־און לערער־פּראָבלעם פון יענער צייט („שאלת המורים"), שרייבט ער: „מיר לייענען טאָג טעגלעך אין די צייטונגען, אַז עס עפענען זיך חדרים מתוקנים איבער דער גאַנצער ברייט פון אונדזער לאַנד... איז אָבער, ראשית, זענען די דאָזיקע חדרים ווי אַ טראָפּן אין ים, און קענען יעדן חדר מתוקן איז פאַראַן אין יעדער שטאָט צענדליקער און אפילו הונדערטער אַלטע חדרים. אין אַזאַ גרויסער שטאָט ווי וויטעבסק, למשל, איז דאָ נאָר איין חדר מתוקן אויף די 500 אַלטע חדרים... אויך אין די אַנדערע שטעט געפינען זיך די חדרים מתוקנים אין אַזאַ פּראָפּאָרץ צו די נישט־מתוקנים. צווייטנס, די חדרים מתוקנים זענען ס'רוב ווי דער קקיון של יונה: היינט זענען זיי דאָ, מאָרגן נישטאָ. היינט עפנט מען אים מיט קולי קולות, מיט דרשות און געזאַנג, און מאָרגן שליסט מען אים שטילערהייט, מיט אַ לייכטן קרעכץ".

י. י. גלאַס ווייזט אָן אין דעם אַרטיקל, אַז אַ סך אַלטע מלמדים האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין דעם חדר מתוקן און אים פאַרשאַרלאַטאַנעוועט. אַלס אַביישפּיל ברענגט ער אַ „קול קורא" פון איינעם וואָס האָט געעפנט אַ חדר מתוקן אין אַ געוויס שטעטל. דער דאָזיקער „קול קורא", שרייבט גלאַס, וואָס „יעדער וואָרט אין אים איז אַ גראָבער גרייז, איז פול מיט צוזאָגן — פשוט הרים וגבעות".

אָט אַזוי האָט דער חדר מתוקן געקעמפט פאַר זיין עקסיסטענץ און געזוכט אַ וועג ווי אַזוי צוצופּאַסן און אַריינפּאַסן זיך אינעם אַרומיקן יידישן לעבן. אָבער, ווי געזאָגט, ער האָט קיין הצלחה נישט געהאַט...

נישט פריער, נישט אין 1908 און נישט שפּעטער אין די יאָרן ערב דעם ערשטן וועלט־קריג, איז דער חדר מתוקן נישט געווען קיין מאַסן־אַנשטאַלט.

אין 1912 האָט די חמפ"ה אויסגעפאָרשט דעם מצב פון חדר אין עטלעכע גובערניעס. איז אין יעקאַטערינאָסלאַווער גוב. געווען 95 חדרים און קיין איין חדר מתוקן נישט; אין וואָלינער גוב. 108 חדרים, קיין איין חדר מתוקן נישט; אין מינסקער גוב. 105 חדרים, פון דעם 19 חדרים מתוקנים; אין פּלאָצקער גוב. פון 125 חדרים איז געווען 7 מוסטער חדרים*).

---

*) „וויעסטניק אָפּע", נאָוועמבער 1912.

פון חדר און „שקאָלעס" ביז ציש״אָ

* *
*

וואָס זשע איז געווען דער פעדאַגאָגישער מהות פון דעם חדר מתוקן? וואָס פאַר אַ דידאַקטישע, מעטאָדישע, ריין־שולמעסיקע פּרינציפּן האָט ער געפּרידיקט?

דער חדר מתוקן האָט פאַרבונדן דעם נאַציאָנאַלן אידעאַל מיטן פּע־דאַגאָגישן. ער האָט זיך קאָנצענטרירט אויף דעם מעטאָד פון עברית בעברית, וועלכן ער האָט געהאַלטן פאַרן נאַטירלעכן מעטאָד, ווייל ער איז נישט נאָר צוגעפּאַסט צום לימוד פון שפּראַך, נאָר איז אויך צוגעפּאַסט צו דער נאַטור פון קינד. עברית בעברית איז פון אַלע שטאַנדפּונקטן, הייסט עס, דער נאַטירלעכער מעטאָד. העברעאיש איז די נאַציאָנאַלע שפּראַך פון יידישן קינד, און דער מעטאָד פון עברית בעברית איז דער נאַ־טירלעכער מעטאָד אויף צו דערגרייכן די הויכע דערציערישע אידעאַלן, וואָס די נייע שול דאַרף זיך שטעלן. ווען מ. מ. אוסישקין איז געקומען צו ח. ל. זוטא אין זיין כאַרקאָווער שול און ער האָט דערזען די גרויסע אויפטוען פונעם נאַטירלעכן מעטאָד, איז ער גלייך באַגייסטערט געוואָרן און אַריבערגענומען ח. ל. זוטאן קיין יעקאַטערינאָסלאַוו צו זיך.

אין דער דערמאָנטער בראשור כאַראַקטעריזירט פּוגאַטשאָוו אויף אַזאַ אופן דעם נייעם טיפּ שול: „דער חדר מתוקן אַלס אַ נאָרמאַלע יידישע אָנפאַנג־שולע, האָט דעם צוועק צו רייך מאַכן און אַנטוויקלען די הברה פון קינד. צוליב דעם צוועק פירט מען מיט די קינדער געשפּרעכן איבער נאַטור און וועלטלעכע ערשיינונגען, און מען אַנטוויקלט אין זיי די באַאָבאַכטונג (הסתכלות) מיט זייער אויפמערקזאַמקייט. מען געוואוינט דעם קינד צו־קוקן זיך צו יעדערער ערשיינונג, אינטערעסירן זיך מיט איר, אָפּשאַצן זי, און אויף אַזאַ אופן אַנטוויקלט מען ביים קינד דעם דורשט, די שטרעבונג צו וויסן, אַליין צו באַאָבאַכטן און צו פאַרשטיין אַליין". ווייטער זאָגט דער מחבר, אַז דער חדר מתוקן „איז באַשאַפן געוואָרן אויף אַריינצוטראָגן אָרדענונג און ליכט אין די ייד׳ לימודים" און ווייל דער חדר מתוקן „גייט אַרויס פון דעם וויסנשאַפטלעכן פּעדאַגאָגישן שטאַנדפּונקט, אַז אַ קינד דאַרף קריגן אַלע זיינע ידיעות מיט אַ נאַטירלעכער מעטאָדע, קומט ער צו דעם באַשלוס, אַז אויך די העברעאישע שפּראַך, וועלכע איז אַזוי טייער דעם יידישן פאָלק, דאַרף געלערנט ווערן מיט דער נאַטירלעכער מעטאָדע ד"ה עברית בעברית. די מעטאָדע פון עברית בעברית רופט זיך דערפאַר נאַ־טירלעכע מעטאָדע, ווייל דורך איר האָט מען די מעגלעכקייט נאַטירלעכער־ווייזע, אַזוי ווי אַ מוטער לערנט אויס איר קינד, אויסלערנען דעם שילער די העברעאישע שפּראַך" (ז׳ 23 און ז׳ 32).

אויף דעם באָדן איז אויסגעוואַקסן אַ סיסטעם, וועלכע האָט אויף אַ מעכאַנישן אופן געלערנט די קינדער „רעדן" העברעאיש און „דענקען" העברעאיש. די שמועסן זענען געוואָרן דער אָפּגאָט פון דער שול, דאָס פּלאַפּלען די געציילטע ווערטער אין העברעאיש איז געוואָרן דער אידעאַל און ער האָט אַלץ פאַרשטעלט. דער נאַאיווער העברעאיזם פון יענער תקופה האָט נישט געזען קיינע אַנדערע שוועריקייטן פאַר זיך. די גאַנצע פּעדאַגאָגיק איז פאַר אים געלעגן אין דער „אַנשוילעכער מעטאָדע" — דאָס איז געווען דער אלף און ת אין דערציאונג. נישט די פראַגע מוטערשפּראַך פון קינד, נישט די פראַגע וועגן אַלגעמיינער בילדונג און צוגרייטונג פון קינד צום לעבן און צום ארום — האָבן נישט עקסיסטירט פאַר די אָנהענגער פונעם חדר מתוקן. איז נישט קיין וונדער, וואָס זיי זענען אין דער מעטאָדע פון „מה זה? זה שולחן" דערגאַנגען ביז טעמפּקייט און קוריאָזקייט, און די „שיחה" האָט פאַר זיי פאַרשטעלט דאָס גאַנצע יידישע לעבן און אַלע דערציערישע פּראָבלעמען.

אַ בילד פון דער דאָזיקער טעמפּקייט פונעם דעמאָלטיקן העברעאיסטישן לערער — שילדערט נישט קיין אַנדערער ווי דער זעלבער ח. ל. זוטא אין דעם שוין עטלעכע מאָל ציטירטן ספר זיינעם.

זוטא דערציילט, ווי ער איז אין 1897 געקומען קיין אָדעס, כדי צו באַקענען זיך מיט דעם חדר מתוקן פון לערער כאַיוטין, וואָס האָט געהאַט דעם בעסטן נאָמען אויף גאַנץ דרום־רוסלאַנד. כאַיוטין האָט אים געוויזן אויף דער לעקציע אַלע זיינע בריהשקייטן אין דער קאָנסעקווענטער דורכפירונג פונעם מעטאָד עברית בעברית. האָט ער געהייסן די קינדער ארויסנעמען איינעם פון זייערע העפטן, וואו עס איז געווען די איבערזעצונג פונעם פאַרשפּרייטן רוסישן קינדער־לידל „סיערענקי קאָזליק" (דאָס גרויע ציגנבעקל). דאָס לידל אַליין פאַר זיך איז געווען גענוג נאַריש און פלאַך. אויף העברעאיש האָט עס געהאַט נאָך דעם זיבעטן חן. און אָט האָט זיך אָנגעהויבן דער אייגנטלעכער שמועס אויף „ריינעם העברעאיש" ארום דעם דאָזיקן אומגליקלעכן ציגנבעקל. איז עס געגאַנגען אַזוי:

„געווען אַמאָל אַ ציגנבעקל (גדי שעיר). ווער איז געווען? אַ ציגנבעקל איז געווען. וואָס פאַר אַ ציג איז עס געווען? אַ צוגנבעקל איז עס געווען. וואָס איז אַ גדי שעיר? אַ גדי שעיר איז ער געווען. וואָס האָט געהאַט דאָס ציגנבעקל? דאָס ציגנבעקל האָט געהאַט הערנער. ווער האָט געהאַט הערנער? דאָס ציגנבעקל האָט געהאַט הערנער. וואו זענען געווען די הערנער? זיי זענען געווען אויפן קאָפּ". און שפּעטער אביסל: „האָט אַ קו הערנער? יאָ, אַ קו האָט הערנער. וואָס נאָך האָט אַ קו? אַ קו האָט אַן עק. וואו איז ביי דער קו דער עק? דער עק איז ביי

דער קו על האָחור. איז פאַראַן אַן עק אויך אויפן מויל? ניין, אויפן מויל איז ניטאָ קיין עק".

„אַט דאָס — פאַרענדיקט זוטא — זענען געווען די פּראָגן פונעם לערער אין דער דאָזיקער כיתה, און די תלמידים האָבן געענטפערט אויף אַלע פראַגן אי אויסנווייניק אי שריפטלעך אין די העפטן אין דער היים... פאַרשטייט זיך, ווען איך בין אַרויס פונעם דאָזיקן חדר מתוקן... האָב איך נישט געקענט נישט מסכים זיין מיט יענע, וואָס פלעגן מאַכן חוזק, אַז דער נייער חדר איז אויף אַן אמת מסוכן" (ז' קו—קז).

אָבער די לערער פון די חדרים מתוקנים זענען געווען פאַרבלענדט פון דער נאַציאָנאַלער אידעע אויף וועלכער אַט די שול האָט זיך באַזירט. און זיי האָבן ווייטער געפּריידיקט זייערס. י. אפּשטיין האָט געשריבן אין זיין פּראָגראַמאַטישן אַרטיקל אין „אחיאסף" (וואַרשע, תרסא) אונטערן נאָמען „עברית בעברית": „יידן, לערנט עברית בעברית... די נייטיקייט צו רעדן העברעאיש אין שול איז נישט אָפּהענגיק פון דער יאָ, אָדער נישט מעגלעכקייט אויפצולעבן אונדזער שפּראַך. לאָמיר אָננעמען אויף אַ ווייל אַז אונדזער שפּראַך איז טויט און ס'איז נישטאָ קיין האָפענונג זי זאָל אויפשטיין תחית המתים, אָבער אפילו אַ טויטע שפּראַך דאַרף מען לערנען מיט אַ קורצן וועג און אַ גוטער מעטאָדע, באַזונדערס טאַקע אונדזער שפּראַך... דווקא די וואָס לייקענען אין דער אויפלעבונג פון אונדזער שפּראַך דאַרפן זיך באַמיען אַז מען זאָל לערנען אונדזער שפּראַך מיט דער נאַטירלעכער מעטאָדע כדי די קינדער זאָלן נישט פאַרלירן קיין סך צייט אָן שום נוצן... דער נאַטירלעכער מעטאָד הייסט אונדז רעדן מיט די תלמידים העברעאיש נאָך איידער זיי קענען דעם א"ב, און לערנען אַלע לימודים נאָר אין דער שפּראַך, און איינקריצן אירע יסודות אין די הערצער פון אַלע קינדער... די שפּראַך אונדזערע וועט דורך דער נאַטירלעכער שיטה ווערן פאַר אונדזערע קינדער אין אַ געוויסער מאָס — די שפּראַך פון זייער קינדהייט און זיי וועלן זי ליב קריגן... נאָר ווען אונדזערע קינדער וועלן לערנען זייער רעליגיע און די געשיכטע פון זייער פאָלק אין העברעאיש, וועלן זיי אויף אַן אמת דערפילן אַז זיי זענען קינדער פון איין פאָלק, ווייל אַלע האָבן זיי איין שפּראַך" (ז"ז 16—17).

* *
*

פאַר דעם חדר מתוקן זענען געשטאַנען עטלעכע שווערע פּראָבלעמען. די ערשטע פון זיי איז געווען: וואָס טוט מען מיט די אַלגעמיינע לימודים. ווייטער, לערנען זיי אויף רוסיש — הייסט צעשטערן דעם פּרינציפּ פון

גאַנצקייט אין דער דערציאונג. חוץ דעם, לעגאַל האָט מען גאָר נישט געקענט איינפירן דאָ די „לימודי חול". אויב ווידער איינפירן די דאָזיקע לימודים אויף העברעאיש, איז מען געשטאַנען פאַר גרויסע שוועריקייטן בנוגע דער טערמינאָלאָגיע און לערנביכער. זוטא דערציילט, אַז אין דעם יעקאַטערינאָסלאַווער חדר מתוקן האָט מען צוביסלעך יאָ איינגעפירט פריער חשבון און שפּעטער אויך געאָגראַפיע און נאַטורוויסנשאַפט — אַלץ אויף העברעאיש. אָבער מיר האָבן שוין אויבן געזען: די קינדער זענען אינעם הדר מתוקן געגאַנגען נאָר אין די ייִנגערע קלאַסן, כל זמן פאַר די עלטערן איז נאָך די פראַגע תכלית נישט געשטאַנען אין דער פולער שאַרפקייט. און די קינדער פון די ייִנגערע קלאַסן האָבן אוודאי נישט געדאַרפט און נישט געקענט האָבן אַריטמעטיק, געאָגראַפיע און נאַטור־וויסנשאַ... אויף העברעאיש.

זאָגט טאַקע עדות איינער פון די דעמאָלטיקע רירעוודיקסטע לערער, ט. ראָטענבערג, וועגן די חדרים מתוקנים: „הגם די נייע לערער פון די דאָזיקע שולן, אידעאַל געשטימטע, לייגן אין יסוד פון גאַנצן פּראָגראַם דעם מעטאָד עברית בעברית, פאָדערט אָבער דאָס לעבן אומברחמנותדיק זיינס און די עלטערן פון די תלמידים פאַרלאַנגען, אַז מע זאָל איינשליסן אין פּראָגראַם... אויך רוסיש, אַריטמעטיק און אַנדערע אַלגעמיינע לימודים. אָבער פון איין זייט, האָבן די דאָזיקע שולן, אַזוי ווי חדרים.. קיין רעכט נישט איינצושליסן אין זייער פּראָגראַם רוסיש און אַריטמעטיק; פון דער אַנדערער זייט, ווען מע פירט שוין יאָ איין די אַלגעמיינע לימודים, — איז נאָך אַ יאָר, העכסטנס צוויי, נעמען די עלטערן פון די תלמידים אָפּ זייערע קינדער פונעם חדר מתוקן, כדי זיי אָפּצוגעבן אין די אַלגעמיינע לערן־אַנשטאַלטן" (וואָסכאָד, נומ' 28, 1904).

נאָך איין שווערע פּראָבלעם איז געשטאַנען פאַרן חדר מתוקן: רעליגיעזע דערציאונג. לעולם האָט דער חדר מתוקן זיך געהאַלטן פאַר אַ וועלטלעכער שול. ער האָט געוואָלט בויען אויף מאָדערנע פּעדאַגאָגישע פּרינציפּן, און רעליגיעזע דערציאונג האָט זיך אַהער ווייניק וואָס געפּאַסט. אָבער דאָס לעבן האָט געפאָדערט „קרבנות". די מיטלשטאַנד־עלטערן האָבן גאָר אַנדערש נישט געקענט און נישט געוואָלט פאַרשטיין, ווי אַז זייערע קינדער באַקומען אינעם נייעם חדר אַ ייִדישלעכע, פרום־שטייגעריִשע דערציאונג. און די לערער פון די חדרים מתוקנים האָבן געמוזט גיין אויף הנחות. דער נאַציאָנאַליזם און ציוניזם האָט שוין אויסגעפונען די נייטיקע פאַרענטפערונגען און אויסטייטשונגען... ח. ל. זוטא דערציילט אין זיין בוך גאַנץ אָפן:

„געווען דאָ אויך אַ רעליגיעזע פֿראַגע: זאָל מען לערנען אין היטלען אָדער אָן? איך האָב געלייזט די פֿראַגע פּאָזיטיוו, און נישט דערפֿאַר ווייל די עלטערן האָבן עס פֿאַרלאַנגט, נאָר דערפֿאַר ווייל עס האָט זיך גערופֿן חדר — איז ווי קען מען לערנען אין חדר אָן היטלען? איך האָב אויך איינגעפֿירט אַ קורצע תפילה: מודה אני מיט געזאַנג און נאָכדעם די ברכה והערב נאָ״... (ז״ז קיט—קב).

אויך דער פֿריער דערמאָנטער באַריכט פֿון ק. ל. סילמאַן זאָגט (פֿאַר־רופֿנדיק זיך אויף די „תקנות אָרשע״): „מע דאַרף לערנען אין ערשטן לערנ־יאָר די תפילות „מודה אני״, „תורה צוה״, שמע ואהבת, ברכות הנהנין, ברכות התורה, ברכת ציצית.

נאָר זעלטן האָבן זיך געלאָזט הערן שטימען וועגן נישט־רעליגיעזער דערציאונג אין חדר מתוקן. י. י. גלאַס איז געווען איינער פֿון זיי. אינעם פֿריער דערמאָנטן זאַמלהעפֿט פֿון „הפדגוג״ שרייבט ער, למשל: „דער חדר מתוקן איז בעיקר באַשטימט פֿאַר יענע, וואָס האָבן זיך שוין באַפֿרייט פֿון רעליגיעזן לעבן און זיי ווילן דערציען זייערע קינדער אין אַ יידישן חינוך, אָבער נישט אין קיין רעליגיעזן״... „דער חדר מתוקן דאַרף שטרעבן נישט בסתר, בגנבה צו מאַכן די הומאַנסיטישע לימודים ווי אַ מין צוגאָב צו די לימודי הדת אָדער ווי אַ מין צוגרייטונג צו זיי, נאָר ער דאַרף זיי מאַכן פֿאַר זיין הויפּטציל און פֿאַרלאָזן די „יידישע״ למודים אין גאַנצן״. דער אידעאַל איז: „צו שאַפֿן אַ יידישן חינוך שלם ומתוקן באמת״.

אָבער, ווי געזאָגט, די מיינונג איז געווען אַן אויסנאַם. אין דער אמתן האָט רעליגיע פֿאַרנומען אַלץ מער פּלאַץ אינעם חדר מתוקן, וואו פֿריער וואו שפּעטער: מע האָט איינגעפֿירט ברכות, מע האָט אַריינגעכאַפּט צו־ביסלעכווייז סידור און דאַווענען, מע האָט געפּייערט יום טובים. אָבער דאָס אַלץ האָט נישט געהאָלפֿן. דער חדר מתוקן איז נישט נאָר ווייט געווען פֿון אַ טריאומף אויף דער יידישער גאַס, ער האָט כסדר דעגראַדירט.

גראָד איז די יורידישע לאַגע פֿונעם חדר געווען נישט קיין שלעכטע: די צייט פֿון פֿאַרפֿאָלגן פּאָליציייאיש דעם חדר און דעם מלמד איז שוין לאַנג אַריבער. לויט דער פֿאַראָרדענונג פֿון 1893 איז די אינסטיטוציע פֿון חדר און מלמדים פֿולשטענדיק צוריק לעגאַליזירט געוואָרן; אויף צו עפֿענען אַ חדר האָט מען נאָר געדאַרפֿט איינצאָלן דריי רובל. די לערער פֿון די חדרים מתוקנים האָבן זייער גוט אויסגענוצט די דאָזיקע נייע אָרדענונג. ענדלעך, אין 1903, האָט דאָס בילדונגס־מיניסטעריום שוין דערלויבט אפֿילו איינצואָרדענען קאָלעקטיווע חדרים, און אַזוי אַרום איז באַזייטיקט געוואָרן די לעצטע שטערונג אויפֿן וועג פֿונעם חדר מתוקן: מע האָט שוין געקענט האָבן עטלעכע קלאַסן מיט עטלעכע לערער אין דער זעלבער וואוינונג.

אונטער דער פירמע פון אַ חדר האָט זיך שוין איצט רואיק געלאָזט איינ־אָרדענען אַ גרויסע שול מיט עטלעכע אָפּטיילונגען. דער חדר מתוקן האָט, הייסט עס, נישט געוואוסט פון קיין רעכטלעכע רדיפות, אַזוי ווי דאָס איז שפּעטער באַשערט געווען אויסצושטיין דער יידיש־וועלטלעכער שול. און דאָך האָט דער חדר מתוקן נישט געהאַט קיין גרויס הצלחה אין זיין אַנט־וויקלונג. ער איז נישט געוואָרן קיין מאַסן־אינסטיטוציע. ער האָט נישט פאַרווירקלעכט קיין שום רעוואָלוציע אין דער יידישער דערציאונג. ער איז פּאַקטיש נעהאָנגען אין דער לופטן. ווי עס קלינגט זיין נאָמען, איז ער אייגנטלעך לכתחילה געקומען נאָר מתקן צו זיין די יידישע שול און דערציאונג.

* *
*

דער חדר מתוקן האָט נישט געאַרבעט אין אַ פּוסטן חלל. גלייכצייטיק מיט אים זענען געווען אַקטיוו אויך אַנדערע שולטיפּן און שול־אידעאָלאָגיעס. עס איז געווען טעטיק דער אַלטמאָדישער חדר און תלמוד תורה; עס איז געווען טעטיק די מאָדערניזירטע געזעלשאַפטלעכע שול (אויף רוסיש); עס האָט געאַרבעט דער יידישער געדאַנק איבערן פּראָבלעם ווי אויסצובעסערן און רעפאָרמירן דעם אַלטן חדר, פון דער אַנדערער זייט — ווי אַריינצוברענגען מער נאַציאָנאַלן אינהאַלט אין דער יידיש־רוסישער געזעלשאַפטלעכער שול. דער חדר מתוקן מיט זיין העברעאיסטישער פּראָ־פּאַגאַנדע האָט דערפאַר געהאַט קעגן זיך אַ סך קעגנער: דעם מלמד, די אָרטאָדאָקסיע, די ליבעראַל־רוסיפיקאַטאָרישע אינטעליגענץ. און סוף פּאַ־ריקן יאָרהונדערט איז אויסגעוואַקסן נאָך איין אַנגעזעענער קעגנער — דאָס איז דער געדאַנק וועגן אַ שול אין דער מוטער־שפּראַך פון יידישן קינד. די דאָזיקע אידעע האָט זיך ביי די צאַרישע באַדינגונגען נישט גע־לאָזט לעגאַל און אין פולער מאָס פאַרווירקלעכן אין דער שול, אָבער זי האָט געפונען געגנוג וועגן ווי אַזוי זיך אַריינצובאַקומען אין דער פּראַקטיק פון דער עקסיסטירנדיקער שול און אין די מוחות פון דער געזעלשאַפט. זי האָט אפילו געמאַכט אייניקע פּרוואוון אויפצובויען אַ גאַנצע אויסגע־האַלטענע יידיש־וועלטלעכע שול. און די פּראָפּאַגאַנדע פאַר יידיש אין שול — האָט זיך געלאָזט הערן אַלץ העכער נישט נאָר אין די סאָציאַליס־טישע קרייזן, נאָר אויך אין די ליבעראַל־בירגערלעכע. אָט די געשילדערטע פאַרשיידנזייטיקע קעגנערשאַפט — האָט אין אַ גרויסער מאָס פּאַראַליזירט די טעטיקייט פונעם חדר מתוקן.

כדי דער לייענער זאָל דערפילן ממשותדיק די גאַנצע שול־אַטמאָספערע און די אידעאישע שול־קאַמפן פון יענער צייט, וועל איך דאָ ברענגען

אייניקע ציטאַטן פון אַן אַרטיקל פון איינעם פון די טוער פון דער „חברה מפיצי השכלה", י. אייזענבערג, וואָס איז אָפּגעדרוקט אין „וואָסכאָד" 1904 (נומ' 19, 20, 21):

„נישט טיילנדיק די אָפּטימיסטישע מיינונגען וועגן דער מעגלעכקייט אויפצוהייבן דעם חדר צו מאָדערנע פּעדאַגאָגישע פאָדערונגען, האַלטן מיר, אַז עס זענען יאָ מעגלעך געוויסע אויסבעסערונגען אין דער אַוועקשטע־לונג פון די חדרים, אין יענע פאַלן ווען זיי ווערן פאַרוואַנדלט פון פּרי־וואַטע אונטערנעמונגען — אין געזעלשאַפטלעכע לערן־אַנשטאַלטן... דע־מאָלט וועט זיך דער חדר דערנענטערן צום עקסיסטירנדיקן ביי אונדז טיפּ פון געזעלשאַפטלעכע שולן — צו די תלמוד תורות... איך בין איינגאַנצן מסכים מיט דער מיינונג פון זשיטאָמירסקי (יעוור' שקאָלאַ, אַפּריל ד"י), אַז דער מעטאָד פון לערנען העברעאיש אין אונדזערע שולן דאַרף זיין אַ געמישטער: אויף די ערשטע שטופן בעיקר — דער נאַטורע־לער, אויף די העכערע — דער איבערזעצונגס־מעטאָד... רוסלאַנד איז אונדזער פאָטערלאַנד, און מיר דאַרפן קענען די הערשנדיקע שפּראַך, קע־נען אונדזער היימלאַנד. אָבער נישט ווייניקער וויכטיק איז צו קענען די מוטער־שפּראַך. די מוטער־שפּראַך פאַר די רוסישע יידן — דאָס איז דער זשאַרגאָן... אונדזערע שולן... טאָרן נישט פאַרמאַכן זייערע טירן פאַרן זשאַרגאָן, אויף וועלכן עס ווערט אין דער היים דערצויגן די מערהייט קינדער... דער זשאַרגאָן קען דינען פאַר דער אונטעריכטשפּראַך אין די מוסטער־חדרים און אין די תלמוד־תורות... אויף אַזעלכע קעגנשטאַנדן, ווי אַריטמעטיק, געאָגראַפיע און געשיכטע, קענען געלערנט ווערן אויף זשאַרגאָן... דאָס אַריינפירן זשאַרגאָן אין אונדזערע פאָלקשולן וואָלט געהאָלפן, ווי אונדז דוכט, צו פאַרקלענערן די צעריסנקייט צווישן דעם טראַדיציאָנעלן חדר און די שולן פון נייעם טיפּ. דער חדר פאַרגעסט נישט דעם זשאַרגאָן, באַנוצט אים אויף איינצופלאַנצן יידישע קענטענישן, און דאָס פאָלק פילט, אַז ער איז אים נענטער לויטן גייסט, ווייל ער צערייסט נישט די באַנדן מיט זיין מאַמע־לשון, אין אַ סך ערטער די איינציקע שפּראַך וואָס ער פאַרשטייט".

ווי מיר זעען, האָבן אפילו די בירגערלעך־ליבעראַלע שולטוער פון יענער צייט געהאַט אַ סך טיפערן און מער פאַראַנטוואָרטלעכן צוגאַנג צום שול־פּראָבלעם אויף דער יידישער גאַס; די גראַדליניקע איינזייטיקע איינ־שטעלונג פונעם חדר מתוקן — איז טאַקע געווען די סיבה פון זיין אומדערפאָלג.

די לערערשאַפט — אַ נייער געזעלשאַפטלעכער כוח

א. די ערשטע קאָנפערענץ פון יידישיסטישע לערער

צום סוף פונעם פאָריקן יאָרהונדערט איז אין רוסלאַנד שוין געווען אַ היפּשע נעץ פון געזעלשאַפטלעכע שולן פאַר יידישע קינדער, אין דער רוסישער שפּראַך און טיילווייז אין העברעאיש. די לערערס פון אָט די שולן האָבן געפילט אַ גרויס באַדערפעניש זיך צו אָרגאַניזירן און זיך צו טרעפן אויף אַ צוזאַמענקום, כדי געמיינזאַם צו באַהאַנדלען זייערע עקאָנאָמישע פּראָבלעמען און אויך די פּעדאַגאָגישע, געזעלשאַפטלעכע און רעכטלעכע פראַגעס פון דער יידישער שול. שוין אין 1897 טרעפן מיר אין „וואָסכאָד", נומ' 29, אַן אַרטיקל אונטערן נאָמען: „די אָרגאַניזאַציע פון די יידישע שולן און וועגן דער געמיינשאַפטלעכער אַרבעט פון די יידישע לערערס". די אידעע פון אַ לערער־צוזאַמענפאָר איז געהאַנגען אין דער לופטן. און סוף 1897 איז צווישן דער יידישער לערערשאַפט אָנגעגאַנגען אַן ענערגישע קאָרעספּאָנדענץ וועגן אַ לערער־צוזאַמענפאָר פון דער גאַנצער דרום־מערבדיקער געגנט.

אָבער די רעאַקציע אין לאַנד איז געווען זייער גרויס. און באַקומען אַ דערלויבעניש אויף אַ צוזאַמענפאָר פון יידישע לערערס איז געווען אַ זאַך פון פאַנטאַזיע. וואָס מער די רוסיש־יידישע פּרעסע האָט גערעדט וועגן דעם פּראָיעקט, אַלץ ווייניקער שאַנסן איז געווען צו קריגן אַזאַ דערלויבעניש. דעם ערשטן יאַנואַר 1898 איז אין ראָמען, פּאָלטאַווער גובערניע, פאָרגעקומען אין דער שול פון ט. ראָטענבערג אַ באַראַטונג פון יידישע לערערס, און מ'האָט דאָרט באַהאַנדלט די שולפראַגעס ווי אויך די נייטיקייט פון אַ לערער־צוזאַמענפאָר. די דאָזיקע באַראַטונג איז, פאַרשטייט זיך, געווען נישט לעגאַל און קיין באַריכטן וועגן איר פאַרמאָגן מיר נישט. זומער 1901 זענען אין יעקאַטערינאָסלאַוו ביי דער „געזעלשאַפט פאַר קעגנזייטיקער הילף פון יידישע לערערס" איינגעאָרדנט געוואָרן זו־

מער־קורסן פאַר יידישע לערערס. פאַקטיש האָט אָרגאַניזירט די קורסן „חברה מפ"ה". אויף די קורסן זענען זיך צונויפגעקומען 55 לערערס.

די בענקשאַפט נאָך אַ לערער־צוזאַמענפאַר איז נאָך שטאַרקער געוואָרן. אין דעצעמבער 1902 האָט די דערמאָנטע חברה מפ"ה אָרגאַניזירט אַ באַראַטונג פון איר פעטערבורגער קאָמיטעט מיט חשובע מיטגלידער פון דער פּראָווינץ. אָבער די אַריסטאָקראַטיש־ביוראָקראַטישע חברה האָט נישט געהאַלטן פאַר נייטיק איינצולאַדן צו דער באַראַטונג אויך פאַרשטייערס פון דער יידישער לערערשאַפט. אין נומ' 12 „וואָסכאָד" פון 1903 פּראָטעסטירט טאַקע קעגן דעם דער דערמאָנטער לערער ראָטענבערג.

אין אַן אַרטיקל אין דער בונדישער „פאָלקסצייטונג", ווילנע, פון 26־טן און 27־טן אָקטאָבער, 1906, לייענען מיר: „מיט אַ יאָר פינף־זעקס צוריק (איך געדענק נישט גענוי) איז אין אָרשע פאָרגעקומען אַ צוזאַמענפאַר פון יידישע לערערס און טוערס אין דער יידישער פאָלקסבילדונג. דאָרטן, אויף וויפל מיר געדענקט זיך, איז געשטאַנען אויפן טאָגעס־אָרדענונג די פראַגע וועגן אַ פּראָגראַם אין דער יידישער שול. די פראַגע האָט דאָרטן אַרויסגערופן זייער הייסע דעבאַטן. דאָרטן האָט זיך פונאַנדערגעקאָכט אַ קאַמף צווישן דער העברעאישער און רוסישער ריכטונג. און נאָר אָט די צוויי ריכטונגען האָבן זיך געלאָזט הערן אויפן צוזאַמענפאַר. אפילו איין שטימע האָט זיך נישט געלאָזט הערן, אַז פאַרן יידישן קינד איז נייטיק אַזאַ שול, וווּ מע זאָל לערנען אויף זיין מוטערשפּראַך. כאַראַקטעריסטיש איז נאָך דאָס, וואָס, אויף וויפל מיר דוכט, זענען אייניקע מיטגלידער פון צוזאַמענפאַר געווען סאָציאַליסטיש געשטימט"*).

וועגן אָט דעם צוזאַמענפאָר אין אָרשע וועט איר נישט געפינען קיין שפּורן אין דער דאַמאָלטיקער רוסיש־יידישער פּרעסע. די סיבה — די זעלבע: עס איז געווען אַ נישט דערלויבטער צוזאַמענפאַר און מ'האָט וועגן אים אין דער עפנטלעכקייט נישט געטאָרט דערמאָנען. איך דערצייל גענויער וועגן דעם אָרשער צוזאַמענפאַר — אינעם עסיי וועגן חדר מתוקן.

ערשט די רעוואָלוציע פון 1905 האָט געבראַכט אַן ענדערונג אין דעם פּרט. די צאָל יידישע וועלטלעכע שולן איז געוואַקסן. די צאָל לערער־יידישיסטן און בונדיסטן איז שוין געווען גרויס. איצט האָט מען שוין אָפן גערעדט וועגן אַ לאַנד־צוזאַמענפאַר פון יידישע לערערס און וועגן דער נייטיקייט צו אָרגאַניזירן אַ יידישן לערער־פאַריין. אָנפאַנג יולי, 1906, איז אין ווילנע צושטאַנד געקומען אַ צוזאַמענקום פון יידישע לערערס.

*) עמנואל — „פון דער זייט".

עס האָבן אָנטייל גענומען אין דער פאַרזאַמלונג אַ מאַן 40 לערערס און לערערינס פון מינסק, ווילנע, גראָדנע, וויטעבסק, קישעניעוו, מאָהיליעוו־פּאָדאָלסק, וואַרשע, ריגע און נאָך אַנדערע. עס איז אַרומגערעדט געוואָרן די פראַגע וועגן שאַפן אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַריין פון יידישע לערערס, און ס'איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ צייטווייליקע צענטראַל־ביוראָ. צווישן אַנדערע פּראָבלעמען האָט מען דאָ אויך באַהאַנדלט די באַציאונג פון דער באַפעלקערונג צום „זשאַרגאָן אַלס אַ לימוד־זאַך און אַלס אַ ליטעראַטור־שפּראַך". צווישן די אָנגענומענע רעזאָלוציעס האָט איינע גערעדט וועגן די אויפגאַבעס פונעם פּראָיעקטירטן פאַריין: „דער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין פון די יידישע לערערס און לערערינס אין רוסלאַנד שטעלט זיך פאַר אַ צוועק צו זאָרגן פאַר די מאַטעריעלע, גייסטלעכע(!) און קולטורעלע אינטערעסן פונעם לערער, די אויספאָרשונג און באַאַרבעטונג פון דער יידישער שול־פראַגע, קעמפן פאַר די דעמאָקראַטיזירונג און דעצענטראַליזירונג פון דער שולע" אא"וו. דאָס אויסגעווילטע צענטראַל־ביוראָ האָט טאַקע גלייך פאָרגעלייגט די לערערס אויף די ערטער, זיי זאָלן באַטראַכטן „די באַציאונג פון דער באַפעלקערונג צו דער שול, וואָס פאַר אַ טיפּ איז דער בעסטער פאַר דער יידישער פאָלקשול, די שפּראַך אא"וו".

אין סעפּטעמבער, 1906, טרעפן מיר אין דער ווילנער „פאָלקסצייטונג" נאָטיצן און קאָמוניקאַטן פון דעם צ"ב („קאָמיסיע פון יידישע לערער"), און עס רעדט זיך דאָ וועגן די צוגרייטונגען צום לאַנד־צוזאַמענפאָר פון יידישע לערערס און פאָלקסבילדונגס־טוערס. אינעם סדר היום, וועלכן די קאָמיסיע האָט אָנגעמערקט פאַרן קומענדיקן צוזאַמענפאָר, געפינען מיר פונקטן וואָס זענען אַזוי פאָרמולירט: „די שפּראַך אין דער יידישער שול; וועגן לער־ליטעראַטור פאַר דער יידישער שול בכלל און אַ זשאַרגאָנישע כרעסטאָמאַטיע בפרט; די רעליגיע אין שול; וועגן אַ נאָרמאַלן טיפּ פון אַ שול פאַר יידישע יינגלעך און מיידלעך". אין דער זעלבער „פאָלקסצייטונג" געפינען מיר במשך אָקטאָבער, נאָוועמבער און דעצעמבער פאַרשידענע דיסקוסיע־אַרטיקלען איבער די פראַגעס, וואָס דאַרפן באַהאַנדלט ווערן אויפן צוזאַמענפאָר.

ווי מיר זעען, זענען די איניציאַטאָרן פונעם צוזאַמענפאָר צוגעטראָטן צו דער זאַך מיט גרויס פאָרזיכטיקייט: זיי האָבן געפּלאַנעוועט אַ צוזאַמענפאָר פון יידישע לערערס אין אַלע טיפּן שולן, כדי צו גרינדן איין אַלגעמיינעם לערער־פאַריין. זיי זענען אין גאַנצן נישט זיכער געווען, צי וועט אַט דער צוזאַמענפאָר זיך שטעלן אויף דער פּלאַטפאָרמע פון אַ שול אין דער יידישער שפּראַך. רוסיפיקאַציע און העברעאיזאַציע האָבן אין דער לערער־מאַסע געהאַט אַ סך אָנהענגערס. דער אויבן דערמאָנטער

עמנואל — אליין נישט קיין לערער, נאָר אַ פּאַרטיי־טוער — האָט אין זיין אַרטיקל אין „פאָלקסצייטונג", אָקטאָבער 1906, אַזוי אָפּגעשאַצט די אויסזיכטן פונעם פּראָיעקטירטן צוזאַמענפאָר: „דער צוזאַמענפאָר פון די יידישע לערערס איז נישט בלויז אַ פּראָפעסיאָנעלער צוזאַמענפאָר, ער האָט פאַר אונדז אַ גרויסע געזעלשאַפטלעכע באַדייטונג. אויף אים וועלן דעם ערשטן מאָל אַוועקגעשטעלט ווערן דיווירקלעכע באַדערפעניש פון די ברייטע אונטערשטע(!) יידישע מאַסן. דאָרט וועלן זיך באַגעגענען פּנים אל פּנים די דריי שטרעמונגען אין דער יידישער שול, וועלכע שפּיגלען אָפּ אין אַ געוויסן גראַד אַלע יידיש־געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען... וואָס וועט אונדז געבן דער צוזאַמענפאָר? עס איז שווער פאָרויס צו ענטפערן אויף דער פראַגע. איך נעם דעם ערגסטן פאַל, אַז דער ערשטער צוזאַמענפאָר וועט אויפטאָן ווייניק רעאַלעס אין דעם פּונקט פון באַשאַפן אַ נייע יידישע שול. ווי עס ווייזט אויס, וועט דאָס גיכער טאַקע זיין אַזוי. די נייע ריכטונג (די יידישיסטישע — ה. ש. ק.) געפינט זייער ווייניק סימפּאַטיע אין דער בורזשואַזער מפ"ה־געזעלשאַפט, וועלכע וואָלט אפשר געקענט אויפטאָן עפּעס וואָס... נאָר דאָס אַלעס קען אויף אַ האָר נישט פאַרקלענערן די באַדייטונג פון צוזאַמענפאָר. נישט אין דער זייט ליגט דער שווערפּונקט זיינער. גרינדן אַ גרויסע צאָל שולן אין דעם מאָמענט, ביי דער איצטיקער פּאָליטישער לאַגע, איז בכלל אוממעגלעך. דער צוזאַמענפאָר וועט פאַר זיך האָבן די אויפגאַבע צוצוגרייטן די פאַרווירקלעכונג פון דער יידישער פאָלקס־שול. און די אַרבעט איז זייער אַ שווערע. אויפן צוזאַמענפאָר וועט איבערגעשאַצט ווערן אונדזער גאַנצע פּעדאַגאָגיע ר"ל, און דאָ וועט אויסקומען צו פירן אַ הייסן קאַמף מיט די אַלטע פאַרשימעלטע שטרעמונגען; ער וועט אָנמערקן די אַרבעט אויף ווייטער, ער וועט זיך נעמען באַשאַפן אַ זשאַרגאָנישע לער־ליטעראַטור, וועלכע איז אַזוי נייטיק, און דער עיקר איז — דער צוזאַמענפאָר וועט פּאָפּולאַריזירן די אידעע פון אַן אמתער פאָלקשול אין די ברייטע יידישע מאַסן. די יידישע לערערס וועט אויסקומען אויסשטיין פיל נסיונות, פיל שוועריקייטן — אויסערלעכע און אינערלעכע. די גרויסע אַרבעט זייערע וועט אָבער געפינען אַ טיפן אָפּקלאַנג אין די אונטערדריקטע שיכטן פון יידישן פאָלק".

אַזוי האָבן אָפּגעשאַצט די בונדישע טוערס די אויסזיכטן פונעם צוזאַמענפאָר. און אָט דערפאַר זענען דאָס אַזוי פאַרזיכטיק פאָרמולירט אין די דאָקומענטן פון צענטראַל־ביוראָ די אויפגאַבעס פונעם צוזאַמענפאָר.

אָבער די רעאַקציע אין לאַנד איז געוואַקסן אַלץ שטאַרקער, און די האָפענונג צו קענען דורכפירן אַ גרויסן לאַנד־צוזאַמענפאָר האָט זיך גענומען אויסוועפּן. דערווייל האָט דאָס צענטראַל־ביוראָ געטאָן זיין אַרבעט.

במשך די ערשטע אכט חדשים האָט דאָס ביוראָ אָפּגעהאַלטן ביי 40 זיצונ־גען, האָט אין פאַרשידענע שטעט אָרגאַניזירט לערער־גרופּעס און אָנגע־האַלטן מיט זיי באַציאונגען, האָט דורכגעפירט עטלעכע אַנקעטעס און צונעגרייט אַלע פּראָיעקטן פאַרן צוזאַמענפאָר. אַ פאָרשטייער פון צענטראַל־ביוראָ האָט דורכגעפירט אַן אַגיטאַציע־רייזע איבער אַ ריי שטעט. צו יענעם מאָמענט זענען שוין געווען אָרגאַניזירטע אָפּטיילונגען אין די שטעט: ווילנע, קאָוונע, גראָדנע, מאָהילעוו, אָרשע, בריסק, שקלאָוו, מינסק, וועליזש, נעסוויזש, ריגע, ליבאַווע, האָמעל, קיעוו, בערדיטשעוו, וויטעבסק, סוואַנציאַן, ריעזשעצע, קרעמיעניעץ, פּינסק.

סוף דעצעמבער 1906, באַווייזט זיך דער פּראָיעקט פונעם סטאַטוט פון „אַלרוסלענדער יידישן פּראָפעסיאָנעלן פאַריין פון לערער און כלל־טוערס אין דער יידישער פאָלקסבילדונג". ווייזט אויס, אַז במשך פון די 8 חדשים באַגעגענישן מיט די אָרטיקע טוערס און לערערס, איז דאָס צענ־טראַל־ביוראָ געוואָרן דרייסטער, און די איניציאַטאָרן פונעם צוזאַמענפאָר האָבן איצט שוין גערעדט מיט אַן אַנדער שפּראַך. די הויפּט־אויפגאַבע פונעם פאַריין איז לויטן דערמאָנטן סטאַטוט־פּראָיעקט, — דער קאַמף „פאַר דער דעמאָקראַטיזירונג און דעצענטראַליזירונג פון דער יידישער שול". ווייטער ווערט אָנגעצייכנט דער כאַראַקטער פונעם פאַריין און פון זיין טעטיקייט, און עס ווערט אויך, אָנגעסקיצירט די פּאָליטישע פּלאַט־פאָרמע פונעם פאַריין. צווישן אַנדערע פּונקטן האָבן מיר דאָ עטלעכע פּרינציפּיעל־וויכטיקע: „אויסשליסן דעם רעליגיאָנס־אונטערריכט פון דער צאָל חוב־לימודים; איינפירן אין די שולן פון יעדער נאַציאָנאַלער גרופּע דעם אונטערריכט אויף דער שפּראַך, וועלכע זי אַנערקענט פאַר איר מו־טערשפּראַך; איבערגעבן די פאַרוואַלטונג פון פאָלקסבילדונג די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס אין געשטאַלט פון אָרטיקע און צענטראַלע איינריכטונגען, וועלכע ווערן אויסגעקליבן פון יעדער נאַציאָן לויט דער פירפאַכיקער פאָרמול*)".

דערווייל איז די רעאַקציע אין לאַנד געוואָרן אַלץ געדיכטער. די דער־גרייכונגען פון דער רעוואָלוציע זענען געווען פאַרשפּילט. נישט וועגן קיין צוזאַמענפאָר און נישט וועגן לעגאַליזירן אַ פאַריין האָט מערנישט געקענט

*) „פאָלקסצייטונג", נ' 241, 1906. זע אויך די בראָשור, וועלכע דער יידישער לערער־פאַריין אין ווילנע האָט אַרויסגעלאָזט צום 30־יאָריקן יובל פון דער קאָנפערענץ אונטערן נאָמען „ערשטע יידיש־וועלטלעכע לערער־קאָנפערענץ אין ווילנע, — זאַמלונג פון זכרונות און מאַטעריאַלן", ווילנע, 1937.

זיין קיין רייד. לייענען מיר טאַקע אין „פאָלקסצייטונג״ פון 19־טן פע־ברואַר, 1907, אַ מעלדונג פונעם צענטראַל־ביוראָ, אַז ער האָט „באַשלאָסן צונויפרופן פסח אַ קאָנפערענץ פון יידישע לערערס. דאָס צ״ב האָט נישט געפונען פאַר מעגלעך שוין דורכצופירן אין לעבן דעם באַשלוס פון דער (אויבנדערמאָנטער) יולי־קאָנפערענץ און צונויפרופן אַ גרינדונגס־צוזאַ־מענפאָר. עס האָט זיך נאָך נישט געגרינדעט די נייטיקע צאָל גרופּעס, זייער אַרבעט איז נישט גענוג אינטענסיוו, זיי זענען אין גאַנצן איזאָלירט איינע פון דער אַנדערער און פון צ״ב. די הויפּט־אורזאַך איז, פאַרשטייט זיך, די פּאָליציייאישע רעפּרעסיעס״. לויט אָט דער מעלדונג האָט די פון דאָס ניי־פּראָיעקטירטע קאָנפערענץ געדאַרפט האָבן נאָר אַ באַראַטונגס־כאַראַקטער. יעדע גרופּע האָט געקענט שיקן צו איין דעלעגאַט אויף יעדע 15 מיטגלידער. לויט די דאַמאָלטיקע באַדינגונגען האָט די קאָנפערענץ געדאַרפט זיין נישט לעגאַל.

די קאָנפערענץ איז זיך טאַקע צוזאַמענגעקומען פּסח 1907, זי איז פאָרגעקומען אין לאָקאַל פון דער באַרימטער ווילנער אָונטשול, בראש פון וועלכער עס זענען געשטאַנען אהרן פראַנקפורטער און דבורה פּישער. צווישן די אָנטיילנעמערס זענען געווען: די אָנגערופענע צוויי לערערס, ב. ב־סקי, ג. פּלודערמאַכער, מ. ליבער־גאָלדמאַן, יעקב גערשטיין, דוד האָכבערג, ש. וויקטאָראָוו, ישראל ליכטענשטיין, דוד פּאָליאַק, יצחק עפּ־שטיין, אַברהם סטראַשון א״א. סך הכל איז געווען 65 אָדער 67 אָנטייל־נעמערס, פון זיי 44 בונדיסטן.

די קאָנפערענץ האָט קיין מזל נישט געהאַט. מיטוואָך, דעם 21־טן מערץ, איז די קאָנפערענץ אַרעסטירט געוואָרן. עס זענען פאַרהאַלטן גע־וואָרן 42 מאַן. אַלץ איז געגאַנגען לויטן באַקאַנטן מוסטער אין צאַרישן רוסלאַנד: דער פּריסטאַוו, אַן אָפּטיילונג זעלנער מיט ביקסן, אַ כאַפּטע שפּיאָנעס, און צום סוף דער נאַטשאַלניק פון ווילנער אָכראַנקע בכבודו ובעצמו. לכתחילה האָט מען אַלע אַרעסטירטע פאַרנומען אין צענטראַל־אַרעסט. דאָרט האָט מען זיי געהאַלטן 7 טעג און נאָך דעם אַריבערגעפירט אין לוקישקער תפיסה. אין צענטראַל־אַרעסט האָבן די פאַרהאַלטענע לע־רערס אויסגעפּועלט, זיי זאָלן מעגן אַריבערגיין פון איין קאַמער אין דער צווייטער. האָט טאַקע דאָס פּרעזידיום פון דער קאָנפערענץ אויסגענוצט די דאָזיקע פּריווילעגיע און דערקלערט: די קאָנפערענץ גייט ווייטער! מע דאַרף אויסשעפּן דעם גאַנצן סדר־היום פון דער קאָנפערענץ, וועלכע איז אַזוי ברוטאַל איבערגעריסן געוואָרן!

ישראל ליכטענשטיין שילדערט אָט דעם מאָמענט, ווען דאָס פּרעזידיום איז צוגעטראָטן צום המשך פון דער קאָנפערענץ, אין אַזעלכע ווערטער:

„לכתחילה האָט זיך נישט געוואָלט... ס'האָט געקלונגען מאָדנע: מענטשן אין טורמע, וועמען עס דראָט גאָרנישט קיין קליינע אומאַנגענעמלעבקייט, זאָלן זיך פאַרנעמען מיט דעבאַטן, וואָס האָבן סוף כל סוף געטראָגן אַ ריין־טעאָרעטישן כאַראַקטער... מען טאָר נישט פאַרגעסן, אַז אַ וועלטלעכע מאָדערנע שול מיט דער יידישער לימודים־שפּראַך האָט יעמאָלט געקלונגען ווי אַ זייער און זייער ווייט מעשהלע. אינסטינקטיוו האָט מען געפילט, אַז די שול — וועלכע מוז קומען — וועט קומען אַלס רעזולטאַט פון אַ גרויסער געזעלשאַפטלעכער כוואַליע, — דערווייל אָבער האָט די כוואַליע, די באַוועגונג פון 1905, וועלכע האָט אונדז געבראַכט צו דעם געדאַנק וועגן דער שול, געהאַלטן ביים פאַלן. ס'איז געווען דאָס יאָר 1907 מיט זיינע שטאַרקע רעפּרעסיעס — און דערווייל זיצט מען אין טורמע, ס'איז ענג, שמוציק, ס'בענקט זיך אהיים און קודם כל שרעקט דאָס, וואָס ס'קאָן נאָך קומען... איינציקווייז אָבער האָט זיך דער רוב אַריינגעצויגן און ס'איז אַוועק אַ גאַנץ לעבעדיקע היציקע דיסקוסיע אַלץ וועגן די זעלבע פראַגעס. אַ גאַנצן טאָג האָט מען געאַרבעט"*).

נאָך צוועלף טעג זיצן אין טורמע זענען אַלע באַפרייט געוואָרן, אחוץ פיר, וועלכע האָבן באַקומען אַ חודש טורמע פאַר איינאָרדענען די אומלעגאַלע פאַרזאַמלונג. שפּעטער, דעם 15־טן מאַי, 1907, האָט די „פאָלקס־צייטונג" (נ' 354) פאַרעפנטלעכט די רעזאָלוציעס פון דער קאָנפערענץ, וועלכע זענען אָנגענומען געוואָרן אויף די „זיצונגען" אין דער לוקישער תפיסה. עס זענען דאָ פאָרמולירט געוואָרן די צילן פון דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט באַקומען דעם נאָמען „דער אַלרוסלענדער יידישער פּראָפעסיאָנעלער לערער־פאַרבאַנד". דער דאָזיקער פאַרבאַנד איז, פאַרשטייט זיך, שוין קיין מאָל נישט לעגאַליזירט געוואָרן. עס זענען דאָ אויך געווען די פּרינציפּיעלע טיילן פון דעם פאַרבאַנדס פּלאַטפאָרמע, און זייער רעדאַקציע פאַלט צונויף מיט דעם פּראָיעקט, וואָס מיר האָבן אויבן ציטירט. צופעליק מיט די רעזאָלוציעס ווערט דאָ אויך געבראַכט אַ צירקולאַר פונעם צענטראַל־ביוראָ, וועלכער פאַרענדיקט זיך אַזוי: „די אידעען וועגן אַ נייער יידישער שול געפינען נישט נאָר טעאָרעטישע סימפּאַטיעס און אָנהענגערס, נאָר הייבן אָן, ווען אפילו מיט קליינע טריט, פּראַקטיש פאַרווירקלעכט צו ווערן אין לעבן. אין אַ ריי שטעט איז איינגעפירט געוואָרן דער אונטעררייכט אין דער יידישער שפּראַך אין אָוונטשולן פאַר דער־

*) די דערמאָנטע זאַמלונג; צום ערשטן מאָל איז דאָס אַרטיקל פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער אויסגאַבע פון דער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע „10 יאָר", וואַרשע, 1924.

וואַקסענע. אפילו שוין אין אייניקע טאָגשולן פאַר קינדער... פון אַלע זייטן קומט אָבער אויס צו הערן קלאַגעס, אַז עס זענען נישטאָ קיין לערנ־ביכער, ס'איז נישט אויסגעאַרבעט קיין טערמינאָלאָגיע (פון אַריטמעטיק, למשל)" אאַ"וו.

די ווילנער קאָנפערענץ איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער רייף געוואָרענער אידעע און גרייטקייט צו בויען די נייע יידיש־וועלטלעכע שולן. די רעאַקציע פון די נאָך־רעוואָלוציע־יאָרן איז נישט גינסטיק געווען פאַר אָט דער אַרבעט. אָבער די אידעאָלאָגיע פון דער נייער שול איז שוין געווען פולשטענדיק אויסגעקריסטאַליזירט. אין אַ געוויסער מאָס איז די דאָזיקע קאָנפערענץ געווען אַ צוגרייטונג צו דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ מיט אַ יאָר שפּעטער. ווען עס איז אין 1921 פאָרגעקומען אין וואַרשע דער ערשטער שולצוזאַמענפאָר, אויף וועלכן עס איז געגרינדעט געוואָרן די ציש אָ, — זענען דאָ אָנוועזנד געווען עטלעכע לערערס, וואָס זענען געווען אויף דער באַשריבענער קאָנפערענץ. זיי זענען אַלע איינגעלאַדן געוואָרן אַלס ערן־מיטגלידער פון פּרעזידיום און דער עלצטער פון זיי, גרשון פּלור־דערמאַכער, האָט באַקומען דעם כבוד צו האַלטן די ערשטע פייערלעכע עפענונגס־רעדע. דאָס איז געווען דער לוין פאַר די פּיאָנערן פון דער נייער יידישער שול. דאָס איז געווען דער טאָג פון זייער נצחון.

ב. דער גרויסער לערער־צוזאַמענפאָר אין פּעטראָגראַד

אינעם קאַפּיטל „פון איינצלנע פּרוּוון — צו אַ מאַסן־שול אויף יידיש" — דערצייל איך באריכות וועגן דעם לערער־צוזאַמענפאָר אין טאַמבאָוו, אין 1916. דער דאָזיקער צוזאַמענפאָר איז געווען אַ פּועל יוצא פון די נייע אומשטענדן אויפן שול־געביט: די לערער וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דעם צוזאַמענפאָר האָבן אַלע געאַרבעט אין אַנשטאַלטן פאַר קינדער פון די מלחמה־היימלאָזע יידן. אויסנוצנדיק די מלחמה־שטימונגען און דעם נייעם געזעץ פון 1־טן יולי 1914, האָבן די לערער פּאַקטיש פאַרוואַנדלט אָט די מלחמה־שולן און קינדערהיימען (אָטשאַגן) אין אינסטיטוציעס וואָס ווערן געפירט אין גאַנצן אויף יידיש. אַ טייל לערער האָבן דאָס געטאָן צוליב דעמאָקראַטיש־פילאַנטראָפּישע טעמים, אָבער אַ גרויסער טייל האָט דערביי געהאַט פּעדאַגאָגישע און אידייאישע כוונות. געווען צווישן די לערער אַ סך אַקטיווע טוערס פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. זיי האָבן ריכטיק אָפּגעשאַצט, אַז דער פאַקט פון אַ שול אויף יידיש פאַר מלחמה־קינדער וועט שפּילן אַ גרויסע ראָל פאַרן נאָרמאַלן שולוועזן

בכלל. און אַט די לערער האָבן געפילט די נויטווענדיקייט זיך צוזאַמענ־צוקומען און קאָלעקטיוו פּראָקלאַמירן די נייע שול־פּרינציפּן און מעטאָדן, די נייע שטרעבונגען און געזעלשאַפטלעכע לאַזונגען פון דער יידישער וועלטלעכער שול. דאָס האָט געבראַכט דעם טאַמבאָווער צוזאַמענפאָר. זיין באַטייט איז געווען זייער גרויס, הגם צוליב די מלחמה־באַדינגונגען האָבן זיינע דיסקוסיעס און באַשלוסן נישט געפונען דעם געהעריקן פּירסום און אָפּקלאַנג אין לאַנד.

עס האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט, און עס האָבן זיך דערהערט די דונערן פון דער פעברואַר־רעוואָלוציע אין 1917.

דער אויסברוך פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָט געשאַפן פאַר דער יידישער שול נייע פּערספּעקטיוון. די קולטור־נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע איז נאָך דערווייל נישט אויסבילדעט געוואָרן, און עס האָט געמוזט קומען אַן אויטאָריטעט וואָרט וועגן דעם וויטערדיקן גורל און בוי־פּלענער פון דער יידישער פאָלקשול. דאָס וואָרט איז געזאָגט געוואָרן דורך דער יידישער אַרבעטערשאַפט, בראש מיטן „בונד"; אויך אַנדערע פּאַרטייען האָבן געלאָזט הערן זייער שטים. אָבער די לאַגע האָט געפאָדערט, עס זאָל זיך דערהערן די שטים פון דער יידישער לערערשאַפט.

די לעצטע איז ווייט נישט געווען איינהייטלעך, עס האָט זיך געלאָזט פילן די ירושה פון די פאַרגאַנגענע דורות. לערערס פון די קאַזיאָנע שולן, אָפט דורכגעפּרעסענע מיט שנאה צו יידיש און באַוואוסטזיניקע פּערדיקערס פון רוסיפיקאַציע; אַלט־פרענקישע מלמדים און עטוואָס מאָדערניזירטע „אינהאַבער" פון פּריוואַטע חדרים; דערציערס פון דורות קינדער אין די געזעלשאַפטלעכע תלמודתורהס; לערערס פון וועלטלעכע געזעלשאַפטלעכע מיידל־שולן, לעצטנס מיט טענדענצן איינצופירן דאָ אויך יידיש; לערערס פון די חדרים מתוקנים, פאַנאַטישע העברעאיסטן און ציוניסטן; ענדלעך, לערערס־יידישיסטן, מיטאַרבעטער פון „אָפּע" און פון די שולן פאַר היימלאָזע קינדער; לערערס סאָציאַליסטן און אָנהענגערס פון וועלטלעכער דערציאונג, אָבער געניייגט אויף הנחות פאַר דעם לימוד פון העברעאיש, און אויך אַזעלכע, וואָס זענען געווען אַבסאָלוטע קעגנערס פון העברעאיש אין דער פאָלקשול, — אַט דאָס איז געווען דער מענטשן־באַשטאַנד פון דעם קאָלעקטיוו, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „יידישע לערערשאַפט". און אַט די לערערשאַפט האָט מען עס געדאַרפט צונויפנעמען אויף אַ לאַנד־צוזאַמענפאָר, כדי צו פּראָקלאַמירן די פאָדערונגען פון דער יידישער שול און אירע פּעדאַגאָגישע פּרינציפּן.

די איניציאַטיוו צו רופן אַזאַ צוזאַמענפאָר האָבן גענומען אויף זיך דער פּעטערבורגער קאָמיטעט פון דער חברה מפיצי השכלה (אָפּע) און די

פאַרוואַלטונג פון דער פעטערבורגער לערער־געזעלשאַפט; עס האָבן אויך גענומען אָנטייל אין דער זאַך די גרופּע מאָסקווער לערערס, וועגן וועלכע מיר האָבן שוין פריער דערציילט. עס איז געשאַפן געוואָרן אַן אָרגאַניזיר־ביוראָ, און לויט די אומשטאַנדן פון יענער צייט איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ פאַרבינדונג מיטן גאַנצן לאַנד, און דעם 11־טן יוני האָט זיך דער „אַלרוסלענדישער יידישער לערער־צוזאַמענפאָר" געעפנט אין פעטראָגראַד. ווי עס האָט שפּעטער פעסטגעשטעלט די מאַנדאַט־קאָמיסיע, האָבן זיך אין צוזאַמענפאָר באַטייליקט 135 דעלעגאַטן, און זיי האָבן פאָרטראָטן 1784 לערערס.

געעפנט דעם צוזאַמענפאָר האָט א. שטראַשון, וועלכער איז געווען אַ „באַפולמעכטיקטער" פון „אָפּע", אַ מענטש מיט פּעדאַגאָגישער בילדונג, אַ בונדיסט. ער האָט גערעדט יידיש. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז דאָס רעדן יידיש דאָ גאָרנישט געווען קיין זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, עס האָבן נישט געפעלט קיין רעדעס אויף רוסיש און אויך אויף העברעאיש; און דאָס האָט אַרויסגערופן שאַרפע פּראָטעסטן מצד אַ סך דעלעגאַטן. שטראַשון האָט אין זיין רעדע דערמאָנט דעם ווילנער צוזאַמענקום אין 1907, וועלכער האָט זיך אַזוי טרויעריק געענדיקט פאַר די באַטייליקטע, און אָנגעוויזן, אַז ביים צאַרישן רעזשים האָט קיין פאַראייניקונג פון די לערערס נישט געקענט פאָרקומען. רעדנדיק וועגן די צילן און אויפגאַבעס פונעם איצטיקן צוזאַמענפאָר, האָט א. שטראַשון געזאָגט: אין דער יידישער שול האָבן ביז אַהער געשפּילט אַ ראָלע אַלע, הוץ די לערערס. דעם יידישן לערער האָט מען איגנאָרירט. איצט איז געקומען די צייט, אַז דער יידישער לערער זאָל זאָגן הויך און עפנטלעך, ווי אַזוי דאַרף לויט זיין מיינונג געבויט ווערן די יידישע שול. דער צוועק פונעם צוזאַמענפאָר איז, בכן, געווען אַ טאָפּעלער: שאַפן אַ פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע פון די יידישע לערערס און אָנשליסן זי אין דער אַלגעמיינער לערער־אָרגאַניזאַציע פון גאַנצן לאַנד, און שנית, פאָרמולירן די שטעלונג פון דער יידישער לערערשאַפט צו דער פּראָגראַם און געבוי פון דער יידישער פאָלקשול, ווי אויך צו איר שפּראַך.

פון די פילצאָליקע באַגריסונגען וואָס דער צוזאַמענפאָר האָט אויסגעהערט, וועלן מיר דאָ נאָר דערמאָנען: ד"ר י. אייגער פון דער חברה מפיצי השכלה, ש. ניגער פון דער פּרץ־געזעלשאַפט, ש. גאָזשאַנסקי פון „בונד", מ. זילבערפאַרב פון די „פאַראייניקטע" און ה. זלאַטאָפּאָלסקי פון „תרבות". אויפן פאָרשלאַג פון דינאַבורגן האָט מען באַערט מיט אויפשטיין דעם אָנדענק פון י. ל. פּרץ, שלום־עליכם און ד"ר ל. קאַצענעלסאָן,

אויפן פארשלאג פון ש. ניגערן האט מען אפגעשיקט א טעלעגראמע צו מענדעלע מוכר ספרים, ווי דעם לערער פונעם גאנצן יידישן פאלק.

ווען מ'איז צוגעטראטן צו דער פראקטישער ארבעט פונעם צוזאמענ־פאר, האט זיך גלייך ארויסגעוויזן, אז מען האט דא צו טאן מיט צוויי אויסגעשפראכענע טיילן: העברעאיסטן און יידישיסטן. אין נאמען פון די ערשטע האט גלייך בײם אנהייב געמאכט א מעלדונג א. מ. קאנשטאם, דער דירעקטאר פון די באקאנטע גראדנער לערער־קורסן פון „אפע", וועל־כע האבן זיך צוליב דער מלחמה אריבערגעטראגן קיין כארקאוו. אליין א העברעאיסט, האט זיך דאך די לעצטע צייט קאנשטאם עטוואס א רוק געטאן פון זיין פאזיציע לטובת יידיש: פריער די באוועגונג אין די הײמלאזע שולן, וואו א סך זיינע תלמידים זענען געווען אקטיוו־יידישיסטיש; שפע־טער די רעזאלוציעס פון דעם טאמבאווער צוזאמענפאר; נאך שפעטער דער אויפברויז פון דער רוסישער רעוואלוציע — דאס אלץ האט אויף דעם שטילן און מיושבדיקן קאנשטאמען געווירקט אזוי, אז ער האט געזוכט א געוויסן קאמפראמיס צווישן יידישיזם און העברעאיזם. אין דעם ארגאן פון „אפע", „וועיסטניק פראסוועשטשעניא", האט ער קורץ פאר דער רעוואלוציע אפגעדרוקט א בריוו צו יידישע לערערס מכוח שאפן א צענטער־גרופע צווישן תרבות און טאמבאוו. זומער 1917 האט ער אין כארקאווער „אפע" געהאלטן רעדעס וועגן הנחות פאר יידיש. אבער, ווייזט אויס, דער דרוק אויף א. קאנשטאמען מצד דער העברעאיסטישער פראק־ציע ביים פעטראגראדער צוזאמענפאר איז געווען זייער גרויס, און ער איז דא אויפגעטראטן ווי דער ראש המדברים פון דער גרופע*).

די אויסער־ארדנטלעכע דעקלאראציע פון קאנשטאמען איז געווען אזא: דער צוזאמענפאר דארף זיך דערקלערן נישט פאר קיין צוזאמענפאר, נאר פאר א בעראטונג, — דאס איז דער פראטעסט פון די העברעאיסטן, הל־מאי מען האט נישט איינגעלאדן צום צוזאמענפאר די מלמדים. די ארגא־ניזיר־ביורא האט מורא געהאט איינצולאדן די מלמדים, מחמת זי האט געוואוסט, אז די מלמדים וועלן נישט אננעמען די רעזאלוציעס וואס זענען דער ביורא געוואונטשן. בכן קען דאס נישט זיין קיין פולבארעכטיקטער צוזאמענפאר.

די פראקציעס האבן אפגעהאלטן א ריי בעראטונגען און גענומען שטעלונג צו דער פאדערונג פון די העברעאיסטן. בעקער און פעלדמאן אין נאמען פון די פאלקיסטן; אריעוו אין נאמען פון די פועלי־ציון; לע־וויטאן אין נאמען פון די פאראייניקטע; פאני נירענבערג אין „בונדס"

*) זע א. גאלאמבס נעקראלאג איבער קאנשטאמען אין „שול און לעבן", קיעוו 1920, נומער 10־11.

נאָמען — האָבן זיך אַלע ארויסגעזאָגט קעגן דער פֿאָדערונג פון די העַ־ברעאיסטן. די לעצטע האָט געזאָגט: נישט געקוקט אויף דער גרויסער רעוואָלוציע, הערשט אַלץ ווייטער אויף דער יידישער גאַס די פינצטערניש. דער חדר גיט אַ רעליגיעזע דערציאונג און דערפאַר שטייט ער מחוץ פון דער שול־סיסטעם.

מיט 68 שטימען קעגן 58 ווערט אָנגענומען דער באַשלוס, אַז דער צוזאַמענפֿאָר איז אַ פּאָליטישער צוזאַמענפֿאָר, און נישט קיין באַראַטונג. דאָס מאָל האַלטן אָפּ די העברעאיסטן לאַנג־דויערנדיקע באַראַטונגען, וועל־כע פירן אַרויס פון געדולד דעם איבעריקן טייל פונעם צוזאַמענפֿאָר, און אויפן צווייטן טאָג ווערט געעפנט די פּלענאַרע זיצונג פונעם צוזאַמענפֿאָר אָן די העברעאיסטן. עס ווערט אויסגעקליבן אַ פּרעזידיום אין אַזאַ באַ־שטאַנד: שטראַשון, דינאַבורג, פעלדמאַן, עפּשטיין (פּאַרייניקטע) און ש. דאָבין (בונד). אויף אַ נאָענטער זיצונג האָבן די העברעאיסטן ווייטער איבערגעלייענט זייערס אַ דעקלאַראַציע (אויף העברעאיש און יידיש). דער תוך פון דער מעלדונג איז געווען אַזאַ:

די אָרגאַניזיר־ביוראָ קען נישט באַטראַכט ווערן פאַר רעכט־באַפולמעכ־טיקט אויסצואַרבעטן די כללים פאַר אַן אַלרוסלענדער צוזאַמענפֿאָר: די אָרטיקע לערער־אָרגאַניזאַציעס האָבן די דאָזיקע כללים נישט באַהאַנדלט; צוליב דער צוגעאײַלטקייט פון דער ביוראָ און צוליב דער שוואַכער אײַנ־פֿאָרמירטקייט, פעלן דעלעגאַטן פון אַ סך ערטער; מען האָט נישט אײַנ־געלאַדן די מלמדים און פּריוואַט־לערערס; מען האָט אָפּגעוואָרפן די רע־זאָלוציע פון דער העברעאיסטישער פראַקציע וועגן דעם, אַז דער צוזאַ־מענפֿאָר זאָל דערקלערט ווערן נאָר פאַר אַ באַראַטונג; דעריבער קענען דאָ די העברעאיסטן נישט טראָגן קיין פאַראַנטוואָרטונג און זיי פאַרבלייבן דאָ נאָר מיט באַראַטונגס־שטימען, זי ווילן זיך נישט באַטייליקן נישט אין פּרעזידיום, נישט אין די קאָמיסיעס.

דער צוזאַמענפֿאָר האָט אויסגעהערט אַ צאָל וויכטיקע רעפעראַטן. מיר וועלן באַקענען די לייענערס מיט אייניקע פון זיי.

ב. דינאַבורג*) האָט פאָרמולירט די אויפגאַבעס פון דער יידישער לערער־שאַפט אין אַזעלכע טעזיסן: די לערערשאַפט דאַרף זיך פאַרזיכערן אַ גע־העריקן אײַנפלוס אינעם שול־לעבן; זי דאַרף שטיצן יענע פּאָליטישע פאָדערונגען, וועלכע זענען נייטיק פאַר אונדזער קולטור־לעבן, כדי אַרויס־צורופן אין די ברייטע מאַסן איניציאַטיוו און ענערגיע פאַר קולטור־שאַ־פונג בכלל און פאַר דער שול־בויאונג בפרט; די מלוכה דאַרף אַנערקע־

*) לעצטנס — בילדונגס־מיניסטער אין מדינת ישראל.

נען יידיש פאַר אַ שפּראַך, וואָס באַזיצט אַלע עפנטלעכע רעכט; אינעם איצטיקן קולטור־און שפּראַך־קאַמף, וועלכער שטערט אונדזער גאַנצער אַרבעט, איז די לערערשאַפט מחויב צו געפינען אַן אויסוועג און אַ רעאַלן סינטעז צווישן די קולטור־ריכטונגען און אַזוי אַרום פאַרלייכטערן די ווייטערדיקע איינהייטלעכע אַנטוויקלונג פון אונדזער נאַציאָנאַלער קולטור.

פאַלק האַלפּערין האָט רעפערירט איבער די אויפגאַבעס פון דער יידישער פאָלקשול, און זיינע טעזיסן זענען געווען: די שול דאַרף זיך באַזירן אויסשליסלעך אויף פעדאַגאָגישע יסודות; די שפּראַך פון דער פאָלקשול דאַרף זיין יידיש; זי דאַרף זיין וועלטלעך; די שול דאַרף אויסגעהאַלטן ווערן פון דער מלוכה; די נייע שול דאַרף זיך שטעלן פאַר אַ ציל די אַלזייטיקע אַנטוויקלונג פונעם קינד און אים איבערגעבן די גרויסע אַלגעמיין־מענטשלעכע קולטור; די העברעאישע שפּראַך און ליטעראַטור דאַרפן פאַרנעמען אַ וויכטיק אָרט אין דער שול.

א. שטראַשון האָט געהאַלטן דעם רעפעראַט וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון דער יידישער לערערשאַפט: דער לערער וועט נאָר יעמאָלט קענען פאַרווירקלעכן זיין אויפגאַבע, אויב אינעווייניק אין דער יידישער לערערשאַפט וועלן נישט זיין קיין פּרינציפּיעלע חילוקי דעות; דער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין פון די לערערס דאַרף אויסאַרבעטן אַ קלאָרע פּלאַטפאָרם בנוגע דער שול־פראַגע; די פּלאַטפאָרם דאָס איז — אַ וועלטלעכע, אָבליגאַטאָרישע שול, אַן 8יאָריקע, אויף דער יידישער שפּראַך, די שול דאַרף אויסגעהאַלטן ווערן פון דער מלוכה; די יידישע לערערשאַפט דאַרף זיך אין איר קאַמף אָנשפּאַרן אויף דער אָרגאַניזירטער יידישער און רוסלענדישער דעמאָקראַטיע און אויף דער רוסישער לערערשאַפט, און דערפאַר דאַרף דער יידישער לערער־פאַריין אַריינטרעטן אין דעם אַלרוסלענדער לערער־פאַרבאַנד, ווי אַן אויטאָנאָמער טייל.

אין רעזולטאַט פון דער דיסקוסיע האָט דער צוזאַמענפאָר אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וועלכע האָט געזאָגט: די שול דאַרף זיין אַן אומזיסטע, וועלטלעכע; די קאָנפעסיאָנעלע לימודים דאַרפן נישט אַריינגיין אין שול־פּראָגראַם; דאָס לערנען דאַרף אָנגיין אין דער מוטערשפּראַך פון די קינדער אין יידיש; די יידישע שול דאַרף זיך געפינען אין רשות פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמער אָרגאַניזאַציע. די רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרן דורך אַ גרויסער מערהייט, די העברעאיסטן האָבן זיך אין דער אָפּשטימונג נישט באַטייליקט.

וואָס איז שייך העברעאיש, איז דאָ נאָך שאַרפע דעבאַטעס און אינצידענטן אָנגענומען געוואָרן מיט 42 שטימען ביי 26 אָפּגעהאַלטענע (אוי־

סער די העברעאיסטן) אַזאַ רעזאָלוציע: די העברעאישע שפּראַך און ליטע־ראַטור, ווי אַ וויכטיקער עלעמענט פון דער יידישער קולטור, פאַרנעמען אַ געהעריק אָרט אין דער סיסטעם פון דער יידישער פאָלקס־בילדונג אָנגעהויבן פון דער עלעמענטאַר־שול.

נאָך דעם אַלעם האָבן די העברעאיסטן ווידער אַריינגעטראָגן אַ דע־קלאַראַציע: די אָנגענומענע רעזאָלוציעס טאָרן נישט דינען פאַר אַ מאַטע־ריאַל אויף צו באַנוצן כלפּי חוץ, וואָרעם כמעט אַ העלפט פונעם צוזאַ־מענפאָר האָט זיך אין דער אָפּשטימונג נישט באַטייליקט; די רעזאָלוציעס קען מען נאָר איבערגעבן דעם קומענדיקן יידישן לאַנד־צוזאַמענפאָר; ווען מען אָבער באַנוצן די רעזאָלוציעס כלפּי חוץ, וועט דאָס זיין אַן אוזורפּאַ־ציע פון די רעכט פונעם יידישן פאָלק.

ביים לעצטן פּונקט, ביי דער פראַגע וועגן שאַפן אַ פּראָפעסיאָנאַלן יידישן לערער־פאַריין, האָבן די העברעאיסטן אָפּגעגעבן אַ מעלדונג, אַז ביי דער לאַגע האַלטן זיי פאַר נייטיק צו שאַפן אַן אייגענעם זעלבשטענ־דיקן לערער־פאַריין. נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען, האָט זיך געדוכט, אַז עס ווערט דערגרייכט אַן איינשטימיקייט און עס וועט יאָ געשאַפן ווערן אַן אַלגעמיינער פאַריין פון די יידישע לערערס אויפן גרונד פון דער פּלאַט־פאָרם פונעם אַלרוסלענדער לערער־פאַרבאַנד. דאָך האָט זיך פאַקטיש דער צוזאַמענפאָר פאַרענדיקט מיט אַ שפּאַלטונג: אין דער געשאַפענער אָרגאַ־ניזאַציע זענען פאַרבליבן נאָר די יידישיסטישע לערערס און זייערע סימ־פּאַטיקער; די העברעאיסטן אָבער האָבן באַשלאָסן צונויפרופן אַן אייגע־נעם לערער־צוזאַמענפאָר אין כאַרקאָוו און זיי האָבן אויסגעבילדעט אַן אָרגאַניזיר־ביוראָ אויף צו רופן אָט דעם צוזאַמענפאָר.

אַזוי אומגעלונגען האָט זיך פאַרענדיקט דער פּרואוו צו פאַראייניקן די גאַנצע יידישע לערערשאַפט. שולדיק זענען געווען די העברעאיסטן. די האַלב־אַסימילירטע לערערס פון די קאַזיאָנע שולן און פון די פּריוואַט־געזעלשאַפטלעכע מיידל־שולן האָבן זיך יאָ געלאָזט איבערצייגן אין דער נייטיקייט צו פּראָקלאַמירן יידיש ווי די שפּראַך פון דער נייער שול. די בונדיסטן און אַנדערע סאָציאַליסטישע לערערס זענען יאָ געגאַנגען אויף גרויסע הנחות לגבי דעם לימוד פון העברעאיש אין פאָלקשול. די איינציקע, וועלכע האָבן נישט געוואָלט גיין אויף קיין שום הנחות, זענען געווען די העברעאיסטישע לערערס. די שאַרפע שייד־ליניע איז געווען: וועלכע זאָל זיין די שפּראַך פון דער שול. די רעזאָלוציע פונעם צוזאַמענפאָר וועגן העברעאיש אין שול איז געווען זייער אַ גינסטיקע פאַר די העברעאיסטן. אויב אָבער זיי האָבן דאָך דערפירט צו אַ שפּאַלטונג פון דער לערער־שאַפט, איז עס געווען צוליב זייער אומווילן צו פּראָקלאַמירן די רעכט פון

יידיש ווי א נאציאנאלע שפּראַך, די רעכט פון יידיש אין דער מלוכהשער עפנטלעכקייט. עס איז פון זייער זייט מער געווען א פּאָליטיש־פּאַרטייאי־שער קאַמף, איידער א לערערשער־פּעדאַגאָגישער. זיי האָבן זיך אַרויסגע־וויזן פאַר גרעסערע „פּאָליטיקער" און „פּאַרטייער", איידער די לערער־סאָציאַליסטן און דעמאָקראַטן. געווים, האָבן אויך די לעצטע אָפּגעהאַלטן פראַקציעס און געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט זייערע פּאַרטייען. אָבער די אינטערעסן און שטאַנדפּונקטן פון די דאָזיקע פּאַרטייען זענען אין דעם פאַל צונויפגעפאַלן מיט די פּראָגרעסיוו־פּעדאַגאָגישע פאָדערונגען פון די לערערס; די רעכט פון דער מוטערשפּראַך — דאָס איז איצט געווען אין מויל פון יעטווערן פּאָליטישן טוער. חוץ דעם, די לינקע עלעמענטן אויפן צוזאַמענפאָר האָבן געהאַט דעם טיפן גלויבן אין דער רעוואָלוציע און אין די רעכט וואָס זי טראָגט פאַר די באַזונדערע מינדערהייט־פעלקער. ביי די ציוניסטן, וועלכע זענען געשטאַנען הינטער די העברעאיסטישע לערערס אויפן פּעטראָגראַדער צוזאַמענפאָר, האָט אָט די גאַנצע איינשטעלונג גע־פעלט. די לעצטע צען יאָר פאַר דער רעוואָלוציע — דאָס זענען ביי די ציונים געווען יאָרן פון אומקאָמפּראָמיסלעכן קאַמף און פּראָפּאַגאַנדע קעגן יידיש. פאַר דער רעוואָלוציע האָבן זיי קיין שום פּאַטאָס נישט געהאַט. און דעריבער איז געווען לכתחילה א ברכה לבטלה דער גאַנצער פּרואוו צו רופן אן אַלגעמיין־יידישן לערער־צוזאַמענפאָר. די נייע יידיש־וועלט־לעכע שול האָט געמוזט פאַרבלייבן דער קנין פון די סאָציאַליסטישע און אויפריכטיקע גלותיסטיש־דעמאָקראַטישע עלעמענטן.

די דעמאָקראַטישע יידישע פּרעסע פון יענער צייט האָט פאַרשטאַנען און ריכטיק אָפּגעשאַצט די נעגאַטיווע ראָלע פון דער העברעאיסטישער לערערשאַפט אויף דעם פּעטראָגראַדער צוזאַמענפאָר. מיר וועלן זיך דאָ באַנוגענען מיט איין ציטאַטע פון דעם, וואָס ש. ניגער האָט געשריבן וועגן דעם.

אינעם רוסיש־יידישן זשורנאַל „נאָווי פּוט", וואָס איז יעמאָלט אַרויס־געגאַנגען אין פּעטראָגראַד, נומער 24—25, 1917, האָט ער אין אַרטיקל „אויפן לערער־צוזאַמענפאָר" געשריבן אַזוי:

„...די פראַגע וועגן די מלמדים און זייער ראָלע אינעם אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פון דער יידישער פאָלקשול — איז לכל הדעות א דריטראַנגיקע פראַגע. וואָלטן די העברעאיסטן, וועלכע האָבן אויפגעהויבן די דאָזיקע פראַגע, געהאַט אין זינען די אינטערעסן פון דער זאַך און נישט די כוונות פון „העברער" פּאַרטיי־פּאָליטיק, וואָלטן זיי געווים נישט געקענט נישט וויסן, אַז צוליב די מלמדים האָט דער ערשטער לאַנד־צוזאַמענפאָר פון די יידישע לערערס נישט געטאָרט אָראָפּגעריסן ווערן... און זיי וואָלטן

נישט אָנגעהויבן פון שפּאַלטן די כוחות פון דער יידישער לערערשאַפט. און זיי האָבן דאָך טאַקע פון דעם אָנגעהויבן און צו דעם איז דערפירט געוואָרן זייער „אַנטייל" אינעם ערשטן אַלרוסלענדישן צוזאַמענפאָר פון יידישע לערערס... אָט דאָס איז די מעשה, וואָס די העברעאיסטן זאָרגן גאָרנישט וועגן די מלמדים און אויך גאָרנישט וועגן דער פאַרייניקונג פון די כוחות, וואָס זענען נייטיק אויף צו בויען די יידישע שול, נאָר זיי זאָרגן וועגן זייער פּאַרטייאישער העגעמאָניע. אין דעם פּרט, פּונקט ווי אין אַלע אַנדערע הינזיכטן, דערמאָנט דער העברעאיזם זיין צווילינג־קאָפּיע — דעם ציוניזם".

ש. ניגער פּרוּווט דאָ אויך זוכן חטאים אויף די אַנדערע טיילן פון צוזאַמענפאָר. אָבער אויסער אַלגעמיינע ווערטער וועגן „פּאָליטישע און פּאָליטיקאַנטישע ריכטונגען", ווייזט ער נישט קאָנקרעט, מיט וואָס די אַנדערע פראַקציעס האָבן געזינדיקט. אַקעגן, בלייבט אַ פאַקט, אַז די העברעאיסטן זענען געווען די, וואָס האָבן דעם פּעטראָגראַדער צוזאַמענפאָר אָראָפּגעריסן און געשפּאָלטן, לויט די אויסדרוקן פון ש. ניגערן.

ג. דער נייער דור לערער

יאָרן לאַנג איז דער יידישער לערער געווען אַ באַאַמטער, אַ דינער און באַדינער — פון דער מלוכה, פון דער „בעסערער געזעלשאַפט". יאָרן לאַנג איז דער יידישער לערער געווען נאָר אַ בעל־מלאכה פון זיין פאַך — און דער פאַך איז באַשטאַנען אין אויסלערנען די קינדער אַ ביסל דייטש אָדער רוסיש אָדער העברעאיש. ער איז געווען פרעמד און אָפּגעפרעמדט פון דער יידישער סביבה. ער האָט געלעבט אין אַן אויסגעטראַכטער וועלט. זיין באַציאונג צום קינד איז געווען ווי צו אַן אָביעקט פון זיינע השכלה־עקספּערימענטן, פון זיין פּאַטריאָטישקייט, פון זיינע שפּראַך־און קולטור־אַבסטראַקציעס. יידישע לערער פון די קאַזיאָנע שולן, פון די פּריוואַטע שולן, פון די תלמוד תורהס, זענען געווען יעדער פאַר זיך. עס איז נישט געווען קיין לערער־קאָלעקטיוו, עס האָט געפעלט דער געמיינזאַמער אידעאַל און אינטערעס. עס האָט דעם לערער געפעלט פּשוטער בירגערלעכער מוט, און ס'האָט אים געפעלט יידיש־נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין, מיטגעפיל און מיטבאַטייליקונג אין אַרומיקן יידישן לעבן.

ערשט אינעם לעצטן יאָרצענדליק פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט קומט אַ בהדרהגדיקע ענדערונג. די נייע געזעלשאַפטלעכע שול מיט אירע נייע אַמביציעס אין לערנען און אין דערציען; דער וואוקס פון דער חשיבות פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור; די אויפגעקומענע נאַציאָנאַלע

און סאָציאַלע באַוועגונגען ביי יידן; דאָס שטייגן פון דער אַלגעמיינער אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד און פון דער יידישער בפרט („בונד״); — דאָס ברענגט אַרויס אויף דער סצענע אַ נייעם לערער*). ער איז נאַציאָנאַל און פּאָליטיש באַוווסטזיניק; ער איז געזעלשאַפטלעך אַקטיוו; ער איז אַריינגעטאָן אין פּעדאַגאָגישע פּראָבלעמען און פּאַראינטערעסירונגען; ער קומט אין קאָנטאַקט מיטן יידישן לעבן, באַזונדערס מיטן אַרבעטער־סעקטאָר. עס בילדעט זיך אויס אַ לערער־שטאַנד, אַ לערערשאַפט. זי האָט איר אייגענעם קוק אויף דעם, ווי אַזוי עס דאַרף אויסזען די יידישע שול. זי וויל זיין אַקטיוו און האָבן אַ דעה אין דעם אויפבוי פון דער שול פאַר יידישע קינדער, פאַרוויס אין דער דאָזיקער לערערשאַפט גייט דער סאָציאַליסטיש־יידישיסטישער טייל. פאַר אָט דעם עלעמענט איז שפּראַך נישט קיין אַבסטראַקציע, יידיש איז אַ רינג אין דער קייט וואָס נעמט אַרום די גאַנצע יידישע פאָלקסמאַסע.

די לערערשאַפט דערפילט אַ באַדערפעניש זיך צו אָרגאַניזירן, צונויפזאַמלען די כוחות פון די איינהייטלעך־דענקענדע. אַ צוזאַמענפאָר, אַ לערער־אָרגאַניזאַציע — דאָס ווערט דער טרוים פון אַ סך לערער. פּערזענלעך לעבן זיך אויס אַ סך פון די לערער אין זייער פּאַרטיי, אין אירע אינסטיטוציעס און אין דער פּאַרטיי־פּרעסע. אַנדערע לערער ווערן אַקטיווע מיטגלידער אין די אָרטיקע אָפּטיילונגען פון דער חברה מפיצי השכלה. זיי בענקען אָבער נאָך אַ לערער־צענטער, נאָך אַ לערער־טריבונע, פון וועלכער זיי זאָלן לאָזן הערן די שטים פונעם יידישן לערער און זיינע שול־אידעאַלן.

אָבער דער יידישער לערערשאַפט פון אַמאָליקן רוסלאַנד איז נישט באַשערט געווען צו דערגרייכן אָט דעם ציל. די פעברואַר־רעוואָלוציע פון 1917 האָט נישט באַוויזן אַריינצוברענגען ענדערונגען אינעם בוי און כאַראַקטער פון דער יידישער פאָלקשול. די יידישיסטישע לערער האָבן נאָכן פּעטראָגראַדער צוזאַמענפאָר נישט באַוויזן אויפצובויען אַ שול־אָרגאַניזאַציע און אַ לערער־פאַראייניקונג. באַלד איז געקומען די באָלשעוויסטישע

---

*) זייער אַ סך האָט מיטגעהאָלפן דער אויסבילדונג פונעם נייעם טיפּ ל ע ר ע ר — דער ווילנער מלוכהשער לערער־אינסטיטוט (זינט 1873). דאָ האָבן זיך דערצויגן צענדליקער יידישיסטישע און בונדיש־סאָציאַליסטישע" יונגע לערער, וועלכע האָבן שפּעטער געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער יידישער עפנטלעכקייט (ג. פלודערמאַכער, נח פּאָרטנוי, י. גערשטיין, ש. באָסטאָמסקי און נאָך און נאָך).

איבערקערעניש, און דער פּאַרלויף פון יידישן לעבן און פון דער יידישער פאָלקשול איז אַוועק מיט גאָר אַנדערע וועגן.

דערגרייכט אַט דעם טרוים און ציל האָט ערשט די יידישע לערערשאַפט אין אומאָפּהענגיקן פּוילן. נאָכן ערשטן וועלטקריג. אין פּוילן האָט זיך דער יידישיסטישער לערער צונויפגעגאָסן אין אַ פולער מאָס מיטן אַלגע־מיינעם יידישן לעבן, מיטן קאַמף פאַר נאַציאָנאַלע רעכט אין דער פּוילישער מלוכה, מיט דער יידישער אַרבעטערשאַפט וועלכע איז געווען דער אַוואַנ־גאַרד אינעם דאָזיקן קאַמף, מיטן גאַנצן באַרג־אַרויף פון דער יידיש־וועלט־לעכער קולטור. די לערער פון די צישאָ־שולן האָבן געהאַט אַן אייגענעם פּראָפעסיאָנעלן פאַריין, — אָבער אויסגעלעבט האָבן זיך די לערער נישט דאָ, נאָר אין די רייען פון דער צישאָ, אין אירע אַקציעס און אונטערנעמונ־גען, אין אירע צוזאַמענפאָרן, קאָנפערענצן און אויסשטעלונגען. דער לערער — דאָס איז געווען די שול, די שול־באַוועגונג — דאָס איז געווען די לערער־שאַפט. מיט איר אידעאַליזם און אירע קרבנות, מיט אירע אידעען און רייכן גייסט, מיט איר דערפינדערישקייט און איניציאַטיוו־קראַפט איז אויפגעבויט געוואָרן די שול־סיסטעם וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען צישאָ־שול.

די לערערשאַפט פון די צישאָ־שולן איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די היטלערישע האָרדעס — צוזאַמען מיטן גאַנצן יידנטום פון פּוילן, צוזאַמען מיט זיינע קינדער און יוגנטלעכע. אָבער די לערערשאַפט פון די יידיש־וועלטלעכע שולן איז אַריין אין דער געשיכטע פון אונדזער דור ווי די טרעגער פון גרויסע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אידעאַלן, ווי די פריידיקער פון גרויסע פּעדאַגאָגישע אידעען און לאָזונגען, ווי די בויער פון דער יידישער קולטור־אויטאָנאָמיע אין אונדזער צייט.

די יידיש-רוסישע פּעדאַגאָגישע זשורנאַלן אין צאַרישן רוסלאַנד

1. „יעווריסקאַיאַ שקאָלאַ"

פון 1־טן יאַנואַר 1904 האָט אין פּעטערבורג אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אַ ד'ודש־זשורנאַל אונטערן נאָמען „יעווריסקאַיאַ שקאָלאַ" („די יידישע שול"). ווי עס איז געווען געמאָלדן פון דער רעדאַקציע, *) איז דער זשורנאַל געווען „געווידמעט די פּראָגעס פון היים ־ און שול־דערציונג און בילדונג פון יידן". אין הסכם מיט דעם האָט דער זשורנאַל זיך אָנגעמערקט אַזאַ פּראָגראַם: 1) לייט־אַרטיקלען איבער פּראָגעס פון דערציונג און בילדונג ביי יידן; 2) אַרטיקלען־דיסקוסיעס, ווי אַזוי אָוועקצושטעלן די יידישע און אַלגעמיינע לימודים אין די חדרים און שולן; 3) געשיכטע און סטאַטיסטיק פון יידישן שולוועזן; 4) רעגירונגס־פאַראָרדענונגען אויפן שול־געביט; 5) ידיעות וועגן לערער ־ און שול־שטייגער; 6) פּעדאַגאָגישע ביבליאָגראַפיע; 7) ביבליאָטעקריי; 8) קאָרעספּאָנדענצן און באַריכטן; 9) פּראָגעס און ענטפערס.

דער דאָזיקער זשורנאַל איז געווען אַ נישט־אָפיציעלע אויסגאַבע פון דער פּעטערבורגער „חברה מפיצי השכלה" (אָפּע). צום ניוואָ פון אָט דער געזעלשאַפט און צום דעמאָלטיקן פּאַרנעם פון איר טעטיקייט, צו איר שטעלונג צו דער יידישער שול — איז געווען צוגעשניטן דער גאַנצער כאַראַקטער און פּאַרנעם פונעם דאָזיקן ערשטן פּעדאַגאָגישן זשורנאַל ביי יידן אין רוסלאַנד. עס איז דעמאָלט געווען אַ פּעריאָד פון גרויסער אויפלעבונג אויפן געביט פון יידישער שול־טעטיקייט: עס האָבן פונקציאָנירט אַ סך

---

* די רעדאַקטאָרן פון דעם זשורנאַל זענען געווען פּריער יוסף לוריא, און שפּעטער לוריא און מאיר קריינין.

שבת־שולן און אָוונטשולן פאַר דערוואַקסענע און יוגנטלעכע; עס איז אויסגעוואַקסן אַ נעץ חדרים מתוקנים און אפילו אין די עלטערע חדרים האָבן זיך באַוויזן אַ סך אויפגעקלערטע מלמדים וועלכע האָבן געשטרעבט צו עפּעס נייס; עס איז שוין געווען אַ גרויסע נעץ געזעלשאַפטלעכע תלמוד־תורות פאַר ייִנגלעך און נאָך מער מאָדערנע מיידלשולן; צווישן די לערערס און לערערינס האָבן זיך באַוויזן אַ סך נייע טיפּן פון דער פאָלקס־אינ־טעליגענץ. די „חברה מפיצי השכלה" האָט זיך אַלץ מער אינטערעסירט מיט דער פאָלקשול און מיט די חדרים. און אָט דאָס גאַנצע שולוועזן מיט זיינע פאַרשידנאַרטיקע פּראָבלעמען האָט עס דער נייער זשורנאַל געוואָלט באַדינען. און דאָס אַלץ — אין דער רוסישער שפּראַך, און טאַקע אין דער קרוינשטאַט פון לאַנד, מיט איר האַלב אַסימילירטער אינטעליגענץ.

די איינשטעלונג איז געווען אַן ערנסטע, די האָפענונגען אויפן זשור־נאַל און זיין דערפאָלג זענען געווען ביי די איניציאַטאָרן פון דער אויס־גאַבע זייער גרויסע, און צו דער אַרבעט האָבן זיי זיך גענומען מיט אימפּעט. צווישן די געמאָלדענע מיטאַרבעטערס זענען געווען אַ סך פּראָפעסיאָנעלע שרייבערס און פּובליציסטן, עס האָבן אויך נישט געפעלט געבילדעטע פּעדאַגאָגן. די נישט־אָפיציעלע שייכות פון דער „חברה מפיצי השכלה" צו דער אויסגאַבע איז געווען נישט נאָר אוים מורא פאַר צענזור־שוועריִ־קייטן, נאָר דאָס איז אויך געווען בהסכם מיט די אינעווייניקסטע פאַר־העלטענישן אין דער חברה גופא און איר נישט־פעסטער שטעלונג צו אירע שול־אויפגאַבעס. דאָך האָט דער זשורנאַל געהאַט אַ גאַנץ לעבעדיקע פאַרבינדונג מיט די ערטער, און עס האָט זיך אין אים געפילט אין אַ גרויסער מאָס דער פּולס פון דער דעמאָלטיקער שול.

אין איר פּראָגראַם־אַרטיקל ווייזט אָן די רעדאַקציע אויף די פּראָ־בלעמען וואָס שטייען פאַר איר:

...אַ סך פראַגעס וואָס זענען נוגע דער דערציִונג פון יידישע קינדער אין דער היים און אין שול פאַרבלייבן נאָך אָפן; אַנדערע זענען נאָר אָנגעמערקט און פאַרלאַנגען, אַז געניטע און קאָמפּעטענ־טע פערזאָנען זאָלן זיי אַלזייטיק באַהאַנדלען. (די רעדאַקציע גיט זיך אָפּ אַ חשבון, אַז דער אָרגאַן) וועט צום ערשטן מאָל שאַפן אַ פּלאַץ, וו אַלע פראַגעס פון לערן־דערציִערישן געביט וועלן אונטערגעוואָרפן ווערן אונטער אַן אַלזייטיקער און עפנטלעכער באַטראַכטונג... נישט אָפּשטעלנדיק זיך אויף די אַנדערע פראַגעס וואָס האָבן אַן ענגע באַרירונג מיט דערציִונג און פאָלקסבילדונג, ווי למשל די פראַגעס וועגן פיזישער דערציִונג, פּראָפעסיאָנעלער בילדונג, וועגן דער מאַ־

טעריעלער פאַרזאָרגונג פון די לערערס, וועגן ביבליאָטעק־ענינים, אויסערשול־בילדונג וכדומה — פאַר די אַלע פראַגעס וועט אין אונ־זער זשורנאַל אָפּגעגעבן ווערן געהעריקער פּלאַץ און אויפמערקזאַמ־קייט — רעכענען מיר, אַז אונדזער זשורנאַל וועט דינען ווי אַ פּאַר־אייניקונגס־צענטער, אין וועלכן עס וועט זיך קאָנצענטרירן דאָס גאַנ־צע לערן־דערציערישע לעבן פון אונדזער פאָלק. די „יעווריסקאַיאַ שקאָלאַ" וועט באַלייכטן אַלץ וואָס ביי אונדז איז פאַראַן און וואָס איז היינט פאַרהוילן אין פינצטערניש, זי וועט אונטערפירן אַ באַ־לאַנס פון דעם עקסיסטירנדיקן, זי וועט אַרויסרופן צום לעבן די כוחות וואָס דרימלען אין אומטעטיקייט און אומבאַקאַנטשאַפט, און זי וועט אויפהאָדעווען נייע און פרישע קרעפטן.

אין אַן אַנדער נאָטיץ פון דער רעדאַקציע לייענען מיר:

גענבן דעם קינד אַ קרן קימת פון אינטעלעקטועלע און מאָראַלי־שע כוחות, מיט וועלכע ער זאָל זיך קענען לאָזן אויפן לעבנסוועג, ווי אַ מענטש און ווי אַ זון פון זיין פאָלק — אָט דאָס איז די גרוי־סע אויפגאַבע פונעם לערער און דערציער פון יידישן קינד. מיט־העלפן לויט די כוחות און מעגלעכקייטן קלאָר צו מאַכן אָט די פראַ־געס, ספּעציעל פון יידישער דערציונג, און דורכצופירן אין לעבן די אַרויסבאַקומענע רעזולטאַטן — אָט דאָס איז די הויפּט־ און גרונט־אויפגאַבע פון דער „יעווריסקאַיאַ שקאָלאַ". מיט דער גאַנצער קראַפט פון אונדזער נשמה וועלן מיר קעמפן פאַר אַ יידישער שול, ד"ה פאַר אַזאַ שול וואָס זאָל זיין בהסכם מיטן כאַראַקטער פון די יידישע קינ־דער און מיטן היינטיקן מצב פון יידישן פאָלק.*)

---

* די קאָמפּלעטן פון דעם ערשטן רוסיש־יידישן פּעדאַגאָגישן זשור־נאַל זענען אין ניו־יאָרק נישט בנימצא. דער גאַנצער מאַטעריאַל וועלכן איך וועל ווייטער רעפערירן איז באַזירט טיילווייז אויף נאָטיצן וועלכע איך האָב געמאַכט מיט יאָרן צוריק אין ייוואָ, אין ווילנע, לייענענדיק די עטלעכע נומערן פונעם זשורנאַל וואָס זענען דאָרט געווען, און טייל־ווייז אויף די סיסטעמאַטישע רעצענזיעס איבער די נומערן „יעווריסקאַיאַ שקאָלאַ", וואָס האָבן זיך געדרוקט אין וואָסכאָד. איך וועל רעפערירן דעם מאַטעריאַל לויט די טעמעס וואָס ווערן דאָ באַריט און שפּעטער וועל איך אויך געבן אַ רשימה פון אַנדערע אַרטיקלען.

די פראַגע „עברית בעברית" איז ־דעמאָלט געווען אויפן סדר־היום. עס איז נישט נאָר געווען אַן ענין פון העברעיזם, עס איז אויך געווען אַן אויסדרוק פון די נייע פּעדאַגאָגיש־מעטאָדישע שטרעמונגען וועלכע האָבן זיך געריסן אין די ווענט פון דער יידישער שול אַריין. מיר האָבן אין „יעווריייסקאַיאַ שקאָלאַ" אַ גאַנץ היפּשע צאָל אַרטיקלען וואָס באַהאַנדלען די פראַגע. חיים פּיאַלקאָוו שרייבט וועגן דעם אין פעברואַר־נומער 1904. ער באַקעמפט דעם איבערזעץ־מעטאָד, ער פאַררופט זיך דערביי אויף קאָמעניוס, אַז „ווערטער דאַרפן געלערנט ווערן אין פאַרבינדונג מיט די אָביעקטן, כדי די שפּראַך און דאָס פאַרשטיין זאָלן זיך אויסבילדן גלייכצייטיק". יעקב קאַצענעלסאָן (יאַנואַר 1905) דרוקט אַן אַרטיקל מיטן פּאָלעמישן טיטל: „די נאַטורעלע אוטאָפּיע". דאָס פאַרכאַפּט ווערן, זאָגט ער, מיטן נאַטירלעכן מעטאָד איז אַ רעזולטאַט פון אַן אומפאַרשטענדעניש וואָס באַזירט זיך אויף אומבאַקאַנטשאַפט מיטן ענין און פון דעם וואָס עס הערשט ביי אונדז דילעטאַנטישקייט אין פּעדאַגאָגישע פראַגעס. ער אַנאַליזירט אַלע פּראָ און קאָנטראַס און קומט צום אויספיר: די יידישע שול טאָר נישט און קען נישט זיך שטעלן פאַר איר הויפּט־אויפגאַבע אויפצולעבן די העברעישע שפּראַך, וואָס אפילו די לערערס אַליין קענען זי נישט אין אַ גענוגער מאָס.

דאָס וואָס עס פעלן גוטע צוגעגרייטע לערערס — דאָס איז באמת די גרעסטע שוואַכקייט פון אונדזער חדר, און זי פאָדערט געהעריקע „נאַטירלעכע" היילונג, כדי צו פאַרריכטן אָט דעם פעלער. דאָס איבעריקע — גוטע אויסגעוויינקסטע אויסשטאַטונג און אינעווייניקסטער סדר — דאָס וועט שוין אַליין קומען, ווי באַלד דער דאָזיקער עיקר־באַדינג וועט מקוים ווערן.

אין מיי־נומער פון זעלבן יאָר האָט ח. וו. געענטפערט מיט אַן אַרטיקל: „דער נאַטירלעכער מעטאָד און זיינע קעגנערס מחמת אומפאַרשטענדעניש". דער מחבר האָט דאָ געזוכט צו פאַרטיידיקן דעם מעטאָד פון עברית בעברית און געווינען פאַר אים די לערערס.

די פראַגע „עברית בעברית" איז געווען אַ טייל פון דער גרויסער פּראָבלעם: ווי אַזוי זאָל מען די יידישע שול און דערציונג אויסבעסערן; וואָס פאַר אַן אָרט און ראָלע דאַרף דערביי שפּילן דער חדר, סיי דער טראַדיציאָנעלער און סיי דער חדר מתוקן; וועלכער זאָל זיין דער הערשנדיקער טיפּ שול אויף דער יידישער גאַס, — די דאָזיקע פּראָבלעמען ווערן אין דעם זשורנאַל באַהאַנדלט פון עטלעכע מחברים.

דער באַקאַנטער פּובליציסט און היסטאָריקער פון יידישער דערציונג אין רוסלאַנד, פּ. מאַרעק, האָט אין צוויי נומערן (יאַנואַר און מאַרץ 1904) געשריבן וועגן דער „נאַציאָנאַליזאַציע פון דערציונג און פון די יידישע לערן־אַנשטאַלטן". ער זעט די הויפּטפּראָבלעם אין דעם, וואָס אויף דער יידישער גאַס הערט נישט אויף דער קאַמף און די קאָנקורענץ צווישן דעם חדר און דער וועלטלעכער שול. ער רעקאָמענדירט „צו פאַרקלענערן דעם תהום צווישן דער שול און דעם חדר, כדי ווי ווייט מעגלעך זיי צווישן זיך צו דערנענטערן". אין דער דאָזיקער דערנענטערונג פון ביידע טיפּן שולן, רעכנט ער, „שטעקט בעצם די גאַנצע פּראָבלעם פון דער היינטיקער יידישער שול".

אָנהייבנדיק פון דער תקופה אוטשילישטשעס פון ערשטער און צווייטער קאַטעגאָריע, און ביז סאַמע היינטיקן טאָג האָט אונדזער מאַסע עקשנותדיק קיין צוטרוי נישט צו יעטווירן פּרווו אַריבערצו־טראָגן דעם שווערפּונקט פאַר יידישער בילדונג פונעם חדר צו דער שול. די מאַסע אָנערקענט נאָך אַז אַ חדר מיט אַלגעמיינע לימודים קען פאַרבייטן די שול, אָבער ווייניקער ווי אַלץ איז זי נוטה צו מיי־נען, אַז אַ שול מיט יידישע לימודים איז בכוח איינצושלינגען דעם חדר. און כל־זמן דער חדר וועט זיין אומאָפּהענגיק אין זיינע אי־נעווייניקסטע פונקציעס, וועט ער און נישט די שול וואָס איז לויט איר כאַראַקטער פּרעמדקערפּערדיק, געהאַלטן ווערן פאַר יענעם אָר־גאַן וואָס איז פעיק און באַרופן צו דינען דער זאַך פון אייגענער נאַ־ציאָנאַלער דערציונג.

לויט מאַרעקן קוקט די מאַסע אויף דער אָפיציעלער תלמוד־תורה פריער פאַר אַלץ ווי אויף אַ שול. און טאַקע „ווי אַזעלכער וויל זי איר נישט אָננעטרויען דאָס לערנען די יידישע לימודים, וואָס פאַר אַ צאָל שעהן אַ וואָך מע זאָל נישט אָפּגעבן פאַר זיי". פּ. מאַרעק רעדט דאָ אַרום די פּראָיעקטן פון נאַציאָנאַליזאַציע־קאָמיטעט אין אָדעס, אין וועלכע עס זע־נען געווען אנגאַזשירט ש. דובנאָוו און אַנדערע. מאַרעק האַלט די אָדעסער פּרווון פון שול־רעפאָרם פאַר „אַן אַטענטאַט מיט נישט־טויגעוודיקע מיט־לען". ער מיינט, אַז סיי דער אָדעסער קאָמיטעט פון דער „חברה מפיצי השכלה" און סיי די דאָרטיקע אָפּאָזיציע גייען ביידע אַרויס פון דעם פאַלשן קוק, אַז די שול מוז אַזוי צי אַנדערש אַריינגעמען אין זיך דעם חדר. דער אונטערשייד איז נאָר: דער קאָמיטעט וויל דאָס דערגרייכן דורך איגנאָרירן דעם חדר און האַלט זיך לגבי אים ביי אַ פּאָליטיק פון אָפּווישן זיין פּרצוף; די אָפּאָזיציע ווידער שטרעבט צום טריומף פון דער שול דורך

דעם וואָס זי וויל איר איבערגעבן די פונקציעס פון חדר. „מיר — זאָגט פּ. מארעק — קענען נישט פארשטיין אַלץ איינס נישט דעם קאָמיטעט מיט זיין איגנאָרירן דעם חדר, און נישט די אָפּאָזיציע מיט איר טענדענץ איינצושליסן דעם חדר אין דער שול".

זייער אַקטיוו איז געווען אין דער „יעווריייסקאַיאַ שקאָלאַ" דער פּע־דאַגאָג און שפּראַך־געלערנטער קאָנסטאַנטין זשיטאָמירסקי, וועגן וועלכן אונדז וועט נאָך שפּעטער אויסקומען צו רעדן. זשיטאָמירסקי האָט פאַר־עפנטלעכט אין דעם זשורנאַל אַ היפּשע צאָל אַרטיקלען וועגן די צילן און דעם כאַראַקטער פון דער יידישער שול און אויך וועגן דער מעטאָדיק פון באַזונדערע לימודים.

אינעם נומער פון אָקטאָבער 1904 שרייבט ער אַן אַרטיקל „דער חדר און די שול". זשיטאָמירסקי זעט אינעם חדר אַ סך פּאָזיטיווע מאָמענטן: פרייהייט פון לערנען — נישטאָ קיין קאַזיאָנע רעגלאַמענטאַציע, עס פעלט די קלאַסן־סיסטעם, עס איז איינגעשטעלט אַ מין „פּיל־גרופּעדיקייט", און דאָס גיט אַ מעגלעכקייט צו דיסקאָנטירן די ידיעות פון יעדן נייעם תלמיד. אין חדר איז נישטאָ דער פּרינציפּ פון שטראָפן און באַלוינונגען; ער באַזיצט אַ ריכטיקע קאָנטראָל־סיסטעם: דאָס „פאַרהערן". די חסרונות פונעם חדר זענען נאַטירלעכע פּראָדוקטן פון יידישן פאָלק. זשיטאָמירסקי האַלט, אַז מע דאַרף אויסנוצן די פּאָזיטיווע פּרינציפּן פונעם חדר — זיי האָט אויס־געבילדעט דער נאַציאָנאַלער כאַראַקטער פונעם אַנשטאַלט; מע דאַרף זיי אַוועקלייגן אין יסוד פון דער נייער יידישער שול, אויב זי וויל זיין אַ היסטאָרישער פּראָדוקט פונעם אינעווייניקסטן און אויסווייניקסטן יידישן לעבן, און נישט נאָר סתם אַ נאָכמאַכונג פון דער אייראָפּעישער שול.

אין אַ צווייטן אַרטיקל (דעצעמבער 1904) פּרוווט זשיטאָמירסקי אַנאַ־ליזירן דעם אינהאַלט פון אָט דער יידישער שול, אַזוי ווי ער פאַרשטייט זי. ער שרייבט דאָ וועגן „די פּראַקטישע צילן פון דער יידישער שול" און פאָרמולירט דריי צילן. קודם איינהאַלטן דאָס יידישקייט אין אונדזערע קינדער. „אין דער יידישער שול דאַרף מען בכן לערנען אַ סיסטעם פון יידישער רעליגיע, ביבלישער און תלמודישער עטיק, ביבלישע געשיכטע... יידישע געשיכטע פון נאָכן חורבן בית ראשון ביז אונדזערע טעג, און ענדלעך דאַרף די יידישע שול געבן אַזעלכע ידיעות אין העברעיש, אַז זיי זאָלן קענען דינען פאַר אַ פעסטן יסוד אויף צו באַקענען זיך מיט דער העברעישער ליטעראַטור". דער צווייטער ציל פון דער יידישער שול איז — „צוגרייטן געבילדעטע יידן אינעם איינציקן מעגלעכן זינען פון דער אייראָפּעישער ציוויליזאַציע". דער דריטער ציל איז: „דער רוסישער ייד דאַרף זיין נישט נאָר אַ ייד, נאָר אין דער זעלבער צייט אַ רוס".

אין אַ שפּעטערדיקן אַרטיקל „דער געוווּנטשענער טיפּ פון דער יידישער שול" (מאַרץ 1905) קומט ער וויטער צו די זעלבע אויספירן: די שול דאַרף זיין „אַ געזעצלעכער אַמאַלגאַם פון די פּרינציפּן פון חדר און פון דער שול". דאָס דאַרף זיין אַ טיפּ פון אַ האַלב־מיטלשול מיט אַ 6־יאָריקן קורס און מיט שׂכל־לימוד.

נו, און וואָס הערט זיך מכּוח דער יידישער שפּראַך, איר אָרט און ראָלע אין דער עלעמענטאַרער שול? איר ראָלע אין דערציערישן און אין לערן־מעטאָדישן זינען? אויף דער טעמע האָבן מיר אויך עטלעכע אָפּהאַנדלונגען אין די צוויי יאָרגענג „יעווריסקאַיאַ שקאָלאַ".

אינעם אָקערשט ציטירטן אַרטיקל, רעדנדיק וועגן לימוד פון „התחלה־שריפטיקייט" אין דער יידישער שול, זאָגט זשיטאָמירסקי אַרויס זיין מיינונג, אַז ביי די איצטיקע באַדינגונגען איז דער „זשאַרגאָן" פאַרמישפּט אויף אומפאַרמיידלעכן אונטערגאַנג אין צוויי, העכסטנס דריי דורות אַרום. די דאָזיקע מיינונג באַגלייט די רעדאַקציע פונעם זשורנאַל מיט אַזאַ באַמערקונג.

> מיר קענען נישט מסכּים זיין אין דעם מיטן מחבר: פאַר אַ גרויסער מערהייט פון דער מאַסע איז דער זשאַרגאָן ביז איצט נאָך די איינציקע פאַרשטענדלעכע שפּראַך, און עס איז צו ריזיקאַליש צו מיינען אַז ער וועט איז צוויי־דריי דורות פאַרשווּנדן ווערן.

האָבנדיק אַזאַ באַציונג צו דער יידישער שפּראַך, קען, פאַרשטייט זיך, זשיטאָמירסקי נישט געפינען פאַר איר קיין פּלאַץ אין שול:

> לערנען אין שול זשאַרגאָן ווי אַ שפּראַך איז יידן קיין מאָל נישט געקומען אויפן געדאַנק, נישט פריער און נישט איצטער. נאָר באַזונדער היינט דאַרף מען דאָס ספּעציעלע לערנען זשאַרגאָן אָנערקענען פאַר אַן אומזיסטן אָנווער פון צייט.

און דאָך... קען דער מחבר פאָרט נישט פאַרראַטן זיין פּעדאַגאָגישן געוויסן, און ער זאָגט שפּעטער:

> אָבער בשום אופן דאַרף דאָס נישט הייסן, אַז קינדער וואָס רעדן אויסשליסלעך אויף זשאַרגאָן זאָל מען לערנען דאָס ערשטע לייענען און שרייבן אויף אַ וועלכן עס איז אַנדערן, פרעמדן לשון. מען דאַרף אומבאַדינגט אויסנוצן דעם זשאַרגאָן.

שפּעטער מיט יאָרן האָט זשיטאָמירסקי געביטן אַ ביסל זיין באַציונג צו יידיש, און אין 1913 האָט ער אפילו פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערע אַר־בעט אויף יידיש אונטערן נאָמען די וויזועל־פאָנעטישע מעטאָדע צו לערנען לייענען יידיש (ערשטער טייל פון ד. האָכבערגס מעטאָדישע אָנווייזונגען). אָבער אפילו אין דער ציטירטער נעפּלדיקער רעקאָמענדאַציע אויסצונוצן יידיש אומבאַדינגט פאַר די קינדער „וואָס רעדן אויסשליסלעך אויף זשאַר־גאָן" איז שוין געווען אַן אָנזאָג אויף דער נייער צייטיק געוואָרענער שטע־לונג צו יידיש אין שול.

גאָר אַן אַנדער באַציונג צו יידיש האָבן מיר אין אַן אַרטיקל וואָס איז געדרוקט אין אַפּריל־נומער 1904, אונטערן נאָמען „דער זשאַרגאָן ווי אַ מיטל פון בילדונג" (אונטערגעשריבן מיט די איניציאַלן יאַ. ש.) דער מחבר ברענגט עטלעכע אינטערעסאַנטע ציפערן. אין אַ גרויסער שטאָט פון יידישן תחום האָט זיך ביי אַ ציילונג פון יידישע האַנטווערקערס אַרויס־געוויזן, אַז וויניקער ווי 50 פּראָצענט האָבן געקענט לייענען און שרייבן רוסיש; פון דער אַנדערער זייט זענען געווען ביי 35 פּראָצענט האַנטווער־קערס נישט־עברידיקע אפילו אין יידיש. ביי אַן אויספאָרשונג פון אַ דריטל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אָדעס, 48 טויזנט מאַן, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אין רוסיש זענען געווען שריפטיק סך־הכל 11 פּראָצענט, און אין די גאָר אָרעמע קוואַרטאַלן איז דער דאָזיקער פּראָצענט געפאַלן ביז 6; אויך אויף יידיש האָט זיך דאָ אַרויסגעוויזן אַ היפּשער פּראָצענט נישט־עברידיקע. און פון דעם קומט דער מחבר צו אַזאַ אויספיר: „פאַר אַ באַזונדער מעכטיקן און כמעט איינציקן מיטל צו באַווירקן אויפקלע־רעריש די מאַסע מוז מען נאָך אונדזער מיינונג אָנערקענען דעם זשאַר־גאָן". דער מחבר דערמאָנט, וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלער פּראָצענט יידן עס האָט אָנגעוויזן ביי דער פאָלקסציילונג פון 1897, אַז יידיש איז זייער מוטערשפּראַך. אין ווילנער און וויטעבסקער גובערניעס, למשל, איז דער דאָזיקער פּראָצענט דערגאַנגען ביז 98.8 און 99.2.

שוין זשע וועט אונדזער אינטעליגענץ צוליב עפּעס אין גאַנצן אומבאַגרינדעטע דאָקטרינערישע מיינונגען אָפּשניידן פאַר די ברייטע שיכטן פון פאָלק דעם צוטריט צו וויסן און בילדונג?

דער מחבר דערציילט וועגן דעם גרויסן דוחק אין אַ גוט יידיש בוך:

פון איין זייט — אַ שפּירעוודיקע פאָלקסמאַסע וואָס רופט זיך אָפּ און איז דאָרשטיק נאָך וויסן און נאָך אויפקלערונג וועגן אָרו־מיקן לעבן; פון דער אַנדערער זייט — נישטאָ קיין שום מעגלעכקייט

צו באפרידיקן דעם דאזיקן דארשט. דער אויסוועג איז, ווי מיר האבן זיך באמיט צו באווייזן, נאר איינער: די אנטוויקלונג פון דער זשאר־גאנישער ליטעראטור.

נאך שארפער און קאטעגארישער איז געווען אין זיין ארטיקל א. אידעלסאן, וואס האט געטראגן דעם נאמען „פאראדאקס” (דעצעמבער 1904). דער פאראדאקס — דאס איז די הערשאפט פון דער רוסישער שפראך אין דער יידישער שול.

דאס אריינפירן די רוסישע שפראך אין אונדזערע עלעמענטארע שולן באזירט זיך אויף א גרויסער אומפארשטענדעניש. מיר האבן דא צונויפגעמישט צוויי נישט גאר אידענטישע באגריפן: בילדונג און רוסישע גראמאטע... אפילו אין די גובערניעס מיט א רוסישער באפעלקערונג פאלט גארנישט צונויף (ביי יידן) די גערעדטע שפראך מיט דער שפראך וואס ווערט געלערנט אין שול.

ער קומט צום אויספיר: מע דארף באזייטיקן פון דער יידישער פאלקשול די רוסישע שפראך ווי די לערנשפראך, ווארעם אפילו פראקטיש דארפן יידן גארנישט האבן די רוסישע שפראך, זיי קענען זיך באגיין אן איר!

אויף דעם ארטיקל איז געקומען אן ענטפער פון ס. ווערמעל (מארט 1905). ער האלט, אז אויף „זשארגאן” קען מען דערוויייל נישט באקומען קיין שום בילדונג. און זיינע ארגומענטן זענען זייער כאראקטעריסטיש פאר יענער צייט:

אין ארטיקלען אין „פריינט" פון פארשידענעם כאראקטער האב איך פעסטגעשטעלט די פראפארצן ווערטער וואס קומען פון פאר־שידענעם אפשטאם, און איך האב אויסגעפונען, אז אין יעטוועדן אבי וועלכן ארטיקל איז פאראן פון 15 ביז 25 פראצענט העברעאי־שע ווערטער און פון 15 ביז 25 פראצענט ריין דייטשישע ווערטער, וועלכע ווערן נישט באנוצט אין דער גערעדטער שפראך און זענען דעריבער נישט פארשטענדלעך פארן פאלק וואס רעדט אויסשליסלעך אויף זשארגאן. חוץ דעם געפינען זיך 3—5 פראצענט רוסישע ווערטער און כמעט אזוי פיל אויסלענדישע פון לאטיינישן און גרי־כישן אפשטאם.

אין די צוויי יאָרגענג פון דער „יעווריייסקאַיאַ שקאָלאַ" געפינט זיך אויך אַ היפּשע צאָל אַרטיקלען וועגן פּראָגראַם און מעטאָדיק. איך וועל דאָ איבערגעבן דעם אינהאַלט בלויז פון איין אַרטיקל פון דעם מין — דאָס איז דאָס אַרטיקל פון ד"ר מ. קאַצענעלסאָן (נישט צונויפמישן מיט בוקי בן יגלי) אין פעברואַר־נומער 1904 אונטערן נאָמען: „ווי אַזוי דאַרף מען שטודירן און לערנען יידישע געשיכטע" (שפּעטער אַרויס אין אַ באַזונדערער בראָשור). געשיכטע איז געווען אַ נייע אָנגעוויטיקטע פראַגע אין אַלע טיפּן יידישע שולן. דער מחבר באַטראַכט די צילן פונעם געשיכטע־לימוד; דעם פאַרנעם און די פאַרטיילונג פונעם מאַטעריאַל, אויך די מעטאָדן פונעם לערנען; די לערן־מכשירים און לערנביכער; די פּראָגראַם. קאַצענעלסאָן האַלט:

> דער אינהאַלט פונעם געשיכטע־מאַטעריאַל און דער כאַראַקטער פונעם לערנען דאַרפן פאַרבלייבן וויסנשאַפטלעכע, נישט צעקאַליעטשעט. דער אינהאַלט פונעם מאַטעריאַל דאַרף באַשטיין פון אַלע דריי היסטאָרישע עלעמענטן, פון וועלכע עס ווערט צוזאַמענגעשטעלט דאָס בילד וועגן דעם לעבן פון דער נאַציע — דאָס איז די באַשרייבונג פון דעם פאָלקס פּאָליטישער, סאָציאַל־קולטורעלער און גייסטיקער אַנטוויקלונג. דער כאַראַקטער פון דער הסברה פאָדערט, אַז מען זאָל אָפּהיטן די איינהייטלעכקייט ביים שילדערן דעם היסטאָרישן פּראָצעס — אויפן העכערן קורס, און לפּחות, די איינהייטלעכקייט ביים שילדערן די היסטאָרישע געשעענישן — אויפן נידעריקערן קורס.

דער מחבר גיט דאָ אויך אַ גענויע פּראָגראַם, דערביי באַטראַכט ער אין דער נאָכביבלישער געשיכטע יעדער איינפּאָכעאיש לאַנד ווי אַ זעלבסט־שטענדיקע איינהייט: ער פאַראַלגעמיינערט אָבער די שילדערונג לויט די תקופות אין באַזונדערע מלוכות, רעכענענדיק זיך מיט די פאָדערונגען פון אַלגעמיין היסטאָרישער פּערספּעקטיוו.

צום סוף וויל איך דאָ נאָך אויסרעכענען אַ טייל נעמען פון די אַנדערע אַרטיקלען, וואָס זענען אָפּגעדרוקט אין דעם זשורנאַל:

1904: מאַירסאָן, „מיטלען אויף אויסצובעסערן די מלאָכה־טעכניק צווישן יידישע האַנטווערקערס"; פּערלמאַן, „פּראָפעסיאָנעלע קורסן"; מ. פּ. לאַנדער, „דאָס שולוועזן אין דרום־מערב־געגנט"; ק. זשיטאָמירסקי, „וועגן לערנען לייענען און שרייבן אין די יידישע שולן"; דער זעלבער, „דאָס לערנען אַלגעמיינע לימודים אין די יידישע שולן"; באָגען, „וועגן יידישער דערציאונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן"; י. אייבענוואַלד, „די

אכטונג צום קינד"; א. ווערבלאָווסקאיא, „באַוועגלעכע שולמוזייען"; ל. ב. זוטע, „דער צושטאַנד פון די יידישע שולן אין ארץ־ישראל".

1905: ק. זשיטאָמירסקי, „אַ פּרוואו אויסצובעסערן די העברעאישע דיקציע"; שרה ראַבינאָוויטש, „פאָלקס־דערציאונג ביי יידן אין גאַליציע"; ד. ערקין, „אַ שטים פון אַ לערער"; ק. זשיטאָמירסקי, „פראַגעס פון אַד־מיניסטראַציע אין דער יידישער שול"; וו. אַלעקסאַנדראָווא, „אַנאַליז פון אַלע אונדזערע אַלף־בית־לערנביכער"; בן־צבי „פון נאָטיצבוך פון אַ פּריוואַטן לערער"; י. שולקאָווסקי, „די פּראָגראַם פון יידישע לימודים אין די תלמוד־תורות"*).

אריינטרעטנדיק אינעם צווייטן יאָר פון איר עקסיסטענץ, האָט די „יעווריעסקאיא שקאָלאַ" אַזוי געשריבן:

> אַ סך כוחות און באַמיאונגען האָבן מיר אַוועקגעגעבן אין פאַרגאַנגענעם יאָר אויף אונדזער אויסגאַבע. מע קען אָבער נישט זאָגן, אַז דער מיטגעפיל פון אונדזער געזעלשאַפט איז אַנטקעגנגע־קומען כאָטש אין דער קלענסטער מאָס אָט דעם נייעם געביט אין אונדזער רוסיש־יידישער ליטעראַטור. אפנים דאָס באַוואוסטזיין וועגן דער נייטיקייט פון אויפקלערונג און פאָלקסבילדונג — וואָס זיי זענען דאָך דער פונדאַמענט, אויף וועלכן מע קען נאָר בויען, ווי מיר פאַרשטייען דאָס, דעם בנין פון דעם פאָלקס־גליק — איז נאָך נישט גענוג טיף אַריינגעדרונגען אין די מוחות פון די פאַרשידענע שיכטן פון אונדזער געזעלשאַפט.

מיטן צווייטן יאָרגאַנג האָט טאַקע די „יעווריעסקאיא שקאָלאַ" פאַרענדיקט איר עקסיסטענץ. זי איז נישט געוואָרן דער פאַראייניקונגס־צענטער, אַזוי ווי די רעדאַקציע האָט געהאָפט און דאָס אויסגעדריקט אין ערשטן נומער. די סיבות זענען געווען טיפער און פאַרשידנאַרטיקער איי־דער די רעדאַקציע האָט עס אויסגעטייטשט. עס איז געווען די תקופה פון ערב דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע. אויף דער יידישער גאַס האָבן זיך געשטאַרקט די רעוואָלוציאָנערע און נאַציאָנאַלע שטימונגען. דער יידישער לערער האָט זיך גאַנץ אָפט געפונען אין די פאָדערשטע רייען פון דער באַוועגונג. עס זענען אויסגעוואַקסן די יידישיסטישע שטימונגען און עס האָבן זיך הויך געלאָזט הערן די לאָזונגען פון רעכט פאַר דער

*) סך־הכל אַרויס 17 ביכלעך: 15 אין 1904 און 7 אין 1905. אַן אויספירלעכע רעצענזיע וועגן דעם זשורנאַל געפינט זיך אין זשורנאַל „יעווריעסקאַיאַ זשיזן" (יידיש לעבן), 1905, ל"ז 198־202.

יידישער שפּראַך און איר אנערקענונג אין דער מלוכה. עס זענען פאָרמו־לירט געוואָרן די פאָדערונגען פון קולטור־נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע און פון א שול אין דער מוטערשפּראַך פון די קינדער פון דער יידישער מאַסע. פון דער אַנדערער זייט זענען אויך געוואַקסן די העברעאיסטישע שטימונ־גען: דער קולטור־קאַמף און שפּראַך־קאַמף אויף דער יידישער גאַס האָט זיך געהאַלטן אין צעפלאַקערן. ביי אַזאַ לאַגע האָט די „יעווריסקאַיאַ שקאָלאַ" נישט געקענט צופרידן שטעלן. די מלמדים, נישט די רעפאָרמירטע און אוודאי נישט די טראַדיציאָנעלע, האָבן קיין רוסישן זשורנאַל נישט גע־לייענט. נישט די העברעאיסטן און אוודאי נישט די יידישיסטן האָבן נישט געקענט באַטראַכטן די „יעווריסקאַיאַ שקאָלאַ" מיט איר אָפּאָרטוניסטישער שטעלונג צו דער שפּראַך־פראַגע, ווי זייער אָרגאַן. פאַרן מלמד און האַלב אינטעליגענטן נישט־צוגעגרייטן לערער וואָלטן שטאַרק צוניץ געקומען פּאָפּולערער־וויסנשאַפטלעכע אויסגאַבעס, אָבער — אויף יידיש, אָדער העברעאיש. די נייע לייענערס פון דער אַרבעטערשאַפט און סתם פון אויפגעקלערטע אַרבעטסמענטשן, האָבן זיך אויך געניטיקט אין אַזאַ מין ליטעראַטור, אָבער ווידער אַ מאָל אויף יידיש. עס איז אויסגעוואַקסן אַ העברעאישע, און נאָך מער אַ יידישע פּרעסע, און די ראַדיקאַלע לערערס האָבן זיך אויסגעלעבט אויף די שפּאַלטן פון אָט דער פּרעסע. דער „יעוו־ריסקאַיאַ שקאָלאַ" האָט געפעלט פּרינציפּיעלע אויסגעהאַלטנקייט, זי איז געווען אידעאיש נישט־דרייסט און צעשוואומען, זי האָט געוואָלט אַלע־מען צופרידן שטעלן, און דערפאַר האָט זי קיינעם נישט צופרידן געשטעלט. די לערערס האָט געפעלט אַ פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע, און נאָר אַנ־דערע שיכטן האָבן גענומען אויף זיך די דאָזיקע איניציאַטיוו. די „יעוו־ריסקאַיאַ שקאָלאַ" איז סוף־כל־סוף געווען אָפּגעריסן פון דער לערערשאַפט, — מיר זעען עס פון דער זייער מאָגערער צאָל לערערס־קאָרעספּאָנדענטן אירע. די נייע יידיש־וועלטלעכע שול איז ערשט געווען אין אירע וויקעלעך, און די אָנהענגערס פון אָט דער שול האָבן זיך געגרייט זיך צונויפצורעדן און זיך צו אָרגאַניזירן.

ביי אָט דער לאַגע איז קיין וואונדער נישט, וואָס די רעדאַקציע האָט זיך אָנהייב 1905 שוין געפילט פאַרלוירן און נישט באַפרידיקט און צום סוף פון דעם יאָר האָט זי זיך אין גאַנצן געשלאָסן. די צייט פאַר אַ יידישער פּעדאַגאָגישער אויסגאַבע איז נאָך נישט געווען געקומען.

2. דער „וויעסטניק" פון דער „חברה מפיצי השכלה"

דער דאָזיקער זשורנאַל האָט אָנגעהויבן ארויסגיין אין נאָוועמבער 1910 און לכתחילה איז זיין נאָמען געווען „וויעסטניק אָבשטשעסטוואַ ראספּראָסטראַניעניאַ פּראָסוויעשטשעניאַ מיעזשדו יעווריעאַמי וו ראָסיי" („דער קוריער פון דער חברה מפיצי השכלה אין רוסלאַנד"). אָבער לויטן באַשלוס פון דער באַראַטונג פון דער „חברה מפיצי השכלה" אין דעצעמבער 1912 איז שפּעטער זיין נאָמען געביטן געוואָרן אויף „וויעסטניק יעווריעיסקאַוואָ פּראָסוויעשטשעניאַ" („קוריער פון ייד' בילדונג); אָנגעהויבן פון נו' 23, סעפּטעמבער 1913 האָט ער שוין געטראָגן דעם נייעם טיטל.

באַגרינדנדיק די נויטווענדיקייט פון אַזאַ פּעדאַגאָגישן זשורנאַל, האָט די רעדאַקציע אינעם ערשטן נומער געשריבן:

> די פראַגעס וועגן פאַרנעם פונעם העברעאיש־לימוד אין שול, וועגן דעם אָרט וואָס עס דאַרף אין איר פאַרנעמען די יידישע שפּראַך, וועגן דעם געוואונטשענעם טיפּ פון אַ יידישער שול, וועגן געהעריק אָוועקשטעלן דעם חדר, וועגן צוגרייטן אַ געהעריקן קאָנטינגענט יידישע לערערס און לערערינס אאַ"וו — גייען אַלץ ניכרדיקער אַריבער פונעם געביט טעאָרעטישע מחלוקתן און מיינונגס־פאַרשידנהייטן אין דער ספערע פון רעאַלער פּאָליטיק, און זיי פאַרוואַנדלען זיך אין אַ צאָל אויפגאַבעס וואָס פאָדערן אַ דעטאַלע באַהאַנדלונג, אַן ערנסטע און אויפמערקזאַמע אויספאָרשונג.

די דאָזיקע פאָרמולירונג פון די אויפגאַבעס וואָס שטייען פאַרן זשורנאַל, איז בדרך־כלל געווען אַ ריכטיקע. פאַר די פאַרלאָפענע פינף יאָר, זינט די „יעווריסקאַיאַ שקאָלאַ" איז אונטערגעגאַנגען, האָט די יידישע געזעלשאַפטלעכע שול אין דעמאָלטיקן רוסלאַנד שטאַרק עוואָלוציאָנירט. די צאָל געזעלשאַפטלעכע און רעפאָרמירטע תלמוד־תורות פאַר ייִנגלעך און אַלגעמיינע שולן פאַר מיידלעך איז אויסגעוואַקסן; אין אַ גרויסער צאָל פון זיי איז שוין געווען איינגעפירט דער לימוד פון יידיש, און זיי האָבן זיך גערינסן צו פאַרוואַנדלען זיך אין שולן, וואו אַלץ זאָל געלערנט ווערן אויף יידיש. די העברעאישע שול און אין נאָך אַ גרעסערער מאָס די ציוניסטיש־העברעאישע טוערס האָבן געשטרעבט צו באַהערשן די יידישע דערציאונג מיט דער הילף פון דער העברעאישער שפּראַך. דער שפּראַכנקאַמף אויף דער יידישער גאַס איז געווען ביז גאָר פאַרשאַרפט אין שייכות מיט דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ און אַ דאַנק

דעם וואָס די אַרבעטער־און סאָציאַליסטישע עלעמענטן האָבן איצט אויסגענוצט די לעגאַלע מעגלעכקייט און זענען געוואָרן אַקטיוו אויף דעם שול־און קולטור־געביט; די „חברה מפיצי השכלה" איז דעמאָקראַטיזירט געוואָרן, און אויף אירע יערלעכע באַראַטונגען האָבן זיך אָפּגעשפּילט דראַמאַטישע קאַמפן צווישן די אָנהענגערס פון חדר און פון נייעם טיפּ פאָלקשול, צווישן די העברעאיסטן און יידישיסטן, צווישן די חסידים פון רעליגיעזער דערציאונג און פון וועלטלעכקייט אין שול. אין דער תקופה פון רעאַקציע איז אין דער שול צוגעקומען אַ נייער עלעמענט לערערס, געוועזענע אַקטיווע טוערס פון די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען. ס'איז בכן, געווען אַ גרויסע נייטיקייט און אַ ברייט פעלד פאַר אַ טעאָרעטיש־פּעדאַגאָגישן זשורנאַל וועלכער זאָל העלפן קלאָר מאַכן אַלע אָנגעקליבענע און אַלע נייע פּראָבלעמען פון דער שול. אין דעם זינען איז דער „וויעסטניק" געבוירן געוואָרן אין אַ מער מזלדיקער שעה, און זיין דערפאָלג און חשיבות צווישן דער יידישער לערערשאַפט און די קולטור־טוערס איז געווען זייער גרויס. דער זשורנאַל איז אַרויסגעגאַנגען ביז דער רעוואָלוציע פון 1917. איך האָב אין מיין רשות געהאַט דעם נומער 49—50, באַצייכנט „1916". דאָס איז שוין געווען אַ נומער וואָס איז אַרויס סוף 1916, אָדער אפילו אָנהייב 1917. אָבער מיר געדענקט זיך, אַז נאָך אין 1917 איז אַרויס איינער אָדער צוויי נומערן*).

צום דערפאָלג פונעם זשורנאַל האָט שטאַרק מיטגעהאָלפן דער פאַרשטאָרבענער א. טשעריקאָווער. ער איז געווען זיין סעקרעטאַר און פאַקטישער רעדאַקטאָר פון אָנהייב אָן ביזן אויסבראָך פון וועלטקריג וועלכער האָט א. טשעריקאָווערן געטראָפן אויף אַ רייזע אין אויסלאַנד. א. טשעריקאָווער האָט אַריינגעטראָגן אַ סך לעבעדיקייט און איניציאַטיוו אין דעם „וויעסטניק". ער האָט אַליין געפירט די אָפּטיילונגען: „פון דער יידישער פּרעסע", „פון דער פּעדאַגאָגישער וועלט", די „כראָניק" א"אַ. ער איז געשטאַנען אין קאָרעספּאָנדענץ מיט די מיטאַרבעטערס־לערערס, זיי געמונטערט און באַגריסט. דער שרייבער פון די שורות האָט אַליין פאַרזוכט

*) פון דעם זשורנאַל זענען אַרויס אין 1910 — צוויי נומערן (נאָוועמבער און דעצעמבער), אין 1911, נומערן 3—10; 1912, נומערן 11—18, אין 1913 אונטער דעם פאַרקירצטן טיטל זענען אַרויס נומערן 19—26; אין 1914 זענען ס"ה אַרויס 4 נומערן (27—30), פון יאַנואַר ביז אַפּריל. אין 1915 זענען אַרויס 6 נומערן (31—37). די וויכטיקסטע רעצענזיע וועגן דעם זשורנאַל האָט אָנגעשריבן ישראל צינבערג אין „נאָווי וואָסכאָד" (נייער אויפגאַנג), 1913, 45, ז"ז 71—72.

דעם טעם פון די חברישע און דערמונטערנדיקע בריוו פון א. טשעריקאָ־ווערן. א. טשעריקאָווער איז אויך געווען א גוטער רעדאַקטאָר. די ערשטע צייט האָט גענומען א גרויסן אָנטייל אין דער רעדאַקציע דער טוער פון אָפּע, ס. קאַמעניעצקי, שפּעטער אָבער איז די גאַנצע פאַראַנטוואָרטונג פאַרן זשורנאַל געווען אין די הענט פון א. טשעריקאָווער.

די ערשטע צייט האָט דער זשורנאַל אויך געגעבן ביילאַגעס אויף יידיש און העברעאיש. שפּעטער האָבן די דאָזיקע ביילאַגעס אויפגעהערט, ווייל זייער אינהאַלט און פאַרעם האָט נישט באַפרידיקט נישט די יידישיסטן און נישט די העברעאיסטן. זייער מאַטעריאַל איז געווען פון א צופעליקן כאַראַקטער און געבויט אויף קאָמפּראָמיס. פון די דאָזיקע ביילאַגעס וועלן מיר דערמאָנען פיר: תולדות הפדגוגיה, מימי קדם עד תקופתנו פון א. ז. ראבינאָוויטש און דאָס לעבן און אידעעס פון פעסטאַלאָצי פון הלל צייטלין (אויף יידיש); מ. ראפּעס, „וועגן דער פּראָגראַם און אָרגאַניזאַציע פון אונטשולן"; ג. ט., „פרייע דערציאונג (נאָך פּראָפעסאָר גורליט)". אין נומער 11 האָט די רעדאַקציע געמאָלדן, אַז זי בייט די פאָרעם פון די ביי־לאַגעס און זי וועט „זיי געבן דעם כאַראַקטער נישט פון צופעליקע אַרטיקר לען וואָס ווערן צוגעגעבן צום ביכל, נאָר פון זעלבשטענדיקע און מענלעך פאַרענדיקטע בראָשורן, וואָס ווען אַרויסגיין עטלעכע מאָל אין יאָר אין דער העברעאישער און יידישער שפּראַך, אויף א פּעדאַגאָגישער טעמע". א פּאָר אַזעלכע בראָשורן זענען טאַקע אַרויס, אָבער אויך אין דער פּאָ־עם האָבן די ביילאַגעס אין גיכן אויפגעהערט אַרויסצוגיין.

א נומער „וויעסטניק" האָט געהאַלטן 100—160 זייטן. דער זשורנאַל האָט זיך געפליסט אָנצוהאַלטן דעם טראָט מיט די באַקאַנטע ערנצטע רוסישע פּעדאַגאָגישע זשורנאַלן פון יענער צייט, „רוסקאַיאַ שקאָלאַ" א"א. אין ניו־יאָרק איז נישט צו געפינען קיין פולן קאָמפּלעט פונעם זשורנאַל פאַר אַלע זעקס יאָר פון זיין עקסיסטענץ. דאָך, כאָטש עטלעכע נומערן האָבן מיר צוגעפעלט, האָט זיך מיר איינגעגעבן צו רעסטאַווירן דעם אינ־האַלט פון כמעט אַלע נומערן, און איך וועל זיך באַמיען צו געבן א פול בילד פון דעם וואָס ער האָט בייגעטראָגן.

אין דער ערשטער ריי לאָמיר פאַרצייכענען א סעריע אַרטיקלען פון ריין וויסנשאַפטלעכן און געשיכטלעכן אינהאַלט: ס. טשאַרנאָ, „צו דער געשיכטע פון דער יידישער שול אין דער תקופה פון תלמוד" (נומ' 7 און 8); דער זעלבער, „צו דער געשיכטע פון דערציאונג ביי יידן אין מיטל־עלטער — די גאָלדענע תקופה אין שפּאַניע" (נומ' 18); ד"ז, „צו דער געשיכטע פון דערציאונג ביי יידן אין מיטל־עלטער — צוועלפטער יאָר־הונדערט" (נומ' 24); מ. סאָלאָווייטשיק, „די גרונט־פּראָבלעמען פון דער

ביבל־ווּיסנשאַפט" (נומ׳ 19, 20, 21, 22); ד"ר אייזנשטאַדט, „וועגן די וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן צו לערנען תלמוד" (נומ׳ 26).

צו דער זעלבער קאַטעגאָריע דאַרפן אויך צוגערעכנט ווערן די צוויי גרויסע אַרטיקלען פון ק. זשיטאָמירסקי. אין די נומערן 3 און 4 האָט ער פאַרעפנטלעכט אַן אַרבעט „דער יידיש־דייטשער דיאַלעקט, זיין מהות און באַטייט".

זשיטאָמירסקי באַרירט דאָ אַ סך טעאָרעטישע און אויך פּראַקטיש־מעטאָדישע פראַגן (וועגן אויסלייג, דיאַלעקטן, גראַמאַטיק). אויף דער פראַגע, צי קען דער זשאַרגאָן ווערן די שפּראַך פון יידישער קולטור, ענטפערט ער אַזוי: „דער זשאַרגאָן קען און דאַרף ווערן די קולטור־שפּראַך פאַר דער מערהייט רוסישע יידן, אָבער ער דאַרף נאָר פאַרבלייבן אַ מיטל... אויף דער פראַגע צי טויג דער זשאַרגאָן אויף אויסצודריקן די געדאַנקען אין אַזאַ מאָס אַז ער זאָל באַפרידיקן די קולטור־באַדערפעניש, דוכט זיך מיר, דאַרף מען ענטפערן אין גאַנצן פאָזיטיוו". אויף דער פראַגע צי לוינט זיך דורכפירן די אַלע רעפאָרמען אין דער אָרטאָגראַפיע, אַלע פאַרש־אַרבעטן אין דער גראַמאַטיק און לעקסיקאָלאָגיע, וויבאַלד דער זשאַרגאָן וועט אפשר היינט־מאָרגן אונטערגיין, ענטפערט זשיטאָמירסקי: „ווען אפילו מע זאָל זיין זיכער אַז דער זשאַרגאָן וועט פאַרשווינדן אין אַ דור אַרום, לוינט עס אויך דאָס אַלץ דורכצומאַכן פאַר דעם איצטיקן און פאַר דעם קומענדיקן דור"... „גוט צי שלעכט, ביים יידן אין הארצן עקסיסטירט — אָפּט גאָר קעגן זיין אייגענעם ווילן — 'אַ ליבע צום זשאַרגאָן, ווי צו אַ יידישער שפּראַך, אַזוי ווי ער רופט טאַקע דעם זשאַרגאָן; און אין אונדזער צייט פון דער ירידה פון פרומקייט ביי יידן, איז ביי אים אָט די ליבע מסתמא שטאַרקער ווי צו לשון קודש, וואָס מערסטנטייל קען ער אים גאָרנישט... פאַרן גרויסן רוב מנין יידן איז דער זשאַרגאָן די שפּראַך, וואָס ער קען זי בעסער פון יעדער אַנדערער, אויב איר ווילט — די נאַ־ציאָנאַלע שפּראַך... ווען מע זאָל דעם זשאַרגאָן מאַכן פאַר אַ זיכערן דורכפירער פון קולטור, קען ער נאָך בייטראָגן גרויסע דינסט אין דער שול מיט יידיש אַלס לערן־שפּראַך".

מער קלאָר־פּראַקטיש איז זיין קוק געקומען צום אויסדרוק אין אַ צווייטן אַרטיקל א"נ „מיט וואָס יידן לעבן" (נומ׳ 12, פעברואַר 1912). דאָ באַהאַנדלט זשיטאָמירסקי אַ גרויסע צאָל פּראָבלעמען פון יידישער גע־שיכטע און קולטור: די שייכות צווישן רעליגיעזן און נאַציאָנאַלן מאָמענט, דעם באַגריף „מוטערשפּראַך", די משיח־אידעע, דעם באַגריף „נאַציע", נאַציאָנאַלע שפּראַך א"אַ. מיר לייענען דאָרט:

ח. ש. קאַזדאַן

... די זשאַרגאָניסטן ווילן קולטיווירן זייער מוטערשפּראַך כדי זי
צו פאַרוואַנדלען אין אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך. אָבער אַזאַ קולטיווירונג
וואָלט געהאַט, ראשית, אַזאַ רעזולטאַט, וואָס זיי וואָלטן זיך אָפּגע־
זונדערט פון אַלע יענע יידן וועלכע רעדן אויף אַנדערע שפּראַכן...
דאָס וואָלט געהייסן צעשפּאַלטן די יידישע נאַציע, פאַרוואַנדלען אַ
טייל אירן אין אַ נאַציאָנאַליטעט וואָס איז אָפּגעזונדערט דורך דער
שפּראַך. מיר האָבן אַלע מאָל געהאַלטן, אַז דער יידיש־דייטשער
דיאַלעקט איז דער גוזעצלעכסטער און באַקוועמסטער אינסטרומענט
פאַר פּעדאַגאָגישער באַאיינפלוסונג פון די אַלע וואָס באַהערשן די
דאָזיקע שפּראַך. אָבער פון באַנוצן די שפּראַך ווי אַ לערן־אינסטרו־
מענט — ביזן קולטיווירן ווי אַ לימוד און ביז איר פאַרגעטערונג,
איז נאָך זייער ווייט... דאָס שטודירן די מוטערשפּראַך — און
אַזעלכע איז טאַקע באמת דער זשאַרגאָן אינעם רוב יידישע קהילות
— איז זייער וויכטיק פאַר דעם ערשטן שטאַפּל פון לערנען, אָבער
נאָר דערפאַר ווייל מיט איר הילף ווערט שטודירט אַ דרויסנדיקע
וועלט וואָס איז די קינדער נאָך ווייניק באַקאַנט... אויב מען זאָל
קינסטלעך נישט אונטערשטיצן דעם יידיש־דייטשן דיאַלעקט, וועט די
דאָזיקע שפּראַך בלי שום ספק אָפּשטאַרבן אין דער מער אָדער ווייי־
ניקער נאָענטער צוקונפט... פאַר יידן קען נישט באַטראַכט ווערן
דאָס פאַרלירן דעם זשאַרגאָן ווי אַן אבדה וואָס לאָזט זיך נישט
דעקן. יידן זענען געוווינט געווען צו פאַרבייטן איין שפּראַך מיט אַ
צווייטער במשך זייער לאַנגן היסטאָרישן קיום... דאָס יידנטום
גופא האָט ווייניק גרונד צו ווינטשן, אַז דער זשאַרגאָן זאָל וואָס
גיכער פאַרשוווּנדן ווערן, פונקט ווי עס איז אַ קנאַפּער שכר צו באַ־
מיען זיך אים בכיוון איינצוהאַלטן. כל־זמן יידן רעדן זשאַרגאָן,
דאַרף מען און קען מען דעם זשאַרגאָן פאַרוואַנדלען אין אַן אינס־
טרומענט פון קולטור און פּראָגרעס — אַ בעסערן (וואָרעם אַ גיי־
בערן) איידער די נישט אייגענע שפּראַך, צי עס איז רוסיש צי העב־
רעיש... די רעליגיע ביי יידן וועט בלייבן די זעלבע... און אויב
עס וועט לעבן די רעליגיע פון יידן, וועט לעבן די יידישע נאַציע.

מיר האָבן געבראַכט די דאָזיקע אויסצוגן, כדי צו כאַראַקטעריזירן
זשיטאָמירסקין וועלכער האָט דאָך אין דער יידישער פּובליציסטיק פון יענער
צייט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע און וועלכער האָט סוף כל סוף פאַרדינסטן
פאַר דער פאָרשונג פון דער יידישער שפּראַך. זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר

די געביטענע באַדינגונגען אין דער „חברה מפיצי השכלה" איז די באַמערקונג, מיט וועלכער די רעדאַקציע פון „וויעסטניק" האָט באַגלייט דעם ציטירטן אַרטיקל: זי האָט געמאָלדן, אַז מיטן גרעסטן טייל פון זשיטאָמירסקים טענות איז זי נישט מסכים.

זייער פיל האָט דער זשורנאַל בייגעטראָגן צו דער מעטאָדיק פון די שול־לימודים. איך וועל זיך דאָ באַגרענעצן בלויז מיט אַ רשימה פון די דאָזיקע אַרטיקלען: 1) מ. ר. זאַלקינד־איינהאָרן, די באַרימטע פּעדאַגאָגין און פּאַרוואַלטערין פון דער גרויסער מיידלשול אין גאָלטע, האָט געגעבן אין נומ' 7 אַ מעטאָדיש־באַלערנדיקן אַרטיקל וועגן דעם, ווי אַזוי עס ווערט געפירט האַנטאַרבעט אין דער אָנגרופּענער שול; 2) ז. פריבאָזשאַן, „מאַטעריאַלן פאַר ווינטער־עקסקורסיעס אין וואַלד" (נומ' 8 און 10); 3) מ. ראַדאָווסקי, „צו דער פראַגע וועגן לערנען צייכענען און קלעפּן אין דער יידישער פאָלקשול"; 4) א. ק—ץ (קירזשניץ), „זומער־קאָלאָניעס פאַר יידישע קינדער" (נומ' 12); 5) א. ריוועסמאַן, „ווי אַזוי אַוועקשטעלן דעם לימוד פון רוסישער שפּראַך אין דער יידישער אָנפאַנגשול" (נומ' 15 און 16); 6) ב. שולמאַן, „נאַטור־וויסנשאַפט אין פאָלקשול" (נומ' 18 און 20); 7) צ. שאַרפשטיין, „דער לימוד פון יידישער געשיכטע אין שול" (נומ' 21); 8) מאַריע שטיינהויז, „שפּילפלעצער פאַר קינדער" (דאָרט); 9) א. מ. כהנשטאַם, „וועגן לימוד פון געשיכטע אין דער יידישער אָנפאַנגשול" (נומ' 22); 10) דער זעלבער, „וועגן פּראָגראַם פון יידישער געשיכטע פאַר דער פאָלקשול" (נומ' 23); 11) ד"ז, „וועגן לערנען געשיכטע אין דער יידישער אָנפאַנגשול" (נומ' 23, 24 און 25); 12) פ. קושניר, „וועגן קינדער־שאַפונג אויף רוסיש אין דער יידישער שול" (נומ' 23); 13) מ. שטיינהויז, „פיזישע דערציונג אין דער יידישער שול" (נומ' 25); 14) ע. שאַליט, „וועגן לערנען געאָמעטריע אין פאָלקשול" (נומ' 26); 15) פ. קושניר, „וועגן לייענען פון קינדער" (נומ' 28); 16) ח. אפרתי, „וועגן לערנען ביבלישע געשיכטע" (נומ' 29 און 33); 17) אויף דער זעלבער טעמע איז געווען אויך דער אַרטיקל פון מ. סאַלאָווייטשיק, „תנך אין באַאַרבעטונג פאַר קינדער" (נומ' 14); 18) א. מ. כהנשטאַם, „זשורנאַלן פאַר יידישער קינדער" (נומ' 32); 19) מאַריע ליבערסאָן, „אונדזער קינדער־גאָרטן" (דאָרט); 20) מ. א. סאָסים „די מצוות מעשיות און זייער דערציערישער באַטייט" (נומ' 45); 21); יע. מ. קושניר. „ווי אַזוי אַוועקשטעלן די שריפטלעכע אַרבעטן אין דער רוסישער שפּראַך אין דער יידישער עלעמענטאַרער שול" (נומ' 46); 22) ס. לעוויטין, „די אַרבעטשול און נאַציאָנאַלע דערציונג" (נומ' 29 און 30). איך געדענק, אַז עס זענען געווען נאָך אַרטיקלען **פון ס. לעוויטין. עס זענען אויך געווען אַרטיקלען פון א. גאָלאָמב,** אָבער אין

מיינע נאָטיצן און אין די נומערן וואָס איך האָב געהאַט אין מיין רשות האָב איך צום באַדויערן, זיך נישט אָנגעשטויסן אויף זיי.

גאָר אַ גרויסע נייעס און אַ וויכטיקער פאַקטאָר איז געווען אינעם „וויעסטניק" דאָס, וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט אַ היפּשע צאָל אַרטיקלען וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיטן לימוד פון יידיש אין דער נייער שול. איך וועל זיך אָפּשטעלן אַ ביסעלע לענגער אויף די אַרבעטן וואָס זענען ביי מיר פאַררעגיסטרירט.

23) י. לידסקי, „פאַרלייענען פאַר קינדער" (נומ' 17). דאָ דערציילט זיך וועגן דער טעטיקייט פון דער ווילנער געזעלשאַפט פאַר קינדער־פאַר־זאָרגונג. צוו"אַ ווערט איבערגעגעבן וועגן אַן אינטערעסאַנטן פּרווו פון עפנטלעכע פאָרלעזונגען פאַר קינדער אין דער יידישער שפּראַך. 24) ס. קאַצין און יע. שאַבאַד, „וועגן אַרויסגעבן קינדער־ליטעראַטור אויף יידיש" (נומ' 22); 25) נ. שולמאַן, „קינדער־שאַפונג אין דער יידישער שפּראַך" (נומ' 23). דאָס איז געווען דער ערשטער פאַל, וואָס אין דער יידישער פּעדאַגאָגישער עפנטלעכקייט זענען געבראַכט געוואָרן לעבעדיקע שאַפונג־מוסטערן פון די קינדער אויף יידיש. שולמאַן שרייבט וועגן די דאָזיקע אַרבעטן מיט גרויס ענטוזיאַזם און ער פאַרענדיקט זיין אַרטיקל אַזוי: „ווי אמתע שאַפונג, עפנט זי פאַר אונדז נייע האָריזאָנטן, זי רופט אַרויס נייע אידעעס, עפנט נייע ליכטיקע פּערספּעקטיוון פאַר דער דערציונג און אַנט־וויקלונג פון דער יידישער שעפערישער נשמה". 26) י. רובין, „די שאַפונג פון יידישע קינדער און דאָס פאָלקסליד" (נומ' 27); 27) י. יאַכינסאָן, „פאָלקס־קענטעניש אין דער יידישער שול" (נומ' 33). דאָס איז אויך געווען אַן ערשטער און אַ געלונגענער פּרווו אין דער יידישער פּעדאַגאָגישער ליטעראַטור. 28) יעקב פיכמאַן „אונדזער היינטיקע פּראָזע" (נומ' 34); 29) אַ. סלוצקי, „קינדער־ליטעראַטור אויף דער יידישער שפּראַך". ער באַגרינדעט טעאָרעטיש און פּראַקטיש די נייטיקייט און די מעגלעכקייט אַרויסצוגעבן קינדער־ליטעראַטור אויף יידיש.

דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות האָט אין „וויעסטניק" געדרוקט עטלעכע אַרבעטן צו דער פּראָגראַם און מעטאָדיק פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור אין דער נייער שול. אין נומער 11 האָב איך אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל „שלום־עליכם פאַר קינדער"; אין נומ' 31: „די ווערק פון י. ל. פּרץ פאַר קינדער־לייענערס"; אין נומ' 45: „אַ. רייזענס ווערק פאַר קינ־דער". אין די אַלע אַרבעטן האָב איך געגעבן אַן אַנאַליז פון צענדלינגער ווערק וואָס פּאַסן זיך פאַר קינדער צום לערנען אין קלאַס אָדער צום לייע־נען זעלבשטענדיק. יעדער ווערק ווערט רעקאָמענדירט פאַר אַ באַשטימטן עלטער. אין נומ' 49־50 האָב איך געגעבן אַ גרויסע אַרבעט „וועגן דעם

ווי אזוי אוועקצושטעלן דעם לימוד פון דער יידישער שפּראַך". דאָס איז געווען די התחלה פון מיינע ארבעטן איבער דער מעטאָדיק פון יידיש אין שול; שפּעטער האָב איך דעם זעלבן מאַטעריאַל באַארבעט אין באַזונדערע אַרטיקלען, וועלכע זענען געווען געדרוקט אין קיעווער שול און לעבן אין עטלעכע נומערן; נאָך שפּעטער האָט מיך די דאָזיקע אַרבעט געפירט צום פאַרעפנטלעכן מיין מעטאָדיק פון יידישער שפּראַך, וואָס איז אַרויס קורץ פאַר דער מלחמה אין וואַרשע אין פאַרלאַג פון דער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע (1939, 230 זז')*. אין „וויעסטניק" נומ' 49־50 האָב איך אויך אָפּגעדרוקט (אונטער מיין פּסעוודאָנים ס. קאַן) אַ רעפעראַט אי־בערן באַרימטן בוך פון רודאָלף הילדעבראַנד: „וועגן לערנען די מוטער־שפּראַך אין שול און וועגן נאַציאָנאַלער דערציִונג און בילדונג בכלל". דאָס איז געווען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער צווייטער רוסישער אויפלאַגע פון דאָזיקן בוך, און מיין רעפעראַט איז געווען אַ מין רעקאָמענדאַציע אַנצווענדן לגבי דעם יידישן קינד הילדעבראַנדס פלאַמיקן מאַניפעסט פאַר דער מוטערשפּראַך.

צו דער כאַראַקטעריסטיק פונעם „וויעסטניק" און זיין אינהאַלט וויל איך נאָך דערמאָנען עטלעכע אַרטיקלען וועלכע האָבן זיך באַשעפטיקט מיט פאַרשידענע אָרגאַניזאַציאָנעל־געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען פון דער יידישער שול און אירע לערערס:

ד. ערקין, „שול — חדר"; י. רובין, „דאָס שולוועזן אין די יידישע קאָלאָניעס פון קאַטערינאָסלאַווער גובערניע" (נומ' 13); ח. ש. קאַזדאַן, „אָנגעוויטיקטע פראַגעס פון אונדזער פאָלקשול" (נומ' 18), — דאָס אַר־טיקל באַהאַנדלט דעם ענין שול־פאַרוואַלטונגען און פינאַנצן; ח. ש. קאַזדאַן, „די פּערספּעקטיוון פון אונדזער פאָלקשול" (צו דער פראַגע וועגן חדר. נומ' 23); י. ד. קאַנטאָר, „די ראָלע פון יידישן פאָלקסלערער אין שול און אין לעבן" (נומ' 27); ח. ש. ק., „די מלמדים און דער חדר" (נומ' 29); מ. א. סאָסיס, „די יידישע לערערין און די יידישע פאָלקשול" (נומ' 30); שרה ראַבינאָוויטש, „די מלחמה און די קינדער" (נומ' 31); ח. פיאַלקאָוו, „שול־סך־הכלען" (נומ' 7).

גאָר באַזונדער דאַרף דערמאָנט ווערן די מיטאַרבעט פון חיים פיאַל־קאָוו. צום באַדויערן איז ביי מיר פאַרצייכנט נאָר איין אַרטיקל זיינער, אין נומ' 7, „שול־סך־הכלען". דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון חיים פיאַל־

---

* אין 1950 איז אַרויס אַ נייע, דערגאַנצטע און איבערגעאַרבעטע אויפלאַגע אונטערן נאָמען „מעטאָדיק פאַר יידישער שפּראַך און ליטעראַ־טור" („פ"ג „יידבוך", בוענאָס איירעס 1950, 348 זייטן).

קאווס וויזיטאציעס אין 16 שולן וואָס זענען סובסידירט געווען פון אָפּע. מיר ווילן דאָ ברענגען נאָר איין ציטאַט פון דעם אַרטיקל בשייכות מיטן מצב פון יידיש־לימוד אין יענער צייט (לערניאָר 1910־1911):

...עס איז נאָך אין ערגעץ נישט געמאַכט געוואָרן קיין פּרווו זיך צו באַנוצן מיט דער לעבעדיקער שפּראַך פון די קינדער ווי מיט דער שפּראַך פון די לימודים. נאָר ווו נישט ווו איז יידיש אַ לימוד. אָבער אויך דאָס ווערט געטאָן זייער שרעקעוודיק און אָן געהעריקער קענ־טעניש. די גרויסע מערהייט יידישע מיידלעך באַקומט ביז היינט נישט קיין שום יידישע בילדונג. עפּעס וואָס ווערט אין דעם פּרט, פּונקט ווי אין פּרט פון דער יידישער שפּראַך, אונטערגענומען בלויז אין די געזעלשאַפטלעכע שולן וועלכע באַדינען די אָרעמערע קלאַסן פון דער באַפעלקערונג.

אָט אַזעלכע באַריכטן ווי פּיאַלקאָווס זענען געווען אין „וויעסטניק" זייער אַ סך. די באַפולמעכטיקטע פון דער „חברה מפיצי השכלה", אַ מאָל אַן אָרטיקער טוער, האָבן געדרוקט באַריכטן און בילדער פון שולוועזן אויף די ערטער. דאָס איז אַן אומגעהייער וויכטיקער מאַטעריאַל צו דער געשיכטע פונעם יידישן שולוועזן. לערערס און טוערס האָבן זיך אויף די זייטן פון „וויעסטניק" געלערנט פון פרעמדע דערגרייכונגען אָדער פעלערן. דאָס האָט צעמענטירט די לערערשאַפט און די שולטוערס און דערנענטערט די שולן צו דער מדרגה פון אַ שול־באַוועגונג. און נאָר אַ גרויסע חשיבות האָבן אין דעם פּרט געהאַט די גענויע באַריכטן פון די יערלעכע באַראַטונגען ביים פּעטערבורגער קאָמיטעט פון אָפּע, ווו אַלע פּראָבלעמען פון יידישן שולוועזן זענען דעבאַטירט געוואָרן אין ליכט פון די אידעאַלן פון פאַר־שידענע גרופּירונגען אין יידישן לעבן.

בכלל זענען די אינפאָרמאַציע־אָפּטיילונגען אין „וויעסטניק" געווען זייער ברייט און רייך אָוועקגעשטעלט. א. ד. קירזשניץ האָט געדרוקט אַ סך מאַטעריאַלן וועגן יידישער ביבליאָטעקעריי. ס. קאַמעניעצקי האָט אין באַ־זונדערע אַרטיקלען און אין דער כראָניק ברייט באַהאַנדלט די יורידישע פּראָבלעמען פון דער יידישער שול — די פאַרשידענע פאַראָרדענונגען פון דער שולמאַכט אין צענטער און אויף די ערטער, ווי אויך די פאַרהאַנד־לונגען אין דער דומע וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו אָט דעם געביט. די אָפּטיילונג „פון פּעדאַגאָגישע זשורנאַלן" האָט באַקאַנט די יידישע לע־רערס מיט די פּעדאַגאָגישע אידעעס און עקספּערימענטן אין די פּראָגרע־סיווע שולן אין אויסלאַנד און אין רוסלאַנד גופא. די אָפּטיילונג „פון דער

פעדאַגאָגישער וועלט" האָט באַקאַנט מיט די לערער־אָרגאַניזאַציעס, זייערע צוזאַמענקומען און אויפטוען סיי אין לאַנד סיי אין אויסלאַנד. די אָפּטיי־לונג „פון דער יידישער פרעסע" האָט רעאַגירט אויף אַלע שול ־ און דער־ציונגס־פּראָבלעמען וואָס זענען באַרירט געוואָרן אין דער יידיש־העברעישער צי אין דער רוסיש־יידישער פרעסע. און גאָר רייך איז געווען די אָפּ־טיילונג „קריטיק און ביבליאָגראַפיע" וועלכע האָט געדרוקט רעצענזיעס און רעקאָמענדאַציעס פון ביכער אין פאַרשידענע געביטן, האָט באַהאַנדלט אַלערליי לערנביכער און קינדערביכער, ווי אויך פאַרשידענע אויסגאַבעס פאַר לערערס וכדומה. די „כראָניק" האָט געגעבן סיסטעמאַטישע איבער־בליקן איבער דער לויפיקער בילדונגס־און קולטור־טעטיקייט פון די אָפּ־טיילונגען פון דער „חברה מפיצי השכלה" און באַריכטן פון באַזונדערע שול־פאַרוואַלטונגען. די באַפּולמעכטיקטע פון דער חברה (י. ד. קאַנטאָר, א. מ. סטראַשון, ה. פיאַלקאָוו, שפּעטער פאַלק האַלפּערן א"א) האָבן געדרוקט באַ־ריכטן וועגן די שולן אין פאַרשידענע ראַיאָנען, וואָס זיי האָבן אינספּעק־טירט. עס האָבן אויך פאַרעפנטלעכט זייערע באַריכטן און אָבסערוואַציעס די אָפּט געשיקטע עקספּעדיציעס וואָס די חברה פלעגט אַרויסשיקן מיטן צוועק דורכצופירן גענויערע אויספאָרשונגען איבער דעם יידישן שולוועזן. זייער אַ סך פון די אויסגערעכנטע מינים מאַטעריאַלן זענען געווען גע־צייכנט מיט די רוסישע איניציאַלן „אי. טשע.", וואָס דאָס האָט געמיינט א. טשעריקאָווער.

איך וויל נאָך צום סוף פאַרצייכענען אַן אָפּטיילונג וועלכע איז אין די לעצטע עטלעכע נומערן איינגעפירט געוואָרן אויף מיין איניציאַטיוו און האָט געטראָגן דעם נאָמען „צווישן לערערס" (געפירט דורך מיר, און אונטערגעשריבן „אַ לערער"). די דאָזיקע אָפּטיילונג האָט געהאַט די אויפ־גאַבע זיך צו שטעלן אין דירעקטער פאַרבינדונג מיט דער לערערשאַפט, געבן איר אַ פרייע טריבונע און באַהאַנדלען פאַרשידענע פראַגעס וואָס אינטערעסירן זי.

אָנגעהויבן פון נומער 35 (1915) טראָגט שוין אויף זיך דער „וויעסט־ניק" דעם חותם פון דער מלחמה־אַטמאָספער. איצט גייען שוין דינע ביכ־לעך מיט אַ 32 ביז 48 זייטן.*) דאָס רוב זענען די נומערן פאַרנומען מיט

---

*) די לעצטע נומערן האָט רעדאַגירט בנימין סאָלץ. נאָכן פאַרלאָזן רוסלאַנד, איז ער געווען אַן אַדוואָקאַט אין לידע; געשטאָרבן פון אַן אָפּע־ראַציע אין ווילנע.

פּראָיעקטן און באַריכטן פון די געשאַפענע אַנשטאַלטן פאַר די קינדער פון די היימלאָזע. אַ באַזונדער אָרט פאַרנעמט אין די אַלע באַריכטן דער נייער טיפּ שול־היים *) פאַר די אומגליקלעכע קינדער. אין נומ׳ 39 (יאַנואַר 1916) איז אָפּגעדרוקט דער באַריכט פון א. מ. סטראַשון וועגן דעם פּליטים־שול־וועזן אין טאַורישער גובערניע. ער דערציילט וועגן אַ באַראַטונג פאַר דער גאַנצער גובערניע וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין נאָוועמבער 1915. ווי דער באַפולמעכטיקער פון אָפּע האָט ער דאָ געהאַלטן אַ רעפעראַט, און צווישן זיינע טעזיסן געפינען מיר איינעם אַזאַ:

די לערנשפּראַך אין די שולן דאַרף זיין יידיש. אין דער שול דאַרף אָפּגעגעבן ווערן גענוג צייט פאַר די לימודים פון יידישער און העב־רעישער שפּראַך, תנך און יידישער געשיכטע.

צוליב דער שאַרפער נויט אין לערערס און דערציערס האָט מאַריע ליבערסאָן אין נומ׳ 40 (פעברואַר 1916) פאָרגעלייגט אַ פּלאַן פון זעקס־וואָכיקע קורסן פאַר פערזאָנען וואָס ווילן אַרבעטן אין די „שול־היימען״. אין נומ׳ 42, מאַרץ 1916, זענען אָפּגעדרוקט די רעזאָלוציעס פונעם אומלעגאַלן יידישיסטישן לערער־צוזאַמענפאָר אין טאַמבאָוו.

ווי איך האָב שוין אויבן געזאָגט, פעלן מיר ידיעות וועגן אַ צאָל נומערן (38, 43, 47, 48 א״א). עס לייגט זיך דעריבער אויפן שכל, אַז עטלעכע וויכטיקע אַרטיקלען און באַריכטן זענען דאָ אויסגעלאָזט געוואָרן.

* *

*

אונטערפירנדיק אַ סך־הכל צו אונדזער באַריכט וועגן דעם „וויעסט־ניק״, דאַרף מען זאָגן: עס איז געווען אַן ערנצטע, סאָלידע אויסגאַבע מיט אַ פאַרשידנאַרטיקן מאַטעריאַל. עס איז געווען אַ טריבונע פאַר דעם יידישן פּעדאַגאָגישן געדאַנק וועלכער האָט זיך אַלץ מער באַרייכערט מיטן וווקס פון דער שול. דער זשורנאַל האָט פאַרמאָגט אַ סך קלאָרקייט און באַ־וווּסטזיניקייט בנוגע די פּראָבלעמען פון יידישן שולוועזן. אוודאי איז אויף אים געלעגן דער שטעמפּל פון קאָמפּראָמיס און איבערגעטריבענער געוואָרנט־קייט: עס איז געווען דער שטעמפּל פון דער „חברה מפיצי השכלה״, וועל־כע האָט זיך נאָך נישט געהאַט באַפרייט פון דער אַפּוטרופּסות פון דער יידישער פּלוטאָקראַטיע אין פּעטערבורג און האָט נאָר געשטעלט די ערשטע טריט אויף צו דעמאָקראַטיזירן זיך. אָבער אין פאַרגלייך מיט דער „יעוו־

---

*) דער רוסישער טערמין איז געווען „אָטשאַג״.

רייסקאיא שקאָלא" האָט דער איצטיקער פּעדאַגאָגישער זשורנאַל פאַרמאָגט א סך שטאַנדהאַפטיקייט און צייטיקייט. עס האָט זיך נישט געפילט די פּעדאַגאָגישע דילעטאַנטישקייט פון א מאָל, די צופעליקייט פון מיטאַרבע־טערס. פון די רייען פון די גראַדנער קורסן פון דער „חברה מפיצי השכלה" זענען געקומען יונגע מיטאַרבעטערס, באַגייסטערטע פאַר דער שול בכלל און פאַר יידיש בפרט (רובין, יאַבינסאָן, שולמאַן, גאָלאָמב). צווישן די טוערס און באַפולמעכטיקטע פון דער חברה זענען געווען עטלעכע מענטשן מיט געהעריקער פּעדאַגאָגישער בילדונג און זייער ווירקונג אויפן כאַראַקטער פונעם זשורנאַל האָט זיך געפילט שטאַרק (פּיאַלקאָוו, קאַנטאָר). פון די לערערס פון די גראָדנער קורסן, און שפּעטער פון די רייען פון די תלמי־דים און לערערס פון די העברעע קורסן פאַר יידישער וויסנשאַפט, זענען געקומען עטלעכע ערנצטע מיטאַרבעטערס (כהנשטאַם, ד"ר טשאַרנאָ). און אויך פון דער אַלטער לערערשאַפט אין די רוסיש־יידישע שולן זענען צו־געקומען נייע מיטאַרבעטערס וועלכע האָבן אריינגעבראַכט זייער פּעדאַגאָ־גישע און געזעלשאַפטלעכע געניטשאַפט אויף די שפּאַלטן פון „וויעסטניק" (די ליסאָוועטגראַדער קושנירס א"א).

עס איז בכלל דעמאָלט געווען א פּעריאָד פון אויפלעבונג אויפן גע־ביט פון יידישער שול ־ און קולטור־ארבעט. אין דער דומע איז אַלץ ציי־טיקער געוואָרן די גרייטקייט צו געבן מעגלעכקייטן פאַר דער אַנטוויקלונג פון א פאָלקשול אין דער מוטערשפּראַך פון די קינדער. דער יידישיזם איז געוואָרן אַלץ פּאָפּולערער אויף דער יידישער גאַס און ער האָט באַקומען מער מוט און אויסגעהאַלטנקייט אין קאַמף פאַר א שול אויף יידיש און פאַר איינפירן דעם לימוד פון יידיש אין אַלע שולן. עס האָט זיך אויך גענמערט די צאָל לערנביכער און קינדער־ליטעראַטור אויף יידיש. טיילווייז זענען אָט די אויסגאַבעס סובסידירט געוואָרן דורך דער „חברה מפיצי השכלה". זיי האָבן געוועקט גלויבן און מוט, ווי אויך ווייטערדיקע איני־ציאַטיוו און זעלבשטענדיקייט ביי דער לערערשאַפט. דאָס אַלץ האָט גע־ווירקט אויפן זשורנאַל.

אוודאי איז אַלץ מער געוואַקסן דאָס געפיל ביי דעם יידישיסטישן טייל לערערשאַפט, אַז זי דאַרף האָבן אַן אייגענע טריבונע אויף יידיש, וווּ אַלע לאָזונגען און טרוימען פון דער נייער יידישער שול זאָלן קומען צום אויסדרוק אומגעצוימט, אָן דער השגחה פון די געשווירענע פּעטערבורגער טוערס. אָבער דערווייל איז עס נאָר געווען א טרוים. טיילווייז האָט זיי אין דעם פּרט געדינט די יודישע וועלט. עטלעכע פון זיי האָבן זיך אָפּגעהאַלטן פון מיטאַרבעטערשאַפט אין „וויעסטניק". דאָס איז געווען א גרויסער שאָד, ווייל דערווייל איז דער „וויעסטניק" געווען די איינציקע לאַבאָראַטאָריע

פאַר דער יידישער שול, און אויסנוצן האָט זי זיך געלאָזט זייער ברייט. די ראָלע פונעם „וויעסטניק" פאַר דער אַנטוויקלונג און דער אַליין־דער־קענונג פון דער שול און לערערשאַפט איז בלי שום ספק געווען זייער גרויס און פאַרדינסטפול. ער האָט געעפנט די אויגן פון אַ סך אַסימילירטע לע־רערס און שולטוערס און זיי געוויזן די ערנסטקייט און פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט פון זייער אַרבעט לגבי דעם פאָלק און זיין קולטור. ער האָט די פאַר־וואָרפענע לערערס פון דער פּראָווינץ אַריינגעפירט אין קרייז פון נייע פּע־דאַגאָגישע פּראָבלעמען און זיי געלערנט, געהאָלפן אַוועקצושטעלן זייער טאָג־טעגלעכע שול־אַרבעט. און גאָר שטאַרק איז דער זשורנאַל צו ניץ גע־קומען אין מאָמענט פון מלחמה־אויסבראָך, ווען פאַר דער יידישער געזעל־שאַפטלעכקייט האָט זיך געשטעלט די שווערע פּראָבלעם פון באַזאָרגן מיט דערציונג די גרויסע מאַסן קינדער פון די היימלאָזע. דער זשורנאַל איז דעמאָלט געוואָרן אַ זאַמלפּונקט פאַר הונדערטער נייע יונגע כוחות, וועלכע האָבן זיך געריסן צו נוצלעכער אַקטיווקייט אויפן פעלד פון דערציונג.

אין גאַנצן פינף־זעקס יאָר האָבן אָפּגעטיילט די „יעווריסקאַיאַ שקאָ־לאַ" פון דעם „וויעסטניק". אָבער דער מהלך צווישן זיי אין זייער גרויס. עס איז דער מהלך צווישן דער תקופה פון ביז 1905 און נאָך איר. דאָס לאַנד האָט זיך סטיכיש אַ ריס געטאָן צו אַ ניי לעבן. און אַזוי איז אויך געווען אויף דער יידישער גאַס. אָט דער אָטעם פון דער נייער צייט האָט זיך געפילט אויף די שפּאַלטן פון „וויעסטניק". די שול איז דאָ דערהויבן געוואָרן צו אַ גרויסער קולטור ־ און פאָלקס־פּראָבלעם. דער לערער איז דאָ דערהויבן געוואָרן צו שעפערישקייט, פּעדאַגאָגישער אַקטיווקייט. די תקופה איז געווען דער געבוירן־פּעריאָד פון דער יידישער פאָלקסשול און יידישן פאָלקסלערער. דער „וויעסטניק" האָט זיי ביידן געמריי געדינט.

די חברה מפיצי השכלה, די פאָלקשול און די יידישע שפּראַך.

דעם 18־טן דעצעמבער 1863 איז געגרינדעט געוואָרן אין פּעטערבורג די געזעלשאַפט וועלכע איז שפּעטער באַקאַנט געווען אונטערן נאָמען „אָפּע" (אָבשטשעסטוואָ פּראָסוועשטשעניא יעווריעיעוו) און אויך „חברה מפיצי השכלה" (המפ"ה). דאָס איז געווען אַ צייט פון גרויסע האָפענונגען אויף בירגער־רעכט פאַר יידן און אויך פון שטרעבונג צו רוסיפיקאַציע. די גרינדער פון דער געזעלשאַפט זענען געווען בעיקר רייכע סוחרים און געשעפטסלייט. אין הסכם מיט די שטימונגען וואָס האָבן געהערשט אין אָט די קרייזן, זיינען די אויפגאַבן פון דער חברה פאָרמולירט געוואָרן אַזוי: „... צוליב אָט די צילן העלפט די געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן צווישן יידן די רוסישע שפּראַך". געווען אין דער אָרגאַניזאַציע אייניקע אָנהענגער פון העברעיש און זיי האָבן געפּרוווט ווירקן אין דער ריכטונג, אָבער מען האָט זיך צו זיי נישט צוגעהערט. איינער פון די הויפּט־טוערס אין דער המפ"ה, ל. מ. ראָזענטאַל, קלאָגט זיך: „דעם לשון קודש אונד־זערן האָט מען דעמאָלט דערקלערט מלחמה (אין יענער צייט ווען די המפ"ה איז געשאַפן געוואָרן); אין יענער צייט האָט מען געהאַלטן, אַז עס איז געווען אַ ייִנגל זאָל קענען די התחלות פון רוסישן אלף בית, און ער האָט זיך שוין געטויגט פאַר אַ געבילדעטן". דער העברעאישער פּאָעט א. לעבענ־זאָן האָט אין אַ בריף צו ראָזענטאַלן געשריבן: „צו אייך זענען שוין אויך מסתמא דערגאַנגען די אָנשוויונגען פון אונדזער קלוגעטשקער יוגנט, וועלכע קוים האָט זי נאָר פאַרזוכט דעם טעם פון בילדונג, איז זי שוין געוואָרן איבערגעזעטיקט און האָט אָוועקגעשטויסן פון זיך אונדזער הייליקע שפּראַך, אָוועקגעשליידערט איר אַזוי ווי עפּעס איבריקס" *).

---

*) א. טשעריקאָווער — די געשיכטע פון דער המפ״ה (רוסיש), ז״ז 65—66, ס. פּעטערבורג, 1913.

געווען אויך אזעלכע וואס האבן געשטויסן די חברה, לויט די אמאליקע טראדיציעס פון די משכילים, אין די אָרעמס פון דער דייטשער שפּראך. אבער די חברה האט זיך געהאלטן פעסט ביי איר פּרינציפּ פון רוסיש.
נאך שטארקער איז די רוסיפיקאטארישע טענדענץ געווען אין דער אדעסער אָפּטיילונג פון דער חברה, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין 1867. די דאָרטיקע טוערס זענען געווען אויסגעשפּראכענע אסימילאטאָרן, פון דעם טיפּ ווי אָסיפּ ראבינאָוויטש *).

איר אויפגאבע, האט די אָדעסער אָפּטיילונג באטראכט, איז „פארשפּרייטן בילדונג צווישן יידן אין רוסישן גייסט". די טוערס האבן טיף באדויערט און געהאט גאנצע טענות צו דער יידישער באפעלקערונג, אלמאי זי באנוצט נישט די רוסישע שפּראך אין דער רעליגיעזער ספערע פון איר לעבן. די אָדעסער אינטעליגענץ האט געהאלטן פאר דער הויפּט־אויפגאבע פון דער נייער געזעלשאפט צו באקעמפן און פארניכטן אָט די „משונהדיקע אנאָמאליע". ווי אזוי? „צו דעם צוועק רעכנט די אָדעסער אָפּטיילונג צו ווענדן איר טעטיקייט פריער פאר אלץ אויף ארויסצוגעבן אין דער רוסישער שפּראך לערנביכער פאר עלעמענטארער רעליגיעזער אויסבילדונג פון די יידישע קינדער, און שפּעטער אריבערגיין צום איבערזעצן די תפילות, נאך שפּעטער צום איבערזעצן דעם תנך... אין דער דורכאויסיקער איינפירונג פון דער רוסישער שפּראך צווישן דער מאסע פון דער יידישער באפעלקערונג — האט די אָדעסער אָפּטיילונג געזען איר הויפּט־אויפגאבע" **).

ס'האט זיך נישט געהאנדלט בלויז וועגן שפּראך. די חמפ"ה האט בכלל נישט ארויסגעוויזן אין יענער צייט קיין אינטערעס און זי האט אויך נישט געהאט קיין פּונקט אין איר סטאטוט וועגן עפנען אָדער שטיצן פאָלקשולן. איר אויפגאבע האט זי געזען אין ארויסגעבן ביכער אויף רוסיש; פון דער אנדערער זייט, אין שטיצן אינדיווידועל יידישע יוגנטלעכע וואס זענען אָנגעקומען אין די גימנאזיעס און אוניווערסיטעטן. שוין אויף דער ערשטער פארזאמלונג פון דער חמפ"ה, דעם 17־טן דעצעמבער 1863, האט זיך דערהערט א קלאָרע שטימע וועגן דער נויטיקייט פון יידישע פאָלקשולן; דאס איז געווען די שטים פון ד"ר יאָסיף וואסיליעוויטש בערטענסאָן (שפּעטער בארימטער לייב־מעדיקער). נאך זיין מיינונג „וואלט די ערשטע זאָרג פון דער געזעלשאפט געדארפט זיין — גרינדן פאָלקשולן

*) מיר דערציילן וועגן זיי גענויער אינעם קאפּיטל: „יידיש אונטער צווי פייערן".

**) א. טשעריקאָווער, דצ"וו, ז.ז. 240—243.

אויף ראַציאָנעלע פּעדאַגאָגישע יסודות... די שולן וואָס עקזיסטירן אין רוסלאַנד פאַר דער עלעמענטאַר־בילדונג פון יידישע קינדער, אַנטשפּרעכן גישט דעם ציל פאַר וועלכן זיי זענען באַשטימט. אויסלערנען דאָס קינד העברעיש, באַקענען אים מיט די התחלות פון רוסיש אָדער דייטש — דאָס הייסט נישט געבן אים אַ דערציונג... כּדי די איצט פּראַקטיקירטע אין דער יידישער סביבה דערציונג־סיסטעם זאָל ענדגילטיק אויסגערייניקט ווערן פונעם ווילדגראַז וואָס באַשעדיקט די אַנטוויקלונג און דאָס נאָר־מאַלע לעבן פון יידן, — איז דאָס גרינגדן פאָלקשולן אַ לעבנס־נויטווענ־דיקייט. די דאָזיקע שולן דאַרפן, פאַרשטייט זיך, אַנטשפּרעכן צו די וויכ־טיקסטע נויטן פון דער נאַציע, בראש פון אַזעלכע שולן דאַרף מען אוועק־שטעלן... מענטשן געבילדעטע, אמת־איבערגעגעבענע צו דער זאַך פון בילדונג פאַר יידן... די שולן דאַרפן זיין צוגענגלעך פאַר אַלע און באַזירט אויף אַ קלוגער סיסטעם פון בהדרגהדיקער גייסטיקער און מאָ־ראַלישער אַנטוויקלונג פון יידישע קינדער פון ביידע געשלעכטער".

אָבער די ווערטער פונעם געבילדעטן דאָקטאָר האָבן נישט געפונען קיין אָפּקלאַנג ביי די גרינדער פון דער געזעלשאַפט. זיי האָבן אין זינען געהאַט עפּעס אַנדערש: העלפן דער יוגנט באַקומען דיפּלאָמען, העלפן דער יידישער אינטעליגענץ „צו דערווערבן פאַר זיך אַ פאָטערלאַנד", זייער אָפּגאָט איז געווען — רוסיש, רוסיפיקאַציע. *)

אָט די איינשטעלונג און אידעאָלאָגיע פון די טוערס פון דער חמפ"ה איז געווען באַגלייט מיט באַציונג פון שנאה און פאַראַכטונג צו יידיש. אין 1864 האָבן די פאַרערער פון ישראל אַקסנפעלד פאַרגעלייגט דער חמפ"ה, זי זאָל אָפּקויפן די רעכט אויף אַקסענפעלדס ווערק וואָס האָבן זיך יאָרן לאַנג געוואַלגערט אין פרעמדע שופלאַדן און די חברה זאָל אַרויסגעבן די אַלע ווערק אויף יידיש. האָט דער קאָמיטעט געענטפערט: דער סטאַטוט פון דער געזעלשאַפט גיט איר אַ רעכט אַרויסצוגעבן ווערק, חוץ רוסיש, אויף העברעיש „אָבער נישט אויפן גערעדטן זשאַרגאָן". אין עטלעכע יאָר אַרום, בעת דער קאָמיטעט האָט אָנגענומען שריט צום איבערזעצן דעם תנך אויף רוסיש, האָט ער אין אַן אָפיציעלן פּאַפּיר צו דער הויפּט־פאַר־וואַלטונג איבער דרוק־ענינים אָפן אָנגעוויזן, אַז זיין ציל איז דערמיט אָפּצוציען די יידן פונעם „העסלעכן זשאַרגאָן".

און גראָד זענען אין די פּעטערבורגער קרייזן יאָ געווען מענטשן וואָס האָבן אָפּגעשאַצט ווי געהעריק די ראָל פון דער יידישער שפּראַך. אַזוי למשל האָט שאַכאַר־טראַצקי, אַ באַוווסטער אין זיין צייט יידישער

*) א. טשעריקאָווער, דאָרט, ז. 59—61.

בילדונגס־טוער, אין 1865 געפֿאָדערט אין „המליץ" אַז מען זאָל פֿאַר־שפּרייטן צווישן דער יידישער מאַסע בילדונג אויף דער יידישער פֿאָלקס־שפּראַך. מע דאַרף, האָט ער געטענהט, אַלע פּאָפּולערע ביכער שרייבן אויף יידיש; רוסיש דאַרף זיין נאָר אַ מיטל צו באַהעפֿטן זיך מיט דער אייראָ־פּעישער קולטור, ווי די שפּראַך פֿונעם היים־לאַנד, דערביי האָט ער אויך צוגעגעבן: יידן דאַרפֿן באַקומען גלייכע רעכט, כדי זייער מאַטעריעלער צושטאַנד זאָל זיך פֿאַרבעסערן. און ווען דער קיעווער גענעראַל־גובערנאַ־טאָר האָט איינגעלאַדן די יידישע ליטעראַטן, זיי זאָלן זיך אַרויסזאָגן וועגן דעם ענין פֿאַרשפּרייטן בילדונג צווישן יידן, האָט שאַכאַר־טראַצקי געענטפֿערט: כדי צו לייזן די דאָזיקע פֿראַגע, איז נויטיק ראשית כל אויס־גלייכן די יידן אין זייערע רעכט מיט דער אָרטיקער באַפֿעלקערונג.

אין 1864 האָט פּראָפֿעסאָר כוואָלסאָן פֿאַרגעלייגט דער חמפ"ה אויס־צונוצן דעם „קול מבשר" כדי צו פֿאַרשפּרייטן עלעמענטאַרע בילדונג „אין די נידעריקסטע קלאַסן פֿון פֿאָלק". האָט דער קאָמיטעט מסכים געווען, באַשטימט צעדערבוימען אַ סובסידיע, אָבער דערביי געשטעלט אַ באַדינ־גונג: די שפּראַך אין דער צייטונג זאָל אויסגעבעסערט ווערן „זי זאָל זיך האַלטן וואָס ווייטער און אויסרייניקן זיך צוביסלעך פֿונעם זשאַרגאָן און די וווּלגאַרע אויסדרוקן און דערנעענטערן זיך צו דער זויבערער דייט־שער שפּראַך". די סובסידיע האָט געדויערט נאָר איין יאָר: אפֿנים צע־דערבוים האָט נישט צופֿרידנגעשטעלט דער געזעלשאַפֿט. לייענען מיר טאַקע אַן אַרטיקל אין „קול מבשר", ווו אַ לייענער רעאַגירט אויף אָט דעם ענין:

„איך באַגרייף נישט, שרייבט ער, ווי די חברה מפיצי השכלה אין פּעטערבורג פֿאַרשטייט נישט דאָס (די יידישע שפּראַך) צו שעצן. מע קען נישט זאָגן, סטודענטן אונטערשטיצן איז אוודאי אַ גרויסע מצווה, רוסי־שע לערן־ביכלעך אַרויסגעבן — איז זייער ניצלעך, מחברים אונטערהאַלטן — איז זייער רעכט; נאָר דאָס אַלץ הייסט די בילדונג אונטערשטיצן, נישט פֿאַרברייטן. אָנצונדן סטעאַרין־ליכט, גאַז — דאָרט ווו עס ברענט שוין, אפֿילו אַ חלבן ליכטל, — הייסט נאָר ליכטיקער מאַכן, אָנגענע־מער, גרינגער צום אַרבעטן; נאָר דער עיקר איז פּאָרט ווו עס איז שטאָק־פֿינצטער העל צו מאַכן, לאָז זיין מיט אַ קאַניעץ, אַבי מען זאָל נישט טאַפּן אין דער פֿינצטער. העלער, באַקוועמער — וועט זיך שוין איטלעכער זוכן אַליין צו מאַכן... זאָגט אייך וואָס איר ווילט, אַז איר מיינט נאָר נישט

צו פראַלן פאַר קריסטן און זאָרגט באמת אונטער יידן בילדונג צו פאַר־שפרייטן, האָט איר קיין בעסער מיטל ווי דעם קול מבשר".*)

אין 1864 האָט דער לערער פון דער קרוינשול אין באַכמוט און דער מיטאַרבעטער פון „קול מבשר" ה. רעססער צוגעשיקט צו דער חברה מפ' השכלה זיינע אַ איבערזעצונג פון אַ רוסישער געאָגראַפיע אויף יידיש, און ער האָט געבעטן דאָס אָפּדרוקן אויפן חשבון פון דער געזעלשאַפט, ער האָט אויך געשריבן וועגן אַ צווייט ווערק זיינס אויף יידיש, אַז אַל־געמיינע געשיכטע אין צען טיילן. האָט מען די געאָגראַפיע איבערגעגעבן הרכבין אויף אַ רעצענזיע און ער האָט איר געפונען גוט, דאָך האָט דער קאָמיטעט דאָס בוך נישט אַרויסגעגעבן, ער האָט עס איבערגעשיקט צעדערבוימען, יענער זאָל עס דרוקן צוביסלעך אין קול מבשר „אויב ער וועט דאָס געפינען פאַר פּאַסיק און נוצלעך פאַר די לעזער". דער זעל־בער רעססער האָט אין 1867 באַקומען פון דער געזעלשאַפט אַ סובסידיע פון גאַנצע 35 רובל אויף צו דרוקן זיין יידישע איבערזעצונג פון דייטש פון אַ „געשיכטע פון יידן זינט אוראַלטער"; זי איז טאַקע אַרויס אין ווילנע אין 1870 אונטערן נאָמען „קורות ישראל — די אַלטע געשיכטע פון פאָלק ישראל".

דעם 22־טן יולי 1865 האָט דער באַקאַנטער יוריסט און פּובליציסט אַ. אָרשאַנסקי אַריינגעשיקט אַ בריף אין דער חמפ"ה, אין וועלכן ער האָט פאָרגעלייגט אַז די געזעלשאַפט זאָל זיך פאַראינטערעסירן און אָנהייבן זאַמלען יידישע פאָלקסלידער צווישן דער יידישער באַפעלקערונג פון רוס־לאַנד. „מיר פאַרמאָגן, האָט ער געשריבן, גאַנץ פיינע געשיכטעס פון יידי־שער רעליגיע, וויסנשאַפט, ליטעראַטור, פיינע ביאָגראַפיעס פון באַרימטע מענער פון יידישן פאָלק, אָבער עס פעלט אונדז אַ פּאַסיקע געשיכטע פונעם יידישן פאָלק, אָדער בעסער געזאָגט — פון דער יידישער מאַסע... מיר דאַרפן באַזאָרגן אַז מען זאָל באַצייטנס אויפזאַמלען און אַרויסגעבן דענקמעלער וועגן דער טעטיקייט פון יידישן פאָלק... אַזאַ אויסגאַבע וואָלט געווען איינער פון די נוצלעכסטע רעזולטאַטן פונעם קאָמיטעטס בילדונגס־טעטיקייט. ביים זאַמלען יידישע פאָלקסלידער וואָלטן אַ סך נוצן געקענט ברענגען אַלע יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס אין רוסלאַנד, און גאָר באַזונדערס דער קול מבשר". אָבער די דאָזיקע קלוגע און קולטורעלע רייד פון אָרשאַנסקין האָבן נישט געפונען קיין שום אָפּקלאַנג צווישן די טוערס און אָנפירערס פון דער חמפ"ה.

*) קול מבשר, נומ' 29, 1866. — גאַז מיינט קעראָסין.

אין 1875 האט ה. צאצקין ארויסגעלאזט א ביכל אויף צו לערנען די רוסישע שפראך; א צווייטער מחבר ק. אבראמאוויץ, האט פארעפנטלעכט א ביכל וועגן ערד־ארבעט.ביידע מחברים האבן זיך באמיט אז די חמפ״ה זאל זיי צוטיילן א געהעריקע סובסידיע, אבער דער קאמיטעט האט זיך אפּגעזאגט זיי צו העלפן, „ווייל די חיבורים זיינען געשריבן אויף זשארגאן״. *)

אין איר פארלעגערישער טעטיקייט האט זיך די חמפ״ה קאנצענטרירט אין גאנצן אויף רוסיש. אין 1868 איז דערשינען צום ערשטן מאל א יידישער קאטעכיזים אין דער רוסישער שפראך, און די חברה האט פארגעלייגט דער רעגירונג אז מען זאל דעם קאטעכיזים באניצן אין די יידישע קאזיאנע שולן. אין 1875 איז דערשינען די איבערזעצונג פון חומש אויף רוסיש, שפעטער איז ארויס אויף רוסיש א סידור און א מחזור. די חמפ״ה האט אויך געשפילט א ראל אינעם באשלוס צו ליקווידירן די יידישע קאזיאנע שולן. זי האט צוגעשטעלט דער רעגירונג אירע פארשלאגן, רעקאמענדירט צו ליקווידירן די קאזיאנע שולן אין יענע שטעט וווּ עס זענען פאראן גימנאזיעס אדער ענלעכע לערן־אנשטאלטן, זי האט אויך פארגעלייגט פארביטן די קאזיאנע שולן מיט די גראמאטע־שולן (שקאלי גראמאטנאסטי). און ווי מיר דערציילן עס אין אן אנדער קאפיטל, זענען טאקע די אלע פארשלאגן אריינגעקומען אינעם געזעץ פון 1873.

* *
*

די כוואליע אנטיסעמיטיזם וואס האט זיך אויפגעהויבן מיטן אנהייב פון די 70־קער יארן און דער אדעסער פאגראם פון 1870 האבן ארויסגערופן נייע שטימונגען און באטראכטונגען אין די רייען פון די טוערס פון דער חמפ״ה. א גאר שטארקער קאצן־יאמער האט זיך געפילט אין דער אדעסער אפטיילונג פון דער געזעלשאפט. געגרינדעט מיטן לאזונג „אויפצוקלערן יידן אויף רוסיש און אין רוסישן גייסט״, כדי רוסיש „זאל ווערן די נאציאנאלע שפראך ביי יידן״, האט איצט די אדעסער אפטיילונג פון דער חמפ״ה איבערגעלעבט א ביטערע אנטוישונג. ווי עס דערציילט איר פארזיצער — „האבן זיך ביי זיי ארויפגעלאזט די הענט, מע האט אנגעהויבן צווייפלען, צי האט מען זיך געשטעלט דעם ריכטיקן צוועק, ווארעם, ווי עס זעט אויס, וועט פון אונדזערע ברידערס אלע באמיונגען צו ווערן רוסן — גאר נישט זיין, ביז ווי לאנג די רוסישע מאסע וועט פארבלייבן פארגרעבט ווי איצט און זי וועט פיינט האבן יידן״. און ווייַ־

*) תולדות חברה מרבי השכלה בישראל, חי א, ז.ז. 13, 43, 119.

טער האָט ער געשריבן: „די אָדעסער אָפּטיילונג... האָט פון אָנהייב אָן געמוזט זיך איבערצייגן, אַז דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל („צו העלפן יידן איבערנעמען די רוסישע שפּראַך") איז נישט פאַר די כוחות פון דער אָפּטיילונג, טיילווייז צוליב אירע באַגרענעצטע מיטלען, און נאָך מער צוליב אַלגעמיינע אומאָפּהענגיקע פון דער געזעלשאַפט, אומשטענדן... די פסח־אומרוען קענן יידן אין אָדעס, פאַריקן יאָר, האָבן אין גאַנצן אונטערגעבראַכט דעם גלויבן ביי די אָנפירערס פון דער אָדעסער אָפּטיילונג אין דער צוועקמאָסיקייט פון זייערע שטרעבונגען... צוליב דעם האַלט דער קאָמיטעט פון דער אָפּטיילונג זיין עקזיסטענץ פאַר איבערגעריסן". **און ווירקלעך האָט די אָדעסער אָפּטיילונג עטלעכע יאָר נישט** פונקציאָנירט און ערשט אין 1878 איז זי צוריק באַנייט געוואָרן אַדאַנק דער איניציאַטיוו פון מ. ג. מרגולית.

אָנפאַנג 1870 האָט זיך די אָדעסער אָפּטיילונג געפּרוווט פאַראינטערעסירן מיטן מצב פונעם חדר. צוויי אָרטיקע מלמדים האָבן זיך געווענדט צו דער אָפּטיילונג מיט דער בקשה אַז די חמפ"ה זאָל איבערנעמען זייערע חדרים אונטער איר שוץ און פירערשאַפט. עס איז אויסגעטיילט געוואָרן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פון צוויי פּערזאָן — א. אָרשאַנסקי און מ. מרגולית, — און די קאָמיסיע האָט געדאַרפט אויפזאַמלען ידיעות וועגן דעם צושטאַנד פון די אָרטיקע חדרים. די קאָמיסיע האָט אין גיכן צונויפגעשטעלט אַ באַריכט מיט אַן אַלגעמיינער כאַראַקטעריסטיק פון די אָדעסער חדרים. לויט די דאָזיקע ידיעות האָט מען אַ געוויסן טייל פון די אָרטיקע חדרים געקענט פאַררעכענען פאַר געהעריק־אָרגאַניזירטע לערן־אַנשטאַלטן. די מערהייט חדרים אָבער איז, לויטן באַריכט, מיט קיין זאַך נישט אַנדערש ווי דער געוויינטלעכער טיפּ טראַדיציאָנעלע חדרים... דער באַריכט לייגט פאָר געבן מאַטעריעלע און מאָראַלע אונטערשטיצונג נאָר פאַר די בעסערע חדרים... דער באַריכט רוקט אַרויס אויך די נויטיקייט צו העלפן עפּענען גוט אָרגאַניזירטע פּריוואַטע עלעמענטאַרע שולן, כדי אַרויסצושטויסן די חדרים.*)

אָבער דאָס איז נאָר געווען אַ פאַרבייגייענדיקער עפּיזאָד אין דער טעטיקייט פון דער אָדעסער אָפּטיילונג פון דער חמפ"ה. נישט די אָפּטיילונג, נישט די צענטראַלע אין פּעטערבורג האָבן נאָך לאַנגע יאָרן שפּעטער זיך כמעט נישט פאַרנומען מיט די פראַגן און אינטערעסן פון דער פאָלקשול. אמת, אין 1874 האָט די געזעלשאַפט אָנגעהויבן רעגולער סובסידירן 11 שולן, בתנאי זיי מוזן לערנען רוסיש. בכלל ווערט די טעטיקייט פון דער

*) א. טשעריקאָווער, דצ"וו, ז. 248. זע אונדזער עסיי „דער חדר אין צאַרישן רוסלאַנד".

חמפ״ה סוף די 70־קער יאָרן — שטאַרק אָפּגעשוואַכט. פאַר די ערשטע 25 יאָר פון איר עקזיסטענץ האָט די געזעלשאַפט אויסגעגעבן 218 טויזנט רובל אויף סובסידיעס פאַר אַלערליי סטודענטן, — דאָס האָט אויסגעמאַכט 66 פּראָצ. פון בודזשעט; אויף הילף פאַר פּריוואַטע שולן האָט די געזעלשאַפט אויסגעגעבן 31 טויזנט רובל אין מזומן און 25 טויזנט מיט ביכער.

אַן ענדערונג אין דעם פּרט קומט ערשט מיטן אָנהייב פון די 90־קער יאָרן. די געזעלשאַפט הייבט אָן אַרויסווייזן אַלץ מער אינטערעס פאַר די נויטן און פּראָבלעמען פון דער יידישער פאָלקשול. אין 1894 סובסידירט די געזעלשאַפט 37 שולן (2,600 רובל); אין 1898 סובסידירט זי שוין כמעט 100 שולן מיט 10 טויזנט רובל. אָבער אפילו אין די יאָרן שטייגט די סובסידיע פאַר יחידים־סטודענטן פּילפּאַך אַריבער — די סובסידיעס פאַר די שולן (אין 1895 — 10 מאָל אַזוי פיל). אינעם קאַפּיטל „דער חדר אין צאַרישן רוסלאַנד" האָבן מיר דערציילט וועגן דעם, אַז אין 1894 האָט די פּעטערבורגער "פריי־עקאָנאָמישע געזעלשאַפט" דורכגעפירט אַן אויספאָרשונג פון די חדרים אין תחום און אין פוילן. אַט די אויספאָרשונג איז געמאַכט געוואָרן מיט דער מיטהילף און אָנטייל פון דער חמפ״ה. דאָס איז געווען אין גאַנצן אַ נייע ריכטליניע אין דער אַרבעט פון דער חמפ״ה, פּונקט ווי דאָס איז געווען דאָס סובסידירן אַלץ מער פאָלקשולן און מיט אַלץ גרעסערע סומען. אין 1897 באַטרעפט דער דורכשניט פון אַ יערלעכער סובסידיע אויף אַ שול 75 רובל; אין 1899 — 93 רובל; און 1902 מאַכט שוין אויס אַט דער דורכשניט 742 רובל. אין 1900 פירט איין די געזעלשאַפט אַ נייעם אין איר אַרבעט: זי לאַדט איין אינסטרוקטאָרן — „באַפולמעכטיקטע", וואָס זייער אויפגאַבע באַשטייט אין: באַזוכן און אינסטרואירן די שולן וואָס די חברה סובסידירט. אין 1902 רופט צונויף די געזעלשאַפט אַ באַראַטונג פון פאָרשטייער פון צענטער און פון פּראָווינץ וועגן פראַגן פון פאָלקשול. די געזעלשאַפט העלפט עפענען נייע שולן און ווי אַ באַדינג שטעלט זי דערביי, מען זאָל דאָ איינפירן יידישע לימודים. די באַפולמעכטיקטע קאָנטראָלירן טאַקע, צי עס ווערן אויסגעפירט די געשטעלטע באַדינגונגען, זיי שטודירן אויף די ערטער די באַדינגונגען פון דער שול־אַרבעט און שול־בויאונג, זיי געבן איניציאַטיוו פאַר נייע שולן, זיי פאָרשן די לערן־דערציערישע מעטאָדן פון די לערער, זיי שטעלן איין אַ קאָנטאַקט צווישן די פּראָווינץ־טוערס און דעם צענטער, אא״וו. צווישן די דאָזיקע באַפולמעכטיקטע זענען געווען ד״ר לאַנדער און פ. מאַרעק — אין די יאָרן פאַר דער רעוואָלוציע פון 1905; ח. פיאַלקאָוו, א. שטראַשון און י. ד. קאַנטאָר — אין די יאָרן נאָך דער רעוואָלוציע.

אינעם קאַפּיטל „די יידיש־רוסישע פּעדאַגאָגישע זשורנאַלן" דערציילן מיר באריכות וועגן דעם חודשלעכן פּעדאַגאָגישן זשורנאַל „יעווריסקאיא שקאָלאַ" (1904־1905). אָט דער זשורנאַל איז געווען אַ נישט־אָפיציעלע אויסגאַבע פֿון דער חמפ"ה: עס האָט געשטערט דער לעגאַלער סטאַטוט פֿון דער חברה, ווי אויך דער טראַדיציאָנעלער וועג אין איר אַרבעט. די הויפּט־מיטאַרבעטער פֿונעם זשורנאַל זענען טאַקע געווען די באַפּולמעכטיקטע און אויך אַ פּאָר אָנגעזעענע לערער פֿון די שולן פֿון דער געזעלשאַפֿט. אינעם נומער פֿון אַפּריל 1904 איז אין דער „יעוור. שקאָלאַ" אָפּגעדרוקט אַ באַריכט פֿון דער שול־פּעדאַגאָגישער קאָמיסיע ביי דער חמפ"ה — פֿאַרן יאָר 1903. מיר באַקומען אַ גאַנץ גענוי בילד פֿון דער חברהס טעטיקייט: די קאָמיסיע האָט אָנגענומען מיטלען אויף צו הייבן דעם ניוואָ פֿון די שולן וואָס ווערן סובסידירט דורך דער געזעלשאַפֿט; זי האָט געפֿאָדערט אַז בראש פֿון יעדער סובסידירטער שול זאָל שטיין אַ פּערזאָן מיט געהעריקער פּעדאַגאָגישער צוגרייטונג און פּראַקטיק, און אַז דער גאַנצער פּעדאַגאָגישער פּערסאָנאַל בכלל זאָל שטיין אויף אַ גענוגנדיקער הויך. די קאָמיסיע האָט געטאָן אַ סך אויף צו פֿאַרלייכטערן די לערער אין זייער אַרבעט: זי האָט באַזאָרגט אין די שולן קאָלעקציעס לערן־מכשירים, ביבליאָטעקלעך פֿאַר די שילער און לערער, זי האָט אָנגעצייכנט פּראָגראַמעס און פּלענער פֿאַר די אַלגעמיינע און יידישע לימודים. זי האָט זיך באַמיט צו הייבן דעם סאַניטאַר־היגיענישן מצב פֿון די שולן, זי האָט אויך געהאָלפֿן איינפֿירן אין די שולן און אפֿילו אין די תלמוד תורהס אַ שכר־לימוד־אָפּצאָל פֿון די עלטערן און אַזוי אַרום הייבן דעם פּרעסטיזש פֿון די אַנשטאַלטן. אין 1903 האָט זי צונויפֿגעשטעלט אַ פּראָגראַם פֿאַר די יידישע לימודים אין די געזעלשאַפֿטלעכע שולן און אין די תלמוד־תורהס, — דער קורס איז אויסגערעכנט אויף 5 יאָר, פֿאַר די יידישע לימודים איז אָפּגעגעבן 16—18 שעה אַ וואָך. די פּראָגראַם איז געווען צוגעפּאַסט צום „געמישטן" מעטאָד. באַשטימענדיק פֿאַר די ת"ת אירע סובסידיעס, האָט די חמפ"ה זיי געשטעלט פֿאַרשידענע פּראָגרעסיווע פֿאָדערונגען.

אויף דער באַראַטונג פֿון דעצעמבער 1902, וועלכע מיר האָבן אויבן דערמאָנט, איז דער סדר היום באַשטאַנען פֿון אַזעלכע פּונקטן: 1) ווי אַזוי די געזעלשאַפֿט זאָל העלפֿן יידישע אָנפֿאַנגשולן מיט אַ פּראָגראַם פֿון אַלגעמיינע לימודים; 2) אויסערשול־בילדונג (אָוונט - און שבת־שולן, ביבליאָטעקן, פֿאָרלעזונגען); 3) די אָרגאַניזאַציע פֿון דער געזעלשאַפֿטס טעטיקייט אויף די ערטער און די באַציונג פֿונעם קאָמיטעט צו די אָרטיקע אָרגאַנען; 4) די חדרים; 5) דאָס לערנען זאַקאָן באָזשי (יידישע רעליגיע) אין די אַלגעמיינע לערן־אַנשטאַלטן; 6) דאָס פֿאַרשטאַרקן די מיטלען פֿון

דער געזעלשאפט; 7) דאס צוגרייטן לערער און באזארגן זייער מאטע־ריעלע לאגע. — בנוגע דעם חדר האט די באראטונג באשלאסן, אז די געזעלשאפט קען געבן מאטעריעלע הילף נאר יענע הדרים, וואס וועלן איינפירן דעם אונטעריכט פון אלגעמיינע לימודים, ווי אויך די חדרים מתוקנים און די אנדערע טיפן פארבעסערטע חדרים. א גאר היפשע הילף האט די געזעלשאפט גענומען אויסטיילן פאר די פארשידענע טיפן מיידל־שולן. *)

אט ווי ווייט עס האט זיך געענדערט דער כאראקטער פון דער חמפ"ה פאר די לעצטע צען יאר! אין 1891 האט ש. דובנאוו געגעבן אזא כאראק־טעריסטיק און אנאליז פון דער געזעלשאפט: „די חמפ"ה איז געווען פול־שטענדיק א פראדוקט פון יענער צייט ווען זי איז געגרינדעט געווארן (1863). דעמאלט איז אויפן ערשטן פלאן געשטאנען די אויפגאבע צו פארשפרייטן אלגעמיין־רוסישע בילדונג צווישן יידן, מיטן ציל צו דער־נענטערן זיי מיט דער גרונט־באפעלקערונג. דאס איז אין תוך געווען א ריין־אויסערלעכע בילדונג: מ'האט געשטרעבט איבערצובויען דעם יידישן שטייגער אויף נייע קולטור־יסודות; בילדונג איז בעיקר דערפירט געווארן צום באהערשן די רוסישע שפראך און נוצלעכע ידיעות... די גאנצע זארג פון אונדזערע „משכילים" איז יעמאלט געווען געווענדט בכלל אויף אויסבעסערן די רעכטלעכע באדינגונגען פונעם יידישן לעבן אין רוסלאנד מיט דער הילף פון דער שולבילדונג. די צייט האט באוויזן, אז די דאזיקע באמיונגען (אין לעצטן פרט) זענען געווען ארויסגעווארפן... איצט איז אן אנדער צייט און אנדערע אויפגאבעס. נישט אזוי וועגן אויסער־לעכער בילדונג דארפן מיר זארגן, ווי וועגן אינערלעכער בילדונג: וועגן ערנסטן וויסן וואס האט דעם ציל צו פארשטארקן דעם גייסט פון פאלק. צוגלייך מיט אלזייטיקן אלגעמיין־מענטשלעכן וויסן דארף שטיין אויך אל־זייטיק ספעציעל־יידיש וויסן (דאס שטודירן יידישע געשיכטע און ליטע־ראטור אא"וו), וואס זיין איינציקער ציל איז: זעלבסטבאוווסטזיין. מער ווי ווען עס איז דארפן מיר זיך פארטיפן איצט אין זיך, ארבעטן איבער אונדזער גייסטיקער פארפולקאמונג, נישט צופאסנדיק זיך צו קיין שום צופעליקע און צייטווייליקע שטרעמונגען... אויב די טוערס פון דער המפ"ה וועלן זיך דורכדרינגען מיט דער איבערצייגונג, אז דאס יידנטום איז גלייכצייטיק אי א טייל פון דער מענטשהייט, אי א באזונדערע נאציע און אז דעריבער דארף עס אין זיין גייסטיקן לעבן פאראייניקן אלגעמיין־

*) דער גענויער באריכט פון דער באראטונג איז אפגעדרוקט אין „וואסכאד" פון 25 דעצעמבער 1902 און אין די נומ. 6, 7, 8 פון 1903.

אהרן כהנשטאַם

שמעון דובנאָוו



נחום שטיף



ש. ניגער

מענטשלעך וויסן מיט ספּעציעל־יידישן, — דעמאָלט איז דאָ א האָפענונג אז זיי וועלן עפּעס אויפטאָן פאַר אונדזער אומגליקלעך פאָלק". *)

ש. דובנאָוו האָט נישט נאָר מוסר געזאָגט דער חמפ"ה, נישט נאָר אַרטיקלען געשריבן וועגן איר. ער איז אַליין געווען אַקטיוו באַטייליקט אין דער טעטיקייט און אין דער באַוועגונג אַרום איר. אין אונדזער עסיי וועגן ש. דובנאָוון דערציילן מיר בפּרטיות וועגן דעם קאַמף, וואָס ער צוזאַמען מיט אַנדערע האָט געפירט אין דער אָדעסער אָפּטיילונג פון דער חמפ"ה אויפן שוועל פון אונדזער יאָרהונדערט. אין זיין בוך „פון זשאַר־גאָן צו יידיש" (ווילנע, 1929) באַשרייבט ש. דובנאָוו די גרויסע דיסקו־סיעס וואָס האָבן זיך געפירט אויף די שטאַרק־באַזוכטע אַלגעמיינע פאַר־זאַמלונגען פון דער אָדעסער אָפּטיילונג. מע האָט דאָ ליידנשאַפטלעך דע־באַטירט די פראַגע וועגן נאַציאָנאַלער דערציִונג. „דאָ, דערציילט ער, אויף דעם קאָנקרעטן באָדן פון דער שול־רעפאָרם, האָבן זיך באַגעגנט און צו־זאַמענגעשטויסן די נאַציאָנאַליסטן מיט די האַלב־אַסימילאַטאָרן פון קאָ־מיטעט מפיצי השכלה. די ערשטע האָבן געפאָדערט צו פאַרשטאַרקן די יידישע לימודים אינעם פּראָגראַם פון די פאָלקשולן, און די קאָמיטעט־לייט זענען געשטאַנען אויפן אוטיליטאַרן שטאַנדפּונקט און דערמיט האָבן זיי אונטערגעהאַלטן די רוסיפיקאַטאָרישע טענדענץ פון דער רעגירונג אין דער יידישער שול. אין שטאָט האָט זיך אָרגאַניזירט (אומלעגאַל, פאַר־שטייט זיך) א „נאַציאָנאַליזאַציע־קאָמיטעט", כדי צו קעמפן מיט דער אַסימילאַציע אין די יידישע אינסטיטוציעס. אינעם קאָמיטעט זענען אַריין אויסער מיר און אחד העמן, אויך אַנדערע געזעלשאַפטלעכע טוער". אין אונדזער עסיי וועגן די יידיש־רוסישע פּעדאַגאָגישע זשורנאַלן האָבן מיר אויך ציטירט די מיינונג פון פּ. מאַרעק וועגן אָט די אָדעסער פּרוּוון פון שול־רעפאָרם. איצט איז די טעטיקייט פון דער חמפ"ה איינגעשטעלט אויף אַנדערע רעלסן. נייע טענער הערן זיך דאָ.

וואָס מער שולן די חמפ"ה האָט אַריבערגענומען אונטער איר השגחה, וואָס מער געזעלשאַפטלעכע שולן עס האָבן זיך געעפנט, — אַלץ שאַרפער איז געווען דער דוחק אין גוט־צוגעגרייטע לערער. מיר האָבן געזען, אז די באַראַטונג פון 1902 האָט זיך שוין באַשעפטיקט מיט אָט דער פראַגע. אין אַן אַרטיקל אין דער „יודישע פאָלקסצייטונג" (27 מאַי 1903) לייע־נען מיר: „רעדט נאָר מיט די פון אונדזערע לערער און שרייבער אין די גרויסע שטעט, וועט איר הערן וויפל בריוו זיי באַקומען פון פאַרשידענע

*) ש. דובנאָוו — „די סד־הכלען פון דער חמפ"ה", וואָסכאָד, 10—11, 1891. זע אויך די „בריוו וועגן אַלטן און נייעם יידנטום", ז. 146.

מקומות מיט בקשות צו רעקאָמענדירן אַ רעבטן לערער: דאָ פעלט אַזעל־
כער אין דער ת"ת, דאָרט אין אַן אַלטן „מוסטער־חדר" אָדער פאַר אַ
נייעם חדר וואָס מען וויל עפענען, — און אויף די אַלע בריוו מוז מען
געבן איין תשובה: נישטאָ, עס איז נישטאָ קיין לערער ביי יידן! — עס
איז קיין חידוש נישט, וואָס אַלע פאַרשטייען היינט ווי ווייט נויטיק און
נוצלעך איז פאַר אונדזער פאָלק אין אונדזערע מדינות — אַ לערער־
אינסטיטוט, אַ הויכע שול וואָס זאָל ארויסגעבן יידישע לערער. און אַז
מען וויל מאַכן אַ נייעם אנשטאַלט לכבוד דעם באַראָן גינצבורג, זענען
אַלע געקומען צו איין דעה, אַז מע דאַרף גרינדן פאַר יידן אין רוסלאַנד
אַ לערער־אינסטיטוט"... און די חמפ"ה האָט טאַקע געזוכט אַלע וועגן
צו באַפרידיקן אָט די באַדערפעניש, ווי אויך צו פאַרבעסערן די צוגע־
גרייטקייט פון יענע לערער וואָס האָבן שוין געאַרבעט אין די שולן. אין
1901—1904 מאַכט די געזעלשאַפט עטלעכע פרווון צו אָרגאַניזירן זו־
מער־קורסן פאַר לערער. אָבער די רעגירונגס־אָרגאַנען מאַכן צונישט די
אַלע פרווון. אין 1904 האָט די געזעלשאַפט שוין געהאַט באַקומען אַ
דערלויבעניש צו האָבן זומער־קורסן אין בעלאַצערקווע. די חמפ"ה האָט
אַסיגנירט אויף די קורסן 3,500 רובל. צווישן די לעקטאָרן זענען געווען
אַ פּאָר מלוכהשע שול־אינספּעקטאָרן, און דער אָנפירער פון די קורסן
האָט געזאָלט זיין דער דירעקטאָר פון די מלוכה־שולן ט. ל. לובענעץ. עס
האָבן אויך געדאַרפט זיין יידישע לעקטאָרן: ד"ר לאַנדער, קולישער, דער
ראַבינער קאַצענעלסאָן. לימודים זענען אָנגעצייכנט געוואָרן: מעטאָדיק פון
רוסישער שפּראַך און אַריטמעטיק, מעטאָדיק פון די יידישע לימודים, שול־
היגיענע און „פּעדאַגאָגישע פּסיכאָלאָגיע". דער צעטל פון די אָנגענומענע
קורסיסטן האָט געדאַרפט באַצייטנס צוגעשטעלט ווערן דעם קרייז־קוראַ־
טאָר (פּאָפּעטשיטיעל) צום באַשטעטיקן. אָבער אַ חודש פאַרן עפענען די
קורסן אין בעלאַ־צערקווע איז אָנגעקומען אַ מעלדונג אַז די קורסן זענען
פאַרבאָטן, — קיינע דערקלערונגען וועגן דער סיבה פון פאַרבאָט זענען
דערביי נישט אָנגעגעבן געוואָרן.

וואָס נענטער צום יאָר 1905 און נאָך אין אַ גרעסערער מאָס נאָך דעם
יאָר ווערט די חמפ"ה אַלץ מער דעמאָקראַטיזירט. אנשטאָט די אַמאָליקע
25 רובל אַ יאָר מיטגלידס־אָפּצאָל, ווערט איצט איינגעשטעלט אַן אָפּצאָל
פון 3 רובל אַ יאָר. דער נייער סטאַטוט פון דער געזעלשאַפט דערלויבט
איר צו עפענען אָפּטיילונגען אין דער פּראָווינץ, און אין 1907 האָט זי
שוין געהאַט 3870 מיטגלידער, אין 1909 האָבן זיך געעפנט נייע 25
אָפּטיילונגען. גלייכצייטיק איז אויך געוואַקסן די הכנסה פון דער געזעל־
שאַפט: אין 1907 האָט זי באַטראָפן 300 טויזנט רובל און אין 1911 —

שוין 378 טויזנט רובל. די צאָל מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט האָט אין 1911 באַטראָפן 5800. אין 1910 האָט די חברה סובסידירט 98 שולן מיט 85 טויזנט רובל. אין 1907 האָט די געזעלשאַפט געעפנט די באַקאַנטע גראַדנער לערער־קורסן, און אין 1910 האָט זי אָנגעהויבן אַרויסגעבן איר פּעדאַגאָגישן חודש־זשורנאַל „וויעסטניק". די אָפּטיילונגען אין מאָסקווע, קיעוו, אָדעס, ווילנע האָבן געשפּילט אַלץ אַ גרעסערע ראָלע אין לעבן פון דער געזעלשאַפט, אייניקע פון זיי האָבן געהאַט אונטער זיך צו עט־לעכע פּונקטן פון זייער ראַיאָן. די אָפּטיילונגען האָבן זיך אַקטיוו באַ־טייליקט אין די יערלעכע באַראַטונגען, וואָס די געזעלשאַפט האָט גענומען רופן סיסטעמאַטיש זינט יאָר 1910. כדי צו קענען שיקן אַ גרעסערע דע־לעגאַציע צו דער באַראַטונג אין פּעטערבורג, האָט זיך יעדער אָפּטיילונג באַמיט צו ווערבירן וואָס מער מיטגלידער און עס איז אָנגעגאַנגען אויף דעם געביט אַ שטאַרקע קאָנקורענץ צווישן די בירגערלעכע און די סאָ־ציאַליסטישע פּאַרטייען וואָס זענען געווען טעטיק אויף דער יידישער גאַס. דער באַקאַנטער ציוניסטישער טוער הלל זלאַטאָפּאָלסקי האָט, למשל, איין מאָל פאַרכאַפּט די מאַכט אין דער קיעווער אָפּטיילונג פון דער חמפ"ה אַדאַנק דעם וואָס ער האָט פאַררעגיסטרירט אַלע מלמדים פון דער שטאָט פאַר מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט...

נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905 פאַרנעמט די פּראָבלעם יידיש אין שול — אַלץ אַ גרעסערן פּלאַץ אויף די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען און אויף די באַראַטונגען פון דער געזעלשאַפט. גרויס פּירסום האָט באַקומען די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון דער געזעלשאַפט אין פּעטערבורג, יאַנואַר 1906, וועלכע האָט זיך געצויגן לאַנגע עטלעכע אָוונטן, די טעמפּעראַטור אויף די פאַרזאַמלונגען אַרום דער פראַגע יידיש איז געווען זייער הויך, עס איז אפילו געקומען צו עטלעכע אינצידענטן און צו אַ געשלעג. די יידישע פּרעסע האָט געדרוקט גרויסע באַריכטן און אַרטיקלען וועגן דער פאַרזאַמלונג *). עס איז אויך דערשינען אויף העברעיש אַ בראָשור „הלשון והחנוך" (קראָקע, תר"סז, 39 זייטן), און דאָ זענען איבערגעדרוקט איי־ניקע רעדעס וואָס זענען דאָרט געהאַלטן געוואָרן לטובת העברעיש. מע קען זאָגן: דאָס איז געווען די ערשטע גרויסע שלאַכט צווישן יידיש און

---

*) „וואָסכאָד" נומ. 5 און 14, 1906; אָרגאַן פון בונד „דער וועקער", פעב. 1906. אין אונדזער עסיי „דער בונד און דער געדאַנק וועגן אַ יידיש־וועלטלעכער שול" ברענגען מיר אַ ציטאַטע פון חבר צביונס אַרטיקל, וווּ ער רעאַגירט אויף אייניקע אַרויסטרעטן אויף אָט דער פּעטערבורגער פאַר־זאַמלונג.

העברעיש אויף די פעלדער פון דער חמפ"ה. אַט די רעדעס שפּיגלען באמת אָפּ אַ שטיק קולטור־געשיכטע פון יידישן פאָלק אין צאַרישן רוסלאַנד. צווישן די הייסע פּאַרטיידיקער פון יידיש זענען געווען: ג. כאַראַנזשיצקי, י. (ס. ל.) צינבערג, מ. ב. ראַטנער, מ. ג. קריינין; שאַרף אַטאַקירט די יידישע שפּראַך האָבן ד"ר קליאַטשקאַ און ד"ר י. ל. קאַצענעלסאָן (בוקי בן יגלי).

י. צינבערג: „דאָס פּאַריקע מאָל האָב איך גערעדט וועגן דער אַנטי־דעמאָקראַטישקייט פון די משכילים אַמאָליקע ציטן. אָבער איך האָב אַליין נישט דערוואַרט, אַז אין 1906 וועט מעגלעך זיין אַזאַ גלענצנדע אילוסטראַציע צום דאָזיקן אויספיר, ווי די ווערטער פון ד"ר קליאַטשקאַ... (יענער האָט אין זיין רעדע געזאָגט: „זשאַרגאָן — דאָס איז די שפּראַך פון גלות, אַ דעפּאָרמירטע שפּראַך פון שקלאַפן, אַ שפּראַך פון נישט־דערדערקייט, מימיק און פּחדנות!" — ח. ש. ק.). די חמפ"ה דאַרף אַראָפּ־נעמען פון זיך דעם פלעק פון פאַרנאַכלעסיקן דיווירקלעכע באַדערפענישן פון פאָלק. דאָ רעדט זיך נישט וועגן אַראָפּוואַרפן די העברעישע שפּראַך, אויף וועלכער עס האָט זיך פּאָרמירט אונדזער נאַציאָנאַלער „איך". מע טאָר אָבער נישט פאַרגעסן, אַז די העברעישע שפּראַך איז אַ טויטע, אונד־זערע עלטערן האָבן אויסגעדריקט זייערע טרוימען און ליידן אין דער יידישער שפּראַך. נישט דער קאָמיטעט איז באַרופן צו לייזן די פראַגע וועגן זשאַרגאָן, דאָס לעבן אַליין און דאָס פאָלק האָבן שוין געלייזט לאַנג די אַ פראַגע. מיר דאַרפן אַנטקעגן קומען דעם פאָלק, וואָרעם אָן אים זע־נען מיר אַ פּוסטער קלאַנג".

מ. ב. ראַטנער: „... די חמפ"ה וואָלט געבליבן אַ טויטע אינסטיטו־ציע, ווען זי זאָל אָפּוואַרפן די גלייכבאַרעכטיקונג פון זשאַרגאָן. דאָס איז אַ פראַגע פון סאָציאַלער פּאָליטיק. כדי דער נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין זאָל גיין מיטן ריכטיקן וועג, איז נויטיק אַ פאַריניקנדיקע שפּראַך, און אַזעלכע קען זיין נאָר דער זשאַרגאָן. די אַקטיווערע עלעמענטן אינעם יידנטום האָבן זיך דערנענטערט צווישן זיך דורך דער דאָזיקער שפּראַך. אויב די חמפּ"ה וועט זיך שטעלן אין שאַרפער קעגנערשאַפט צו אַט דער טענדענץ פון פאָלק, וועט זי אויסגעשטראָכן ווערן פון דער רשימה פון לעבנדיקע".

ג. כאַראַנזשיצקי: „איז דער זשאַרגאָן אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך? נאַציאָ־נאַלע שפּראַך קאָן מען אָנרופן נאָר אַזאַ, אויף וועלכער עס רעדט די מער־הייט פון פאָלק. העברעיש איז נישט די שפּראַך פון דער מאַסע, נאָר די שפּראַך פון אַ געוויסן טייל אינטעליגענץ און אביסל ליבהאָבערס... דאָס פאָלק דערוואַכט פון זיין שקלאַפישקייט, און דער זשאַרגאָן וועט ווערן זיין קולטור־שפּראַך". ער רעדט אויך וועגן דער פילשפּראַכיקייט אין די

יידישע שולן, וואָס טאָרמאָזירט די אַלגעמיינע אַנטוויקלונג פון די תל־מידים.

מ. נ. קריינין: „צוליב דער נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פון יידישן קינד איז נויטיק צו לערנען די אַלגעמיינע לימודים אויף דער שפּראַך וואָס איז פאַר זיי צוגענגלעך. מע דאַרף אַנטקעגן קומען די פאָלקס־באַדערפע־נישן, וועלכע האָבן זיך איצט קלאָר אויסגעדריקט לטובת דעם זשאַרגאָן. יעטוועדער דרוק פון אויבן, אַלע פּרוּוון צו פאַרהאַלטן די נאָרמאַלע ביל־דונגס־אַנטוויקלונג פון די יידישע מאַסן, וועלן נאָר אָוועקהרגענען די זאַך פון דער חמפ״ה".

ד״ר קאַצענעלסאָן: „ראשית דאַרף איך מעלדן, אַז דער קאָמיטעט פון דער חמפ״ה האָט קיין מאָל נישט פאַרבאָטן די לערער אין די שולן און תלמוד־תורהס זיך צו באַנוצן מיטן זשאַרגאָן אויף צו איבערזעצן דעם תנך און ביי די אַנדערע יידישע לימודים... אָבער פון דער אַנדערער זייט האָט דער קאָמיטעט קיינמאָל נישט פאַרלאַנגט פון די שולן וואָס ער שטיצט אַז מע זאָל דאָרט מאַכן דעם זשאַרגאָן פאַר אַ באַזונדערן לערן־געגנשטאַנד [?] — געביט, ד״ה מען זאָל לערנען די זשאַרגאָנישע גראַמאַטיק (וועלכע איז נאָך נישט צוזאַמענגעשטעלט) און מען זאָל לערנען מיט די תלמידים אויף אויסווייניק זשאַרגאָנישע שירים וכד'. צוריק גערעדט, איז עס אין גאַנצן אַן איבעריקע זאַך. ווער עס האָט געלערנט אַביסל העברעיש, קען שוין ממילא אויך לייענען זשאַרגאָן...

„די אָפּאָזיציע פאָדערט נישט קיין גלייכבאַרעכטיקונג פאַרן זשאַרגאָן, נאָר עס זאָל אים אָפּגעגעבן ווערן די בכורה אין שול, אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר דער איינציקער נאַציאָנאַלער שול. ריכטיקער: זי פאָדערט אַז מען זאָל לאָזן דעם זשאַרגאָן צו ירשענען דעם פּלאַץ פוןביידע שפּראַכן — העברעיש און רוסיש צוזאַמען. איך וואונדער זיך אויף דער אָפּאָזיציע, אַלמאַי זי איז נישט געגאַנגען אין דער עצה פון דער צייטונג „פריינד" וועלכע פאָדערט פאַרן זשאַרגאָן נישט נאָר די שולן — די עלעמענטאַרע, מיטעלע און העכערע (די אוניווערסיטעט), — נאָר צו זשאַרגאָניזירן אויך די עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען. „בשעת איך זע — שרייבט ה' לוריא אין „פריינד" — אַ גרויסע פאַרזאַמלונג פון יידן וואָס זענען מיר אומבאַ־קאַנט און איך הער זיי רעדן רוסיש אָדער פּויליש, פיל איך אַ ווייטיק אין הארצן, פיל איך אַ באַליידיקונג פונעם נאַציאָנאַלן געפיל אין מיין נשמה"...*)

---

*) וועגן יוסף לוריא זע אונדזער עסיי „יידיש אונטער צוויי פייערן", פּאַראַג. ג: „אַ יידישיסט צווישן ציוניסטן".

„איר האט מורא פאר דער אסימילאציע. יא מיינע הערן, איך שרעק זיך אויך פאר איר, אבער נישט דער זשארגאן איז די אויסגעפרוווטע סגולה קעגן דער דאזיקער מחלה. ווארעם, וואס זאלן מיר זיך נארן, מיי־נע הערן! דער רוסישער שפראך דראט נישט קיין שום סכנה מצד דעם זשארגאן... נאר דער העברעישער שפראך אליין דראט א סכנה מצד דעם זשארגאן... איר ווילט באשאפן א באזונדערע יידישקייט, א זשאר־גאן־יידישקייט, וואס וועט זיין אפגעזונדערט און אפגעטיילט פון אלע אונדזערע ברידער אין די מזרח־לענדער... צו מיין גרויס באדויערן און ווייטיק זע איך צווישן די פארטיידיקער פון זשארגאן אויך איניקע ציור־ניסטן...

„...עס איז אמת, די לעצטע 300 יאר האט אונדזער פאלק אין רוסלאנד איבערגענומען דעם דייטשן זשארגאן; אבער ער האט זיך מיט אים באנוצט נאר פאר די טאגטעגלעכע באדערפענישן, פאר זאכן וואס ליגן אין וועלט פון מסחר, אבער קיינמאל האט ער זיך מיט אים נישט באנוצט פאר שטאנדהאפטיקערע באדערפענישן, וואס זייער יסוד איז אין דער וועלט פון יצירה. פאר אזעלכע זאכן האט ער זיך באנוצט נאר מיט זיין נאציאנאלער שפראך אליין...

„...א שאנדע באדעקט היינט מיין פנים, ווען איך שטעל מיר פאר אז דער געשיכט־שרייבער פון א דור וואס וועט קומען נאך אונדז, וועט פארצייכנען לזכרון, אז אין 1906 יאר אויף א פארזאמלונג, וואס אין איר זענען זיך צוזאמענגעקומען די אויסגעקליבענע פון אונדזערע מש־כילים אין דער רעזידענץ־שטאט, האבן זיך מייבש געווען און באשלאסן צו געבן גלייכבארעכטיקונג א דייטשן דיאלעקט, וואס צופעליק האט דע־מאלט גערעדט אויף אים א גרויסער טייל פון פאלק, צוגלייך מיט דער נאציאנאלער און ליטערארישער שפראך פון פאלק!... זאל מיין צונג צוגעקלעפט ווערן צו מיין גומען, אויב איך וועל זאגן אויף דעם אמן, זאל אפרעטריקנט ווערן מיין רעכטע האנט אויב איך וועל חתמנען מיט מיין נאמען דעם פראטאקאל וואס שטעלט די שפראך פון גלות, די שפראך פון קנעכטשאפט, — גלייך מיט אונדזער נאציאנאלער שפראך, דעם איינ־ציקן איבערבלייב פון דאס שענסטע פון אונדזער אמאל". *)

די באשריבענע דעבאטע אויף דער פעטערבורגער פארזאמלונג פון 1906 איז געווען ווי אן אריינפיר צו די גרויסע שפראך־דיסקוסיעס, וואס האבן זיך איבערגעחזרט עטלעכע יאר נאכאנאנד אויף די יערלעכע בעראטונ־גען־צוזאמענפארן פון דער געזעלשאפט. די דאזיקע בעראטונגען האבן

*) „הלשון והחנוך", קראקע תרס"ז, הוצאות לשכת המרכז של „עבריה", ז. ז. 29—39.

צוגעשמידט די אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַנצער יידישער פרעסע און עפנטלעכקייט. אויך דער אַרבעטער־סעקטאָר און די סאָציאַליסטישע פאַר־טייען בראש מיטן „בונד" האָבן גענומען אַלץ אַקטיווערן אָנטייל אין די באַראַטונגען. און נישט נאָר וועגן שפּראַך איז עס געגאַנגען: וואָס זאָל זיין דער כאַראַקטער פון דער שול, וואָס פאַר אַ פּלאַץ זאָל אין איר פאַרנעמען רעליגיעזע דערציונג און טראַדיציע, העברעיש און תנך; וואָס זאָל זיין די באַציונג פון דער געזעלשאַפט צום חדר און אויף וועלכע קאָמפּראָמיסן לגבי אים דאַרף די געזעלשאַפט גיין, — אָט די אַלע פראַגן האָבן שאַרף פאַנאַנדערגעטיילט די אָנטיילנעמער פון די באַראַטונגען. און ווען די דעלעגאַטן זענען געקומען צוריק אַהיים פון די פּעטערבורגער באַ־ראַטונגען און זיי האָבן אָפּגעגעבן באַריכטן פאַר די מיטגלידער פון די אָרטיקע אָפּטיילונגען, זענען די דעבאַטן אָנגעגאַנגען ווייטער און עס האָבן זיך דאָ אויסגעקריסטאַליזירט די מיינונגען און איבערצייגונגען פון זייער אַ סך קינפטיקע שולטוערס, לערערס און בויערס פון דער יידיש־וועלט־לעכער שול.

* *
*

די ערשטע גרויסע באַראַטונג פון דעם מין איז צושטאַנד געקומען דעם 25—28 מערץ 1910. אַ גרויסע דעבאַטע איז דאָ אָנגעגאַנגען וועגן דעם, פון וואָס פאַר אַ טיפּ דאַרף זיין די יידישע נאָרמאַלע פאָלקשול. דעם רעפעראַט אויף דער טעמע האָט געהאַלטן דער מיטגליד פון קאָמי־טעט ד"ר אייגער. שוין דאָ האָבן זיך געהערט שטימען אַז די שפּראַך פון דער שול דאַרף זיין יידיש, — דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט האָבן פאַר־טיידיקט מ. גאָלדמאַן (ליבער), ל. בראַמסאָן און אַנדערע. אַזוי ווי די חלוקי דעות איבער דער פראַגע וועגן טיפּ פון אַ יידישער פאָלקשול זענען אויף דער באַראַטונג געווען גאָר היפשע, האָט מען דערליבער איבער דעם פונקט נישט אַרויסגעטראָגן קיין שום רעזאָלוציע און באַשלאָסן אויף דער נאָענ־טער באַראַטונג זיך ווייטער אומקערן צו דעם פּראָבלעם.

אויף דער צווייטער באַראַטונג פון דעם המפ"ה דעם 11—14 אַפּריל 1911 האָט זיך טאַקע צעפלאַקערט אַ גרויסע און ליידנשאַפטלעכע דיס־קוסיע אַרום דער שפּראַך־פראַגע. די צאָל פאַרטיידיקער פון יידיש אין פאָלקשול איז דאָס מאָל שוין געווען גרעסער און זייער וואָרט האָט זיך געלאָזט הערן העכער און שאַרפער.

מ. ראַפעס האָט געקעמפט פאַר אַ שול אין דער יידישער שפּראַך.

„אין דער מלוכה־דומע, האָט מ. ראַפעס געזאָגט, ביים באַהאַנדלען דעם געזעץ־פּראָיעקט וועגן אַלגעמיינער בילדונג, האָט די אָפּאָזיציע מיט

פולער רעכט אפגעווארפן אלע בייצוועקן פון דער שול. אויב האלטן זיך ביי דעם זעלביקן קוק, דארף זיך אויך די יידישע שול נישט שטעלן פאר א צוועק די נאציאנאלע דערציונג; די פאלקשול דארף זיין ווי ביי אלע פעלקער א נאטירלעכער פראדוקט פון דער נאציאנאלער סביבה. וועט זי זיך יא שטעלן אזא צוועק, וועט זי אומפארמיידלעך איינשליסן אלערליי טאפל־עלעמענטן פאר דער פאלקשול: א שטייגער, רעליגיעזע דערציונג, לשון קודש וכד'. די יידישע שול דארף זיין א פראדוקט פון דער סביבה און זיין א נאציאנאלע לויטן מהות. און אזא וועט זי זיין נאר אין דעם פאל, אויב זי וועט זיין געבויט אויף דער פאלקשפראך. און דאס פאלק — 97 פראצענט פון אים — רעדט יידיש. עס איז נישט קיין ארגומענט, אז דערווייל איז אזא שול אוממעגלעך. מע דארף שטרעבן צום זיג פון אט די פרינציפן, מען דארף זיך איצט גרייטן צו אזא שול. די אויפגאבע פון דער חמפ"ה דארף זיין — צוגרייטן די באדינגונגען צו אזא שול: ארויס־געבן לערנביכער, שאפן א קאדר לערער... — — — העברעיש דארף געלערנט ווערן נישט אין דער אנפאנג־שול, נאר אין דער מיטלשול. ס'איז דאס זעלבע וואס לאטיין — א טויטע שפראך, באזונדערס פון פעדאגא־גישן שטאנדפונקט. העברעיש איז נויטיק נישט אויף דער ארענע פון געזעלשאפטלעכן קאמף, נאר פאר קולטור־צוועקן, און מע קאן זיין א גוטער ייד און נישט קענען קיין העברעיש".

מ. ראפעס האט אויך אריינגעטראגן א רעזאלוציע וועגן דער פראגע. די דאזיקע רעזאלוציע האט אין די אויגן פון די פירער פון דער חמפ"ה אויסגעזען אזוי אפיקורסיש, אז נישט נאר זיי האבן זי נישט געשטעלט צו דער אפשטימונג אויף דער בעראטונג, נאר זיי האבן זי אפילו נישט פארעפנטלעכט אינעם באריכט פונעם צוזאמענקום. שפעטער האט די דאזיקע רעזאלוציע פארעפנטלעכט די בונדישע טוערן וואס האט געהאט אזוי פיל אינטערעס פאר דער שול־פראבלעם, אסתר — פרומקין, אין איר ארטיקל „פאלקס־אויפקלערונג אדער פאלקס־פארפינצטערונג" אין בונדישן זאמלבוך „די נייע שטימע".

צוליב איר גרויסן קולטור־געשיכטלעכן אינטערעס, ברענגען מיר דא דעם פולן טעקסט פון דער רעזאלוציע:

„נאך דער באטראכטונג פון דער פראגע וועגן נארמאלן טיפ פון דער פאלקשול געפינט די בעראטונג, אז כדי צו באפרידיקן די באדערפענישן פון די ברייטע מאסן פון יידישן פאלק אין עלעמענטארער בילדונג, איז וויכטיק ס'זאל באשאפן ווערן אן אומזיסטע און אבליגאטארישע יידישע פאלקשול, וואס זאל אויסגעהאלטן ווערן אויפן חשבון פון דער רעגירונג

און זאָל זיך געפינען אין רשות פון די יידישע נאַציאָנאַל־קולטורעלע זעלבסט־פאַרוואַלטונג־אָרגאַנען.

„די דאָזיקע שול דאַרף געבויט זיין אויף די פאָלגנדע יסודות:

1. פון שול־פּראָגראַם דאַרף אויסגעשלאָסן ווערן דער קאָנפעסיאָנעלער עלעמענט.

2. אין דער פאָלקשול ווערן אונטעריכט: יידיש, רוסיש (דאָרט ווו עס פאָדערן די אָרטיקע באַדינגונגען — פּויליש), עלעמענטאַרע מאַטעמאַטיק, געאָגראַפיע, יידישע און אַלגעמיינע געשיכטע, נאַטורוויסנשאַפט, זינגען, צייכענען און גימנאַסטיק.

3. אַלע קעגנשטאַנדן פון שול־פּראָגראַם אין משך פון אַלע אונטעריכטס־יאָרן, אחוץ דער רוסישער שפּראַך וואָס ווערט אונטעריכט אין רוסיש (און פּויליש — אויף פּויליש), ווערן געלערנט אויף יידיש און אַנטשפּרעכנד דעם לעבנסאַרט און קולטור פון יידישן פאָלק.

4. מיידלעך און יינגלעך לערנען אין דער שול צוזאַמען.

„שטרעבנדיק צו באַשאַפן אַזאַ יידישע נאָרמאַלע שול, דאַרף די חמפ״ה אין פערזאָן פון אירע צענטראַלע און אָרטיקע אָרגאַנען, זאָרגן ס׳זאָלן באַשאַפן ווערן די נויטיקע באַדינגונגען פאַר דער אָרגאַניזאַציע און עקזיסטענץ פון אַזאַ נאָרמאַלער יידישער שול:

1. ארויסגעבן לערנביכער (און סובסידירן פּריוואַטע אויסגאַבעם) אויף יידיש — פון אַלע לימודים אינעם אָנגעוויזענעם שול־קורס.

2. פאַרבארייטן לערער און לערערינס, וואָס זאָלן קענען לערנען אין דער אָנגעוויזענער יידישער שול.

3. ווו עס איז מעגלעך, גרינדן יידישע מוסטער־שולן פונעם אָנגעוויזענעם נאָרמאַלן טיפּ".

אויף דער באַראַטונג זענען געווען נאָך עטלעכע דעלעגאַטן, וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר יידיש אין דער אָנפאַנג־שול. דאָס זענען געווען: א. סלוצקי, מ. קריינין, א. ד. שאַפּיראָ, י. אָקון, און מ. ב. ראַטנער. דער לעצטער איז געווען אַ דעלעגאַט פון דער קיעווער אָפּטיילונג פון דער חמפ״ה, און ער האָט אגב געבראַכט אין איר נאָמען אַזאַ פאָרשלאָג: די באַראַטונג זאָל אָננעמען אַ פּרינציפּיעלן באַשלוס וועגן דער נויטיקייט פון אַ קינדער־זשורנאַל אויף יידיש; אויב אַזאַ באַשלוס וועט

אנגענומען ווערן, וועט דעמאָלט די קיעווער אָפּטיילונג קומען צו דער צוויי־טער בעראַטונג מיט אַ פּראַקטישן פּראָיעקט וועגן דער אויסגאַבע.*)

עס האָבן אויף דער בעראַטונג אויך נישט געפעלט קיין קעגנער פון דער יידישיסטישער שטעלונג. פּאָלעמיזירנדיק מיט ראַפּעסן, האָט דער מיטגליד ג. א. גאָלדבערג געזאָגט: „פאַר דער נאָענטער צייט איז די שול וואָס ראַפּעס לייגט פאָר — אַן אוטאָפּיע: אַזאַ שול ווו מען זאָל לערנען אין אַלע קלאַסן אַלע קעגנשטאַנדן אויף יידיש, וועט נישט גע־פינען נישט קיין לערער, נישט קיין שילער, נישט קיין לערנביכער. קלאָר, אַזעלכע שולן דאַרף די חמפ״ה נישט עפענען".

דער קאָמיטעט־מיטגליד ס. מ. גינזבורג (ש. גינזבורג, דער גרינדער פון „פריינד" און זיין רעדאַקטאָר ביז 1908) האָט אויסגערופן פּאַטעטיש: „איך בין פאַרציטערט געוואָרן, ווען איך האָב געהערט די שול־פּראָגראַם פון הער ראַפּעס... דאָ גייט די מחלוקה צווישן די וואָס שטייען אויפן באָדן פון געשיכטלעכן יידנטום, די וואָס האַלטן טייער די גאָלדענע קייט פון אונדזער קולטור־אַנטוויקלונג, — און צווישן די וואָס פירן די יידי־שע צייטרעכענונג ערשט פון סעפּטעמבער 1897... ה׳ ראַפּעס האַלט אַליין, אַז די שול וואָס ער פּראָיעקטירט איז אויסגערעכנט נאָר אויף דער ווייטער צוקונפט. נאָר אויב זי וועט אפילו ווען עס איז יאָ פאַרווירקלעכט ווערן, בין איך זיכער אַז די יידישע מאַסע וועט אהין אירע קינדער נישט שיקן: ווייל דער לעבנס־אינסטינקט וועט אונדזער מאַסע אונטערזאָגן, אַז אַזאַ שול ווו די גאַנצע פּראָגראַם שעפּט זיך אויס מיט יידישער שפּראַך, איז אומפּעאיק צו באַוואָפענען די קינדער צום לעבנס־קאַמף, און דער נאַציאָנאַלער אינסטינקט וועט איר אונטערזאָגן, אַז אַזאַ שול וואָלט גע־פירט צום שמד".

אין רעזולטאַט פון דער דעבאַטע האָט די בעראַטונג אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, ווו די ערשטע צוויי פונקטן זענען אַזעלכע: „1. אין אַלע יידי־שע שולן דאַרף מען לערנען תנך און די העברעישע שפּראַך. 2. אין די שולן פון יענע ערטער ווו די פאָלקס־מאַסן רעדן אויף דער יידישער שפּראַך, דאַרף די לעצטע האָבן אַן אָרט סיי אַלס לערנשפּראַך און סיי אַלס לימוד". דאָס איז געווען דער ערשטער גרויסער נצחון פון יידיש אין די רייען פון דער חמפ״ה. ווי עס האָט שפּעטער ריכטיק אָנגעוויזן א. סלוצקי, איז די רעזאָלוציע געווען אַ פולשטענדיקע אָפּלייקענונג דאָ אויפן אָרט פון ש. גינזבורגס נביאות.

*) שפּעטער האָט די חמפ״ה אַסיגנירט אַ סובסידיע פאַר די „גרינינקע ביימעלעך" (1915 — 400 רובל).

דעם 25—27־טן דעצעמבער 1912 איז ווייטער געווען אַ באַראַטונג פונעם פּעטערבורגער קאָמיטעט פון חמפ"ה מיט די פאָרשטייער פון די פּראָווינץ־אָפּטיילונגען. עס איז געווען אַ צייט פון פּאָליטיש־געזעלשאַפט־לעכער רעאַקציע אין לאַנד, און אויך אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכ־קייט האָבן זיך געשטאַרקט די רעאַקציאָנערע שטימונגען. די באַראַטונג פון 1912 האָט אָפּגעשפּיגלט די איינפלוסן פון דער צייט. דעם הויפּט־אָרט האָט אויף דער דריטער באַראַטונג פאַרנומען די פראַגע וועגן חדר — ווי דאַרף זיין די באַציונג פון דער חמפ"ה צו אָט דער נאַציאָנאַלער לערן־אינסטיטוציע. דער ראש המדברים צווישן די וואָס האָבן פאַרטיידיקט דעם טראַדיציאָנעלן חדר, איז געווען ח. נ. ביאַליק.

„מיט 50—60 יאָר צוריק, האָט ביאַליק געזאָגט, איז פאַר אונדזער אינטעליגענץ אויפן געביט פון דערציונג געווען צוויי וועגן: דער ערשטער וועג — געזוכט מאַכן דעם חדר און אַריינטראָגן אין אים נייע לעבנס־יסודות; דער צווייטער וועג — אָרגאַניזירן אַ נעץ פון נייע אָנפאַנג־שולן. אָבער אונדזער אינטעליגענץ איז נישט אַוועק מיט די דאָזיקע איינציק־פאַרנופטיקע וועגן. זי האָט בעסער געהאַלטן — קאָנצענטרירן איר אויפ־מערקזאַמקייט אויסשליסלעך אויף פלאַנצן העכערע בילדונג, מיינענדיק אַזוי אַרום צו שאַפן אַ קאַדר פון טוערס פאַרן פאָלק. דאָס איז געווען נישט נאַציאָנאַל און נישט ראַציאָנאַל".

אונדזער גאַנצע באַשרייבונג פון דער שול־באַוועגונג אויף דער יידי־שער גאַס — אין אַלע פאַריקע קאַפּיטלעך — איז אַן אָפּלייקענונג פון ביאַליקס טענה. עס האָט זיך נישט געלאָזט אַריינטראָגן אין חדר קיין „נייע לעבנס־יסודות". דער טראַדיציאָנעלער חדר איז געווען אַדורכגע־דרונגען מיט רעליגיעזן פאַנאַטיזם, קאָנסערוואַטיזם און אומקולטור, אַן וועלטלעכער בילדונג, אַן ראַציאָנאַלע לערן־מעטאָדן. איז דען געווען אַ מעגלעכקייט צו ענדערן דעם חדר אין זיינע יסודות, פּראָגראַם און מע־טאָדן? איז דען געווען אַ מעגלעכקייט צו ענדערן דעם פּרצוף פונעם מלמד און שאַפן אַ נייעם טיפּ מלמד? און וואָס שייך דער צווייטער טענה ביאַ־ליקס, איז זי אויך נישט אין הסכם מיט דער געשיכטע: אונדזער אינ־טעליגענץ האָט יאָ געפּרוּווט „אָרגאַניזירן אַ נעץ פון נייע אָנפאַנג־שול". זי איז אָבער פאַרקראָכן אינעם זומפּ פון קאַזיאָנע שולן, זי האָט דעם נייעם טיפּ שולן פאַרבונדן מיט דער פרעמדער שפּראַך און נישט געהאַלטן פאַר נויטיק צוצופּאַסן די שול צום לעבן פון דער יידישער פאָלקסמאַסע. דער טיפּ אינטעליגענץ, וועגן וועלכן ביאַליק רעדט, האָט געשטרעבט זיך וואָס גיכער צו באַהעפטן צום קלאַס פון דער יידישער בורזשואַזיע, צו גענִיסן פון אירע פּריווילעגיעס און לעבן־סטאַנדאַר. אָט די אינטעליגענץ

איז אויך געווען די טרעגערן פון שנאה און פאַראַכטונג צו יידיש. און ווען אַזעלכע אינטעליגענטן האָבן שוין דערגרייכט צו העכערער בילדונג, האָט דאָס געפירט נישט צום „שאַפן א קאַדר פון טוערס פאַרן פאָלק". נאָר צו ווייטערדיקער אָפּגעפרעמדקייט פון דער פאָלקס־מאַסע. ביאַליק אַליין און די ציוניסטישע באַוועגונג האָבן געפונען א טרייסט און זיך פאַראַנקערט סוף כל סוף נישט אינעם חדר, נאָר אין דער תרבות־שול. אָבער די דאָזיקע ריכטונג איז געווען בלויז א צווייטע זייט פון דער זעל־בער מטבע, ווען וועלכער ער האָט גערעדט אויף דער באַראַטונג.

אחוץ ביאַליקן האָבן אויף דער באַראַטונג — אין אַזא אָדער אַנ־דערער פאָרם פאַרטיידיקט די אינסטיטוציע פון חדר אויך ג. סירקין, זלאַ־טאָפּאָלסקי, ביקערמאַן, ש. דובנאָוו, ד"ר אייזענשטאַט, מ. שאַליט און אַנ־דערע. אויפן אַנדערן צד, צווישן די קעגנער פון חדר דאַרפן דערמאָנט ווערן א. סלוצקי, י. קאַנטאָר, ג. פּלודערמאַכער. די לעצטע האָבן באַטראַכט די גאַנצע האַלטונג פון די אָנגערופענע חדר־אָנהענגער — ווי א מין „גיין אין קאַנאָסע" מצד דער יידישער אינטעליגענץ, וועלכע איז מיט אַמאָל געוואָרן בעל־תשובהדיק געשטימט. דער פאָרשלאַג פון דער אָפּאָזיציע, אַז די חמפ"ה דאַרף נישט אַריינגעמען אין איר פּראָגראַם די זאָרג וועגן חדר, האָט אויף דער באַראַטונג באַקומען אין גאַנצן זעקס שטימען; 20 דע־לעגאַטן האָבן געשטימט קעגן דעם פאָרשלאַג. דאָס איז געווען נאָך מער צו באַוואונדערן, ווייל גראָד אין דער צייט האָבן די אָרטאָדאָקסן פון פאַר־שידענע מינים געפירט א גרויסע אַרבעט און פּראָפּאַגאַנדע אויף צו ראַ־טעווען דעם חדר. ג. פּלודערמאַכער האָט אויף דער באַראַטונג דערציילט וועגן נייע טיפּן חדרים אין ווילנע, מיט וועלכע דאָס יידישע בירגערטום האָט זיך דעמאָלט גענומען באַזאָרגן די קינדער פון די אָרעמסטע עלע־מענטן. מיט א סך יאָרן שפּעטער האָט ג. פּלודערמאַכער באַשריבן אָט דעם אָנגריף פון די קלעריקאַלע שיכטן אין ווילנע:

„פאַר די שטורמישע 10 יאָר (1896—1906) האָט זיך די צאָל חדרים (אין ווילנע) פאַרקלענערט אויף א העלפט; די יידישע פאָלקסמאַסן האָבן געפילט א ברענענדיקע באַדערפעניש אין א נייער שול; די אַרבעטער־שאַפט און די דעמאָקראַטישע אינטעליגענץ האָט שוין אָנגעהויבן צו זוכן די וועגן און מיטלען פאַרן אויפבוי פון א מאָדערנער שול... אויפגע־בראַכט און אָנגעשראָקן פון דער „צעלאָזנקייט" פון דער יידישער יוגנט, וועלכע האָט גענומען דעם אַקטיווסטן אָנטייל אין דער באַפרייונגס־באַ־וועגונג, שליסן אונדזערע תקיפים יד אחת מיט די רבנים און מען טרעט צו צו בויען א נעץ אַנשטאַלטן, אין וועלכע מען וויל אויסהאָדעווען א מער געהאָרכזאַמען, א מער הכנעהדיקן יונגן דור. — „ראַטעווען דעם

חדר פון אונטערגאַנג!" איז געוואָרן דער לאָזונג פון די היינטוועלטיקע פּרומאַקעס. מיט אַ באַזונדערן ברען האָט מען זיך גענומען צו דער דאָזיקער הייליקער אַרבעט אין אונדזער ירושלים דליטע, אין ווילנע... אין משך פון עטלעכע יאָרן ווערט ווילנע באַדעקט מיט אַ נעץ פון נייע געזעלשאַפטלעך־פילאַנטראָפּישע חדרים (אויסער די אַלטע תלמוד תורהס). צום אַלגעמיינעם נאָמען „תורה", ווערט צוגעגעבן אַ צונאָמען, און אַזוי זענען אויפגעקומען די „תורת־אמת, „תורה־תמימה", „תורת־חסד", „תורת ישראל" או"וו. יעדער אַנשטאַלט האָט געהאַט זיין געזעלשאַפט פון מיטגלידער מיט אַ קאָמיטעט. באַזונדערס טעטיק איז געוואָרן די געזעלשאַפט „תורת אמת", וועלכער ס'האָט זיך איינגעגעבן אין משך פון אַ פּאָר יאָר אויסצובויען אַ גרויסאַרטיקן דריי־שטאָקיקן בנין. באַפרייטע פון שכר לימוד, האָבן די קינדער נאָך באַקומען אומזיסטע מיטאָגן און שיך... לויט דער פּראָגראַם זענען דאָס געווען עכטע חדרים אָן קיין שום סימן פון אַלגעמיינע לימודים... פּאַר מלמדים האָט מען איינגעלאַדן יינגערע, מער אַרבעטספּעאיקע מענטשן, אָבער מען האָט זיי אוועקגעשטעלט אונטער אַ שטרענגער השגחה פון רבנים וואָס פלעגן כסדר זיצן אויף די לעקציעס און אַכטונג געבן עס זאָל זיך ביים לערנען חומש נישט אַריינכאַפּן קיין טריף פּסול, קיין אַפּיקורסישער געדאַנק... דער תקיפיש־פילאַנטראָפּישער כאַראַקטער פון די דאָזיקע דערציונגס־אַנשטאַלטן איז געקומען צום אויסדרוק אין דעם „איידעלן" מנהג וואָס האָט זיך דאָרט איינגעשטעלט, די קינדער זאָלן אַלע טאָג פאַרבייגיין דעם גבאי וואָס איז געזעסן אויף אַ שטול און קושן אים אין האַנט. — — — די אָרטיקע אַדמיניסטראַציע האָט פּראָטעזשירט די חדרים און געשטיקט יעדע איניציאַטיוו צו עפענען אַ וועלטלעכע שול: איר דאַרפט נישט קיין שול, זאָלן אייערע יינגלעך גיין אין די חדרים, פאַראַן גענוג חדרים! — מיט דער ברכה פונעם דריטן צד האָבן אונדזערע קלעריקאַלן געטאָן זייער אַרבעט בשלמות". *)

אָבער אויף די טוערס פון חמפ"ה האָבן די אַלע פאַקטן נישט געווירקט, און מיט זייערע רעדעס און האַנדלונגען האָבן זיי פאַקטיש געשטיצט אַט די קלעריקאַלע באַוועגונג. און גראָד איז אין ווילנע געווען אַ טיכטיקע אָפּטיילונג פון דער חמפ"ה. אין יענע יאָרן (1912) זענען אין

---

*) מ. גערשענזאָוויטש (גרשון פּלודערמאַכער) — „דער קלעריקאַלער שולוועזן און זיינע גילגולים", זאַמלונג „פּראָגן פון דערציונג", פאַרלאַג ציש אָ, ווילנע 1940. — די זעלבע דערשיינונג איז אויך געווען אין אַנדערע גרויסע שטעט.

דער ווילנער אָפּטיילונג געווען זייער אַקטיוו ר. אַבראַמאָוויטש, מארק ליי־בער, מ. ראפעס, ש. ניגער, יעקב לעשצינסקי. די אָפּטיילונג (ד"ר צ. שאַ־באַד) האָט זיך משתדל געווען וועגן אַ דערלויבעניש צו עפענען אַ שול פאַר יינגלעך, קורסן פאַר לערער, און אַוונטשול פאַר דערוואַקסענע פון אַ העכערן טיפּ, — אָבער די געזעלשאַפט האָט כסדר באַקומען פון דער שולמאַכט איין ענטפער: „אייער חברה איז נישט קיין בילדונגס־חברה, דאָס איז אַ פּאָליטישער קלוב ווו ס'קעמפן ציוניסטן מיט בונדיסטן און זייט צופרידן וואָס מיר שליסן נישט אין גאַנצן אייער געזעלשאַפט"...

מיט די רעזאָלוציעס פונעם דריטן צוזאַמענפאָר פון חמפ"ה איז קיי־נער נישט געבליבן צופרידן. דער „וואָסכאָד" („נאָווי וואָסכאָד") שאַצט אָפּ דעם צוזאַמענפאָר אַזוי: „...אַזוי ווי די זאַך פון בהדרגהדיק רע־פאָרמירן דעם חדר, צופּאַסן אים צו די באַדערפעענישן פון דער צייט און אויסבילדן פון אים די אוניטאַרע יידישע פאָלקשול — ווערט אַרויסגע־רופן דורך די רעאַלע באַדינגונגען פון אונדזער עקזיסטענץ, איז דעריבער וועט דער אופן ווי אַזוי דער דריטער צוזאַמענפאָר פון חמפ"ה האָט טראַקטירט די חדר־פּראָבלעם און די אָנגענומענע דורך אים — אמת, נישט געגוג ערנסט באַהאַנדלטע — מיטלען צו באַווירקן דעם חדר, מסתמא נישט ברענגען קיין שאָדן דער זאַך. עס וועט זיך צונויפקומען אין אָק־טאָבער דער פערטער צוזאַמענפאָר, ס'וועלן קומען אַנדערע מענטשן, און זיי וועלן זיך בעסער אַן עצה געבן מיט זייער אויפגאַבע. שוין דערפאַר אַליין בעסער, ווייל זיי וועלן שוין האָבן די דערפאַרונג וואָס דער דרי־טער צוזאַמענפאָר לערנט — ווי אַזוי מע דאַרף נישט לייזן די פראַגע וועגן חדר, — און די נויטיקע רעפאָרם פון חדר וועט ענדלעך געפינען אירע מענטשן" *).

נאָר שאַרף איז געווען די אָפּשאַצונג אינעם בונדישן אָרגאַן: „די באַ־ראַטונג — לייענען מיר דאָרט — האָט געטראָגן אַ טיף־רעאַקציאָנערן כאַראַקטער. דאָס הייסט נישט, אַז מ'האָט נישט געהאַלטן קיין פּלאָמיקע רעדעס וועגן פּראָגרעס, בילדונג, אַנטוויקלונג, וועגן נייע וועגן אויפצו־הייבן די קולטור פון יידישן פאָלק אא"וו. ניין, אַזעלכע רעדעס זענען געווען געגוג, נאָר אונטער דעם הייטל פון פראַזן איז געווען באַהאַלטן אַ רעאַקציאָנערער קערנדל, וועלכער האָט באַשלאָסן דעם אמתן אינהאַלט פון דער באַראַטונג. מיט היץ האָט מען גערופן צו אחדות, אַז אַלע צו־זאַמען זאָלן זיך נעמען צו דער אַרבעט, אַוועקוואַרפן דעם שטרייט וועגן אַזעלכע „קליינִיקייטן" ווי די שפּראַך־פראַגע, וועגן דעמאָקראַטיזירונג

---

*) נאָווי וואָסכאָד, נומ. 2, יאַנואַר 1913.

אד"גל. נאָר אין וואָס דאַרף באַשטיין די אַרבעט? דאָ האָבן מיר געהערט אויפרופן, אַז מע דאַרף שלאָגן זיך על חטא און גיין צוריק אַהיים צום אַלטן חדר וועלכער האָט אונדז געגעבן די נאַציאָנאַלע העלדן, גאונים, פּאָעטן אא"וו. מ'האָט געטריבן אַ יאַגד אויף דער יידישער נשמה, ווייל דער יידישער גוף, די קאָנקרעטע באַדערפענישן פון די יידישע מאַסן זע־נען פאַר די אַלע רעדנער אַ נעבן־זאַך. זאָל נאָר זייער רעאַקציאָנערע השגה וועגן נאַציאָנאַליזם זיגן — דאָס איז די הויפּטזאַך. די קולטור צו וועלכער די מאַסע שטרעבט און וועלכע דער חדר גיט נישט — דאָס איז פאַר זיי אַ קנאַפּע דאגה. אין דעם כאָר זענען איינגאַנצן פאַרהילכט געוואָרן די איינציקע שטימען פון די קעגנער, פון די דעמאָקראַטיש־גע־זינטע דעלעגאַטן, און דאָס האָט אַרויפגעדריקט אַ באַזונדערן שטעמפּל אויף די דעבאַטן און רעזאָלוציעס". אַ צווייט מאָל לייענען מיר דאָ: „זעלטזאַם האָט די באַראַטונג אויסגעזען: מענטשן וועלכע אָנערקענען נישט אין זייער מערהייט די פאָלקשפּראַך, וועלכע קענען נישט און ווילן נישט באַמערקן די נייע פאָלקס־באַדערפעניש, אַזעלכע מענטשן האָבן זיך גע־פּילפּולט וועגן דעם ווי צו באַפרידיקן די באַדערפענישן אין פאָלקסביל־דונג. כלל־טוער פאַר וועלכע די ווערטער „פאָלקסמאַסן" באַדייטן די מאַסע פון זיידעס און פאָטערס, אָבער נישט פון זין און יעדנפאַלס נישט פון אייניקלעך, האָבן באַטראַכט די פראַגע פון אַ שול פאַר די, וועמען זיי שליסן אויס פון דעם באַגריף „פאָלק". אינטעליגענטן וועלכע שיקן זייע־רע קינדער אין וועלטלעכע שולן און אָנערקענען די נויטיקייט פון אַזעל־כע שולן פאַר אַלע פעלקער, האָבן מיט אַ זעלטענער עקשנות פאַרטיידיקט די רעליגיעזע שול פאַר די קינדער פון זייער אייגענעם פאָלק. אומפעאיק צו באַשאַפן אין דער בילדונגס־פראַגע עפּעס נייעס, קומען זיי צוריק אויף די אויסגעטראָטענע טראַדיציאָנעלע וועגלעך, און מיט אַ טרער אין אויג רעדן אויס די אייראָפּעיש־געבילדעטע מענטשן דעם אַלטן וואָרט „חדר"... — — — נישט די פאָרם פון חדר איז שלעכט, נאָר זיין אינהאַלט. נישט די פּרטים, נאָר דאָס גאַנצע, און דאָ וועלן נישט העלפן קיינע רעפאָרמען... גרינטלעך רעפאָרמירן די חדרים הייסט — מאַכן אַ סוף פון די חדרים, אויף זייער אָרט דאַרף געבוירן ווערן די נאַציאָנאַלע וועלטלעכע פאָלק־שול — די שול וואָס זאָל לעבן מיט דער היינטיקער יידישער נאַציאָן, וואָס זאָל זיך נערן פונעם יידישן פאָלקסלעבן, וואָס זאָל האָבן דעם צו־טרוי פון די מאַסן און במילא אויך פון די שילער, וואָס זאָל זיי באַ־וואָפענען אי מיט אַ געזונטן אידעאַליזם, אי מיט די קענטענישן וואָס

זענען פאר זיי נויטיק אלס מענטשן און בירגער. אזא שול קען איצט שוין באשאפן ווערן — דער באדן פאר איר איז באארבעט".*)

די צוזאמענפארן פון דער חמפ"ה זענען געווען דער איינציקער פלאץ וווּ פארשטייער פון פארשידענע ריכטונגען אין דער יידישער געזעלשאפט האבן געקענט פריי און עפנטלעך באהאנדלען די פראבלעמען פון יידישער שול און דערציונג. דאס איז געווען דער יידישער בילדונגס־פארלאמענט. און דערפאר האבן די בארעטונגען פון דער חמפ"ה צוגעצויגן צו זיך אזוי פיל אויפמערקזאמקייט, און דערפאר זענען די באהאנדלונגען און דיסקוסיעס אויף די בארעטונגען געווען אזוי שארף אוןליידנשאפטלעך. מע דארף אויך געדענקען אז אין דער גאסודארסטווענע דומע איז גע־ווארן אלץ רייפער די שטימונג לטובת די שולן פון די נאציאנאלע מינ־דערהייטן און שפעטער איז טאקע געקומען דער געזעץ פון 1־טן יולי 1914 (מיר שרייבן וועגן אים אין אן אנדער קאפיטל) וועלכער איז גע־ווען זייער גינסטיק פאר דער יידישער שול און פאר דער יידישער שפראך אין איר. אזוי ארום איז די מחלוקה יידיש־העברעיש שוין נישט געווען מער קיין ענין פון טעאריע. די פראקטיק פון דער יידישער שול האט גע־פאדערט א קלארע תשובה: יידיש אדער העברעיש? די חמפ"ה האט זיך געמוזט דעצידירן און פעסטשטעלן דעם וייטערדיקן כאראקטער פון דער יידישער פאלקשול.

דעם 23—25־טן דעצעמבער 1913 איז וייטער פארגעקומען אין פע־טערבורג א בארעטונג פון דער חמפ"ה, — דאס איז שוין געווען דער פערטער צוזאמענפאר פון דער געזעלשאפט. עס זענען געקומען 62 דע־לעגאטן מיט שטימרעכט און עס איז אויך געווען א היפשע צאל געסט און דעלעגאטן מיט בארעטונגס־רעכט. עס האט געדארפט זיין א יובל־צו־זאמענפאר וואס זאל אונטערפירן א סך הכל פון די 50 יאר טעטיקייט פון דער געזעלשאפט. דאס מאל האט זיך די יידישיסטישע און סאציא־ליסטישע („בונד" און ס. ס.) אפאזיציע שטארק צוגעגרייט צום צוזא־מענפאר. אויף די ערטער איז געגאנגען א שארפער קאמף ארום די וואלן פון דעלעגאטן צום צוזאמענפאר. אין אדעס, למשל, זענען דורכגעפאלן די ציוניסטישע דעלעגאטן צו דער בארעטונג — צווישן זיי אויך ח. נ. ביאליק. שפעטער טאקע אויף דער ערשטער פייערלעכער זיצונג פון דער בארעטונג אין פעטערבורג האבן די ציוניסטן זיך „נוקם געווען" אין די

*) „די צייט", פעטערבורג, נומערן פון 29 דעצעמבער 1912, 6 יאנואר 1913, 17 יאנואר 1913. דאס איז געווען די לעגאלע וועכנטלעכע צייט־שריפט פון „בונד".

אָדעסער דעלעגאַטן: ווי נאָר זיי האָבן זיך באַוויזן אויף דער פּלאַטפאָר־מע, האָבן די ציוניסטן אויפגעהויבן אַ פּיפּעריי און האָבן גראָב באַ־האַנדלט פערזענלעך די יעניקע, וועמען די אָדעסער אָפּטיילונג האָט גע־שיקט אַנשטאָט די ציוניסטישע קאַנדידאַטן.

שוין ביי דער ערשטער דעבאַטע אַרום דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן באַריכט האָבן זיך געלאָזט הערן שאַרפע טענער. א. סלוצקי פרעגט, פאַרוואָס לערנט מען נישט אויף די גראַדנער לערער־ קורסן קיין מעטאָדיק פון יידיש? פאַר וואָס האָט זיך די חמפ"ה אָפּגעזאָגט צו סובסידירן שולן וואָס זע־נען געגרינדעט געוואָרן דורך די אָנהענגער פון יידיש? מ.לעוויטאַן וואַרפט פאָר: יידיש האָט ביי די טוערס פון חמפ"ה די קלענסטע סימפּאַטיעס, אַזוי ווי עפּעס אַ שטיפקינד; די קיעווער אָפּטיילונג פון דער געזעלשאַפט סובסידירט 80 קלאַסן, אָבער דער יידישער שפּראַך ווערט אין זיי אָפּ־געגעבן בלויז 53 שעה אַ וואָך. אויך משה ליטוואַקאָוו, אַטאַקירט אין דער זעלבער ריכטונג: „הער פּיאַלקאָוו שטעלט פעסט, אַז מיר האָבן בין אָהער נישט באַשאַפן קיין שול אויף יידיש, וואָס פאַר אַזאַ שטרייטן מיר. אָבער דאָס איז נישט אמת. אַזאַ שול עקזיסטירט למשל אין קיעוו, און דער אָרטיקער קאָמיטעט פון חמפ"ה פירט מיט איר אַ קאַמף און קלייבט זיך אָפּצונעמען ביי איר די סובסידיע". ס. נירנבערג פון לאָדזש דערציילט ביי דער געלעגנהייט אַ זאַך, וואָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר די נייע ווינטן וואָס האָבן איצט געבלאָזן צווישן דער יידישער לערער־שאַפט: אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון דער לאָדזשער לערער־געזעלשאַפט איז יידיש איינשטימיק אָנערקענט געוואָרן ווי די איינציקע לערן־שפּראַך, און קיין איין שטים האָט זיך נישט געהערט פאַר קיין אַנ־דער שפּראַך.

ד. האָכבערג, מ. לעוויטאַן, א. סלוצקי א"א האָבן אַריינגעטראָגן אַ געהעריקע רעזאָלוציע וועגן דער באַציונג פון דער חמפ"ה צו יידיש. דער ערשטער פּונקט פון דער רעזאָלוציע איז געווען אַזאַ: „אין די ראַמען וואָס זענען דערלאָזט פון די עקזיסטירנדיקע געזעצן, זאָל יידיש שוין איינ־געפירט ווערן ווי די אונטעריכט־שפּראַך". אָבער די מערהייט פון דער באַראַטונג האָט זיך געזוכט אַרויסצודרייען פון דעם פּונקט, און דורך פּאַרמעלע מאָטיוון האָט זי אין גאַנצן אָפּגעוואָרפן די מעגלעכקייט צו נעמען צום אָפּשטימען דעם דאָזיקן פּונקט. די אָפּאָזיציע האָט שאַרף פּראָטעסטירט קעגן דעם און האָט נאָך דעם פאַרלאָזט דעם זיצונג־זאַל. מ'דאַרף דערביי באַמערקן, אַז העברעיסטן איז געווען אויף דער באַ־ראַטונג סך הכל אַ מאַן זעקס. אָקעגן, די גרופּע דעמאָקראַטישע און סאָ־ציאַליסטישע יידישיסטן האָט אַרומגענומען העכער 20 מאַן. די בונדי־

שע פּראַקציע אַליין האָט געהאַט אין זיך 8 מאַן מיט באַשטימונג־רעכט און פיר מיט באַראַטונגס־רעכט. די דעקלאַראַציע פון דער פּראָלעטאַרי־שער גרופּע איז אונטערגעהאַלטן געוואָרן דורך דער מערהייט דעמאָ־קראַטישע דעלעגאַטן. די דעקלאַראַציע האָט אַרויסגעשטעלט דריי גרונט־פּרינציפּן, ביי וועלכע די געזעלשאַפט מוז זיך האַלטן אין איר טעטיקייט: 1) די שול־און אויסערשול־בילדונג מוז זיין פריי פון יעדן קאָנפעסיאָנעלן עלעמענט און פון נאַציאָנאַליסטישער טענדענץ; 2) זי מוז געפירט ווערן אויף דער מוטערשפּראַך פון די פאָלקסמאַסן, — אויף יידיש; 3) די גע־זעלשאַפט דאַרף זיין געבויט אויף אַזעלכע יסודות, וועלכע זאָלן מעגלעך מאַכן די פאָלקסמאַסן צו נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער געזעלשאַפט און קאָנטראָלירן איר טעטיקייט.

פאַרלאָזנדיק די זיצונג, האָט די אָפּאָזיציע איבערגעלייענט אַ שאַרפן פּראָטעסט קעגן דער פּאַרטייאישער האַנדלונג פון פּרעזידיום און האָט קוואַליפיצירט די האַנדלונג פון דער מערהייט ווי אַ „פיינטלעכע באַציונג צו די קולטורעלע באַדערפעניש פון די יידישע פאָלקסמאַסן".

זייער שאַרפע דעבאַטן האָט אויך אַרויסגערופן די פאָדערונג פון אַ ריין־וועלטלעכער שול. „איר ווילט די יידישע רעליגיע פאַרטרייבן, ווי אין פראַנקרייך דעם צלם!" — האָבן אייניקע היסטעריש געשריגן. „מיר וועלן אַזוי נאָך דאָס פאָלק פון זיך פאַרטרייבן, דאָס פאָלק וויל רעליגיע" — האָבן אַנדערע געטענהט. עס האָבן בכלל נישט געפעלט קיין ליידנשאַפט־לעכע אויסרופן און צוזאַמענשטויסן. ווי עס דערציילט מ. גינצבורג אין „וואָסכאָד", האָט ד"ר ל. קאַצענעלסאָן אין די קולואַרן פון צוזאַמענפאָר געשריגן צו ש. ניגערן: „...טאָ שמדט זיך! וואָס נאָך איז אייך איבער־געבליבן — דער זשאַרגאָן? טאָ צלמט זיך אויף יידיש". דער באַקאַנטער פּעדאַגאָג פּ. קאַגאַן האָט „שאַרפזיניק" געמאַכט אַ צווישנרוף איינעם פון די דעלעגאַטן, וועלכער האָט גערעדט אין נאָמען פון די אַרבעטער: „אָבער זאָגט אונדז, ווער צו וועמען האָט גערעדט — די אַרבעטער צו אייך, אָדער איר צו די אַרבעטער?".

ביים באַהאַנדלען דעם פּונקט „וועגן דער איינפירונג פון אַלגעמיינער בילדונג" האָט ש. ניגער פאָרגעלייגט אַזאַ פאָרמולע: „דאָס יידישע פאָלק, צוגלייך מיט אַלע איבעריקע נאַציעס, דאַרף האָבן זיין אייגענע שול אין דער מוטערשפּראַך". אין רעזולטאַט פון דער גאַנצער דעבאַטע איז אָנ־גענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע „וועגן אָנטייל פון די יידישע געזעלשאַפט־לעכע טוערס אין די אַרבעטן צו איינפירן די אַלגעמיינע בילדונג" — אַן ענין וואָס איז דאַמאָלסט געווען זייער אַקטועל אין רוסלאַנד סיי אין די רעגירונגס־קרייזן און סיי אין די געזעלשאַפטלעכע ספערן. דער צווייטער

פונקט פון דער זעלבער רעזאָלוציע איז געווען אזא: „די נאַציאָנאַלע און רעליגיעז־שטייגערישע באַזונדערקייטן פונעם יידישן פאָלק פאָדערן די נויטווענדיקייט, עס זאָלן עקזיסטירן יידישע פאָלקשולן מיטן אונטעריכט אין דער יידישער שפּראַך, ווי צוגלייך מיט די אַלגעמיינע לימודים אין איינגעשטעלטן פּאַרנעם — דאַרף אויך אָפּגעגעבן ווערן גענוג פּלאַץ פאַר די יידישע לימודים (תנך, יידישע געשיכטע, העברעיש, יידיש)". אַט דער קאָמפּראָמיס איז עס געווען דער סך הכל פון די גרויסע היציקע דעבאַטן. כאַראַקטעריסטיש איז די פאַרהעלטעניש פון דער צאָל שטימען וואָס זע־נען אָפּגעגעבן געווען פאַר יעדע העלפט פון דער רעזאָלוציע און אויך פאַרן גאַנצן פונקט: די ערשטע העלפט פון דער רעזאָלוציע (וועגן „אונ־טעריכט אין דער יידישער שפּראַך") איז אַדורך מיט 20 שטימען קעגן 13; די צווייטע העלפט (תנך אא"וו) — מיט 27 קעגן 9; דער גאַנצער פונקט — מיט 24 שטימען קעגן 16. ביים אָפּשטימען דעם פונקט אַז די שפּראַך פון די לימודים אין דער יידישער פאָלקשול איז יידיש, האָבן די העברעיסטן פאַרגעלייגט, אין דעם פונקט זאָל שטיין אַז ביידע „מו־טערשפּראַכן" ווערן געברויכט פאַר די לימודים; דער דאָזיקער פאָרשלאָג האָט אָבער צונויפגעקליבן נישט מער ווי 6 שטימען.

ביידע צדדים זענען געבליבן נישט צופרידן. אָפּשאַצנדיק דעם 4־טן צוזאַמענפאָר פון דער חמפ"ה, האָט דער „וואָסכאָד" געשריבן: „אַלץ זאָגט קלאָר עדות, אַז עס פעלט המשכות אין אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט, אַז אונדזערע באַשלוסן זענען צופעליק און כאַאָטיש. וואָלט די „רעגירונג" פון חמפ"ה געווען אַן אמת־קאָנסטיטוציאָנעלע, וואָלט זי דאָך אַדורכגע־פירט אין לעבן די יידישיסטישע רעזאָלוציע פון 4־טן צוזאַמענפאָר און זי וואָלט יידיש געמאַכט פאַר דער לערן־שפּראַך פון אירע שולן, כדי אין אַ יאָר אַרום אפשר אַריבערצוגיין צו העברעיש, ווייל עס איז דאָך נישט אויס־געשלאָסן די מעגלעכקייט אַז אויפן 5־טן צוזאַמענפאָר פון דער געזעלשאַפט וועט מנצח זיין אַ העברעיסטישע רעזאָלוציע. די יידישע קינדער וואָלט דע־מאָלט אויסגעקומען צו שווערן טרייהייט לויט דער ריי — אַמאָל האָכבערגן און אַמאָל זשאַבאָטינסקין".*)

---

*) „וואָסכאָד", נומ. 52, דעצ. 1913, אַרטיקל פון מ. גינצבורג.

אויך די ארבעטער־פּארשטייער זענען געבליבן אומצופרידן מיט דער באַ־ראטונג. ביינוש מיכאַלעוויטש *) האָט אַזוי אָפּגעשאַצט דעם צוזאַמענפּאָר אין דער בונדישער וואָכנשריפט „די צייט" (יאַנואַר 1914):

„די באַראַטונג האָט נאָך אַמאָל אויפגעדעקט דעם מישמאַש פון עלע־מענטן וועלכע גרופּירן זיך אין דער חברה. זי האָט נאָך אַמאָל ארויסגע־וויזן בולט, ווי שווער עס איז פאַר דער דעמאָקראַטיע, באַזונדערס פאַר דער ארבעטער־דעמאָקראַטיע, די געמיינזאַמע ארבעט מיט אַזעלכע עלע־מענטן וועלכע טרעטן אריין אין דער בילדונגס־חברה מיט זייטיקע פּניות און זאָגאַר מיט פיינטלעכע, דער אמתער בילדונג ווידערשפּרעכנדע צוועקן. זי האָט נאָך אַן איבעריק מאָל באַוויזן די ריכטיקייט פון דעם געדאַנק, אַז נאָר אַן אייגענע פּראָלעטאַרישע בילדונגס־חברה וואָלט געקענט אָמ־בעסטן באַפרידיקן די קולטורעלע באַדערפעניש פון די ארבעטער. אָבער זי האָט אויך באַוויזן, אַז אפילו אין דער איצטיקער געזעלשאַפט איז די ארבעט פון דער ארבעטער־דעמאָקראַטיע נישט פאַרלוירן געגאַנגען. צו־זאַמען מיט דער ארבעטער־דעמאָקראַטיע זענען געגאַנגען די אַלע פּאָבלייט און לערער, וועלכע ארבעטן ווירקלעך צווישן די פאָלקסמאַסן; קענען איר זענען נאָר ארויסגעטראָטן די פּעטערבורגער „קאָמיטעטשיקעס" און אַליין־געקומענע נישט־דעלעגירטע קאָמיטעט־לייט פון דער פּראָווינץ. — ביסלעכ־וויז דרינגען אריין אין דער געזעלשאַפט די פּרינציפּן פון אַן עכטער ביל־דונגס־חברה. וואָס מער זי דעמאָקראַטיזירט זיך, וואָס מער אין איר טרעטן אריין די מאַסן, אַלץ מער פאַרלירט זי איר נעפּלהאַפטע נאַציאָנאַליסטישע און רעליגיעזע טענדענץ, און נעמט אָן אַ מער וועלטלעכן כאַראַקטער. די ארבעטער־דעמאָקראַטיע באַדאַרף אין דער דאָזיקער ריכטונג ארבעטן דאָרט ווייטער ביז בעסערע צייטן, און זי באַדאַרף און זי וועט זיך דערשלאָגן די מינימום־פּראָגראַם, וועלכע איז אויסגעדריקט אין איר דעקלאַראַציע אויף דער לעצטער באַראַטונג — דעם מינימום וועלכער איז אפשר פאַר די בורזשואַזע עסקנים שווין דאָס גרעסטע וואָס זיי קענען נאָכגעבן, אָבער אָן וועלכן ס'איז אויסגעשלאָסן יעדער געמיינזאַמע בשותפותדיקע ארבעט".

מיט פיר יאָר שפּעטער איז ב. מיכאַלעוויטשעס לאָזונג פאַרווירקלעכט געוואָרן אין רעוואָלוציאָנערן ברויזנדיקן קיעוו, ווען עס איז געשאַפן גע־וואָרן די אוקראַינער „קולטור־ליגע" — אַ קאָאַליציע פון אַלע סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטייען און אויך פון דער פאָלקס־פּאַרטיי, וועלכע איז גע־

*) אינעווייניקסטער מיטרעדאַקטאָר פון „די צייט", האָט ביינוש מי־כאַלעוויטש דעמאָלט געלעבט אין פּעטערבורג, און ער איז אָנוועזנד גע־ווען אויף דער באַראַטונג פון חמפ"ה.

שטאַנען קלאָר און אויסדריקלעך אויפן באָדן פון יידיש. און נאָך מיט דריי יאָר שפּעטער איז אין וואַרשע געשאַפן געוואָרן די צענטראַלע יידי־שע שול אָרגאַניזאַציע (ציש"אָ), פון וועלכער דער זעלבער ב. מיכאַלעוויטש איז געוואָרן איר ערשטער פּאָרזיצער, און אויף דעם גרויסן און פאַראַנט־וואָרטלעכן ערן־אַמט איז ער פאַרבליבן ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן. אין די צוויי שול־און קולטור־אָרגאַניזאַציעס איז פאַרווירקלעכט געוואָרן ב. מיכאַלעוויטשעס געדאַנק פון „אַן אייגענער פּראָלעטאַרישער בילדונגס־חברה" אויף דער יידישער גאַס, און מיט דעם איז געעפנט געוואָרן אַ נײַ בלאַט אין דער געשיכטע פון וועלטלעכער מאַסן־קולטור און שול ביי יידן.

דער סך הכל פון די 50 יאָר טעטיקייט פון דער חמפ"ה איז געווען קליין און באַשיידן. אָנגעהויבן איר טעטיקייט מיט לאָזונגען פון אַסימי־לאַציע און רוסיפיקאַציע, געוואָרפן זיך אויפן וועג פון בילדונגס־פילאַנ־טראָפּיע, געקלאַמערט זיך אין טראַדיציאָנעלן חדר און רעליגיעזער דער־ציונג, געשאָנקען מאַטעריעלע שטיצע יידישע שולן פון פאַרשידענערליי טיפּן און אידעאָלאָגיעס — האָט די חברה מפיצי השכלה ערשט ביים סוף פון איר האַלבן יאָרהונדערט טעטיקייט זיך דעמאָקראַטיזירט און קוים גע־קומען צו דער אנערקענונג פון יידיש אַלס די שפּראַך פון דער פאָלקשול. דער יובל־צוזאַמענפאָר פון דער געזעלשאַפט האָט קוים אָנגעצייכנט די נייע ליניע פאַר דער טעטיקייט פון דער געזעלשאַפט, אָבער צוליב דער אָנגעקומענער וועלט־מלחמה און נאָך שפּעטער צוליב דער רעוואָלוציע און דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש, איז שוין דער חמפ"ה נישט באַ־שערט געווען אָנצוהייבן און צו פאַרווירקלעכן די נייע ליניע...

נאָך אין איינעם פון די אַרטיקלען, וואָס די בונדישע וואָכנשריפט „די צייט" האָט געווידמעט דער טעטיקייט פון דער חמפ"ה אין די לעצטע יאָרן, לייענען מיר:

„די יידישע שול־פראַגע איז אַ טייל פון דער אַלגעמיינער שול־פראַגע. דאָס איז נישט נאָר אַ פראַגע וועגן דעם, וואָס פאַר אַ שול זאָל עפענען די אָדער אַ צווייטע אָפּטיילונג פון דער חמפ"ה... די יידישע שול־פראַגע דאָס איז פריער פאַר אַלץ אַ פראַגע וועגן דעם, ווי פירט מען איין אין יידישן לעבן די אַלגעמיינע אָבליגאַטאָרישע שול־בילדונג. דאָס איז אַ פראַגע וועגן דעם, וואָס פאַר אַ שול דאַרף באַשאַפן ווערן נישט פאַר דעם אָדער יע־נעם הייפל קינדער, נאָר פאַר דער גאַנצער יידישער פאָלקסמאַסע... די יידישע שול־פראַגע איז פריער פון אַלץ אַ פּאָליטישע פראַגע, אַ פּראָגראַם־פראַגע. און דערום איז שוין דאָס אויך אַ פּאַרטיי־פראַגע. נישט צופעליק איז דאָס, וואָס די אָדער יענע פּאַרטייאישע יידישע ריכטונג קוקט אַזוי אָדער אַנדערש אויפן חדר, און גיט אַזאַ אָדער אַן אַנדער ענטפער אויף דער פראַגע וועגן יידיש

אָדער העברעיש אין דער פאָלקשול. דער ענטפער פון יעדער גרופּע איז ענג פארבונדן מיט איר אַלגעמיינער וועלט־אַנשויאונג. — די שול־פראַגע איז אַ פּאָליטישע פראַגע. אויסארבעטן דעם אייגענעם שול־פּראָגראַם הייסט פאַר דער יידישער אַרבעטער־דעמאָקראַטיע — פאָרמולירן די פּאָליטישע פאָדערונגען אירע, מיט וועלכע זי האָט זיך צו ווענדן צו דער מלוכה, פאַרבינדן די פאָדערונגען מיט איר אַלגעמיינעם פּראָגראַם". *)

צום מאָמענט פונעם יובל־צוזאַמענפאָר פון דער חמפ"ה האָבן זיך די סאָציאַלע מאָמענטן אינעם שול־און שפּראַך־קאַמף אויף דער יידישער גאַס אַנטפּלעקט אין זייער פולער נאַקעטקייט. דאָס וואָס איז מיט יאָרצענדליקער צוריק געווען דיסקרעט באַהאַלטן אונטער די שלייערן פון השכלה און מליצה, פון כלל־ישראלדיקער אחדות, — איז איצט געקומען צום קלאָרן און בולטן אויסדרוק. דער יידישער אַרבעטער איז שוין לאַנג געוואָרן דער פירזאָגער פון נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין, פון פאָלקסטימלעכער וועלטלעכער קולטור, פון שול־בילדונג אין דער יידישער שפּראַך. עס האָט זיך אויסגעבילדעט אַ שאַרפע ליניע צווישן העברעיש, חדר און טראַדיציאָנעלער דערציונג פון איין זייט, און צווישן יידיש, וועלטלעכקייט, דעמאָקראַטיע און פרייער דערציונג פון דער אַנדערער זייט. די שיידליניע איז געווען אַ קלאַסן־ליניע.

* *
*

נאָך איין לאַנד־באַראַטונג איז באַשערט געווען דער חמפ"ה אָפּצוהאַלטן, און דאָס איז שוין געווען דער לעצטער צוזאַמענקום אירער. עס איז שוין געווען מלחמה־צייט. הונדערטער טויזנט יידישע היימלאָזע האָבן זיך געוואַלגערט אין פאַרשידענע געגנטן פון גרויסן רוסלאַנד. מע האָט געדאַרפט באַזאָרגן די יידישע קינדער מיט שולן און קינדער־גערטנער. מיט הוימען און באַשפּייזונג. עס איז דערוויייל דערשינען דער געזעץ פון 1-טן יולי 1914 וועלכער האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט צו פירן די אַרבעט אין שול אויף יידיש. און עס איז געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך פאַר די לערערס און טוערס אַז די שול פאַר אָט די היימלאָזע קינדער דאַרף זיין נישט אַנדערש ווי יידיש. פון די שטעט טאַמבאָוו, קאָזלאָוו, קירסאַנאָוו, באָריסאָגליעבסק, ליעביעדיאַני, מאַרשאַנסק, וואָראָניעזש, ניזשני נאָווגאָראָד, אַרזאַמאַס, פּאַוולאָוו, מאַריופּאָל און נאָך אַנדערע פּונקטן וווּ מ'האָט איינגעאָרדנט די היימלאָזע, — האָט יידיש „געדראָט" זיך אַריבערצוּוואַרפן אין די נאָרמאַלע פאָלקשולן פון תחום. און אין ציוניסטיש־

*) „די צייט", 1913, נומ. 25.

העברעיסטישן לאַגער איז די מהומה געווען זייער גרויס... כדי צו לעגאַליזירן און סטאַביליזירן די לאַגע פון יידיש אין די שולן און אויסצוגלייכן די ליניע פון דער חמפ"ה, איז גערופן געוואָרן אויף 19—21 פעברואַר 1916 די פינפטע לאַנד־באַראַטונג פון דער געזעלשאַפט.

„גלייך פון אָנהייב — האָט שפּעטער געשריבן י. צינבערג — איז געווען קלאָר, אַז די באַראַטונג וועט דערפירט ווערן צו אַ גענעראַל־שלאַכט צווישן די צוויי לאַגערן: העברעיסטן און יידישיסטן. דער אָנגרייפנדיקער צד זענען דערביי געווען די ערשטע: זיי האָבן געהאַפּט אין פּעטראָגראַד זיך דערשלאָגן אַ רעוואַנש פאַרן דורכפאַל וואָס האָט זיי געטראָפן סוף פאַרגאַנגענעם יאָר ביי די וואַלן צו דער מאָסקווער אָפּטיילונג פון המפ"ה. דערביי דאַרף מען פאַרצייכענען צוויי כאַראַקטעריסטישע שטריכן: דער דעוויז פון די צום מערסטן־מיליטאַנטישע העברעיסטן „עברית או רוסית" — איז אמת פּראָקלאַמירט געוואָרן פון דער טריבונע, דורך איינעם פון די ערשטע רעדנערס, אָבער ער האָט נישט געפונען קיין אָפּקלאַנג אפילו צווישן די העברעיסטן. פון דער אַנדערער זייט, איז ביי די יידישיסטן געווען שוואַך פאַרטראַטן דער עקסטרעמער פליגל, וואָס האַלט אַז אין פאָלקשול טאָר מען נישט אָפּגעבן קיין צייט אויף צו לערנען העברעיש און תנ"ך". *)

וואָס האָבן די הויפּט־רעדנער אויף דער באַראַטונג געזאָגט?

ה. זלאַטאָפּאָלסקי: „דער באַריכט פון ד"ר אייגער גייט אויך אַרויס פונעם געזעץ פון 1־טן יולי און אומבאַמערקט פירט ער אַדורך דעם געדאַנק, אַז אונדזער מוטערשפּראַך איז יידיש. אָבער דאָס יידישע פאָלק וועט נישט זאָגן אַז זיין מוטערשפּראַך (ראָדנאָי יאַזיק) איז דער זשאַרגאָן. נישט נאָר אַ געוויסע גרופּע, נאָר אונדזער גאַנץ פאָלק האַלט פאַר זיין מוטערשפּראַך — אַן אַנדער שפּראַך, לשון קודש... עס נעמט אונדז אָן אַ שרעק, ווייל מיר האָבן דאָ אַ פּרווו שטילערהייט צו ענדערן יענע שול־פּראָגראַם וואָס דער קאָמיטעט האָט ביז אַהער דורכגעפירט אין לעבן... דער קאָמיטעט איז איצט נוטה צום יידישיזם".

י. צינבערג: „דער קאָמיטעט האָט אויסגעקליבן דעם ריכטיקן וועג. פּאַמעלעך רוקנדיק זיך פאָרויס, איז ער געקומען צו אַ ריכטיקער לייזונג. אַלע קומען זיך דאָ צונויף, אַז מיר דאַרפן האָבן אַ געזונטע נאַציאָנאַלע פאָלקשול. עס קאָן נישט זיין קיין צוויי מיינונגען אַז דער געזעץ פון 1־טן יולי דאַרף דורך אונדז אויסגענוצט ווערן... די אויפגאַבע פון אונדזער שול באַשטייט אין דעם, אַז מען זאָל געבן דעם קינד אַ מענ־

*) יעווריעיסקאַיאַ ניעדיעליאַ, נ' 10, 6 מערץ 1916.

לעכקייט צו באַקומען נוצלעכע און הומאַניטאַרע ידיעות און דערציען אים אַזוי, אַז ער זאָל זיך פילן ווי אַ טייל פונעם נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם. אַזאַ שול וועט זיין די שול אויפן אייגענעם מאַמע־לשון. די פאָלקשול דאַרף זיין אויף דער שפּראַך, אויף וועלכער עס רעדט דאָס פאָלק, ד"ה אויף יידיש, און אויף דער שפּראַך דאַרף מען פירן דעם אונטעריכט פון אַלע לימודים".

נ. שטיף: „העברעיזם און יידישיזם דאַרף מען אַנטקעגנשטעלן נישט ווי שפּראַכן, נאָר ווי דער יאָך פאַרן קינד — לגבי זיין פרייער אַנטוויקלונג... ביי אייך באַקומט זיך, אַז דאָס יידישע פאָלק גייט אונטער און ווי אַ מיטל אים צו ראַטעווען רוקט איר אַרויס די העברעישע שפּראַך. ברענגענדיק פאַר אַ קרבן דאָס קינד, מיר אָבער גלויבן אין דער צוקונפט פון פאָלק... מיר ווילן אַז יידיש, די שפּראַך פון פאָלק, זאָל פאַרנעמען דאָס אָרט פון פרעמדע שפּראַכן אין דער יידישער שול. מיר ווילן אַז די יידישע שפּראַך זאָל מאַכן דאָס יידישע קינד פאַר אַ מענטשן מיט מענטשן גלייך. און אויב אונדז וועט געלינגען דורכצופירן, דאָס וואָס די ביז־איצטיקע שולן האָבן נישט געקענט דערגרייכן, דאַרפן מיר נישט קיין מורא האָבן פאַר דעם קיום פון אונדזער פאָלק".

ח. נ. ביאַליק: „...אין אמתן, מוז די פּעדאַגאָגיק שטעלן פאַר זיך צוועקן, און דווקא נאַציאָנאַלע צוועקן. דאָס קינד מוז באַצאָלן פאַר די אוצרות וואָס עס באַקומט פון פאָלק און מוז אויף זיך טראָגן דעם יאָך, וואָס דאָס פאָלק לייגט אויף אים אַרויף... איר ווילט באַגרענעצן די רעכט פון העברעיש און ווילט מאַכן יידיש פאַר אַ לימוד, — אין דעם שטעקט די גרעסטע געפאַר, דאָס טאָר מען בשום אופן נישט דערלאָזן ווייל אויב איר פירט איין יידיש אַלס אַ לימוד, פאַרשטאַרקט איר דעם פאַרבאַנד צווישן דער יידישער שפּראַך און די יידישע מאַסן. 50 יאָר האָט אונדז די חמפ"ה רוסיפיצירט, און איצט וויל מען זשאַרגאָניזירן. מיר האָבן נאָך נישט פאַרהיילט די אַלטע וואונדן און איר קומט שוין און ווילט נייע וואונדן מאַכן. דאָס פאָלק וועט נישט פאַרגעסן דעם חטא וואָס איר באַגייט און וואָס איר ווילט באַגיין... אמת, דעם קינד איז שווער צו לערנען און באַהערשן די העברעישע שפּראַך, מיר ווילן אָבער אַז אין זיין נשמה זאָל בלייבן אַ טיפע נישט פאַרווישטע שפּור פון דער דאַזיקער אָנשטרענגונג, פון דער דאָזיקער פיין. מיר זענען שוין מיד פון דער געשפּאָלטנקייט: מיר זענען דורשטיק נאָך גאַנצקייט — די איינהייטלעכקייט פון גייסט. פאַר אונדז שטייט אַ דילעמע: אָדער די גערעדטע שפּראַך מאַכן פאַר דער שפּראַך פון אונדזער נשמה, אָדער אַז די שפּראַך פון אונדזער נשמה זאָל פאַרבלייבן אונדזער נאַציאָנאַלע שפּראַך. יידיש האָבן מיר אויפגעהויבן ער־

געץ אויפן וועג פון אונדזערע וואַנדערונגען (שטיף: אָבער מיר האָבן איר שוין ביי 800 יאָר!). נאָרמאַל ווייסט נישט קיין פאָלק ווי אַלט איז זיין נאַציאָנאַלע שפּראַך. ווײַבאַלד איר געדענקט אַזוי די צייט פון איר דער־ווערבונג, הייסט עס אַז יידיש איז נאָך נישט געוואָרן אונדזער שפּראַך אין אַזאַ מאָס ווי העברעיש, וועלכע איז שוין אַלט יאָרטויזנטער...״

ח. פּיאַלקאָוו: „דאַרף מען בויען די שולן פאַר די קינדער פון די היימלאָזע — אויף רוסיש אָדער אויף דער מוטערשפּראַך? דאָ קענען נישט זיין קיין צוויי מיינונגען. דאָס וויכטיקסטע וואָס די קינדער האָבן געבראַכט מיט זיך — דאָס איז זייער שפּראַך, און מיט איר דאַרף מען זיך באַניצן. גיין קעגן דעם דאָזיקן פּרינציפּ — דאָס וואָלט געהייסן פאַר־ראַטן דער אַלגעמיינער זאַך. די פראַגע וועגן דער שפּראַך אין די „היימ־לאָזע" שולן איז דעריבער נישט נאָר אַ פּעדאַגאָגישע פראַגע, נאָר אויך אַ פּאָליטישע... ביי די באַדינגונגען קענען די שולן פאַר די היימלאָזע קינדער זיין אויסשליסלעך אויף יידיש... עס איז די אומפאַרמיידלעכ־קייט פון דער זאַך־לאַגע. עס גייט דאָ גאַרנישט וועגן יידישיזם. זאָגן דערי־בער, אַז די חמפ״ה איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון יידישיזם — איז נישט ריכטיק".

ש. דובנאָוו: „די מאָדערנע שול דאַרף דערגאַנצן דעם חדר. עס דאַרפן אין איר פאַרנעמען אַן אָרט נישט נאָר די נאַציאָנאַלע ווערטן, נאָר אויך די אַלגעמיין־מענטשלעכע. מיר דאַרפן אַרויסגיין פונעם עקזיסטירנדיקן. פאַר דער נאַציאָנאַלער שפּראַך דאַרף מען אַנערקענען די העברעישע שפּראַך, און די יידישע שפּראַך דאַרף מען באַטראַכטן ווי די פאָלק־שפּראַך... דאָס אונטעריכטן רעליגיע אין שול פאַרוואַנדלט נאָך נישט די שול אין אַ רעליגיעזע... דער רעליגיעזער עלעמענט איז אויך אַ נאַציאָנאַלער... דער קאָמיטעט פון חמפ״ה שאַפט אויף די ערטער פאַר די היימלאָזע קינדער — שולן וועלכע זענען פאַר זיי צוגענגלעך לויט דער שפּראַך, טייער לויטן נאַציאָנאַלן אינהאַלט און נוצלעך אין זינען פון באַקומען ידיעות וואָס זענען נויטיק אין לעבן".

פאלק האלפּערין האָט דערציילט פאַקטן פון שול־לעבן און וועגן די באַציונגען פון די עלטערן און קינדער צו דער נייער שול. אין אַ סך שטעט פון דעם נייעם „תחום" האָט מען צונויפגערופן די עלטערן, אויסגעהערט זייערע טענות קעגן די שולן, באַוויזן זיי די שולן גופא, ווי אַזוי און וואָס ווערט דאָרט געלערנט. און די עלטערן זענען געבליבן צופרידן און

האָבן געזאָגט: הלוואי וואָלטן מיר אַזוינע שולן אין אונדזער אַלטער היים געהאַט! *).

אין סך הכּל פון אַט דער גרויסער דעבאַטע האָט די באַראַטונג אָנגענומען אַזאַ רעזאָלוציע וועגן דער שול פאַר היימלאָזע קינדער:

1) „חוץ רוסישער שפּראַך, רוסישע געשיכטע און געאָגראַפיע פון רוסלאַנד וואָס לויטן געזעץ פון 1־טן יולי 1914 דאַרף מען זיי לערנען אויף רוסיש, — ווערן אַלע לימודים געלערנט אויף יידיש.

2) העברעיש ווערט געלערנט אָדער אין העברעיש אָדער אין יידיש.

3) די יידישע געשיכטע ווערט געלערנט אין יידיש, נאָר ביי געהעריקע באַדינגונגען — אויך אין העברעיש.

4) דעם רעליגיעזן עלעמענט דאַרף אָפּגעגעבן ווערן אַ געהעריק אָרט אין שול.

5) די יידישע שפּראַך איז איינער פון די שול־לימודים.

6) העברעיש ווערט געלערנט אין אַזאַ מאָס, אַז די שילער זאָלן פאַרשטיין אַ העברעיש בוך נאָכדעם ווי זיי ענדיקן די שול".

די רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרן מיט 36 שטימען קעגן 21.

די יידישע פּרעסע איז אין יענער צייט אונטערדריקט דורך די מלחמה־פאַראָרדענונגען און צענזור. דאָך לאָזט זיך דערגאַנצן די אַטמאָספערע אַרום דעם באַשריבענעם צוזאַמענפאָר פון דער חמפ"ה — מיט עטלעכע וויכטיקע מאָמענטן.

אין זיין בוך „קניגא זשיזני" (רוסיש, ריגע, 1935) פאַרצייכנט ש. דובנאָוו אונטער דער דאַטע „23 פעברואַר 1916" די ווייטערדיקע ווערטער: „זיצונגען, צוזאַמענפאָרן. דער צוזאַמענפאָר פון דער חמפ"ה מיט פייערדיקע דעבאַטן איבער יידישיזם און העברעיזם. דער לעצטער איז מאָנאָפּאָליזירט דורך די ציוניסטן צוליב פּאַרטיי־צוועקן; צווישן די יידישיסטן — פאָלקסטוער בכלל און בונדיסטן בפרט. צוויי טעג האָט מען דעבאַטירט בלויז איין פראַגע — וועגן דער שפּראַך און לערנפּראָגראַם אין די שולן פאַר פּליטים. ווי די גענעראַל־רעדנער זענען אויפגעטראָטן ביאַליק מצד די העברעיסטן און שטיף פון די יידישיסטן. דער באַריכטאָפּגעבער פון קאָמיטעט ד"ר אייגער און איך האָבן פאַרטיידיקט די מיטעלע פּאָזיציע, וועלכע איז באַשאָסן געוואָרן פון ביידע זייטן. אָנגענומען

---

*) די אַלע ציטירטע רעדעס זענען געבראַכט לויט דעם „וויעסטניק", „יעווריייסקאיא זשיזן" און דעם יידישן זאַמלהעפט „צום מאָמענט", פּעטראָגראַד, פעברואַר 1916.

געוואָרן זענען מיט קליינע אויסבעסערונגען די טעזיסן פון קאָמיטעט: יידיש — די אַלגעמיינע אונטעריכט-שפּראַך, אחוץ יענע פאַלן ווען ס'איז מעגלעך צו לערנען עברית בעברית; מ'האָט אָפּגעשריגן דעם אונטעריכט פון רעלי־גיע, דערוויילנדיק אַז רעליגיע אין שול — דאָס איז נישט דאָס זעלבע וואָס א „רעליגיעזע שול" (קעגן די יידישיסטן), און אויך יידיש ווי אַ לימוד (קעגן די ציוניסטן). אויף די ווייטערדיקע זיצונגען בין איך נישט געווען. — זיצנדיק דאָרט האָב איך געטראַכט וועגן צוויי זאַכן: 14—15 יאָר צוריק זענען אויף די פאַרזאַמלונגען פון אָפּ"ע געשטאַנען איינס קעגן צווייטן 2 לאַגערן: אַסימילאַטאָרן און נאַציאָנאַליסטן, און איך האָב זיך איינגעשטעלט פאַר דער נאַציאָנאַלער דערציונג, און איצט גייט שוין אַן אויף דער אַלגעמיין־אָנגענומענער פּאָזיציע פון אַ נאַציאָנאַלער שול אַ מחלוקה וועגן דעם, וועמען פון די צוויי יידישע שפּראַכן געהער די בכורה (פּרעימושטשעסטוואָ). (זייט ביי זייט איז מיט מיר געזעסן וויינשטיין, דער פאָרזיצער פון אָדעסער אָפּטיילונג פון חמפ"ה בשעת דער אַמאָליקער מלחמה)" . . .

אונטער דער דאַטע פון 22 מאַי פאַרצייכנט ש. דובנאָוו אין זיין טאָג־בוך דעם פאַרלויף פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון חמפ"ה אין פּעטערבורג, ווו עס איז אָפּגעגעבן געוואָרן אַ באַריכט וועגן דער לאַנד־באַראַטונג. ער דערציילט וועגן די הייסע וויכוחים וואָס האָבן זיך געפירט אויף דער אַלג. פאַרזאַמלונג: „דער בונדיסט האָט געפאָדערט אַ וועלט־לעך־דעמאָקראַטישע שול וועלכע זאָל נישט זיין קיין „לאַבאָראַטאָריע פון נאַציאָנאַלן גייסט"; דער ציוניסט האָט זיך געקלאָגט אויף דער נישט־גענוגנדיקער העברעיזירונג פון די שולן. איך האָב געענטפערטביידן: איך האָב דערמאָנט דעם קאַמף 15 יאָר צוריק אַרום דער אָדעסער חמפ"ה; דעמאָלט האָבן זיך געשלאָגן די נאַציאָנאַליסטן מיט די אַסימילאַטאָרן, געזיגט האָט די אידייע פון אַ נאַציאָנאַלער שול; און איצט איז פון איין זייט וואַרפט מען אָפּ די אַסימילאַציע און מע פאָדערט אַן אַ־נאַציאָנאַלע שול, פון דער אַנדערער זייט שטעלט מען אַרויס אַ פאַנטאַסטישע פאָדע־רונג צו העברעיזירן די נאָרמאַלע שול לויט שפּראַך . . . געענדיקט מיט אַ רוף צו טראַכטן מער וועגן יודאיזם (יידישער קולטור) אין שול, איי־דער וועגן העברעיזם און יידישיזם".

פונקט ווי אין דער הויפּטשטאָט, אַזוי איז אויך אין דער פּראָווינץ אָנגעגאַנגען דער הייסער וויכוח אַרום דער פינפטער באַראַטונג. אין אָדעס, למשל, איז די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון דער אָרטיקער אָפּטיילונג פאַר־געקומען דעם 7־טן מאַי 1916. אין נאָמען פון די יידישיסטן איז אַריינ־געטראָגן געוואָרן אַ רעזאָלוציע: „די אַלג. פאַרז. געפינט, אַז די טעטי־

קייט פונעם קאָמיטעט איז נישט געגוג דעמאָקראַטיש, זיין שולפּראָגראַם איז נישט אין הסכם מיט די פּעדאַגאָגישע פאָדערונגען און איז דורכגעדרונגען מיט אַסימילאַטאָרישע טענדענצן". א. מערעזשין האָט דערביי געזאָגט: „אויף אַ גאַנצער ריי צוזאַמענפאָרן און באַראַטונגען איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מע דאַרף אָפּהיטן די גאַנצקייט פון קינדס נשמה, אַז אַלע לימודים דאַרפן געפירט ווערן אויף דער מוטערשפּראַך, אויף יידיש. אויף צוויי לערער־צוזאַמענפאָרן, אין טאַמבאָוו און כאַרקאָוו, אויפן פּרעבעליסטן־צוזאַמענפאָר איז באַשלאָסן געוואָרן דאָס זעלבע... וואָס זשע טוט אין דער זעלבער צייט דער אָדעסער קאָמיטעט? דאָ האָט זיך קיין זאַך אויף קיין האָר נישט געענדערט... אין אַלע אָדעסער שולן רוסיפיצירט מען די קינדער פון ערשטן טאָג... די שול־פּעדאַגאָגישע קאָמיסיע (ביי אָדעסער אָפּ"ע) האָט באַשלאָסן, אַז אין ערשטן לערניאָר דאַרפן די לימודים אָנגיין אויף יידיש, אַז דער אונטעריכט פון יידישער געשיכטע זאָל פאָרקומען אויף יידיש, — אָבער דער קאָמיטעט האָט אָנערקענט, אַז יידיש דאַרף זיין נאָר אַ הילפסשפּראַך אין ערשטן לערניאָר... אויף צו לערנען די יידישע שפּראַך ווי אַ באַזונדערן לימוד — האָט מען נאָר אין איין שול אויסגעטיילט 2 שעה אַ וואָך, אין אַנדערע נאָר איין שעה, און אין אייניקע גיט מען אים כמעט אין גאַנצן נישט אָפּ קיין צייט און נאָר ווי עס איז לערנט מען אויס שרייבן יידיש".*)

אין דעם זעלבן רוסיש־יידישן זשורנאַל (נומ. 39—40) איז אָפּגעדרוקט אַ דעקלאַראַציע וועגן דער שולפראַגע אונטערגעשריבן דורך „אַ גרופּע". צווישן אַלע אַנדערע שול־פּראָבלעמען, זאָגן זיי אויך אַרויס זייער מיינונג איבער דער שפּראַך־פראַגע אין שול:

„נישט אַריינלאָזנדיק זיך אין דעטאַלן... האַלטן מיר, אַז די יידישע שפּראַך דאַרף דינען ווי די אונטעריכט־שפּראַך אין שול, אין הסכם מיט איר באַטייט ווי אַ פאַקטאָר וואָס בינדט צונויף די יידישע מאַסן סאָציאַל, און דאַרף אויך זיין אַ קעגנשטאַנד צום לערנען. די העברעישע שפּראַך, ווידער, צוליב איר נאַציאָנאַלן ווערט, דאַרף געלערנט ווערן אין אַזאַ פאַרנעם, אַז די קינדער זאָלן זיך באַקענען מיטן תנ"ך און עס זאָל פאַר זיי געעפנט ווערן אַ צוטריט צו דער ליטעראַטור, סיי אויף דער אַלטער שפּראַך און סיי אויף דער נייער... מיר האַלטן פאַר נויטיק צו באַקענען די שילער מיט די יסודות פון דער יידישער מאָראַל און מיטן רעליגיעזן שטייגער, כדי זיי זאָלן שפּעטער האָבן אַ מעגלעכקייט אָנטיילצונעמען אויך אין רעליגיעזן לעבן פון דער קהילה".

---

*) „יעווריעסקאיא ניעדיעליא", נומ' 21, 1916.

אַט אַזוי האָט די שולפֿראַגע אין יענער צייט נישט אויפֿגעהערט צו מאַטערן די יידישע געזעלשאַפֿט און צו פֿאַרנעמען די מוחות פֿון דער לערערשאַפֿט און פֿון דער מחנה שולטוערס.

מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז אין יענע יאָרן האָט די צענזור נישט דערלויבט נישט נאָר קיין יידישע טעגלעכע אויסגאַבע נאָר אפֿילו אַ חו־דשלעכע. איז אין פּעטערבורג אויפֿגעקומען אַן אויסגאַבע במקום אַ זשור־נאַל: זאַמלהעפֿטן יעדן חודש אונטער אַן אַנדער נאָמען (רעדאַגירט פֿון ש. ניגערן). געפֿינען מיר דאָ אין דער אַפּריל־זאַמלונג „דער יודישער געדאַנק" אַ בריף אין רעדאַקציע פֿון חי אָקון ווו ער קלערט אויף די ראָל און די האַלטונג פֿון דער בונדישער פּראַקציע אויף דער באַראַטונג פֿון חמפ"ה (7 דעלעגאַטן). און אין דער מאַי־אויסגאַבע „דער וועג" איז אָפּ־געדרוקט אַן אַרטיקל פֿונעם בונדיסט י. נירונבערג א"נ „די יידישע פֿאָלק־שול און די יידישע דעמאָקראַטיע". ער דערמאָנט די באַשלוסן פֿון דער באַראַטונג פֿון 1913 און פֿאַרגלייכט זיי מיט דער באַראַטונג פֿון 1916: „גאַנץ אַנדערש איז דער איינדרוק פֿון דער היי־יאָריקער באַראַטונג. די שטים פֿון די יידישע מאַרקסיסטן האָט צוליב געוויסע טעמים זיך געלאָזט שוואַך הערן אויף דער באַראַטונג, דערפֿאַר אָבער האָט ה' שטיף אין דעם סך הכל וואָס ער האָט געפּרוווט מאַכן פֿון דער אַרבעט פֿון דער באַראַ־טונג, אונטערגעשטראָכן אַז קיינער האָט נישט געשטימט קעגן יידיש אַלס אונטעריכט־שפּראַך און לימוד, און קיינער האָט זיך נישט אַרויסגעזאָגט קעגן העברעיש. דערמיט האָט ה' שטיף געגעבן אַן אויסדרוק דער פּשרה־און שלום־שטימונג וואָס איז איצט אַזוי שטאַרק ביי אַ טייל יידישיסטן...

„די יידישע דעמאָקראַטיע מוז שטרעבן צו אַ וועלטלעכער פֿאָלקשול און טאָר אויף קיין שום פּרינציפּיעלע פּשרות נישט איינגיין... די פֿאָלק־שול אויף יידיש איז געוואָרן אַ לעבנס־פּראָבלעם אַדאַנק דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג... דעם דאָזיקן באַוווסטזיין מוז מען שלייפֿן דורך אַ שטענדיקן קאַמף מיט אונדזערע „כלל־פֿאַרזאָרגער" פֿון אַ געוויסן מין. און דערפֿאַר טאָר מען בשום אופֿן נישט פֿאַרדעקן דעם תהום, וואָס טיילט אָפּ אין דער שול־פֿראַגע, פּונקט ווי אין אַלע אַנדערע געזעלשאַפֿטלעכע פֿראַגן, צווישן די בעל־הבתישע כלל־טוער און דער יידישער דעמאָקראַ־טיע".

* *
*

די באַראַטונגען פֿון דער חמפ"ה האָבן געהאָלפֿן קלאָר מאַכן פֿאַר דער יידישער עפֿנטלעכקייט ווער עס איז באמת פֿאַר אַ יידישער און וועלט־לעכער פֿאָלקשול, ווער איז באמת אַ פֿריינד פֿון דער יידישער שפּראַך

און האָט פאַרשטענדעניש פאַר די פאָדערונגען פון דער מאָדערנער פּעדאַ־גאָגיק. די פאָלקשול אין דער מוטערשפּראַך פון יידישן קינד — איז אַלץ מער געוואָרן אַ פּראָבלעם פון נאַציאָנאַלער גלייכשטעלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד. די חמפ״ה האָט נאָר אָפּגעשפּיגלט די כוחות־פאַרהעלטעניש אינעם גרויסן היסטאָרישן קאַמף אויף דער יידי־שער גאַס פאַר אייגענער שפּראַך, שול און קולטור — אַ קאַמף וואָס האָט זיך געצויגן איבער הונדערט יאָר.

די פינפטע באַראַטונג פון דער חמפ״ה אין 1916, איז געווען דער לעצטער אַקאָרד אין צאַרישן רוסלאַנד פון אָט דעם לאַנגיאָריקן קולטור־קאַמף ביי יידן. דער דאָזיקער צוזאַמענפאָר איז אויך געווען דאָס שוואַ־נען־ליד פון דער חברה מפיצי השכלה.



יעקב דינעזאָן

י. ל. פרץ

וולאַדימיר מעדעם

די דריי וואָס זענען געשטאַנעןביים וויגעלע פון דער יידיש-וועלטלעכער שול אין פוילן

עס איז געווען דאָס גליק און דער סימבאָל פון דער ניי־געבוירענער יידיש־וועלטלעכער שול־באַוועגונג אין פוילן, מיט 35 יאָר צוריק, וואָס ביי איר בראשית זענען געשטאַנען דריי פון אונדזערע שענסטע נעמען אין דער געשיכטע פון די לעצטע דורות: י. ל. פרץ, יעקב דינעזאָן און וולאַדימיר מעדעם.

יעדערער פון זיי האָט זיינס אַריינגעטראָגן אין דער נייער שול און קינדער־היים, אַ שטיק פון זיין נשמה און גייסט איר אוועקגעשענקט פאַר אַ מתנה לדורות. פרץ האָט דער נייער שול געגעבן פליגלען פון זיין גייסט, קולטור־ באַגאַבטקייט. דינעזאָן האָט איר געשענקט האַרץ און ליבע צום קינד, פאָלקסטימלעכקייט און יידישלעכקייט. מעדעם האָט איר געשענקט פּאָליטישן שוווּנג, אָרגאַניזאַציאָנעלן און אידייאישן פאַרמעסט. און די „דריי מתנות" האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ ברכה פאַר דער ניי־געבוירענער קינדער־אינסטיטוציע; זי האָט זיך צעבליט און שיינע, רייכע פרוכטן געבראַכט.

* *
*

י. ל. פרץ

פרץ איז שוין מיט יאָרן פריער געווען באַהערשט פונעם געדאַנק וועגן אַ שול אויף יידיש. נאָך אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ אין 1908 האָט ער אין זיין רעפעראַט וועגן די אויפגאַבן פונעם צענטראַל־ביוראָ, וואָס דאַרף נאָך זיין מיינונג געשאַפן ווערן דורך דער קאָנפערענץ, אָנגעצייכנט אַזעלכע פּראַקטישע פּראָבלעמען: „גרינדן און שטיצן יידישע מוסטער־שולן; באַהילפיק זיין אַרויסגעבן מוסטער־לערנביכער; שאַפן אַן

איינריכטונג וואָס זאָל דינען אַלס אויטאָריטעט פאַר פראַגן פון יידישער אָרטאָגראַפיע, גראַמאַטיק און אַנדערע שפּראַך־פּראָגעס: פּראָפּאַגאַנדע פאַר אַנערקענונג און גלייכבאַרעכטיקונג פון דער יידישער שפּראַך".

סוף 1907 האָט אַ קליינע גרופּע לערערס און אינטעליגענטן אין װאַרשע גענומען אויף זיך די איניציאַטיװ צו גרינדן אַ שול אויף יידיש. די גרופּע (צווישן אַנדערע יעקב קלעפּפיש, ש. הורוויץ־זאַלקעס) האָט באַלד פאַראינטערעסירט מיט דעם פּראָיעקט י. ל. פּרץ. באַקענענדיק זיך מיט דער אָנגעצייכנטער פּראָגראַם פאַר דער פּראָיעקטירטער שול, האָט י. ל. פּרץ — ווי עס דערציילט ש. הורוויץ — געזאָגט: „איך בין נישט קיין לערער און קען נישט אַרויסזאָגן אַ מיינונג וועגן אַן ענין וואָס איז מיר ווייניק באַקאַנט. וואָס שייך באַזונדערע פּונקטן פון דער פּראָגראַם, בין איך שטאַרק מסופק, צי מענדעלע מוכר ספרים קען אויספילן די פּראָגראַם פון יידישער ליטעראַטור אַפילו אין די עלטערע קלאַסן פון דער פאָלקשול. עס פעלט לחלוטין דער ספּור המעשה. איך ווייס גאַנץ גוט אַז פאַר די ייִנגערע קלאַסן איז דערווייל ווייניק וואָס פאַראַן אין דער יידישער ליטעראַטור. ביז אַהער איז מיר קיינמאָל דער ענין נישט געקומען אויפן זינען. און אפשר וועט די היינטיקע באַראַטונג מיר דינען פאַר אַן אַספּיראַציע אין דער ריכטונג".*)

אין פּרצס היים אויף צעגליאַנע 1 זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן נאָך עטלעכע באַראַטונגען וועגן דעם זעלבן שול־פּראָיעקט און וועגן מאַטעריאַל צום לערנען. ביי איין געלעגנהייט האָט פּרץ אָנגעוויזן אויף דעם האַמעטנעם, געקינצלטן לשון אין די פערזן פון אייניקע לידער. „מוזיק, ריטעם, האָט פּרץ געזאָגט, איז דאָס ערשטע געבאָט פאַרן קינדער־ליד". און ווען מען האָט באַהאַנדלט די מאַטעריעלע פּראָבלעמען פון דער שול, האָט פּרץ געזאָגט: „אל תבטחו בנדיבים!" מע דאַרף זיך אַליין אונטערגאַרטלען און נעמען זיך פאַר דער אַרבעט. יעדנפאַלס וועל איך אייך זיין באַהילפיק מיט ראַט און טאַט". די גרופּע האָט צונויפגעזאַמלט איבער 300 רובל, מען האָט געדונגען אַ דירה אויף נאָוואָליפּיע גאַס, מען האָט באַשטעלט שול־בענק אאַ"וו. די דערלויבעניש פון דער שול־אינספּעקציע האָט געזאָלט זיין אויף צו עפענען אַ חדר אויפן נאָמען פון אַ לערער אין אַ תלמוד תורה, וועלכער איז געווען אַן אויפריכטיקער פריינד פון אַ יידישער שול. עס איז אָבער נישט באַשערט געווען צו עפענען די שול: פון די צוויי חברים וואָס האָבן געזאָלט זיין די שטענדיקע לערער אין דער שול — איז איינער אַרעסטירט געוואָרן און דער צווייטער איז געשטאָרבן...

*) „אַמאָל איז געווען", ש. הורוויץ־זאַלקעס, ז"ז 18־19, ניו־יאָרק 1950.

א נייער פּרוּוו צו שאַפן אין ווארשע א שול אויף יידיש איז פאַר־ווירקלעכט געוואָרן אין 1913־1912. אין דער שול פאַר אָרעמע קינדער פון דער חבֿרה „חינוך ילדים" האָט זיך דעם פּאַרוואַלטער ש. גילינסקי, איינגעגעבן איינצופירן יידיש פריער ווי א שפּראַך און שפּעטער פאַר אַלע לימודים. הגם די אַרבעט איז געפירט געוואָרן אומלעגאַל, איז זי אָבער נעגאַנגען זייער גוט. די יידישיסטישע קרייזן אין ווארשע זענען געווען שטאַרק באַגייסטערט פון דעם אויפטו. ביי דער ערשטער געלעגנהייט האָבן די פירער פון דער שול באַקאַנט י. ל. פּרצן מיט דער נייער אינסטיטוציע. „די גרויסע פּרצעס אויגן — דערציילט ש. גילינסקי — האָבן זיך אָנגעצונדן און ער האָט א שאָט געטאָן מיט פראַגעס: ווי לערנען מיר? צי לערנען מיר טאַקע רעכענען און אַנדערע קעגנשטאַנדן אין יידיש? צי האָבן מיר די נויטיקע טערמינאָלאָגיע? אין וואָס באַשטייט דער יידיש לימוד? וואָס פאַר א מעשׂיות לייענען מיר מיט די קינדער? וואָס פאַר א דערציילונגען נעמען אויף די קינדער צום בעסטן? ווי גיבן מיר זיך אַן עצה מיט יידיש? מיר זענען דאָך ליטוואַקעס, צי פאַרשטייען די קינדער אונדזער לשון? און צום סוף האָט ער ברייט א זאָג געטאָן: „האָבן מיר שוין טאַקע דאָ אין ווארשע א שול אויף יידיש?" און ווייטער: יידיש איז דאָך בלויז א כלי. דער עיקר איז דאָך מיט וואָס מען פילט אָן די כלי".*)

אין גיכן איז פּרץ אין באַגלייטונג פון דינעזאָנען געקומען אויף א באַזוך אין דער שול (דזשיקע 26). פּרץ האָט זיך אינטערעסירט מיט יעדער קלייניקייט, ער האָט געהאַלטן „אין איין שפּריצן מיט געדאַנקען און אָנווייזונגען, ווי אַזוי מע וואָלט באַדאַרפט לערנען מיט די קינדער, וואָס פאַר א דערציילונגען מע דאַרף אַריינפירן, וואָס פאַר א מין אינהאַלט מע דאַרף אַריינלייגן אין יידיש־לימוד און ווי אַזוי א יידישע שול דאַרף אויסזען". אין א געוויסן מאָמענט האָט פּרץ אפילו איבערגענומען די פירונג פון דער לעקציע אין איין קלאַס. פּרץ האָט זיך געזעגנט פייערלעך מיט די קינדער און לערער און צוגעזאָגט קומען א צווייטן מאָל.

נאָכן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט די שול ווייטער עקזיסטירט. עס איז אויפגעקומען א פּלאַן וועגן עפענען אויך א קינדער־היים אין דער יידישער שפּראַך, און אויך צו דער אַרבעט איז צוגעצויגן געוואָרן י. ל. פּרץ, וועלכער איז שוין דעמאָלט געווען שטאַרק אַריינגעטאָן אין דער הילפס־אַרבעט פאַר די היימלאָזע קינדער. ש. גילינסקי דערציילט אַז פּרץ האָט אַזוי גערעדט: „א שול אַן אייגענע („חינוך ילדים")

---

*) ש. גילינסקי: י. ל. פּרץ ביים בראשית פון דער יידישער שול. „צו־קונפט", מערץ 1952.

האָבן מיר שוין, דאַרף מען צוטרעטן שאַפן אויך אַן אייגענע קינדערהיים. און ווער עס אונדז גלײַבן, וועלן זיך שוין געפינען כוחות אין יידישן לעבן, וואָס וועלן שפּעטער די אַרבעט טאָן אין אַ ברייטערן פאַרנעם".
מען האָט באַלד געשאַפן אַ גרעסערן קאָמיטעט מיט פּרצן ווי דעם פאַר־זיצער און מיט י. דינעזאָנען ווי דעם קאַסירער. דעם 23־טן מערץ 1915 איז אויף גענשא 7 פאַרגעקומען די פייערלעכע דערעפענונג פון דער ערש־טער קינדערהיים (קינדערגאָרטן) אין יידיש.

פּרץ עפנט די קינדער־היים און שרייבט אַריין אין פּראָטאָקאָל־בוך דעם גייסטרייכן און באַפליגלטן מאָטאָ: „מען זאָגט נישט קיינעם: בלייב אַזוי ווי דו ביסט, נאָר אַנטוויקל זיך פון דעם, וואָס דו ביסט". די דאָזיקע ווערטער זענען שפּעטער מיט יאָרן מקוים געוואָרן און באַקומען בולטן אויסדרוק אינעם גורל פונעם יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן אין אומאָפּהענ־גיקן פּוילן.

אין די פּראָטאָקאָלן פון דער קינדער־היים ווערט בפירוש פּראָקלאַ־מירט: „די שפּראַך פון דער קינדער־היים איז יידיש". פּרץ האָט אַרויסגע־וויזן צו דער קינדער־היים דעם גרעסטן אינטערעס. ער איז אַליין דער פאַר־זיצער פונעם אַנשטאַלט; ער גיט אַריין דער יונגער גרופּע טוער אַ נייע נשמה, אַ נייעם גלויבן, נייעם מוט און כוחות. פּרץ אינטערעסירט זיך מיט יעטוועדער קלייניקייט, זאָגט אַרויס וועגן אַלץ זיין מיינונג. דער קאָמיטעט און די לערערינס האַלטן אָפּ באַראַטונגען אין פּרצס הויז. הגם די אַרבעט אין דער קהילה נעמט ביי אים אָפּ דעם גאַנצן פאַר־מיטאָג, געפינט דאָך פּרץ געגנוג צייט פאַר די ענינים פון דער קינדער־היים, און ער ציט אַריין אין דער אַרבעט אויך זיין פרוי און זיין שנור.

אינגאַנצן עטלעכע וואָכן האָבן אָפּגעטיילט די פייערלעכע גרינדונג פון דער קינדער־היים פון יענעם פינצטערן שבת חול המועד פּסח 1915, ווען פּרצס לעבן איז איבערגעריסן געוואָרן. אָבער פאַר די עטלעכע וואָכן האָט פּרץ געלעבט מיט דעם אַנשטאַלט. דאָס ערשטע, וואָס אים האָט אינטערע־סירט, איז געווען די עסטעטישע איינאָרדענונג פון דער קינדער־היים. ער האָט נישט געוואָלט, אַז זיין אַנשטאַלט זאָל שמעקן מיט די יידישע צדקה־אינסטיטוציעס און דערמאָנען די פריערדיקע קינדער־קיך. אָבער זיין אינ־טערעס איז געגאַנגען פיל ווייטער: ער האָט כסדר גערעדט וועגן דער וויכ־טיקייט פון אַ פּעדאַגאָגישער ליטעראַטור אין יידיש. ער באַשטייט, עס זאָל געשאַפן ווערן אַ פּעדאַגאָגישע קאָמיסיע פאַרן אַנשטאַלט...

זיין גאַנצע שעפערישע איניציאַטיוו און גייסטיקן אומרו, זיין גאַרן געזעלשאַפטלעכן אימפּעט און טאַלאַנט האָט פּרץ אַריינגעטאָן אין דער קינ־

דער־היים. ער האָט דאָ אויסגעלעבט זיין אָנגעזאַמלטן צער פון צוזען די ליידן פון די פאַרוואָגלטע פּליטים און זייערע קינדער.

אין אַ באַריכט פון די באַפולמעכטיקטע פון דער געזעלשאַפט מפיצי השכלה צו איר הויפּט־פאַרוואַלטונג אין פּעטערבורג לייענען מיר: „אין דער קינדער־היים נומ׳ 3 האָט פון אָנהויב אָן גענומען אַ טיכטיקן אָנטייל י. ל. פּרץ, וועלכער האָט ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן אָפּגעגעבן דער דאָזיקער היים זיין גאַנצע פרייע צייט". אין אַן אַרטיקל־קאָרעספּאָנדענץ אין „די וואָך" (נומער 10־11, מערץ 1915, ווילנע) לייענען מיר: „איצטער ווערן געמאַכט הכנות צו עפענען די ערשטע ריין־יידישע קינדער־היים. בראש פון דער אַרבעט שטייען די ה"ה י. ל. פּרץ און יעקב דינעזאָן. ה׳ פּרץ איז איצט פאַרנומען מיט באַאַרבעטן דעם פּעדאַגאָגישן מאַטעריאַל, אין וועלכן די היים וועט זיך נויטיקן; און דאָס דאָזיקע בוך דאַרף אינגיכן אַרויסגיין פון דרוק. די פינאַנציעלע לאַגע פון דער נייער קינדער־היים איז געזיכערט". אויך די פּרעבעליסטין, וואָס האָט געאַרבעט אינעם אַנשטאַלט, האָט אין אירע זכרונות מיט יאָרן שפּעטער דערציילט דאָס זעלבע: פּרץ איז מיט לייב און לעבן געווען אַריינגעטאָן אין דער קינדער־היים. „אָבער נישט לאַנג איז אונדז באַשערט געווען — דערציילט זי — צו האָבן ביי זיך פּרצן אַלס וועגווייזער און מיטאַרבעטער. עטלעכע וואָכן נאָך דער עפענונג פון דער קינדער־היים, שבת חול המועד פּסח 1915, האָבן מיר דערהאַלטן די שרעקלעכע בשורה, אַז פּרץ לעבן שוין נישט. אויף זיין שרייבטיש האָט מען געפונען דאָס נאָר־וואָס אָנגעהויבענע לידל:

שטילער, שטילער,
דאַנקען וויל ער...

די לעצטע מינוטן פון פּרצס לעבן זענען געווידמעט געווען דער קינדער־היים אויף גענשא 7". (תרצה קאַפּיעלאָוויטש, „שולוועזן", יוני 1939).

פּרצס טויט לייגט אַרויף אויף אַלע נאָענטע די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער עקזיסטענץ פון דער קינדער־היים. דער אַנשטאַלט ווערט אָנגערופן אויף פּרצס נאָמען — עס איז דער ערשטער דענקמאָל נאָכן גרויסן נפטר. דינעזאָן ווערט געוויילט פאַר קוראַטאָר פונעם אַנשטאַלט. ער, דער געטרייער פריינד און באַגלייטער פון פּרצן, איז קעגן דעם, מען זאָל די קינדער־היים אָנרופן מיט פּרצס נאָמען. „כל זמן — האָט ער געטענהט — איר עקזיסטענץ איז נישט געזיכערט, לאָמיר לאָזן צורו פּרצן, מען טאָר נישט קלאַפּן אין פּושקע מיט פּרצן". אָבער דער גייסט פון פּרצן האָט גערוט איבערן אַנשטאַלט, איז דאָ קולטיווירט געוואָרן; עס איז געבליבן אַן אמתער פּרצ־

שער אנשטאַלט, אַ מוסטער פאַר צענדליקער, וואָס זענען אַנטשטאַנען שפּע־
טער אויף דער יידיש־פּוילישער ערד.

פּרצן קען מען באמת פאַררעכענען פאַרן פאָטער פון דער נייער יידי־
שער שול.

* * *

פּרץ האָט באַנומען דעם ענין שול אין גאָר ברייטן פאַרנעם. שול איז
פאַר אים געוואָרן אַ טייל פון יידישער קולטור און ליטעראַטור. ער האָט
בפירוש באַטראַכט די שול ווי אַ הייליקע אַרבעט, וואָס איז געבונדן מיטן
גורל פון פאָלקס צוקונפט. און ער האָט דערפאַר געגומען זיך אינטערע־
סירן מיט קינדער־ליטעראַטור, מיט ליטעראַטור פאַר דער שול. ער הייבט
אָן שרייבן זאַכן — פאַרן יונגן לייענער. ער בויט פּלענער וועגן איבערזעצן
מעשהלעך און לידלעך פון אַנדערע שפּראַכן, ער זוכט טעמעס צוגעפּאַסט
פאַר דער נאַציאָנאַלער און קינסטלערישער דערציונג פון יידישן פאָלקס־
קינד.

זייער באַלערנדיק זענען אין דעם פּרט די וויכטערדיקע צוויי בריוו פון
י. ל. פּרץ.

איין בריוו איז געשריבן אין 1913 צו דעם היגן „נאַציאָנאַלן אַרבע־
טער פאַרבאַנד" — צו דער געלעגנהייט פון אַרויסגעבן פאַר די קינדער פון
די היגע שולן פּרצס מעשה „דער דין תורה מיטן ווינט". פּרץ שרייבט:

„ליבע, טייערע פון יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד.

„דעם שענסטן טאָג פון מיין לעבן האָב איך אייך צו פאַרדאַנקען. דעם
שענסטן און גליקלעכסטן. קיין שענערע און גליקלעכערע בשורה איז מיר
נאָך קיין מאָל נישט אָנגעזאָגט געוואָרן, ווי איר אין אייער האַרציקן בריוו
האָט עס געטאָן. דער בריוו איז אויך דער שענסטער, וואָס אַ מענטש קען
פון דער יידישער וועלט באַקומען. איך וועל ביי אייך קיין פינף דאָלאַר
נישט געמען. קויפט פאַר זיי קינדער־ביכלעך און צעשענקט אָרעמע קינדער.

„זאָלט איר און די קינדער אייערע ווערן געטרייסט ווי איר האָט מיר
געטרייסט צום נייעם יאָר, און וועט איר מיר פון צייט צו צייט שרייבן
וועגן דעם גאַנג פון אייער הייליקער אַרבעט, וועל איך אייך דאַנקבאַר זיין
אָן אַ שיעור. גריסט אַלע קינדער.

„אויב מעגלעך, לעזט זיי פאָר מיין בריוו".

אויך יעקב דינעזאָן האָט ביי דער געלעגנהייט צוגעשיקט אַ בריוו, וואָס
פאַרענדיקט זיך מיט די ווערטער:

„און איר, קינדער, ליבע שיינע יידישע קינדער, איר זייט אונדזער
יידישע צוקונפט. זייט יידן און זייט שטאָלץ אויף אייער יידישקייט! לערנט

יידיש און יידישקייט, וועט איר איבערצייגט ווערן, אַז איר מעגט מיט זיך שטאָלץ זיין.

„עס גריסט אייך און קושט אייך פון וויטן דער וואָס ליבט אייך".

יעקב דינעזאָן.

עטלעכע וואָכן פאַר י. ל. פּרצס טויט האָט דער שרייבער פון די שורות באַקומען אַ קאַרטל אויף רוסיש פונעם גרויסן דיכטער. דאָס איז געווען אַן ענטפער אויף מיין בריוו מיטן בייגעלייגטן אַרטיקל מיינעם וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין „וויעסטניק" (1915, נומ' 45) — „די ווערק פון י. ל. פּרץ פאַר קינדער־לייענערס". אויף דעם האָט פּרץ געענטפערט:

„אויסער דאַנקבאַרקייט האָב איך נישט וואָס צו אויסצודריקן אייך פאַר אייער אַרבעט. איך באַנוץ זיך (מיט דער געלעגנהייט) און טייל אייך מיט, אַז איך שטעל צונויף אַ קינדער־בוך, אַ ביבל פאַר דעם קליינעם מענטשעלע. איך האָב שוין פיל לידער און קליינע דערציילונגען. ווי רעכנט איר, וואָס קען מען איבערזעצן פאַר קינדער פון דער ביבל?

„אויף יידיש נעמט ביי אונדז די פּאָסט נישט אָן",

„מיט אַכטונג י. ל. פּרץ".

פּרצן איז נישט באַשערט געווען צו פאַרווירקלעכן זיין טרוים. דאָס איז געבליבן די צוואה פאַר די שפּעטערדיקע דורות לערער, שרייבערס און קולטור־טוערס.

דאָס אומגעקומענע שולוועזן פון דער ציישאָ האָט געהאַט צענדליקער אַנשטאַלטן און אויסגאַבעס אויפן נאָמען פון י. ל. פּרץ. צום הונדערטסטן געבוירנטאָג פון י. ל. פּרץ האָבן אין די פאַרייניקטע שטאַטן און אין אַנדערע לענדער — צענדליקער און צענדליקער יידישע שולן אָנגענומען פייערלעך דעם נאָמען — י. ל. פּרץ.

י. דינעזאָן.

עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלן דינעזאָנס געמיט־צושטאַנד נאָך פּרצס טויט. אין אַ רירנדן בריוו, געשריבן צו ש. אַנסקין, זאָגט ער: „איך שעם זיך, וואָס איך לעב נאָך, בעת ער, דער וואָס איז גאַנצע אַכט און צוואַנציק יאָר געווען דער קוואַל פון מיין לעבן, לעבט שוין נישט מער, און באַלעבט נישט מער מיין גייסט און נשמה ווי אַלעמאָל פריער בעת ער האָט נאָך געלעבט... דאָס האַרץ מיינס, וואָס האָט מיט אַזוי פיל ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט אַזוי פיל יאָרן געפילט און פולסירט פאַר אים, פילט אים נאָך איצט אַ לעבעדיקן אין זיך, און בענקט נאָך אים ווי נאָך אַ לעבעדיקן..."

און עס איז נאַטירלעך, וואָס דינעזאָן האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער שול־באַוועגונג, וועלכע האָט איצט געהאַלטן אין אײַן וואַקסן. דאָ האָט

ער געפֿונען א טרייסט אין זיין טראַגעדיע, דאָ האָט ער פֿאַרגעזעצט פּרצס צוואה. אין א בריוו, געשריבן צו מ. שאַליטן עטלעכע וואָכן פֿאַר זיין טויט (דינעזאָן איז געשטאָרבן דעם 30־טן אויגוסט 1919), זאָגט ער: „איך בין די לעצטע יאָרן אַזוי ווייט אָפּגעריסן פֿון מיין שרייבטיש, אַז איך האָב פּשוט קיין צייט און קיין כוח נישט זיך צוריקצוזעצן לעבן אים. מיינע קינדער־היימען און שולן, און נאָך אַלערליי געזעלשאַפֿטלעכע ענינים, ארויפֿ־געוואָרפֿענע און אַליין ארויפֿגעפֿאַלענע אויף מיר, נעמען מיר צו נישט נאָר מיין צייט, אָבער אויך מיין האַרץ און מוח...“ און ווירקלעך, במשך די יאָרן 1915־1919 איז דינעזאָן געוואָרן די צענטראַלע פֿיגור אין דער שול־אַרבעט פֿון וואַרשע און שפּעטער אויך פֿון פּוילן.

סוף 1915. אין וואַרשע פֿונקציאָנירן שוין דריי קינדער־היימען אין דער יידישער שפּראַך. דינעזאָן איז זייער קוראַטאָר. ער באַמיט זיך צו שאַפֿן די נויטיקע מיטלען. אַליין באַליבט און אַן אריינגייער אין רייכערע יידישע הייזער, ציט דינעזאָן אריין אָט די עלעמענטן אין דער הילפֿס־אַר־בעט. אָבער די נויט אין שטאָט איז אומגעהייער גרויס. דינעזאָן איז ממש פֿאַרצווייפֿלט. ער שרייבט א בריוו צו שלום אַש קיין ניו־יאָרק:

„...איך בין אויפֿזעער איבער דריי קינדער־היימען, דאָרט געפֿינען זיך 600 קינדער, וועלכע האָבן נישט קיין עלטערן און נישט קיין הילף אחוץ מיינע. איר ווייסט, אַז דיזע קינדער־היימען האָט געגרינדעט אונד־זער אומפֿאַרגעסלעכער י. ל. פּרץ, און זיי טראָגן אויך זיין נאָמען. איידער די דייטשן זענען אריינגעקומען קיין וואַרשע, האָט אונדז פּעטערבורג אויס־געהאַלטן. איצט האָבן מיר קיינעם נישט. די וואַרשעווער יידישע געמיינדע וויל אונדז נישט שטיצן. איך וויים נישט, וואָס איך זאָל טאָן. איך האָב זיך געווענדעט מיט אַן אויפֿרוף פֿאַר הילף צו די אַמעריקאַנער הילפֿס־קאָמיטעטן. איך וויים אָבער נישט, אויב מיין אויפֿרוף האָט זיי דערגרייכט. איך ווענד זיך דעריבער צו אייך, צו רייזענען און צו די אַנדערע יידישע שריפֿטשטעלער, איר זאָלט אַלעס מעגלעכעס טאָן און זאָלט דורך דער יידי־שער פּרעסע רופֿן צו העלפֿן די הונגעריקע היימלאָזע קינדער, וועלכע גע־פֿינען זיך אין די קינדער־היימען אויף גענשא גאַס נומ׳ 7. די לאַגע פֿון די קינדער איז אומבאַשרייבלעך, און איך האָף אַז די ברידער אין אַמערי־קע וועלן הערן דאָס וויינעשריי פֿון די קליינע יידישע קינדער“.

אָט אַזוי איז אויף דעם שטילן באַשיידענעם דינעזאָנען אויסגעפֿאַלן די גרויסע שליחות צו ווערן דער מליץ יושר און שליח ציבור פֿון דער נייער שול־באַוועגונג. די שולן זענען געווען אידייאיש, יידישיסטישע; דאָס יידישע בירגערטום האָט זיי נישט סובל געווען, און דינעזאָנען איז אויסגעקומען זיך צו שטעלן אין צענטער פֿון אָט דעם אידייאישן קאַמף. שוין ביי די ערשטע טריט האָט דינעזאָן איבערגעלעבט א דערשיטערנ־

דיקע אנטוויקלונג אין דער אַזוי־גערופענער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. ניִשט נאָר האָט מען קיין הילף ניט צוגעטראָגן זיינע קינדער און זייערע היימען, נאָר מען האָט זיך נאָך געפּלייסט אַרויסצורייסן דעם אָרעמען ביסן פון זייער מויל...

אויפן ציטירטן בריף איז באַלד געקומען אַן ענטפער. שלום אַש האָט אויף דער נאָענטער פאָלקסהילף־קאָנפערענץ אין ניו־יאָרק פאָרגעשלאָגן אי־בערצושיקן קיין ווארשע פאַר דינעזאָנס יידישע קינדערהיימען 20 טויזנט דאָלער. די קאָנפערענץ האָט דאָס אָנגענומען, אָבער... דאָס געלט איז צו דינעזאָנען ניט אָנגעקומען. ווי אַזוי איז דאָס געשען? מיר ווען דאָס איבערגעבן מיט די ווערטער פון ה. ד. נאָמבערג, וועלכער איז אַרויס מיט אַ שאַרפן פּראָטעסט אינעם „ווארשעווער טאָגבלאַט" פונעם 25־טן פעברואר 1916:

„צום סוף פון פאַרגאַנגענעם יאָר איז פון אַמעריקע צוגעשיקט גע־וואָרן אַ סומע פון 20 טויזנט דאָלער, און ס'איז בפירוש געזאָגט געוואָרן, אַז דאָס געלט ווערט צוגעשיקט פאַר די קינדער־היימען פון דינעזאָנס טיפּ, ד"ה ניט פאַר אַסימילאַטאָרישע, ניט פאַר העברעיסטישע, נאָר פאַר די יידישע. דאָס געלט, דורכגייענדיק די הענט פון „הילפספאַריין"... איז פאַרכאַפּט געוואָרן אויף אַנדערע צוועקן. דאָס געלט געפינט זיך איצט אין רשות פון אַ קאָמיסיע וואָס באַשטייט האַלב פון ציוניסטן (ה' פאַרבשטיין און דר. קלומעל) און האַלב אַסימילאַטאָרן, וואָס האָט אַ) ניט דינעזאָנען ניט וועמען פון זיינע קינדער־היימען אַפילו ניט צו וויסן געגעבן וועגן דעם גאַנצן ענין; ב) האָט בכיוון געהאַלטן די זאַך בסוד פון דינעזאָנען און פון דער עפנטלעכקייט; ג) און ענדלעך, באַשטימט די גאַנצע סומע צו פאַר־טיילן צווישן אַלע ווארשעווער קינדער, אָנהויבנדיק פון תלמוד־תורהס ביז צו בית־יתומים, אויף עסן און אָנטאָן, ניט אויף לערע... אין דער צייט ווען דער אינהאַלט פון סימאָנס*) בריוו איז שוין געווען באַקאַנט דעם ה' פאַרבשטיין, איז דינעזאָנען אויסגעקומען צו זיין ביי אים און צו בעטן (אויב ניט צו בעטלען) ביי אים הילף פאַר די קינדער־היימען. ה' פאַרב־שטיין האָט דינעזאָנען קיין וואָרט ניט געזאָגט, אַז פאַר זיינע קינדער־היימען איז אָנגעקומען געלט פון אַמעריקע".

אַט אַזוי איז דינעזאָנען באַשערט געווען צו ווערן דער טאַטע פון די יידישע שולן און קינדערהיימען, אויסצושטיין דעם געזעלשאַפטלעכן קאַמף

---

*) דער פאָרזיצער פון דייטשן „הילפספאַריין"; אין בריוו איז געווען בפירוש געזאָגט, אַז די 20 טויזנט דאָלער זענען באַשטימט „פאַר שולן ענטשפּרעכנד די דינעזאָן־שולן". — ח. ש. ק.

פאַר זיי. שפּעטער האָט דער פּיפּלס-רעליעף-קאָמיטעט ארויסגעשיקט אַנ־דערע 10 טויזנט דאָלער אויפן נאָמען פון דינעזאָן, מעדעם, רייכמאַן, און מיט דעם איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פאַר דעם באַרימט-געוואָרענעם „דינעזאָן-קאָמיטעט". נאָך שפּעטער האָט זיך דער דאָזיקער קאָמיטעט פאַרוואַנדלט אין אַ צענטראַלן „דינעזאָן-שול-קאָמיטעט" (צ.ד.ש.ק.), און דאָס איז געווען די התחלה פון דער צענטראַליזירונג פון דער גאַנצער שול־באַוועגונג, וועלכע האָט זיך סטיכיש פאַנאַנדערגעוואַקסן איבער גאַנץ פּוילן. אַלס פּאַרזיצער און קאַסירער פון דינעזאָן-קאָמיטעט איז אויסגעוויילט גע־וואָרן דינענזאָן גופא.

אָבער עס וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען, אַז דינעזאָן האָט געהאַט אין זינען נאָר די פילאַנטראָפּישע זייט פון די קינדער-אינסטיטוציעס. זאָרגנדיק פאַרן גוף פון קינד, האָט ער אויך געדענקט וועגן דער נשמה פון קינד און וועגן פרצם גייסט, וועלכער איז אויסגעשפּרייט אויף די שולן און קינדער-היימען. שוין ביי די ערשטע טריט איז געווען צו מערקן די שמחה פון דינעזאָנען, ווען ער האָט דערהערט די יידישע קינדער זינגען לידלעך אויף יידיש און לייענען און שרייבן אויף יידיש. דינעזאָנס ווערטער זע־נען געווען: אַמאָל אין שטעטל האָט אפילו יעדע פרוי געקענט לייענען און שרייבן יידיש. די יידישע אַריסטאָקראַטן, די פּני האָבן קאַליע געמאַכט די יידן... אַריינפירן העברעיש אין שול — דאָס איז אַן אויסטראַכטע־ניש פון די „ארץ-ישראל"-לערער. ווען שרהלע און יאָסעלע וועלן אָנהויבן ריידן העברעיש, וועלן זיי אויפהערן צו זיין דאָס, וואָס זיי זענען, וועלן זיי פאַרלירן דעם גאַנצן חן. ווי קען שרהלע אויסדריקן דאָס, וואָס זי וויל, אין העברעיש?

דער סענטימענטאַלער דינעזאָן, וועלכער האָט זיך שוין אין זיינע לי־טעראַרישע ווערק ארויסגעוויזן פאַרן גרויסן קינדער-פריינד, האָט געהאַט אַן אינטימע באַציונג צום „קליינעם מענטש". ער האָט שטענדיק געזען דאָס לעבעדיקע קינד: ווי אַזוי פילן זיך שרהלע-משהלע, צי זענען זיי זאַט, אָנגעטאָן, צי פילן זיי זיך גוט, קרימען זיך חלילה נישט. ער האָט געקענט יעדעס קינד. ער פלעגט זיך שפּילן מיט די קינדער, אָפטמאָל אַריינגיין אין ראָד, זיך נעמען פאַר די הענטלעך, גיין מיט די קינדער אַ טאַנץ. ער האָט געדענקט דאָס קינד, וואָס איז נעכטן אומעטיק געווען, און אויב היינט איז עס שוין פריילעך געוואָרן, איז עס ביי אים געווען אַן אמתע שמחה. ער האָט די קינדער געלערנט, ווי אַזוי צו טראָגן דאָס היטעלע, ווי אויס־צוזען שיין, ריין. ער פלעגט העלפן מאַכן קרענצלעך, מיצלעך פאַר די קינ־דער-שפּילערייען, און צו די לערער פלעגט ער טענהן: „לאָזט צורו מיט אייער פּעדאַגאָגיק, זעט אַז די קינדער זאָלן זיין ריין און זאַט און צופרידן

— דאָס איז די בעסטע פּעדאַגאָגיק. אַז זיי וועלן זיין צופרידן, וועלן זיי שוין גוט לערנען. איך האָב קיין פּעדאַגאָגיק נישט געלערנט, אָבער איך פאַרשטיי, אַז דאָס איז די בעסטע פּעדאַגאָגיק".

דינעזאָן איז געווען אַ גוטער מבין אויך אויף די לערער און אויף די לערן־ביכער. האָט אַ לערערין גערעדט אַ שלעכטן נישט־נאַטירלעכן יידיש, נישט קיין פאָלקסטימלעכן יידיש — האָט דינעזאָן שטאַרק מקפּיד געווען אויף דעם: איך בין איר מוחל איר פּעדאַגאָגיק, זאָל זי בעסער רעדן יידיש ווי איר מאַמע האָט גערעדט... און נאָך איינס: מען דאַרף פאַר די קינדער נייע ביכלעך, דערציילונגען; די איצטיקע כרעסטאָמאַטיעס טויגן נישט; מען דאַרף גוטע לידלעך, אַנדערע מאַטעריאַלן, פון דעם איז אַ סך אָפּהענגיק. „אַ סך פון אונדז פאַרשטייען נישט, אַז אויך גייסטיק טאָר מען נישט שפּייזן די קינדער מיט מיסט! אַ פערד דאַרף מען אויך געבן ריינע וואַסער!". האָט ער געזען, אַז די קינדער האָבן פּעולות אין לערנען, איז ער אַליין יינגער געוואָרן, נייעם מוט באַקומען: „פאַרוואָס האָט פּרץ נישט דערלעבט צו האָבן נחת פון די נייע בלומען?"...

אַמאָל פלעגט ער נעמען אַ וואָרט אויף אַ זיצונג וועגן פּראָגראַם־ענינים, און געבן פּראַקטישע עצות ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן די שול, אוועק־שטעלן זי ווי געהעריק, און שטענדיק איז ער ארויסגעגאַנגען פון דער נאַטור פון לעבעדיקן, קאָנקרעטן קינד. ווען פּרץ האָט געלעבט, פלעגט ער עס נישט טאָן, כמעט זיך נישט געמישט אין אינעווייניקסטע ענינים, געוואַרט — וואָס פּרץ זאָגט. אָבער נאָך פּרצס טויט איז ער געוואָרן אַנדערש, גע־וואָרן בכלל אַקטיווער און אויך אידייאישער. עס האָט געהייסן: ער פאַרטרעט פּרצן... און ער פלעגט אָפט זאָגן: עס איז נישט אין פּרצס גייסט, פּרץ וואָלט עס נישט געדולדעט, איר פאַרשטייט נישט פּרצן...

די קינדער־היימען האָבן זיך אין שולן פאַרוואַנדלט. ווו נעמט מען פאַר זיי פּאַסיקע לאָקאַלן? דאָס איז יעמאָלט געווען אַ שווערער ענין. די־נעזאָן איז ארומגעגאַנגען צו זיינע פריינד און באַקאַנטע הויז־בעלי־בתים און זיי איינגערעדט, זיי זאָלן פאַרדינגען די לאָקאַלן פאַר די שולן. אויך ביי זיין שוועסטער האָט ער געפּועלט, זי זאָל פאַרדינגען אַ וווינונג פאַר אַ יידישער שול. דאָ אין הויז (קאַרמעליצקאַ 29) האָט אויך דינעזאָן געהאַט זיין צימער — שפּעטער איז דאָס געוואָרן דאָס צימער פונעם דינעזאָן־קאָמיטעט, און גאַנץ פּוילן האָט געקענט דאָס חדר. פלעגט דינעזאָן מיט שטאָלץ זאָגן וועגן דער שול, וואָס איז געווען אין שכנות מיט זיין צי־מער: „איך האָב אַן אייגענע שול, ווו צו גיין דאַוונען. איך בין גליקלעך, איך זע ווי מענטשן שטעלן זיך אָפּ און הערן זיך איין אין געזאַנג. עס איז אַן אמתע פרייד..."

און דינעזאָן האָט זיין שכר באַקומען נאָך ביים לעבן. די קינדער האָבן אים ליב געהאַט, זיי פּלעגן זיך וואַרפן אויף אים, אַרומרינגלען און רופן: לערער דינעזאָן. פאַר אים איז דאָס געווען אַ הייליקער נאָמען. אויך די דערוואַקסענע, סיי די מאַמעס פון די קינדער סיי די טוער און די גאַנצע געזעלשאַפט — אַלע האָבן זיך צו אים באַצויגן נישט נאָר מיט דרך ארץ, נאָר אויך מיט אויפריכטיקער ליבע. מעדעם פלעגט אין זיין אָפּוועזנהייט אים ברענגען אַלס ביישפּיל פון אידעאַליזם: מיר גיבן דינעזאָנען אָפּ וויניק כבוד, ער פאַרדינט אַ סך מער. און ווען דינעזאָן איז געשטאָרבן, האָט מעדעם געשריבן: „טייער און ליב איז מיר געווען דער מענטש. אָט יענער קליינער אַלטיטשקער מיט זיינע ווייסע האָר, מיט זיין שטילער שטים, מיט זיין זיסער „ווילנער" אויסשפּראַך, מיט זיין ליבן שמייכל, מיט זיינע האַרציקע רייד; און דאָס טייערסטע, דער גרעסטער אוצר: יענע שיינע, ריינע, איינגאַרטיקע נשמה וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט און אָפּגעשלאָגן אין די אַלע אויסערלעכע שטריכן... און מיר וועלן איינאָטעמען אין זיך די שטילע ריינע איידלקייט און טראָגן זי אין אונדזערע נשמות פון דור צו דור..."

אָט דאָס נשמהדיקע, איידעלע האָט אויך די יידיש־וועלטלעכע שול איינגעאָטעמט אין זיך — די מתנה פון יעקב דינעזאָן.

וולאַדימיר מעדעם.

עס איז געווען אַ נאַטירלעכע זאַך, אַז דער וואָס איז געווען דער באַגרינדער און פאַרעדיקער פון דער קולטור־נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע אין „בונד", זאָל זיין אויך אַ הייסער אָנהענגער און פאַרעדיקער פון דער שול אויף דער מוטער־שפּראַך פון די קינדער און פון איר פולער אָנערקענונג דורך דער מלוכה. נאָך אין 1910, אין די בונדישע „צייטפראַגן" (נומ' 3־4) אין זיין אַרטיקל „נאַציאָנאַליזם אָדער נייטראַליזם", איז מעדעם אַרויסגעטראָטן שאַרף און אויסדריקלעך קעגן די וואָס באַרעכטיקן די כלומרשטע „פרייע אַסימילאַציע", און ער זאָגט: „פרייע אַסימילאַציע אין דעם בוכשטעבלעכן זין פונעם וואָרט איז נישטאָ. אָן דער ווירקונג פון די אַרומיקע באַדינגונגען אַסימילירט זיך נישט קיין שום נאַציע". ער שטרייכט אונטער די נויטיקייט און מעגלעכקייט צו קעמפן קעגן אַלע מיני ווירקונגען „וועלכע שטרעבן דורך דירעקטן אָדער אומדירעקטן צוואַנג צו אָפּרייסן דעם אינדיווידואום פון זיין אייגענער נאַציאָנאַלער סביבה". ער רעכנט דערביי אויס פאַרשידענע פאָרמען פון אַזאַ אומדירעקטן נאַציאָנאַלן דרוק: „ווען אַ נאַציע האָט נישט איר נאַציאָנאַלע שול און די קינדער מוזן באַזוכן פרעמדע שולן, אָדער ווען די רעכט פון דער מוטערשפּראַך ווערן נישט גענוג גע־

שיצט, אַזוי אַז מען מוז באַנוצן אַן אַנדער שפּראַך; אָדער ווען עס פעלן נאַציאָנאַלע אַנשטאַלטן און דאָס צווינגט זיך צו ווענדן צו פרעמדע". און אַז עס גייט װעגן באַפרידיקן די קולטור־באַדערפעניש פון די יידישע מאַסן פון הײַנט — איז מעדעמס פּאָזיציע אַוודאי אומדערשיטערלעך און גרונט־באַפעסטיקט. „מיר זעען — זאָגט ער — די מאַסן האָבן קולטורעלע אינ־טערעסן, די מאַסן דאַרפן אַ שול — אַ נאַציאָנאַלע שול, שטרעבן מיר זיי דאָס צו געבן; די מאַסן דאַרפן די מוטער־שפּראַך אין דעם געזעלשאַפט־לעכן און פּאָליטישן לעבן, שטרעבן מיר זיי צו שיצן די רעכט פון דער דאָזיקער שפּראַך און דערשלאָגן זיך, מע זאָל זי אָנערקענען (נישט נאָר אין פּאָליטישן זין, נאָר אויך אין דער יידישער סביבה גופא)".

מען מוז אָבער פּאָרט געדענקען, אַז פאַר מעדעמען, פּונקט ווי פאַר אַלע פירער פון „בונד" און פּונקט ווי פאַר אַלע דעמאָלטיקע יידישיסטן, איז די דאָזיקע שול לכתחילה געווען אַן אַבסטראַקציע, אַ זאַך פון לעתיד לבוא, און נישט קיין פּראַקטישער, לעבעדיקער ענין. אפילו פאַר דער באַ־קאַנטער לערער־קאָנפערענץ אין ווילנע, 1907, וועלכע האָט זיך געענדיקט מיט דעם ארעסט פון אַלע אָנטיילנעמער, און מיט איר פאַרזעצונג אין דער לוקישקער טורמע, איז אויך דער ענין פאָלקשול מער געווען אַ זאַך פון פּאָליטישע פאָדערונגען און אידעישער פּראָפּאַגאַנדע, איידער פון פּראַקטישער בויונג. מאַרק ליבער און די אַנדערע טוער פון „בונד", וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דער דאָזיקער קאָנפערענץ, זענען טאַקע געווען די רעפּרעזענטאַנטן פון אָט דעם פּאָליטישן געדאַנק און לאָזונג. די פּראַקטיק איז דאַמאָלסט געווען זייער ווייט פון אָט דעם לאָזונג.

ערשט ווען מעדעם איז אין יאָר 1915 אַרויס פון תפיסה און זיך צו־זאַמענגעשטויסן מיט דער יידישער ווירקלעכקייט אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע, האָט זיך פאַר אים אַזוי ווי פאַר אַלע בונדיסטן, אַזוי ווי פאַר דער גאַנצער יידישער מאַסע, די שול אוועקגעשטעלט ווי אַ פּראַקטישע פּראָבלעם. און פון די ערשטע טריט איז מעדעמס באַציונג אַזאַ פּרינצי־פּיעל־קלאָרע און פּראַקטיש־אַנטשיידענע, אַז אין אַ גרויסער מאָס האָט ער פאַרויס באַשטימט די ווייטערדיקע האַנדלונג פון גאַנצן „בונד" אין פּוילן אויפן געביט פון שול און קולטור, אין משך פון דער ווייטערדיקער געשיכטע פון אומאָפּהענגיקן פּוילן.

און נישט נאָר די שול ווערט אַ ענין פון מעדעמס אומאויפהערלע־כער זאָרג, נאָר אויך אַלע פּראַקטישע פראַגן פון יידישער שפּראַך און קולטור. אין אַלץ דרינגט אַרײַן זיין טיפער בליק, אַלץ נעמט ער אַרום מיט ליבע און אויפמערקזאַמקייט. מעדעם ווערט דער בויער און אידעישער פּאַ־טער פון אַלע אונטערנעמונגען און פּלענער אויפן געביט פון דער יידיש־

וועלטלעכער שול און קולטור. און אלץ באהויכט ער מיט זיין אויפריכ־טיקייט, אידעאליסטישקייט, ריינקייט און שיינקייט, וועלכע האבן געהאלפן שאפן די לעגענדע וולאדימיר מעדעם.

אויגוסט, 1915. אין לאקאל פון יידישן לערער־פאריין ווערט גערופן א בעראטונג וועגן די שול־פראבלעמען, וואס שטייען פאר דער יידישער געזעלשאפטלעכקייט. עס איז די צייט פון אנהויב דייטשער אקופאציע. די יידישע מאסע האט אינסטינקטיוו דערפילט, אז איצט איז געקומען די צייט צו בויען א שול אין דעם לשון פון פאלק. די דייטשן לאזן זיך קנעלן, אין אייניקע ערטער זענען שוין געוויסע עקספערימענטן געמאכט.

עס איז א קאנפערענץ פון אלע פארשטייער פון דער יידישער גע־זעלשאפט. פארשטייט זיך, אז די ציוניסטן פרווון באהערשן די קאנפע־רענץ, דער ציוניסט אבא אלשוואנגער ווערט אויסגעקליבן פארן פארזיצער פון דער קאנפערענץ. דער „בונד" איז נאך נישט קיין לעגאלע פארטיי, און דעריבער דערשיינט אויף דער קאנפערענץ א דעלעגאציע נישט פון „בונד", נאר פון דער צענטראלע פון די פראפעסיאנעלע פאריינען, מיט וועלכע דער „בונד" האט אנגעפירט. בראש פון אט דער דעלעגאציע געפינט זיך וו. מעדעם. עס איז געווען גאר אינגיכן נאך מעדעמס באפרייונג פון תפיסה, זיין פיזישער צושטאנד איז געווען זייער א שוואכער. גרויס איז געווען די סענסאציע פון מעדעמס ארויסטריט אויף דער קאנפערענץ. דאס איז גע־ווען די ערשטע רעדע זיינע אויף יידיש, און דערמיט האט ער שוין דע־מאנסטרירט די נייע סיטואציע, וועלכע האט זיך געשאפן אויף דער יידי־שער גאס: יידיש איז געווארן אן ענין פון דער עפנטלעכקייט, די שול און די רעכט פון יידיש זענען געבונדן, פאר יידישער שפראך און קולטור עפע־נען זיך נייע פערספעקטיוון, און ווער עס איז געטריי די אינטערעסן פון די יידישע מאסן — פאר דעם איז א שול אויף יידיש און די עפנטלעכע אנערקענונג פון דער יידישער שפראך איינע און די זעלבע פראגע.

מעדעם האט זיך פארשריבן צום ווארט אונטער א פרעמדן נאמען. זיין ארויסטריט האט געמאכט א קאלאסאלן רושם. מען האט זיך פאר־אינטערעסירט מיטן ריכטיקן נאמען פונם רעדנער.

עס איז זיך לייכט פארצושטעלן די איבערראשונג פון אלע באטיי־ליקטע אין דער קאנפערענץ, ווען זיי האבן זיך דערוווסט, אז די איינ־דרוקפולע רעדע אין יידיש האט דאס געהאלטן דער „גוי" מעדעם... צען מינוט האט ער גערעדט, אבער אין די געציילטע מינוטן איז געווען קלאר און פעסט פארמולירט די שטעלונג פון „בונד" און פון דער יידישער אר־בעטערשאפט צו דער שול־פראגע. מעדעם האט געפאדערט, אז די קאנפע־רענץ זאל זיך אפזאגן פון צוויי־שפראכיקייט, ער האט פארטיידיקט דעם

פרינציפּ פון מוטערשפּראַך, ער איז שטאַרק אַרויסגעטראָטן קעגן יעטוועדער פּשרה אויף דעם געביט. יידיש און וועלטלעכקייט — אָט די צוויי פּרינציפּן, וועלכע זענען שפּעטער געוואָרן דער יסוד פון דער ציש"אָ־שול, זענען דעמאָלט קלאָר פאָרמולירט געוואָרן דורך מעדעמען. ס'איז געווען די ערשטע עפנטלעכע דעקלאַראַציע פון דער נייער יידישער שול. עס אַנטוויקלט זיך אינגיכן אַ גרויסאַרטיקע קאַמפּאַניע פאַר דער יידישער שול. אין אייניקע שטעט ווערן געזאַמלט פּעטיציע־אונטערשריפטן אין די צענדליקער טויזנטער אויף צו דערלאַנגען דער דייטשער אָקופּאַציע־מאַכט. מען מוז די דייטשן זאָגן קלאָר און איינפאַך, וואָס פאַר אַ שול ווילן האָבן די יידן פאַר זייערע קינדער. לויטן פּלאַן פון די דייטשן דאַרף עס זיין אַ שול אין דער דייטשער שפּראַך. מעדעם האָט געעפנט דאָס ערשטע בלעטל פון דער שפּעטערדיקער געשיכטע פון 25 יאָר ציש"אָ, פון 25 יאָר שול־באַוועגונג און שול־קאַמף. אין דער בונדישער וואָכן־צייטונג „לעבנספראַגן" האָט פון דעמאָלט אָן מעדעם נישט איין מאָל אויפגעהויבן זיין אויטאָריטעטע שטים פאַר דער נייער שול. ווערטער פון גרויסן ענטוזיאַזם האָט מעדעם דאָ געשריבן, ווערטער, וואָס זענען שפּעטער נישט איינמאָל איבערגעדרוקט געוואָרן אין דער ליטעראַטור פון דער ציש"אָ. ווערטער, וואָס האָבן געלויכטן ווי אַ העלער שטערן און באַשיינט דעם דערנער־וועג פון דער יידיש־וועלטלעכער שול און אירע לערער.

*

* *

אַ יאָר שפּעטער. די נייע שול האָט זיך אַנטוויקלט. אין וואַרשע זענען שוין טעטיק י. ל. פּרצס קינדערהיים און די בונדישע גראָסער־קינדערהיים, און ביי די דאָזיקע קינדערהיימען ווערט שוין אַוועקגעלייגט אַ יסוד פאַר נאָרמאַלע פאָלקשולן. מעדעם ווייזט אַרויס דעם לעבעדיקסטן אינטערעס צו די אַנשטאַלטן. ער באַאיינפלוסט די סקעפּטיקער אין די אייגענע בונדישע רייען, און פּונקט ווי פּרץ אין זיין קינדערהיים אַזוי קומט אויך מעדעם אין דער גראָסער־קינדערהיים און ער פאַרברענגט מיט די קינדער. די לערערין תרצה קאָפּעלאָוויטש־באַכראַך, וועלכע האָט שפּעטער אין דעם זשורנאַל פון ציש"אָ „שולוועגן" באַשריבן די געשיכטע פון די ערשטע קינדערהיימען אין וואַרשע, דערציילט מיט גרויס באַגייסטערונג, ווי אַזוי מעדעם „האָט לאַנג פאַרבראַכט מיט די קינדער, מיט וועלכע ער האָט געפונען אַ געמיינזאַמע שפּראַך". און געווען זענען דאָך דאָס נאָר קליינוואַרג פון קינדער־גאָרטן־עלטער, קינדער הונגעריקע און מלחמה־פאַרוואָרלאָזטע, מיטן אמתן וואַרשעווער אַקצענט, — און עס איז אַזוי שווער געווען מיט זיי זיך צוזאַמענרעדן.

פארשטייט זיך, אז אויך העברעאיסטישע און סתם פילאנטראָפּישע לערן־אנשטאַלטן ווערן געעפנט אין דער זעלבער צייט אין ווארשע. אויך אויף דער פּראָווינץ, בעיקר אין ווילנע און אין ביאַליסטאָק, האָבן זיך געעפנט אנ־שטאַלטן אין דער יידישער שפּראַך. עס ווערט צוביסלעך א שול־באַוועגונג און אָט געשעט די אויבנדערמאָנטע געשיכטע מיט די 20 טויזנט דאָלער פאַר די קינדער־היימען פון דינעזאָן־טיפּ, — די יידישיסטישע אנשטאַלטן גיט מען נישט קיין געלט. די זאַך קומט אַרויס אין דער עפנטלעכקייט. מעדעם רעאַגירט אין די „לעבנספראגן”. נאָמבערג און דינעזאָן גייען אַרויס אין דער פּרעסע מיט אַן אָפענעם בריוו, זיי אָפּעלירן צו דעם דעמאָקראַטישן טייל פון דער יידישער אמעריקע, און אויך דאָ אין לאַנד הייבט זיך אויף א באַוועגונג אַרום דעם ענין. די דאָזיקע באַוועגונג האָט טאַקע שפּעטער געפירט צו דער גרינדונג פון דעם פּיפּלס רעליף. מען דערציילט, אז שלום אַש איז געקומען צום דזשאָינט אויף א זיצונג, געקלאַפּט אין טיש און געפאָדערט גערעכטיקייט פאַר דעם נייעם טיפּ שולן, וועלכע האָבן געטראָגן אויף זיך דעם אָטעם פון פּרצן, דינעזאָנען, נאָמבערגן און וולאַדימיר מע־דעמען. עס איז נישט אַזוי לייכט געווען צו איבערצייגן די דאַמאָלסטיקע טוער פון דזשאָינט, בפרט נאָך זיי איינערדן שיקן געלט אויפן נאָמען פון א יידישן שרייבער, זאָל עס אפילו זיין נאָמבערג אָדער דינעזאָן. איז גע־פונען געוואָרן דער גליקלעכער אויסוועג, און עס זענען געשיקט געוואָרן די ערשטע צען טויזנט דאָלאַר אויפן נאָמען פון דריי מענטשן: דינעזאָן, רייכמאַן (פּועלי־ציוניסט) און וולאַדימיר מעדעם. אַזוי איז געשאַפן גע־וואָרן די ערשטע אָרגאַניזאַציע פונם נייעם שולוועזן, דער באַרימטער די־נעזאָן־מעדעם־רייכמאַן־קאָמיטעט. שפּעטער איז אַרום דעם דאָזיקן קאָמי־טעט אויסגעבילדעט געוואָרן א בייראַט און אַן אויספיר־קאָלעגיע, א פּרע־זידיום. און דאָס איז טאַקע געווען דער יסוד פון דער שפּעטערדיקער ציש״אָ (געגרינדעט אויפן שול־צוזאַמענפאָר פון גאַנצן לאַנד אין יולי 1921).

אָנפאַנג 1916 מאַכט מעדעם א ווענדונג צו דער יידישער סאָציאַליס־טישער פעדעראַציע אין אמעריקע און צו די דאָרטיקע סימפּאַטיקער פון „בונד” בכלל. מעדעם בעט מאַטעריעלע שטיצע פאַר דער ניי־אויפגעשטעל־טער באַוועגונג אין פּוילן, אונטער דער דאַמאָלסטיקער דייטשער אָקופּאַ־ציע, און ער שרייבט צווישן אַנדערן: „פאַר אונדז שטייט א נייע, אַן אוי־סעראָרדענטלעך־וויכטיקע אויפגאַבע — צו גרינדן מוסטער־שולן פאַר די יידישע אַרבעטער־קינדער, ווו דער יונגער דור זאָל ענדלעך באַקומען די מעגלעכקייט געלערנט צו ווערן אין זיין מוטערשפּראַך און דערצויגן ווערן לויט די פאָדערונגען פון דער מאָדערנער פּעדאַגאָגיק... גיט אונדז די מיטלען וואָס פעלן אונדז! אין א שווערער און ערנסטער צייט ווענדן מיר

זיך צו אייך, ברידער און פריינד, העלפט אונדז". נאָך איז מעדעמס צו־גאַנג פּאַרזיכטיק און באַשיידן: ער רעדט וועגן „מוסטער־שולן". די בי־טערע אָקופּאַציע־באַדינגונגען גיבן נישט דעם מוט צו רעדן וועגן אַ נאַר־מאַלער שולנעץ אין יידיש פאַר די קינדער פון דער יידישער פאָלקסמאַסע. אָבער עס זענען אַוועק געציילטע חדשים, און מעדעם איז שוין בראש פון דער גראַנדיעזער פּעטיציע־קאַמפּאַניע צו דער דייטשער מאַכט וועגן אַ נאָר־מאַלער שול אויף יידיש. און נאָך מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער פירט שוין מעדעם אָן מיט דער אַרבעט פונעם דינעזאָן־קאָמיטעט.

עס הייבט זיך אָן אַ נייער פּעריאָד פון גרויער טאָג־טעגלעכער, פּראַק־טישער אַרבעט און זאָרג. אָבער מעדעם ווייסט נישט קיין אונטערשייד צווישן גרויס־אַרבעט, ווי פּאָליטישע פּראָפּאַגאַנדע און אידייאישע קאַמפּן פאַר דער שול, — אָדער קליין־אַרבעט. פאַר אים איז קיין שום אַרבעט נישט צו קליין. אַלץ פאַרנעמט זיין אויפמערקזאַמקייט: פּעקלעך פאַר דער קיך, בעטלעך און קאָלדרעס פאַר די זומער־קאָלאָניעס, שפּייז־פּראָדוקטן פאַר די קינדער, לערער־פּערסאָנאַל, לערנביכער און לייענביכער פאַר די קינדער, — אַלץ, אַלץ אינטערעסירט אים. דאָס זענען געווען די ערשטע שריט פון דער נייער שול־באַוועגונג. מעדעם איז געווען פאַראַנטוואָרט־לעך פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע איז געגאַנגען באַרג אַרויף. ער האָט געהאַט אויף זיינע הענט אַ ציַיטונג, ער איז דאָ געווען דער וואָרט־זאָגער און פירער. אָבער דאָס אַלץ האָט אים נישט געשטערט אויסצופירן באמונה שלמה אַלע זיינע פונקציעס אין דעם מעדעם־דינעזאָן־רייכמאַן־קאָמיטעט, וועלכער איז ביסלעכווייז פון אַ געלט־פאַרטיילונג־קאָמיטעט גע־וואָרן דער קערן פון אַ צוקונפטיקער שול־אָרגאַניזאַציע.

די צאָל שולן פאַרגרעסערט זיך, פאַרשידענע ריכטונגען בויען איי־גענע אַנשטאַלטן. מען מוז קאָאָרדינירן די אַרבעט, פאַראיינהייטלעכן די אידעישע יסודות. און עס קומט צו די גרויסע זאָרג וועגן לערנביכער און וועגן לערער. מעדעם לייענט מאַנוסקריפּטן, ער פירט אַליין פאַרהאַנדלונ־גען מיט לערער. און נישט איין לערערין האָט אין יענער צייט געמאַכט אַ גרויסע קאַריערע און געקריגן פּירסום, ווייל מעדעם איז ביי איר אויף אַ לעקציע געווען און ער האָט אַ גוטע מיינונג אַרויסגעזאָגט וועגן איר אַרבעט. אַזאַ לערערין איז יאָרן־לאַנג אַרומגעגאַנגען אַ גליקלעכע און גע־נאָסן פון איר קאַפּיטאַל, וועלכן מעדעם אַליין האָט איר איינגעשאַפן.

אין 1917 ווערט געגרינדעט דער „שולבוך". דאָס איז געווען אַ צווישן־פּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט געהאַט איין ציל: שאַפן פאַר דער שול און פאַר די קינדער פּאַסיקע לערן - און לייען־ליטעראַטור. די איניציאַטיווו פון „שולבוך" האָט געהערט דעם באַקאַנטן לערער און

פיאָנער פון דער יידישער קינדער־ליטעראַטור, דעם אידעאַליסט און יידי־שיסט מרדכי בירנבוים.

מעדעם איז אויך דאָ אַקטיוו אויף אַלע הונדערט פראָצענט. און ווען עס ווערט אויסגעטיילט פון „שולבוך" אַן אָרטאָגראַפישע קאָמיסיע, זיצט אויך דאָ מעדעם און לאָזט נישט דורך קיין איין זיצונג. עס זיצן אין דער אָרטאָגראַפישער קאָמיסיע ד. לייבל, נ. פרילוצקי, י. מ. ווייסענבערג, מ. בירנבוים, ש. מענדעלסאָן, ש. גילינסקי א״אַ. עס גייען דאָ גרויסע שלאַכטן מיט די עקסטרעמיסטן, וועלכע זענען שטאַרק אָנגעשטעקט מיט די נייע שטימונגען פון רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד. מעדעם האָט אַ קלאָרע און פעס־טע שטעלונג אין די אַלע פראָבלעמען, ער טענהט: וואָס ווייניקער אָרטאָ־גראַפישע ענדערונגען. ער באַווייזט די ענגע פאַרבינדונג צווישן אָרטאָ־גראַפיע און דיאַלעקטן, ער פאַרטיידיקט אפילו דעם שטומען „עין", רופנ־דיק נישט צו פרימיטיווירן די יידישע פאָנעטיק, זייענדיק איבערצייגט, אַז יעדער אות מאַכט רייכער די שפּראַך און אירע דיאַלעקטן. מאַכט נישט אָרעמער די יידישע שפּראַך, מאַכט נישט אָרעמער אירע קלאַנגען! — וואָרנט ער כסדר מיט גרויס ברען. און נישט ווייניקער איז זיין ענטוזיאַזם און געטריישאַפט צו די העברעישע עלעמענטן אין יידיש, אַרום וועלכע עס צעפלאַקערט זיך אַ גאַר גרויסער קאַמף. מיט טעאָרעטישע מאָטיוון און מיט מאָטיוון פון פּראַקטישער קולטור־פּאָליטיק פאַרטיידיקט ער די העב־רעיזמען, און אַזוי בלייבט ער זיי געטריי ביזן סאַמע סוף פון זיינע טעג.

*

* *

מעדעמס קוק אויף די פּראָבלעמען פון דער יידישער שול און קול־טור איז געווען אַ סך ברייטער און פרייער, ווי ביי אַ סך אַנדערע בונדיסטן. עס איז איצט געווען דער באַרג־אַרויף פון דער אַר־בעטער־באַוועגונג אין דער וועלט, אויך די בונדישע באַוועגונג האָט זיך אַלץ מער דורכגעדרונגען מיט שטימונגען פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף און פאַרמעסט; די פּאַרטיי איז געשטאַנען אין אַ שאַרפן קאַמף מיט די אַנ־דערע יידישע פּאָליטישע ריכטונגען, וועלכע האָבן זיך געריסן צו דער יידישער גאַס כדי צו ווערן דאָרט אַ וויכטיקער פאַקטאָר; איז דעריבער פאַרשטענדלעך, אַז נישט יעדן אָנגעזעענעם טוער אין דער באַוועגונג איז געלעגן איצט אין קאָפּ צו בויען שולן, אַרויסגעבן לערנביכער אאז״וו. חוץ דעם איז דער ענין בכלל געווען אַ נייער, און אייניקע בונדיסטן האָבן זיך באַצויגן סקעפּטיש צו דער בוונג פון לערן - און דערציונג־אַנשטאַלטן אויף די אייגענע אָרעמע מיטלען פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט; אַנדע־רע ווידער האָבן זיך באַצויגן נעגאַטיוו צו דעם ענין פון זיצן אין איין

שול־אָרגאַניזאַציע מיט אַנדערע פּאַרטייען, און אוודאי — מיט אַזעלכע קליינבירגערלעכע טוער, ווי דאָס זענען געווען די פּאָלקיסטן. האָט דעריבער וו. מעדעם, אַחוץ אַלעמען, געהאַט אַ שווער לייענען אין זיינע אייגענע רייען. און אים איז אויסגעקומען דאָ צו באַקעמפן שעדלעכע שטאַנדפּונקטן, אַגיטירן און באַגייסטערן די אומאַנטשלאָסענע.

און אָט איז געקומען אַ מאָמענט, ווען די פּאַרטיי פאָלגט נישט מע־דעמען, און ער מוז זיך יאָ אונטערוואַרפן דער פּאַרטיי־דיסציפּלין. עס איז געקומען פון דער פאָלקס־פּאַרטיי אַ פּאָרשלאָג צונויפצורופן אַ גרויסע קול־טור־קאָנפערענץ. מעדעם איז געווען דערפאַר, אַז דער „בונד" זאָל זיך באַטייליקן אין אַזאַ קאָנפערענץ, און ער האָט פאַר דעם געפירט אַ ברייטע קאַמפּאַניע אין די רייען פון דער בונדישער מיטגלידערשאַפט. ווען עס איז אָבער געקומען צום ציילן די שטימען, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דער אָנפירנדיקער קערפּערשאַפט פון וואַרשעווער „בונד" האָט מעדעמס שטאַנד־פּונקט געהאַט אַ מינדערהייט. די פּאַרטיי האָט באַשלאָסן נישט צו גיין אויף דער קאָנפערענץ.

וולאַדימיר מעדעם איז די גאַנצע צייט אָנוועזנד געווען אויף דער קאָנפערענץ, אָבער — נאָר ביים פּרעסע־טיש. שפּעטער האָט ער פאַרעפנט־לעכט אַ צאָל אַרטיקלען אין די „לעבנספראַגן" איבער דער קאָנפערענץ און אירע פּראָבלעמען.

דערפאַר האָט זיך מעדעם אַלץ מער אויסגעלעבט אין דעם „דינעזאָן־קאָמיטעט". דאָ האָט זיך אָנגעשלאָסן אַלץ אַ גרעסערע צאָל שולן, עס זע־נען אויך איינגעשטעלט געוואָרן רעגולערע פאַרבינדונגען מיט דער ווייַ־טערער פּראָווינץ. די אַרבעט דאָ האָט זיך אַלץ מער פאַרצווייגט. אָט האָט דער דאָזיקער קאָמיטעט אַליין באַשלאָסן אַרויסצוגעבן קינדער־ליטעראַטור. צו דעם צוועק איז אויסגעטיילט געוואָרן אַ באַזונדערע רעדאַקציע, און אויך מעדעם גייט אַריין אין דער דאָזיקער רעדאַקציע. ער רעדאַקטירט, פּאַסט צו פּרצס „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" פאַר די קינדער פון די שולן. ער גיט אָפּ אַ סך שעהן אָט דער פּראַקטישער אַרבעט — מיט אַ בלייפע־דער אין האַנט. און די דאָזיקע אַרבעט פאַרשאַפט אים פיל פרייד און באַ־פרידיקונג.

אַ גאַר גרויסע איבערלעבונג איז געווען פאַר מעדעמען, ווען ער איז שפּעטער מיט אַ צייט געקומען קיין ווילנע און ער איז געווען דער גאַסט פון דער יידישער גימנאַזיע פון צ. ב. ק. מעדעם האָט דאָ פאַרבראַכט אַ גאַנצן טאָג, און ער איז אָנוועזנד געווען אויף פאַרשידענע לעקציעס: ער האָט געהערט, ווי מען לערנט די געשיכטע פון די קרייץ־צוגן און מען דערקלערט און מען באַלייכט די גאַנצע געשעעניש אויף אַ מאַרקסיסטישן

אופן; ער האָט געזען ווי מען לערנט אַלגעבּרע און געאָמעטריע אויף דער יידישער שפּראַך. מעדעם איז פון דעם אַלעם געווען אמת באַגייסטערט. און ווען ער איז געקומען צוריק קיין ווארשע, האָט ער פארעפנטלעכט איי־נעם פון זיינע באַרימטע געוואָרענע אַרטיקלען, פול מיט ליבּ־געזאַנגען פאַר דער נייער שול און אירע וואַגענישן. עס איז געווען אַ פלאַמיקער רוף צו בויען ווייטער די נייע שול פאַר די קינדער פון די פאָלקסמאַסן, און עס איז געווען אַ רוף צו קומען צו דער ניי־אַנטשטאַנענער פּוילישער מלוכה מיט פאָדערונגען פון אָנערקענען און אויסהאַלטן די שול אויף דער מו־טערשפּראַך פון די קינדער.

מעדעם באַקומט גרויס אינטערעס צום פּראָבלעם פון נייער טערמי־נאָלאָגיע, אין וועלכער די שול נויטיקט זיך אַזוי שטאַרק אויף אַלע געביטן פון די לימודים, איבערהויפּט די מיטלשול. און מעדעם גייט אַריין אין דער טערמינאָלאָגישער קאָמיסיע, וועלכע ווערט אויסגעבּילדעט אין וואַר־שע; ער אַרבּעט אין דער קאָמיסיע און באַזוכט מיט דער גרעסטער התמדה אַלע אירע זיצונגען.

די אַרבּעט פונעם „דינעזאָן־קאָמיטעט” צעוואַקסט זיך אַלץ מער, און אַט ווערט אין 1919 צוגעגרייט אַ שול־אויסשטעלונג, וועלכע דאַרף שוין ווייזן די רעזולטאַטן פון די עטלעכע יאָר אַרבּעט פון דער נייער שול. מעדעם גייט אַריין אין דעם אויסשטעלונג־קאָמיטעט, ער באַטראַכט יעדן עקספּאָנאַט, ער ווייזט אָן ווו וואָס אויפצוהענגען, ער באַקוקט יעדעס ווינ־קעלע. ער לעבּט אַ שטיק צייט מיט דער אויסשטעלונג.

און אָט עפנט דער „דינעזאָן־קאָמיטעט” לערער־קורסן, 150 צוהערער פאַרשרייבּן זיך אויף די קורסן. עס איז אַ נייע וואַגונג און דערגרייכונג. מעדעם עפנט די קורסן מיט גרויס ענטוזיאַזם, ער איז אַקטיוו אין דער אָרגאַניזאַציע פון די קורסן. זיין עפענונגס־רעדע ווערט אַן ענין פון לאַנגע באַהאַנדלונגען אין דער גאַנצער יידישער פּרעסע. און געזאָגט האָט מעדעם אין דער דאָזיקער רעדע אַזוי: אויף דעם וואַרשעווער בית־עולם געפינען זיך נישט ווייט איינס פון דאָס אַנדערע צוויי קברים — פון י. ל. פּרץ און פון יאַנעק יאַנקעלעוויטש, דעם יונג־פאַרשטאָרבענעם בונדישן אַרבּע־טער־טוער. יידישע אַרבּעטער קומען אויפן בית־עולם, באַזוכן זיי גלייכצייטיק ביידע קברים. אין דעם סינטעז פון יידישיזם און בונדיזם, פון יידי־שער קולטור און אַרבּעטער־באַוועגונג — האָט מעדעם געזען די פּערס־פּעקטיוון פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער נייער באַוועגונג. דאָס איז געבּליבּן מעדעמס צוואה פאַר אונדזער דור.

ש. מענדעלסאָן איז געווען איינער פון די דירעקטאָרן פון די לערער־קורסן פון דינעזאָן־קאָמיטעט. דערציילט ער וועגן דער עפענונג פון די

קורסן: „אַ פולער זאַל, 130 צוהערער, געסט איינגעלאַדענע. מעדעם רעדט: אויפן בית עולם ליגן איינס לעבן אַנדערן — יאַנעק, פּרץ, דינעזאָן, אַ סימבאָל. נישטאָ קיין אַרבעטער־באַוועגונג אָן קולטור, קונסט. ביידע זענען זיי געווען די גרינדער פון דער שול־באַוועגונג. נאָענט געבונדן זענען די צוויי כוחות. מען לייענט די ערשטע לעקציעס. מעדעם, אַ צעשטראַלטער, שרייט מיט ברען: „עפּעס גרויסעס שאַפט זיך, מיר וואַקסן". און מיט אַ ברענגענדיקן ליבע־בליק און דריקן פון דער האַנט — באַשענקט ער די אָרגאַניזאַטאָרן פון די קורסן. באַלד נאָך דעם אַ זיצונג פון קאָמיטעט. און מעדעם זאָגט: „די פאַראַנטוואָרטלעכקייט אונדזערע וואַקסט". ס'פילט זיך, אַז ער טראָגט אַן עול, וויל אַלע איינשפּאַנען, און זיך פריער פאַר אַלע".

מעדעם האָט דערלעבט צו דעם, אַז די צאָל שולן און קינדער־היימען, וואָס זענען געווען אונטער דער אָנפירונג פון די בונדישע טוער און אָרגאַניזאַציעס, איז געוואָרן אַזוי גרויס, אַז עס האָט זיך געפאָדערט זיי צו פאַראייניקן און צענטראַליזירן. אין מאַי 1920 קומט פאָר די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון דער בונדישער שול־געזעלשאַפט „אונדזערע קינדער", וועלכע איז נאָך גרויסע שוועריקייטן לעגאַליזירט געוואָרן ביי דער מאַכט. מעדעם האַלט די עפענונגס־רעדע, און מיר זעען פאַר זיך אַ פירער מיט אַ גרויסן פּאָליטישן און פּעדאַגאָגישן פאַרנעם. מעדעם זאָגט צום בונדישן עולם:

„די גאַנצע לאַסט פון דער יידישער שול־אַרבעט פאַלט אינגאַנצן אויף דער פּריוואַטער געזעלשאַפטלעכער איניציאַטיוו. די מלוכה און די זעלבסטפאַרוואַלטונג־אָרגאַנען זאָרגן נישט פאַר אונדזערע שולן. מיר מוזן טאָן אַלץ אַליין. ס'איז אַ גוואַלדיק גרויסע אויפגאַבע. מיר מוזן שאַפן אַ מאַטעריעלן יסוד פאַר דעם שולוועזן (ווייל מען קאָן נישט און מען טאָר נישט לעבן תמיד פון אַמעריקאַנער נדבות). מיר מוזן שאַפן אַ נייעם טיפּ פון דער יידישער וועלטלעכער שול מיט אַ סאָציאַליסטישן קאָליר; מיר מוזן אויסאַרבעטן די אַנטשפּרעכנדע לערן־פּראָגראַמען און לערן־מעטאָדן. מיר מוזן צוגרייטן דעם נייטיקן פּעדאַגאָגישן פּערסאָנאַל און דערצו זענען נייטיק לערער־קורסן, אַ לערער־סעמינאַר; מיר דאַרפן האָבן לערנביכער, פּעדאַגאָגישע ליטעראַטור.

דאָס איז אַ גוואַלדיק גרויסע אַרבעט. דאָס איז נישט אַזאַ אויפגאַבע, וואָס זאָל קענען אויסגעפירט ווערן מיט די כוחות פון איין פּאַרטיי. ביי דער גרויסער אָרעמקייט פון קולטורעלע כוחות, קען די אַרבעט אויסגעפירט ווערן אין אַן אמת ברייטן מאסשטאַב

נאָר דעמאָלט, ווען מען וועט צונויפזאַמלען די אַלע, וואָס קענען זיך צונויפקומען אויף אַ געמיינזאַמער פּלאַטפאָרם.

... מיר האָבן אַ פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע, אַ פּראָפעסיאָנעלע, אַ קאָאָפּעראַטיווע. דאָס שול־געביט פאַרמאָגט נישט עד היום אַזאַ אָרגאַניזאַציע, און עס איז אַ גוואַלדיקע עוולה, ווייל דאָס דאָזיקע געביט איז נישט ווייניקער, אפשר נאָך מער וויכטיק ווי די אַנדערע געביטן. עס האַנדלט זיך וועגן דעם יונגן דור, וועגן אונדזער צו־קונפט, וועגן אונדזער האָפענונג".

מעדעמס שטעלונג צו די פּראָבלעמען פון דער נייער שול־באַוועגונג איז געווען אַ ברייטע, אַ פּערספּעקטיוו־פולע.

„איך בין אַליין — האָט ער געשריבן — אַ פּאַרטיי־מענטש, איך בין אַן אַנטשידענער אָנהענגער פון פּאַרטייאישקייט און פּאַרטיי־פּאַטריאָטיזם. איך האַלט אָבער, אַז די פּאַרטייאישקייט מוז האָבן אירע גרענעצן, איר נאָרמאַלע מאָס און געביט. די פּאָליטיק איז דאָך נאָר אַ טייל פון דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. די זעלבע פּאַרטייאישקייט, וואָס איז אַב־סאָלוט נייטיק אויפן פּאָליטישן געביט, פאַרוואַנדלט זיך אָפטמאָל אין אַ דירעקטער מניעה, ווען זי ווערט אָנגעווענדט דאָרטן וואו זי איז בעצם נישט אויפן אָרט. פּונקט אַזוי ווי ס'איז אַן אַבסורד צו שאַפן אַן אומ־פּאַרטייאישע וואַל־ליסטע צו פּאַרלאַמענט־וואַלן, פּונקט אַזאַ אומזין איז אַ פּאַרטייאישע קינדערהיים"...

„מיר מוזן זען אַריינצולאָזן אַ ביסל פרישע לופט אין אונדזערע אינסטיטוציעס, און אגב מוז מען צוציען ברייטערע קרייזן פון טוערם — סיי פּאַרטיי־מיטגלידער, סיי סימפּאַטיקער, סיי אומפּאַרטייאישע וועלכע שטייען פון דער ווייטנס, וועלכע ווערן ממש אָפּגעשטויסן פון דער אַרבעט דורך דער שמאָלער פּאַרטייאישקייט. מען דאַרף געדענקען, אַז מיר זענען זייער אָרעם אין קרעפטן און יעדער מענטש איז וויכטיק און נייטיק".

„מיר זענען נישט קיין קלויז און נישט קיין קרייזל; מוזן מיר זיך טאַקע פירן אַזוי ווי עס פאָדערן די באַדערפענישן פון אַ ברייטער מאַסן־אַרבעט, ווי עס פאָדערט די קאָלאָסאַלע אויפגאַבע וואָס שטייט פאַר אונדז און וואַרט אויף איר לייזונג" *).

אין משך פון די ווייטערדיקע יאָרן האָבן זיך די טוער פון אַלע יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען דורכגעדרונגען מיט אָט די געדאַנקען וועלכע זענען אַזוי קלאָר פאָרמולירט געוואָרן דורך מעדעמען שוין ביי

---

*) ציטירט לויט ג. פלודערמאַכער: אַ פאַרגעסענע צוואה (צום 9־טן יאָרצייט פון וו. מעדעם) „ליטעראַרישע בלעטער", נר' 4, 1931.

די ערשטע טריט פונעם שולוועזן. די שפּעטערדיקע צישאָ איז טאַקע געווען אַ פּאַראייניקונג נישט נאָר פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וועלכע האָבן באַטראַכט די שול־אַרבעט ווי איינע פון זייערע וויכטיקסטע פּראָבלעמען; די צישאָ האָט אויך אַרומגענומען אַלע דעמאָקראַטיש־ראַדיקאַלע שיכטן, זי איז געוואָרן אַ פעדעראַציע פון אַלע לעבעדיקע אַקטיווע כוחות אויפן שול־געביט.

מעדעמס געדאַנקען אַנטהאַלטן אין זיך אַלע יסודות, אויף וועלכע עס איז שפּעטער מיט אַזאַ פּאַרנעם און דערפאָלג אויסגעבויט געוואָרן די צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע (צישאָ). ווי אַן אמתער פירער פון דער פּאַרטיי און פון דער אַרבעטער־באַוועגונג האָט ער אָנגעמערקט אַלע פּראָבלעמען פון דער שול און דער שול־באַוועגונג, וועלכע האָבן שפּעטער באַשעפטיקט די צענטראַלע שול־אָרגאַניזאַציע.

פּאָליטישע קלוגשאַפט, געוואַגטער פּאַרנעם, פּערזענלעכע אחריות און אָרגאַניזאַציאָנעלע דערפאַרונג האָבן זיך אויף אַ גליקלעכן אופן פּאַראייניקט אין מעדעמען: „קיינער האָט נישט אַרויסגעוויזן — האָט געשריבן דער ערשטער סעקרעטאַר פון דינעזאָן־קאָמיטעט, יעקב קלעפּפיש (דער פאָטער פון דעם העלד פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, מיכאל קלעפּפיש) — אַזוי פיל ערנסטהאַפטיקייט, אַזאַ אומבאַגרענעצטע טרייהייט און מסירת־נפשדיקע איבערגעבנקייט צו דער שול־אַרבעט, ווי מעדעם. ביי מעדעמען איז די באַציאונג צו דער יידישער שול געווען אַ גאַנץ אַנדערע ווי ביי אַלע איבעריקע שול־טוער פון יענער צייט... יאָ, ריינע אינערלעכע ליבע אָן שום פּניות, אָן אויסרעכענונגען, אָן פּאַרוואָס און צוליב וואָס, ליבע צו דער שפּראַך, צום קלאַנג פון יידישן וואָרט — אָט וואו ס'איז געווען דער קוואַל, וואָס האָט באַפרוכפּערט מעדעמס אַרבעט פאַר דער יידישער שול. עפּעס אַ מין אַטאַוויסטישע בענקשאַפט און ליבשאַפט צו דער שפּראַך פון די יידישע מאַסן... האָט זיך קאָנצענטרירט און געפונען איר אויסדרוק און פאַרקערפּערונג אין דער פּערזאָן פון דעם דאָזיקן אמתן גר צדק. דערין איז געלעגן דער כוח פון זיין אייגנאַרטיקער מעדעמשער באַציאונג צו דער יידישער שול...”

„דער ווילן אויפצוהויבן די יידישע אַרבעטער־מאַסע מיט איר אייגענער שפּראַך צו דער העכער מדרגה פון קולטור, אויף וועלכער ער אַליין איז געשטאַנען, דאָס איז געווען די טרייב־קראַפט צו זיין אַרבעט פאַר דער יידישער שול. דערפון האָט זיך אויך גענומען די טרייקייט, די אחריות־פולע ערנסטקייט און יראת הכבוד מיט וועלכע ער האָט זיך צו דער אַרבעט באַצויגן. און די השפּעה פון מעדעמס באַציאונג צו דער שול־אַרבעט האָט געווירקט אויף דער גאַנצער סביבה, די שטראַלן פון זיין ליבשאַפט צו דער

ארבעט האָבן באַלויכטן, באַגייסטערט און באַצויבערט אַלע די וואָס זענען געקומען מיט אים אין באַרירונג אויף דעם דאָזיקן געביט. דערפון האָט זיך גענומען די ערנסטקייט, דער יראת הכבוד צו דער שול־אַרבעט, מיט וועלכער עס צייכנט זיך אויס אין דער געשיכטע פון יידישן שול־וועזן אין פוילן דער „מעדעם־פעריאָד"*).

מעדעמס פּאָליטישע קלוגשאַפט און אינטימע ליבע־באַציאונג צו דער שול — האָבן אויסגעטראָטן אַ וועג פאַר דער שפּעטערדיקער גלענצנדיקער עפּאָכע פון דער עקזיסטענץ פון דער ציש״אָ און פאַר דער גרויסער ראָלע, וואָס דער „בונד" האָט אין איר געשפּילט. מעדעם איז שפּעטער געווען אַ מוסטער פאַר דעם ערשטן פּאָרזיצער פון דער ציש״אָ, ביינוש מיכאַלע־וויטש. מעדעמס אַקטיווער אָנטייל אין דער נייער שול־באַוועגונג האָט גע־פונען אויך אַן אָפּקלאַנג אין אוקראַינע, וואוהין עס האָט איניקן דער־גרייכט די אינפאָרמאַציע וועגן דער שול־באַוועגונג אין פּוילן. און ווען מעדעם האָט באַשלאָסן סוף 1920 אָפּצופאָרן קיין אַמעריקע, האָט ער גע־קענט זיין רואיק: זיין שטעלונג אין דער שול־פראַגע און קולטור־בויאונג האָט געזיגט, עס איז שוין אויסגעוואַקסן אַ גרויסע צאָל בונדישע טוער, וועלכע זענען געווען גרייט אָפּצוגעבן זייער גאַנצע ענערגיע דעם נייעם צווייג פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. די שול, די יידישע קולטור־אַרבעט בכלל — האָבן זיך איינגעגלידערט אין דער גאַנצער יידישער אַר־בעטער־באַוועגונג און אין מעדעמס פּאַרטיי, און געוואָרן פון איר אַן אָר־גאַנישער טייל.

דער נאָמען פון וולאַדימיר מעדעם איז אויף אייביק געבליבן באַהאָפטן מיט דער נייער שול. און די ציש״אָ האָט שפּעטער אָפּגעצאָלט איר חוב דעם איניקן פאַרשטאָרבענעם אין אַמעריקע מעדעם: זי האָט אָנגערופן די קרוין פון איר אַרבעט, דעם לערער־סעמינאַר אין ווילנע, אויף דעם נאָמען פון וו. מעדעם, פּונקט ווי עס איז געגעבן געוואָרן דער זעלבער נאָמען דער שפּעטער וועלט־באַרימטער מעדעם־סאַנאַטאָריע אין מעדזעשין.

מעדעמס קורצער אָנטייל אין דער בויאונג פון דער יידיש־וועלטלעכער שול האָט געטראָגן אויף זיך אַלע סימנים פון זיין גרויס־אַדלערישקייט און גייסטיקער שיינקייט. מיט אַ שאַרף אויג איז ער אַריינגעדרונגען אין דער צוקונפט, און ער האָט געזען, ער האָט פאָרויסגעפּילט די פאַראַנטוואָרט־

---

*) י. קלעפּפיש „שול און לעבן", „מעדעם דער שולטוער", וואַרשע 1922, נומ׳ 1—2 (20).

לעבע און היסטאָרישע מיסיע, וועלכע די נייע שול האָט געהאַט אויסצו־פירן פאַר די נאָענטע דורות.

און עס איז דער גרויסער שטאָלץ פון דער יידישער שול, וואָס מעדעם איז געווען פון אירע ערשטע בויער און ענטוזיאַסטן. אַזאַ ירושה קען נישט פאַרלוירן גיין אויף לאַנגע, לאַנגע דורות.

* *
*

דריי זענען זיי געווען, וואָס זענען געשטאַנען ביים וויגעלע פון דער שול.

דריי גרויסע דימענטן אין דער קרוין פון דער יידישער וועלטלעכער יידישער שול. יעדערער האָט זיין ירושה געלאָזט דער שול־באַוועגונג.

די קולטור-נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע אין אוקראַינע און די „קולטורליגע".

1917—1918. אוקראַינע מאַכט אַדורך איר אייגענע רעוואָלוציע — פּאַראַלעל מיט דער אַלגעמיינער איבערקערעניש אין גרויסן לאַנד. און אָט דער אוקראַינע, ווי עס דריקט זיך אויס דער ערשטער יידישער מיניסטער ד"ר משה זילבערפאַרב, — „איז באַשערט געווען צו זיין דאָס לאַנד ווו עס איז געמאַכט געוואָרן דער ערשטער פּרווו צו פאַרוואַנדלען די אידעע פון נאַציאָנאַל-פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע — אין אַ פּרינציפּ פון מלוכה-רעכט און אַדמיניסטראַטיווער פּראַקטיק". „איין יאָר סך הכל, שרייבט ער, האָט עקזיסטירט דאָס יידישע מיניסטעריום, און פאַר דעם יאָר אָבער האָט עס זיך אַזוי טיף איינגעוואָרצלט אין יידישן נאַציאָנאַלן לעבן, אַזוי פעסט זיך פאַרבונדן מיט דעם דורך פילפאַכע פעדים". *)

דעם 1-טן יולי 1917 האָט די העכסטע מאַכט פון לאַנד, די צענטראַלע ראַדע, באַשלאָסן צו גרינדן ביים סעקרעטאַריאַט (מיניסטעריום) פאַר צווישן-נאַציאָנאַלע ענינים — דריי וויצע-סעקרעטאַריאַטן: פאַר רוסישע, פוילישע און יידישע ענינים. וויצע-סעקרעטאַר פאַר יידישע ענינים איז באַשטימט געוואָרן מ. זילבערפאַרב. דער וויצע-סעקרעטאַריאַט איז געווען אַן אויטאָנאָמער פולבאַרעכטיקטער רעגירונגס-אָרגאַן. זיין אויפגאַבע איז געווען — „צו שיצן די רעכט פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן פון אוקראַינע און אָפּצוהיטן די אַנטוויקלונגס-פרייהייט פון זייער אינעווייניק-נאַציאָנאַלן לעבן. אויפן געביט פון פאָלקסבילדונג האָט צו דער קאַמפּע-

*) ד"ר מ. זילבערפאַרב — דאָס יידישע מיניסטעריום און די יידישע אויטאָנאָמיע אין אוקראַינע. „יידישער פאָלקספאַרלאַג", קיעוו, 1918. — די צווייטע אויבנגעבראַכטע ציטאַטע איז פון דער הקדמה צו דער צווייטער אויפלאַגע פונעם בוך.

וו. לאצקי

ד"ר משה זילבערפארב

טענץ פון די וויצע־סעקרעטאַריאַטן געהערט „די אָנפירונג פון דער שול־בילדונג פון יעדער נאַציאָנאַלער מינדערהייט". דאָס האָט געמיינט פולע קולטור־אויטאָנאָמיע.

דער יידישער וויצע־סעקרעטאַריאַט איז צוגעטראָטן צו זיין אַרבעט. ער האָט אָרגאַניזירט דריי אָפּטיילונגען: בילדונגס־אָפּטיילונג, קהילה־אָפּטיילונג, אַלגעמיינע קאַנצעלאַריע. פאַרוואַלטער פון דער בילדונגס־אָפּטיילונג איז געווען א. סטראַשון (שטראַשון), וועמעס נאָמען מיר האָבן דערמאָנט אין בוך ביי אַ סך געלעגנהייטן.

אין דער אַרבעטס־פּראָגראַם פון יידישן וויצע־סעקרעטאַריאַט ווערט געזאָגט: „אויפן געביט פון פאָלקסבילדונג שטעלט זיך דער וויצע־סעקרעטאַר די אויפגאַבע צו זאָרגן, אַז די יידישע שולבילדונג און אויסער־שולבילדונג זאָלן שטיין אין הסכם מיט די פאָדערונגען פון דער פּעדאַגאָגיק און פון דער מאָדערנער יידישער און אַלוועלטלעכער קולטור. די יידישע שולנעץ דאַרף זיין גענוג פאַרשפּרייט כדי ס'זאָל קענען בפועל פאַרווירקלעכט ווערן די אַלגעמיינע אַבליגאַטאָרישע פאָלקסבילדונג. דער גרויסער דוחק אין לערער וואָס לאָזט זיך פילן וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער, צווינגט אונדז קודם כל צו גרינדן אַ לערער־אינסטיטוט מיט קורץ־צייטיקע לערער־קורסן ביי אים".

באַלד ביים אָנהייב האָט דער יידישער וויצע־סעקרעטאַר אויסגעפּועלט, אַז מען זאָל פון דער מלוכה־קאַסע אַרויסגעבן אַ הלוואה פון 50 טויזנט רובל — דעם ניי־געשאַפענעם „יידישן דעמאָקראַטישן לערער־פאַרבאַנד" אויף אַרויסצוגעבן לערן־ביכער אויף יידיש, וואָס דאָס איז געווען אַ דרינגענדע פּראָבלעם. שפּעטער האָט דער יידישער וויצע־סעקרעטאַר באַקומען פרישע 500 טויזנט רובל; 370 טויזנט דערפון האָט געדאַרפט גיין אויף לערן־ביכער און 130 טויזנט אויף אַוועקשטעלן אַ יידישע מלוכה־דרוקעריי. אויך אויף די ערטער, דורך די ניי־געשאַפענע דעמאָקראַטישע שטאָטישע און זעמסקע זעלבסטפאַרוואַלטונגען, איז אָנגעגאַנגען אַן אינטענסיווע יידישע שול־אַרבעט; די יידישע שול־טוערס האָבן געהעריק אויסגענוצט די אָרטיקע מוניציפּאַליטעטן און אַריבערגעפירט די עקז סטירנדיקע שולן — אויף דער יידישער שפּראַך. די וואָלינער גובערניאַלע זעמסטווע, למשל, האָט באַשלאָסן צו עפענען אַן אייגענעם יידישן לערער־סעמינאַר.

אין לאַנד האָבן עקזיסטירט אַ סך יידישע גימנאַזיעס; יידיש זענען זיי געווען לויטן תלמידים־באַשטאַנד, אין אַלעם איבריקן זענען זיי געווען רוסיש. ווערן איצט אָנגענומען מיטלען, אַז פון נייעם לערן־יאָר זאָל דאָ יידיש איינגעפירט ווערן ווי אַ לימוד, און די רוסישע שפּראַך ביים לערנען בכלל זאָל פאַרביטן ווערט מיט יידיש. אויך די יידישע „קאַזיאָנע" שולן האָט מען גענומען פאַרוואַנדלען אין אמתע יידישע פאָלקשולן —

אויף יידיש. ביי דער געלעגנהייט איז כדאי צו דערציילן אזא פאקט: דער פירער פונעם מלוכהשן „בילדונגס־קרייז" (פאפיעטשיטיעל אקרוגא) האט אנגעפרעגט די פארוואלטערס פון די קאזיאנע שולן, וואס איז זייער מיינונג וועגן דער געפלאנטער יידישיזירונג פון אט די שולן. האט די גרעסטע צאל פארוואלטערס געענטפערט: לאזן זיי אויף רוסיש... אזוי ווייט איז געגאנגען די פארטעמפטקייט און שקלאפערישקייט פון אט די באאמטע פון דער רוסישער קרוין־שול אז אפילו איצט אין די אומשטענדן פון דער פאלקס־רעוואלוציע, זענען זיי געבליבן טויב פאר די לאזונגען פון א שול אין דער מוטער־שפראך פון יידיש קינד.

נאך דער באלשעוועסטישער איבערקערעניש זענען די באציונגען פון אוקראינע מיט פעטערבורג אין גאנצן איבערגעריסן געווארן. דעם 1־טן נאוועמבער 1917 איז געבילדעט געווארן א נייע זעלבשטענדיקע אוקראינישע רעגירונג. די וויצע־סעקרעטארן פאר נאציאנאלע ענינים זענען געווארן גלייכבארעכטיקטע מיניסטארן. אין קורצן איז פארעפנטלעכט געווארן דער דריטער אוניווערסאל וועלכער האט פראקלאמירט אוקראינע פאר א פאלקס־רעפובליק; פאר די נאציאנאלע מינדערהייטן איז דא אנערקענט געווארן „דאס רעכט אויף א נאציאנאל־פערסאנאלער אויטאנאמיע וואס זאל זיי פארזיכערן דאס רעכט און די פרייהייט פון זעלבסטפארוואלטונג אין זייער נאציאנאלן לעבן". דעם 9־טן יאנואר 1918 איז פארעפנטלעכט געווארן באזונדער „דער געזעץ וועגן דער נאציאנאל־פערסאנאלער אויטאנאמיע".

אוקראינע איז געשטאנען צווישן צוויי פייערן: פון איין זייט דאס דייטשע מיליטער; פון דער צווייטער זייט די באלשעוויקעס וועלכע האבן כסדר געשפארט אויף איר. די נאציאנאליסטיש־שאוויניסטישע שטימונגען אין דער ראדע און אין לאנד זענען דעריבער כסדר געוואקסן, די אנטיסעמיטישע טענדענצן האבן זיך געשטארקט. עס האבן זיך אנגעהויבן פאגראם־ארויסטרעטונגען און די מאכט האט זיך באצויגן צו דעם גלייכגילטיק. מ. זילבערפארב איז געווען געצוווּנגען אנצוגעבן אין דעמיסיע; שפעטער איז אויף זיין ארט באשטימט געווארן פארן יידישן מיניסטער וו. לאצקי.

צום 1־טן יאנואר 1918 האט די צאל יידישע קינדער פון שול־עלטער, לויטן יידישן מיניסטעריום, באטראפן אן ערך 270 טויזנט, אין אלערלייטיפן שולן האבן געלערנט 96 טויזנט, ד"ה 65 פראצענט יידישע קינדער זענען געווען אויסער דער שול (פאקטיש מסתמא — אין די חדרים). חוץ ווינציקע אויסנאמען, האט מען אין אלע שולן געלערנט אויף רוסיש. דער יידישער דעפארטאמענט פאר אנפאנג־שולן האט פאנאנדערגעשיקט

פראגע־בויגנס צו די יידישע קהילות און צו די אָרטיקע מוניציפּאַליטעטן וועגן אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו דער יידישער שול. דער דעפּאַרטאַמענט האָט אויך קאָמאַנדירט אינסטרוקטאָרן אויף די ערטער. ער האָט אויסגע־אַרבעט אַ געזעץ־פּראָיעקט פון אַ לערער־סעמינאַר אין קיעוו און לערער־קורסן אין אַנדערע שטעט. אַלע „קאַזיאָנע" שולן זענען פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין יידישע העברעע אָנפאַנגשולן; עס זענען אָנגענומען געוואָרן מיטלען צו עפענען נייע 16 שולן אין פאַרשידענע שטעט. יענע יידישע גימנאַזיעס וואָס האָבן באַפרידיקט די נויטיקע פאָדערונגען, האָט דער דע־פּאַרטאַמענט געשאָנקען מלוכה־רעכט און ער האָט פּלאַנירט צו עפענען יידישע רעגירונגס־גימנאַזיעס, ווי אויך צו שאַפן מלוכה־קורסן פאַר מיטל־שול־בילדונג.

געווען זענען אויך אין לאַנד 40 אָוונטשולן פאַר יידישער יוגנט, 60 געזעלשאַפטלעכע ביבליאָטעקן. געווען אויך אַ גרויסע נעץ פאַרשול־אינס־טיטוציעס: 54 קינדערהיימען, 14 שפּיל־פּלעצער, 4 קינדער־קלובן, 5 גאָר־קיכן פאַר קינדער. דער דוחק אין געשולטע פּרעבעליסטינס איז געווען גרויס. די אויפגאַבן פונעם יידישן מיניסטעריום זענען געווען קאָלאָסאַל.

עס איז געקומען די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע איבערקערעניש פון העטמאַן, און דעם 8־טן יולי איז אָפּגעשאַפט געוואָרן דאָס געזעץ וועגן נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, און די נאַציאָנאַלע מיניסטעריומס זענען ליק־ווידירט געוואָרן. וואָס ווייטער, ווערט אוקראַינע אַלץ מער פאַרכאַפּט פון אינעווייניקסטן בירגער־קריג און פון פּאָגראָמען אויף יידן. רעאַקציע און אַנטיסעמיטיזם האָט געהערשט אין די קרייזן פון יעדער ווייטערדיקער רעגירונג און אינעם מיליטער. וואָס ווייטער, האָט זיך אַלץ מער יידיש בלוט געגאָסן...

* *
*

די גרויסע אָנשטרענגונגען און דערגרייכונגען אויפן געביט פון יידי־שער אויטאָנאָמיע זענען בטל געוואָרן. אָבער איין מאָל זיך אַרויסגעריסן פון אונטערערד, האָט שוין די קולטור־ענערגיע זיך נישט אָפּגעשטעלט. ווי באַלד עס האָט זיך געשלאָסן דאָס יידישע מיניסטעריום מיט זיין ביק־רונגס־דעפּאַרטאַמענט, האָט די אַקטיווע שעפערישקייט אין דער יידישער שפּראַך געזוכט פאַר זיך אַ נייעם וועג און מעגלעכקייטן. דער דאָזיקער נייער וועג — דאָס איז געווען די געשאַפענע „קולטור־ליגע". זי האָט איבערגענומען דעם גאַנצן פאַרמעגן פון יידישן מיניסטעריום: אַלע שולן, קינדערגערטנער, ביבליאָטעקן, פאָלקסאוניווערסיטעטן, אָוונטשולן, גימנאַ־זיעס, — אַלץ וואָס האָט פונקציאָנירט אין לאַנד אין דער יידישער שפּראַך.

פון אַ מלוכה־אינסטיטוציע האָט די יידישע אויטאָנאָמיע געפּרוווט פאַר־וואַנדלען זיך אין אַ פּריוואַט־ליקער יידישער זעלבספאַרוואַלטונג מיט אייגענער זעלבסט־אויסהאַלטונג.

געשאַפן געוואָרן איז די „קולטור־ליגע״ אין קיעוו אין מאַי 1918, און שוין ביי איר ערשטע טריט האָט זי פאַרמאָגט 25 אָפּטיילונגען אין לאַנד. אַלע טוערס אויף די ערטער האָבן לייכטער אָפּגעעטעמט — זיי זענען נישט אַליין, זי האָבן זיך אויף וועמען אָנצושפּאַרן. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער ק״ל איז באַשטאַנען פון 21 מענטשן: 9 פאַראייניקטע, 7 בונדיסטן, 2 פּועלי ציון, 3 פאָלקס־פּאַרטיי און אומפּאַרטייאישע. דאָ זענען געזעסן אַרבעטער־טוער, לערער, שרייבער, קינסטלער, — אַלע האָבן זיך געפילט פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן גורל פון יידישן וואָרט, יידישער דער־ציונג, יידישער קונסט. אין 7 סעקציעס האָט זיך די „קולטור־ליגע״ פאַר־טיילט: ליטעראַרישע, מוזיקאַלישע, טעאַטער, מאַלעריי און סקולפּטור, פאָלקשולן, פאָרשול־בילדונג, אויסערשול. יעדע סעקציע איז געווען זעלבשטענדיק און האָט זיך מיט אימפּעט אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט. אין גיכן איז צוגעקומען נאָך איין גרויסער געביט: פאַרלאַג און צענטראַלער ביכער־לאַגער. סוף 1918 האָט די ק״ל שוין געהאַט אין לאַנד ביז 120 אָפּטיילונגען. אין קיעוו גופא האָט די ק״ל געהאַט אַ גרויסע נעץ פון אַנשטאַלטן: אַ פאָלקס־אוניווערסיטעט, אַ גימנאַזיע, אַ לערער־סעמינאַר, אַ טעאַטער־און קונסט־סטודיע, אַ מוזיקאַלישע סטודיע. אחוץ דעם האָט צו איר געהערט 12 פאָלקשולן און 4 קינדערגערטנער, — זיי זענען גע־ווען איינגעשלאָסן אין דער נעץ פון דער אָרטיקער שטאָט־פאַרוואַלטונג.

„קולטורליגע״ איז געוואָרן די פרייד און שטאָלץ פון אַלע יידישיס־טישע עלעמענטן אין לאַנד. דאָס איז איצט געווען די וויכטיקסטע קול־טור־אינסטיטוציע פון אוקראַיִנישן יידנטום. דאָ האָט געברויזט די רע־וואָלוציאָנערע שעפערישקייט פון אַ יונגער קולטור און גאָר באַזונדערס פון דער נייער שול. דער „דעמאָקראַטישער לערער פאַרבאַנד״ איז געווען די שולסעקציע פון דער „קולטורליגע״ און האָט אויסגעזען ווי אַן אמתער דעפּאַרטאַמענט פאַר פאָלקשול־בילדונג. דער פּעדאַגאָגישער זשורנאַל „שול און לעבן״, וואָס די סעקציע האָט אַרויסגעגעבן, איז געשטאַנען אויף אַ גרויסער הויך. די נשמה פון דער שול־סעקציע איז געווען שמעון דאָבין (שמעוני). דער נערוו און אינזשיניער פון דער „קולטורליגע״ איז געווען זעליק מלמד. אין צענטראַל־קאָמיטעט פון ק״ל איז געזעסן דאָס שענסטע וואָס די יידישע אינטעליגענץ פון אוקראַיִנע האָט פאַרמאָגט. אין גרעסטן טייל זענען עס געווען די זעלבע וואָס זענען פריער געווען מיטאַרבעטער און באַאַמטע פון יידישן מיניסטעריום.

ווי אַ גרויסער נס און אומבאַגרייפלעכע דערשיינונג האָט אויסגעזען די „קולטורליגע" אין די יאָרן 1918—1920. אין לאַנד האָט געפלאַקערט אַ ביטערער בירגער־קריג; כסדרדיקע איבערקערענישן, טויש פון רעזשי־מען, מאַכט־פאַרכאַפּונגען; ועל כולם יידיש בלוט האָט זיך אָן אויפהער געגאָסן, שווידערלעכע שחיטות אין איינצעלנע שטעט האָבן געמאַכט פאַר־גל ווערן דאָס בלוט; קיעווער יידן האָבן איבערגעלעבט שרעקלעכע צייטן. און דאָ, אונטערן קראַכן פון האַרמאַטן, אונטערן ווייגעשריי פון פּאָגראָ־מירטע יידישע קהילות זענען געשטאַנען איינצעלנע אידעאַליסטן און נישט אַרויסגעלאָזן די פאָן פון דער יידיש־וועלטלעכער קולטור פון זייערע הענט. יידישע באַפעלקערונג האָט געהונגערט, יידישע אינסטיטוציעס זענען גע־זעסן אָן אַ גראָשן — די „קולטורליגע" האָט געפירט איר אַרבעט אָן אָפּשטעל און אין גרויסן פאַרנעם. 283 אַנשטאַלטן זענען איבערן לאַנד געשטאַנען אונטער דער פירערשאַפט פון ק"ל: 42 קינדער־גערטנער, 11 יתומים־הייזער, 63 עלעמענטאַרע שולן, 3 גימנאַזיעס, 9 שפּיל־פּלעצער, 54 ביבליאָטעקן, אַ גרויסע צאָל כאָרן און דראַמאַטישע קרייזן, אָוונט־קורסן, פאָלקס־אוני ווערסיטעטן א"א.

אָבער וואָס מער און ענגער די רויטע אַרמיי האָט אַרומגענומען קיעוו און עס האָט זיך דערנעענטערט דער מאָמענט ווען די באָלשעוויקעס וועלן באַהערשן גאַנץ אוקראַינע; און וואָס מער אַנטיסעמיטיש און ציניש־פּאָ־גראָמיש עס זענען געוואָרן די פירער פון דער אוקראַינער מלוכה; וואָס שטאַרקער עס איז געוואָרן די פּאָזיציע פון דער ראַטנמאַכט אין מאָסק־ווע, — אַלץ שאַרפער האָט זיך אָנגעצייכנט די נייע ליניע אינעם לאַגער פון די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען: פריער יחידים, שפּעטער גאַנצע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך באַקערט צום קאָמוניזם, געוואָרן זיינע געטרייע דינער און אַגענטן. פאַרשטייט זיך, דאָס אַלץ האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף דער ק"ל. ווער פון זיינע מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט האָט זיך אַריבערגעקליבן קיין מאָסקווע (דער ערשטער — מ. ליטוואַקאָוו, דער פאַר־זיצער פון ק"ל); ווער ס'האָט פּשוט פאַרלאָזן די רייען פון די ק"ל־טוערס; און ווער עס איז פאַרבליבן אין ק"ל, כדי איר צו פאַרק־רעווען אויף אַ קאָמוניסטישן וועג... סוף פעברואַר 1919 האָט זיך דער סאָ־וועטן־רעזשים ענדגילטיק פאַרפעסטיקט אין קיעוו. די יעווסעקציע האָט זיך געאיילט אַרויפצולייגן איר לאַפּע אויף דער „קולטורליגע". די פאַר־בליבענע אַנטי־קאָמוניסטישע טוערס פון דער „קולטורליגע" האָבן נאָך געפרוווט אויסדינגען אַזעלכע באַדינגונגען וואָס זאָלן מעגלעך מאַכן די ווייטערדיקע עקזיסטענץ פון דער „קולטורליגע" אונטער דער נייער מאַכט. זיי זענען געווען גרייט אַריינצונעמען אין צענטראַל־קאָמיטעט פון ק"ל אַ

גרעסערע צאָל יידישע קאָמוניסטן, אבי עס זאָל אָנגיין ווייטער די יידישע קולטור־און שול־טעטיקייט. עס האָט אָבער נישט געהאָלפן. מיט א דע־קרעט פון דער סאָוועטישער מאַכט איז די ק״ל דערקלערט געוואָרן פאַר א קאָמוניסטישער קערפּערשאַפט און איר פאַרמעגן איז „נאַציאָנאַליזירט געוואָרן". עס זענען אריינגעשיקט געוואָרן קאָמיסאַרן וועלכע האָבן איי־בערגענומען דעם אַפּאַראַט פון דער ק״ל און אַלע אירע אינסטיטוציעס אין זייערע הענט. דאָס אויספיר־ביוראָ פון דער ק״ל (מ. זילבערפאַרב, יוסף לעשצינסקי, א. ליטוואַק, נ. מייזעל, ז. מלמד, ח. ש. קאזדאַן) האָט זיך אָפּגעזאָגט צו אַרבעטן ווייטער אין דער קאָמוניזירטער ק״ל און זיי האָבן אָרגאַניזירט זייער אַריבערפאָר קיין פּוילן, כדי דאָ ווייטער פאָרצו־זעצן זייער אַרבעט פאַר דער יידישער שפּראַך און קולטור. אין ווארשע האָבן זיי ווידער אויפגעבויט דעם גרויסן פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וועלכער האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זיין טעטיקייט איבער דער גאַרער וועלט. דאָ אין ווארשע איז אויך אויפגעבויט געוואָרן די געזעלשאַפט „קולטור־ליגע" אָבער איר כאַראַקטער און פאַרנעם איז געווען א סך באַשיידענער ווי אין קיעוו.

די אוקראַינער „קולטור־ליגע" איז אונטערגעגאַנגען, אָבער די אידעע פון קולטור־ליגע האָט ווייטער געלעבט. קולטור־ליגעס זענען אַנטשטאַנען אין בעסאַראַביע, אין ליטע און אפילו אין סיביר. קולטור־ליגעס האָבן זיך אויפגעבויט אין ווילנע און אין ביאַליסטאָק, הגם זיי זענען געווען אין גאַנצן אָפּגעריסן פון קיעוו. „קולטור־ליגע" איז אומעטום געווען דער רוף צו קולטור־שעפערישקייט און יידיש־געטריישאַפט, און אומעטום איז זי געווען די פאָרקעמפערין און בויערין פון דער יידיש־וועלטלעכער שול.

די קולטור־ליגע האָט קורץ געלעבט. זי איז אַדורך דעם הימל פון או־קראַינער יידנטום ווי א מעטעאָר. זי האָט אריינגעשריבן א שיין און ראָ־מאַנטיש קאַפּיטל אין דער יידישער קולטור־געשיכטע פון אונדזער צייט.

* *
*

די ירושה פון דער „קולטור־ליגע" אויף אוקראַינע איז געווען אַזוי גרויס און אָנגעזען, דער צויבער פון דער קולטור־אויטאָנאָמיע אונטער דער צענטראַלער ראַדע איז געווען אַזוי פריש, אַז די יידישע קאָמוניסטן אונטערן נייעם סאָוועטישן רעזשים האָבן געמוזט ווייטער אָנהאַלטן די אַרבעט אויפן געביט פון יידישער שול און קולטור. אין דער סאָוועטישער אוקראַינע איז קיין יידישער קאָמיסאַריאַט נישט איינגעשטעלט געוואָרן. די רעכט פון דער יידישער שפּראַך זענען דאָ געווען באַוואָרענט דורכן דעקרעט פון 2־טן אויגוסט 1923 וועגן דער „גלייכבאַרעכטיקונג פון די

שפּראַכן פון אַלע נאַציעס וואָס וווינען אין דער אוקראַינישער ראַטן־רע־פּובליק". קיין אָרגאַניזירטע מלוכהשע פּאַרטרעטערשאַפט און אָנפירער־שאַפט מיט די יידישע נאַציאָנאַלע ענינים איז נישט געווען. די דאָזיקע ראָל האָבן אויסגעפירט די יידישע סעקציעס פון דער קאָמוניסטישער פּאַר־טיי, אָבער אין 1930 זענען אויך די „יידסעקציעס" (יעווסעקציעס) ליק־ווידירט געוואָרן. די שול־און קולטור־אַרבעט האָט זיך געפונען אין די הענט פון די יידישע בילדונגס־ביוראָען ביי די אַלגעמיינע מלוכהשע קאָ־מיסאַריאַטן פון פאָלקסבילדונג. די רעזולטאַטן אויפן געביט פון דער שול זענען לכתחילה געווען גאַנץ היפּשע, אָבער מיט דער ליקווידירונג פון די יידסעקציעס האָט זיך אָנגעהייבן אַן „איבערשאַצונג" פון די ביז איצטי־קע „ווערטן", עס פאַרשטאַרקט זיך די טענדענץ צו נעגירן דעם ווערט פון יידיש פאַר די יונגע דורות, און במשך פון די דרייסיקער יאָר האַלט דאָס יידישע שולוועזן אין איין פאַלן.

אין 1930 איז אין אוקראַינע געווען 831 יידישע שולן מיט העכער 94 טויזנט שילער, אָבער שוין מיט דריי יאָר שפּעטער איז דאָ געווען נאָר 467 יידישע אָנפאַנג־און מיטלשולן, און צוזאַמען מיט אַלע קינדער־גערטנער האָט זיך דעמאָלט גערעכנט 85 טויזנט שילער. אין 1935 איז שוין אין אַלע יידישע שולן פון אוקראַינע געווען 73 טויזנט קינדער, און סוף 1940 — אַרום 50 טויזנט. — אין די יאָרן 1923—1928 זענען דערשינען צענדליקער לערנביכער און לייענביכער פאַר קינדער, ווי אויך פּעדאַגאָגישע ליטעראַטור פאַרן לערער; אַלץ האָט זיך געדרוקט אויפן חשבון פון דער מלוכה און אין די הונדערטער טויזנטער עקזעמפּלאַרן. אין דער יידישער שולנעץ זענען געווען פאָלקשולן פון צוויי קאַטעגאָ־ריעס, ווי אויך מיטלשולן, אינדוסטריעלע און פּעדאַגאָגישע טעכניקומס; עס זענען אויך געווען יידישע אָפּטיילונגען ביי די הויכשולן אין אָדעס, קיעוו, כאַרקאָוו א"א.

אָבער שוין ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה איז געקומען די קאַטאַס־טראָפאַלע ירידה פון דער גאַנצער יידישער קולטור־אַרבעט און באַזונדערס פון דער שול אויף יידיש. די לעצטע מלחמה האָט נאָר פאַרענדיקט דעם דאָזיקן פּראָצעס. און נאָך דער מלחמה איז געקומען די פולשטענדיקע ליקווידאַציע פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור און אַ פּשיטא פון דער גאַנצער שול־אַרבעט. נישט געבליבן קיין סימן פון די יעווסעק־ציעס. נישט געבליבן קיין סימן פון קיין יידישער קולטור.

ח. ש. קאַזדאַן



אַ בריוו פון אַ. שטראַשון צו ש. ניגער, ז. קלמנאָוויטש און ב. דינאַבורג, ווו ער באַשרייבט די אויפטוען פון יידישן מיניסטעריום אין אוקראַינע אין 1918.

ציש״אָ — צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע אין פּוילן.

צו דער טעמע פונעם דאָזיקן בוך געהערט נישט די געשיכטע פון דער ציש״אָ. דער שרייבער פון די שורות האָט די דאָזיקע געשיכטע געגעבן אין זיין בוך „די געשיכטע פון יידישן שולוועזן אין אומאָפּהענגיקן פּוילן" (ש. מענדעלסאָן־פאַרלאַג, מעקסיקע, 1948); זי איז אויך פאַראייביקט אינעם „לערער־יזכור־בוך" (ניו־יאָרק, 1955).

דאָ, ביים סיום פון אונדזער בוך וואָס נעמט אַרום עטלעכע דורות קולטור־קאַמף אויף דער יידישער גאַס, ווילן מיר געבן נאָר אַן אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק פון דער ציש״אָ און פון איר שול־בויונג צווישן ביידע וועלט־מלחמה.

* *
*

אין חודש יולי 1921 איז די ציש״אָ געגרינדעט געוואָרן אין וואַרשע. אַ קינד פונעם יידישן מאַסן־לעבן אין פּוילן, איז די ציש״אָ אונטערגעגאַנגען צוזאַמען מיטן פּוילישן יידנטום. פאַר די קורצע יאָרן פונעם אומאָפּהענגיקן פּוילן האָט די ציש״אָ געליטן פון רדיפות און נגישות, געטראָגן דעם עול פון פאַרפאָלגונגען — צוגלייך מיט דער גאַנצער יידישער מאַסע. איין גורל האָט זיי פאַראייניקט אין לעבן, איין גורל אין טויט און אומקום.

די ציש״אָ איז געווען איינער פון די גרעסטע שעפערישע עקספּערימענטן פונעם פּוילישן יידנטום. איר געבורט איז געווען אַן אָנזאָג, אַז די תקופה פון כאַאָס אין דער דערציִונג פון די אונטערוואַקסנדיקע דורות איז געענדיקט, עס קומט אַן עפּאָכע פון באַוווסטזיניקער נאַציאָנאַלער שול־בויונג, אַן עפּאָכע פון אַקטיווער פאָלקס־שעפערישקייט אויפן געביט פון שול און דערציִונג. און די ציש״אָ איז געוואָרן אַ גרויסער פאַקטאָר פון יידישן קולטור־לעבן און אַ מוסטער פאַר קולטור־און שול־טעטיקייט אין דער יידישער שפּראַך.

דער גרויסער ציש״אָ־בנין האָט אַרומגענומען איבער 20 טויזנט קינ־דער וואָס האָבן באַקומען אַ פולע נאָרמאַלע שול־בילדונג אין דער יידישער שפּראַך. העכער הונדערט פאַלקשולן און קינדער־גערטנער, עטלעכע גימנאַ־זיעס (מיטלשולן), צוויי לערער־סעמינאַרן, אַ נעץ פון אָוונטשולן — דאָס איז געווען די שול־סיסטעם פון דער ציש״אָ. אַלע אירע אינסטיטוציעס — קאָנטראָלירט פון דער שולמאַכט, מיט אַ פולן אַנטשפּרעכנדיקן קורס פון דער מלוכה־שול, — און אַלע געפירט אין אייגענעם גייסט פון דערציונג און אין דער יידישער שפּראַך. די ציש״אָ האָט געהאַט אַ פּעדאַגאָגישן זשור־נאַל, אַן אויסגאַבע פאַר עלטערן, אַ זשורנאַל פאַר די קינדער. די ציש״אָ האָט געפירט פילצאָליקע און פאַרשידנאַרטיקע לערער־קורסן און לערער־קאָנ־פערענצן, וואָס האָבן אָן אויפהער געאַרבעט איבער דער פאַרבעסערונג און צופאַסונג פון די פּראָגראַמען און מעטאָדן. די רעזולטאַטן פון דער שול־אַרבעט און פון דער קינדער־דערציונג האָט די ציש״אָ דעמאָנסטרירט אויף הונדערטער שול־אונטערנעמונגען און דערפאָלגרייכע אויסשטעלונגען. די ציש״אָ האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע נעץ פון זומער־קאָלאָניעס און אַפּרו־פלע־צער פאַר די שול־קינדער — בראש מיט דער באַקאַנטער מעדעם־סאַנאַטאָ־ריע וועלכע איז געווען טעטיק אַ קיילעכדיק יאָר און געגעבן הייל־פּעדאַגאָ־גישע הילף און אויפזיכט פאַר הונדערטער קינדער.

אומגעהויער אָנגעשטרענגט און פאַרצווייגט איז געווען די אָרגאַניזאַ־ציאָנעלע, פינאַנציעלע, יורידישע, פּאָליטישע און פּעדאַגאָגישע טעטיקייט פון דער ציש״אָ. טאָג־טעגלעך און אָן אָפּרו איז די ציש״אָ — און אירע צענד־ליקער אָפּטיילונגען אין לאַנד — געשטאַנען אין אַ שווערן קאַמף פאַר די רעכט און פאַר דער מלוכה־אָנערקענונג פון דער שול. די פּוילישע רעגי־רונג האָט מיט אַלע מיטלען געזוכט צו פּאָלאָניזירן די יידישע באַפעלקע־רונג, דענאַציאָנאַליזירן זי און דערנידעריקן. די יידיש־וועלטלעכע שול און דער קאַמף פון דער ציש״אָ זענען דעריבער דער רעגירונג געשטאַנען ווי אַ ביין אין האַלדז, און זי האָט אָנגעשטעלט אַ מעכטיקן פאַרפאָלגונגס־אַפּאַ־ראַט קעגן דער שול און דער ציש״אָ־באַוועגונג. עס האָט זיך געפאָדערט עקשנות און ענערגיע זיך צו ווערן קעגן די רדיפות פון דער שולמאַכט און אַדמיניסטראַציע. און די שווערסטע פּראָבלעם איז אפשר געווען דאָס ביי־קומען די אָרעמקייט און עלנט פון דער עלטערן־מאַסע און דאָס דחקות און הונגער־נויט פון דער לערערשאַפט...

אָבער די ציש״אָ איז געשטאַנען ווי אַן אייזערנע וואַנט אַרום אירע קינ־דער און אינסטיטוציעס. איר היסטאָרישע אַרבעט האָט נישט אויפגעהערט ביזן סאַמע לעצטן טאָג פון אומקום פון פּוילישן יידנטום...

* *
*

די צישאָ איז געווען אַ גליקלעכער צוזאַמענהעפט פון פּאָליטישע, פּע־דאַגאָגישע און פאָלקסטימלעכע כוחות. יעדער צד האָט אַריינגעטראָגן זיינס, און פון דער צוזאַמענאַרבעט האָט זיך באַקומען די פּרעכטיקע און שטור־מישע צישאָ־באַוועגונג.

די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן אַריינגעטראָגן פּאָליטישן באַוווסט־זיין און דערפאַרונג פון עפנטלעך־געזעלשאַפטלעכן קאַמף. אין דער ערש־טער ריי האָט דאָ געווירקט דער „בונד", וועלכער האָט אַריינגעשיקט אין דער צישאָ זיינע בעסטע פאַרשטייער. די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן גלייך פון אָנהייב פאַרוואַנדלט די יידישע שולפראַגע אין אַ מלוכה־פּראָ־בלעם פון ערשטן ראַנג; זיי האָבן פאַנאַנדערגעוויקלט ברייטע פּאָליטישע שלאַכטן אַרום דער נייער יידישער שול; זיי האָבן געשטויסן צום אוועק־שטעלן די שול־פּראָבלעם אויפן פאָרום פון דער געזעצגעבערישער מלוכה־קערפּערשאַפט און אין די שטאָטישע זעלבסטפאַרוואַלטונגען. די סאָציאַליס־טישע פּאַרטייען האָבן געהאָלפן פורעמען די אָרגאַניזאַציאָנעלע מאַשין אין דעם אַרבעטס־אַפּאַראַט פון דער צישאָ, זיי האָבן אַריינגעטראָגן אין איר אימפּעט און רירעוודיקייט, געוואַגטקייט און געזעלשאַפטלעכקייט. זיי זענען געווען דער נערוו פון דער צישאָ.

די לערערשאַפט האָט אַריינגעטראָגן אידעאַליזם און ווילן צו פּעדאַגאָ־גישער שעפערישקייט. זי האָט געזוכט נייע מעטאָדן פון לערנען און דער־ציען, זי האָט געוואָלט מיטגיין מיט די נייע שטרעמונגען אין דער פּעדאַ־גאָגיק. זי האָט באַלויכטן איר אַרבעט מיט די אידעאַלן פון יידישער סאָ־ציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרייונג. די לערער האָבן באַטראַכט זייער אַר־בעט ווי אַ חוב צו דער פאָלקסמאַסע און זיי זענען געווען דורכגעדרונגען מיט ליבשאַפט צום יידישן קינד. זיי האָבן באַוווּנדערט די טאַלאַנטן און פעאיקייטן פון יידישן קינד, זיין אויפנאַמס־פעאיקייט פאַר די שיינע אי־דעאַלן פון דער מענטשהייט, זיין אינטימע צונויפגעבונדנקייט מיטן יידישן לעבן און מיטן לעבעדיקן מאַמע־לשון.

די לערערשאַפט איז געווען אַ גרויסער האַרציקער קאָלעקטיוו. יונגע, באַגאַבטע כוחות וואָס זענען באַהערשט פון אידעיִשן און פּעדאַגאָגישן אומרו. זיי האָבן אין שול און אין קינדערגאָרטן און אין קינ־דער־קלוב באַוויזן וווּנדער. די לערער זענען געווען די נשמה פון דער שול, דער מוח און דער גייסט אירער. די לערערשאַפט האָט כסדר עקספּערימענ־טירט, געשמידט נייע אידעען, זי האָט אַרויסגעבראַכט דאָס שענסטע און אינטימסטע וואָס דאָס יידישע קינד האָט פאַרמאָגט. זי האָט די סאָציאַליס־טישע אידעאַלן טאָג־טעגלעך פאַרווירקלעכט אין דער פּראַקטיק פון דער שול, זי האָט געגרייט בירגער פאַר דער צוקונפט, זי האָט געגרייט דעם נייעם ייד, אַ נייעם טיפּ פאָלקס־אינטעליגענט. די לערערשאַפט איז געווען

דרייסט אין איר פארמעסט און אין אירע טרוימען. זי איז געווען א פראָ־דוקט פון דער יידיש־סאָציאַליסטישער לעבנס־פילאָזאָפיע וואס האט אין די לעצטע פאר צענדליק יארן באהערשט די מוחות פון דער יידישער ארבע־טערשאפט און פון דער אינטעליגענץ.

די לערערשאפט האט דערגאנצט דעם כאראקטער פון די פאָליטישע פארטייען, זי האט אלץ געהאלטן אין די ראמען פון דער שול־פראקטיק און געצוימט די „פאָליטיק", זי האט געשאפן דעם גאָלדענעם מיטנוועג פון דער צישאָ. זי איז געשטאנען אין לעבעדיקן קאָנטאקט מיט דער עלטערן־מאסע, געקענט אירע נויטן און לעבנס־באדינגונגען, און זי פארבונדן מיט דער גרויסער וועלט.

די פאָלקס־אינטעליגענץ פון ווילנע און פון דער גרויסער פראָווינץ, די יידישע ליטעראטן פון ווארשע — זיי האבן אריינגעגאסן אין דער צישאָ א כוואליע פון פאָלקסטימלעכקייט, פון פאנאטישער איבערגעבנקייט צו דער יידישער שפראך און צו אלע פארמען פון דער נייער יידישער וועלטלעכער קולטור. דער דאָזיקער סעקטאָר האט פארמאָגט א שטארקן נאציאָנאלן שטאָלץ און עקשנות, ער האט געזען אין דער שול דעם בולטן סימן פון דעם קולטור־רענעסאנס אויף דער יידישער גאס, ער האט זיך דא אויס־געלעבט נאציאָנאל, קולטורעל, גייסטיק. די נייע יידישע שול איז געווארן די אידעאָלאָגיע פון אָט דעם סעקטאָר, און מיט זיין פאטאס פאר יידיש און פאר דער שול האט ער אָנגעצונדן אויך די אנדערע טיילן פון דער יידישער געזעלשאפטלעכקייט.

ווארשע האט אריינגעגעבן אין דער צישאָ ברען, ענטוזיאזם, פאָליטישע געוואגטקייט, מסירות נפש און קאמפסלוסטיקייט. ווילנע און ביאליסטאָק האבן אריינגעטראגן אין דער צישאָ אויסדויער און עקשנות, זיכערקייט און גלויבן, און אויך א סך לערערשע דערפארונג. לאָדזש האט ביי־געטראגן פראָלעטארישן חוש און הארפאשנעדיקע אוממיטלבארקייט. די שטילע נאַיווע פראָווינץ האט אריינגעגעבן אומבאגרענעצטע איבערגעגעבנקייט, שווארץ־ערדיקע פאָלקסטימלעכקייט און עקזיסטענץ־דערפינדערישקייט. פאר איר איז די נייע שול געווען א קודש קדשים, אין דער שול האט זי אריינ־געטאן איר הארץ און נשמה. זי האט ארויסגעגעבן אין דער שול־ארבעט אמתע העלדן, שטילע און באשיידענע העלדן וואס פארדינען אריינ־גענומען צו ווערן ווי שענסטע דימענטן אין דער קרוין פון יידישן לעבן אין פוילן.

די עלטערנשאפט איז באשטאנען פון צוויי עלעמענטן: א באוווסטזיני־קער און אן אוממיטלבארער המון־עמישער. דער לעצטער טייל איז אפשר געווען דער אינטערעסאנטסטער. עס האט זיי געצויגן צו דער שול, סטיכיש.

זיי האָבן געפילט, עס איז זייער שול. זיי וואָלטן נישט געקענט דערקלערן, פאַר וואָס קלעפּן זיי אַזוי צו דער שול. זיי האָבן מיט זייער אינסטינקט אַרויסגעפילט אַז אָט די שול איז אַ וויכטיקער יידישער קנין, זיי האָבן געזען בחוש וויפיל פרייד און גליק די שול פאַרשאַפט זייערע קינדער, און זיי האָבן „געלערנט" צוזאַמען מיט די קינדער, זיי זענען געוואַקסן גייס־טיק און צוזאַמען מיט די קינדער „פאַרענדיקט" די שול. די מעדעם־סאַנאַ־טאַריע האָבן זיי באַטראַכט ווי זייער אייגענע היים, און די יום טובים פון דער שול און פון דער סאַנאַטאָריע זענען געווען אמתע פאָלקס־יומטובים.

אָט די אָרגאַנישע צונויפגעוואַקסנקייט און צוזאַמענגעוואַקסנקייט פון די אויסגערעכנטע עלעמענטן אין דער ציש"אָ, אָט די גליקלעכע באַהעפטונג פון די שעפערישע כוחות פונעם יידישן פאָלק אין פוילן — דאָס האָט געשאַפן די גלאָריע פון דער ציש"אָ, איר תוך און וועזן. עס איז געווען דער צייכן פון נאַציאָנאַלער רייפקייט. אַרבעטער־באַוועגונג, פאָלקס־באַוועגונג, נאַציאָ־נאַלע אידעאַלן, סאָציאַלער קאַמף, אויפבלי פון דער יידישער ליטעראַטור און קולטור — דאָס אַלץ האָט בייגעטראָגן, מיטגעווירקט, צוגעשטעלט ציגל פאַר דעם ציש"אָ־בנין. די ציש"אָ איז געווען אַ פאָלקס־אָרגאַניזאַציע און אַ נאַציאָנאַלע אידעע און באַוועגונג. גלייכצייטיק איז די ציש"אָ געווען באַ־הערשט פון גרויסע פּעדאַגאָגישע אידעען, זי האָט געוואָלט דערציען אַ נייעם ייד און מענטש. זי האָט געהאַט גרויסע קולטור־נאַציאָנאַלע אַמב־ציעס. אין די אויגן פון פריינד און פיינט איז די ציש"אָ געווען די פאַר־ווירקלעכונג פון דער קולטור־נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע פון די יידישע פאָלקסמאַסן אין פוילן.

די אידעישע ירושה פון דער ציש"אָ בלייבט אין איר ווירקונג אויך היינט צו טאָג. אין די פאַרייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע, אין אַרגענטינע און מעקסיקע און אין אַנדערע לענדער זענען דאָ טויזנטער לערער און שולטוער, וואָס די דערגרייכונגען און דערפאַרונגען פון דער ציש"אָ זענען פאַר זיי אַ מוסטער און אַ קוואַל פון אינספּיראַציע. די אידעען און פּרינ־ציפּן פון דער ציש"אָ זענען לעבעדיק אין דער געדעכעניש פון אָט די לע־רערס און טוערס, און זיי באַווירקן דער געדאַנקן־גאַנג און די שולבוי־אַרבעט אין די לענדער. די לערן־ביכער און פּראָגראַמען פון ציש"אָ, אירע לערער־קאָנ־פערענצן און פּעדאַגאָגישע זשורנאַלן, די תלמידים פון די ציש"אָ־סעמינאַרן, די מאַניפעסטן און רעזאָלוציעס פון די ציש"אָ־צוזאַמענפאָרן, די העראָישע קאַמפן פאַר רעכט און מלוכהשער אָנערקענונג — אין דעם אַלעמען ליגט אַ קוואַל פון באַלערנונג אויך פאַר דער היינטיקער צייט און פאַר אַנדערע לענדער. די ציש"אָ געהער אונדזער גאַנצן היינטיקן דור. די ציש"אָ איז אַ גאָלדענער רינג אין דער קייט פון אונדזער נייער קולטור.

ח. ש. קאזדאן

* *
*

אין די געטאָ־אויפשטאַנדן קעגן די נאַצישע מערדער — אין וואַרשע, ביאַליסטאָק און אַנדערע — האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער העלדיש־קייט און קרבנות־גרייטקייט הונדערטער געוועזענע תלמידים פון די צישאָ־שולן, — יוגנטלעכע וואָס זענען אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אויף די הענט פון די באַליבטע לערער אין שול, אין שול־קלוב און שול־קרייז.

דאָס האָט זיי די צישאָ־שול געגעבן דעם אידעאַל און די גרייטקייט מקריב צו זיין זיך פאַרן פאָלק. דאָס האָט די שול אין זיי איינגעפלאַנצט די שנאה צו פאַשיזם. דאָס האָט די שול זיי געמאַכט פאַר שטאָלצע יידן און סאָציאַליסטן. נאָר איינצעלנע פון זיי, נאָר געציילטע פון זיי האָט אָפּ־געגליקט אַרויסצוקומען לעבעדיק פונעם נאַצי־גיהנום. די איבריקע זענען אין די פייערן פון שלאַכט אומגעקומען, דורכן נאַצישן הענקער צעטראָטן געוואָרן. אָט די קינדער־העלדן, יוגנטלעכע מאַרטירער זענען די שענסטע בלום פון דער צישאָ. זיי זענען דער הייליקער קרבן, וואָס די יידיש־וועלט־לעכע שול האָט געבראַכט אויפן מזבח פון דער גרויסער טראַגעדיע פון אונדזער פאָלק אין פוילן.

סך הכלען פון אַ גרויסער תקופה

אַ שטורמישע קולטור־געשיכטע האָט דורכגעמאַכט דאָס רוסלענדישע יידנטום פאַר די לעצטע עטלעכע דורות.

דער סוף פון 18־טן יאָרהונדערט טרעפט די יידן פון רוסלאַנד און פוילן ווי אַ געשלאָסענע מאַסע וואָס איז אומדערשיטערלעך אין איר געטריישאַפט צום חדר און זיין רעליגיעזע דערציונג — אָט דער זייט־דורות־אויסגעפורעמטער טראַדיציאָנעלער לערן־אינסטיטוציע פון יידישן פאָלק. אָבער מיטן אָנפאַנג פונעם 19־טן יאָרהונדערט באַקומט די יידיש־נאַציאָנאַלע פעסטונג כסדרדיקע איינבראָכן און שפּאַלטן. וועלטלעכקייט רייסט זיך אין דער יידישער דערציונג.

דאָס יידישע לעבן אין לאַנד באַקומט עקאָנאָמישן שוווּנג און ווערט סאָציאַל דיפערענצירט. עס פיקט זיך אויס אַ יידישע בורזשואַזיע, אַ מיטלשטאַנד, אַ אינטעליגענץ. אָט די שיכטן זענען עס די ערשטע, וואָס שטרעבן צו וועלטלעכער בילדונג און דערציונג פאַר זייערע קינדער. עס לאָקט זיי דער ביישפּיל פון מערב־אייראָפּעישן יידנטום, עס לאָקן זיי די צוזאָגן: רעכט פאַרן פּרייז פון ווערן אויס יידן, פאַרן פּרייז פון איבערגעגעבנקייט צו דער רוסישער שפּראַך און קולטור.

די פּרוּוון צו שאַפן פאַר יידישע קינדער פּריוואַטע וועלטלעכע שולן אויף רוסיש (אָדער פּויליש) פאַרענדיקן זיך מיט דורכפאַל. די מלוכהשע גימנאַזיע ציט צו נאָר איינצעלנע יידישע יוגנטלעכע. די „קאַזיאָנע" שול שטייט כמעט פּוסט. די שטראָף־רייד און רופן פון די משכילים זענען ווי אַרויסגעוואָרפן. אַלע באַמיונגען צו פאַרניכטן דעם חדר זענען גאַנץ אומזיסט.

יידיש איז די שפּראַך פון גאַנצן פאָלק. עס קומען התחלות פון אַ יידישער ליטעראַטור, פּרוּוון פון אַ צייטשריפט אויף יידיש. אָבער יידיש האָט דעם זעלבן גורל ווי דאָס גאַנצע פאָלק. במשך דער ערשטער העלפט פונעם יאָרהונדערט איז יידיש אונטערדריקט. יידיש ווערט פאַרשריגן ווי

דער סימבאָל פון רעליגיעזן פאַנאַטיזם און אומקולטור. פריער דייטש, שפּעטער רוסיש (אָדער פּויליש) ווילן ירשנען דעם פּלאַץ פון יידיש. אפילו אויסלערנען זיך שרייבן יידיש — מוז מען אין געהיים, ביים „שרייבער".

מיט דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט פאַרפעסטיקט זיך דער מיטלקלאַס, עס וואַקסט אויס א גרויסער שיכט בעלי־מלאכות און קליינהענדלער און אויך פּועלים, עס קומט אויף א נייע אינטעליגענץ — א פאָלקסטימלעכע, מיט פאַרשטענדעניש פאַרן פאָלקס לעבן און מיט ליב־שאַפט צו יידיש. יידישע ליטעראַטור גייט באַרג אַרויף. די רעליגיעזע צוימען אין יידישן לעבן ווערן אַלץ שוואַכער, דער וועלטלעכער עלעמענט אין טאָג־טעגלעכן און אין גייסטיקן לעבן פאַרשטאַרקט זיך.

עס ווערט געשאַפן א פּאָפּולאַרע פּרעסע אויף יידיש. די מענטשן פון פאָלק און די פאָלקס־אינטעליגענץ באַקומען א שטענדיקע עפנטלעכע טריבונע. מען איבערצייגט זיך אַז יידיש איז א גוטער אינסטרומענט צו פאַרשפּרייטן בילדונג און קולטור אין די ברייטסטע מאַסן פון פאָלק. אַסי־מילאַציע באַקומט ביטערע קלעפּ מצד דעם אָנגרייפנדיקן און ברוטאַלן אַנטיסעמיטיזם. עס וואַקסן אויף יידישע בילדונגס־אָרגאַניזאַציעס, עס מערט זיך די צאָל וועלטלעכע שולן פאַר מיידלעך, טיילווייז אויך פאַר ייִנגלעך. עס קומען פאַרשידענע פּרוּוון צו רעפאָרמירן די טראַדיציאָנעלע תלמוד־תורה און זי פאַרגעזעלשאַפטלעכן.

צום סוף פון 19־טן יר"ה אַנטשטייט א יידישע אַרבעטער־באַוועגונג (דער „בונד"), און עס וואַקסט די חשיבות פון יידיש. עס וואַקסט דער נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין אין דער אינטעליגענץ און ביי די אויפגעקלערטע אַרבעטער. קולטור־אויטאָנאָמיע און א שול אין דער מוטערשפּראַך פונעם יידישן קינד — ווערן אַקטועלע, פּראַקטיש־פּאָליטישע לאָזונגען. עס קו־מען פּרוּוון פון א נאָרמאַלער פאָלקשול אין דער יידישער שפּראַך. די רע־וואָלוציע פון 1905 גיט א געוואַלטיקן שטויס און קראַפט דער יידישיס־טישער באַוועגונג. אָבער איצט האָט יידיש זיך צו ווערן קעגן א נייעם ביטערן קעגנער, דעם העברעיזם. דער שפּראַכן־קאַמף ווערט ביז גאָר פאַר־שאַרפט. ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה און במשך דער מלחמה פאַר־נעמט די שול אויף יידיש נייע און שטאַרקע פּאָזיציעס. עס וואַקסט אויס א היפּשע נעץ פון שולן אויף יידיש פאַר די קינדער פון די היימלאָזע און אויך אין שטעט מיט דער נאָרמאַל־געוויינטלעכער יידישער באַפעל־קערונג. דער טריאומף פון דער נייער שול־באַוועגונג קומט אויף א קור־צער צייט — אין דער רעוואָלוציאָנערער אוקראַיִנע, און אויף צוויי צענד־ליק יאָרן — אין אומאָפּהענגיקן פּוילן, ביזן סאַמע חורבן פון פּוילישן יידנטום.

* *
*

אָט אַזוי גרייכן טיף די וואָרצלען פונעם יידישיזם און פון דער יידיש־וועלטלעכער שול. אָט דאָס זענען די קוואַלן, פון וועלכע זיי ביידע האָבן געשעפּט. אין די אויבנגעבראַכטע קאַפּיטלעך פון אונדזער בוך איז באַוויזן געוואָרן, ווער זענען געווען די פריינד און ווער די פיינט פון דער יידישער שפּראַך אין דעם רוסלענדער יידנטום. מיר האָבן געזען, ווער זענען געווען די דערציערס פון פאָלק און פון זיינע אונטערוואַקסנדיקע דורות קינדער און יוגנטלעכע; ווער זענען געווען די טרעגערס פון דער אידעע וועגן אַ וועלטלעכער שול בכלל און פון אַ שול אין דער יידישער שפּראַך בפּרט; ווי אַזוי האָט געדינט דעם פאָלק און זיין לשון — די אינטעליגענץ בכלל און די סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ בפּרט. מיר האָבן געזען אַז אין די פאַרשידענע שפּראַך־און שול־שטרעמונגען אויף דער יידישער גאַס — זענען געקומען צום אויסדרוק באַשטימטע סאָציאַלע אינטערעסן און היפּוכים.

פּונקט ווי דער גורל פון יידישן פאָלק אין רוסלאַנד און פּוילן, אַזוי איז אויך געווען דער גורל פון זיין לשון. אָבער דאָס רוסלענדער יידנטום האָט אַרויסגעוויזן אַן אומגעהויערע שעפערישע ענערגיע, אַנטוויקלט מעכטיקע דערהויבנדיקע באַוועגונגען. עס האָט אַרויסגעגעבן פון זיך אַ גרויסע צאָל מערקווירדיקע און באַגאַבטע פּערזענלעכקייטן פון גייסט. די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך גאָר באַזונדערס אויפגעהויבן אויף אַ הויכן ניוואָ פון קולטור און קאַמף.

מיט פיל שטראָמען האָט געפּרוווט גיין די קולטור־באַוועגונג אין רוסלענדישן יידנטום: מיטן רוסישן, דייטשישן, פּוילישן; מיטן העברעישן. די געשיכטע האָט זיי אַלע פאַראורטיילט אויף פּרוכטלאָזיקייט פון ענגע גרופּעס. צו גרויסע נאַציאָנאַלע טעטיקייטן און פאַרמעסטן האָט דערגרייכט בלויז דער יידיש־יידישער שטראָם, און זיין שענסטער אויסדרוק איז געווען די שול אין דער יידישער שפּראַך. אַ פּראָדוקט פון דעם נייעם וועלטלעכן לעבנשטייגער און וועלטבאַנעם אינעם יידישן לעבן פון די לעצטע דורות, איז די שול, נאַטירלעך, אויך געווען דורכאויס וועלטלעך.

* *
*

זינט די טרויעריקע געשעענישן אין די 80־קער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט אין צאַרישן רוסלאַנד פעלן נישט קיין יידישע שרייבערס און געזעלשאַפטלעכן טוערס וואָס הייבן אויף זייער שטים קעגן דעם „אומגליק" פון וועלטלעכקייט אין יידישן לעבן. באַזונדערס אין צייטן פון

יידישע צרות און אלגעמיינער רעאקציע, הערט מען שרייען: אלע אומגליקן געמען זיך פון דער נישט־יידישלעכער וועלטלעכער דערציונג און אירע לאזונגען אויף דער יידישער גאס. אין די 80־קער יארן אין רעאקציע אויף די פאגראמען, האט דער גרויסער אפיקורס מ. ל. ליליענבלום גע־שריבן אין „המליץ" (נומ. 60, תרמ"ג): „יידן האבן א גוטן היטער אי־גנם גלות, און דאס איז די שנאה פון די פעלקער צו יידן"; ער האט דא שטארק געלויבט דעם פארגעפיל פון די פרומע קרייזן, וועלכע האבן שוין ביים אנהייב פון דער השכלה אין רוסלאנד פארויסגעזען אז „אט די אלע נייע וועגן וועלן סוף כל סוף פירן צו א מסוכנער אסימילאציע" (זע: יעקב הלוי ליפשיץ — זכרון יעקב, ז. 98).

אין אונדזער צייט האט מען אויך אפט געחוזקט פון דער יידיש־וועלט־לעכער שול: „די יידישע העלפט איז א קליינינקע און דארינקע, די וועלט־לעכע — א גרויסע און פעטע"... אנדערע האבן געשריבן: „אין משך פון די לעצטע 150 יאר, זינט דעם אנהייב פון דער השכלה און רעפארם־באוועגונג אין דייטשלאנד, איז יידיש לעבן און יידישע קולטור פון דור צו דור געווארן אלץ מאגערער און בלאסער, פון דור צו דור זענען מיר געווארן אלץ שוואכערע יידן. אין תוך גענומען אין די גאנצע השכלה און רעפארם־באוועגונג געווען א פראצעס פון לאנגזאמער אבער זיכערער אסי־מילאציע, פון שמד אויף ראטעס".

אזוי האבן די אלטע און היינטיקע נעא־קלעריקאלן, ווי חיים זשיט־לאווסקי האט זיי אנגערופן, כסדר געקלאגט: די וועלטלעכקייט האט אומ־גליקלעך געמאכט דאס יידישע פאלק! זי האט געטאן כסדר נאר נעגאטי־ווע ארבעט אין דער יידישער סביבה, און איר רעזולטאט איז — „שמד אויף ראטעס"...

מען פארגעסט, אז דאס לעבן איז פאר די 150 יאר ביי יידן נישט געשטאנען אויף איין ארט, נאר ארויסגעגעבן פון זיך א גאנצן רעגנבויגן פון געזעלשאפטלעכע, קולטור־אידעישע, נאציאנאלע און סאציאלע באווע־גונגען, וואס אלע קענען זיי טאקע ארומגענומען ווערן מיטן נאמען וועלט־לעכע, אבער זייער אלעמענס ווערט איז אבסאלוט נישט גלייך און מע קען זיי נישט צונויפמישן אין איין טאפ, ארומנעמען זיי מיט איין טלית פון אסימילאציע און באשולדיקן זיי אהורט אין „שמד אויף ראטעס" דער אמת איז, אז אויפן שטאנדפונקט פון וועלטלעכער קולטור זענען אין די יארן געשטאנען אלע ריכטונגען, אויסער דער ארטאדאקסיע: די משכי־לים, די נאציאנאלע באוועגונגען פון אלע מינים, די סאציאליסטישע פראק־ציעס, די יידישע און העברעישע שרייבערס און קולטור־קעמפערס. אלע האבן געפריידיקט וועלטלעכקייט. האבן זיי טאקע אלע געטאן נאר איינס:

געגרייט „שמד אויף ראַטעס"? און אַלץ נאָר מיט דעם וואָס זיי האָבן גע־פריידיקט וועלטלעכקייט? צי האָבן אפילו די חכמי אשכנז נישט מער גע־טאָן ווי געגרייט „שמד אויף ראַטעס" און האָבן קיין שום פּאָזיטיוום פאַר יידן און יידישקייט נישט אויפגעטאָן? צי איז נישט פאַרקערט אין דער מערב־אייראָפּעישער אסימילאַציע שולדיק גראָד דאָס, וואָס דאָרט איז פּראָ־קלאַמירט געוואָרן, אַז יידן זענען נישט מער ווי אַ רעליגיעזע גרופּע מיט אַ רעליגיעזער מיסיע אויף דער וועלט?

קען מען זאָגן, אַז דער ריב"ל האָט מער נישט ווי צוגעגרייט דעם „שמד אויף ראַטעס" און גאָר נישט אויפגעטאָן פאַרן געזונט־מאַכן דאָס יידישע לעבן? קען מען זאָגן, אַז די משכילים פון אַ שפּעטערדיקן דור (צעדערבוים, ליפשיץ, מענדעלע א"א) זענען געווען פאַרפירט פון „פאַלש־פאַרשטאַנענער וועלטלעכקייט" און געבראַכט צו דעם, אַז „יידיש לעבן און יידישע קולטור זאָלן ווערן אַלץ מאָגערער און בלאַסער"? און וועגן דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און אויך וועגן ציוניזם און זיי־נע אפּצווייגן — קען מען אַזוינס זאָגן?

צום ווינציקסטן האָט דאָס יידישע לעבן פון די פאַרגאַנגענע דורות געליטן פון אַ מאַנגל פון רעליגיעזן געפיל און באַוווסטזיין. פאַרקערט, אַ גרויסער מאַנגל איז געווען אין וועלטלעכקייט און קולטור אויף דער יידי־שער ברייטער גאַס; אַ דוחק איז געווען אין נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין און אקטיוון ווילן צום נאַציאָנאַלן קאַמף; אַ גרויסער דוחק איז געווען אין נציאָנאַלער אָרגאַניזירטקייט, אין פּאָליטישער אַקטיווקייט פון די ברייטע מאַסן, אין זייער זעלבסטעטיקייט און קאַמפּלוסטיקייט; אַ גרויסער דוחק איז געווען אין צוגעבונדנקייט צו דער אייגענער מוטערשפּראַך און אַ ווילן צו שאַפן קולטור־ווערטן אין דער דאָזיקער שפּראַך.

אַט די אַלע נאַציאָנאַלע פונקציעס האָט די יידישע אָרטאָדאָקסיע אויף זיך נישט גענומען. אויסגעפירט די דאָזיקע נאַציאָנאַלע שליחותן האָט דער וועלטלעכער סעקטאָר פון יידישן לעבן. צום אָנהייב האָבן עס געטאָן יחידים. וואָס ווייטער איז זייער צאָל געוואָרן אַלץ גרעסער, ביז גרויסע מאַסן זענען פאַרכאַפּט געוואָרן פון וועלטלעכע געדאַנקען און שטרעבונגען.

פונקט אַזוי נישט שעפעריש האָט זיך אַרויסגעוויזן אודנזער אָרטאָ־דאָקסיע אויפן געביט פון שול און קולטור. איר שול האָט זיך נישט אַרויס־געריסן פון די ענגע דלד אמות פון רעליגיעזן אונטעריכט און דערציונג, נישט געוואָרן אַ מאָדערנע לערן־אינסטיטוציע. איר שול איז געבליבן פאַר־גליווערט אין די מעטאָדן און פּראָגראַם. די מאָדערנע יידישע און העב־רעישע ליטעראַטור איז נישט אַרויסגעקומען פון די רייען פון דער אָר־

טאַדאָקסיע, דאָס זעלבע — נישט דער יידישער טעאַטער און נישט די יידישע פּרעסע. פּילקאַלירישע שעפערישקייט אויף די אַלע געביטן האָט אַנטוויקלט דער וועלטלעכער סעקטאָר אין יידישן לעבן. די וועלטלעכקייט אין אונדזער קולטור־אַרבעט און אין דער דערציונג — האָט זיך בשום אופן נישט אַרויסגעוויזן אין סתירה צו אונדזערע נאַציאָנאַלע אינטערעסן און אידעאַלן, צו „יידישקייט".

די לעצטע עטלעכע דורות וואָס זענען דערצויגן געוואָרן אויף דער נייער וועלטלעכער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע, זענען געווען יידישע אין פּוילן זינען פון וואָרט. דער יידישער גורל, די יידישע קאַמפן, אידעאַלן, טרוימען און האָפענונגען האָבן פאַרנומען דעם גרעסטן אָרט אינעם דענקען און פילן פון די דאָזיקע דורות. די סאָציאַלע און נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען, וואָס די דאָזיקע דורות האָבן געשאַפן און אַנטוויקלט, זענען אָנגעפילט מיט אויפריכטיקן נאַציאָנאַלן פּאַטאָס, מיט טיפן גלויבן אין די שעפערישע כוחות פונעם יידישן פאָלק און זיין ליכטיקערער צוקונפט. די וועלטלעכקייט פון די קולטור־באַוועגונגען האָט אַבסאָלוט נישט געשטערט זייער נאַציאָנאַלן תוך און כאַראַקטער. פאַרקערט, געוויסע אָרטאָדאָקסישע און קאָנסערוואַטיוו־רעליגיעזע קרייזן האָבן ביסלעכווייז אין די גאָר לעצטע יאָרן איבערגענומען ביי די וועלטלעכע קרייזן זייערע אידעאַלן פון נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג פון יידישן פאָלק, ווי אויך זייערע מעטאָדן פון אָרגאַניזאַציע און פּראָפּאַגאַנדע.

די קינדער פון די יידיש־וועלטלעכע שולן זענען אומעטום געווען טרעגערס פון יידיש־נאַציאָנאַלע אידעאַלן; זיי זענען אומעטום געווען אַ דאַמבע קעגן אַסימילאַציע; זיי האָבן געוואָרעמט אין זייערע הערצער די יידישע האָפענונגען און טרוימען; זיי האָבן מיט אומרו אַריינגעקוקט אינעם עתיד פונעם יידישן פאָלק. אין פּוילן און ליטע האָבן זיי דאָס באַשטעטיקט מיט זייער בלוט אויפן מזבח פון קאַמף מיטן נאַצישן שונא. אויך די קעמפּפערישע יוגנט אין ארץ ישראל איז אַ פּראָדוקט פון וועלטלעכער דערציונג. קיינער קען נישט אָפּלייקענען די גרויסע נאַציאָנאַליזירנדיקע באַדייטונג און ווירקונג פון דער נייער יידישער וועלטלעכער שול, באַזונדערס פון דער אַזוי גערופענער יידישיסטישער שול. אַ קינד פון די ראַדיקאַלע יידישע קרייזן, האָט די דאָזיקע שול דורכגעמאַכט אין גאַנץ מזרח־איירָאָפּע פון פאַרן קריג אַ שטורמישע אַנטוויקלונג און דערגרייכט צו אַ הויכער פּעדאַגאָגישער מדרגה; זי איז אָנערקענט געוואָרן פון די ברייטסטע יידישע פאָלקסמאַסן און איז געוואָרן זייער קולטור־קנין. די ווירקונג פון די וועלטלעכע שולן איז געוואָרן אַזוי גרויס, אַז די רעלי־

גיעזע שולן האָבן אַליין אָנגעהויבן אַריינגעמען אין זיך אַלץ מער וועלטלעכע עלעמענטן פון דערציונג און לערנונג.

די נייע וועלטלעכע שול האָט געלערנט און געמאַכט ביי די קינדער באַליבט די יידישע שפּראַך. זי פלאַנצט אין זיי איין דעם באַוווּסטזיין פון אייניקייט מיטן גאַנצן פאָלק. זי שאַפט פאַר זיי נייע לאָזונגען און אידעאַלן, זי פאַרבינדט זיי מיט מוסטער־טיפּן פון דער ליטעראַטור און מיט די העלדן פון דער ווייטער און נאָענטער פאַרגאַנגענהייט, זי פאַרבינדט זיי מיטן פאָלקס גייסטיקער שאַפונג פון דורות לאַנג. זי גיט זיי נאַציאָנאַלן באַוווּסטזיין און שטאָלץ. זי גיט זיי פּערספּעקטיוון און האָפענונגען אויף דער צוקונפט פון פאָלק.

במשך די לעצטע יאָרהונדערטער האָט זיך די יידישע פאָלקמאַסע געקלאַמערט אין דער יידישער שפּראַך און מיט איר הילף אַריינגעבראַכט אַ סך וועלטלעכקייט און שאַפונגס־פרייד אינעם גרויען יידישן לעבן. ווי ביי אַלע פעלקער ווערט אויך ביי יידן מיט יעדן טאָג קלענער די ראָליע פון רעליגיע אין פּריוואַטן און געזעלשאַפטלעכן לעבן. די צעמענטירנדיקע ראָלע פון די פאַרשידענע קולטור־און נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען ווערט אַלץ שטאַרקער אינעם יידישן לעבן. און דער גרעסטער טייל פון די אַלע פאַקטאָרן וואָס האָבן געהאָלפן אויפצוהאַלטן די גאַנצקייט פון דער יידישער נאַציע, זענען געווען וועלטלעכע לויט זייער עצם נאַטור.

עס איז נישט אמת, אַז נאָר דער חדר האָט אויסגעפילט די אויפגאַבע פון נאַציאָנאַלער דערציונג, און אַז אַלץ וואָס איז געקומען נאָך אים איז בלויז געווען אַ שטאַפּל צו אַסימילאַציע. נאָר פונעם חדר, כלומרשט, האָבן געקענט אַרויסקומען אַזעלכע גאונים ווי מענדעלע מוכר ספרים, ביאַליק, פּרץ, לעסין. איז טאַקע אמת אַז די און נאָך אַנדערע גייסטיקע ריזן זענען אַרויסגעקומען פון חדר. אָבער נישט ווייניקער אמת איז, אַז גרוים זענען זיי געוואָרן ערשט דעמאָלט ווען זיי האָבן איבערגעריסן מיט די טראַדיציעס פון חדר, און טאַקע נאָר אַדאַנק דעם וואָס זיי האָבן מיט אים איבערגעריסן און אַריינגעטראָטן אין אַ נייער וועלט פון וועלטלעכע געדאַנקען און אידעאַלן. מיר האָבן געזען, אַז נישט איינער פון אונדזערע גייסטיקע שעפער האָט מיט שוים אויף די ליפּן און מיט גרעסטן פאַרדרום גערעדט וועגן דער דערציונג, וואָס דער חדר האָט זיי געגעבן, שוין אָפּגערעדט פון זיינע לערן־מעטאָדן און פּראָגראַם.

די יידיש־וועלטלעכע שול איז געווען און פאַרבליבט אַ געזונטער און פּאָזיטיווער פאַקטאָר אין יידישן לעבן. כל זמן די אידעע פון וועלטלעכקייט איז אויף דער יידישער גאַס געווען פאַרבונדן מיט אָפּזאָג פון אייגענער שפּראַך, מיט קנעכטשאַפט לגבי דער קולטור און שפּראַך פון אַרומיקן

פֿאָלק, מיט אָפּזאָג פֿון אייגענעם נאַציאָנאַלן שאַפֿן און באַוווסטזיין, — איז די וועלטלעכע דערציִונג אין פֿאַרגלייך מיט דער טראַדיציאָנעל־רעליגיעזער געווען אַ נעגאַטיווע דערשיינונג. זינט אָבער עס איז פֿאַר די לעצטע 60—70 יאָר אַנטשטאַנען אַ נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווע יידיש־באַוווסטזיניקע וועלטלעכע דערציִונג, — איז איר ראָל געוואָרן אַ שעפֿערישע. וואָרעם אין דער נייער שול איז וועלטלעכקייט פֿאַרבונדן געוואָרן באַוווסטזיניק מיט נאַציאָנאַלן אייגנאַרט, מיט אייגענער שפּראַך און קולטור, מיט אייגענעם לעבנשטייגער, מיט אייגענער ליטעראַטור, מיט דעם היינט און מאָרגן פֿון יידישן פֿאָלק.

פּ. ס. נאָר וואָס באַקומען אַ טעלעפֿאָנישע ידיעה: מיט אַ פּאָר שעה צוריק פּלוצלינג געשטאָרבן ד״ר יעקב שאַצקי. איך בין דערשיטערט פֿון דער ידיעה און איך אײַל זיך אָנצושרייבן די פּאָר ווערטער.

זאָל מיין בוך זיין אַן אָנדענק נאָכן טייערן פֿריינד. ער איז געווען דער ערשטער מיך צו באַוועגן אָפּדרוקן דעם בוך. דער אינהאַלט פֿון בוך איז אים געווען גאָר נאָענט, ווי דאָס איז צו זען פֿון דער הקדמה וואָס ער האָט אָנגעשריבן. ער האָט געזאָלט, לויט מיין בקשה, אָנשרייבן נאָך עטלעכע זייטלעך — אַ פּאַראַלעל צווישן דעם כאַראַקטער און טענדענצן פֿון דער השכלה, שול־באַוועגונגען און שפּראַך. — קאַמפֿן אין רוסלאַנד און אין אייגנטלעכן פּוילן. אָבער צוליב זיין איבערגעלאָדנקייט מיט אַרבעט, האָט ער עס נישט אָנגעשריבן. איצט איז שוין פֿאַרפֿאַלן...

ווער האָט זיך געקענט פֿאָרשטעלן, אַז זיין הקדמה — דאָס זענען די לעצטע געשריבענע שורות פֿונעם היסטאָריקער און געלערנטן...

ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק האָב איך אים איבערגעגעבן אַ גרוס פֿון מיין בוך, און דערציילט וויפֿל בויגנס עס זענען שוין אָפּגעדרוקט און אַז זיין הקדמה איז שוין אין זאַץ.

און איצט — נישטאָ יעקב שאַצקי!...

זאָלן די שורות זיין אַן אויסדרוק פֿון ווייטיק און טרויער צוליב דער גרויסער אבדה וואָס אונדזער וויסנשאַפֿט און ליטעראַטור האָבן געליטן מיטן טויט פֿון ד״ר יעקב שאַצקי.

13 טער יוני 1956.

ח. ש. קאַזדאַן

דרוק-פעלערן

זייט	דאַרף זיין
54, שורה 6	1848
96, דריטע שורה פון אונטן	ב.1,ז.ז. 158,157
154, הערה	„זכרונות פון דעם יידישן לעבן..."
182, שורה 18	געווען סאָציאַליסטן
186, שורה 11 פון אונטן	אָלגין?)
261, לעצטער פּאַראַגראַף	די שורות 16,9,4 זענען פאַרדרייט; זיי דאַרפן זיין אין אַזאַ אָרדענונג: 9,4,16
313, שורה 6 פון אונטן	קינדער'
361, הערה, צווייטע שורה	„מעטאָדיק פון יידישער שפּראַך..."
363, הערה, צווייטע שורה	געווען אַן אַדוואָקאַט
382, שורה 22 פון אויבן	האָבן זיך מבייש געווען
382, שורה 27	אָפּגעטריקנט ווערן
389, שורה 6 פון אונטן	אונדזערע קלעריקאַלן
411, שורה 10 פון אונטן	„שולוועגן"
418, שורה 14 פון אונטן	שול אויף דער מוטערשפּראַך
421, 11־טע שורה פון אונטן	ער באַאיינפלוסט
427, שורה 8 פון אויבן	אָרגאַניזאַטאָרן פון די קורסן

CH. S. KAZDAN

Ensayos Historico-Culturales Judios

EDICION DEL FONDO MENDELSON DE LA SOCIEDAD
PRO CULTURA Y AYUDA
Amsterdam 180
México, D. F.

Se terminó de imprimir este Libro el 30
de Junio de 1956, en los Talleres
de la "Imprenta Moderna"
Manuel Pintel, calle del
Dr. Garciadiego 28
México, D, F.

●

Número de Ejemplares: 1,000

Printed in Mexico
Impreso en México